STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00594

# TSU DI HEYKHN FUN YIDISHN GAYST

A. Golomb

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Janice & Ted Simkin*
*in honor of*
*their family*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָלאָמב

# צו די הייכן
# פון
# יידישן גייסט

A. Golomb

# VERS LES SOMMETS DE LA PENSEE JUIVE

# TO THE HEIGHTS OF JEWISH SPIRIT

© Copyright by A. Golomb

Imprimerie Abexpress,
72, rue du Château-d'Eau, Paris-10e

אַ. גאָלאָמב

# צו די הייכן פון יִדישן גײַסט

אַרויסגעגעבן פון מחבר
תשל״א — 1971

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון פריינט
שמואל מיילער און משפחה לזכר זיין פרוי
סאָניע שאמיס-מיילער געשטאָרבן מאָנטיק דעם 2־טן
מערץ 1970 (כד׳ אדר א׳ תש״ל). קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ.

אַ באַזונדערן, אויפריכטיקן דאַנק דעם איבערגעגע־
בענעם טוער פאַר יידישער קולטור און ליטעראַטור
פריינד מאַקס (מרדכי) פריילין אין קאַראַקאַס פאַר
זיין אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור בכלל און
אויך פאַר אַט דעם אויפטו.

א. ג.



טייערע סאָניע!
דיין ליכטיקער שמייכל
שטייט פאַר אונדזערע אויגן!
דיין אָנדענק איז ביי מיר און קינדער
הייליק כל זמן מיר לעבן.

דיין גוטסקייט און געטרייקייט
איז פאַר אונדז אַ תורה,
וואָס מיר באַמיען זיך
אויך איבערצוגעבן
אונדזערע קינדער.
אין אונדזערע הערצער פאַרטרויערטע
וועסטו אייביק לעבן

דיין מאַן שמואל מיילער
(קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ)

# א י נ ה א ל ט


| | זייט |
|---|---|
| הקדמה | יא |
| צוריק צו זיך | 1 |
| יידישע געדאַנקען | 10 |
| עבודה זרה | 18 |
| קיום־פילאָסאָפיע פון די חז״ל | 36 |
| אויספירן פון אַ קאַפּיטל געשיכטע | 60 |
| היסטאָרישער אַריינבליק אין דער צוקונפט | 77 |
| קאָסמאָס, יידישקייט און יידישער גאָט | 94 |
| פון וועלטלעכער יידישקייט צו אינטעגראַלער | 170 |
| דער יידישער גאָט איז מקבל תורה פון יידישן פאָלק | 205 |
| שיבת ציון און שיבת ישראל | 237 |
| עם ישראל — ארץ ישראל | 323 |
| לייוויק דער דיכטער פון יידישן געוויסן | 333 |
| סיום־סך הכול | 346 |

# הקדמה

קאַן זיין אַז דער נאָמען פון בוך „צו די הייכן פון יידישן גייסט" איז צו דרייסט, צו פּרעטענציעז, צו פיל העזה: דער גייסט פון יידישן פאָלק איז גאָר אַ נאָענטער קרוב צום באַגריף ש כ י נ ה, און שכינה איז שוין באַלד אַ סינאָנים פון גאָט. אָבער די באַגריפן זיינען ביי יידן פון אייביק אָן געווען בחזקת „סוד", „יושב בסתר עליון", „האל הנעלם", „אל מסתתר"; ניט צו צורירן זיך צו די „מעשי מרכבה"; קאָן זיין אַז די באַגריפן זיינען איבער די כוחות פון אַ פּשוטן מענטשן. אפילו גרויסע תנאים וואָס האָבן זיך געלאָזט אַריינצוגיין אין „פּרדס" (גאָטס סודות) זיינען, ווי די גמרא דערציילט, געניזקט געוואָרן. טראַכטן מיר לכתחילה ניט וועגן גאָט-באַגריפן נאָר וועגן גייסט פון יידישן פאָלק. זאָל דאָס האַלטן זיך האַרט ביים פאָלק זיין אַ שמירה ניט צו הייבן זיך צו הויך.

**גוף און נשמה.** גוף איז ניגלה—אַנטפּלעקט, אָפן, אַלע קאָנען זען; נשמה איז ניסתר. זי איז דאָס וואָס מאַכט לעבעדיק דעם גוף, אָבער פאַרבאָרגן. די נאַטור-געזעצן: זייער גוף איז די פאָרמול, די דעפיניציע זייערע. עס איז דאָ אַ דאַטע ווען פאָרמולירט, ווען אַנטדעקט געוואָרן. די נשמה אָבער פון די געזעצן זי עקזיסטירט און ווירקט אין לעבן פון דער וועלט פון אייביק און ביז אייביק. לויט זיי איז אַלץ באַשאַפן געוואָרן.

דער גוף פון אַ מענטשן—ניגלה, אַלע קאָנען זען. די נשמה איז וואָס מאַכט דעם גוף לעבן. אָן דער נשמה — טויט. די נשמה איז ניסתר. מען קאָן זי באַגרייפן דורך די מעשים פון גוף.

נאָך מער ניסתר איז די נשמה פון אַ קאָלעקטיוו, פון פאָלק.

אַ גאון וואָס האָט געוואָלט פאַרלייקענען זיין אַנגעהעריקייט צו זיין פאָלק האָט איינגעטיילט די מענטשהייט אין קלאַסן און לענדער „פּראָ־לעטאַריער פון אַלע לענדער". די נאַטור וויים ניט פון אַזאַ פאַרטיילונג. זי וויים פאַרקערט, אַז אין איין אָרט, אין איין געביט קאָנען לעבן אָרגאַניזמען פון פאַרשיידענע קלאַסן און מינים. אין איין סאַזשלקע קאָנען לעבן פיש, און אינסעקטן, און ווערים, און פרעש — אַלע ווי דער פילאָגענע־זיס האָט זיי געבראַכט. אין איין לאַנד קאָנען אויך לעבן עטלעכע פאַרשיידענע פעלקער ווי זייער פילאָגענעזיס און געשיכטע האָבן זיי געבראַכט. פאָלק איז אַ פילאָגענעטיש־היסטאָרישער אָרגאַנישער קאָלעקטיוו. און איטלעך פאָלק האָט זיין נשמה. פאַרשיידענע פעלקער און פאַרשיידענע נשמות.

מיר ייִדן זיינען אַן אוראַלט פאָלק — פון אברהם אבינו און זיבער נאָך עלטער: אברהם איז געווען דער ערשטער באַוווסטזיניקער ייִד. ער האָט קלאָר געוווסט אַז ער איז ניט ווי אַלע, ער האָט דערהערט גאָטס שטים אין זיך, ער זאָל זיך אָפּטיילן און איז אַוועק. אָבער אַ קינד איז אַ פּערזענלעכקייט נאָך איידער עס וויים פון זיין פּערזענלעכקייט; אַ פאָלק ווערט אַזאַ לאַנג פריער איידער עס וויים פון זיין פאָלקישער אַנדערשקייט. עס דערציילן פון דעם די פאַרנעפּלטע לעגענדעס וועגן שם און עבר.

און דער גייסט פון ייִדישן פאָלק איז דורך דער גאַנצער לאַנגער גע־שיכטע ניט געבליבן סטאַטיש. ער איז געוואַקסן, געהאַלטן אין איין ענדערן זיך. „לעבן מיינט באַנייען זיך".

און דער גייסט פון ייִדישן פאָלק איז דורך דורות געגאַנגען און זיך אַנט־וויקלט לויט זיינע אייגענע וועגן און אייגנשאַפטן, אַליין און אַנדערש (איבער־הויפּט אין צייט פון בית שני, בבל, אשכנז און מזרח־אייראָפּע).

מיר, די היינטצייטיקע ייִדן טראָגן אין זיך דעם גייסט פון אַלע דורות און אַלע צייטן. מיר זוכן ניט קיין הייליקע קברים. דער הייליקסטער צדיק, קוים איז ער געשטאָרבן, אַן דער נשמה איז זיין גוף ניט קודש מער. די נשמות טראָגן מיר אין זיך, די גופים זיינען בכלל ניטאָ מער. איך שטעל זיך ניט זאָגן קיין תהלים ביי רחלס קבר און לייגן תפילין ביי די שטיינער פון כותל. ניט זיי זיינען הייליק, נייערט די איבערלעבונגען וואָס זיי רופן אַרוים אין לעבע־דיקע ייִדן. דאָס ייִדישע פאָלק האָט אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן ניט איינגע־היט דעם קבר פון משה רבינו, אָבער אין משך פון יאָרטויזנטער זיך באַמיט צו לעבן „כדת משה וישראל"; מען האָט באַשטאַנט אויף אייביק דעם ארון־הברית מיט אַלץ וואָס אין אים: זיי זיינען גוף, די נשמה פון ייִדישקייט איז

לאַנג אָפּגעשיידט פון דעם. מיר האָבן ניט קיין הייליקע קברים פון די נביאים; זייער גייסט האָבן מיר זיך יאָ באַמיט איינצוהיטן.

מער ווי אַ פּאָר טויזנט יאָר לעבן מיר אין אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט תנאים, אמוראים, גאונים, מיט רש״י, בעלי תוספות און נאָך און נאָך, אין סאַמע זייער געזעלשאַפט לעבן מיר, און ווילן ניט וויסן פון זייער ביאָגראַפיע. דורות נאָך דורות יונגע און אַלטע ייִדן האָבן דיסקוטירט, געקריגט זיך, חולק געווען, פּאָלעמיזירט מיטן רמב״ם, און ניט געוואָלט גאָרניט וויסן פון זייער לעבן און שטאַרבן. די גופים זייערע זיינען טאַקע טויט שוין לאַנג, אָבער ניט זיי אינטערעסירן אונדז, זייער גייסט דאַרף אָבער זיין מיט אַלע דורות, מיטצייטלער.

האָבן ייִדן פאַרלאָרן דאָס מאַטעריעלע ארץ ישראל מיט ירושלים און קיין מאָל ניט פאַרלאָרן, ניט פאַרגעסן די נשמה פון ארץ ישראל און ירושלים.

איך בין זיך מודה: איך פלעג לערנען מיינע תלמידים: ווען ייִדן האָבן אויסגעמעקט ירושלים פון זייער סידור, זיינען זיי געוואָרן אויס ייִדן. ווען טביה דער מילכיקער וועט שטאַרבן, וועט ניט זיין מער קיין ייִדיש פאָלק. גופים שטאַרבן, די נשמות — ניט. אַ נשמה פון אַ פאָלק — לעבט לענגער, איז ניט שטערבלעך בדרך כלל. האָבן פעלקער באַלזאַמירט גופים, געהיט געבוירן־טעג און יאָרצייטן. ייִדן אָבער האָבן זיך באַמיט איינצוהיטן די נשמות, די גופים פאַרגעסן. דאָס איז איינער פון די גרונטשטריכן פון אונדזער פאָלק. קיין אַנדער פאָלק האָט ניט אַזוי נעגירט דעם גוף און געהיט די נשמה ווי ייִדן. איך גיב ניט קיין דעפיניציעס ווייל אַ דעפיניציע איז שוין גוף, קליינע דריי—פיר ווערטער, און שוין אָפּגעזאָגט, פאַרטיק. די נשמה אָבער פון אָט דעם געזעץ לעבט און ווירקט אין אונדזער פאָלק איביקע דורות.

אָבער מיר לעבן אַ פּאָר טויזנט יאָר צווישן מאַטעריאַליזירנדיקע פעלקער. ביז דעם אורבאַניזם האָבן מיר זיך מיט זיי ניט געמישט, האָבן זיי אויף אונדז ניט געהאַט קיין שטאַרקע השפעות. איצט אָבער האָבן זיך זייערע השפעות אויף אונדז שטאַרק געמערט. באַוווסטזיניק — ייִדן ווילן און באַמיען זיך נאָכצומאַכן די אַנדערע פעלקער. און נאָך מער אומבאַוווסטזיניק. קאָנען אין אונדזער אויפפיר און אין אונדזער אויפפיר זיין אָרגאַניש־דורותדיקע האַנד־לונגען, און עס קאָנען זיין פרעמדע, נאָכגעמאַכטע, איבערגעטראָגענע. האָט הילל געקאָנט זאָגן: „גייט און זעט ווי דאָס פאָלק פירט זיך און טוט אַזוי, ווייל „אויב ניט קיין נביאים, זיינען זיי דאָך נביאישע קינדער". האָבן דאָס

ניט געקאָנט זאָגן די נביאים פאַר זיך און מיר קאָנען עס איצט ניט זאָגן. ווייל די מערהייטן פון פאָלק האָבן זיך געצויגן דווקא צו דעם וואָס איז פרעמד. האָבן די נביאים געשטורעמט קעגן די מערהייטן. זיי האָבן דאָס גערופן „אלוהים אחרים“ — אַנדערע געטער. האָבן חז״ל שפּעטער געלערנט ווי זיך פאַרהיטן פון „עבודה זרה“; ווערן מיר איצט מיד ריידנדיק און שרייבנדיק קעגן אַסימילאַציע. עס איז אָבער אַלץ איינס — אַ דראַנג צו פרעמדס. ווערט דעם פאָלקס גייסט געהיט דווקא דורך מינדערהייטן און אָפט אפילו דורך קליינע מינדערהייטן. קלאָגט זיך דער אייביקער אליהו הנביא אין צייט פון זיין לעבעדיקן גוף: „איינער בין איך געבליבן, ווילן זיי אויך מיך הרגענען“; וויינט און קלאָגט ירמיהו אויף זיין איינזאַמקייט, — און דווקא זיי זיינען די טרעגער פון אייביקן ייִדישן גייסט, זיי און ניט די וואָס דאָס פאָלק האָט ליב. זיי און ניט די דעמאָקראַטישע מערהייטן מיט זייערע פאַלשע נביאים, אַט די וואָס ריידן און וואָס שרייבן וואָס דאָס פאָלק האָט ליב. איך קאָן עס ניט, אַ דאַנק גאָט! אין מיין דענקען און שרייבן טראַכט איך אַלע מאָל צו זוכן דעם מקור אין אונדזער אַלטער ייִדישקייט. ווי די פּאַרצייטיקע האָבן אַלע מאָל זיך געשטעלט די פראַגע „מן התורה מניין?“. זיי האָבן אויך געזוכט די אוראַלטע וואָרצלען פון זייער גאַנג און געדאַנק, אַזוי גלייב איך אויך צו גיין מיין וועג אין ייִדישקייט. בין איך אָפט באַגייסטערט, ווען איך טראַכט זיך אַריין אין דעם האַרבן וועג ווי אונדזערע פּאַרצייטיקע האָבן אין משך פון לאַנגע דורות כסדר זיך באַמיט צו באַפרייען זייערע גאָט־באַגריפן פון אַלע מאַטעריעלע אַטריבוטן, „אין לו גוף ואין לו דמות הגוף“. זוך איך אויך דאָס געטלעכע. און ווו? אין ייִדישקייט, אין ייִדישע וועגן. זאָלן אַנדערע פעלקער זיך פאַרנעמען מיט די אימאַזשן פון גאָטס גוף... ניט פאַר אונדז געדאַכט. אין די ווייטערדיקע עסייען זוך איך ניט קיין דעפיניציעס נאָר די ווירקונגען פון דעם גייסט אין דעם לעבן פון קאָסמאָס, און פון אונדזער פאָלק. צי האָב איך געפונען? רבי שלמה איבן גבירול זאָגט „דער מענטש איז קלוג כל זמן ער זוכט. ווען ער גלייבט, אַז ער האָט שוין געפונען, דעמאָלט איז ער אַ נאַר“ (ציטירט לויט ציגנבערג, אַרגענטינער אויסגאַבע זייט 73) אין אונדזער יאָרהונדערט האָט עס געזאָגט אַן ענגלישער פיזיקער: דאָס לעבן פון וויסנשאַפט איז דאָס זוכן. דאָס געפונענע איז שוין טויט“ (סאַדי). אין זוכן איז די נשמה, דאָס געפונענע איז די טויטע דעפיניציע.

געשריבן זיינען די אַלע עסייען אין די לעצטע יאָרן. אָבער אין ניט־אַרויסגעזאָגטער פאָרעם, אין „אַמאָרפן“־צושטאַנד זיינען די אידעען ביי מיר זינט איך געדענק זיך בכלל. די נשמה פון די אידעען איז שוין ביי מיר גאַנץ אַלט,

## הקדמה

דאָ אין בוך האָבן זיי געקראָגן זייער לבוש, זייער מאַטעריעלן אויסדרוק. ווען איך שרייב, דוכט זיך אוים אַז די געדאַנקען קוואַלן אַרוים אויף דער אויבער־פלאַך אַזוי ווי די וואַסערן רייסן זיך אַרוים פון אַ טיפן אונטערערדישן תהום. פון אַ ניסתר ווערן זיי אַ נגלה, זיי הערן אויף צו זיין אינטים מיינע. און זיי אַ פאַטער וואָס שיקט זיין קינד אַרוים אין דער וועלט אַריין, אַזוי פילט דער מחבר איצט ווען ער שיקט אַרוים זיינע געדאַנקען צו די יִדישע לייענערם. ווינטשט זיי דער מחבר זיי זאָלן געפינען אַן אָנהאַלט און אַן אָפּהילך אין די געפילן און אין די גייסטער פון די לייענער. הלוואי!

יז׳ בחשון, תשל״א/15. 11. 1970.

# צוריק צו זיך

„השיבנו ה׳ אליך ונשיבה״ (איכה ה׳)

מיר האָבן אין יידיש אַ שלל מיט טערמינען אויסצודריקן נאַציאָנאַלע אידעען. דאָך פעלט מיר אַ וואָרט אויסצודריקן עפּעס אַ געדאַנק, וואָס ער פעלט אין אונדזער דענקען. אויך אָט דער געבראַכטער פּסוק ווערט אויסגעטייטשט און פאַרשטאַנען אין גאַנצן פאַלש. אָבער לאָמיר גיין בסדר: מיר האָבן ריכטונגען — יידישיזם, העברעיִזם, יידישקייט, ציוניזם, דאַיִזם, סאָציאַליזם. יעדער איינער פון די געבראַכטע טערמינען באַקומט אין לעבן נאָך צוגאָב־אַדיעקטיוון, כדי אַרויסצוווייזן פאַרשיידענע שאַטירונגען פון דער הויפּט־אידעע. אפילו דער עלטס־טער פון אַלע אונדזערע טערמינען — רעליגיע, פרומקייט, יהדות, יידישקייט, אַפילו אין זיי אַלע איז עס ניטאָ דער געדאַנק, דער ריכטיקר טייטש, וואָס איך זוך. מוז איך אָנהייבן פון גאַנץ ווייט.

אַלע מענטשן זיינען גלייך. אָבער איטלעכער פון צווישן די מיליאָרדן מענטשן האָט אין זיך זיין ספּעציפישן, אינדיווידועלן גייסט, זיין „קנייטש״ וואָס מאַכט אים אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן. עס איז ניט גרינג צו פאָרמולירן, אָנצורופן מיט קלאָרע נעמען אָט דאָס אינדיווידועלע אין אַ מענטשן. די אינדיווי־דועלע שטריכן קומען זיך ניט צונויף דירעקט אין איין אַלגעמיינעם באַגריף „מענטש״. זיי טרעפן זיך פריער אין נענטערע באַגריפן „פאָלק״. עס איז גאָר ניט שווער צו דערקענען אַ יידן צווישן אַ שלל מיט מענטשן פון פאַרשיידענע פעלקער. ווי פאַרשיידן עס זאָלן ניט זיין אינדיווידועלע רוסן, קאָן מען דאָך תמיד דערקענען אין יעדערן דעם רוס. „דער ייד ליגט אים אויפן פּנים״, זאָגט זיך עס אין אַ ווערטל. און עס איז אַזוי. דאָס פאָלקישע אין מענטשן איז ניט בלויז אין די שטריכן פון פּנים וכדומה. עס איז אין טעמבער פון שטים, אין מאָך מיט דער האַנט, אין טראָט, אין געלעכטער, אין אַלץ. און אַ פּשיטא שוין אין געדאַנקען, אין אידעען, אין באַגריפן און מיינונגען. ווי פאַרשיידן עס זאָלן ניט זיין מענטשן, זיינען זיי אָבער תמיד פאָלקיש. דאָס פאָלקישע אין מענטשן — אין די שטריכן פון זיין פיזישן אָרגאַניזם און אַזוי אויך אין זיין גייסט — אין דער נשמה ניט

ווייניקער ווי אין גוף. „פאָלק“ איז ניט סתם אַ סכום אייגנשאַפטן ווי שפּראַך, לאַנד, געמיינזאַמע געשיכטע וכדומה ווי מען באַמיט זיך צו דעפינירן דעם באַגריף „פאָלק“. עס איז אין דעם פאַראַן אַלע מאָל עפּעס וואָס לאָזט זיך גאָרניט דעפינירן, אַרויסזאָגן אין קלאָרע טערמינען. ריכטיקער האָבן דאָס אויסגעדריקט אונדזערע אַלטע מדרשים וואָס האָבן דעפינירט יידישקייט ווי דער סכום פון שפּראַך, נעמען און „מיסטורין“ — עפּעס מיסטעריעזעס, וואָס לאָזט זיך גאָרניט דעפינירן, באַשטימען, אָנרופן מיט אַ וואָרט. דאָס איז די „פאָלקישקייט“, וואָס ליגט אין יעדן מענטשן. אַ באַקאַנטער מעקסיקאַנער אינטעליגענט פלעגט מיר אָפט זאָגן: ער ווייסט אַז דער שטריך איז ניט קיין מעלה, אָבער „אַזוי זיינען מיר, מעקסיקאַנער. עס ליגט אין אונדזער כאַראַקטער. און איך קאָן עס ניט בייטן...“ ביי די רוסן איז עס געווען אַ גאַנצע געזעלשאַפטלעכע ריכטונג — דער „סלאַוויזם“ אין קעגנזאַץ צום „פאַרפוילטן מערב“. די פּאָליאַקן האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט זייער „פּוילישקייט“. הייַנט ווער רעדט נאָך וועגן דער גאווה פון די דייטשן מיט זייער „געהויבענער“ ראַסע, מיט זייער גערמאַניזם... מסתמא איז עס ביי אַלע פעלקער פאַראַן אַזאַ שטאָלץ מיט דער אייגענער פאָלקישקייט. עס איז אפשר אַזאַ קאָלעקטיווער עגאָאיזם, בעסער — אַ פאָלקיזם אַזאַ. פּושקין גיט ערגעץ אַ זאָג „דאָ איז אַ רוסישער גייסט, דאָ שמעקט מיט רוס“. עס ווערט אים היימישער, אָנגענעמער, דער גייסט פון זיין פאָלק.

ביי יידן געפין איך ניט אַזאַ צופרידנקייט מיט דעם „יידישן גייסט“, מיט יידישקייט. אַז אַ ייד זאָגט „יידישקייט“ מיינט ער ניט דעם פאָלקיש-יידישן גייסט נאָר ער מיינט גאָר די רעליגיע, גאָטס גייסט. פאַראַן יאָ אַ וואָרט „דאָס פּינטעלע ייד“. דאָס וואָרט מיינט טאָקע דאָס פאָלקישע און ניט בלויז דאָס געטלעכע. דאַרף מען אָבער מודה זיין, אַז קיין גרויסער מיוחס איז דאָס פּינטעלע ייד ביי יידן גאָר ניט. יידן יאָגן זיך פאַרקערט, צו באַהאַלטן דאָס פּינטעלע ייד, זיי באַמיען זיך צו בראַווירן מיט דעם „פּינטעלע גוי“, וואָס זיי ריידן זיך איין אַז זיי פאַרמאָגן. פאַר דעם פולן אינהאַלט פון דעם פאָלקישן כאַראַקטער פעלט פאַרט ביי יידן דאָס געהעריקע וואָרט. זאָגט אַ ייד דאָס וואָרט „יידישיזם“, מיינט ער גאָר דערמיט די יידישע שפּראַך, ניט דעם פאָלקישן כאַראַקטער פון דעם יידן: און נאָך עפּעס — די שפּראַך יידיש איז טאָקע ווייניקער חשוב דערפאַר ווייל זי איז „צו פאָלקיש“, זי שטייט איין ביי די פשוטע יידן. איז אַ ייד אַ תלמיד חכם, אַן אינטעליגענט, וועט ער זיך זיכער שעמען צו ריידן אַזוי פּראַסט. אַלע שפּראַכן האָבן אַ גראַמאַטיק, אָבער יידיש איז דען אויך אַ שפּראַך? זאָגט אַ ייד „יידישקייט“, מיינט ער קודם כל פרומקייט, יידישע רעליגיע, שולחן ערוך. דאָס איז פון גאָט, דאָס יאָ, אָבער עפּעס וואָס זאָל זיין פון פאָלק — דאָס איז שוין גאָר ניט וויכטיק. ציוניזם! דאָס יאָ, עס איז הייליק, פון גאָט, אַלע נעמען פון

תנך. דאָס איז דאָך עפּעס גאָר אַנדערש. ניט דאָרטן אייער שניפּעשאָק, ניט קאַבצאַנסק און כאַנדריקעווע. יידישע בגדים — פּע, חלשות! יידישע מאכלים — שטילערהייט בענקט מען נאָך זיי אָבער עפּנטלעך — חלילה! יידישע פאָלקס־לידער — ניט קיין טעם און ניט קיין ריח (אַזוי האָט געפּסקנט אחד העם וועגן דער זאַמלונג פון מארעק און גינזבורג 1903)... אַזוי האָט דאָס יידישע פאָלק אויסגעמייסטערט אין משך פון זיין לאַנגער געשיכטע דריי שפּראַכן, האָט עס געשעצט נאָר די וואָס עס האָט געגלויבט אַז זיי זיינען פון גאָט, אָבער עס האָט גאָרניט געשעצט דאָס וואָס פון פאָלק, ניט פון גאָט. די שטעט וואָס גאָט האָט געבויט — הייליק, די ישובים וואָס יידן האָבן געבויט — ווייס איך וואָס — יעהופּעץ. פאַר דעם יידישן גייסט האָט דאָס פאָלק אָפילו ניט קיין טערמין, קיין וואָרט ניט געשאַפן.

מיר דאַרפן אָננעמען אַז אָט די באַציונג איז ווייט ניט קיין יונגע. אָבער אויך ניט צו אַלט. זי איז ניט געווען ביי די חז״ל. זיי האָבן שוין דווקא יאָ געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר אַל דעם פאָלקישן. זיי האָבן געשעצט דעם יידישן דין, מנהג, פירונג. די גאַנצע „הלכה״ איז געשעפּט פון יידישן שטייגער, פון פאָלקישן „גאַנג״. אַ יידישער מנהג איז העכער ווי אַ מצווה, אליהו הנביא מעג זאָגן אַזוי, אָבער קוים פירט זיך דאָס פאָלק אַנדערש, דאַרף מען ניט פאָלגן אליהון. מען דאַרף אָפילו ניט פאָלגן קיין בת קול פון הימל! משה איז וויכטיק צוליב דער הייליקייט פון פאָלק. גאָט אַליין ווערט אָרעם ווען דאָס פאָלק קערט זיך אָפּ פון אים. חז״ל האָבן יאָ געוווסט צו שעצן די „מיסטורין״ — דאָס מיסטעריעזע אין דעם יידישן פאָלק. די פאַרשריבענע תורה קאָנען אויך אַנדערע פעלקער אָננעמען און זיי קאָנען זאָגן, אַז זיי זיינען יידן. זאָגט זיי אָבער גאָט: יידן זיינען נאָר די וואָס האָבן די יידישע „מיסטורין״. דאָס איז אַ סך מאָל אונטערגעשטראָכן אין ש״ס און אין די מדרשים.

צווייטנס, קאָן מען זאָגן, אַז די חז״ל האָבן טאַקע אידענטיפיצירט אָט דעם ספּעציפישן יידישן גייסט מיט דעם יידישן גאָט. דאָס איז ניט געזאָגט טאַקע בפירוש, אָבער דאָס לאָזט זיך אַרויסדרינגען. די גאַנצע הלכה איז געשאַפן געוואָרן פון פאָלקישן שטייגער און אַזוי שפּעטער איז דאָך אויך דער שולחן ערוך ניט דעקרעטירט געוואָרן איבערן פאָלק, נאָר געשריבן געוואָרן פון פאָלקישן שטייגער. ניט אומזיסט האָט עס די תלמודישע ליטעראַטור אידענטיפיצירט יידישקייט, די תורה און גאָט ווי איינס (קודשא בריך הוא ואורייתא חד!). ארץ ישראל איז הייליק, ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט עס געהייליקט. איין מאָל אין די צייטן פון יהושע, און אַ צווייט מאָל — אין די צייטן פון עזרא (קדושה ראשונה און קדושה שניה). די הייליקייט איז ניט פון הימל, ניט פון גאָט, נייערט פון פאָלק. די יידישע תורה איז הייליק, ווייל נאָך אברהם אבינו האָט זיך געפירט אַזוי. גאָט

אַליין איז אויך הייליק מיטן כוח פון פאָלק. דער יידישער גייסט און דער יידישער גאָט זיינען איינס! עס איז אַפילו געווען אַ מיינונג, אַז מען טאָר גאָר ניט פאַרלאָזן בבל און גיין קיין ארץ ישראל, ווייל אין בבל איז געווען יידישקייט פעסטער. „מען האָט מער תורה געלערנט" דערקלערט אויפן אָרט רש"י. דאָס איז געווען דער צוגאַנג פון די חז"ל.

אַנדערש איז דאָס געווען ביי אַנדערע פעלקער. זייער רעליגיע האָט ניט געהאַט קיין שייכות צו זייערע פעלקער. די רעליגיע איז געקומען פון דער פרעמד. פאָלק באַזונדער און גאָט באַזונדער. האָט מען גאָט באַגריפן ריין געצנ־דינעריש, אַ גאַנצע משפחה — טאַטע, זון און מוטער, ריין מאַטעריעל, אַנטראָפּאָ־מאָרפיש. גאָט און זיין משפחה האָבן זייער באַזונדערע עקזיסטענץ, גאָט און זיין ביאָגראַפיע, זיין גענעאַלאָגיע. אין גאַנצן געצנדינעריש, ניט ווי די אוראַלטע יידישע באַגריפן, וואָס זיינען געווען פרעמד דער פסיכיק פון די פעלקער. ביי זיי איז גאָט באַזונדער פאַר זיך און פעלקער — באַזונדער, אויך פאַר זיך.

מען דאַרף געדענקען אַז בערך אַרום צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט יאָר האָבן יידן געלעבט באַזונדער, אָפּגעשיידט און אָפּגעזונדערט פון אַלע פרעמדע פעלקער*) דורך אָט דער לאַנגער פאַרזיכיקייט האָט זיך טאַקע ביי יידן אויס־געאַרבעט גאָר אַן אַנדער פסיכיק, גאָר אַן אַנדער וועלט־באַנעם, אַן אַנדער צוגאַנג צו וועלט און מענטש, צו פאָלק און פעלקער. די חז"ל וואָס האָבן ריכטיק געדענקט אַז דער פסוק „סוף מעשה במחשבה תחילה" דאַרף געלייענט ווערן פונקט פאַרקערט: „סוף מחשבה במעשה תחילה", אַז דער יידישער „נעשה ונשמע" פריער נעשה און ערשט דורך דער נעשה קומט מען צו דער נשמע, — די חז"ל האָבן דערפאַר געלערנט ניט ווי צו גלייבן, נאָר ווי זיך צו פירן, ניט קיין פרינציפּן פון קרעדאָס, נאָר „הלכות" פון מעשים; האָבן זיי געוואָרנט פון „עבודה זרה", ניטאָ אָבער קיין מסיכתא, וואָס זאָל וואָרענען פון „מחשבה זרה".

די פּרושים און חז"ל האָבן יאָ געוווּסט פון די „חכמי אתונא", — פון די גריכישע פילאָסאָפן, אָבער פאַרנעמען זיך מיט דער פילאָסאָפיע — דאָס ניט: דער קיום פון יידישן פאָלק וועט דורך דעם ניט געזיכערט ווערן. זאָגט דער גרעסטער דענקער צווישן די חז"ל — רבי עקיבא, אַז דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט די „ספרים חיצונים", האָט ניט קיין חלק אין דעם „עולם הבא" — אין דער צו־קונפט פון יידישן פאָלק.

---

1) פון בית שני אָן, דער וועג פון די „פּרושים" (אָפּגעשיידטע). די וואָס האָבן געוואָלט אַנדערש, זיינען פון יידנטום אַרויסגעפאַלן און דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון היינט שטאַמט פון די פּרושים, טאַקע ווייל זיי זיינען געווען „פּרושים" — אָפּגעשיידט, פאַר זיך.

מיט אַזאַ פֿאַרזיכיקן, אייגענעם וועג איז יידישקייט געגאַנגען דורך בבל און דורך אונדזער גאַנצער געשיכטע אין אייראָפּע. די וואָס האָבן זיך באַמיט צו פֿאַרבינדן אונדזערע געדאַנקען מיט די פֿון אַנדערע פֿעלקער, די זיינען אויך שפּעטער אַרויסגעפֿאַלן פֿון שעפֿערישן יידנטום, זיי האָבן טאַקע ניט קיין חלק לעולם הבא, אין דער צוקונפֿט פֿון יידישן פֿאָלק.

דאַרפֿן מיר געדענקען און קיין מאָל ניט פֿאַרגעסן, אַז מיר זיינען געווען און געבליבן פֿרעמד צווישן פֿעלקער, פֿרעמד און ווייט. אונדזערע דרכים פֿון דענקען און באַנעמען זיינען ניט זייערע וועגן און זייערע אידעען זיינען ניט אונדזערע.

אַזאַ מין פֿאַרזיכיקייט, פֿאַרזיכיקייט פֿון שטייגער און אויך פֿון גייסט האָט ביי אונדז געקאָנט זיין ביז דער אורבאַניזם אין אונדזער הייַנטיקער תקופֿה. אין דעם אורבאַניזם פֿאַרלירן מיר אונדזער גייסטיקע פֿאַרזיכיקייט, מיר פֿאַרלירן זיך אַליין. דערפֿאַר זיינען מיר ווי צעפֿלאָנטערט אין אונדזערע אידעען, דערפֿאַר „בלאָנדזשען מיר אויף די וועגן פֿון לעבן" ווי עס האָט אָנגערופֿן זיינעם אַ ראָמאַן איינער פֿון די ערשטע (פּרץ סמאָלענסקין).

פֿאַראַן ביי יידן אַזאַ באַגריף: „רוח הקודש", שאַפֿונגען פֿון מענטשן, וואָס זיינען געשאַפֿן געוואָרן ניט מיט פּשוט־מענטשלעכע השגות, נאָר מיט דער הילף פֿון רוח הקודש. אויך דער באַגריף איז פֿאַראַן אין אַ ניט־יידישער געשטאַלטונג און אין אַ ריין יידישער פֿאַרשטעלונג. ביי זיי — עס זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן זוכה געווען אַז גאָט זאָל זיי באַטיילן מיט עפּעס פֿון זיין ריין־געטלעכער כמו־מאַטעריע ספּעציעל פֿון הימל, אַזוי צו זאָגן. דאָס זיינען די „הייליקע". זיי זיינען באַשאָנקען מיט אַ באַזונדערע פֿאַרציע פֿון גאָטס קדושה.

ביי יידן זיינען אַזוינע הייליקע ניטאָ. הייליקייט איז ניט פֿון גאָט, נאָר עס איז אַ מדרגה פֿון יידישקייט. עס איז, וואָלט איך געזאָגט, קאָנצענטרירטע יידישקייט, ניט פֿון גאָט קומט עס נאָר פֿון פֿאָלק; די דורכויסיקע פֿאָלקישקייט, יידישקייט אָן קיין שום צומישונגען — דאָס איז דער רוח הקודש. יידישקייט אַליין איז אויך ווי געטלעכקייט כולו ניסתר, ערטילאַין, אָן אויסדרוק אָן פֿאַרמולירונג. אָט דער יידיש־געטלעכער גייסטיקער ניסתר, ווערט אַ ניגלה אין די מעשים, אין די פֿירונגען, אין די געדאַנקען און אידעען פֿון די יידן וואָס זיינען טיף אַריינ־געטאָן אין יידישקייט, טיף דערווייטערט פֿון אַלע פֿרעמדע השפּעות, אין זייערע רייד און אין זיירע מעשים אָנטפּלעקט זיך דער יידישער גייסט. דאָס איז דער רוח הקודש. עס דערציילט דער חומש (שמות יט' 19) „משה רעדט און „והאלוהים יעננו בקול". גאָט ענטפֿערט אים מיט אַ שטים. גיט צו אַ גמרא דריי קורצע ווערטער „בקולו של משה". אין משהס שטים גופא איז געטלעכקייט. אַזוי זיינען די רייד פֿון די נביאים. ניט, חלילה, זיי הערן אַ מאַטעריעלע שטים פֿון אַ

מאַטעריעלן גאָט. ניין! זיי ריידן פון זייער האָרץ, פון זייער געפיל און אין דעם איז דער רוח הנבואה, דער רוח הקודש. גיין אַ ביסל ווייטער, אַ ביסל העכער קומען מיר צו דעם אמת־יידישן גאָט־באַגריף. וועגן דעם עצם מהות פון גאָט רעדט ניט די יידישע תורה, דער יידישער געדאַנק. דאָס איז אין גאַנצן די תורת הנסתר, וואָס עס איז בעסער בכלל דערמיט זיך ניט צו פאַרנעמען. מיר קאָנען נאָר באַנעמען די לבושים, די התגליות, די אַנטפּלעקונגען פון געטלעכקייט אין דעם קאָסמאָס, אין דעם גאַנצן באַשאַף. און דערפאַר דאַרף יידישקייט ניט האָבן קיין שום טעאָלאָגיע, קיין וויסנשאַפט וועגן גאָט. דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט דעם און איז אַרויס ניט געניזוקט — דאָס איז רבי עקיבא. אַלע וויסנשאַפטן, די קאָסמאָ־לאָגיע קומט צו אַנטפּלעקן די געטלעכע געזעצן ווי גאָטס וועלט פירט זיך.

יעדעס זוכן אַ גאָט פאַר זיך, אַ באַזונדערע, פאַרזיכיקע עקזיסטענץ פון גאָט איז ניט אין יידישן וועג, עס איז אין דעם פאַראַן אַ שמץ אָדער אַ סך פון געצנ־דינערײַ, וואָס איז אַנגעטראָגן פון דער פרעמד, פון יענע פעלקער וואָס האָבן זיך נאָך לגמרי ניט באַפרייט פון זייער געצנדינערײַ, וואָס איז אַפילו אַריין אין זייער כלומרשט מאָנאָטעיִסטישער רעליגיע. דאָס איז אויך איינע פון די השפעות פון גלות, וואָס מיר דענקען אָפּט פרעמדע געדאַנקען, שוין אין דענקען זיינען מיר ניט מיר. דאָס איז די תולדה פון לעבן אין צוויי קולטורן. איצט קאָנען מיר זיך אומקערן צו דער ערשטער פראַגע וואָס מיר האָבן מיט איר אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל:

1. — איטלעך פאָלק האָט זיין אינטים־פאָלקישן גייסט, זיין גאַנג און געפילן, זיין וועג אין דענקען, אין מאָראַל, אין באַציִונגען. אין די ראַמען פון יעדן פאָלק איז פאַראַן, פאַרשטייט זיך, אַ ברייטע גאַמע פון מדרגות און אונטערשיידן, אָבער אַזוי ווי אין אַלע ניואַנסן אין אויסזען קאָן מען דערקענען דאָס פאָלק, אַזוי קאָן מען אויך דאָס פאָלק דערקענען אין אַלע פאַרשיידנקייטן דאָס אַלגעמיין־פאָלקישע, דעם כלל וואָס באַהעפט אַלע פּרטים.

2. — דער פאָלקישער גייסט פון פעלקער איז בדרך כלל ניט דעפינירט, ניט באַשטימט און ניט פאָרמולירט אין זאָצן. ער דריקט זיך אויס מער אין פאָרעם פון האַנדלונגען, אין מעשים מער ווי אין ווערטער. אַזוי למשל, איז אַנטיסעמיטיזם אַן אייגנשאַפט פון אַ סך פעלקער. איטלעך פאָלק מאַכט עס אָבער אַנדערש, לויט זיין גייסט, לויט זיין כאַראַקטער.

3. יידן האָבן אויך זייער אייגענעם פאָלקישן גייסט. ער איז געווען פעסט און אייגנאַרטיק איבערהויפּט אין דער שטעטל־תלמודישער תקופה, ווען יידן האָבן געלעבט סאָציאַל אָפּגעזונדערט, פאַר זיך. ער — דער ספּעציפיש יידישער גייסט איז געווען דער פאָטער פון אַלץ וואָס עס איז יידיש. ער איז געווען אַ תולדה

פון יידיש־פאַרזיכיק לעבן אין משך פון דורות. איצט, אין אורבאַניזם, אין אורבאַנישן קולטור־געמיש, ווען יידן פאַרלירן זייער באַזונדערן שטייגער, ווערט דער יידישער גייסט פּאַראומרייניקט, צעפלעקט, ניט אָרגאַניש. דער פאָלקישער גייסט דאָס איז די נשמה. לעבעדיקע יידן, צי אַ מנין צי מיליאָנען, — דאָס איז דער גוף פון אַ פאָלק. דער פאָלקישער גייסט איז די נשמה. אין אורבאַניזם פאַרלירן מיר די יידישע נשמה.

5. שולן, די בעסטע אַפילו — לערנען די יידישקייט שבכתב. זי איז טאַקע אַ טאַכטער פון פאָלקישן גייסט, אָבער זי איז אַלע מאָל אַ קינד פון גייסט פון פריערדיקער תקופה, פון לעבן וואָס איז געווען אַמאָל. די היינטיקע, די אַקטועלע היינטיקע תקופה האָט ניט קיין גייסט און דערפאַר איז זי ניט שעפעריש. דאָס איז דער סימן: ניטאָ קיין באַזונדער, פאַרזיכיק יידיש לשון, ניטאָ קיין יידישע ליטעראַטור, קיין יונגע פּאָעטן קומען נישט אויף, קיין יידישע קונסט.

דער גוף פון פאָלק איז נאָך דאָ, אָבער ווו איז אונדזער פאָלקישע נשמה ?

6. — דערפאַר איז בולט אַנדערש דער יידישער ישוב אין דער מדינת ישראל: דאָרטן איז יאָ דאָ שעפערישקייט אויף אַלע געביטן, אַפילו אויף אַזוינע. וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט קיין מאָל ניט געהאַט. מיר האָבן אַלע מאָל געהאַט טענות צו דער שעפערישקייט פון דער מדינה. אַ גרויסער טייל פון יענע טענות זיינען געבליבן, אָבער, מיט אַלע חסרונות, וואָס מען דאַרף ניט פאַרשווייגן, זאָגן מיר — עס פּולסירט, עס לעבט אַ געזונט יידיש האַרץ, אַן אייגענער, פאַרזיכיקער יידישער פאָלקישער גייסט! פון אים די גאַנצע שעפערישקייט.

7. — טאַקע צוליב אַן עין הרע וועל איך ניט נעמען אויסרעכענען אַלע שאַפונגען, אַלע אויפטוען, ווו אַט דער יידישער גייסט אַנטפּלעקט זיך. אָבער אין אַלע יידישע ישובים, אין אַלע צעשפּרייטונגען פון יידישן פאָלק פילן מיר, זענען מיר, לעבן מיר מיטן כוח פון דעם יידישן גייסט, פון דער לעבעדיקער יידישער נשמה אין דער מדינה. אַז עס לעבט דאָס האַרץ, לעבן אויך די האַר און נעגל אויף די ווייטסטע טיילן פון קערפּער.

8. — מען דאַרף לגמרי ניט זיין קיין מיסטיקערס, קיין גלויבערס אין איבערנאַטירלעכע כוחות. דאָס איז דער כוח פון יידישן מאַניזם, פון לעבן אין איין קולטור. יידן זיינען געווען שעפעריש אויך אין די גלותן, כל זמן זיי האָבן געלעבט איין מאָניסטיש פאַרזיכיק לעבן. אָן דער מאָניסטישער, פאַרזיכיקער יידישקייט, איז פאַרלאָרן געגאַנגען אונדזער שעפערישקייט.

9. דאָס האַרץ פון יידישן פאָלק איבער דער וועלט איז איצט די קליינע מדינה, וואָס איז „בדמייך חיי". דאָס האַרץ פון דער מדינה — אין איר קולטור־

שטייגערישן מאַניזם. דאָ ליגט דער גאַנצער סוד פון דובנאָווס „העגעמאָניע"־פּרינציפּ; דאָ איז די סיבה פון די „איבערוואַנדערונגען פון דער העגעמאָניע פון איין שבט צו אַ צווייטן". דער גאַנג פון דער יידישער געשיכטע איז דער גאַנג פון יידישן קולטור־שטייגערישן מאַניזם. און לסוף.

10. — צי קאָן זיין אַ יידישער מאַניזם אין די גלותן ? צי קאָן זיין אַ שעפע־ריש יידיש לעבן אין די גלותן ? איך בין פול מיט גלויבן אַז יאָ ! עס קאָן זיין אַ יידישע שעפערישע אַקטיווקייט אויך אין די גלותן. מיר לעבן איבער איצט אַ שווערן היסטאָרישן קריזיס. די גאַנצע מענטשהייט איז אין אַ קריזיס. יעדער וועלט־קריזיס איז פאַר יידן טאָפּלט שווער (האָט נאָך געוווסט דאָס צו זאָגן יהודה הלוי). אויב נאָר די מענטשהייט בכלל וועט דורכלעבן די אַלע סכנות פון דער טעכנאָלאָגישער ציוויליזאַציע, וועלן אַלע פעלקער זיין אויס־געמישט, אין אַ „גלות". אַלע פעלקער וועלן מיט אַלע כוחות זיך באַמיען איינצוהיטן זייערע „פאָלקישע גייסטער", אין באַזונדערע, פאַרזיכיקע ישובים־שטעטלעך. פּאָליטישע מדינות — ניט אין זיי איז די צוקונפט פון דער מענטש־הייט. אַפּאָליטישע, פאַרזיכיקע קולטור־שטייגערישע ישובים — דאָס יאָ. דאָס וועט אויך מוזן זיין די צוקונפטיקע איינאָרדענונג פון די יידן אין דער וועלט.

11. כדי דאָס זאָל קאָנען מקוים ווערן, כדי יידן זאָלן זיין די ערשטע אין דעם נייעם וועלט־סדר פעלט די יידן איין אייגנשאַפט: אמונה און אַכטונג צו דעם אייגענעם פאָלקס־גייסט, וואָס האָט אפילו ביז איצט ניט קיין נאָמען. די ווערטער שכינה, רוח הקודש, יהדות, יידישקייט — זיי אַלע זיינען אַסאָ־צייִרט ביי אונדז מיט רעליגיע מער ווי מיט פאָלקס־גייסט, זיי האָבן מער באַהעפטונג צו גאָט, ווי צו פאָלק.

פאַראַן אַ גרויסער אמת אין דעם זאָג: יידן זיינען אין גלות ניט בלויז ווייל אַנדערע האָבן אונדז אַריינגעטריבן, נאָר איבערהויפּט ווייל יידן אַליין האָבן אויף זיך געגומען דעם גלות „מפּני חטאינו גלינו" — ניט קעגן גאָט האָבן יידן געזינדיקט, נאָר קעגן דעם פאָלק און זיין גייסט. און דעם פּסוק „השיבנו ה' אליך ונשובה" וואָלט מען געדאַרפט אפשר קאָרעגירן אַזוי „השיבנו ה' אלינו" — צו זיך, צום יידישן פאָלקס־גייסט. און ווי מאָדנע דאָס קאָן זיך אויסדוכטן עמעצן, וועט דער שטויס צו דעם קומען דווקא פון דער מדינה.

12. פאַראַן אַ גמרא וואָס זאָגט „די יידישע שולן און בתי מדרשים פון בבל (פון גלות בכלל — מיינט עס) וועלן פאַרפעסטיקט ווערן אין ארץ ישראל". דאַרף מען גלייבן אַז דער זעלביקער פּראָצעס וועט גיין אויך צוריק: דער יידישער זיך־געפיל, די אַכטונג צום יידישן פאָלק־גייסט, די אהבת ישראל און די אמונת ישראל וועט צוריקקומען פון דער מדינה צו די גלותן.

13. יידיש לשון האָט די מעלה, וואָס אין אים איז אַריינגעטאָן די גאַנצע יידישע גייסטיקע פֿאַרזיכיקייט פֿון דעם היינטיקן יידישן פֿאָלק. קיין שום אַנדער שפּראַך האָט עס ניט און קאָן עס ניט האָבן, אפילו ניט העברעאיש. דערפֿאַר ליגט די גרעסטע סכנה פֿאַרן קיום האומה, פֿאַר דער המשכדיקייט פֿון אונדזער פֿאָלק אין דעם פֿאַרלאָזן די יידישע שפּראַך. ניט די ווערטער זיינען טייער. דעם פֿאָלקס נשמה איז טייער.

14. עס שטעקט אויך אַ גוואַלדיקע סכנה אין דעם פֿאַרלאַנג צו זען אין יידישקייט נאָר אַ רעליגיע ווי עס זיינען אַנדערע רעליגיעס. דאָס איז דער פֿאַלשער דרך פֿון אַלע רעליגיע־ריכטונגען ביי אונדז פֿון סאַמע רעכטס, פֿון די סאַטמאַרער, די נטורי קרתא און ביז צו די עקסטע רעפֿאָרמער: יידיש־קייט בכלל ווי אַ פֿאַרזיכיקער פֿאָלקישער שטייגער — דאָס דאַרף מען ניט. דער עיקר איז דאָס דינען גאָט צי לויט דעם פּיקסירטן שולחן ערוך, צי לויט געקליבענע רעשטלעך זיינע. דאָס איז פֿאַלש, ווייל יידישקייט איז אַלע מאָל געוועזן און איז ניט קיין גאָט־רעליגיע, נייערט אַ **פֿאָלקס־רעליגיע.**

דאָס איז בקיצור דער „אני מאמין" פֿון דעם שרייבער. דאָס האָב איך זיך באַמיט צו אַנטוויקלען אין מיינע פֿריערדיקע ביכער און, מיר דוכט זיך, אַז אין די ווייטערדיקע עסייען אין דעם איצטיקן בוך קומען די אידעען אַרויס קלאָרער, בולטער.

# יידישע געדאַנקען

ווי בכלל אַלע האַנדלונגען און פירונגען פון מענטשן זיינען אין גרונט פאַלקיש באַשטימט, ניט דער אינדיוויד האַנדלט פאַר זיך ווי ער פּערזענלעך וויל, ניט זיין פּריוואַטער ווילן און פאַרשטאַנד גיבן דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דעם מענטשנס אויפפיר, אַזוי זיינען אויך די געדאַנקען פון אַ מענטשן באַשטימט פאַלקיש, אין געוויסע גרעניצן, פאַרשטייט זיך. ווי מיר זאָלן ניט לערנען דעם פשט פון „סוף מעשה במחשבה תחילה״ — צי עס איז טאַקע ניטאָ קיין מעשה וואָס איז פריער ניט געווען אין מחשבה אָדער עס איז גאָר פאַרקערט — סוף מחשבה במעשה תחילה: לכתחילה קומען די מעשים. ערשט ווען די מעשים פאַרהאַלטן זיך מחמת עפּעס אַ סיבה, דעמאָלט בלייבט די מחשבה, ווי ניט קיין דורכגעפירטע האַנדלונג. די מחשבה איז אַ ניט דורכגעפירטע מעשה. ווי מיר זאָלן ניט פּסקנען די פּסיכאָלאָגישע פּלוגתא, בלייבט אויך די מחשבה פון אַ מענטשן לגמרי ניט בלויז קיין אומבאַדינגט־פּריוואַטע, אַ קינד בלויז פון דעם דענקער, פון דעם יחיד אַליין. זיינע געדאַנקען זיינען אויך ניט ווייניקער ווי זיינע מעשים באַדינגט מיט פאָלק, מיט אָפּשטאַם, מיט דערפאַרונג פון דורות. דער אונטערשייד נאָר, וואָס דער געדאַנק איז אַ סך ווייניקער אונטערגעוואָרפן דער צענזור פון געזעלשאַפט. אין טראַכטן איז דער מענטש אַ סך פרייער ווי אין זיינע האַנדלונגען און אַרויסזאָגונגען. וואָלט מען געקאָנט אַרויפכאַפּן אויף אַ רעקאָרדיר־טאַשמע די געדאַנקען פון אַ מענטשן, וואָלטן זיי געווען אַ סך מער, אַ סך רייכער איידער די אַרויסזאָגונגען און בעיקר — ווייניקער קאָנטראָלירטע, אָפּט אַ סך האַמעטנער. דער גרעסטער מענטש וואָלט זיך ניט זעלטן פאַרשעמט פאַר זיינע אייגענע געדאַנקען... מיר ריידן דאָ וועגן די געדאַנקען וואָס דער מענטש ברענגט יע אַרויס בפרהסיא — אין דער עפנטלעכקייט. אין די מעשים פון איטלעכן מענטשן האַנדלען די דורות און די סביבה; אין די געדאַנקען אונדזערע דענקען קודם כל די דורות און די סביבה.

מערער פון אַנדערע דאַרף מען קאָנטראָלירן די געדאַנקען פון אַ יידן. אַ ייד לעבט אין פאַרשיידענע סביבות, אונטער פאַרשיידענע השפּעות, און זיי אַלע

קאָנען ווירקן אויף זיין געדאַנקען־גאַנג, אויף זיין אידעען־וועלט. אַ ייד רעדט, אַ ייד דענקט. קאָן זיין אַז די געדאַנקען זיינען אָנגעהערטע, אָנגעטראָגענע, פון פרעמדן לעבן, פון פרעמדער וועלט, צי וואָלט דער זעלביקער מענטש געהאַט די זעלביקע געדאַנקען ווען ער וואָלט געווען אין אַן אַנדער סביבה? צי וואָלט ער געהאַט די זעלביקע געדאַנקען ווען ער לעבט אין אַ דורכויס־יידישער סביבה? ווען אַט די געדאַנקען קומען צו אים דורך אַ יידישער געזעלשאַפטלעכקייט? דרך משל, נעמען מיר איין אידעע סאָציאַליזם און דער זעלביקער ייד. וועט זיך ביי דעם יידן שאַפן דאָס זעלביקע בילד פון סאָציאַליזם ווען דער ייד איז אין אַמעריקע, צי אין ענגלאַנד, אין רוסלאַנד אָדער גאָר אין ישראל? נעמען מיר צוויי אַנדערע יידן.ביידע פון אַ שטרענג־יידישער סביבה. אָבער איינער איז אויסגעוואַקסן אויף דער אַלטער יידישער ליטעראַטור און דער צווייטער ווייס גאָרניט פון דעם. ווי וועט זיך ביי זיי ביידן אויסאַרבעטן אַ בילד פון זעלביקן באַגריף סאָציאַליזם? יידן אין דעם אורבאַנישן גלות זיינען מער עלול אָנצו־שטעקן זיך מיט אידעען און געדאַנקען פון דער אַרומיקער סביבה. אין שטעטלשן גלות איז עס געווען ניט אין פאַרגלייך שווערער. יידן זיינען געווען מער באַוואָרנט קעגן אַנגריף פון פרעמדע אידעען. דערפאַר דאַרף אַ ייד שטרענגער עקזאַמינירן זיינע געדאַנקען, צי חזרט ער ניט איבער קיין פרעמדע, קיין אָנגעטראָגענע, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו אונדזער לעבן? מיר טאָרן קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז אונדזער גאַנצע קולטור שטאַמט דורכויס פון יענע תקופות ווען מיר האָבן זיך ניט געמישט אין לעבן פון פרעמדע פעלקער. אויך אונדזערע דריי נאַציאָנאַלע שפּראַכן (דאָס הייסט די שפּראַכן, וואָס אין זיי האָט זיך איינ־געהיט אייביק־גילטיקע פאָלקס קולטור) זיינען אויך פּראָדוקטן נאָר פון אַזוינע תקופות. פרעמדע אידעען אָדער אַלגעמיינע אידעען אין אַ פרעמדן לבוש זיינען פאַר אונדז שעדלעך: זיי זיינען די זאָמען פון אַסימילאַציע. אידעען קאָנען זיין פרעמד אפילו אין יידיש אָדער אין העברעיִש.

ווי קאָן מען עקזאַמינירן אידעען צי זיי זיינען אייגענע אָדער פרעמדע? פאַרצייטן האָבן חז״ל געהאַט איין מעטאָד פאַר דעם עקזאַמען. ביי יעדן געדאַנק האָבן זיי געשטעלט אַ פראַגע: „מן התורה מניין? געמיינט האָבן זיי מיט דעם צי איז דער געדאַנק כאָטש אָנגעוווּנקען אין דער פריערדיקער תקופה. געווען נאָך אַ צווייטער וועג — זיך פאַררופן אויף פאַרצייטיקע אויטאָריטעטן, אויף די תנאים, איש מפי איש וכדומה. אָבער ווייט אָפטער טרעפט איר גאָר דרייסטע אַרויסזאָגונגען ניט שטיצנדיק זיך אויף אויטאָריטעטן. דאָס ווענדט זיך אָן דער פערזענלעכער זיכערקייט פון בעל הגדאַנק. די געדאַנקען האָבן געקאָנט זיין גאַנץ דרייסטע, אַפּט אַפילו קעגן דער אָנגענומענער טראַדיציע. די אַרויס־זאָגונגען זיינען געמאַכט געוואָרן זייער פאַרזיכטיק. דאָך זיינען פאַראַן אַקטן,

האַנדלונגען, נייע איינפּירונגען, אָפּגעשאַפט איינגעשטעלטע נאָרמעס, און ניטאָ וועגן דעם קיין שום דערקלערונגען. בכלל זיינען חז״ל געווען זייער שפּאָרעוודיק אין רייד. די זעלביקע חז״ל וואָס האָבן דיסקוטירט אַן אַ סוף וועגן פּרטים פון הלכה, די זעלביקע האָבן אָפט געשפּאָרט אַ וואָרט בנוגע צו זייערע איינפּירונגען.

ביי אונדז היינט איז די סיטואַציע אַ סך ערגער. פון איין זייט איז אין ערגעץ אויף דער וועלט ניט געבליבן קיין שטעטלשער יידישער ישוב מער. ניטאָ. ניטאָ מער קיין מאָניסטיש־יידיש לעבן און ניטאָ מער קיין אייגן־יידישער געדאַנקען־גאַנג; די נייע סיטואַציעס פאָדערן נייע איינשטעלונגען, איינפירונגען און נייע יסודות פון יידישן דענקען און וועלט־באַנעם. מיר ווערן כסדר באַמ־באַרדירט פון פרעמדע, ווייטע פּראָבלעמען און געדאַנקען, מיר לעבן טאַקע אין באַשטימטע לענדער, אָבער מיר זיינען ניט אידענטיש מיט די פעלקער פון די לענדער. זייערע פּראָבלעמען זיינען ניט אונדזערע, זייערע אידעען און געדאַנקען זיינען ניט אונדזערע. איך זיץ און שמועס פריינדלעך מיט אַ מעקסיקאַנער קאָלעגע. יעדערער פון אונדז איז אויסגעפורעמט און אויסגעקנאָטן פון גאָר אַנדערע פאַקטאָרן, מיר באַמיען זיך צו פאַרשטיין קעגנזייטיק. אָבער דאָך זיינען מיר צוויי וועלטן. הינטער אים שטייט זיין לאַנד, זיין מדינה, זיינע אַלע נאָרמען, אַלע געזעצן, זיינע געזעצן, זיין טראַדיציע. איך בין נאָר אַ שכן, איך צאָל „דירה־געלט״. מען דולדעט מיך, אָבער אַ פרעמדער בלייב איך. אין איםריידן זיינע דורות, זייער שטייגער און פירונגען. איך בין דאָך פון אַן אַנדער וועלט. מיר ריידן זיך יאָ צונויף און דאָך בלייבן מיר פרעמדע.

ערגער איז ווען מיין געדאַנק, מיין מוח פילט זיך אָן מיט אידעען פרעמדע, פּראָבלעמען, פירונגען, זיטן וואָס זיינען מיר טראַדיציאָנעל פרעמד, זיי זיינען ניט געווען ביי מיינע דורות. איך מאַך זיי און איך טו זיי, אָבער זיי זיינען ביי מיר אָן וואָרצלען און אויב אָן וואָרצלען איז אויך אָן פרישע קנאָספּן, אָן פרוכט... איז מיין גאַנץ לעבן, מיין טוונג ניט אָרגאַניש. דאָס איז אַ מין „שומרוניזאַציע״; פאַרגליווערונג, טויט.

עס קאָנען זיין געדאַנקען פרעמדע. זיי זיינען געבאָרן און געוואַקסן אין אַן אַנדער, אין אַ פרעמדער סביבה, אין אַן אַנדער לעבן. אין אונדזער לעבן האָבן זיי לגמרי ניט געקאָנט אויסוואַקסן. דער באַגריף „פאָלק״ האָט ביי די רוסישע דענקער געמיינט איבערהויפּט דאָס פאַרשקלאַפטע פויערים־פאָלק, אָפּצושיידן פון די „אַדעלגעבאָרענע״ פּריצים. ביי יידן האָט דאָס זעלביקע וואָרט „פאָלק״ געמיינט גאָר עפּעס אַנדערש — ניט קיין לייב־קנעכט און ניט קיין פויערים, און יעדער זון פון דעם אָרעמסטן לאַטוטניק האָט געהאַט אַלע סאָציאַלע מעגלעכקייטן צו ווערן דער גרעסטער און געשעצטער גרויסער חשובער ייד.

עס קאָנען זיין געדאַנקען פּאַרטייטיקע. טאַקע יידישע, אָבער אין גאַנצן

פאַרעלטערטע, וואָס האָבן מער קיין שום אָרט ניט אין לעבן. פאַרצייטן זיינען כוהנים געווען אַ סאָציאַלער קלאַס. ניטאָ מער קיין סאָציאַלער אונטערשייד פון אַ כוהן ביז אַ ישראל.

עס קאָנען זיין באַגריפן **אַדאַפּטירטע**, איבערגענומענע פון דער פרעמד. האָבן יידישע סאָציאַליסטן געזען אין דעם יידישן „לערן־ייִנגל" ביי אַ בעל מלאכה דעם כלומרשטן יידישן „פּראָלעטאַריאַט" פון שטעטל. האָבן יידן געזוכט אין שטעטלשן יידישן לעבן דעם עקוויוואַלענט צו דעם רוסישן „קולאַק" (פויסט) אַ כאַראַקטעריסטישער טיפּ אין רוסישן פויערים־דאָרף.

האָט דער רוסישער קלער (די רעליגיע־היעראַרכיע) געשפּילט גאָר אַן אַנדער ראָל אין לעבן איידער דער יידישער רב. האָט דער יידישער פּאָעט וואָס האָט געזונגען אַז ער דאַרף ניט מער קיין „היטלמאַן, קיין מיטלמאַן, קיין טיטולמאַן ניט מער" — ניט געפילט אַז ער זינגט פרעמדע אידעען אויף יידיש.

פאַראַן דענקער־יידן וואָס זיינען באמת גרויסע בריות **איבערצווזעצן** גע־דאַנקען און באַגריפן. מיר האָבן דורך דער גאַנצער געשיכטע געהאַט יידישע פילאָסאָפן וואָס האָבן צוגעפּאַסט פרעמדע פילאָסאָפיעס צו יידישקייט. דער געטרייער ייד פילון פון אַלעקסאַנדריע אין העלעניזירטער מצרים, און בערך אין דער זעלביקער צייט רבי עקיבא, וואָס זאָגט, אַז דער וואָס לערנט פרעמדע וויסנשאַפטן, (ספרים חיצוניים) דער האָט ניט קיין חלק עולם הבא (סנהדרין ערשטע משנה פון פרק חלק). איך פאַרשטיי עס אַזוי: ער און זיין תורה קאָנען ניט נעמען קיין אַנטייל אין צוקונפט פון יידישן פאָלק. איז טאַקע די ראָל פון פילון (ידידיה האלקסנדרוני) גאַרניט אין „עולם הבא" פון יידישן פאָלק. ער און זיינע אידעען זיינען געווען און געבליבן „ספרים חיצונים" — פרעמדע אין יידישקייט.

אַזוינע אידעען, געדאַנקען, באַגריפן בלייבן פרעמד אַפילו ווען זיי זיינען איבערגעזעצט אין אַ יידיש לשון. זיי בלייבן על פּי רוב פרעמד, ניט פאַרדייט אין יידישער מחשבה.

און פאַראַן **אָרגאַניש־יידישע געדאַנקען**. זיי זיינען דורכויס יידיש אַפילו ווען זיי קומען אין גאַנצן אָן ציטאַטן, אָן באַווייזן. דאָס איז געמאָלט ווען דער אַרויסברענגער פון די געדאַנקען איז גייסטיק געוואַקסן דורכויס אין יידישקייט. ווען איך לייען הרב א. י. קוקס „אורות הקודש", דוכט זיך מיר, אַז די געדאַנקען זיינען פון „ששת ימי בראשית" יידישע. אין דעם זינען פאַרשטיי איך אויך דעם אָפטן אויסדרוק אין תלמוד, אַז דער אָדער יענער געדאַנק איז „הלכה למשה מסיני" — ער איז יידיש, אָרגאַניש, מען דאַרף ניט קיין פּסוק אים צו באַווייזן, צו באַשטעטיקן.

לויט מיינע קריטישע השגות איז לייוויק ניט דער גרעסטער שפּראַך־מייסטער צווישן יידישע פּאָעטן. פון דעסט וועגן פרעגט קיינער ניט אָפּ זיין ראָל פון דעם יידישסטן דיכטער. ער איז אָרגאַניש־יידיש, פאָלקיש־יידיש. איציק מאַנגער האָט זוכה געווען צו זיין אַנערקענונג ווידער אַמאָל דורך זיין דורכויסיקער פאָלקישקייט.

אין מיין פאַרשטעלונג האָט לייוויק געירשנט דעם „מזרח" פון שטעטלשן בית מדרש. הגם איך ווייס גאַרניט צי לייוויק איז געווען אַזאַ טיפער למדן. מאַנגער איז געווען דער פירזאָגער פון „הינטער דער בימה"־יידישקייט. צווישן זייביידן שטעל איך דעם דיכטער משה קולבאַק און דער נסתר. איך האָב גענומען בלויז מוסטערן, פאַרשטייט זיך. איך שרייב ניט קיין קריטיק און איך שטעל ניט קיין מיינונגען. ניט די טעמע דאַרף זיין דווקא אַ יידישע. אַ אָרגאַניש־יידישער דענקער וועט אַלץ זען יידיש, אַלץ דענקען יידיש.

עס איז אין גאַנצן פאַלש צו צעטיילן יידישקייט, יידישע פּראָבלעמען באַזונדער און „אַלגעמיינע" איז כלומרשט ווידער גאָר אַן אַנדער וועלט ווידער גאָר באַזונדער.

מיר לעבן טאַקע היינט אין אַ סך אַ ברייטערער וועלט, אָבער זי איז „ניט אונדזערע". מיר קוקן אויף איר מיט גוייִשע אויגן מיט די אויגן פון דעם לאַנדפאָלק. אונדזער אייגענע וועלט איז די באַגרעניצטע, בלויז די וואָס מיר האָבן געירשנט פון אַמאָליקן שטעטל. מיר האָבן ניט קיין אויגן און ניט קיין מוח צו באַנעמען די ברייטערע וועלט מיט אונדזערע חושים, מיט אונדזערע געפילן און מיט אונדזער וועלטבאַנעם. און ווען מיר לעבן מיט פרעמדע געדאַנקען, הערן מיר אויף צו זיין אויך אַ פאָלק פאַר זיך. מיר קאָנען לעבן מיט יענעמס אינטערעסן, מיט יענעמס אידעען, אָבער דאַן זיינען מיר ניט ער. און מיר הערן אָבער אויף אויך צו זיין מיר. וואָס זיינען מיר? — אַ צוטשעפּעניש. ניט מער. מיר קאָנען זיין אַ פאָלק פאַר זיך נאָר אויב מיר וועלן די גאַנצע וועלט באַנעמען מיט אייגענע געדאַנקען, מיט אייגענע באַגריפן און אידעען. אין דעם מאָמענט אָבער ווען מען וויל די גאַנצע יידישקייט באַגרעניצן נאָר מיט רעליגיע, מיט אַ צערעמאָניע אין טעמפּל, אָדער אַפילו מיט אַ סך שטייגער־עלעמענטן, אָבער אַלץ נאָר פאַר גאָט, ניט פאַרן פאָלק, ניט פון פאָלק, דעמאָלט קאָן יידישע פאָלקישקייט לאַנג ניט אויסהאַלטן. דער ערשטער דור אימיגראַנטן האָט געבראַכט קיין אַמעריקע ניט בלויז יידיש־ריידערס, נייערט אויך יידיש־דענקערס, זיינען געקומען יידישע שרייבער, יידישע פּאָעטן, יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס — אַלץ ייִדיש; אַלע מעשים זייערע, זייער גאַנצע אַרבעט, אפילו ווען אין ענגליש איז געווען אַלץ דורכויס יידיש. שוין דער צווייטער דור האָט ניט אַרויסגעבראַכט אַפילו קיין איין יידישן פּאָעט, קיין איין שרייבער! פאַראַן נאָך עטלעכע,

געציילטע יידישע געלערנטע — פילאָסאָפן, היסטאָריקער. צווישן זיי אויך גרויסע, אָבער אַלע זיינען זיי געקומענע. זייער פערזענלעכקייט האָט זיך אויסגעפורעמט דאָרטן, אין מזרח־אייראָפּע; דאָרטן איז זי געוואָרן און אויף אַ גאַנץ לעבן געבליבן מאָניסטיש־יידיש, ניטאָ, דאַכט זיך, אויך קיין קענטיקע יידישע געלערנטע פון צווייטן דור, פון געבאָרענע אין אַמעריקע.

פאַראַן אין אַמעריקע גוטע געטרייע יידישיסטן. מיין גאַנצע אַכטונג און אַלע מיינע ברכות צו זיי, אָבער... איך גלייב ווייניק אין זייער הצלחה. מיין טיפסטער האַרץ־ווייטאָג דערביי, אָבער אַזוי איז דאָס: מאָניסטיש גאַנצע, דורכויסיקע יידן וועלן אַ יעדע שפּראַך, אפילו אַ פרעמדע פאַריידישן, מגייר זיין. יידן אָבער וואָס אַנטוויקלען זיך, וואָס קריגן זייער מענטשישקייט דורך פרעמדע, ניט יידישע קאַנאַלן, וועט זייער שפּראַך, די שפּראַך פון זייער דענקען שוין ניט זיין קיין יידישע. און אויב זיי וועלן זיך אַפילו אָנשטרענגען און מקיים זיין די מצווה פון יידיש לשון, וועט זייער יידיש אויך זיין אַן איבערגעזעצטע, לאָמיר געדענקען: ניט די רעליגיע און ניט די אויסגעלערנטע שפּראַך שאַפט דעם מענטשן. נייערט פאַרקערט — דער מענטש, די געזעלשאַפט, די סביבה — זיי מאַכן די שפּראַך זייערע זאָל זיין אַ נאַציאָנאַלע; בלויז גאַנצע יידן מאַכן זייער יידיש זאָל זיין אמת יידיש, דורכויס יידיש. אוודאי — הלוואי זאָלן מיר האָבן כאָטש אַ צען פּראָצענט יידישע קינדער וואָס זאָלן זיך האָדעווען אין יידיש. דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט דעמאָלט געהאַט אַן אַנדער פּנים. אָבער צו יידישער שעפערישקייט וועט נאָך אַלץ בלייבן גאָר ווייט. יידישע שעפערישקייט האָט אויך יידישע געדאַנקען. אַזוינע גאַנצע, דורכויסיקע יידן אין צווייטן דור זיינען יע דאָ אין דער יידישער מדינה. דערפאַר — יידישע שעפערישקייט. ווייט ניט גענוג: צו פיל פאַראַן אויך דאָרטן אַפּטריניקעס. אין דעם איז שולדיק דער ערשטער דור, דווקא ער. אין די גלותן האָבן מיר עס ניט! צי איז עס יע מעגלעך אין די גלותן?

— יאָ! מעגלעך. מיר זיינען אין גלותן צוויי טויזנט יאָר, און מיר האָבן יאָ געהאַט יידישע שעפערישקייט. מיר קאָנען עס אויך ווייטער האָבן. מיר האָבן עס געהאַט ביז דעם אורבאַניזם ווען אונדזער גאַנץ לעבן איז געווען פאַר זיך, באַזונדער — שטייגעריש, סאָציאַל און קולטורעל פאַר זיך. אָט די פאַרזיכיקייט רופן מיר „שטעטל". דרויסנדיקע פאַקטאָרן האָבן געשאַפן אונדזער פאַרזיכיקייט. אין איצטיקן אורבאַנישן גלות זיינען מיר געצוווּנגען צו שאַפן מיטן ווילן באַוווּסטזיין אַזאַ פולע, אַלזייטיקע פאַרזיכיקייט; אונדזער אידעאַל דאַרף זיין: שטעטל אין שטאָט — יידישע פאַרזיכיקייט ווי אין שטעטל אַזוי אויך אין אורבאַניזם. ניט פרומע יידישע רעליגיע, ניט פרומער יידישיזם, נאָר דער גאַנצער שטייגער! דאָס איז די אידעע פון אינטעגראַלער יידישקייט. נאָך מער:

איך גלייב באמונה שלמה אַז אַלע פעלקער וועלן מוזן קומען צו דעם אידעאַל: ניט פאַרזיכיקע מדינות, נייערט פאַרזיכיקע שטייגעריש־קולטורעלע שטעטלעך אין אורבאַניזם. אָדער אַזוי, אָדער די מענטשהייט וועט זיך אַליין חרוב מאַכן. יידן דאַרפן זיין דער אַוואַנגאַרד אין דער ריכטונג. דעמאָלט וועלן יידישע געדאַנקען זיין באמת יידישע. יידן אַליין וועלן עס קיין מאָל ניט שאַפן: דערצו דאַרף מען האָבן אַ טיפע אמונת ישראל, ניט דער יידישער גאָט איז הייליק און טייער, נאָר דאָס יידישע פאָלק ווי אַזאַ און גאָט איז דערפאַר הייליק און טייער, ווייל ער איז דער קדוש־ישראל די הייליקייט פון יידישן פאָלק יידן ווילן עס ניט און וועלן עס ניט. אויך אין דער תקופה פון שטעטל האָבן יידן עס געפירט צוליב דרויסנדיקע פאַקטאָרן. אויך אַזוי וועט זיין אין דער קומענדיקער אורבאַנישער וועלט.

וועלן מיר סומירן:

1. — האַנדלונגען, מעשים, פירונגען און געדאַנקען (געדאַנקען זיינען ניט־דורכגעפירטע מעשים) זיינען קיין מאָל ניט קיין שטרענג אינדיווידועלע, זיי זיינען אין דער גרעסטער מאָס אַרויסגערופן, אויסגעפורעמט און דורכגעפירט דורך די דורות פאַר אונדז.

2. — אַלע געדאַנקען, מעשים, פירונגען און האַנדלונגען אַן דורותדיקע טראַדיציעס זיינען געגליכן צו אַפּגעהאַקטעביימער, וואָס מען זעצט אַריין אין דער ערד אָן וואָרצלען. עס איז ניט געמאַכט, נאָר נאָכגעמאַכט, ניט געדענקט נאָר איבערגעחזרט. עס איז ניט קיין שעפערישע קולטור, נאָר דעקולטוריזאַציע.

3. — כדי צו זיין שעפעריש מוז אַ מענטש זיין אַריינגעגלידערט אין דער דורותדיקער קולטור פון זיין פאָלק. די קולטור פון אַ פאָלק ווידער קאָן מען ניט אַריינקריגן דורך לערנען, נייערט דורך לעבן אין איר, מיט איר, נאָר דורך דעם שטייגער הייסט עס, פון שטייגער צו פירונגען, צו מעשים, צום באַוווסטזיין, צו געדאַנקען, ווייל „סוף מחשבה במעשה תחילה", פאַרקערט ווי עס זאָגט זיך.
דריי וועגן זיינען איצט גילטיק אין יידישן דענקען:

1. — דער יידישער געדאַנק איז באַגרעניצט נאָר צו די געביטן און די טעמעס וואָס זיינען גילטיק געווען פאַרצייטן. אַל דאָס איבעריקע איז „אַלגעמיינע געביטן", וואָס האָבן ניט קיין דירעקטע שייכות צו יידישקייט. יידן קאָנען זיי נעמען אין פרעמדע פאָרמען און אין פרעמדע קאָמבינאַציעס. די גאַנצע וועלט איז בכלל צעטיילט אויף יידישע געביטן און אַלגעמיינע.

אין די יידישע געביטן דאַרף מען זיך האַלטן גענוי לויט דעם ווי עס איז באַשטימט און געפסקנט געווען פאַרצייטן. מיט זיי ענדיקט זיך אונדזער דענקען פאַר זיך. אַלץ וואָס עס איז ניטאָ ביי די פאַרצייטיקע איז ניט געטלעך,

ניט יידיש, איז פרעמד, און אַפּיקורסיש. דאָס איז דער וועג פון די פאַרצייטיקע צדוקים און פון די היינטיקע אָרטאָדאָקסן.

אַלע געביטן וואָס די פאַרצייטיקע חז״ל האָבן זיך מיט דעם ניט פאַרנומען, זיינען במילא ניט קיין יידישע געביטן ניטאָ פאַר זיי קיין אָרט אין יידישקייט. דאָס איז די ערשאָפט פון ניט־יידן. ניט שייך דאָ צו זאָגן יידישע געדאַנקען וועגן דעם, ניטאָ קיין יידישער צוגאַנג צו דעם.

עס איז געשען דאָס וואָס די חז״ל האָבן פאַר דעם מורא געהאַט, און זיי האָבן פאַרבאָטן צו פאַרשרייבן זייערע רייד, זייערע מיינונגען און דיסקוסיעס... „אי אתה רשאי לאמרן בכתב״, מען טאָר עס ניט פאַרשרייבן. און דאָס וואָרט „שרייבן״ האָט געמיינט אייגנטלעך „פיקסירן״, פאַרפעסטיקן לדורות.

פאַר אונדז היינט איז אַמאָליקע תורה שבעל פה שוין לאַנג בכתב. אונדזער היינטיקע יידישקייט שבעל פה, די פון דער תקופת השטעטל — זי וויל די אָרטאָדאָקסיע ניט קענען און זי וויל ניט אָננעמען ווי די צדוקים האָבן דאָס בשעתם ניט געוואָלט בנוגע צו דער יידישקייט שבעל פה פון יענער צייט.

2. — יידן אָנגענומען זיך מיט פרעמדע וויסנס, מיט פרעמדע תורות קומען און באַמיען זיך צוצופּאַסן די פרעמדע געדאַנקען צום יידישן לעבן. דאָס איז ווידער אַ פאַלשער וועג. העכסטנס קאָן מען שטודירן אויף ניט־יידישע וועגן די יידישע געשיכטע. קיין יידישע שעפערישע געדאַנקען קאָנען ניט געבאָרן ווערן פון די פרעמדע, ניט־יידישע אידעען. אויך די באַגריפן פון אונדזער אַמאָל קריגן ביי אונדז אַן אַפּשאַץ לויט פרעמדע באַגריפן. אָפט באַנעמען מיר ניט די טיפערע מאָטיוון פון יידישן לעבן. מיר מעסטן זיי מיט פרעמדע מאָסן און שאַצן זיי לויט פרעמדע אידעען. די אַזוי גערופענע „וויסנשאַפט דעס יודענטומס״ איז ווייט פון צו זיין יידישע וויסנשאַפט.

3. — דער דריטער וועג וואָלט געקאָנט זיין דער ריכטיקסטער, ווען ער וואָלט געווען: יידן איינגעוווינט און איינגעלעבט מיט יידישע געדאַנקען און מיט יידישע מעטאָדן פון דענקען, יידישע באַגריפן, יידישע מיינונגען פון מענטשן און וועלט און אַט מיט די געדאַנקען, מיט די באַגריפן נעמען זיך יידן שטודירן די גאַנצע וועלט, דעם קאָסמאָס און אַלע פּראָצעסן אין אים. אַזאַ יידישער וועלט־באַנעם איז דאָ, ער איז איינגעוואָרצלט ביי אַ קליינעם טייל יידישע דענקערס... ער איז אָבער ביז היינט ניט דערגאַנגען צו קאָנען באַנעמען די גאַנצע וועלט מיט אַלע וועלט־פּראָבלעמען.

# עבודה זרה

דער אויסדרוק „עבודה זרה“ איז אַריין אין יידיש פון העברעיִש. אָבער אין דעם תנכישן העברעיִש איז דאָס וואָרט אין גאַנצן ניטאָ. די תורה אָדער די נביאים האָבן געוואָלט מוסרן די יידן האָבן זיי געווצט אָן אַנדער אויסדרוק. זיי האָבן גערעדט וועגן דינען צו „אלוהים אחרים“ — אַנדערע געטער. אין חדרים פלעגט מען טייטשן אויך פרעמדע געטער, ניט דווקא אַנדערע, נאָר פרעמדע, ניט קיין יידישע. דערמיט האָבן זיי געוואָלט באַצייכענען ניט דווקא דאָס וואָס מען מיינט היינט מיט דעם וואָרט „רעליגיע“ אָדער רעליגיעזע אָפּטריניקייט“, נאָר בכלל וועגן אָננעמען פרעמדע דרכים, „דרכי האמורי“. דאָס וואָס מיר וואָלטן איצט אָנגערופן אַסימילאַציע. עס איז ביי יידן דאָך ניט געווען קיין רעליגיע באַזונדער אָפּגעטיילט פון זייער וועלטלעכער קולטור. דאָס אָננעמען פרעמדע שטייגער־נאָרמען האָט ביי זיי, ביי אונדזערע אָבות אין דער תנך־תקופה געהייסן דינען צו פרעמדע געטער.

אין די צייטן פון דער גמרא טרעפן מיר דעם אויסדרוק „עבודה זרה“ — פרעמדע עבודה. וועל איך זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויף דעם זייער אינטערעסאַנטן פאַקט וואָס די חכמי התלמוד האָבן זיך אַזוי געהיט ניט אָנצורופן די תנכישע נעמען פון גאָט. עס איז אין דעם געווען אַ סך מער ווי דער ווילן אָפּצוהיטן דעם פאַרזאָג פון די צען געבאָטן ניט צו דערמאָנען גאָטס נאָמען אומזיסט. דאָ איז געווען אַן אַנדער באַגריף וועגן גאָט בכלל. מיר וועלן זיך דערמיט ניט פאַרנעמען, דאָ איז פאַר אונדז וויכטיק, אַז אַנשטאָט דעם תנכישן אויסדרוק דינען פרעמדע געטער קומט ביי די בעלי התלמוד דער אויסדרוק „עבודה זרה“ פרעמדע דינסט, פרעמדע אַרבעט, עבודה. שוין ניט סתם „אחרים“ אַנדערע נאָר בפירוש „זרה“ — פרעמדע.

וועלן מיר גיין כסדר:

דאָס וואָרט „עבודה“ קאָן האָבן עטלעכע באַטייטן. עס קאָן מיינען סתם אַרבעטן. עס קאָן אויך זיין פון וואָרט עבדות — קנעכטשאַפט, דינען, געטריי זיין צו עפּעס וואָס איז ניט מיינס, נאָר פאַר יענעם, פאַר עמעצן. עס קאָן אויך זיין אַ דינען, געטריי זיין צו עפּעס אַ קולט — די עבודה אין בית המקדש. למשל,

קאַן עבודה זרה מיינען פרעמדע קולטן. אַזוי טאַקע האָט מען עס געהאַלטן טראַדיציאָנעל. מיר קאָנען אָבער אויך נעמען דעם באַגריף ברייטער עטוואָס — עבודה — דינען, אַרבעטן, טאָן, געטריי זיין, זרה — פרעמדע, פאַר פרעמדע צילן, פאַר פרעמדע אויפגאַבעס, פאַר פרעמדע פאַרמעסטן וואָס זיינען ניט מיינע, ניט פאַר מיינע אינטערעסן און ניט פאַר מיינע צילן.

וואָס אָבער מיינט דאָ אייגענע און וואָס איז פרעמד? עס איז קלאָר אַז ביי די אַמאָליקע שווערע קאָמוניקאַציעס איז יעדער ישוב געווען מער אָפּגעטיילט פון אַ צווייטן, ווייט פון אַנאַנד. איז דער גאַנצער שטייגער פון לעבן געווען מער „אַרטיק", מער אָפּגעטיילט און אָפּגעזונדערט, האָט „אייגנס געהייסן דאָס וואָס איז אָנגענומען דורותדיק ביי אונדז, אין אונדזער משפחה אָדער שבט. זיינען דעמאָלט אויך „פעלקער" געווען קלענערע, „לענדער" פּיצינקע מיט באַזונדערע מלכים און מיט באַזונדערע קולטור־שטייגערן, דורותדיק איינגעפלאַנצטע, „אונד־זערע", געגעבן פון אונדזער גאָט.

די נביאים האָבן זייער ריכטיק אָפּגעשאַצט יעדער אַזאַ אָפּנייג צו פרעמדע זיטן און פירונגען ווי אַן אומגליק וואָס מוז פירן צום אונטערגאַנג פון פאָלק. ניט פאַר גאָט האָבן זיי געקעמפט און זיך געקריגט מיט אַלע „שטאַרקע", מעכטיקע אין זייערע צייטן, נאָר פאַרן קיום פון פאָלק. ווען קעמפן פאַר גאָט איז פאַראַן אין תוך גאָר אַן אַלט קלוג ווערטל: „אויב ער איז אַ גאָט, טאָ זאָל ער קעמפן פאַר זיך". דאָס גליק און אומגליק פון פאָלק — דאָס האָט געגעבן די נביאים מוט און כוח אין זייער נביאישן קאַמף.

אין די צייטן פון דער גמרא, ווען דאָס יידישע פאָלק האָט זיך געגומען צעשפּרייטן, גענומען לעבן אין שכנות מיט אַנדערע פעלקער, מיט אַנדערע פאַרמען, מיט אַנדערע קולטורן, פרעמדע שטייגערן און פירונגען, דעמאָלט איז די זאָרג פאַרן קיום פון פאָלק געוואָרן אַ סך שטאַרקער, אַקטועלער, און די פּראָבלעם פון עבודה זרה — פרעמדע דינסטן, ווי אין זינען פון קולט, אַזוי אויך אין אַלע אַנדערע זינענס איז געוואָרן אַ סך ערנסטער, האָבן די חכמי התלמוד אָפּגעגעבן דער פראַגע אַ גאַנצע מסיכתא טאַקע מיט דעם נאָמען „עבודה זרה" און פון דאָרטן איז דער אויסדרוק געוואָרן אַזוי פּאָפּולער בכלל ביי יידן. די בעלי התלמוד זיינען געווען די דירעקטע יורשים פון די נביאים אָבער זייערע קאַמפן קעגן אַסימילאַציע האָבן זיי געפירט גאָר אַנדערש. זיי האָבן ניט גענוצט קיין פלאַם־פייערדיקע רעדעס. זיינען די רעדעס די נביאישע טאַקע געבליבן אויף אייביק און ביי דער גאַנצער וועלט. צי די „וועלט" באַנעמט זיי ריכטיק, אָדער מען האַלט זיי ווי אַ טויטע צירונג אַ טייערע, דאָס האָט אַהער ניט קיין שייכות. די רעדעס האָבן די מענטשהייט ניט איבערגעמאַכט און ניט זיי האָבן אויסגע־פורעמט דאָס יידישע פאָלק פאַר זיין לעבן אין דער אייביקייט אַריין. די חכמי

התלמוד האָבן אין טיפער זאָרג איינגעשטעלט דינים, מנהגים, הלכות און געזעצן: יידן דאַרפן זיך פירן אַזוי און אַזוי טאָרן זיי ניט! דאָס איז דער שטייגער פון יידן! און דאָס טאָרן יידן ניט טאָן, ווייל עס איז פרעמד, עבודה זרה. און עס איז ניט דווקא קולט־זאַכן, עס איז פרעמד ברויט, כדי זיך צו דערווייטערן פון זייערע וויין־פריילעכקייטן, און דאָס כדי אויסצומיידן געמישטע חתונות. דאָ איז געגאַנגען וועגן אַסימילאַציע בכלל אין אַלע היגזיכטן. און וואָס מער יידן האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט, איז אַלץ מער סכנה אויפגעקומען, סכנות פון פרעמדע פירונגען, פון עבודה זרה, און אַלץ שטרענגער איז געוואָרן דער קאַמף קעגן איר. און דער קאַמף פאַר קיום פון פאָלקס אייגנאַרטיקייט, פאַר זיין אייגן־גייסט. פאַר זיין אויסגעהאַלטענער אַנדערשקייט איז געוועזן אַ הייליקער, פאַר דעם גאָט פון פאָלק — „אַ געטלעכער קאַמף". „פירונגען וואָס פרעמדע פירן איז ניט דערלויבט פאַר יידן".

ניט דאָ איז דאָס פּאָסיקסטע אָרט צו פאַרשפּרייטן זיך וועגן די פאַקטאָרן וואָס האָבן געווירקט אַז דאָס פאָלק זאָל אויספאָלגן אַזוי אָפּגעהיט און ביז מסירת נפש ניט די רייד פון די נביאים נאָר די הלכות פון חז"ל. דאָ איז פאַר אונדז גענוג צו זאָגן אַז אַ דאַנק די חכמי התלמוד איז דאָס יידישע פאָלק געבליבן.

זאָגט אַ גמרא אַז „חכם עדיף מנביא" — וויכטיקער. זאָגט דער רמב"ם אַז גאָט האָט אונדז ניט דערלויבט צו לערנען פון די נביאים נאָר דווקא פון די חז"ל (הקדמה לפירוש המשנה).

און אַזוי אָרום איז דער קאַמף וואָס מיר פירן איצט קעגן אַסימילאַציע ניט מער ווי אַ המשך פון יענעם קאַמף קעגן עבודה זרה און קעגן דעם דינען די אלוהים אחרים פון תנך. דורות גייען און דורות קומען, תקופות גאַנצע גייען אַריבער און דער קאַמף גייט אָן — אַן אייביקער קאַמף קעגן דער אייביקער יידישער קראַנקייט. און מיר היינט טוען די זעלביקע אַרבעט וואָס עס האָט געטאָן אליהו הנביא — דער ערשטער פלאַמיקער קעמפער קעגן אַסימילאַציע און די זעל־ביקע אַרבעט וואָס עס האָבן געטאָן די חז"ל און אַלע דורות נאָך זיי. ניט אומזיסט איז אליהו הנביא געוואָרן און געבליבן אַזוי באַליבט ביי דער יידישער טראַדיציע, מער פון אַלע נביאים. אַלע דורות אויף איין פּראַנט.

## עבודה זרה היינט

אַמאָל איז דאָס גאַנצע לעבן געווען ביי יידן זייער מאַנאָטאָן, קליינע גרופּעס יידן באַזונדער, אָפּגעזונדערט, איין שטייגער און אַלע ווי איינער, איינער ווי

אַלע. דעמאָלט האָט איין וואָרט „ייד" געקאָנט זיין געגוג, עס האָט אַרומגענומען אַלע יידן, די גאַנצע יידישקייט, אַזוי פירט זיך אַ ייד, אַזוי עסט ער און אַזוי רעדט ער. איין וועג און איין גאַנג, איין וויץ און איין קרעכץ, אַלע יידן עסן דעם זעלביקן קוגל און שפּרינגען גלייך קדוש. אַזוי איז געווען. יעדעס שטעטל האָט געהאַט זיין פּיזיאָגנאָמיע, זיין דיאַלעקט און זיין פאָלקלאָר.

איצט איז גאָר פאַרקערט: דאָס יידישע פאָלק איז צעשאָטן, צעברעקלט, און אַזוי אַרום איז אויך צעשאָטן און צעברעקלט די יידישקייט. היינט זיינען פאַראַן אַזוי פיל „יידישקייטן"! און איטלעכע פון זיי איז צעקריגט מיט אַלע אַנדערע, און איטלעכע מיינט אַז נאָר זי איז די איינציק אמתע און ריכטיקע יידישקייט. היינט דאַרף מען פון דאָס ניי באַשטימען וואָס מיינט עבודה זרה.

שייד איך אונטער אינדיווידועלע עבודה זרה און קאָלעקטיווע. יעדער מענטש וואָס טוט אַן אַרבעט און ער גלויבט ניט אין איר, דינט צו עבודה זרה. יעדע אַרבעט און איטלעכע באַשעפטיקונג וואָס אַ מענטש טוט און ער האָט זיין אַרבעט ניט ליב, זי גייט אים ניט אָן, ער טוט אַן אַרבעט וואָס פרעמדע האָבן באַשטימט, פרעמדע האָבן זי אויסגעטראַכט, און ער טוט, ער פירט אויס די אַרבעט, ווייל ער האָט אַזאַ שטעלע, — דאָס איז פאַר אים אַן עבודה זרה, אַ פרעמדע אַרבעט אין פּשוטסטן זינען פון וואָרט. דאָס איז פרעמדע אַרבעט, פרעמדע צילן, פרעמדע אידעען, פרעמדע אינטערעסן, פרעמדע געטער. אַזוי וואָלטן דאָס געזאָגט אונדזערע פאַרצייטיקע אָבות.

עס נעמט אָן אַ שוידער צו טראַכטן ווי ווייניק מענטשן עס קאָנען גלייבן אַז זיי דינען ניט קיין עבודה זרה. דאָס היינטיקע לעבן איז אַזוי קאָמפּליצירט, אַזוי צעפּיצלט אַז עס איז כמעט ניטאָ עמעצער וואָס זאָל קאָנען זאָגן אַז ער דינט נאָר זיינע אידעען, נאָר זיין גאָט און ער טוט נאָר זיין אַרבעט, אומאָפּהענגיק, פאַר זיך. דאָס ביסן ברויט וואָס איך נעם אַריין אין מויל, גייט דאָך דורך אַזוי פיל פּראָצעסן דורכגעפירט דורך אַזוי פיל מעכאַניזמען, אויסגעטראַכטע און אויפגע־בויטע דורך אַזוי פיל מענטשן אין פאַרשיידענע עקן וועלט, פאַר אַזוי פיל מיליאָנען מענטשן אין דער גאָרער וועלט. יעדער איינער איז נאָר אַן אַטאָם, איין קליין שרייפעלע אין דער אַלגעמיינער מאַשין. איז מער ניטאָ קיין אָרט פאַר קיין „איך", פאַר אַ פּערזאָן מיט אַן אייגענעם ווילן און אייגענעם פאַרשטאַנד. ווער קאָן איצט זאָגן, אַז זיין אַרבעט איז באמת „זיינע", ניט קיין „עבודה זרה"? דאָס איז אין עקאָנאָמישן לעבן.

אין דער גאַנצער וועלט גייט אַן אַ קאַמף צו פאַרקלענערן דעם אַרבעט־טאָג, פאַרקירצן די אַרבעט וואָס פאַרשקלאַפט דעם מענטשן, און אים געבן די מעגלעכקייט ער זאָל אַ גרעסערן טייל פון טאָג קאָנען זיין פריי, מיט זיך אַליין

און פאַרברענגען ווי ער וויל. וואָלט עס געקאָנט זיין גערעדט ווען די פאַרוויילונג וואָלט געווען אַן אינדיווידועלע. אָבער אויך די פאַרוויילונג איז געבויט פאַר מאַסן, פאַר מיליאָנען, זייער ווייניק מענטשן אויף דער וועלט קאָנען אויסנוצן די פרייע צייט אַליין, פאַרזיכיק, פריי לויט זייער איינזען און זייערע פאַרלאַנגען. איז אפילו שוין די פאַרוויילונג אויך ניט פאַרזיכיק, ניט פריי. זיינען שוין דאָ אויך דאָ אַנגענומענע מאַסן און אידעען, „געקרויינטע געטער" און געטיבס, און מענטשן גייען מיט דעם שטראָם פון דער מאָדע. וויפל מענטשן האָבן דאָס דעם כוח און דעם מוט צו קאָנען גיין פאַר זיך, דענקען פאַר זיך! פאַרנוצן די פרייע צייט פאַר די אייגענע געטער און ניט פאַר „פרעמדע"!

אָבער „לא על הלחם לבד יחיה האדם". מענטשן לעבן אין געזעלשאַפטן. געזעל־שאַפטן האָבן אידעען, גלויבנס, אידעאַלן, רעליגיעס. ווי איז אין דעם גייסטיקן לעבן פון מענטשן? — אויך דאָ איז דער מענטש פון קדמונים אָן געצווונגען צו דינען עבודה זרות. עס איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרן „וועמענס ממשלה, דעמס גלויבן". און אויב מיט רעליגיעס איז איצט אפשר גרינגער, ניטאָ קיין רעליגיע־צוואַנג, זיינען אָבער פאַראַן אַנדערע געזעלשאַפטלעכע גלויבנס וואָס באַגייען זיך מיט דעם מענטשן אפשר נאָך ערגער ווי אַמאָל די רעליגיע. ווײ איז דעם מענטשן וואָס וויל ניט שרייען קיין הילכיקן אָמן נאָך דעם הערשערס ברכה. איז עס אַ לאַנד פון די אַזוי גערופענע „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" איז עס פשוט געשטעלט דאָס לעבן אין סכנה. „ווער עס איז ניט מיט אונדז, דער איז קעגן אונדז" און עס איז אַ מצווה אים אָפּצוראַמען. „דאָס לאַנד קאָן ניט פאַרטראָגן זיינע רייד", האָט מען געמסרט נאָך אין צייטן פון תנך אויף איינעם אַ נביא. זיינען מיליאָנען מענטשן געצווונגען צו דינען דער הערשנדיקער עבודה זרה, שפּרינגען קדוש פאַרן „פאָטערל פון די פעלקער (סטאַלין). זיינען מיליאָנען מענטשן מאַראָנען. עס קאָן אַפילו זיין אַז די מערהייט ווערט פאַרשקלאָפט פון אַ מינדערהייט מיטן כוח פון ביקסן.

ניט קיין סך בעסער איז אויך די לאַגע אין די אמתע דעמאָקראַטיעס. אויך דאָ איז דער יחיד געצווונגען צו גיין מיטן שטראָם און צו גלויבן אין דער רעכט פון דער מאַכט. פרייהייט פון וואָרט — זייער פיין, אָבער ווער קאָן געניסן פון דער פרייהייט? מען דאַרף זי דאָך קויפן. ווער קאָן עס? ווער האָט די גאַנצע מאַשין פון פרייהייט פון וואָרט? גילט אייביק דער כלל „ווער עס האָט די מאה דער האָט די דעה". און די „מאה" איז שוין גאָר ניט קיין פשוטע „מאה" קיין הונדערטער... און ווי עס קומט צו פראַגן פון חיונה, קומט גלייך די פראַגע „הלנו אתה אם לצרינו?" — מיר דאַרפן פריער אַנשטעלן אונדזערע מענטשן. פשוט גערעדט מיינט עס: ווילסטו האָבן חיונה, דאַרפסטו געהערן צו אונדזער

פאַרטיי, שטימען פאַר אונדז, אַרויסטרעטן קעגן אַלע אַנדערע ריכטונגען... אַט אַזוי איז ביי דעם שטיקל ברויט מיט פוטער. געשטאָרבן די גאַנצע באַרימטע „פרייהייט פון וואָרט" עליה השלום, געבליבן אַ פוסטע פראַזע, אַן אויסגעלייי־דיקטע, און אויך אַ באַליידיקטע. און אַז אַ מענטש האָט אַ שטיקל ברויט ווילט זיך עפּעס צום ברויט, איז דער עפּעס ווידער אַ גוטער א ביישט צו טרייבן צו פאַלגן וואָס „אַלע פרומע לייט הייסן טאָן" און מענטשן, אַ וועלט מיט מענטשן טוען און אַרבעטן און דינען אַלץ צו עבודה זרות, אַן אייגענעם ווילן, אַן אייגענעם גלויבן און אַן אינעווייניקסטער ליבע.

## עבודה זרה מיטן גוטן ווילן

די גאַנצע דערציִונג פון דער יוגנט גייט איצט אויך אין די וועגן צו אַנטוויקלען ניט דאָס יחידישע אין מענטשן, ניט זיין אייגענעם אינדיווידועלן גייסט, נאָר מען דערציט אַלעמען זיי זאָלן זיין גרייט צו גיין אין איין וועג, אַלע גלייך אין גלויבן אין די זעלביקע פּרינציפּן, אָדער זיי זאָלן זיך איינריידן פון לכתחילה אַז זיי גלייבן און זיי זאָלן גיין מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם. ניט בלויז זאָל דער שטייגער זיין איינער, איין מאָדע פון קליידונג, איין שאַבלאָן פון עסן, נאָר עס זאָל זיין אויך איין שאַבלאָן פון דענקען, פון ריידן. עס דאַרף זיין גרינג דעם מאַכטהאָבער צו דיריגירן דאָס גאַנצע לאַנד, אַלע מיליאָנען בירגער זאָלן גלייך אויספאָלגן וואָס דער הערשער וויל, וואָס די הערשערס זאָגן. און אַזוי ווערט דערצויגן די גאַנצע מענטשהייט. דאָס אינדיווידועלע, דאָס אייגענע אין מענטשן דאַרף לכתחילה דערשטיקט ווערן ער זאָל גערן גרייט זיין צו גיין מיטן שטראָם, ווי דער שטראָם וועט אים טראָגן.

ווען מען דאָך זאָגן, אַז בכן איז עס שוין ניט קיין עבודה זרה, עס איז דאָך שוין דעם מענטשנס אייגענער גלויבן און זיין גוטער ווילן. אָבער דאָך איז עס ניט אַזוי. עס איז אויך דער ווילן אַליין אַן איינגערעדטער, ניט קיין אָרגאַנישער און די עבודה זרה בלייבט ווידער אַזאַ.

און אָט פאַרוואָס: דער מענטש איז פון דער נאַטור גופא אַנדערש ווי אַ בהמה, ער איז פון דער נאַטור מער אינדיוויד ווי עס איז אַ בהמה. זיין נאַטור איז אַ סך קאָמפּליצירטער. עטלעכע שיכטן זיינען זיי אין דער „נאַטור" פון מענטשן. ער האָט אין זיך ווי יעדע באַשעפעניש די עלעמענטן פון אַ בהמה, פון אַ געוויקס וואָס האָט זיינע פאָרמען און נאָרמען. דאָס איז וואָס אַלטע קבלה־ספרים רופן אַן „נפש הבהמה". אָבער ביי דעם מענטשן קומען די עלעמענטן ניט אַרויס אַזוי דירעקט און איינפאַך. זיי זיינען אַלע קולטיווירט אין משך פון אַלע אומ־צאָליקע דורות וואָס דער מענטש איז מער ניט קיין בהמה. און אָט דאָס אַלץ

וואָס די דורות האָבן צוגעגעבן, געענדערט אין דער רויער חיהשער נאַטור, וואָס גייט לגמרי ניט פאַרלוירן, זיי ליגן אין אונדז, אין אונדזער אונטערבאַוווסטזיין, און מיר ווייסן אַפילו ניט פון זיי, אָבער זיי ווירקן, זיי פורעמען אונדזער האַנדלונג, אונדזער פיר. מען רופט עס אויך „אַרכיטיפּן". דאָס לעבט אין אונדז גאַנץ טיף. אָבער דאָס „אַרכיטיפּישע" אין אונדז איז שוין ניט אַזוי אוניפיצירט ווי עס איז דאָס בהמהשע. אַלע וואַלד־סאַסנעס אָדער דעמבן לעבן גלייך, איינע און די זעלביקע נאַרמען. אַלע קי און אַלע פערד — אויך אַזוי, איינער ווי אַלע.

דאָס אַרכיטיפּישע אָבער אין מענטשן איז שוין ניט אַזוי אוניפאָרמיש. יעדע גרופּע און יעדער שבט האָט זיך אויסגעאַרבעט אין משך פון די אַנצאַליקע דורות זיינע פאָרמען און נאָרמען, זיין שטייגער און זיין „פאָלקישע" נאַטור. און זיי גייען איבער בירושה. אַנדערש פירן זיך, אַנדערש פילן זיך מענטשן פון פאַר־שיידענע פעלקער אַפילו ניט געלערנטערהייט. געווען אַמאָל אַ יידיש פאָלקס־לידל „מאַכט דער ציגיינער, מאַכט דער איוואַנקע, מאַכט דער ייד".. יעדער מענטש פון יעדן פאָלק מאַכט אַנדערש. אַ צווייט לידל זינגט עס „אַ גוי גייט אין שענקל אַריין, אַ ייד גייט אין בית־מדרשל אַריין..." מען דערקענט אַ פאָלק אויפן פנים פון אַ מענטשן אין דער שטים, אין יעדן שמייכל און אין יעדן מאַך מיט דער האַנט. אַפילו חיות און געוויקסן זייבען דאָך פאַרשיידן ווען מען קולטי־ווירט זיי, עס אַרבעטן זיך אויס אַלערליי סאָרטן. נאָך מערער איז עס ביי מענטשן. דאָס איז דאָס „פאָלקישע" אין מענטשן, אין זיין כאַראַקטער, אין זיין באַנעמען די וועלט און אין זיין פירונג. מען זאָגט און עס איז ריכטיק צו זאָגן „אַזוי רעדט אַ רוס, אַזוי האַנדלט אַ פּאַליאַק און אַזוי פירט זיך אַ מעקסיקאַנער. „עס דוכט זיך מיר אָפט אַז מען קאָן אין די פאָלקס־געזאַנגען און אין די פאָלקס־טענץ דער־קענען די געשיכטע פון אַ פאָלק. דאָס איז דער כלל וואָס לעבט אין יעדן פּרט, דאָס קאָלעקטיווע וואָס עס טראָגט יעדער אינדיוויד אין זיך אין אַלע פאָרמען פון זיין לעבן.

גליקלעך איז דער וואָס זיין אינדיווידועלס שטימט מיט דעם קאָלעקטיוון אין אים. עס איז געזונטער און אמתדיקער ווען דער רוס איז רוסיש און דער ייד איז יידיש און דער טערק איז טערקיש. עס איז נאָרמאַל דער היינטיקער מענטש זאָל אַנטפּלעקן אין זיין גאַנג און אין אַלע פאָרמען פון זיין לעבן אַלע זיינע פאַרגאַנגענע דורות. דער אינדיווידועלער כאַראַקטער פון מענטשן זאָל שטימען אין גאַנצן מיט זיין „אַרכיטיפּ", מיט די נאָרמען פון זיין קאָלעקטיוו, פון זיין פאָלק. אַזוי איז עס ביי אַלע פעלקער און אַזוי איז עס געווען אויך ביי אונדז כל זמן מיר יידן האָבן געהאַט אין די שטעטלעך אונדזער אויטאָנאָם לעבן.. דעמאָלט האָבן מיר געהאַט אַ יידישן מאַסיוו וואָס איז געווען יידיש אַן שולן און אָן לערנען און אָן אויסגעלערנטע פראַזעס. דאָס יידישע איז געלעגן „אין בלוט" פון יעדן יידן!

יידן זיינען געווען „נאַטירלעכע" יידן. איז עס געווען געזונט און נאַטירלעך אַז דאָס אינדיווידועלע איז געווען אין פולן הסכם מיט דעם קאָלעקטיוו, אַז דאָס אויסגעלערנטע, דאָס דערוואָרבענע זאָל ניט זיין אין קאָנפליקט מיט דעם אַרכי־טיפּישן אין מענטשן, אין יידן. „אַ ייד איז אַ ייד" — אַזוי עסט ער, אַזוי טרינקט ער, אַזוי טאַנצט ער, אַזוי זינגט ער, אַזוי לעבט ער. דאַ האָט געקאָנט זיין אַ ייד אָן „עבודה זרה". איז אַ ייד געווען אויפריכטיק ניט בלויז מיט זיך אַליין נאָר מיט אַלע זיינע דורות, ער האָט געקאָנט זיין עכט, אמת יידישדיק. אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר אַ סך אַזוינע טיפּן. אויך צווישן די יידישע שרייבער זיינען געווען אַזוינע קרעפּטיקע, ניט קיין אויסגעלערנטע, נאַטירלעכע טאַלאַנטן. און ניט בלויז שרייבער. עס איז שוין לאַנג געזאָגט געווען „גרויסע יידן פון קליינע שטעטלעך". מען האָט ליב געהאַט ביי אונדז צו זאָגן אַז דער און דער איז אַן איינגעבאָרענער טאַלאַנט, עלעהיי אַ מעטעאָר אַראָפּגעפאַלן פון הימל. איז עס געווען און געבליבן פאַלש. אין דעם שרייבער, אין דעם טוער, אין דעם קינסט־לער האָבן זיך אַנטפּלעקט דורות יידישקייט. מיט די אייגענע אינדיווידועלע כוחות איז מסתמא נאָך קיין שרייבער און קיין איין קינסטלער ניט געווען אויף דער וועלט. דאָס האָבן געציילטע, געקליבענע מענטשן זוכה געווען אַז די שכינה פון זייער פאָלק זאָל זיך אַנטפּלעקן אין זיי, אין זייער אַרבעט, אין זייערע שאַפונגען. מיט דעם „אייגענעם שכל" (אויב אַזאַ איז גאָר מעגלעך), אַפילו מיט דעם גאַנצן באַוווסטזיין קאָן קיין געניוס ניט ווערן קיין „נאַציאָנאַלער" קינסטלער אָדער שעפער. דערמיט לאָזט זיך אויך דערקלערן די דערשיינונג וואָס גוטע העברעער קלאָגן זיך אויף דעם אַז די יידישע ליטעראַטור שטייט העכער פון דער העברעיִשער. איך גיי ניט אַריין אין דעם, צי עס איז ריכטיק אָדער ניט, אָבער עס איז נאַטירלעך אַז אַזוי דאַרף עס זיין: דאָס פאָלקישע, דאָס אַרכיטיפּישע, דאָס נאַציאָנאַלע האָט זיך געקאָנט גרינגער און גיכער אַנטפּלעקן אין פאָלקישער שפּראַך איידער אין דער אויסגעלערנטער. איז פאַר תורה־ספרים געווען נאַטיר־לעכער דאָס לשון קודש און פאַר ליטעראַטור — יידיש.

אין אונדזער היינטיקער אורבאַנישער תקופה, ווען מיר האָבן פאַרלאָרן אונדזער אויטאָנאָמיע, און יעדער ייד באַזונדער איז אַריינגעדרונגען אין דער פרעמדער, ניט יידישער סביבה, איז מער ניטאָ קיין יידישער פאָלקישער מאַסיוו. היינט אַז מען דאַרף יידישקייט אויסלערנען און אַריינלערנען, זיינען אויך אויסגעטריקנט געוואָרן די קוואַלן פון יידישער שעפערישקייט. ניטאָ און עס קומט ניט צו. דאַ ליגט אויך דער מקור פון דער ווילקער **עבודה זרה**. דער ייד איז צעקריגט מיט זיך אַליין, זיין אינדיווידועלער באַוווסטזיין רעוואָלטירט קעגן זיין פאָלקישן אונטערבאַוווסטזיין, דער פערזענלעכער טיפּ אין דעם ייד וויל דערשטיקן דעם דורותדיקן אַרכיטיפּ אין זיך גופא, זיין אָפּשטאַם איז אים מיאוס

און פאַרהאַסט. גיי איך ניט אַריין דאָ אין דעם שוידערלעכן פאַרפלאָנטערטן קאָמפלעקס קאָנפליקטן אין דער נשמה פון אַזוינע יידן. דאָס האָב איך געפרובירט באַהאַנדלען אין די אַרבעטן וועגן „עגאָפאָביע". דאָ וויל איך זאָגן אַז דאָס אַלץ וואָס אַזאַ מענטש טוט און שאַפט אַפילו מיטן גאַנצן ווילן טאַקע, אָבער עס בלייבט אַן עבודה זרה. דאָס אינדיווידועלע אין מענטשן גייט אויף דעם וועג און איז צופרידן מיט דעם וואָס ער אַנטלויפט, דערווייטערט זיך פון דעם פאָלקישן, וואָס ער וויל דערשטיקן, דינט דער מענטש אַלע מיני עבודה זרות אין דער וועלט, אַבי צו אַנטלויפן פון זיין אייגענעם פאָלקישן „איך". בלייבט די עבודה זרה דאָך ניט מער ווי אַן עבודה זרה. אין דעם זינען טאַקע האָט די גמרא גענומען דעם באַגריף עבודה זרה. עס מיינט פרעמדע מנהגים, פרעמדע זיטן און פירונגען, פרעמדער שטייגער, פרעמדע — ניט די וואָס שטאַמען פון דורות, ניט די יידיש־טראַדיציאָנעלע, ניט די פאָלקישע. ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן באַציט זיך דער באַגריף עבודה זרה לגמרי ניט בלויז צו דעם אַלעם וואָס מען רופט רעליגיע. עס איז ניט געקומען פון פרעמדע געטער, נאָר עס מיינט גענומען פון פרעמדע פעלקער. זיי האָבן ריכטיק גענומען און ניט אָפגעטיילט צווישן יידיש־פאָלקישן און געטלעכן. אָפגעזאָגט זיך פון פאָלקישן שטייגער, פון פאָלקישן לשון איז שוין אויך אַוועק פון דעם יידישן גאָט. היינט רופן מיר עס אַסימילאַציע און דער תלמוד האָט עס גערופן עבודה זרה און אין תנ"ך איז דאָס דינען פרעמדע געטער. עס איז די זעלביקע יענטע נאָר אַנדערש געשלייערט. און ווי די דאָזיקע פרומע עבודה־זרהניקעס זאָלן זיך ניט רופן, בלייבן זיי געשפאָלטענע נשמות. דאָס באַוווסטזיין וויל דערשטיקן דעם אונטערבאַוווסטזיין, דער אינדיווידו וויל אַנטלויפן פון זיין נאַטירלעכן איינגעבאָרענעם קאָלעקטיוו, די יענטע גנבעט פאַר זיך שלייערס און דער אַסימילירטער, דער עבודה זרהניק פוצט זיך אויס אין פרעמדע קליידער און ער וויל שפילן אַ טעאַטער־שפיל אַ גאַנץ לעבן.

אין דער יידישער ליטעראַטור געפינען מיר אַזוינע טיפן, אָבער עס איז ניט גענוג. לאָמיר זיך דאָ עטוואָס אָפשטעלן און פרובירן באַטראַכטן עטלעכע טיפן יידן פון דעם שטאַנדפונקט. און אָנהייבן וועל איך מיט די „אויסגעהאַלטענע איינזאַמע". דאָס זיינען די וואָס גייען ניט מיטן שטראָם, זיי באַמיען זיך צו זיין געטריי זייער קאָלעקטיוון „איך", זייער טראַדיציע פון דורות. און זיי גייען ניט מיטן שטראָם. זיי בלייבן געטריי דעם המשך פון זייער קאָלעקטיוו. זוכט ניט ביי זיי קיין שטאָלצע פריילעכקייט. עס איז גאָר ניט פריילעך דעם פעלדז וואָס שטייט איינגעפעסטיקט אין מיטן פון אַ שטראָמיקן פלוס. אַרום זיך שטיינדלעך, זאַמדן. אַלע קלאַפן אים, רייבן אים, אַלע טראָגן זיך פאַרביי מיט אַ רוישיקן געפילדער אַראָפ שטראָם, נאָר ער אַליין בלייבט שטיין איינזאַם, ער ווערט געריבן און מען לאַכט פון דעם „אָפגעשטאַנענעם", האָבן זיך דאָך אַפילו די

מעכטיקע נביאים זיך באַקלאָגט אויף זייער איינזאַמקייט. עס טרעפט אויך אַז אַט די איינזאַמע „נאַראָנים" ווערן טאַקע צעריבן פון די קליינע שטיינדלעך און זאַמדן וואָס טראָגן זיך פאַרביי...

די „מיטגייער" זיינען צופרידענער, אָבער ניט גליקלעכער. יידן זאָגן „מען זאָל ניט געפּרוּווט ווערן צו וואָס מען קאָן געוווינט ווערן". זיי זיינען לכתחילה ניט צופרידן מיט דעם גאַנג פון דער מערהייט, מיט די אַנגענומענע אמתן, זיי זיינען אָבער צו שוואַך צו קאָנען קעמפן. און נאָך אַ קורצן וואַקלען זיך מאכט מען שלום און מען פאַרבייגט זיך אַליין, מען פאַרגעסט זיך אַליין און דעם אייגענעם „איך". כ׳מיין, ווי לאַנג קאָן מען שטיין מחוץ דעם לעבן? און וואָס איז די פעולה פון זיין איין „משוגענער"? הייבט מען אָן ביסלעכוויז צו גיין אין שפּאַן מיט אַלעמען גלייך, מען פאַרשווייגט דאָס וואָס עס איז קעגן דעם אייגענעם געוויסן און „מתוך שלא לשמה אתה בא לשמה", מען אַרבעט זיך אַריין און מען טוט ערלעך אַפילו וואָס מען דאַרף, וואָס די עבודה זרה הייסט. צו דעם טיף געהערן אַ סך פון די וואָס מען רופט אין מדינת ישראל „פקידים". טיף אין האַרצן גייט זיי זייער אַרבעט ניט אָן צו שטאַרק. מען היט אָבער די שטעלע, מען זעט נאָר זי זאָל ניט צו פיל פאַרמאַטערן. מען דאַרף שטייגן אין דער אַרבעט, עס ווילט זיך גיין אַרויף. קומט אַמאָל אויס אַפילו אַז מען דאַרף ניט נאָר זיך פאַרשווייגן, נאָר זיך אַליין אַפילו צו פאַרלייקענען, מען דאַרף אַמאָל ריידן און שרייבן, און אַרויסטרעטן אַפילו קעגן דעם טיפערן אייגענעם אמת. עס קומט אַפילו אויס פּריקרע אַמאָל, אָבער ווער האָט עס ניט אין לעבן קיין פּריקרע סיטואַציעס? מען ווערט צוגעוווינט. מען געוווינט זיך צו צו ניקאָטין, צו נאַרקאָטיק, אָבער דעם כאַראַקטער צעשטערט עס. מען טוט די אַרבעט, אָפט אַפילו גאָר געטריי, אָבער קיין אמונה און קיין ליבע איז אין דער אַרבעט ניטאָ. דער מענטש אַנטלויפט פון פּראָבלעמען, ער באַמיט זיך ניט פאַרטיפן זיך אין די פּראָבלעמען, וואָס קאָנען אים אפשר פאַרשאַפן אומאַנגענעמלעכקייטן. זיינען די מענטשן זייער פּלאַך: צו וואָס זאָל מען זיך גראָבן? מען פאַרשווייגט אַלע מעגלעכע פּראָבלעמען. מען פאַרשווייגט אָדער פאַרקערט — די ענערגישע מענטשן — ווערן דווקא פאַרשרייען זיך אַליין, מען וויל זיך פאַרטומלען, פאַרשרייען די אינעווייניקסטע ספקות. ווערט מען געטרייער ווי די אמתע גלוביקע אין דער עבודה זרה. עס קומט אויס גאָר ניט זעלטן צו הערן די פלאַמיקע רעדעס פון אַזויגע „יידישיסטן, העברעיִסטן" און אַלערליי אַנדערע שרייִקע „איסטן", און זאָלן זיי מיר מוחל זיין — מען גלייבט זיי ניט. מען דערקענט אַז זייער שרייען איז ניט עכט. און אויב אַפילו זיי ווערן שוין אַזוי איינגעלעבט אין זייער דינען דער עבודה זרה, אַז זיי ריידן שוין אויפריכטיק, איז אָבער די אויפריכטיקייט זייערע נאָר אַ פּערזענלעכע, עס הילכט ניט אין זייערע רייד קיין

בת קול פון דורות. מען קאָן אין זייערע רייד און אין זייערע מעשים ניט זען דעם יידן, דעם יידישן צוגאַנג, דעם יידישן געדאַנקען־גאַנג. די מענטשן קאָנען אָפּט בייטן זייערע אידעען, מען דאַרף גיין מיטן שטראָם. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע זיינען אַ סך בונדיסטן און ציוניסטן אַפּילו אַריבער צום קאָמוניזם און עפּנטלעך געוואָרפן שטיינער אויף די אייגענע אידעען פון אייגע־נעם נעכטן. און עס איז געווען ווייט ניט סתם אַ קאַריעריסטישער „שמד". עס זיינען דאָ איצט אין ארץ ישראל און אומעטום אַ סך אַזוינע ציוניסטישע „מיט־לויפער"... יידן פלעגן אַמאָל זאָגן „ביי אַ פולן וואָגן איז גוט אַפילו גיין צופוס". איך האָב איין מאָל צופעליק געזען אויף אַ לופטפּאַרט אַ גרופּע רוסן וואָס האָבן געוואָרט פון איין עראָפּלאַן ביז אַ צווייטן און אויך אַ גרופּע יידן וואָס האָבן אויך געוואַרט. איך האָב זיך צוגעקוקט צו ביידע גרופּעס, ווי זיי האָבן זיך געהאַלטן און מיט וואָס פאַר אַ מוט זיי האָבן גערעדט. מיר איז אויסגעקומען אַז די רוסן אינטערעסירן זיך גאָר ווייניק מיט דעם וואָס די אַרטיקע (מעקסיקאַנער) קוקן אויף זיי בעת די יידן האָבן זיך כסדר אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. יענע האָבן גערעדט הויך זייער רוסיש; די יידן האָבן גערעדט שטיל אַז איך האָב ניט געקאָנט כאַפּן וואָסער שפּראַך זיי ריידן. איך בין גאָר אַמאָל געפאָרן מיט אַ שיף פון אַדעס קיין ארץ ישראל. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זיינען אַ גרופּע יונגע יידן אַראָפּ אין שטאָט. בייטאָג זיינען זיי אַלע געקומען צוריק — די יידן און אויך עטלעכע רוסן. די יידן זיינען אַלע געווען אין רויטע פעסקעס און מען האָט זיך געמאַכט מיט אַ כלומרשטן טערקיש און מיט אַ מאַכן מיט די הענט ווי עס טוען די טערקן... עס איז געווען אַ וויץ, אָבער דער וויץ האָט געלאָזט לערנען אויף דעם ערנסט אויך. עס איז ביי אונדז אַזוי אָפּט דאָ אַ גרויסע דיסטאַנץ צווישן דעם פּערזענלעכן געשטאַלט פון דעם מענטשן און צווישן זיין דורותדיקן „איד". און עס איז לגמרי ניט קיין פראַגע פון אַנלערנען זיך אַ סך מיט די יידישע תורות פון די דורות. אַ פּשוטער עם הארץ וואָס האָט קיין שייטל עברי ניט געקענט האָט עס פאַרמאָגט מער ווי אַ סך היינטיקע למדנים, וואָס האַלטן אין איין אויספּיינען זיך פאַר ווען מען דאַרף אַז „אונדזער תורה איז גאָר ניט אַזוי ווייט פון זייערער". דאָס איז די געשפּאָלטענע נשמה פון די מיטגייער, פון די נאָכלויפער, וואָס גייען צופוס ביי דעם פרעמדן רייכן און פולן וואָגן. עס איז ווי יענער פרומער משומד וואָס ווי נאָר עס קומט יום כיפור הייבט אים אָן צו קלאַפּן אין הארצן. און כדי דער נייער גאָט זיינער זאָל אים מוחל זיין די עבירה, גייט ער מאַכן כאַטש אַ קליין פּאָגראָמל אויף די „זשידי מאַשעניקי". די בונדישע אַריבערלויפערס צו די קאָמוניסטן זיינען לגמרי ניט געווען קיין סתם „רענעגאַטן" ווי אַ סך בונדיסטן אין פּוילן האָבן עס געוואָלט פאַרשטעלן. יידן אין די שטעטלעך זיינען געווען אויפריכטיק מיט זיך און עכט מיט זייערע דורות. אין דער אורגאַניזאַציע האָבן

מיר פֿאַרלאָרן אונדזער עכטקייט. מיר באַמיִען זיך צו זײַן ווי אַלע אין דעם אַרום. האָט אַ ייִד אין זײַן וואַנדער דאָ געדאַרפֿט זײַן אַ רוס, דאָ אַ פּאַליאַק, דאָ אַ פֿראַנצויז און דאָ אַן אַמעריקאַנער. אויך אין מדינת ישראל קאָנען די ייִדן ניט זײַן קיין עכטע. ערשטנס האָבן זיי שוין ניט מיטגעבראַכט קיין אמת עכטע ייִדישקייט, צווייטנס, דאַרפֿן זיי און ווילן זיך צופּאַסן אויך דאָ. איז זייער ציוניזם און זייער „ישראליזם" ווידער ניט קיין עכטער, דאָס איז דער טיפּ פֿון „פּקיד", אָבער ניט דווקא דער פּאַקטישער פּקיד איז אַזוי, (פּקיד — אַ באַאַמטער). דער טיפּ איז אַ סך מער פֿאַרשפּרייט צווישן אַלע פֿרײַע פּראָפֿעסיעס, צווישן קרעמער, לערער און אויך שרײַבער. קאָן זײַן אַז צווישן די פֿרומע ייִדן זײַנען פֿאַראַן מער עכטע ייִדן. הגם איך האָב אַ סך גרונטן צו ספֿקן אויך אין דעם.

עס איז קלאָר אַז דער ציוניזם איז גאָר אַ גרויסע אידעע, אַ רעוואָלוציע קעגן דעם צוויי טויזנט יאָריקן לעבן אין גלות. אָבער ער איז באַגלייט געווען (און איז ביז הײַנט!) מיטן טראַגישן קאָמפּלעקס צו וועלן אַנטלויפֿן ניט אַזוי פֿון די צרות אין גלות ווי פֿון דער ייִדישקייט אין גלות. מען האָט געשטרעבט צו שאַפֿן אַ נײַעם טיפּ ייִד, אָפּזאָגן זיך פֿון די דורות. מען האָט עס גערופֿן „שלילת הגלות" נאָר געווען איז דאָס (און עס איז!) אַ שלילת הייִדישקייט. מען האָט צעריסן די גאָלדענע קייט, איבערגעשניטן די דורותדיקע המשכדיקייט און מען האָט אַנולירט דעם ייִדישן „אַרכיטיפּ". האָבן ייִדן אין ישראל און אַ סך ישראלים פֿאַרלאָרן זייער היסטאָרישן, דורותדיקן גײַסטיקן פּרצוף. אַנשטאָט צו בויען אַן אויטאָנאָמיע פֿאַר דער ייִדישקייט האָט מען זיך פֿאַרמאָסטן צו בויען אַ נײַע ייִדישקייט, אָן אַ המשך און אָן אַ שייכות צו דער ייִדישקייט פֿון דורות. דערפֿאַר פֿעלט טאַקע די דורותדיקע ייִדישע עכטקייט. הלוואי זאָל די מדינה זיך באַ־פֿרײַען פֿון דעם שווערן קאָמפּלעקס וואָס שאַפֿט אַזוי פֿיל פּראָבלעמען און אינעווייניקסטע צרות. איך גלייב מיטן גאַנצן האַרצן אַז ווען ניט „שלילה", וואָלט הײַנט די מדינה געווען פֿרײַ פֿון אַ סך צרות און אינעווייניקסטע פּראָבלעמען.

איך קום דאָ ניט צו אַנטפּלעקן סודות, ניט אַנטדעקן נײַע אַמעריקעס וויל איך, און איך וויל ניט מוסרן און קריטיקירן און לערנען. עס איז די נאַטור פֿון יעדן שטראָם, אַז ווען דאָס שטאַרקע געוויסער שטילט זיך אײַן, פֿליסט דאָס וואַסער דאָך יאָ אַוועק, אָבער דאָס אַלץ וואָס דער שטראָם האָט אָנגעטראָגן, די שטיינער, זאַמדן, בלאָטע און ערד — דאָס אַלץ בלײַבט, דאָס גייט ניט מיט. עס טרעפֿט אַמאָל אַז דאָס אָנגעטראָגענע פֿאַרשטעלט דעם שטראָם... (איינער אַ געאָלאָג האָט דערמיט געוואָלט דערקלערן דאָס אָפּשטעלן זיך פֿון ירדן, וואָס דער תנך דערציילט)...

א. גאָלאָמב

# רעליגיעזע עבודה זרה

אַ באַזונדערער אייגנאַרטיקער טיפּ עבודה זרה איז רעליגיע. קאָן אפשר אויסקומען עטוואָס מאָדנע — מיר זיינען געוווינט צו מיינען אַז ווי עס קומט צו רעליגיע, דאָ זיינען מיר זיכער מיט יידישקייט, אָבער דאָך איז עס פאַרט אַזוי. איך האָב דאָ אין זינען אַ געוויסן טיפּ „בעלי תשובה". דאָס הייסט, מענטשן וואָס זיינען געווען ווייט פון רעליגיע ווערן צוריק רעליגיעז. אָבער ווי איך האָב דאָס שוין אַ סך מאָל אונטערגעשטראָכן, איז די יידישע רעליגיע דורך און דורך פאָלקיסטיש, נאַציאָנאַל. עס מיינט, אַז זי האָט פאַרהייליקט אַלץ וואָס עס איז יידיש, גאָר די יידישקייט. ניט ווי ביי די אַנדערע פעלקער, וואָס די רעליגיע איז ביי זיי צוגאָב צו זייער קולטור, איז ביי יידן די עצם יידישע קולטור, דער שטייגער פאַרהייליקט. ווי איז אָבער דער דין אַז מען זאָגט זיך אָפּ פון פאָלקישקייט, פון דעם יידישן פאָלקישן שטייגער? דעמאָלט בלייבט ניט צו וואָס זיך אומצוקערן. דעמאָלט איז מען ניט קיין בעל תשובה, דעמאָלט איז מען אַ „גאָטזוכער". און גאָטזוכערס זיינען פאַראַן ניט בלויז ביי יידן. מען קערט זיך דאָך ניט אום צו דער פשוטער פאָלקישער יידישקייט, צו אַלץ וואָס שיידט אָפּ יידן פון אַנדערע פעלקער, צו יידישן שאַפן, צו יידישן לשון צו אַלץ וואָס די יידישע אַנדערשקייט גיט אַרויס פון זיך אין קונסט און אין וואָרט. אַזאַ מין בעל תשובה איז געווען, למשל, דר. נתן בירנבוים, אפשר פריץ מרדכי קויפמאַן. זייער ווייניק. אַז מען וויל ווערן רעליגיעז אָבער אויסגעהיט פון יידישער שטייגערישקייט, קומט עס אויס ווי מען זאָל אויפעסן דעם בייגל און עס בלייבט נאָר די לאָך. ווערט אומעטיק, בלייבט און דריקט די ליידיקייט. וואָלט מען געקאָנט פאַרשטיין ווען אַזוינע יידן גייען אַוועק, לאָמיר זאָגן צו די „נטורי קרתא" אין ירושלים, אָדער צו דער אגודה. אָבער אַז מען וויל זיין רעליגיעז אָן פאָלקישער יידישקייט, איז עס טאַקע אַ שווערע זאַך. זוכט מען רעליגיע. איז גאָר ניט שווער צו פאַרקריכן צו פרעמדע פעלדער. ביי די פרעמדע איז דאָך לכתחילה די רעליגיע אָפּגעטיילט פון פאָלקישקייט. זוכט מען טאַקע אַ רעליגיע וואָס זאָל ניט זיין פאָלקיש־יידיש. איז דאָ גאָר גרינג צו קומען צו עבודה זרה אין פשוטן זינען פון וואָרט, ווי דאָס האָבן אויך געמיינט די פאַרצייטיקע אונדזערע. אַזאַ מין אָפּנייג, אַ פאַרקוקן זיך צו פרעמדע האָב איך געזען אין אַ פיינעם גאָטזוכערישן זשורנאַל אין העברעיִש. דער זשורנאַל איז אויך פאַרבונדן מיט עטלעכע גאָר הויכע שפּיצן פון העברעיִשער אינטעליגענץ. אין דעם שריפט „פּרוזדור" לייען איך אַן אַרטיקל, ווו דער מחבר פאַרמעסט זיך צו געבן אַ נייעם מאָדערנעם פּירוש אויף די אַלטע ווערטער פון „שמע ישראל". איז עס אפשר אויך רעכט אַז יעדער דור דאַרף די אַלטע ווערטער טייטשן לויט זיינע באַגריפן. הייבט אָבער אָן דער

חשובער מחבר פון עטוואָס ווייט, מען דאַרף אויפבויען אַ בריק צווישן עטיק און וויסנשאַפט. איז עס אַ פּראָבלעם אַן אַלגעמיינע, ניט קיין ריין יידישע. עס איז די קאָנקורענץ צווישן דער „ריינער" וויסנשאַפט און דער „אַנגעוועודטער". שוין מער ווי הונדערט יאָר ווי די דיסקוסיע גייט אָן. מען וואָלט געקאָנט ברענגען די מיינונג פון כמעט אַלע וועלט-באַרימטע וויסנשאַפטלער, זיי גלייבן ניט אין דער וויסנשאַפט וואָס זוכט לכתחילה ברויט מיט פּוטער פון דער וויסנשאַפט. זיי אַלע זיינען מסכים מיט אונדזער יוחנן מלמד ביי פּרצן, וואָס זאָגט סאַרקאַסטיש, אַז „מען וועט נאָך אַמאָל נעמען די שטראַלן פון דער זון און מען וועט זיי הייסן פּוצן די שטיוול". די אמתע וויסנשאַפט שטאַמט טאַקע פון די זעלביקע ריין הומאַנישע, מענטשלעכע דראַנגען צו דערגיין די סודות, די נפלאות הבורא. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אין אַנדערע הויכשולן האָט מען איצט גענומען לייגן מער אַכט אויף דער געשיכטע פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן. און אָט די געשיכטע איז טאַקע פול מיט אָן אַ שיעור טיף עטישע אומגייציקע לגמרי שטרעבונגען צו זוכן, צו וועלן געפינען דאָס געטלעכע אין דעם באַשאַף. דאָ איז פאַראַן אויך אַזוי פיל אידעאַליזם און מסירת נפש, אַזוי פיל ריינע עטיק. מען דאַרף גאָר ניט מיינען אַז די וויסנשאַפטן זיינען געוואַקסן אין די רייכע פאַבריק-לאַבאָראַטאָריעס. זיי נוצן נאָר אויס דאָס וואָס די „ריינע" וויסנשאַפט האָט אויסגעפונען. דערמאָנט זיך מיר אַן אַמאָליקן פיזיקער וואָס האָט געזאָגט אַז דאָס לעבן פון דער וויסנשאַפט איז איר וועג, איר זוכן, איר מאַטערן זיך צו געפינען די אמתן. די שוין געפונענע, די שוין פאָרמולירטע געזעצן, — דאָס זיינען שוין טויטע וויסנס. און די „פּראַקטישע אַנווענדער" זיי נעמען די טויטע און מען מאַכט פון זיי פּראַקטישע זאַכן. ווי אַ סטאָליער נעמט דאָס טויטע האָלץ פון ביימער, ווי אַ שוסטער נעמט טויטע לעדער, פעלן פון בהמות וואָס האָבן אַמאָל געלעבט. מען קאָן זיך באַגנוגענען מיט אָנרופן בלויז די נעמען פון אַ גאַליליי, פון אַ לאַוואַזיע, פאַסטער און קיורי, כדי צו זען די הומאַנישע, עטישע וואָרצלען פון דער וויסנשאַפט. מיר איז באַקאַנט אַן אַלט ווערק פון אַ רוסישן געלערנטן מיטן נאָמען „וויסנשאַפט און דעמאָקראַטיע"... בכן איז עס אַן אַלגעמיין-מענטשלעכע פּראָבלעם — די הומאַניזאַציע פון דער וויסנשאַפט, ניט דווקא קיין יידישע. וויל אָבער דער מחבר פון דעם אַרטיקל אין „פּרוזדור" שענקען די אויפגאַב דעם יידישן פאָלק די מיסיע „אַריבערצופירן די גאָט-אַנטפּלעקונג (גילויי אלוהים) פון דעם פאַרצייטיקן מזרח צו דעם יונגן מערב". גיי איך ניט אַריין אין דער פראַגע, פאַרוואָס די עטיק שטייט איין דווקא ביי דעם אַלטן מזרח, מיר איז דאָ אינטערעסאַנט דער „תחית המתים" פון דער אַלטער טעאָריע פון אונדזער „אַלטן מערב" וועגן דער יידישער „מיסיאָן" דאָס יידישע פאָלק איז ניט עפּעס פאַר זיך מיט אייגענע צילן און אויפגאַבעס פאַר זיך, נאָר עס איז בלויז אַ שליח, אַ מין משולח פון אַן-סקיס

דיבוק, אָן אַריבערטרעגער. דער פּאַרצייטיקער מזרח איז דאָס דער פּראָדוצירער פון עטיק, זיין „פּאַטענט" איז דאָס, די יידן מיט זייער תורה, וואָס האָבן אַפּט אַליין אויך פּרעטענדירט עפּעס צו האָבן אויסגעשריבן אויף דעם געביט — די יידן זיינען בלויז די איבערטרעגער. דער מחבר פאַרגעסט לגמרי אַז מיר האָבן שוין געהאַט דעם גרויסן כבוד צו זיין מלמדים ביי דעם „יונגן" מערב (ווי לאַנג וועט ער זיך רעכענען פאַר יונג!). איז וואָס דער דאָזיקער געטרייער תלמיד האָט געמאַכט פון דער יידישער תורה, דאָס לאָז איך פאַר אַנדערע. אָבער אַט „דאָס רבי־געלט" וואָס דער יונגער מערב האָט אונדז געצאָלט פאַר אונדזער מלמדות מעג זיין געגנוג מיר זאָלן מוחל זיין די ווייטערדיקע מלמדות. עס איז מיר געוועזן אַ גרויסער פאַרדרוס די עצם נייע אויפלאַגע פון דער מיסיאָן־טעאָריע. און דאָס דווקא אין מדינת ישראל. זיינען די אַריגינעלע מיסיאָן־טעאָרעטיקער געווען אין גלות, אין דייטשלאַנד. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון יידישע פאַרזיכיקייט, פון יידישער פאָלקישקייט, האָט מען געוואָלט קנעכטיש זיך באַרעכטיקן אין די אויגן פון די באַלעבאַטים מיט דער „מיסיאָן" וואָס מען טראָגט אויף די יידישע פּלייצעס. אָבער אין דער יידישער מדינה, ווו אַ פאָלק (ניט דווקא די ישראלים) מאַטערט זיך מיט אַלע כוחות צו דערגרייכן פאַרזיכיקייט, קומען דאָ מיט מיסיאָן־טעאָריע — עפּעס קלינגט עס צופיל מיט גלות־פּסיכאָלאָגיע... אַז מען פאַרלירט דאָס אייגענע פאָלק, קאָן מען זיצן אין מדינת ישראל, שרייבן אַ פיינעם עברית און בלייבן טיף אין פאַרעלטערטן מערב־גלות.

דער מחבר גייט אָבער ווייטער. קומט ער צו אַזאַ דרש: עס חזרט זיך איבער אַ סך מאָל דער אויסדרוק „אלהי אברהם, אלוהי יצחק, אלוהי יעקב" — אויסגע־רעכנט באַזונדער אַלע דריי אָבות. פאַרוואָס די איבערחזורונגען? מיינט דער מחבר אַז דאָס קומט אונדז צו לאָזן הערן, אַז איטלעכער מענטש איז באַזונדער פאַראַנטוואָרטלעך, יעדער איינער דאַרף פאַר זיך אָפּגעבן זיין פּריוואַטן חשבון פאַר גאָט. דרינגט ווייטער פון דעם דער מחבר, אַז די יידישע רעליגיע האָט אייגנטלעך ניט צו טאָן מיט דעם יידישן פאָלק, עס איז אָן אינדיווידואַליסטישע רעליגיע באַזונדער פאַר די אברהמס, פאַר די יצחקס און פאַר די יעקבס. אַט די דריי נעמען זיינען ניט עפּעס פאַרבונדן צווישן זיך און מיטן יידישן פאָלק דווקא. די הייגטיקע ר' אברהם, ר' איציק און ר' יאַנקל האָבן צו טאָן מיט יענע חומשדיקע אברהם, יצחק און יעקב, ניט מער ווי יעדער אַנדערער מענטש. עס איז, שרייבט דער מחבר, גאָר „קליינקעפּלדיקייט" צו מיינען אַז די בלוט־געמיינ־שאַפט אַליין איז גענוג אַ מענטש זאָל אָנערקענט ווערן פאַר אַ יידן". און דערפאַר מיינט ער, אַז דאָס וואָרט ישראל אין דעם זאַץ פון „שמע ישראל" מיינט לגמרי ניט דווקא די אָפּשטאַמיקע פון היסטאָרישן יידישן פאָלק. „ישראל" מיינט דאָך לויטן פשוטן טייטש קעמפער פאַר גאָט („לוחם למען אלוהים"). בכן

שרייבט דער מחבר, — קאָן „ישראל" מיינען אַלעמען וואָס זוכן מיט זייער גוטן ווילן אַ גאָט, „מעגן זיי זיין קריסטן, מאַכמעדאַנער, בראַמיסטן וכדומה". „שמע ישראל" איז, הייסט עס, אַ ווענדונג צו אַלע גאָטזוכערס פון אַלע לענדער און רעליגיעס. אַ נייער לאָזונג „גאָטזוכער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך!"...
ווייטער שרייבט דער מחבר: אויך נאָכן חורבן, נאָכן אַרויסגיין אין גלות איז ניט אויסגעטריקנט געוואָרן דער געבענטשטער קוואַל, וואָס שטראָמט פון יידישקייט... וואָלט מען געקאָנט מיינען אַז דער מחבר האָט דאָ אין זינען די גאַנצע רייכקייט פון דער תלמודישער קולטור, וואָס האָט געפירט דאָס יידישע פאָלק אין דער אייביקייט אַריין מיט אַזוינע וועגן וואָס די אַרומיקע וועלט האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין. אָ, ניין. דער מחבר האָט עפּעס גאָר אַנדערש אין זינען. ער שרייבט „די יידן וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר יידישקייט, האָבן אויפגעשטעלט אַ דאַמבע קעגן דעם דראַנג צו געצנדינערישקייט וואָס האָלט זיך נאָך אין מערב. אין דער נייער צייט איז נאָך צוגעקומען די פאַרגעטערונג פון פּראָגרעס, ראַציאָ און וויסנשאַפט. האָט דאָס יידישקייט געדאַרפט דורכשלאָגן אַ וועג צו דעם לעבעדיקן אמת וואָס איז פאַרבאָרגן אין אונדזער תנך"... נו, מילא, דער תנך מיט זיינע אָפענע און פאַרבאָרגענע אמתן איז אַנגענומען אין מערב מער ווי ביי די יידן, און עס האָט זיי גאָר ווייניק געהאָלפן דאָס דערוווייטערן זיך פון געצנדינסט.. עס איז ניט שווער איינצוזען, אַז זיי האָבן דעם תנ"ך גופא געמאַכט ווי אַ מין געץ, להבדיל. איך האָב שוין אויך פריער אָנגעוויזן אַז די פאַרשטעלונג ווי די וויסנשאַפט איז כלומרשט קעגן דער עטיק איז לגמרי וויסנשאַפטלעך ניט ריכטיק, אויב „השמים מספרים כבוד אל" און ווייטער, איז די וויסנשאַפט בכלל נאָך מער די אמתע דערציילערין פון דעם „כבוד אל", דאָ וויל איך בלויז וויזן ווי פלאַך און ווי קנעכטיש „גלותדיק" דענקענדיקע יידן ווילן באַנעמען אונדזער בלוטיק־טראַגישע געשיכטע, אונדזער גאַנג צווישן פעלקער. דער ציל און דער זינען פון אונדזער קיום ליגט ניט אין אונדז גופא, נאָר מיר דאַרפן אָפּהאַלטן דעם יונגן מערב פון געצנדינסט, דאָס יידישע פאָלק לעבט צוליב זיי, צוליב די נוצן וואָס מיר דאַרפן זיי ברענגען... ניין, אַזוי גלותדיק סובאָרדינירט אין געדאַנק זיינען יידישע דענקער אין גלות קיין מאָל ניט געווען, סיידן מען האָט זיי „עמאַנציפּירט" און דערמיט פאַרשקלאַפט זייער געדאַנק. אָבער ווי קומט עס צו אַ דענקער אין מדינת ישראל? אפשר האָט אויך די גאַנצע מדינה איר זינען אין עפּעס אויפצוטאָן פאַרן יונגן מערב?... ניט אומזיסט האָט אַמאָל געשריבן אַ קלוגער ייד (דאַכט זיך, אליעזר שטיינמאַן אין „מאזנים") אַז אַ ייד קאָן לעבן אין ארץ ישראל, ריידן עברית, דערציען זיינע קינדער אין עברית, און ער קאָן בלייבן אַסימילירט ביז גאָר (דאָס ציטירטע אַרטיקל איז געדרוקט אין „פּרוזדור", אלול תשכ"ג). דאָס איז דער וועג פון די וואָס פאַרלאָזן דאָס יידישע פאָלק מיט

זייַן פאָלקישקייט און מען לאָזט זיך זוכן אַ גאָט עפּעס אַן אָביעקטיוון, אַן אַ שייכות צום יידישן פאָלק. דער יידישער גאָט אָבער האָט אַליין געזאָגט דאָס פאַרקערטע: „הלוואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו" — לאָזט גאָט צו רו, היט אָבער מייַן יידיש־קייט — מייַן תורה... דער וועג צום יידישן גאָט קאָן גייַן נאָר דורך דעם יידישן פאָלק און דורך יידישער פאָלקישקייט.

אָט זאָגט מיר אַ ליבער פרייַנד — אַן אַמאָליקער גוטער פרייַנד, אַ האַרציקער, דורכגעווייקט אין פּוילישער חסידישער יידישקייט, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ לעבן אין ארץ ישראל מיט אַ העברעאיזירטן נאָמען, ער איז אויך אַ פאַרשטייער פון אַ צווייטער גאָטזוכערישער גרופּע, זאָגט ער מיר איצט: דו שטעקסט נאָך אין דייַן פאָלקיזם מיט דייַן פאָלקישקייט (עממיות). מיר זייַנען שוין אַריבער די סטאַדיע, מיר זייַנען אַוועק פאָרויס...

אין תנך שטראָפט גאָט פאַרן פאַרלאָזן דעם יידישן גאָט און זוכן אַנדערע געטער. איצט ווערן מיר געשטראָפט פאַר פאַרלאָזן דאָס פאָלק און גייַן זוכן אַנדערע געטער. בייַ יידן האָבן פאָלק און גאָט אַזאַ שטאַרקע פאַרבינדונג אַז איינער אָן דעם צווייטן קאָן ניט פירן אין דעם ריכטיקן וועג. די וואָס לאָזן זיך, מוזן פאַרבלאָנדזשען צו עבודה זרה.

אָט איז דורך דער פּרעסע אין מדינה דורכגעלאָפן אַ קליינע ידיעה אַז אין דער נייַער שטאָט וואָס יידן אין ישראל האָבן אויפגעבויט מיט אַ נאָמען פון פאַרצייטיקע שונאי ישראל — אשדוד האָט זיך געפונען אַ ייד אַ פאַרשטייער פון עפּעס אַ נייַער סעקטע פון יידן־קריסטן, און אַז זי איז פאַרשפּרייט אויך אין ירושלים, אין חיפה. איז עס מיר געווען אַ ווונדער טאַקע: פון וואַנען קומען צו יידן אין ישראל אָט די נייַע סעקטעס? פאַרוואָס זוכן וועלטלעכע יידן אויסגע־טראַכטע פעלקער ווי כנענים? פאַרוואָס האָבן ישראל־צייטונגען אָנגערופן אַ גוזמאדיקע צאָל יידישע מיידלעך וואָס זייַנען אַוועק מיט אַראַבער? פאַרוואָס געפעלט זיי ניט דער יידישער גאָט? טראַכט איך, צי האָט עס ניט קיין פאַרבינדונג מיט אָט די גאָט־זוכענישן ווען מען זוכט אַ גאָט, וואָס זאָל העלפן דינען צו אַנדערע פעלקער און פאַרדינען זיך פאַר זיי. זאָל שוין טאַקע דער יידישער גאָט רחמנות האָבן אויף די „בלאָנדזשענדיקע אויף די וועגן פון לעבן" (ווי פּרץ סמאָלענסקי האָט אַמאָל אַ נאָמען געגעבן זייַן הויפּט־ראָמאַן).

עס איז פון לאַנג, נאָך פון זוהר אָן באַקאַנט דער אויסדרוק, אַז „ישראל ואורייתא חד" — יידיש פאָלק און תורה, ד"ה יידישקייט איז איינס, אַל דאָס יידישעס איז תורה, און אַ צווייטער נוסח איז באַקאַנט אַז „ישראל וקודשא בריך הוא ואורייתא איז חד" (יידיש פאָלק, יידיש־הייליקייט און די תורה איז איינס). דאָס איז אונדזער יידישע דרייאייניקייט וואָס מען קאָן ניט און מען טאָר ניט

צעטיילן. ניטאָ קיין וועגן צום יידישן גאָט מחוץ דער יידישקייט, מחוץ דער יידישער פאָלקישקייט. מען קאָן גרינג געפינען ביי די עלטערע יידישע רעליגיעזע שרייבער, אַז ווען עס ווערט אָפּגעשוואַכט יידישקייט, ווערט אָרעמער דער יידישער גאָט. און אַז מען גייט זוכן גאָט אָן יידישקייט, מוז מען פאַרבלאָנדזשען, אוועק אויך פון דעם יידישן גאָט. איז עס דער וועג צו עבודה זרה.

ווען פרומע יידן קלעפּן אויס מעלדונגען אין די גאַסן פון מאה שערים, אַז „דער וואָס וועט פייערן דעם יום העצמאות, איז ימח שמו וזכרו", איז עס אַ העסלעכער בילבול אויף דעם יידישן גאָט. ווען אַנדערע יידן, אינטעליגענטן שרייבן אין אַ גאָט־זוכערישן זשורנאַל „דער יידיש־קריסטלעכער גאָט־באַגריף", איז דאָס אַ סימן, אַז זיי זוכן דעם יידישן גאָט אויף ניט־יידישע וועגן, אַז זיי דענקען יידישקייט לויט פרעמדע מעטאָדן, מיט באַגריפן פון עבודה זרה. און אַז פרומע יידן אין ישראל און אין דער וועלט ווילן איצט אין טראַגישן יאָר 1970 צעברעכן די קאָאַליציע, די רעגירונג פון מדינה צוליב אָן אות פון הלכה, איז דאָס אַ סימן פון קמצא און בר־קמצא־פּאָליטיק מחמת פשוטער מאַכטגיריקייט אָן אַ ברעקל אהבת ישראל, איז דאָס ניט דער וועג פון חז"ל, איז דאָס אַ צוגאַנג פון עבודה זרה צו יידישקייט.

# קיום־פילאָסאָפיע פון חז״ל

חז״ל האָבן ניט געשריבן קיין פילאָסאָפישע טראַקטאַטן. זיי האָבן בכלל זייערע אידעען און געדאַנקען ניט פאָרמולירט אין זאַצן, אין טעאָריעס. מען קאָן פון עטלעכע ערטער אין תלמוד אַרויסזען, אַז חז״ל זיינען גאָר ניט געווען גליקלעך מיט די פראַכטיקע ספרים פון דער נבואה, ווייל יידישקייט איז ניט אין שיינע ווערטער, נאָר אין שיינע פירונגען. און „די אַכט און פערציק נביאים און זיבן נביאות האָבן ניט פאַרבעסערט דעם אויפפיר פון יידן״, און דערפאַר איז „אַ חכם וויכטיקער פון אַ נביא״. מיר אָבער דאַרפן פון די מעשי חז״ל לערנען צו באַגרייפן זייערע אידעען, וואָס האָבן געפירט צו די מעשים. וועלן מיר אויך איצט זיך באַמיען לערנען די אמונות ודעות פון חז״ל דורך זייערע מעשים, פירונגען אגדות און הלכות. אַזוי ווי זיי האָבן אין זייערע סיטואַציעס געזוכט צו בויען צוגעפּאַסטע הלכות, אַזוי דאַרף מען איצט צו די היינטיקע סיטואַציעס זוכן געהעריקע מעשים, פירונגען, הלכות.

עס זיינען אַלע מאָל, אין אַלע צייטן און תקופות געווען ריכטונגען וואָס ווילן זען די יידישע תורה — די יידישקייט אַן אָפּגעשניטענע תורה — דאָס איז אַ ספר, אַ הייליק ספר; פאָרמולירט און פאַרשריבן, פיקסירט און פאַרהייליקט, אָפּגעשניטן און צוגעפּאַסט, ניט צו ענדערן קיין וואָרט, קיין אות. אַלע מאָל, אין אַלע דורות און תקופות איז אָנגעגאַנגען די מחלוקה: צי איז יידישקייט

*) חז״ל — חכמינו זכרונם לברכה. געמיינט די שעפער פון דער תלמדישער קולטור. חכם — האָט ביי זיי געמיינט ניט דאָס וואָס אין תנ״ך און אין יידיש — אַ קלוגער, נאָר עס איז געווען אַ לעגאַלער טיטול פון אַ געלערנטן, וואָס איז געווען דיפּלאָמירט (געהאַט סמיכה). געווען מדרגות אין לערנען: די נידעריקסטע איז געווען תלמיד — ניט סתם אַ קינד וואָס לערנט פון לערערס (אַזאַ האָט געהייסן תינוק של בית רבן״). תלמיד איז געווען אַ דערוואַקסענער (ניט קיין קטן), אַ העכערע מדרגה איז געווען תלמיד־חכם. אַזאַ האָט שוין גענומען אָנטייל אין דיסקוסיעס אין ישיבות. און חכם איז געווען די העכסטע מדרגה, אָבער ניט פון קלוגשאַפט נייערט פון געלערנטקייט. אַ חכם האָט געדאַרפט האָבן סמיכה. געווען נאָך אַנדערע טיטולן רב, רבי, רבן, אָבער דאָס האָט שוין אַהער ניט קיין שייכות.

אין ספרים וואָס זיי דיקטירן דאָס לעבן, אָדער יידישקייט איז אין לעבן פון יידן און פונעם לעבן דאַרף עס פאָרמולירט ווערן אין ספרים. ווער וועמען דיקטירט: די ספרים דעם לעבעדיקן פאָלק, אָדער דאָס לעבעדיקע פאָלק פירט זיין לעבן פאַר זיך, לויטן אייגענעם שטייגער, און ער — אָט דער יידישער שטייגער־לעבן, וואָס איז טראַדיציאָנעל, דורותדיק יידיש און פאַרזיכיק אַנ־דערש — אָט דער שטייגער איז די הלכה, די הייליקע וועגן פון יידישקייט, די תורה וואָס מען דאַרף זי היטן אין לעבן און מען דאַרף זי גאָר ניט פיקסירן און פאַרשרייבן לדורות. האָבן חז״ל דורות לאַנגע געקעמפט פאַר אָט דער תורת חיים, אין דעם האָבן זיי געזען זייער הייליקע אויפגאַב: פורעמען און פאָרמולירן, פאַראייניהייטלעכן און איינהיטן אין די דעטאַלן דעם גאַנג פון שטייגער, פון די הילכות החיים, פון דער הלכה, ווייל עס איז גאָר „אי אפשר לבית מדרש בלי חידוש״ (חגיגה ג,א). כסדר איז דער תלמוד פול מיט אַזוינע בערג גאַנצע „הלכות מרובות״ און „מקרא״ גאָר ווייניק. זייער אָפט האָבן זיי די תורת משה גערופן ניט תורה (אָנווייזונג) נאָר „מקרא״ (אייגנטלעך לעקטור). אַזוי אַרום איז די תורה גאָרניט קיין געענ־דיקטע, ניט קיין פיקסירטע, קיין פאַרטיקע. פאַרקערט, טאָר גאָר די תורה ניט „געענדיקט ווערן״, ניט פיקסירט ווערן לעלם ועד, אויף אייביק. דערפאַר האָבן חז״ל אייגגעשטעלט גאָר אַ נייע אויפגאַב פאַר די חכמים: „תלמוד תורה״ און דאָס מיינט ניט אויסלערנען דאָס וואָס עס איז געשריבן, נאָר פאָרמולירן און פורעמען דאָס לעבן אין אַלגעמיינע געזעצן און נאָרמען און אָט די אַקטועלע פון יעדער תקופה פאַרבינדן מיט דעם „מקרא״, וואָס איז שוין פאַרשריבן. אָבער לערנען סתם, איינחזרן דאָס געשריבענע — דאָס איז גאָרניט וויכטיק.

דאָס עצם וואָרט „תורה״ איז אויך אויפגעקומען שפּעטער, ניטאָ דאָס וואָרט תורה ביי די אָבות פון יידישן פאָלק, אין חומש בראשית. אויך דער באַטייט פון וואָרט איז לכתחילה געווען אַ דעטאַלע אָנווייזונג ווי צו באַגיין זיך ביי יעדן גע־געבענעם פאַל באַזונדער. „זאת תורת החטאת״, „תורת המנחה״ און נאָך און נאָך. ערשט אין ספר דברים קומט דאָס וואָרט „תורה״ ווי דער סכום פון אַלע אָנווייזונ־גען, פון אַלע פירונגען פון דעם יידישן פאָלק. „ספר התורה״ קומט נאָך שפּע־טער ווי אַ גאַנצע זאַמלונג פון פירונגען, וואָס זיינען פריער געווען ווי פריווי־לעגיעס ביי די כוהנים פון פאָלק. ערשט אין די צייטן פון יאשיהו המלך, ד״ה אין די צייטן פון ירמיהו בערך, ווערט דערציילט, אַז מען האָט אין בית המקדש געפונען אַ „ספר התורה״ און דער פרומער קעניג האָט לויט אָט דעם געפונענעם ספר גע־מאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש. ער האָט איינגעפירט דעם יום־טוב פסח, וואָס איז פון די שופטים אָן ניט געפירט געוואָרן, ער האָט באַזייטיקט אַלע אָפּגעטער און די כלים זיי צו דינען. פאַראַן מיינונגען, אַז דאָס זאָל טאַקע זיין דער ספר דברים. פאַר אונדז דאָ איז וויכטיק נאָר דער פאַקט, אַז די תורה, אָדער יידישקייט, איז

אויפגעקומען ביסלעכווייז; עטאָפּן גאַנצע — די אָבות, משה יאשיהו, עזרא. אין לעבעדיקן לעבן פון אַ פאָלק איז תמיד פאַראַן אַ שטייגער, וואָס איז ניט געפורעמט אין געזעצן. ניט די פאָרמולירטע געזעצן פון דער תורה האָבן געבוירן דאָס יידישע פאָלק, נאָר פאַרקערט איז תמיד די שטייגער־יידישקייט, די מוטער פון די געשריבענע און פאָרמולירטע געזעצן. פון דער יידישקייט, וואָס איז „בעל פה" (ריכטיקער וואָלט געוועזן צו זאָגן „יידישקייט שבשטייגער", ווערט שפּעטער געשאַפן די יידישקייט שבכתב. טאַקע ווי עס שטייט, אַז „תורה־מגילות — מגילות ניתנה" — ביסלעכווייז. אין תקופות ווען דאָס לעבן ענדערט זיך, ווערט דער שטייגער פיקסירט בכתב. אַט די אויפגאַבע האָבן גענומען אויף זיך חז"ל און זיי האָבן דאָס געהאַלטן פאַר דער גרעסטער מצווה.

לויט דער טראַדיציע איז די גאַנצע תורה שבעל פה געגעבן געוואָרן אייניצייטיק מיט דער תורה שבכתב אויפן הר סיני. הגם דאָ קומען אויף אַ סך פראַגעס: די געשריבענע תורה איז אין משך פון דער צייט פאַרגעסן געוואָרן; אַזאַ יום טוב ווי פסח איז פאַרגעסן געוואָרן ביז יאשיהו האָט אים באַנייט (מלכים ב׳כב׳). דער יום טוב סוכות איז באַנייט געוואָרן ערשט דורך נחמיה, ווייל פון יהשוע בן נון אָן האָט מען גאָרניט געפּראַוועט דעם יום טוב (נחמיה ח׳). דאָס מיינט גאָר פשוט, אַז אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש איז דער יום טוב אינגאַנצן ניט געווען. פרעגט זיך: ווי איז עס מעגלעך געווען, אַז דאָס פאַרשריבענע אין דער תורה האָט מען פאַרגעסן און דאָס וואָס איז געווען נאָר בעל פה, ניט פאַרשריבן און קיינמאָל ניט דערמאָנט אין גאַנצן תנך — דאָס איז יאָ אָפּגעהיט געוואָרן? דאָס האָט מען ניט פאַרגעסן? וועגן עלעמענטן ווערן ביי די חז"ל געפירט דיסקוסיעס, און ווי האָט עס געהיטן דאָס פאָלק אָן קיין שום פּראָבלעמען? נאָך מער — עס ווערט די גאַנצע בעל־פה־תורה גערופן „מדרבנן" (פון אונדזערע רבנים), אונטערגעשטראָכן ניט פון דער „תורה" (מדאוריתא). דער מקור איז, הייסט עס, ניט פון דער תורת משה, דאָס שטאַמט פון חז"ל. אויב אַזוי ווי פאַרט זיך עס: אי עס איז מסיני און דאָך מדרבנן? — אויב קיין דירעקטן ענטפער געפין איך ניט, איז אָבער פאַראַן אַ דייטלעכער רמז: עס דערציילט די גמרא: „לכתחילה איז די תורה פאַרגעסן געוואָרן, איז געקומען עזרא און זי באַנייט (פונדאַסניי געגעבן) איז זי ווידער פאַרגעסן געוואָרן, איז געקומען הילל און זי באַנייט... זיינען שפּעטער געקומען חיא ובניו און ווידער זי באַנייט. דאָס מיינט, אַז די חז"ל זיינען געווען זיכער: אַלץ קומט פון באַרג סיני. אָבער יידן פאַרגעסן כסדר די תורה. און אַלע מאָל קומען אויטאָריטעטן (דווקא פון גלות בבל!) און באַנייען, גיבן די תורה פונדאַסניי (סוכה כ׳א); אויף וואָסער סמך פלעגן חז"ל מחדש זיין די תורה? זיינען זיי געווען די יחידי סגולה, וואָס האָבן געדענקט וואָס אַלע אַנדערע יידן האָבן פאַרגעסן? דערציילט איינער פון די חז"ל: אויב די גאַנצע תורה וואָלט פאַר־

געסן געוואָרן, וואָלט ער זי מחדש געווען מיט זיין סברא (קלאָרער געדאַנק)). דער ערשטער וויכטיקסטער מקור איז געווען די סברא. שפּעטער פלעגט מען זיין צו־פרידן צו געפינען אַ סמך פון אַ פּסוק. אָבער דער פּסוק איז ניט געווען דער מקור; זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר „אסמכתא בעלמא״! ווייל „קרא למה לי — הלא סברא היא״. דער געדאַנק איז וויכטיקער פון דעם פּסוק.

אַ גמרא דעפינירט קלאָר דעם אונטערשייד צווישן מדאורייתא (פון דער תורה) און מדרבנן: דער לשון גייט אַזוי: „פון דער תורה ווערט פריער געלערנט און געפרעגט ערשט נאָך דעם ווערט געטאָן. מדרבנן איז פאַרקערט: פריער טוט מען, שפּעטער ווערט עס אויפגעקלערט (עירובין סז׳ב׳). רש״י דערקלערט עס אַנ־דערש). בכל אופן קומען מיר צום אויספיר, אַז יידישקייט איז ניט קיין פיקסירטע תורה אויף אייביק. עס קען ניט זיין קיין בית מדרש אָן חידושי תורה״. שטעלט זיך אַ גרונט־פראַגע:

ווי איז געגאַנגען אָט די אַנטוויקלונג פון יידישקייט? האָט די תורה געשאַפן דאָס יידישע פאָלק, אָדער פאַרקערט — דאָס יידישע פאָלק האָט אויסגעאַרבעט די תורה? מיט אַנדערע ווערטער — איז דאָס יידישע פאָלק אַ פּראָדוקט פון דער תורה, אָדער די תורה איז אַ פּראָדוקט פון יידישקייט? די פראַגע איז פאַר אונדז אַלע מאָל און איצט באַזונדערס וויכטיק: איז מען אַ יידיש פאָלק בלויז ווען מען היט אָפּ אַלע דעטאַלן פון דער פיקסירטער תורה ווי זי איז פאַרשריבן, אָדער דאָס יידישע פאָלק לעבט ווי עס פאָדערט זיין צייט און זיין פאָלקיש באַוווסט־זיין, און דאָס איז יידישקייט? — פאַראַן ביי היינטיקן טאָג ריכטונגען אין יידישן לעבן, וואָס ווילן אומבאַדינגט אַנערקענען יידישקייט נאָר ווי אַ רעליגיע וואָס איז פיקסירט און קאָנאָניזירט. אָט דאָס און מער גאָרניט; אַזוי און ניט אַנדערש. אין כדי צו קענען ענטפערן אויף דער פראַגע, איז כדאי צו מאַכן אַ שטיקל גע־שיכטלעכן אַנאַליז. פאַראַן אַ גמרא, וואָס זאָגט אַז אברהם אָבינו האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה. אין דער תורה ווערט וועגן דעם ניט דערציילט. מיט אַנדערע ווערטער קען דאָס מיינען, אַז משה האָט ניט געבראַכט פאַר די יידן עפּעס גאָר אַ נייע תורה, וואָס איז פריער לגמרי ניט געווען באַקאַנט. פאַרקערט הייסט עס — אַברהם אָבינו אָדער די אָבות בכלל האָבן געפירט זייער יידישקייט, זייער שטיי־גער ניט לויט פאַרשריפטן בכתב, ניט לויט אָנגעזאָגטע מצוות, נאָר פּשוט לויט פאָלקישע טראַדיציעס, אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער. שפּעטער איז געקומען משה און געגעבן אַ תורה בכתב וואָס איז שוין פריער געווען ביי יידן אין דער טראַדיציע, לויט זייער דורותדיקן שטייגער. דער גאַנג פון יידישקייט איז ניט פון ספר אין לעבן, נאָר פאַרקערט — פון לעבן אין ספר אריין.

אַזוי איז אויך די געשיכטע פון יאשיהוס רעוואָלט, ווי אויבן דערמאָנט. לויטן תנך קומט אויס, אַז דער כוהן האָט געפונען דעם ספר. לויטן ספר האָט דער קע־

ניג אויסגעראָטן פון יהודה אַלע פרעמדע זיטן און פירונגען, די גאַנצע אַסימילאַ־ציע. מען קען אויך לערנען די געשיכטע פאַרקערט: דער געטריי־יידישער קעניג יאשיהו האָט באַזייטיקט די פון דער פרעמד געבראַכטע זיטן און פירונגען און דאָס באַקרעפטיקט מיט דעם נייעם ספר וואָס איז געפונען געוואָרן בעתן רעמאָנט אין בית המקדש (און אפשר ניט געפונען, נאָר געשאַפן געוואָרן — דאָס איז פאַר אונדז דאָ ניט וויכטיק).

קאָן זיין, אַז ווען די צפונדיקע מלכות ישראל (אָדער שומרון) וואָלט אין איר צייט דורכגעמאַכט אַזאַ אַנטיאַסימילאַציע־רעוואָלט, וואָלט דער גלות שומרון ניט פאַרלוירן געגאַנגען אַזוי גיך אין גלות אשור, אַזוי אָן אַ שפור זיך אַסימילירט. קאָן זיין אַז ווען יהודה האָט אַרום זיך שטאַרקערע אַסימיליר־פעלקער, וואָס האָבן אַ שטאַרקערע השפּעה, קאָן זיין אַז דעמאָלט וואָלט יאשיהו ניט געווען בכוח דורכצופירן זיין רעוואָלט. קאָן זיין. דער עיקר פאַר אונדז דאָ איז אונדזער גלויבן, אַז די יידישע תורה איז אַלע מאָל אַ פּראָדוקט פון יידישן פאַרזיכיקן שטייגער.

אויף אַ ענלעכן וועג איז געגאַנגען די רעפאָרם פון עזרא און נחמיה. און נאָך שטאַרקער. אגב, אין לאַנד ישראל איז די אַסימילאַציע געגאַנגען גאָר שטאַרק. יידישקייט האָט זיך איינגעהיט דווקא אין גלות בבל. לויט דער ציטירטער גמרא קומט אויס, אַז דאָס איז געשען ניט איין מאָל, נאָר עס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל: יידישקייט איז פאַרגעסן געוואָרן אין ארץ ישראל און איז באַנייט געוואָרן דורך געקומענע פון בבל, פון גלות (סוכה כ׳א). פאַר אונדז איז דאָ וויכטיק דער פאַקט, וואָס חזרט זיך איבער — יידישקייט באַנייט זיך. עס קומען צו נייע מינהגים, זיטן און נייע פירונגען. אָבער דאָס נייע טאָר ניט זיין איבערגענומען פון פרעמדע פעלקער און עס דאַרף אָפּשטאַמען פון פריערדיקע יידישע פירונגען. דאָס איז דער פּרינציפּ פון הבדלה און המשך — הבדלה פון אַלץ וואָס שטאַמט פון דער פרעמד און המשך פון יידישע מקורים. עזראס רעפאָרמען זיינען צוגע־גרייט געווען דורך דער זאַמל־אַרבעט פון די סופרים אין בבל.

נאָך עזראן האָט זיך אין ארץ ישראל איינגעשטעלט אַ גליקלעכע תקופה אויף אַ פּאָר הונדערט יאָר — עס איז געווען אַ צייט אָן מלחמות און אויך אָן אַסימילאַ־ציע. ארץ ישראל האָט געהערט צו פּערסיע. אָנפאַלן אויף ארץ ישראל וואָלט געווען אַ מלחמה מיט פּערסיע, פאַר איר האָט מען מורא געהאַט. אַזאַ לאַנגע תקופה פון שלום האָט ארץ ישראל זעלטן געהאַט. קיין אַסימילאַציע איז ניט געווען, ווייל פּערסיע אַליין איז געלעגן דאָך זייער ווייט און זי האָט זיך ניט געמישט אין אינע־ווייניקסטן לעבן פון די באַהערשטע פעלקער. די אַלע אַרומיקע פעלקער זיינען געווען סובאָרדינירטע. מיט אַזוינע אַסימילירן זיך יידן ניט. אמת, ארץ ישראל איז געווען סובאָרדינירט, ניט קיין פאַרזיכיקע מלוכה, אָבער זי איז געווען אינעווייניק

פריי, אָן פחד פאַר שונאים, און גייסטיק איז מען געווען אין גאַנצן פאַר זיך. היס־טאָריקער רופן אָן די צייט "אַ תקופה אָן געשיכטע", אָבער אין תוך אַריין, איז עס שוין געווען אַ וויכטיקע געשיכטע: דאָס יידישע פאָלק איז אויסגעוואַקסן פון עטלעכע צענדליק טויזנט ביז אַ גרויס פאָלק, יידן האָבן פאַרנומען כמעט דאָס גאַנצע ארץ ישראל, ניט בלויז דעם ראַיאָן פון ירושלים. פאַר אָט דער רואיקער צייט האָבן זיך איינגעשטעלט פעסטע טראַדיציעס אין לעבן און אין שטייגער פון פאָלק. נאָך וויכטיקער איז די גייסטיקע פאַרזיכיקייט, די אַכטונג צום אייגענעם פאָלק, וואָס האָט זיך איינגעשטעלט איבערהויפּט ביי די דאָרפישע איינוווינערס. איז דאָס טאַקע איינע פון די גליקלעכסטע עפּאָכעס אין אונדזער געשיכטע.

אָט דעמאָלט איז אַרויסגעוואַקסן ביי יידן אַ נייע פּראָבלעם: ווי פאַרבינדט מען די ניי־אָנגעוואַקסענע שטייגער־טראַדיציעס מיט די פאַרשריבענע נאָרמעס פון תורת משה? זיי שטימען ווייט ניט אַלע מאָל. פאַרקערט, זיינען אַ סך פאַר־שריפטן פון תורת משה שוין פאַרעלטערט געוואָרן. אַנדערש קאָן דאָך דאָס ניט זיין: דאָס פיקסירטע אין איין צייט קאָן ניט אָנגעווענדט ווערן אין אַ צווייטער, נייערע צייט. פאַראַן אין דער תורת משה אַ פאַרשריפט — אָן אויג פאַר אָן אויג, — צו האַמעטנע. פאַראַן אַ פאַרשריפט אַראָפּצונעמען די האַנט ביי אַ פרוי פאַר אַ באַשטימטער עבירה קעגן מאַראַל. אַ סך אַזוינע פאַרעלטערטע פאַר־שריפטן.

זיינען שוין דעמאָלט געווען ביי יידן צוויי קעגנגעזעצטע שיטות אין צו־גאַנג: אַלץ קומט פון הימל און דאָס פיקסירטע, פאַרשריבענע מוז אָפּגעהיט ווערן וואָרט אין וואָרט. דאָס האָט ניט קיין שייכות צום לעבעדיקן לעבן. גאָט דינען איז באַזונדער. עס ענדערט זיך ניט, יידישקייט איז אין דינען גאָט. מיט דעם איז מען יוצא. קאָן מען, מעג מען אין טאָג־טעגלעכן לעבן זיך פירן ווי מען וויל, ווי עס געפעלט, היטן דאַרף מען בלויז דאָס פאַרשריבענע. די תורה שבכתב און מער ניט. די צווייטע ריכטונג — יידישקייט איז ניט אין דעם וואָס איז פאַרשריבן. דאָס פאַרשריבענע איז דער עקסטראַקט פון לעבן אָבער ניט דאָס לעבן. און יידישקייט מוז זיין אין לעבן דווקא. יאָ פאַרשריבן, אָדער ניט פאַרשריבן, דער עיקר ווי דאָס פאָלק פירט זיך, ווי עס לעבט, און אָט דאָס לעבן מוז זיין לויטן פּרינציפּ פון המשך און הבדלה. דאָס אייגענע ניט פיקסירטע, ניט פאַרשריבענע, דאָס וואָס עס איז בלויז בעל פּה. מנהגים פון לעבעדיקן פאָלק, דאָס איז תורה שבעל פּה, און פאַרן קיום פון פאָלק איז דאָס וויכטיקער ווי די פאַרשריבענע יידישקייט. דאָס איז די מחלוקת צווישן די צדוקים און פרושים. די ערשטע באַנוגענען זיך מיט דער תורה שבכתב. אַלע נייערע זיטן און פירונגען, וואָס האַלטן יידן באַזונדער — דאָס איז ניט וויכטיק, דערפאַר דאַרף מען אָבער דאָס וואָס בכתב אָפּהיטן מיט אַלע פרטים. די פרושים, פאַרקערט, לייגן די גאַנצע האַפענונג פאַרן קיום פון פאָלק אויף

דער יידישקייט וואָס בעל פה. ריכטיקער — וואָס אין שטייגער. דאָס שטייגערישע איז וויכטיקער ווי דאָס פאַרשריבענע. תורה שבעל פה איז וויכטיקער ווי תורה שבכתב... די מחלוקת איז ביז היינט ניט געענדיקט. אין היץ פון דיסקוסיע איז די תורה שבעל פה דערהויבן געוואָרן ווי זי וואָלט געווען ניט „מדרבנן" נאָר „מדאורייתא" פון תורת משה. נאָר עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן אויסנווייניק... מיר האָבן שוין פריער געזען אַז עס איז אוממעגלעך: דאָס פאַרשריבענע זאָל אָפּט אַזוי פאַרגעסן ווערן, און דאָס מינדלעכע, וואָס איז אין משך פון הונדערטער יאָרן לגמרי ניט דערמאָנט געוואָרן — דאָס איז יאָ אָפּגעהיט געוואָרן. ווי אַזוי? דורך וואָסערע מיטלען? — געמיינט האָט עס פאָר זיי: דאָס שטייגערישע ביי יידן איז פּונקט אַזוי הייליק ווי עס וואָלט בפירוש אָנגעזאָגט געוואָרן פון גאָט. געמיינט האָט עס אויך, אַז אַלץ וואָס עס איז אין לעבן מדרבנן — אַלץ האָט וואָרצלען אין דער יידישקייט פון פריער. עס האָט שוין אחד העם ריכטיק געשריבן, אַז דער טערמין תורה שבעל פה איז ניט געלונגען, ער גיט ניט איבער דעם עצם געדאַנק, וואָס ער מיינט. עס וואָלט בעסער געווען צו זאָגן תורה שבחיים, תורה שבמנהגים וכדומה. און ווי דאָס פאָלק פירט זיין פאַרזיכיקן יידישן שטייגער — דאָס איז אויך תורה, דאָס איז אויך געטלעך! ניט ווייניקער ווי תורת משה. צומאָל נאָך וויכטי־קער. אַ סך מאָל איז אין דער תלמודישער ליטעראַטור אונטערגעשטראָכן, אַז די פאָלקישע, שטייגערישע יידישקייט — איז פאַרן קיום פון פאָלק וויכטיקער ווי די וואָס בכתב.

די תורה הכתובה, וואָס בכתב קאָן זיין פאַרמולירט איין מאָל און אויף שטענדיק. איין טעקסט און ניט מער קיין ספקות. אַנדערש איז עס מיט דער שטייגער־יידישקייט, וואָס איז לעבן אָבער ניט געפורעמט אין ווערטער. זי האָט ניט איין באַשטימטן נוסח, איין פאָרעם. יעדעס שטעטל, יעדע שטאָט האָט זיך אירע פירונגען און אירע איינגעשטעלטע טראַדיציעס, „לפי מנהג המקום". כדי דאָס זאָל ווערן אַן איינהייטלעכע תורה פאַרן גאַנצן פאָלק, דאַרף אָט די שטייגער־יידישקייט, די תורה שבעל פה פאַראיינהייטלעכט ווערן, עס דאַרף ווערן איין אַל־פאָלקישע יידישע פירונג, איין אַלגעמיינער שטייגער. און דאָס איז גאַרניט קיין קלייניקייט. דערפאַר האָבן די חז"ל איינגעשטעלט אַ נייעם געביט פון גייסטיקער אַקטיווקייט. דאָס איז געווען די הייליקע אַרבעט פון די יידישקייט־אַקאַדעמיעס, אָדער אין זייער לשון — פון די ישיבות. זיי האָבן געגלויבט, אַז די ישיבות עק־סיסטירן אַן אייביקייט, אַזש פון שם ועבר אָן, אַז די אָבות אַליין האָבן געלערנט אין די ישיבות פון שם ועבר. און אין ישיבות האָט מען זיך נישט פאַרנומען מיט איינלערנען די פאַרשריבענע תורה שבכתב, נאָר מען האָט אַלע מאָל זיך אָפּגעגעבן מיט: אוניפיצירן דעם שטייגער פון יידישן לעבן, פאַראייינהייטלעכן, צונויפשטימען דעם אַקטועלן, אַלגעמיינעם שטייגער מיט דעם וואָס עס איז פאַרשריבן. ניט

לערנען סתם צו וויסן און געדענקען, נאָר כדי אַריינצודרשענען די געשריבענע תורה אין לעבן און אַרויסצודרשענען דאָס לעבן פון דער תורה שבכתב. „מאי תורה ? — מדרש תורה", — האָבן חז״ל געלערנט. פּאַר אָט דער אַרבעט האָבן זיי געשאַפן די ישיבות. דעם עצם פּראָצעס האָבן זיי אָנגערופן מיט אַ נייעם נאָמען, וואָס איז פריער ניט געווען לגמרי. דאָס איז געווען דער „תלמוד תורה", עס איז ניט לימוד — איינלערנען, נאָר תלמוד — אַריינלערנען דאָס יידישע לעבן אין דער תורה. און אָט דער תלמוד תורה איז ביי זיי געווען פאַררעכנט ווי די גרעסטע מצווה וואָס שטייגט אַריבער אַלע אַנדערע מצוות („כנגד כולם"). לימוד תורה מיינט אויסלערנען צו וויסן וואָס עס איז געשריבן שוין, וואָס עס איז שוין פאָרמולירט; תלמוד תורה מיינט פאַרוואַנדלען דאָס לעבן אין תורה. לימוד התורה אָפּעריִרט מיט מצוות — גאָט הייסט אַזוי! תלמוד אָפּעריִרט מיט הלכות — שטייגער נאָרמען. ניט וואָס גאָט הייסט אַזוי, נייערט דאָס פאָלק פירט זיך אַזוי. דאָס פאָלק שטעלט איין און גאָט נעמט אָן, גאָט פאַרהייליקט דאָס וואָס דאָס פאָלק באַשטימט. גאָט אַליין שטודירט און לערנט די הלכות פון יידישן פאָלק. אָבער הלכות טאָר מען ניט פאַרשרייבן לדורות „אי אתה רשאי לאמרן בכתב" — ניט פיקסירן לדורות! און די וואָס ווילן פיקסירן, פאַרשרייבן הלכות — די זיינען ווי זיי וואָלטן פאַרברענט יידישקייט („כותבי הלכות כשורפי התורה").

אַלע מאָל, אין אַלע דורות זיינען געווען גדולי ישראל, וואָס האָבן געקוקט קרום אויף פיקסירן די הלכות. אַפילו בנוגע צום שולחן ערוך פון ר׳ יוסף קארו. אויך ער האָט ניט דיקטירט, ניט דעקלאַרירט קיין הלכות פון זיך. ער האָט נאָר סומירט דעם שטייגער וואָס איז אָנגענומען געוועזן ביי יידן. אַזוי האָט אויך געטאָן שפּעטער דער רמ״א, וואָס האָט צוגעפּאַסט דעם שולחן ערוך צום אשכנזישן יידנטום. דאָך זיינען געווען אומצופרידענע גדולים: מען טאָר ניט פיקסירן יידישקייט!

## דראַמאַטישע הלכה

זיין באַרימטן עסיי „הלכה ואגדה" הייבט ביאַליק אָן אַזוי: „אַ צאַרנדיק פּנים האָט די הלכה, די אגדה — אַ שמייכלענדיק. די איז אַ האַרטע ווי אייזן און די איז אַ צאַרטע; מידת הדין און מידת הרחמים; טרוקענע פּראָזע און זאַפטיקייט פון פּאָעזיע" (דער טעקסט געקירצט — יידיש י. י. שוואַרץ)

איז ביאַליקס אָפּשאַץ (לויט אַ משנה אין מסיכתא סופרים) צו שטרענג: אָפט זעט מען דורך דער הלכה דאָס קלאַפּן פון האַרצן ביי די בעלי הלכה. עפּעס זיינען זיי באַהערשט פון אַ פּחד און אָט דער פּחד ברענגט זיי צו קאָנצענטרירן זיך

אויף דער אַרבעט אויפצושטעלן דעם בנין פון הלכה. וואָס איז דאָס פּאַר אַ פּחד? — דאָס איז די שרעק פון „תורה משתכחת מישראל״ — יידן האַלטן אין פאַר־געסן די תורה (סנהדרין צז׳ א׳ און נאָך ערטער אין גמרא.) אומזיסט וויל רש״י דערקלערן, אַז מען וועט פאַרגעסן די תורה מחמת הונגער. די תורה האָט געהאַט טענדענצן פאַרגעסן צו ווערן און די חז״ל האָבן דערפאַר שטאַרק מורא געהאַט. פאַרוואָס דער פּחד?

זיי האָבן קלאָר געגלויבט: דער קיום פון יידישן פאָלק האַלט זיך ניט אויף דער מלוכה, ניט מיט דער דינאַסטיע, נאָר מער ניט ווי מיט דעם איינהייטלעכן שטייגער. און אַט דער איינהייטלעכער שטייגער האָט ביי זיי געהייסן תורה. דאָס איז די תורה שבעל פּה, די וואָס „מדרבנן״. זיי האָבן שטרענג אונטערשיידט אַט די תורה וואָס מיט איר האָבן זיי זיך פאַרנומען — פון דער וואָס „מדאוריתא״ — פון דער תורה שבכתב. און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אָן דעם איינהייטלעכן שטייגער, וועט דאָס יידישע פאָלק ווערן „עדרים־עדרים״ — צעשאָטענע גרופּעס און אויס פאָלק...

דערציילט אַ „גמרא״ תנו רבנן: ווען אונדזערע רביים זיינען אַריין אין יבנה האָבן זיי געזאָגט: „די תורה ווערט פאַרגעסן ביי יידן״... און טאַקע — ירו־שלים איז חרוב, צעאָקערט, פאַרוויסט, שאַקאַלן לויפן דאָרטן אַרום... יידן איז גאָר פאַרבאָטן צו קומען אַהין. גייען פאַרביי חכמים וויינען זיי. מער ניט רבי עקיבא — אַט דער מעכטיק־פעסטער גייסט — ער וויינט ניט! ער איז זיכער: דער חורבן איז נאָר אַ צווייטווייליקער... חז״ל זוכן און געפינען אַ שטיצע צו זייער פעסימיזם אין אַ פּסוק. און זיי זוכן אַ פּסוק, וואָס זאָל זיי העלפן געפינען אַ שטייגער־פירונג, וואָס זאָל העלפן איינהאַלטן, פאַרט איינהאַלטן דעם קיום פון פאָלק. ווי אַזוי? דורך וואָס? דורך אַ טראַדיציאָנעלן שטייגער. אָן אַ מלוכה, אָן אַ וועלט־לעכער מאַכט וואָס זי זאָל אָפּהיטן די פירונגען פון שטייגער, זוכט מען אַ שטיי־גער, וואָס דאָס פאָלק זאָל אָן צוואַנג, מיטן אייגענעם ווילן און גלויבן דאָך איינ־היטן. גיט זיך אָבער אַ כאַפּ שמעון בן יוחאי — נאָך מער עקשן, נאָך שטאַרקער איינגעגלויבט אין יידישקייט! עס קאָן ניט זיין, עס טאָר ניט זיין (שבת קלח׳)! די אגדות פון חורבן טרויערן, דערציילן ווי גאָט טרויערט, זיי טרייסטן מיט משיח־צייטן. די הלכות טרייסטן ניט מיט גוטע פאַנטאַזיעס, מיט חלומות פון „לעתיד לבא״, וואָס עס וועט זיין אם ירצה השם, ווען משיח וועט קומען. ניין! די בעלי הלכה זוכן איינצושטעלן דעם לעבנשטייגער פון פאָלק, וואָס זאָל אין אַלע פּרטים זיין המשך פון יידישקייט און שטרענג אָפּגעשיידט, אַנדערש פון די פרעמדע שטייגערס.

די אגדה האָט געמוטיקט דעם גייסט, די הלכה האָט געשמידט די האַרטע, עקשנותדיקע פאַרזיכיקייט פון דעם יידשן פאָלק. עס איז דער זעלביקער שטרענג־

צאַרטער פּנים פון אַ שטרענגן אויסגעהאַלטענעם גוטן טאָטן: די אגדה האָט גע־גלעט, די הלכה האָט געשמידט דעם פעסטן כאַראַקטער.

זיינען אין די צייטן פון חז״ל געווען ביי יידן צוויי ריכטונגען: מיר וועלן זיי רופן — אַ מלוכה־ריכטונג און אַ תלמוד־תורה־ריכטונג. די ערשטע — די מלוכה־ריכטונג איז רעפּרעזענטירט געווען פון די צדוקים איבערהויפּט. די פילאָ־סאָפיע פון דער ריכטונג איז געווען די געוויינטלעכע ווי פון אַלע אַנדערע פעל־קער: דער קיום און ציל פון פאָלקישן קאָלעקטיוו איז איינצוהיטן די פּאָליטישע פאַרזיכיקייט, די מלוכה. דער שטייגער — די הלכה איז ניט וויכטיק, די רייכקייט פון יידישן פאָלק איז די תורת משה אַזוי ווי זי איז פאַרשריבן און פיקסירט. מלוכה און תורת משה — דאָס איז די יידישקייט. די צווייטע ריכטונג, די פאָלקיש־טישע, זי איז רעפּרעזענטירט געווען פון פרושים. זייער פילאָסאָפיע איז געווען אַ פאַרקערטע. זיי האָבן די פילאָסאָפיע זייערע ניט אַרויסגעבראַכט אין באַזונדערע טראַקטאַטן, ווי דאָס האָבן געטאָן די ״חכמי אתונא״ (די גריכישע פילאָסאָפן). זיי האָבן זייער פילאָסאָפיע אַרויסגעבראַכט אין מעשים, אין זייער פירונג. מיר וועלן די פילאָסאָפיע פון די פרושים פּרובירן דעשיפרירן דאָ:

1. — דאָס יידישע פאָלק איז ברייטער פון דער מלוכה. די מלוכה וועט סיי ווי ניט קאָנען איינהיטן דעם קיום פון פאָלק. דער קיום קאָן זיין געזיכערט דורך פאָלקישקייט ווי אין דער אייגענער מלוכה אַזוי אויך אין די גלותן. פאָלקישקייט באַשטייט אין וואָס? — אין איינהייטלעכן שטייגער, אין אויפפיר, ווי זיי האָבן דאָס גערופן — אין דער הלכה. אין זייער לאַקאָנישער שפּאַרזאַמקייט פאַר פילאָ־סאָפיע, האָבן דאָס אויסגעדריקט: ״זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן האָט דער יידישער גאָט אין זיין וועלט נאָר די פיר איילן פון דער הלכה״. די פירער פון פאָלק זיינען ניט די מלוכה־לייט נאָר די ״רבנן״ די געלערנטע אויטאָריטעטן אין שטייגער־יידישקייט. דאָס יידישע פאָלק האָט פון אייביק אָן נישט שטאַרק געלויבט אין דעם כוח און נאַציאָנאַלן ווערט פון מלוכה און מלכות. האָט נאָך דער תנך איינגעהיט די רעדע פון שמואל הנביא קעגן מלוכה און מלכים. (שמואל א׳ ח׳). פאַרוואָס האָט עס דאָס פאָלק איינגעהיט? ווייל בכלל איז אין דער נבואה דער גייסט פון פאָלק.

2. — זייער אויפגאַב איז: אָפּקלייבן און פעסטשטעלן די איינהייטלעכע עלעמענטן פון שטייגער, אוניפיצירן פאַר אַלע טיילן פון פאָלק, ווו זיי זיינען ווי שוין פריער געזאָגט — הבדלה און המשך. הבדלה — אָפּגעטיילט און אָפּגע־זונדערס פון אַלע זיטן און פירונגען ביי אַנדערע פעלקער. ״אַ צאַם אויף אַ צאַם״. אַ גרענעץ־ליניע נאָך אַ גרענעץ־ליניע (ס י ג ל ס י ג, קו לקו).

שטייגער־פאַרזיכיקייט וועט אויך אָפּהיטן די גייסטיקע פאַרזיכיקייט. דאָס „מיס־טורין" — דאָס מיסטעריעזע — די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק. דאָס זיינען די יסודות פון יידישן קיום אפילו אין גלותן: די פאַרזיכיקייט פון שפּראַך, פון די נעמען און אָט דעם „מיסטורין", וואָס לאָזט זיך ניט דעפינירן (אין מדרשים).

דער צווייטער פּרינציפּ פון המשך איז באַשטאַנען אין פאַרבינדן די אַקטור־עלע עלעמענטן פון אַקטועלן שטייגער מיט די אַרויסזאָגונגען פון דער תורה. דאָס איז דער זינען פון די כסדרדיקע זוכונגען „מן התורה מניין?"

3. — מיט אָט דער וויכטיקסטער נאַציאָנאַלער אַרבעט — הלכה־אויפבוי — האָבן זיך פאַרנומען די אַקאַדעמיעס (ישיבות). אין גלות — נאָך שטאַרקער ווי אין ארץ ישראל. אנשטאָט דער פּאָליטישער הערארכיע איז געקומען אַ גייסטיקע — תלמידים, תלמידי־חכמים און חכמים. אנשטאט מלכים זיינען „רבנן" (אונדזערע לערער). אנשטאט כוהנים — תלמידי־חכמים.

די גאַנצע תורה שבכתב — תורת־משה — איז געגעבן געוואָרן איבערהויפּט „לדרש" — אַריינצולערנען אין איר זייער אַקטועלן שטייגער. דאָס לערנען תורת משה ווי עס איז דער פּשוטער זינען (כצורתו) איז גאַרנישט ווערט.

זאָגט גמרא: מאן חכמים? — רבנן (מגילה יב' ב')

מאן מלאכי השרת? — רבנן (נדרים כ' ב')

רבנן איקרו מלכים (גטין סב' א')

דאָ איז געווען אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין די אידעען וועגן יידישקייט. דאָס יידישע פאָלק האַלט זיך נישט מיט אַ וועלטלעכער מאַכט, נאָר מיט דעם אַנדערשדיקן, פאַרזיכיקן שטייגער און די פעסטשטעלער פון דעם שטייגער, פון דער הלכה — די לערער פון פאָלק זיי זיינען אנשטאט מלכים, אנשטאט נביאים. אין זייער אַרבעט איז דער קיום פון פאָלק.

4. — דער פּראָצעס האָט געהייסן „תלמוד תורה", וואָס איז גאָרניט דאָס וואָס „לימוד תורה", לימוד מיינט אַריינעמען און פאַרגעדענקען וואָס עס איז שוין פאַרשריבן. תלמוד מיינט — אַרויסטייטשן און אַריינדרשענען און אַרויספירן דאָס וואָס עס איז נאָך ניטאָ, ניט פאַרשריבן, מחדש חידושים זיין אין דער תורה, אין יידישקייט.

תלמוד תורה איז וויכטיקער פון אַלע מצוות, פאַר דעם דאַרף מען זיך מוסר נפש זיין.

5. — הלכה איז ניט געגעבן פון הימל אויף קיין שום הייליקע בערג. זי איז פון פאָלק. דאָס פאָלק באַשטימט און דאָס איז געטלעך. וואָס פאָלקיש — דאָס איז געטלעך. דער פּראָצעס פון „מתן תורה" איז ניט קיין איינמאָליקער, נאָר אַ

דויערנדיקער, אָן אייביקער, גאָט אַליין שטודירט די הלכה וואָס דאָס יידישע פאָלק שאַפט. גאָט לערנט אויך אין ישיבה של מעלה און צוזאַמען מיט חכמי ישראל. פאַר די חכמי ישראל איז בכלל ניטאָ קיין טויט. זיי „ווערן פאַרבעטן אין דער ישיבה של מעלה אַריין״. דער פעלדזיקער באַרג סיני אין טויטן מדבר איז ניט קודש („נסתלקה קדושתו״). יעדער מענטש וואָס שאַפט אין תורה — ער איז „סיני ועוקר הרים״ — וויכטיקער פון טויטע בערג.

6. — דער באַגריף „תורה״ איז אויך געוואָרן גאָר אַנדערש, ניט תורה — אַנווייזונג, ווי עס איז דער טייטש פון וואָרט, נאָר תורה — דער סכום פון הערשנ־דיקע געזעצן. די גאַנצע נאַטור, דער קאָסמאָס האָט זיינע געזעצן. דאָס איז די „תורה״ וואָס גאָט קוקט אין איר און באַשאַפט די וועלט, (מסתכל בתורה ובורא את עולמו). די „תורה״ מיינט די נאַטור־געזעצן, זי איז עלטער פון דער וועלט. לויט איר איז די וועלט באַשאַפן, לויט איר עקסיסטירט די וועלט. אַלץ אין דער נאַטור האַלט זיך לויט אַט דער קאָסמישער תורה.

ווען עס זיינען אויפגעקומען מענטשן אויף דער ערד, האָבן זיי אַחוץ די נאַ־טור־געזעצן אויך מענטשלעכע געזעצן. דאָס זיינען די ערשטע, די „שבע מצוות בני נוח״. שפּעטער איז אויפגעקומען די יידישע תורה פון אַברהם אָבינו. דער חומש ווייס פון מצוות המילה, הכנסת אורחים, גלויבן אין גאָט פון דער וועלט און „גערעכטיקט״ (השופט כל הארץ!). די גמרא גיט צו דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף (צעברעכן די געצן), מסירת נפש פאַר יידישקייט (נימרודס קאַלכאויוון) אין די גאַנצע שפּעטערדיקע יידישקייט ווי אַ יידישקייט שבעל פה — אַ ניטפיקסירטע שטייגער־יידישקייט. זיינען דאָס עטאַפּן פון תורה לויט די חז״ל:

קאָסמישע תורה, וואָס „קודמה לבראת העולם״ — נאַטור־געזעצן:

מענטשלעכע תורה (די מצוות פון די בני נוח) און:

יידישע תורה. זי האָט צוויי מדרגות: צוערשט שטייגער (בעל פה). שפּעטער, ווען דאָס לעבן ענדערט זיך, ווערט דער עקסטראַקט פון אַט דער שטייגער־יידיש־קייט פון איין דור, פון איין תקופה פאַרשריבן ווי אַ תורה שבכתב, ווי אַ ירושה פאַר אַ צווייטן דור, פאַר אַ צווייטער תקופה.

7. — דער קיום פון פאָלק איז ניט אין די גרויסע און וויכטיקע ווערק פון די גרויסע יחידים אין פאָלק, נייערט דער קיום איז אין דעם פשוטן, טראַדיציאָנעלן שטייגער אין לעבן פון פאָלקישן קאָלעקטיוו. ווילט איר עכטע יידישקייט, — גייט און זעט ווי דאָס פאָלק פירט זיך (הלל). „זייט פאַרזיכטיק מיט די עם ארצים אין פאָלק, ווייל פון זיי וואַקסט די תורה״. משה און דאָס פאָלק. גרויס איז משה, „לא קם כמשה״ — איינער און מער קיינמאָל ניט אַזאַ ווי ער. און דאָך — „נאָר

צוליבן פאָלק רעדט גאָט מיט משהן (רבי עקיבא); אַז ניט דאָס פאָלק, איז משה "רד מגדולתך" אויס מיט משה! דאָס פשוטע, פאַרזיכיקע לעבן פון פשוטן פאָלק דאָס איז דער באָדן. די גרויסע שאַפונגען פון די גרעסטע שעפער — דאָס זיינען די בלומען וואָס וואַקסן פון באָדן; דאָס פשוטע פאָלק דאָס איז דער בוים; די גרויסע גדולי האומה מיט זייערע שאַפונגען — דאָס זיינען די פרוכטן וואָס וואַקסן פון דעם בוים, אויף דעם. היט דעם בוים, וועלן זיין פרוכטן! און דערפאַר "האָט ניט דער יידישער גאָט — די געבענטשטע הייליקייט — גאַרניט אויסער דעם פאָלקישן שטייגער, אויסער דער הלכה".

8. — אויך דער גאָט־באַגריף האָט דורכגעמאַכט אַ גרויסע אַנטוויקלונג פון די פרימיטיווע פאַרשטעלונגען וואָס אין ספר בראשית ביז צו די באַגריפן פון די נביאים, ביז צו די באַגריפן פון די חז"ל איז זייער אַ ווייטער מהלך. פאַראַן דייטלעכע סימנים פון גאַר דראַסטישע באַגריפן. בכלל אָבער האָבן חז"ל זיך באַמיט אויסצומיידן די פראָבלעם גאָט. די דאָמינאַנטע פון אַלע זייערע געדאַנקען איז געווען דאָס פאָלק, ניט גאָט; איז זייער ציל געווען צו פאַרגעטלעכן דאָס פאָלק, דערהייבן אים און דורך דעם פאָלק אויך די גאַנצע וועלט ביז צו געטלעכקייט (לתקן עולם במלכות שדי). יידישקייט איז ניט קיין גאָט־רעליגיע ביז היינט נאָר עס איז אַ פאָלק־רעליגיע. גאָר אַנדערש פון די אַנדערע רעליגיעס.

די קריסטלעכע רעליגיע איז לגמרי ניט קיין טאָכטער פון דער יידישער. מען האָט גענומען יידישע פערזאָנען און זיי פאַרוואַנדלט אין געצן, לויטן געצנדינערישן שטייגער.

9. — אַן אַ מלוכה איז דער גאַנצער יאָך פון אַ יידישן פאַרזיכיקן שטייגער אין אַ פרעמדער גויישער, בייזער און רשעותדיקער וועלט אַריבערגעטראָגן אויף די שוואַכע פּלייצעס פון יעדן יחיד צו זיין אַ ייד, דאַרף מען אַ פעסטע דיסציפּלין, דיסציפּילין קאָן זיין אַ דרויסנדיקע (פון אַ מאַכט), אָדער זי קאָן זיין אַן אינעווייניקסטע, אין דעם מענטשן גופא. אָט די אינעווייניקסטע דיסציפּלין האָט זיך אויסגעאַרבעט אין דער צייט פון בית שני אין דער פאָרעם פון השגחה פּרטית, פון שכר ועונש, עולם הבא, אויף "יענער וועלט". די אמונה איז געוואָרן אַ יסוד פון יידישקייט.

דאָך אָבער איז די "עולם הבא־אמונה" ניט געווען אַ ציל פאַר זיך. ניט וועגן פּערזענלעכן גליק אויף יענער וועלט האָט געזאָרגט יידישקייט. עס איז געווען אַ מיטל וואָס דאַרף פירן צו דעם ווייטערן ציל פון "לעתיד לבא", צו די "ימות המשיח" וואָס וועט איינשטעלן די אַבסאָלוטע צדק ומשפּט, ווען מענטשן וועלן ניט דאַרפן קיין דיסציפּלין פון מצוות אַפילו (מצוות בטלות לעתיד לבא). דעמאָלט וועלן אַלע מענטשן דינען צו איין אמתן גאָט, צו דעם יידישן גאָט.

דעמאָלט וועט מקוים ווערן די אַלטע נבואה וועגן דעם „באַחרית הימים״ און אַלע וואָס פאַרדינען דאָס, וועלן אויפשטיין תחית המתים. זיי וועלן ווידער לעבן און הנאה האָבן פון דער גערעכטער, געטלעכער וועלט, פון דער מלכות שדי.

10. — חז״ל האָבן ריכטיק געגלויבט אַז אַ מענטש קאָן זיין שעפעריש נאָר אויף איין געביט, וואָס ער איז אויף דעם קאָנצענטרירט. אַ מענטש קאָן שאַפן נאָר אין דעם דאָמינירנדיקן געביט, דערפאַר איז שעדלעך פאַר אַ מענטשן צו לעבן איינצייטיק אין צוויי קולטורן. דערפאַר האָבן די חז״ל געקוקט זייער קרום אויף די „ספרים חיצוניים״, זייטיקע שאַפונגען, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צו יידיש־קייט. זיי ציען אָפּ, זיי צעשטרייען די מענטשן, זייער שעפערישקייט מוז זיך פאַרמינערן. און דער גרויסער רבי עקיבא גייט אַזוי ווייט, אַז לויט אים פאַר־לירן אַלע וואָס פאַרנעמען זיך יאָ מיט דרויסנדיקע ווערק, מיט שאַפונגען אויף געביטן פרעמדע, זייער חלק עולם הבא. איך מיין, אַז מען דאַרף עס פאַרשטיין — ער נעמט ניט קיין אָנטייל אין דעם אויפבוי פון יידישער וועלט וואָס וועט קומען.

11. — עס איז צו באַוווּנדערן ווי די חז״ל האָבן זיך באַצויגן צום תנ״ך. קודם כל האָבן זיי באַזייטיקט אַ סך ספרים. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן באַזייטיקט די „ספרים של צדוקים״. וואָס ווערן דערמאָנט, אַז עס זיינען געווען אַזוינע. זיי האָבן גאַנצע געווען (באַזייטיקט) ספרים. מער ניט ווי פיר און צוואַנציק, מער טאָר מען ניט אַריינגעמען אין געהייליקטן קאַנאָן: זיי ברענגען אַ פּלאָנטער (מהומה). אויך וועגן עטלעכע פון זיי האָבן זיך געפירט דיסקוסיעס. עס זיינען ניט אַריין אין יידישן תנ״ך ספרים וואָס זיינען יאָ איבערגעזעצט געווען אין גרי־כיש פאַר מצרים (די „כתובים אַחרונים״). צווישן זיי — די חשמונאים־ספרים, בן סירה און נאָך. אַזוי „אָן רחמנות״ האָבן זיך געפירט מענטשן וואָס האָבן געשטעלט תלמוד תורה העכער פון אַלע מצוות, וואָס האָבן די אַקאַדעמיעס (ישיבות) אַזוי הויך געשטעלט, — העכער פון ירושלים; אויסער די דירעקטע תלמידים, האָבן זיי צוויי מאָל אין יאָר צונויפגענומען ברייטערע פאָלק־שיכטן צו לערנען (ירחי כלה). אָבער ניט דעם תנ״ך. פאַרנומען האָט מען זיך מיט דער יידישקייט (תורה) פון זייער צייט, מיט דער בעל פה־יידישקייט, די שבכתב האָט מען פיקסירט. אויס־געציילט די אותיות, הייליק ווי זיי זיינען. מען האָט פראַגמענטן פון זיי געלייענט אויף די יום־טובים־פאַרזאַמלונגען. (ספרים זיינען דאָך געווען טייער, געשריבן מיט דער האַנט און אויף פאַרמעט!) אָבער אין די אַקאַדעמיעס האָט מען זיך מיט זיי ניט פאַרנומען. זיי זיינען ניט אַריין אין סכום פון „תלמוד תורה״. „כתבי הקודש״ — יאָ. דעם טיטול האָט מען זיי פאַרגונען, אָבער שטודירן, — דאָס ניט. די תנ״ך־ספרים האָט מען ווי אָפּגעלייגט אָן אַ זייט, און אַליין האָט מען זיך אָפּגעגעבן דער בעל פה־יידישקייט״.

דאָס דערקלערט זיך מיט דעם וואָס די תנ״ך־ספרים אין יענער צייט זיינען געוועז אינדיווידועלע שאַפונגען, פּראָדוקטן פון גרויסע גייסטער — יחידים. מיטן פאָלק, מיט דעם פאָלקישן לעבן און שטייגער האָבן די ספרים ניט געהאַט קיין שייכות. האָט מען זיך יאָ פאַרנומען מיט דירעקטע פּראָבלעמען פון פאָלקישן לעבן, מיט די פאָלקישע לעגענדעס (אגדות), מיט שטייגער־עלעמענטן, אָבער ניט מיטן תנ״ך. דאָס וויסן, לערנען און איבערלערנען די הייליקע שריפטן פון גרויסע גייסטער, פון די וואָס שטייען אַ סך העכער איבערן פאָלק — פאַר דעם האָט מען ניט געהאַט קיין צייט. דאָס פּשוט פאָלקישע, דער פאָלקס־שטייגער — דאָס האָט דאָמינירט אין זייער תלמוד תורה. פון פאָלקישן שטייגער צום פאָלקישן קיום אין גאַנצקייט. דורך תלמוד תורה, און דווקא אין לשון פון פאָלק!

12. — צום סוף וועלן מיר זיך דערלויבן צו מאַכן אַן אויספיר פאַר אונדז איצט. מיר האָבן אויך איצט עטלעכע יידישע ישובים אין פאַרשיידענע לענדער. איינער פון די ישובים (דער פון מזרח־אייראָפּע), האָט געהאַט אַ יידישקייט בעל פה — אַן אייגענע שפּראַך, וואָס האָט זיך דערדינט צום נאָמען פון יידישן פאָלק (יידיש פאָלק — יידיש לשון), אַן אייגענעם פאָלקלאָר, אַן אייגענעם שטייגער. די יידישקייט בכתב — גאַנצע ביבליאָטעקן! מיט וואָס דאַרפן זיך אָפּגעבן די יידישע אַקאַדעמיעס היינט? —

עס ווענדט זיך — וויל מען גיין אין די דרכים פון די צדוקים, — דאַרף מען זיך פאַרנעמען מיט די פאַרצייטיקע שריפטן, מיט דער תורה שבכתב.

וויל מען אָבער גיין אין די דרכים פון די פּרושים און פון די חז״ל, דאַרף מען זיך פאַרנעמען מיט דעם וואָס איז לעבעדיק אין פאָלק, מיט דעם פאָלקישן און מיט דעם פאָלקסטימלעכן.

וואָסער וועג האָט די געשיכטע באַשטעטיקט און וואָסערן האָט זי אָפּגע־וואָרפן? קלאָר. דאָס לערנען מיר פון די חז״ל און זייערע דרכים אין יידישקייט.

פאַר דער קיום־פילאָסאָפיע פון חז״ל איז כאַראַקטעריסטיש זייער פאַר־בייטן דאָס וואָרט מצוות מיטן וואָרט הלכות. יידישקייט באַשטייט פון מצוות און פון הלכות.

מצוות זיינען עלעמענטן פון פריער. דאָס איצטיקע איז פון הלכות.

ערשטע הנחה: אַז עס ווערט געשאַפן אַ ניי וואָרט, מיינט עס אַז עס איז צוגעקומען אַ נייער באַגריף. אַזוי זיינען אין צייט פון בית שני צוגעקומען ביי יידן צוויי נייע ווערטער, וואָס האָבן פריער, אין בית ראשון ניט פיגורירט. דאָס זיינען תלמוד תורה און הלכה. דאָס וואָרט תלמוד תורה געפינט זיך ניט אין גאַנץ תנ״ך קיין איין מאָל ניט. ניט געווען אַזאַ באַגריף ביי יידן אין דער גאַנצער צייט. און מיט איין מאָל קומט עס אַז „ותלמוד תורה כנגד כולם״

איז וויכטיקער פון אַלע מצוות! וועגן דעם באַגריף האָב איך געשריבן ברייטער אין מיין עסיי ״ישראל ואורייתא״ אין דעם בוך ״אייביקע וועגן פון דעם אייביקן פאָלק״ (ז׳ 75). וועל איך זיך דאָ ניט איבערחזרן. פּונקט אַזוי איז אויך דאָס וואָרט הלכה ניטאָ אין גאַנץ תנ״ך. דאָס וואָרט מיט דעם באַטרעפנדיקן באַגריף איז אויפגעקומען אין צייט פון צווייטן בית, ווען דער תנ״ך האָט זיך שוין מער ניט געשאַפן. אין דער תנ״ך צייט ווערט דער יידישער אויפפיר דיקטירט פון גאָט דירעקט. אַלע מאָל קומט אין דער תורה (אין חומש) צו את בני ישראל זאָג אָן, הייס זיי, אמור להם — אַלץ וואָס יידן דאַרפן טאָן ווערט אָנגעזאָגט, ווערט געהייסן דירעקט פון גאָט דורך משהן צו די יידן. דער אויפפיר פון יידן ווערט שוין מער ניט דיקטירט, ניט אָנגעזאָגט ״אַזוי זאָלט איר טאָן״!, נאָר אַזוי איז די ״הלכה״.

קודם כל וואָס איז דאָס פאַר אַ וואָרט?

עס קומט פון וואָרט הלך־גיין. ברכה איז פון ברך — בענטשן: דרשה איז פון דרוש דרשענען: בקשה־בעטן. אַזוי איז אויך הלכה פון הלוך — גיין. וואָרט אין וואָרט דאַרף עס מיינען הלכה — דער גאַנג. אָבער בנוגע צום פּראָצעס פון גיין מיט די פיס ווערט דאָס וואָרט הלכה קיין מאָל ניט באַנוצט. מיינט, הייסט עס, הלכה אָן אַנדער גאַנג, ניט סתם גיין מיט די פיס. עס מיינט דעם גאַנג אין לעבן, די פירונג ״משיב כהלכה״ — ער ענטפערט ווי געהעריק, ווי מען דאַרף, נוהג כהלכה, ער פירט זיך ווי געהעריק. בכן מיינט אייגנטלעך הלכה — אויפפיר, שטייגער. דער קלאַסישער היסטאָריקער פון דער גאַנצער תלמודישער ליטעראַטור אייזיק הירש ווייס אין זיין ״דור דור ודורשיו״ מיינט אַז דאָס וואָרט הלכה איז געקומען אונטער דער השפעה פון דער אַראַמישער שפּראַך וואָס איז דעמאָלט געווען דאָס יידיש־לשון. (״דור דור ודורשיו״ א. 70).

דער איבערגאַנג פון מצוות צו הלכות איז געווען אַ גאַנצע רעוואָלוציע. מיר געפינען ניט אין גאַנצן תנ״ך מען זאָל דאַרפן פאַרשן מצוות און זיי פעסטשטעלן. עלטערן דאַרפן לערנען. דאָ קומט דאָס וואָרט לימוד, אָבער קיין מאָל ניט תלמוד. אומעטום מיינט דער ווערב למד מער געוויינען צו טאָן, איינגעוווינען די קינדער צו טאָן. מצווה איז באַשטימט. ניטאָ קיין ספקות ווי צו טאָן, ניטאָ קיין דיסקוסיעס, קיין מחלוקת, ניטאָ אויך קיין שום נייטיקייט פעסטצושטעלן די מצוות. מען דאַרף ניט קיין ישיבות (אייגנטלעך אַקאַדעמיעס), וואָס זאָלן פאַרשן, דיסקוטירן, זוכן און דרשענען הלכות און ״גאַנצע בערג אויף בערגלעך הלכות״. דאָס איז דער אונטערשייד צווישן מצוות און הלכות. באַשטימט און אומבאַשטימט, פעסט אָדער מען דאַרף ערשט פעסטשטעלן. די הלכה איז ניט דווקא אידענטיש מיט תורה. אין איין אָרט זאָגט עס די גמרא גופא: דאָס איז

פון דער תורה און יענץ איז הלכה. אין אַ צווייט אָרט זאָגט רש״י ״הלכות — זאַכן וואָס זיינען ניט פאַרשריבן אין דער תורה (מכות יא׳ א׳), אָדער אַזאַ זאַץ: ״דאָס האָבן מיר פון משהס תורה ניט געלערנט, נאָר פון דער טראַדיציע (קבלה) (ראש השנה ז׳ א). אין אַ פּאָר ערטער אין ש״ס איז פאַראַן ״דאָס איז הלכה און די געלערנטע (רבנן) האָבן דאָס באַפעסטיקט מיט אַ פּסוק (סוכה כה׳ א׳) און פאַראַן נאָך). אָדער נאָך מער: ״די דאָזיקע הלכות זיינען גאַנצע בערג מיט בערגלעך וואָס הענגען אויף אַ האָר, ווייל די הלכות זיינען גאָר אַ סך, פּסוק — אין דער תורה — זייער ווייניק״ (חגיגה י׳ א׳). עס קומט אויס אַז אין צייט פון בית שני, פון עזרא און ווייטער האָט מען ווי געדאַרפט פון דאָס ניי פעסטשטעלן יידישקייט; דעם יידישן שטייגער, דעם גאַנג פון יידישקייט, די פירונגען, די מנהגים, דינים און בכלל שטייגער. דער עיקר איז פאַר זיי געווען צו פאַרפעסטיקן אויף דורות אַן איינהייטלעכן שטייגער ווי יידן דאַרפן זיך פירן און אַט דער שטייגער דאַרף זיין — ערשטנס — אַנדערש ווי עס פירן זיך אַנדערע פעלקער און צווייטנס דאַרף זיין טראַדיציאָנעל. עס איז גוט ער זאָל האָבן אַ רמז אין דער תורה פון משה. אָבער דאָס איז גאָרניט קיין מוז... עס קאָן זיין אַ הלכה וואָס איז ניט באַפעסטיקט מיט אַ פּסוק. פאַראַן הלכות וואָס ניטאָ אויף זיי קיין פּסוק און קיין שום סימן, קיין רמז פון דער תורה. די הלכות הייסן ״הלכה למשה מסיני״. אַזוי שטייט. ״דאָס זיינען באַשטימטע הלכות וואָס קומען פון דער טראַדיציע, ניט אָנגעוויזקען אין דער תורה, און מען קאָן זיי גאָר ניט פאַרבינדן אָדער אַרויסדרינגען פון אַ פּסוק (רמב״ם, הקדמה צו סדר זרעים). מען האָט געגלויבט אַז עס איז אַ לעבעדיקע טראַדיציע ביים פאָלק, איז דאָס ניט ווייניקער הייליק ווי עס וואָלט אויף דעם געווען אַ פּסוק.

אַט די דאָזיקע טעטיקייט — פעסטשטעלן די יידישע הלכה, דעם איינהייטלעכן יידישן שטייגער וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע יידן ניט בלויז אידעאָלאָגיש. נאָר — דער עיקר —שטייגעריש — דאָס איז געווען די אויפגאַב וואָס עס האָבן גענומען אויף זיך די סופרים מיט דעם וויכטיקסטן פון זיי עזרא הסופר, די אנשי כנסת הגדולה, די פּרושים און חכמי התלמוד (אָנגענומען דער אויסדרוק חז״ל — ״חכמינו זכרונם לברכה״. מיר וועלן אויך נוצן דעם טערמין ווייטער) און אַזוי אייגנטלעך אויך ווייטער אין אשכנז, איבערהויפּט, און דורך דער גאַנצער שטעטל־תקופה. די ״תלמוד תורה״ — די פאַרשונג, די אוניפיקאַציע און פאַרשפּרייטונג אין פאָלק — דאָס וויכטיקסטע, די גרעסטע מצווה, וואָס העכערע פון אַלע מצוות צוזאַמען (כנגד כולם).

דאָ איז געלעגן דער אונטערשייד צווישן די חכמי ישראל אין העלעניס־טישן מצרים: אין ארץ ישראל און אין בבל האָבן די חכמים ניט געזאָרגט אויסצו־גלייכן ווי עס איז יידישקייט מיט העלענישקייט (גריכישקייט). (אַסימילאַציע

מיינט דאָך אויסגלייכונג). פונקט אַזוי האָט אַ יידישער רוסיפיקאַטאָר אין ווילנע זיך געפרייט וואָס העברעיִש איז אַזוי קרוביש צו רוסיש, והא ראיה — אויף לשון קודש איז תרדמה און אויף רוסיש דרעמאָטאַ... (י. שטיינבערג).

אין דער ערשטער העלפט פון בית שני האָט זיך טאַקע אויסגעפורעמט און פאַרפעסטיקט אַ יידישע פעסטע טראַדיציע, אַן אייגענע אין גאַנצן, אַן השפעות פון דרויסן (די פערסישע תקופה). שפעטער האָבן זיך די מיינונגען צעטיילט, עס זיינען אויפגעקומען פאַרטייען ביי יידן, ריכטונגען, אידעאָלאָגיעס. לאָמיר זיי אָנרופן מיט היינטיקע, אַקטועלע נעמען:

**אַריסטאָקראַטיע** — געזוכט נאָכצומאַכן אין שטייגער און אין שפּראַך די הערשנדיקע גריכן. פאַר גוטער יידישקייט קאָן מען יוצא זיין מיטן היטן די תורת משה, היטן די מצוות ווי זיי זיינען פאַרשריבן. ווי די משכילים וואָלטן עס געזאָגט: היט די מצוות ווי עס איז פאַרשריבן, און פירן זיך קאָנסטו ווי אַלע מענטשן (די ניט־יידן אַרום). דאָס זיינען געווען די צדוקים.

**די פאָלקיסטן.** —זיי האָבן געטענהט, אַז פאָלק לעבט ניט מיט דער תורה וואָס אין דעם שענסטן ארון קודש; אַ פאָלק האַלט זיך ניט מיט שטאָלצע, אַריסטאָקראַטישע דינאַסטיעס און מיט זייערע פּאָליטיקערייען. אַ פאָלק לעבט יאָ מיט דער אויסגעהאַלטנקייט פון זיין טאָג־טעגלעכן שטייגער, וואָס ער דאַרף זיין איינהייטלעך, ער דאַרף זיין טראַדיציאָנעל אַ המשך פון דעם פריערדיקן, אָבער ווי דאָס פאָלק פירט זיך, ווי דאָס פאָלק רעדט. ער טאָר אָבער ניט זיין נאָכגעמאַכט ווי עס ריידן, ווי עס פירן זיך אַנדערע פעלקער. ניט בלויז אַנדערע געטער טאָר מען ניט דינען, נייערט בכלל יעדער מין „עבודה זרה״ דאַרף מען אויסמיידן. דאָס זיינען געווען די פרושים די חז״ל, די בעלי התלמוד.

און געווען נאָך גרופּעס, וואָס האָבן בכלל פאַרלוירן דעם גלויבן אין דעם פאָלקס צוקונפט, אַנטוישטע פון די קריגערייען, זיינען זיי אַוועק פון פאָלק אין מדבר. יעדער מענטש האָט זיך זיין פּריוואַטן חשבון מיט גאָט. און דער חשבון איז ניט פאַרן פאָלק, וועמען דער יחיד דאַרף דינען. דער חשבון ענדיקט זיך מיט דעם יחידס „יענער וועלט״. דאָס זיינען געווען די פאַרשיידענע סעקטעס פון די עסיים. פון זיי איז עס אַרויסגעקומען דאָס קריסטנטום. צו אונדז האָט עס ניט קיין שייכות.

דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון היינט, פון אונדזערע צייטן בכלל שטאַמט פון די פרושים, חז״ל, בעלי התלמוד — פון די פאָלקיסטן, יידישקייט איז פאַר זיי ניט סתם דער סכום פון פאַרשריבענע מצוות, ווי „גאָט האָט געבאָטן״, נאָר די הלכות, ווי עס איז דער פאָלקישער שטייגער. אין ש״ס זיינען דאָ אַ סך ערטער וואָס שטעלן די יידישקייט „שבעל פה״ (דאָס ניט פאַרשריבענע אין פאָלקס־פירונג) העכער ווי דאָס וואָס „בכתב״, דאָס „מדרבנן״ העכער פון דעם

„מדאוריתא" (אוריתא — תורת משה). דער מקור פון די הלכות איז ניט דאָס דירעקטע וואָרט פון גאָט, וואָס ער הייסט, ווי ער הייסט. נאָר ווי עס איז דעם פאָלקס פירונג. אפילו ניט משה רבינו האָט געבראַכט אַ „נייע" תורה, נאָר שוין אברהם אבינו האָט זיך אַזוי געפירט (יומא כח' ב'). עס קומט אויס, אַז משה האָט געבראַכט פון גאָט די מצוות, וואָס זיינען פריער געווען הלכות ביי אברהם אבינו...

איך האָב אָנגערירט די טעמע נאָר אַזוי צו זאָגן, מיטן שפּיץ נאָגל. עס איז אָבער פאַר מיר אַן אָנווייז, אַ וועג ווי איך דאַרף פאַרשטיין יידישקייט און אירע דרכים היינטיקע צייטן, ווו איז דער ריכטיקער וועג און ווו דער פאַלשער? איך באַמי זיך צו זוכן דעם גאַנג פון יידישקייט היינט, לויט דעם גאַנג פון די פרושים אַמאָל. דאָס וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט זיין דער אינהאַלט און דער ציל פון די יידישע הויכשולן אונדזערע היינט. נאָר ביין! קיינער פון זיי איז ניט קיין יורש פון חז"ל און גייט ניט אין די דרכים פון די חז"ל. זיי בויען ניט די היינטיקע הלכות פאַרן קיום פון פאָלק. זיי לערנען די פאַרצייטיקע יידישקייט, ווי מען לערנט אַרכעאָלאָגיע, אַסיריאָלאָגיע, עגיפּטאָלאָגיע; אַזוי לערנען אונדזערע הויכשולן און אַקאַדעמיעס ישראלאָגיע. איך וויל ענדיקן דאָס קאַפּיטל מיט אַ „מאָדנער" גמרא (נידה סא' ב') וואָס איך קאָן ניט דער־קלערן. עס שטייט אַז „לעתיד לבא מצוות בטלות" לעתיד לבא וועלן די מצ־וות בטל ווערן. לויטן טעקסט קומט אויס, אַז נאָכן טויט זיינען מער ניט שייך קיין מצוות. אָבער דער אויסדרוק „לעתיד לבא" מיינט אַלע מאָל משיח־צייטן. מיינט עס אויב אַזוי אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן יידן זיך פירן אַליין אַן באַפעלן ווי יידן דאַרפן זיך פירן. מיט אַנדערע ווערטער — די הלכה דער שטייגער וועט זיין אַזוי גוט, יידיש־לעבן און אַזוי פעסט, אַז מען וועט פאַר־שפּאָרן צו היטן, צו פאַרזאָגן, די מצוות וועלן זיין איבעריק.

אין פלוג קאָן דער איבערגאַנג פון מצוות צו הלכות אויסזען ווי אַ רע־וואָלט: מצוות זיינען דאָך פון גאָט און הלכה — גאָר פון פאָלק. עס איז אָבער אין פולן הסכם מיט דער באַגריפן־וועלט פון די חז"ל: גאָט איז דאָך ניט אַ באַזונדערער וועזן פאַר זיך, נאָר קודשא בריך הוא וישראל ואוריתא איז דאָך איינס. דערפאַר איז די הלכה פון פאָלק גלייך צו די מצוות פון גאָט. און דער־פאַר איז די הלכה וואָס איז ספקדיק און מען ווייס ניט ווי מען דאַרף זיך נוהג זיין, איז גיי אַרויס און זע ווי דאָס פאָלק פירט זיך, וואָרעם אויב זיי זיינען ניט קיין נביאים, זיינען זיי די „בני נביאים" און טאָמער קומט אליהו און זאָגט אַז מען דאַרף זיך נוהג זיין אַנדערש, דאַרף מען אים ניט פאָלגן, ווייל דאָס פאָלק פירט זיך שוין אַנדערש. און אליהו איז דאָך דער געטלעכער שליח פון הימל , דאָך אָבער דאַרף מען אים ניט פאָלגן

דעם פאָלקס פירונג איז ריכטיקער! און אפילו אַ בת קול פון הימל פאָלגט מען, ניט, (אין אנו משגיחין בבת קול), און גאָט פרייט זיך און זאָגט: „מיינע קינדער האָבן מיך בייגעקומען /גובר געווען/. און גאָט אַליין זיצט אין אַ ישיבה של מעלה און לערנט יידישע הלכות, און לומדי תורה פון דערזעלביקער ישיבה דיסקוטירן מיט גאָט, און מען שיקט פרעגן ביי אַ בשר ודם — ער זאָל פּס־קענען... דאָס איז אַלץ אין פולן הסכם מיט דער אידענטיפיקאַציע פון געט־לעכקייט און פאָלקישקייט. אָט די אידענטיפיקאַציע איז פרעמד און ווייט די אַנדערע רעליגיעס, וואָס האַלטן זיך נאָך ביי דעם ריין־געצנדינערישן באַגריף פון אַ סובסטאַנציאַנעלן גאָט וואָס אַנטפּלעקט זיך ניט אין פאָלק, נאָר ער איז איבערן פאָלק, איבערן קאָסמאָס. צום באַדויערן האָבן יידישע דענקער זיך אָנ־געשטעקט מיט דער געצנדינערישקייט. דאָס איז דער מהות פון דער ענדערונג: פון מצוות צו הלכות. צי מעג מען הלכות אויך פאַרשרייבן, פיקסירן? — ניין, פּסקענען חז״ל: פאַרשרייבן מיינט פיקסירן, מיינט אָפּרייסן פון פאָלקישן מקור, מאַכן פון הלכות — צוריק מצוות. דאָס איז שוין דער דרך פון די צדוקים.

עס בלייבט אונדז נאָך די פראַגע פאַרוואָס די חז״ל האָבן זיך אַזוי שטרענג קעגנגעשטעלט דעם פאַרשרייבן הלכות. „דברים שבעל פה אי אתה רשאי לאומר בכתב" (תמורה יד׳ גטין ס׳). זיי האָבן קלאָר און אָפן אונטערגעשיידט: יידיש־קייט האָט צוויי תורות, איינע איז בכתב, פאַרשריבן; די צווייטע איז בעל פה — אין גאַנצן אַ מינדלעכע, ניט פאַרשריבן. אָבערביידע זיינען פון גאָט, ביידע געטלעך. דער יחוס איז טאַקע די תורה וואָס איז פאַרשריבן אין ספר, די תורה שבכתב, אָבער פאַרן קיום פון פאָלק איז וויכטיקער די ניט־פאַרשריבענע, די תורה שבעל פה. אויף זייער טערמינאָלאָגיע זאָגט עס רבי יוחנן: „לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבעל פה". אין איר איז די יידיש־קייט און אָט די תורה שבעל פה טאָר מען ניט פאַרשרייבן. מען דאַרף זי לערנען אויסנווייניק. זי איז לכתחילה געגעבן געוואָרן אויסנווייניק, ניט פאַרשריבן.

מען דאַרף אָננעמען אַז דער פאַרבאָט צו פאַרשרייבן איז ניט געווען קיין אַבסאָלוטער. שוין דער סינאָנים צו דער תורה שבעל פה „דברי סופרים" באַ־ווייזט אַז עס זיינען ביי חז״ל יאָ געווען נאָטיצן און פאַרצייכענונגען, עס זיינען אפילו דערמאָנט „ספרי דאגדתא" גאַנצע אגדה־ספרים. אַזוי שרייבט אויך רב צעיר אין זיין „תולדות ההלכה", אַז דער מאמר כותבי הלכה כשורפי התורה" — האָט געמיינט ניט סתם פאַרשרייבן. פאַראַן אפילו אַ גמרא אַז עס זיינען געווען ביי יידן „שש מאות סדרי משנה" — זעקס הונדערט אָדער אפילו זיבן הונדערט. און אונדזערע זעקס סדרי משנה זיינען בלויז אַן אָפּקלייב. איז דאָס

זיכער אַז זייער אויסדרוק „בכתב" איז ניט אידענטיש אין גאַנצן מיט אונדזער היינטיקן באַגריף שרייבן. עפּעס האָט ביי זיי דאָס וואָרט כותבי הלכות געמיינט ניט סתם פאַרשרייבן. ריכטיקער איז זיכער די מיינונג פון רב צעיר, אַז דאָס לייגט זיך טאַקע אויפן שכל אַזוי. עס איז אין גאַנצן אויסגעשלאָסן זיי זאָלן האָבן אַ פאָרשטעלונג אַז די גאַנצע תורה שבעל פה איז אַזוי געגעבן געוואָרן אויסנווייניק, נאָר פאַרן זיכרון, און אַזוי איז זי געדענקט געוואָרן. די געשריבענע תורה איז כסדר פאַרגעסן געוואָרן, און דאָס מינדלעכע איז אָפּגעהיט געוואָרן און איז קיין מאָל ניט דערמאָנט געוואָרן אפילו אין דער גאַנצער צייט פון תנ"ך. ווי שוין געזאָגט אַ סך מאָל איז די תורה שבעל פה — דעם פאָלקס טראַדיציע, זיין שטייגער, הגם ניט ווי פאַרשריבן אין דער תורת משה. תורה שבכתב מיינט תורת משה און תורה שבעל פה — די יידישע טראַדיציע און שטייגער.

און פאַרוואָס אַזאַ שטרענגער פאַרבאָט צו פאַרשרייבן? — כדי ניט פיקסירן אויף שטענדיק. צוויי מקורים פון יידישקייט: די תורת משה — די תורה שבכתב און דער פאַרזיכיקער שטייגער פון לעבעדיקן פאָלק, דער ניט־נאָכגעמאַכטער, דער ניט־„עבודה זרהדיקער" שטייגער, וואָסער מקור פון די צוויי איז וויכטיקער פאַרן קיום פון פאָלק? — די תורה שבכתב אָדער די וואָס בעל פה? — האָבן אויף דער פראַגע די חז"ל געגעבן אַ קלאָרן ענטפער: די תורה שבעל פה איז וויכטיקער. די לעבעדיקע טראַדיציע — זי איז דער מקור פון יידישקייט; יידן זיינען אַ פאָלק נאָר טאַקע מיט די שטייגערישע טראַדיציעס. ניט דאָס לעבן דאַרף זיך צופּאַסן צום פאַרשריבענעם פסוק נאָר מען דאַרף דעם פסוק צופּאַסן צום לעבן, אַריינטייטשן, דערקלערן. ניט דער פסוק זאָל דיקטירן דעם גאַנג פון לעבן. ניט די תורה הכתובה, (ריכטיקער — ניט תורה נאָר „מקרה" (לעקטור) דיקטירט די הלכה — דעם גאַנג פון לעבן. נייערט פאַרקערט: „הלכתא היא — זיין איז עס אַ שטייגער, אַן אַנגענומענער גאַנג אין לעבן „ואסמכנוהו רבנן אקרא" האָבן דאָס אונדזערע לערער באַפעסטיקט מיט אַ פסוק. (עטלעכע מאָל אין ש"ס). ווען אָבער מען זאָל די תורה שבעל פה — די מינדלעכע טראַדיציע פאַרשרייבן, מען זאָל וועלן, הייסט עס, פיקסירן דעם גאַנג פון לעבן, די הלכה ווי אַן אייביקער דין, ווי אַ געזעץ וואָס טאָר ניט געענדערט ווערן, דאָס איז „כשורפי התורה" — ווי פאַרברענען דעם לעבעדיקן מקור פון יידישקייט. אַזוי אַרום קומען מיר צו אַ מאָדנעם אויספיר: די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע גייט אין וועג, וואָס איז דער פאַרקערטער פון דעם וועג פון חז"ל.

אין תוך אַריין שטעלט זיך די פראַגע פאַרוואָס? פאַרוואָס און פון וואַנען קומט דער טיפער אונטערשייד צווישן חז"ל און די דרכים פון דער היינטיקער

אָרטאָדאָקסיע?ביידע באַוועגונגען האַלטן די טראַדיציעס, היטן די טראַדיציעס, וואַלטן דאָך אויך זייערע אַקטיוויקייטן געדאַרפט זיין ענלעך. קומט דער אונטערשייד פון דעם וואָס צווישן די אַמאָליקע חז״ל און די היינטיקע אָר־טאָדאָקסן איז פאַראַן אַ טיפער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער אונטערשייד. ווען מיר זיך באַמיען צו גיין כסדר:

יעדע תורה שבכתב איז אַ פּראָדוקט פון אַ תורה שבעל פה פון אַ פריער־דיקער תקופה. תורה שבעל פה איז וואָס עס איז איצט, תורה שבכתב — וואָס עס איז געווען. ווען געווען? — אין אַ פריערדיקער תקופה. לכתחילה איז ביי די אבות און אין מצרים יידישקייט געווען נאָר בעל פה — אומפאָרמולירט, שטייגע־ריש און ניט מער. מיט דעם איבערגאַנג אין ארץ ישראל, האָט זיך יידישקייט געמוזט ענדערן, דאָס גאַנצע לעבן איז דאָך אַנדערש געוואָרן. האָט תורת משה סומירט דאָס טראַדיציאָנעלע פון דער פאַרגאַנגענער תקופה און צוזאַמען מיט משהס געטלעכע אידעאַלן פאַר דער צוקונפט און דאָס צוזאַמען איז געוואָרן די תורה הכתובה, די תורה שבכתב.

אין דער וואַנדער־תקופה און פון בית ראשון איז נאָך ביי יידן געווען דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין גאַנץ שוואַך, און קיין אויסגעהאַלטענער, פאַר־זיכיקער שטייגער, דורכויס אַן אייגענער איז נאָך ניט געווען. אַלץ האָט זיך גע־פלאָנטערט אַרום נאָכמאַכונגען, אלוהים אחרים, פרעמדע זיטן און דרכים. אין צפון מער, אין דרום ווייניקער. דערפאַר איז די צפון־מדינה (שומרון) באַלד אין גלות אונטערגעגאַנגען אָן אַ שפור. די געבליבענע, די וואָס זיינען ניט גע־גאַנגען אין גלות, די האָבן זיך אויסגעמישט און עס איז געווען אַ טאָפּעלער שטייגער: דער גאַנג פון לעבן — אַ פרעמדער, אָן איבערגענומענער און די רע־ליגיע אין ענגערן זינען, דאָס דינען גאָט איז אָפּגעהיט געווען לויט דעם וואָס איז פאַרשריבן (מלכים ב, יז). אַזאַ מין קאָמבינירטע יידישקייט — שטייגער באַזונדער און רעליגיעזער גאָט־דינען ווידער באַזונדער קאָן ביי יידן ניט אויס־האַלטן. זיינען געבליבן עטלעכע הונדערט לעבעדיקע פאָסילן פון אַמאָליקן גאַנץ היפּשן שומרונישן פאָלק.

אַן ענלעכער פּראָצעס איז שפּעטער פאָרגעקומען אין דער יידישער גע־שיכטע מיט די צדוקים: ווידער האָט מען זיך פאַרקוקט אויף פרעמדע זיטן און פירונגען, פרעמדע שפּראַך און קולטור. דערפאַר אָבער אַ שטרענג אָפּהיטן דעם גאָט־דינען לויט אַלע פּרטים פון דער פיקסירטער תורה. איז ווידער דער דואַליזם דורכגעפאַלן: דער צדוקישער דואַליזם איז אויך אָפּגעמעקט גע־וואָרן פון יידיש לעבן. ניטאָ פון די צדוקים קיין זכר.

אָבער פאַר דער צייט, אונטער דער הערשאַפט פון פערסיע (אין גלות בבל און שפּעטער אויך אין יהודה) איז אָנגעוואַקסן ביי יידן אַ שטאַרקער מאַ־

סיוו אין די דערפער און אויך — פשוטע יידן, וואָס לעבן מיט זייער שטייגער, אָן השפעות פון פרעמדע פעלקער, אָן עבודה זרה. מיט דעם פאָלקישן מאַסיוו איז געגאַנגען אַ שטאַרקע, באַוווסטזיניקע אינטעליגענץ. זיי זיינען געווען די פרושים. אָט די אינטעליגענץ האָט געזען יידישקייט אין דער פירונג פון דעם לעבעדיקן פאָלק, „גייט און זעט ווי דאָס פאָלק פירט זיך, און טוט אַזוי"! דאָס לעבן פון פאָלקישן מאַסיוו איז געווען ניט דורכויס לויט דער געשריבענער תורה. אַ סך נייע באַגריפן זיינען צוגעקומען (צווישן זיי „עולם הבא" און „תחיית המתים"), נייע זיטן און פירונגען. דער מאַסיוו האָט אויך געהאַט אַ נייעם פסיכישן שטריך, וואָס איז ניט געווען פריער און אויך איצט פעלט ער: דאָס איז זיכאַכטונג, נאַציאָנאַלער שטאָלץ. ניט געווען קיין אַסימילאַציע, ווייל מיט סובאָרדינירטע פעלקער אַסימילירט מען זיך דאָך ניט און דאָס הערשע־רישע פאָלק (פערסיע) איז געווען ווייט געאָגראַפיש. און עס האָט ניט אַרויפּ־געצוווּנגען זיין קולטור. איז יעדער יידישער מנהג געווען טייער ווייל עס איז אונדזערס, יידן פירן זיך אַזוי, און דערפאַר איז עס אונדז ליב.

אָט צו דעם מאַסיוו האָט געצויגן די פרושימשע אינטעליגענץ.

עס איז אין דער קולטור־געשיכטע בכלל און ביי יידן אין תלמוד אויך פאַראַן אַ פּראָבלעם: ווער ווירקט אויף וועמען — די אינטעליגענץ באַווירקט דעם מאַסיוו אָדער דער פאָלקישער מאַסיוו האָדעוועט אויס זיין אינטעליגענץ. אין דער טערמינאָלאָגיע פון תלמוד גייט דער נוסח „פרנס לפי הדור אָדער פאַרקערט — הדור לפי הפרנס" (ערכין יז' א'). ווייסן מיר, דעם כלל „וואָס פאַר אַ פאָלק אַזאַ פירער". האָבן די חז"ל שטרענג געהיט די יידישקייט פון פאָלק. לויט אונדזער היינטיקער טערמינאָלאָגיע וואָלטן מיר געדאַרפט זאָגן אַז די חז"ל זיינען געווען „פאָלקיסטן". אָט די פאָלקישע יידישקייט — דאָס איז גע־ווען פאַר די חז"ל זייער „תורה שבעל פה". איז זייער גאַנצע אַקטיוויטעט געווען: אוניפיצירן די יידישע פירונגען, דערפירן די דעטאַלן צו איין איינ־הייטלעכער פאָרעם, פאַרבינדן די היינטיקע, אַקטועלע שטייגער־נאָרמען פון זייער צייט מיט דעם וואָס עס איז פאַרשריבן אין דער תורה שבכתב פון דער פריערדיקער תקופה. דאָס איז געווען זייער תלמוד תורה, וואָס איז ביי זיי גע־ווען פאַררעכנט פאַר דער גרעסטער מצווה.

גאָר אַנדערש איז עס פאַר דער היינטיקער אָרטאָדאָקסיע. ניטאָ היינט קיין טראַדיציאָנעל אָפּגעהיטער פאָלקישער מאַסיוו. דער מאַסיוו האָט זיך צע־שאָטן אויף יחידים. די יחידים האַלטן אין אַסימילירן זיך. ניטאָ קיין „תורה שבעל פה" פון היינטיקן דור. קאָן די אָרטאָדאָקסיע רופן נאָר צו דער תורה שבכתב פון היינטיקער צייט. און היינט איז פאַר אונדז בכתב די יידישקייט

פון דער תקופה וואָס איז איצט פאַרגאַנגען. דאָס הייסט די יידישקייט פון דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה. אַנשטאָט צו רופן צום פאָלקישן שטייגער רופט די אָרטאָדאָקסיע צום שולחן ערוך. דאָס איז אָבער אַ תורה שבכתב און פון גאָר אַן אַנדער תקופה. שטעלט די אָרטאָדאָקסיע די יידישקייט שבעל פה וואָס די שטעטלשע תקופה האָט געשאַפן, קעגן דער לעבעדיקער יידישקייט פון לע־בעדיקן פאָלקישן מאַסיוו, פון דעם מאַסיוו וואָס האָט געשאַפן די גאַנצע יידישע קולטור פאַר אונדזער דור. ליידט דער איצטיקער אורבאַנישער דור פון אַסי־מילאַציע־טענדענצן, פון עגאָפאָבישער מינדערווערטיקייט. ליידט פון דעם אויך די אָרטאָדאָקסיע. איז די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע ניט פאָלקיסטיש, נאָר פאַרקערט דאָס זעט מען אַרויס פון דער שפּראַך־פאָליטיק. די חז"ל האָבן אָן ספקות, אָן פאָלעמיקס, אָן טענות געפירט זייער גאַנצע אַרבעט אין דעם לשון פון פאָלק אַראַמיש, תפי־לות געשאַפן אין דער שפּראַך. אַזוי רעדט דאָס פאָלק, איז זי פאָלקיש, קודש מיט דער הייליקייט פון פאָלק. די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע יאָגט נאָך דער אַסי־מילאַציע. אַזוי אַרום האַלט זיך די אָרטאָדאָקסיע פאַר יורשים פון פרושים, און גייט אין די וועגן פון די צדוקים. ד"ה פון אַסימילאַציע.

# אויספירן פון אַ קאַפּיטל געשיכטע

פאַראַן אין גמרא אַ מיינונג אַז דער צווייטער בית איז געווען ניט אין פאַרגלייך העכער און יידישער פון דעם ערשטן בית (יומא ט׳ ב׳). אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש זיינען געווען געצנדינעריי, גלוי עריות און שפי־כת דמים. אָבער אין צייט פון צווייטן בית המקדש זיינען די עבירות ניט גע־ווען. דער חורבן איז געקומען ווי אַ שטראָף נאָר פאַר דער עבירה פון „שינאת חינם״.

אין פלוג קומט אויס ביי יעדערן וואָס לייענט די געשיכטע פון בית שני, אַז דער בעל המאמר האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות: די צייט פון ערשטן בית קומט אויס ניט אין פאַרגלייך העכער, מאָראַלישער און פרידלעכער ווי די צייט פון דעם בית שני. פאַר דעם ערשטן בית איז ביי אונדז אויסגעוואַקסן די דערשיינונג פון נבואה. דאָס איז דאָך דאָס העכסטע, אָריגינעלסטע און מאָ־ראַלישסטע אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. דאָס פאָלק האָט די נבואה איינגעהיט ניט דווקא אין באַהאַלטענע מגילות, נאָר אין פשוטן, פאַרשפּרייטן זכרון פון לעבעדיקן פאָלק, איבערגעבנדיק מער בעל פה איידער בכתב די רייד פון די נביאים. גלייך צום אָנהייב פון בית שני האָט זיך די נבואה אָפּגעהאַקט.

די נביאים פון בית ראשון האָבן אַ סך ריכטיקער אָפּגעשאַצט דעם מנהג פון קרבנות צו גאָט, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט דווקא אין בית שני. אַלע גרויסע נביאים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן קרבנות. מען קאָן געפינען אַ סך מער קרובהשאַפט צווישן דער נבואה פון אַכטן י״ה פאַר דער אַנגענומענער צייט־רעכענונג מיט דער מוסר־באַוועגונג אין דעם נײַנצנטן י״ה נאָך דער זעל־ביקער צייט־רעכענונג.

וואָס עס איז שייך צו שפיכת דמים — בלוט־פאַרגיסונג — איז דאָך דער בית ראשון ממש קלאָר, אומבאַפלעקט קעגן די הונדערטער און טויזנטער אומ־געבראַכטע פון יעדן יידישן מלך, אָדער אפילו כוהן גדול און בכלל פירער. די יידישע געשיכטע האָט ניט געקאָנט מוחל זיין דעם באַליבסטן מלך דוד זיין עבירה מיט בת שבע. און דאָס איז דאָך ניט מער ווי אַ קינדער־שפּיל אין

פאַרגלייך מיט מאַראַלישע פאַרברעכנס ווי הריגות און אָפּנאַרערייען ביי די יידישע מלכים פון בית שני. אין ערשטן בית האָט אליהו, וואָס זיינע רעדעס זיינען ניט געבליבן בכתב, דאָך ניט געקאָנט מוחל זיין דעם קעניג (אחאָב) וואָס ער האָט געטאָן אַ געוויינטלעכע „קליייניקייט": צוגענומען אַ וויינגאָרטן ביי אַ בירגער און דעם בירגער פאַרמשפּט צום טויט פאַר אַ פאַלשער זינד (די מעשה מיט נבות היזרעאלי). און דאָס איז דאָך ווי אַ טראָפּן אין ים קעגן די בלוט־פאַרגיסונגען אין דער צייט פון בית שני, ווען יידיש בלוט האָט זיך גע־גאָסן ווי וואַסער אין די מלחמות מיט אַנדערע פעלקער, און נאָך מער אפשר, אין די ברודער־מלחמות צווישן ריכטונגען, פאַרטייען, מלכים און פרעטעדענטן אויף דער מלוכה, מיט אַלערליי דריידלעך און פּאָליטיקערייען, וואָס האָבן איטלעך מאָל געקאָסט טויזנטער לעבנס; און די אייגענע מלכים האָבן ניט וויי־ניקער באַגזלט עקאָנאָמיש דאָס פאָלק ווי די פרעמדע באַהערשער. הורדוס איז געבליבן אין דער יידישער געשיכטע ווי אַ סימבאָל פון אַ קייסער אַ רוצח. ניט קיין סך רייַנערע הענט פון הורדוסן האָבן געהאַט אַנדערע יידישע מלכים אפילו פון דער יחוסדיקער חשמונאים־משפּחה ניט ווי הורדוס, וואָס האָט גע־שטאַמט פון אדום. (אפשר האָט דאָ צוגעהאָלפן די קריסטלעכע טראַדיציע פון כעס אויף הורדוסן).

רוים וואָלט מסתמא סיי ווי איינגעשלונגען די קליינע יהודה ווי אַ הייפיש שלינגט איין אַלע קלענערע און שוואַכערע פיש אין ים, אָבער דאָך איז דער חורבן דערנענטערט געוואָרן אַ דאַנק דער ברודער־מלחמה פון צוויי כשרע חשמונאים־אייניקלעך מיט זייער ווענדן זיך צו רוים נאָך הילף און ווי פאַר־בעטן זיי: ווערט איר בעלי בתים, אָבי נאָר איר זאָלט מיר העלפן ווערן קעניג... קלויזנער קאָן ניט מוחל זיין די חז"ל וואָס האָבן קיין מאָל ניט דערמאָנט אין תלמוד דעם נאָמען פון דעם גרעסטן יידישן העלד — יהודה המכבי. ער — דער היסטאָריקער פון בית שני — וויל ניט פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען ניט סתם צוליב בטלנות נאָר צוליב באַשטימטע אידעיִשע פּרינציפּן, ווייל זיי האָבן ניט געהאַלטן אַזוי שטאַרק פון די גרויסע העלדישקייטן פון די חשמונאים... מיט איין וואָרט: מען קאָן זען אין דער מלוכה פון בית שני ניט קיין קליינע ירידה פון יידישקייט לגבי דעם ערשטן בית.

און פון דעסט וועגן איז דווקא דער צווייטער בית דאָך געווען דער בראַ־שית פון אייביקן יידישן פאָלק. ווי אַזוי?

מען דאַרף די תקופה פון בית שני צעטיילן אויף צוויי ניט קיין גלייכע צייט־פּעריאָדן: די צייט פון דער פּערסישער הערשאַפט און די צייט פון דער העלעניסטישער קולטור. וועגן דער ערשטער, דער פּערסישער תקופה ווערט כמעט ווי ניט דערמאָנט אין דער יידישער געשיכטע. מען רופט עס אפילו אָפּט

„אַ צייט אָן געשיכטע": ניט געווען קיין געשעעניש, ניט געלאָזן וואָס צו דערציילן, וואָס צו פאַרשרייבן. אָבער דווקא די תקופה האָט געהאַט די פּאַרמירנ־דיקע השפּעה אויף דעם יידישן פאָלק. געצויגן האָט זי זיך אַ 250 יאָר (צו־זאַמען מיטן גלות בבל).עס איז מאָדנע אָבער דווקא אין גלות האָט זיך דאָס יידישע פאָלק אויסקריסטאַליזירט, דווקא אין גלות בבל האָט זיך אויסגעביל־דעט אַ פאָלקס־אינטעליגענץ מיט גאָר אַ שטאַרקן פאָלקישן באַוווסטזיין, וואָס איז פריער, אין אייגן לאַנד גאָר ניט קענטיק געווען. דאָ איז אַוועק זייער ענער־גיש די קולטור־זאַמלערישע אַקטיוויטעט פון די „פאַרשרייבער" (סופרים) פון צווישן ירמיהוס תלמידים, מיט דעם ערשטן ברוך נריה ביז צו דעם גרעסטן פון זיי עזרא. וואָס האָט מען פאַרשריבן? אַלץ וואָס עס איז געווען שוין פאַרשריבן פון פריער — כמעט דער גאַנצער חומש, די רייד פון די נביאים — צי עס איז רעדאַקטירט געוואָרן אָדער פאַרשריבן פון זכרון. עקאָנאָמיש און פּאָליטיש האָט מען געלעבט פרידלעך, אָבער די בענקשאַפט האָט געבראַכט צו פאַרזאַמלונגען אין פרייע יום טובדיקע טעג אין ספּעציעלע פאַרזאַמלונג־הייזער (בית כנסת) ווו מען האָט זיך פאַרנומען מיט לייענען, מיט דערציילן פון דער אַלטער פאַרלוירענער היים און מיט זינגען אַלטע געזאַנגען. דווקא אין גלות בבל איז אויסגעוואַקסן אַ דור מיט אַ שטאַרקער „פאָלקס־דאָמינאַנטע" — מענטשן וואָס זיינען געווען גייסטיק קאָנצענטרירט אויף זייער יידישקייט. פון זיי האָבן זיך אויסגעפורעמט די גרופּעס עולים הן אין דער ערשטער עליה מיט זרובבלן און הן שפּעטער, מיט עזרא און נחמיה... אָט די עולים האָבן דאָס אויפגעבויט דאָס יידישקייט פון צווייטן בית. די שפּראַך איז געווען ניט פון הערשערישן פאָלק, פון די פּערסיער נאָר דאָס לשון פון אַלע יידישע ישובים. מיטן הערשערישן פאָלק — די פּערסיער — האָט מען זיך ניט געמישט: פּער־סיע איז געווען וייט פון יהודה, אַ ברייטער מדבר טיילט אָפּ די צוויי לענדער. די אַרומיקע פעלקער האָבן ניט געקאָנט אַסימילירן די יידן. יידן בכלל אַסימי־לירן זיך ניט מיט סובאָרדינירטע פעלקער. דווקא פריער, פאַר נחמיה און עזרא איז יאָ אָנגעגאַנגען אין יהודה, צווישן די רעשטלעך יידן וואָס זיינען גע־בליבן אין לאַנד, אַן אַסימילאַציע און אַ גאַנץ היפּשע. נחמיה האָט איבערגע־ריסן אָט די אַסימילאַציע מיט גוואַלד און מיט גוטן (עזרא). עזרא האָט גע־לייענט פאַר די יידן די תורה און זי דערקלערט אויף דער גערעדטער שפּראַך פון די יידן (אַראַמיש) אָדער „יהודית"). די תורה וואָס עזרא האָט זי געבראַכט און איינגעפעסטיקט איז געוואָרן די קאָנסטיטוציע פון יידישן פאָלק, (דובנאָוו, צייטלין) אָדער מען קאָן זאָגן, אַז די קאָנסטיטוציע פון יידישן פאָלק איז גע־וואָרן די רעליגיע... בכל אופן האָט עס זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די דערשיי־נונג אַז די יידישע רעליגיע איז געוואָרן אַ פאָלק־רעליגיע, דינען דעם פאָלק

און זיין קיום איז די אויפגאַב פון דער רעליגיע. ניט וואָס גאָט דאַרף און וואָס ער פאָדערט, נאָר וואָס דאָס פאָלק דאַרף, גאָט אַליין זאָרגט אויך פאַר דעם פאָלקס באַדאַרפן. צו דעם, אמת, וועט קומען ערשט שפּעטער, אין די צייטן פון תל־מוד, אָבער דער אָנהייב איז שוין געווען ביים אָנהייב פון דער פּערסישער תקו־פה. דער עצם באַגריף „גאָט" האָט אַלץ מער פאַרלוירן ניט בלויז זיין מאַטעריאַ־ליזם, נאָר בכלל זיין באַזונדערע פאַרזיכיקע עקזיסטענץ. ער אידענטיפיצירט זיך אַלץ מער מיט דעם סכום פון אַלץ וואָס איז הייליק ביי יידן; דעם פאָלקס טראַדיציעס זיינען גאָטס מצוות. ער זאָגט אָן; די איינגעשטעלטע פירונגען און געזעצן זיינען די געטלעכע הלכות, וואָס גאָט אַליין שטודירט זיי; די יום טובים וואָס דאָס פאָלק שטעלט איין און ווען דאָס פאָלק באַשטימט זיי, פאַרהייליקט אויך גאָט. ביסלעכוויז ווערט גאָט אידענטיש מיט „קודשא בריך הוא" — די הייליקייטן פון יידישן פאָלק. דער גלות איז שוין געווען גאַנץ פאַרשפּרייט: יידן, יידישע ישובים האָבן זיך געפונען אין גאַנצן נאָענטן מזרח. די קאָמוני־קאַציע פון ירושלימער צענטער איז אָבער געווען מיט בבל שטאַרקער, הגם אַ סך ווייטער ווי מיט מצרים וואָס איז גאָר נאָענט. יהודה און בבל האָבן געהאַט איין יידיש לשון. בעת די יידן אין מצרים האָבן שוין גאָר גיך גענומען ריידן גריכיש, די לאַנדשפּראַך. אָט די צייט פון פּערסישער הערשאַפט פון אַרום צוויי הונדערט יאָר אָן מלחמה, אָן אַסימילאַציע האָט געגעבן די מעגלעכקייט, אַז די קליינע גרופּעס, געקומענע פון בבל, פון פּערסיע זאָלן זיך פאַרפעסטיקן און פאַרמערן און ווערן אַ גאַנץ פאָלק. דערצו מיט אַן אייגענעם פאַרזיכיקן שטיי־גער, מיט טראַדיציעס, וואָס זיינען געוואָרן פעסט ווי רעליגיע. אָנגעהויבן די תקופה האָבן קליינע גרופּעס אימיגראַנטן אין אַ וויסטן לאַנד, אין קריגערייען מיט די קליינע אַרטיקע קליינע שבטים און פעלקערלעך אויף אַ קליינעם שטח פון ירושלים מיט דער גאָר נאָענטער סביבה. געענדיקט האָט זיך די פּערסישע תקופה מיט אַ גאַנץ פאָלק אויף אַ סך אַ גרעסערן שטח, מיט אַ פעסטער קול־טור און שטייגער און בעיקר — מיט אַ פעסטער פאָלקישער דאָמינאַנץ און באַוווסטזיין. די געשיכטע פון דער צייט „אָן אַ געשיכטע" דערמאָנט שטאַרק די דערציילונג וואָס דער חומש דערציילט וועגן יידן אין גלות מצרים. געקומען זיינען אַהין זיבעציק מענטשן, איין משפחה און אין משך פון דעם גלות זיינען זיי געוואָרן „עם בני ישראל רב ועצום" (שמות א׳ ט׳). און דאָס — אין מאַטער־ניש, אין קנעכטשאַפט! דאָס דערמאָנט אויך די דערשיינונג ביי יידן אין פאַ־ריקן י״ה. יידן האָבן זיך אין משך פון 19־טן י״ה שטאַרק פאַרמערט, בערך פירפאַכיק (פון 4 מיליאָן ביז 17 מיליאָן, פאַר היטלערן). די גאַנצע פאַרמערונג דאַרף צוגעשריבן ווערן צו מיזרח־אייראָפּע. אין מערב־אייראָפּע איז, פאַר־קערט, געגאַנגען אַ פאַרמינערונג פון די צאָלן יידן. אַזוי ווידער ווי עס זאָגט

דער פסוק „וואָס מער מען מאַטערט זיי, אַלץ מער פאַרמערן זיי זיך און אַלץ מער צעשפרייטן זיי זיך" (שמות א׳ יב׳). די מזל־ברכה איז, פאַרשטייט זיך, ניט אין דער קנעכטשאַפט, ניט אין די צרות, ניט אין די שווועריקייטן פון צרותדיקן לעבן, נייערט עס ליגט אין דער פאַרזיכיקייט, אין דער אָפּגעזונדערטקייט, אין לעבן פאַר זיך און אין זיך, אין דער אייגענער פאָלקישער דאָמינאַנטע. די סיטואַציע ווערט, פאַרקערט, פאַטאַל ווי נאָר יידן גייען אַריבער צו לעבן איינצייטיק אין צוויי קולטורן, מיט צוויי קולטורן. דאָס איז געשען מיט יידן אין צווייטן בית, ווען ארץ ישראל איז אַריבער אונטער די העלעניזירטע הערשאַפטן — מצרים אָדער סיריע. דאָס איז געשען נאָך אַלעקסאַנדער מוקדונס טויט (323 פ״ק). קודם כל:

די העלעניסטישע פעלקער זיינען ווייט ניט געווען גלייך צו די העלענישע, צו די גריכן. זייער קולטור און זייער שפּראַך איז געווען אַ סך נידעריקער פון דער העלענישער. (צייטלין 218, 304 אין „קורות בית שני"). מען דאַרף עס אָננעמען פאַר אַ געזעץ: יעדע קולטור איז ביי איבערנעמער נידעריקער איידער ביי די אָריגינעלע טרעגער פון דער קולטור, נידעריקער פון דער זעלביקער קולטור ביים פאָלק וואָס האָט די קולטור געשאַפן. אַסימילירטע קולטור איז קיין מאָל ניט קיין אָרגאַנישע. די העלעניסטישע אַסימילאַציע האָט די פעלקער פון גאַנצן מזרח גאַנץ היפש דעמאָראַליזירט. עטוואָס בעסער איז עס געווען אין מצרים, ווו עס האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע אין אַלעקסאַנדריע. די גאַנצע געשיכטע פון די פעלקער איז דורכגעוויקט מיט בלוט־פאַרגיסונג דורך די מאַכטגיריקע מושלים, רויב, אָפּנאַרעריי, פעלקער־מאָרד, ברודער־מאָרד. אין אָט דעם מאָראַלישן זומפּ איז אַריינגעפאַלן יהודה. און זיך אָנגעשטעקט מיט דעם אַלעם. די פאַרזיכיקייט איז פאַרלוירן געגאַנגען. גריכיש לשון, גריכישע פירונגען...

## אסימילאציע הייבט זיך אָן אין די שטעט

צוויי שטאַטישע נייע עלעמענטן האָבן זיך אַנטוויקלט אין יהודה: סוחרים מיט אויסלאַנד און שטייער־מאַנער פאַר די הערשער. אָט מיט זיי האָט זיך אַנטוויקלט די העלעניזאַציע. די דערפער מיט ערד־אַרבעטער זיינען אַלע מאָל געטרייער דער אייגענער טראַדיציע. כל זמן יהודה האָט געהערט צו מצרים, האָט יהודה ניט געיאָגט זיך צו העלעניזם. הגם אין שטח נענטער, אָבער דער פאַרקער קלענער. זיינען די יידן אין מצרים געווען אַסימילירט ביז גאָר, אָבער אין יהודה איז יידישקייט געווען פאַר זיך, באַזונדער און ניט באַווירקט פון

אַסימילאַציע. גאָר אַנדערש איז עס געוואָרן ווען יהודה איז אַריבער אונטער דער הערשאַפט פון אַנטיאָכוס אין צפון. איצט האָבן די שטאָטישע עלעמענטן גענומען רייסן זיך צו דער העלעניסטישער פסיידאָ־קולטור. די העלעניסטן האָבן גענומען זיך ווענדן נאָך הילף צו דער מאַכט פון די הערשער. און אַזוי ביז עס איז געקומען צום חשמונאים־אויפשטאַנד. אויך ער האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ דערפּל, ניט אין אַ שטאָט. מען דאַרף אָבער געדענקען אַז דער קאַמף איז געווען אַ סך מער אַן אינעווייניקסטער — די יידן צווישן זיך. די העלעניסטישע הערשער פלעגן נאָר העלפן די יידישע העלעניסטן. און די פלעגן זיך כסדר באַמיען צו באַווייזן זייער געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט און גרייטקייט צו באַצאָלן פאַר דער הילף מיט גרויסע געלט־מתנות. דאָ איז ביי די יידן שוין ניט געווען וויכטיק פאָלק, ברידער, עלטערן, אָבי אַריינצוקריגן די מאַכט, רציחות, מלחמות, — אָבי די מאַכט צו קריגן. די דעמאָראַליזאַציע איז געוואָרן אין לשער. דער קאַמף פון די חשמונאים האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן ווי אַן אינעווייניקסטער: פאַלקיסטן קעגן העלעניסטן. ווען די העלעניסטן־הערשער פון סיריע זיינען געקומען, פאַרבעטן דורך די יידישע העלעניסטן צו הילף, דעמאָלט איז דער קאַמף געוואָרן אַ פּאָליטישער, קעגן סיריע. די מלחמות האָבן געדויערט עטלעכע און צוואַנציק יאָר — בלוטיקע, שווערע מלחמות. דער יום טוב חנוכה באַצייכנט לגמרי ניט קיין ענדגילטיקן נצחון, נייערט בלויז איין מאָמענט — די באַפרייאונג פון ירושלים און פון בית המקדש, בוכשטעבלעך חנוכה — באַנייאונג פון בית המקדש. די מלחמה האָט זיך געצויגן ווייטער נאָך אַ פּאָר צענדליק יאָר ביז עס איז געקומען צו דער פולער באַפרייאונג. קיין גרויסע גליקן פון דער פולער פאַרזיכיקייט די עטלעכע צענדליק יאָר צווישן דער סירישער הערשאַפט און דער רוימישער האָט דאָס יידישע פאָלק ניט געהאַט. די טראַדיציע האָט די פּאָליטישע פרייהייט ניט געשאַצט. יידן האָבן גערעדט ניט וועגן דער מלוכה, נאָר וועגן „בית ראשון און בית שני" — דעם ערשטן בית המקדש און דעם צווייטן בית המקדש. די פאַרזיכיקע מלוכה האָט די טראַדיציע ניט געהאַלטן פאַר קיין גליק. און מיט רעכט: ווי געזאָגט שוין, איז די העלעניסטישע קולטור בכלל געשטאַנען אַ סך נידעריקער פון דער אָריגינעלער, העלענישער. דער העלעניזם אין סיריע איז געווען אַ סך נידעריקער פון דעם העלעניזם אין מצרים. און די יידן האָבן זייער העלעניזאַציע געבראַכט דווקא פון סיריע. מיר מעגן זיין זיכער, אַז וואָלט יהודה געבליבן אונטער פּערסיע, וואָלט יידישקייט אַ סך שטאַרקער און ברייטער און טיפער זיך אַנטוויקלט. אפילו ווען די הערשאַפט פון די פּטאָלעמיער פון מצרים בלייבט איבער יהודה, וואָלט אויך געווען בעסער. איז אָבער דער גורל געווען אַ פאַרקערטער, יהודה ווי אַ פּילקע אין די הענט פון שפּילערס, גייט אַריבער פון האַנט צו

האַנט. די יידישע מלכים יאָגן זיך אין דעם גערעאַנגל. מלחמות און מלחמות, ברו־דער־קריג, רויבערייען, אויסוואַנדערונג פון לאַנד אַלץ גרעסער. יהודה וואַקסט ניט און קאָן ניט וואַקסן... ניין! די פּאָליטישע פרייהייט האָט דאָס פאָלק ניט דערפרייט, ניט געקאַנט דערפרייען. מיט אַמאָל פרעגט גאָר די גמרא „מאי חנוכה?" (שבת כא׳ ב׳) און חנוכה איז שוין געווען דעמאָלט איינגעשטעלט מיט מנהגים, הלכות און הלל. מען דאַרף אָבער פאַרשטיין די פראַגע פון דער גמרא עטוואָס אַנדערש: די פראַגע האָט געמיינט: וואָס מאַכט מען עפּעס אַזאַ מין צימעס פון דעם גאַנצן יום טוב? און עס איז אויפגעקומען דער נס פך השמן — אַ מעשה מיט אַ קריגעלע בוימל. דער נס פון קריגעלע בוימל האָט געדאַרפט אָפּשטויסן אָן אַ זייט דעם פּאָליטישן ווערט פון חנוכה. דאָס קריגעלע בוימל איז וויכטיקער פון „אייערע פּאָליטישע נצחונות און אויפטוען"...

דאָס שטימט בכלל מיט דער באַציאונג פון דער טראַדיציע צו דער מלוכה פון די חשמונאים: אין תלמוד פיגורירט נאָר „חשמונאי ובניו", ניט דערמאָנט אפילו דער נאָמען פון יהודה המכבי; די ספרים וועגן די חשמונאים זיינען אין תנ"ך ניט אַריינגענומען (אין דער גריכישער איבערזעצונג, די סעפּטואַגינטע, זיינען זיי יאָ אַריין); דער יום טוב „יום ניקונור" ניצחון איבער אַ גרויסער סיריע־אַר־מיי, וואָס די מכבייער האָבן באַשטימט אויף דעם 13־טן טאָג אין אדר, איז גאָר דורך דער טראַדיציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אסתר־תענית". ד"ר יוסף קלויזנער האָט אין אַ פּאַמפלעט (אין די דרייסיקער יאָרן) אויפגעוואָרפן דער טראַדיציע פאַר אַזאַ „אומדאַנקבאַרקייט" אַזש ער שעמט זיך פאַר גויִם און פאַר זיין גרויסן לערער, דעם גרויסן געלערנטן וועלהויזען, וואָס איז געווען נאָך אַ גרעסערער אַנטיסעמיט. עס פאַרשטייט זיך, אַז ביי די חכמי התלמוד איז עס געווען ניט סתם ניט געוווּסט, ניט סתם פאַרגעסן. נאָר פּשוט, קלאָר: זיי האָבן אָפּגעשאַצט די חשמונאים גאָר אַנדערש, ווי מיר. ביז דער באַפרייאונג פון בית המקדש, ביז דער באַפרייאונג פון יידישער רעליגיע, איז פאַר די פּרו־שים געווען דער אויפטו פון חשמונאים זייער גוט. חנוכה! אָבער די פּאָליטישע קאַמפן זייערע — בעסער וואָלטן זיי ניט געווען. קיין גוטס האָבן זיי דעם פאָלק זיכער ניט געבראַכט. מיר קאָנען זיך קוים פאַרשטעלן ווי דאָס יידישע פאָלק וואָלט היינט געווען ווען די פּערסישע מלוכה וואָלט ניט געפאַלן. קאָן זיין, אַז דאָס פאַלן פון פּערסיע, איז פאַר יידן געווען אַ גרעסערע טראַגעדיע ווי דאָס פאַלן פון יהודה... באשר יידן זאָגן ניט קיין הלל אויף נסים פון חוץ לארץ (אַזוי איז דער דין נאָך פון גמרא) און אַזוי אויך זאָגן יידן ניט קיין קינות אויף דעם חורבן פון חוץ לארץ. בכל אופן האָבן די פּרושים זיך באַמיט אַרויסצוהייבן דעם יום טוב פּורים העכער פון חנוכה. קומען מיר צום אויספיר: די תקופה אָן געשיכטע (פּערסישע צייט) האָט געשאַפן דאָס געשיכטלעכע יידי־

שע פאָלק אויף יאָרטויזנטער. די שטאַרק־געשיכטלעכע צייט שפּעטער האָט געפירט צום חורבן.

## די דריי פּאַרטייען

די באַרימטע דריי פּאַרטייען — פּרושים, צדוקים און אסיים זיינען זייער וויכטיק ווי אַ פּאַראַלעל צו אונדזער היינט. וועלן מיר זיי באַטראַכטן באַזונדער. די צדוקים. דער נאָמען שטאַמט פון צדוק. און אפשר אויך פון דעם וואָס זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר צדיקים, באשר זייערע קעגנערס האָבן דעם נאָמען צדיקים איבערגעדרייט אויף צדוקים, אַזוי למשל, ווי מיר נוצן איצט מיט אי־ראָניע דעם אויסדרוק „וצידקתך" פאַר אַ פאַלשן צדיק. סאָציאַל זיינען זיי גע־ווען די רייכערע, שטאָטישע איינוווינער, סוחרים אָדער שטייער־מאָנערס. זיי־ער אידעאָלאָגיע: די תורת משה איז ניט פון מענטשן נאָר פון גאָט, מען טאָר אין דער תורה קיין וואָרט ניט ענדערן. מיטן אָפּהיטן די תורה ווי זי איז פאַר־שריבן שעפּט זיך אויס די גאַנצע יידישקייט. אַלע טראַדיציעס און מינהגים וואָס זיינען פאַראַן אין פאָלק לעבעדיק, פּשוטע געוווינהייטן זיינען ניט וויכטיק. זיי זיינען ניט פון גאָט. די הייליקייט פון דער תורה איז „ניט פון דער וועלט" אַ מין געטלעכקייט פאַר זיך. מענטשן טאָרן זיך ניט צורירן! דאָס פאָלק, זיין לעבן, זיינע פירונגען האָבן ניט קיין קדושה, מען קאָן זיין אַ ייד אָן די פירונ־גען און אָן דעם שטייגער און אָן לשון פון פאָלק. מען קאָן רעדן גריכיש, זיך פירן ווי עס פירן זיך די שכנהשע פעלקער און אָפּהיטן די תורה ווי זי איז פאַרשריבן. גאָט און זיין תורה זיינען באַזונדער, און דאָס פאָלק — ווידער באַ־זונדער. אַקוראַט ווי עס פירן זיך היינט אָפּט אַזוינע „פרומע" יידן לויט אַלע דינים פון שולחן ערוך ((ווי זיי פאַרשטייען און טייטשן אויס רעליגיע). דאָס איז זייער גאַנצע יידישקייט.

די פּרושים. דער שטייגער פון פאָלק — דאָס איז יידישקייט, הלכה. דער שטייגער פון אַקטועלער צייט דאַרף זיין פאַרבונדן מיט דער יידישקייט פון דער פריערדיקער תקופה, וואָס איז פיקסירט אין דער תורה שבכתב. דער שטיי־גער דאַרף אָבער ניט זיין דווקא אַ קאָפּיע פון דעם אַמאָל. די תורה איז גע־געבן געוואָרן זי צו דרשענען, אַריינצודרשענען אין איר די גאַנצע אַקטועלע יידישקייט פון געגעבענעם היינט. („מאי תורה — מדרש תורה"). מען טאָר גאָרניט האַלטן די תורה ווי זי איז געשריבן. מען דאַרף אין יעדן דור צופּאַסן די תורה צום דור. די גרעסטע מצווה איז דעריבער „תלמוד תורה" — פעסט־שטעלן און אוניפיצירן, פאַראיינהייטלעכן דעם שטייגער, די הלכה און זי פאַר־

הייליקן. גאָט אַליין פאַרנעמט זיך אויך מיט תלמוד תורה, ווייל די תורה איז גאָר ניט געגעבן געוואָרן איין מאָל און אויף אייביק, פאַרקערט, מוז יעדער דור זיך האַלטן אַז ער איז מקבל די תורה פון דאָס ניי. און אַלץ ווי די נאַציאָ־נאַלע אויטאָריטעטן באַשליסן אין זייער צייט — דאָס איז יידישקייט, די הלכה, מעג זי אפילו ענדערן אַ בפירושן זאַץ פון דער תורת משה. אויף הייגטיקן לשון וואָלט מען געדאַרפט זאָגן, אַז די פרושים זיינען געווען די „פאָלקיסטן". זיי האָבן פון פאָלקישקייט געמאַכט אַ רעליגיע. זיי האָבן די תורה שבכתב צוגעפּאַסט צו זייער פאָלקישקייט. און די פאָלקישקייט דאָס איז אויך תורה, הגם בעל פה, ניט פאַרשריבן! אויך געטלעך. אַלץ וואָס עס שאַפט זיך פאָלקיש אין פאָלק איז געטלעך. גאָט אַליין און די תורה דאַרפן דינען דעם קיום פון פאָלק און זיין אַנדערשקייט. די פרושים האָבן ניט געהאַלטן די צדוקים פאַר יידן אפילו (עס שטייט ערגעץ „משבטלה סנהדרין של צדוקין והיתה סנהדרין של ישראל" — אַז עס איז בטל געוואָרן די צדוקישע סנהדרין און עס איז געוואָרן אַ יידישע סנהדרין. יענע איז גאָר ניט געווען פאַררעכנט פאַר אַ יידישע). ווו נעמט מען הייגט אַזעלכע פאָלקיסטן וואָס זאָלן פון פאָלקישקייט שאַפן די יידישע רע־ליגיע? נאָר די פרושישע יידישקייט, די פאָלקישע האָט אויסגעהאַלטן ביז אונדז, די גאַנצע געשיכטע. די צדוקישע איז בטל געוואָרן גלייך מיטן חורבן. די פרושים האָבן זיך ביסלעכוויז אַנטווישט אין דער גאַנצער מלוכה. אין דער פאַרזיכיקער פּאָליטיק. זיי האָבן גענומען ביסלעכוויז אָפּשיילן יידישקייט פון אַלץ וואָס עס איז מאַטעריעל: גאָט איז ניט קיין מאַטעריע, ניט קיין סובסטאַנץ, זוכט געטלעכקייט אָבער ניט קיין גאָט. די תורה דאַרף מען באַפרייען פון מאַ־טעריעלן באַרג סיני, פון בית המקדש וכדומה, פון אַלע מצוות התליות בארץ. יידישקייט קאָן זיין אויך אין די גלותן, אויך אונטער אַ פרעמדער וועלטלעכער מאַכט. איז ניט ירושלים, איז גוט יבנה, איז ניט קיין בית המקדש, איז זאָלן זיין בתי כנסת ובתי מדרשות. איז ניט יבנה, קאָן אפילו זיין נהרדעא אין בבל, איז ווילנע אין ליטע. איז ניט קיין קרבנות, איז גוט תפילה במקום קרבן און אַזוי כסדר ליגט אין גייסט פון לעבעדיקע יידן, ניטאָ קיין קערפּערלעכע גש־מיותדיקע קדושות! דאָס איז די פרושישע יידישקייט:

די פרושים און זייערע נאָכפאָלגער — די חז"ל זיינען געווען גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן. זייער רעוואָלט איז געווען ניט בלויז בנוגע צו די יידישע באַגריפן, נאָר בנוגע צו די באַגריפן אויך ביי אַנדערע קולטור־פעלקער. דער באַגריף וועגן גאָט: ניט גאָט פון יידישן פאָלק, מיט אַן אייגן נאָמען צווישן געטער פון אַנדערע פעלקער. נאָר „מלך העולם". מער קודשא בריך הוא" — די הייליקייט פון יידישקייט. קיין שום מאַטעריעלס האָבן שוין אויך פריער ניט צוגעלאָזט אויך די נביאים.

יידישקייט ווערט מער ניט דיקטירט פון גאָט אָדער אין נאָמען פון גאָט, עס איז מער ניט אַ סכום פון מצוות, אָנגעזאָגט פון גאָט, נאָר עס זיינען הלכות — אָנגענומענע פאָרמען פון פאָלקישן אויפפיר. גאָט אַליין שטודירט אויך די יידישע הלכות. עס קומט אויס גאָר ווי פאַרקערט — ניט גאָט דיקטירט זיין תורה פאַר יידן, נייערט יידן דיקטירן זייערע פאָלקישע הלכות צו גאָט, און ער איז מקבל, ער נעמט אָן. גאָר די יידישקייט ליגט אין דער הלכה, אין שטייגער. שטודירן די דעטאַלן, די פּרטים פון אויפפיר, זיי דעפינירן, פאָרמולירן, אוניפיצירן פאַרן גאַנצן פאָלק זיי פאַרבינדן מיט דער תורה פון פריער — דאָס איז דער אינהאַלט פון תלמוד תורה, וואָס איז וויכטיקער פון אַלע אַנדערע מצוות צוזאַמען (כנגד כולם). אָפּגעשטעלט די שאַפונג פון תנ״ך־ספרים, ווייל זיי שטאַמען מער ניט פון פאָלק, צו ווייט פון פאָלקישע באַגריפן און פון פאָלקישן געדאַנקען־גאַנג. אַלץ פאַרן קיום פון פאָלק, דער קיום פון פאָלק הענגט ניט אָפּ פון לאַנד פון מלוכה, פון דינאַסטיעס, פון נצחונות, נאָר פון איינהייטלעכן שטייגער איבער אַלע צעשפרייטונגען. (קיין רוסישע כאַמעס און קיין דייטשישע ציוויליזאַציעס זיינען נאָך אין יענע צייטן ניט געווען). די יידישע רעליגיע איז ביי די פּרושים געווען געצילט ניט צו גאָט און וואָס ער פאַרלאַנגט, נאָר צום קיום פון פאָלק און וואָס אָט דער קיום פאַרלאַנגט. כ׳ווייס ניט צי ביי אַנדערע פעלקער איז געווען אַן ענלעכע פאָלקס־רעליגיע. בכל אופן אויסהאַלטן אַ קיום אין גלותן — דאָס האָט באַוויזן בלויז דאָס יידישע פאָלק, אין אַ גלות צעשפרייט איבער לענדער און צווישן פעלקער. דאָס איז געווען דער אויפטו פון די פּרושים מיט דער הלכה. זיך באַגייסטערן פון תנ״ך מיט זיינע נביאישע שיינקייטן קאָנען אַלע. לעבן אָבער לויט איין הלכה — דאָס הייסט יידישקייט. קיום פון פאָלק קאָן זיין נאָר ביי אַ פאָלקישער איינהייטלעכער שטייגער־דיסציפּלין, דאָס איז די הלכה. און דערפאַר איז „חכם עדיף מנביא״, דערפאַר אַזאַ מין כמעט ביטול־אויסדרוק ווי „סתם נביאישע רייד״. סיידן אויך די נבואה אַריינפּלעכטן אין שטייגער (הפטורה!).

ווער און וואָס זאָל היטן די דיסציפּלין? אַז ניט די מלוכה, טאָ ווער? יעדער ייד באַזונדער דאַרף אין זיך טראָגן די „פּאָליציי־מאַכט״ וואָס היט די שטייגער־דיסציפּלין. דאָס איז די אמונה אין שכר ועונש אויף יענער וועלט. דער ציל איז דאָ אויך געווען ניט דער יחיד, אים צו ראַטעווען פון די גיהנום־פּייערן, נאָר דער קיום פון כלל־פאָלק. און אָט דער קיום האומה האָט אויך אַ ווייטערן, אַ העכערן ציל, אַ מין קאָסמישן ציל אַזאַ — „לתקן עולם במלכות שדי״ — געטלעכע פּערפעקציע און מאָראַל אויף דער וועלט פון „לעתיד לבא״ אין „ימות המשיח״. גרויסע היסטאָריע־אויטאָריטעטן (דובנאָוו, צייטלין) דעפינירן די פּרושישע תורה ווי „טעאָקראַטיע״, — איז דאָ אָבער עטוואָס פאַרקערט

— געהייסן גאָט ער זאָל היטן דעם פאָלקישן קיום. עס איז אויך ניט דאָס וואָס מען רופט איצט דעמאָקראַטיע, עס איז דאַכט זיך, ניטאָ קיין נאָמען אין דער אַנגענומענער טערמינאָלאָגיע. עס איז ניט דער פאַרלאַנג פון מערהייט יחידים אין פאָלק, נייערט — די צילן פון כלל פאָלק, אַ מין „פאָלקאָקראַטיע".

די נביאים האָבן גערעדט — די שענסטע, די העכסטע רייד! די פילאָסאָפן האָבן דעפינירט אידעען — די שענסטע אידעען! די פּרושים און חז"ל האָבן דעטאַליזירט פּרטים פון אויפפיר, די קלענסטע אַפילו, — און דאָס האָט אויס־געטראָגן!

די דריטע פּאַרטיי — די איסיִים (פּראָפ. צייטלין אידענטיפיצירט זיי ווי די „חסידים") האָבן זיך אַנטווישט אין דער מלוכה מיט אירע פירונגען, אַנ־טוישט אין דער פּרושימשער אמונה. אַוועק אין מדבר דאָרטן צו לעבן אין הייליקייט פאַר פריוואַטע צילן פון גן עדן. פון זיי האָט געקאָנט אַרויפקומען דאָס בראשיתדיקע קריסטנטום, אָבער צו דער געשיכטע פון יידישקייט האָט עס שוין ניט קיין שייכות. ניט די צדוקים — די פּאַטריאָטן, ניט די איסיִים. דאָס גאַנצע יידישע פאָלק שטאַמט בלויז פון די פּרושים.

עס איז פאַר אונדז היינט זייער וויכטיק זיך צו באַמיען צו פאַרשטיין די יסודות פון דער פּרושישער אידעאָלאָגיע, וואָס פון איר האָבן געשטאַמט אַלע פּרינציפּן פון זייערע לערנונגען און פירונגען. אויך היינט שטייט דאָס יידישע פאָלק פאַר גרויסע ענדערונגען. מען קאָן ניט לאָזן אַלץ זאָל צעבראָכן ווערן, און מען קאָן אויך ניט פּסקענען אַזוי איז געוועז און אַזוי מוז זיין. יעדע תקופה מוז אַריינטראָגן ענדערונגען צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט. דערפאַר איז איצט אַזוי נויטיק זיך צו באַקענען מיט דעם ווי די פּרושים האָבן אַזוי דויערנדיק געבויט זייער יידישקייט.

ווי געזאָגט שוין האָבן די פּרושים ניט פאָרמולירט זייערע אידעען אין לאָגישע זאַצן. זיי האָבן ניט געלערנט קיין פילאָסאָפיעס. דאָס יידישע פאָלק קאָן זיך האַלטן ניט מיט גוטע, שיינע ביכער און פילאָסאָפיעס נאָר מיט מעשים. די גמרא דריקט עס אויס עטוואָס אַנדערש: „ווער איר זאָגן אַז ביי פעלקער איז פאַראַן חכמה—פילאָסאָפיע, איז עס ריכטיק, ווער איר זאָגן אַז פעלקער האָבן תורה -- איז עס פאַלש".

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן חכמה און תורה? — חכמה אַדער פילאָסאָפיע ענדיקט זיך, ווען עס איז אַרויסגעזאָגט, פאַרשריבן, אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט.

תורה איז בוכשטעבלעך אָנווייזונג, באַלערנונג, ווי זיך צו פירן, וואָס צו טאָן, ווי צו לעבן. עס איז גאָר ניט נויטיק צו פאָרמולירן זאַצן, ביכער, טראַק־טאַטן. וויכטיק זיינען די מעשים וואָס קומען אַרויס פון די אידעען. די אידעען

גופא איז בעסער, אפילו ניט אַרויסצובריינגען אין ווערטער. אַנווייזונגען ווי צו לעבן, ווי זיך צו פירן — דאָס איז דער גאַנג פון די פּרושים. „פון דעם חורבן אָן האָט ניט גאָט (דער יידישער גאָט) גאָרניט אַחוץ די פיר איילן פון הלכה״.

די יידישע תורה איז לויט די חז״ל גופא ניט געגעבן געוואָרן איין מאָל און אויף שטענדיק. די ערשטע געשעעניש פון מתן תורה איז כידוע געווען אין מדבר, אויפן באַרג סיני אויפן וועג פון מצרים. די תורת משה איז אָבער ביסלעכווייז פאַרגעסן געוואָרן, צונויפגעמישט זיך מיט „אַנדערע געטער״, אַנ־דערע, פרעמדע פירונגען און שטייגערס פון אַנדערע פעלקער. נחמיה דער ציילט אַז אַזאַ יום טוב ווי סוכות, בפירוש אין דער תורה, מיט עליה לרגל, איז גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. דעמאָלט האָט עזרא נאָך אַמאָל געגעבן, באַנייט די תורה, די צווייטע, „אויפלאַגע״. ער האָט אריינגעטראָגן אין דער תורת משה אַ סך ענדערונגען, צוגאָבן וואָס דער תלמוד רופט אָן „תקנות עזרא״. דאָס וואָרט „תקנות״ ווערט גענוצט כדי אויסצומיידן אַן ערגערן אויס־דרוק „תורת עזרא״. אין תוך אַריין האָט אָבער די תורה וואָס עזרא האָט גע־בראַכט פון בבל זיך באַצויגן צו דער תורת משה, ווי די לעצטע האָט זיך באַצויגן צו דער תורה פון די אבות. — בערך.

די חז״ל אָבער האָבן זיך ניט געקאָנט באַנוגענען מיט דער תורה ווי עזרא האָט זי געגעבן און זיי האָבן כסדר געדאַרפט זי אויסטייטשן, אַריינטראָגן ענ־דערונגען, תקנות ביז עס האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע „תורה שבעל פה״, וואָס איז פריער, פאַר די פּרושים און חז״ל ניט געווען באַקאַנט. אָט וועגן דער יידיש־קייט איז עס געגאַנגען די דורותדיקע מחלוקת צווישן פּרושים און צדוקים. פאַר די פּרושים איז די תורה שבעל פה פונקט אַזוי פון גאָט, ווי די תורה שבכתב, אַזוי הייליק (און נאָך הייליקער!). די גמרא נוצט דעם אויסדרוק „חידוש התורה״ — מען האָט די תורה פאַרגעסן אין ארץ ישראל און עס זיינען געקומען פון בבל עזרא, הלל און נאָך און מען „חדשו״ — מען האָט באַנייט די פאַרגע־סענע תורה.

איז פאַר אונדז דאָ ניט וויכטיק צי די גאַנצע תורה שבעל פה איז געגעבן געוואָרן טאַקע אויפן באַרג סיני אָדער די פּרושים האָבן עס באַנייט. וויכטיק איז אַז יידן האָבן עס ניט געהאַט. מען האָט דאָס פאַרשריבענע פאַרגעסן, אַ פשיטא שוין וואָס עס איז ניט געווען פאַרשריבן. און חז״ל האָבן געדאַרפט פירן וויכוחים און דיסקוסיעס ווי מען זאָל איינשטעלן. ביז די גמרא אַליין זאָגט „אלה ואלה דברי אלוהים חיים״.

וויכטיק איז פאַר אונדז אַז די פּרושים און חז״ל האָבן איינגעשטעלט די תורה ווי דאָס פאָלק האָט זיך געפירט, לויט די פאָלקישע פירונגען און טראַ־

דיציעס, מיט צווייִ תנאָים: עס טאָר ניט זיין קיין שמץ פון פרעמדע פירונגען (עבודה זרה) און עס דאַרף זיין אַ המשך פון פריערדיקס (מן התורה מנין?). דער פּראָצעס פעסטצושטעלן די הלכה — דאָס געווען גערופן „תלמוד תורה". די תורה איז ווי עס איז פאַרשריבן, תלמוד תורה איז מען זאָל דאָס געשריבענע פאַרבינדן מיטן אַקטועלן לעבן. מען טאָר גאָר ניט לערנען אַ פּסוק „כצורתו". און דער וויכטיקסטער מקור פאַר דער הלכה איז געווען „כמנהג המקום", „כמנהג גוברין יהודאין" — ווי יידן פירן זיך. זיי האָבן שוין געהאַט באַשטימטע, פעסטע כללים, ווי צוצופּאַסן אַ פּסוק צו זייערע אַקטועלע פירונגען. (מידות שהתורה נדרשת בהן). און טאָמער האָט מען ניט געקאָנט געפינען קיין פּאַסיקן פּסוק, האָט מען זיך אויך ניט דערשראָקן; האָט מען געקאָנט זאָגן אַז עס איז „הלכה מרובה ומקרא מעט", איז שווער צו געפינען אַ וואָרט אין דער תורה מען זאָל עס קאָנען אויסטייטשן פאַר תחית המתים, איז פאַרפאַלן, גוט אויך אָן אַ פּסוק! און דער גרעסטער, דער מוטיקסטער און דער טיפסטער פון חז"ל — ר' עקיבא זאָגט, אַז גאָט נעמט אָן דאָס וואָס די חכמי ישראל באַשטימען; יידיש פאָלק באַשטימט און גאָט נעמט אָן ווי דאָס יידישע פאָלק באַשטימט. (ראש השנה כה).

איינער פון די ערשטע נאָיווע משכילים אין ווילנע (ראובן אשר ברוידעס) האָט אין זיין אפּיקורסישן ווערק „הדת והחיים" שטאַרק באַשולדיקט די יידישע „בייזע, רוצחים" רבנים, וואָס האָבן זיך, נעבעך, אָנגעזעצט אויף דעם אָרעמען יידישן פאָלק! וואָרעם אָט איז וועגן מילכיק און פליישיק אין דער תורה פאַראַן נאָר ניט צו קאָכן אַ ציגעלע אין זיין מוטערס מילך, זיינען געקומען די „בייזע רבנים" און אָנגעמאַכט אַ ים מיט גרויזאַמע שוועריקייטן, כדי צו פאַרמאַטערן יידן מיט עבירות... ניט פאַרשטאַנען האָבן די משכילישע גוטע פריינט, אַז די רבנים האָבן גאָר ניט אויסגעטראַכט, זיי האָבן נאָר פיקסירט דאָס וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געפירט אַליין פון דורות. דאָס פאָלק האָט געפירט אַ דיסציפּלין, וואָס מען טאָר ניט און וואָס מען מוז. דער עיקר — עס דאַרף זיין אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער און עס מוז זיין אַ יידישע טראַ־דיציע. די „בייזע און שטרענגע רבנים" האָבן נאָר געזוכט צו אוניפיצירן צו פאַראייינהייטלעכן. זיי האָבן גאָר ריכטיק פאַרשטאַנען: אַ יידיש פאָלק וועט זיין כל זמן עס וועט זיין אַ יידישער שטייגער, אַן אייגענער באַזונדערער גאַנג פון לעבן, אַן אייגענע הלכה, ניט גיין אין די וועגן פון אַנדערע פעלקער. איין פאָלק וועלן יידן זיין איין פאָלק איבער אַלע זייערע צעשפּרייטונגען, אין אַלע גלותן, כל זמן זיי וועלן אומעטום האָבן איין שטייגער, איין גאַנג, די זעלביקע יום טובים, די ענלעכע מאכלים, די זעלביקע שפּראַך און די זעלביקע מנהגים. דאָס האָבן איינגעשטעלט די חז"ל און אַזוי האָט עס זיך געפירט ביז דעם

אַנקום פון אורבאַניזם. ניט מלוכה איז וויכטיק, ניט לאַנד. (ניט געווען דעמאָלט די גרויסע ציוויליזאַציע פון אויסמאָרדן אַלע יידן) וויכטיק איז דער געמיינ־זאַמער, פּאַרזיכיקער שטייגער און סדר פון לעבן. די מצוות אָדער די הלכות דאַרפן יידן טאָן, זיי דאַרפן זיך אויסהיטן פון עבירות ניט דערפאַר ווייל דער יידישער גאָט דאַרף דאָס ניט אַנדערש האָבן, און מיר דאַרפן אים געבן. גאָט דאַרף פאַר זיך פון אונדז גאָרניט, יידן דאַרפן די מצוות פאַר דעם קיום פון יידישן פאָלק, און גאָט — דער יידישער גאָט — העלפט די יידן אויפצוהאַלטן דעם פאָלקישן קיום. מען קאָן זאָגן אַז אין דער צייט פון בית שני זיינען גע־גאַנגען צוויי באַזונדערע געשיכטלעכע שטראָמען: אַ פּאָליטישער שטראָם וואָס האָט זיך געהאַלטן איבערהויפּט אויף דער דינאַסטיע און די צדוקים, און אַ צוויי־טער שטראָם — אַן אַפּאָליטישער אין גאַנצן, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דעם וועלטבאַנעם פון די פּרושים, אויף זייער „פילאָסאָפיע אין פירונגען, ניט אין ווערטער״. לאָמיר דאָ פּרובירן אָנמערקן עטלעכע יסודות פון אָט דער אַפּאָלי־טישער אידעאָלאָגיע:

1. — דער קיום און המשך פון פאָלק איז ניט פאַרבונדן מיט פּאָליטיק, מיט מלוכה און מיט דינאַסטיעס, מיט שטחים. פאָלק איז פאַרזיכיקייט אין שטיי־גער לעבן. כל זמן דער שטייגער וועט זיין פאַר זיך, פון זיך (פון טראַדיציעס), — וועט אויך זיין אַ יידיש פאָלק.

2. — די תורה איז ניט פיקסירט געגעבן אַזוי פון גאָט, און דאָס יידישע פאָלק איז קיין אָפּהיטער פון דער תורה אין איר פיקסירטער פאָרעם ווי זי איז געגעבן געוואָרן פון גאָט איין מאָל און אויף שטענדיק, נייערט די תורה ווערט געגעבן כסדר. זי איז אַלע מאָל אין די אייגנטימלעכע, פאַרזיכיקע פירונ־גען פון פאָלק איידער זיי ווערן פאָרמולירט אין ווערטער און פאַרשריבן. זי איז געטלעך ווייל זי איז פאָלקיש, אָרגאַניש, ניט איבערגענומען פון קיינעם. ניט ריכטיק אַז יידן זיינען דער „עם הספר״, נאָר פאַרקערט איז די תורה איז דער „ספר העם״ און דערפאַר איז זי הייליק, געטלעך.

3. — יעדער דור דאַרף זיך באַמיען צו דעפינירן די אייגנטימלעכע שטיי־גערישע פירונגען פון יידן און זיי: פאָרמולירן, אוניפיצירן און פאַרבינדן מיט די טראַדיציעס פון פריערדיקע דורות און תקופות.

דאָס איז תלמוד תורה, וואָס איז גאָר אַנדערש פון לימוד תורה.

לימוד תורה מיינט איינחזרן דאָס וואָס עס איז פאַרשריבן. תלמוד תורה מיינט פאַרשרייבן און פאַרהייליקן דאָס וואָס עס איז דאָ אין פירונג, אָבער נאָך ניט פאַרשריבן.

4. — יידישקייט דאַרף ניט קיין שום מאַטעריעלע הייליקייטן. דאָס איינ־

צוהאָמערן אין דעם באַוווסטזיין פון יידן האָבן אָנגעהויבן נאָך די גרויסע נביאים. דורכגעפירט אָבער דאָס קאָנסעקווענט האָבן די פרושים. דער סיני איז ניט הייליק, נאָר אין מאָמענט פון מתן תורה, און ניט לענגער. אַלע הייליקע זאַכן וואָס מען האָט געהיט אין בית ראשון — דעם ארון הברית, די לוחות, די כרובים, דעם אורים ותומים — אַלץ האָט מען באַזייטיקט („גניזת הארון"). ניטאָ וועגן דעם קיין דיסקוסיעס אין תלמוד. פאַרקערט אָבער איז אויפגעהיט געבליבן אַן אגדה, אַז ווען שלמה האָט געבראַכט דעם ארון הברית אַריינפירן אין דעם נייעם בית המקדש, האָבן זיך די טויערן אַליין צוגעמאַכט און ניט געוואָלט אַריינלאָזן דעם ארון לכתחילה. (שבת ל׳ א׳). יידן קאָנען זיין יידן אומעטום, אין אַלע גלותן אפילו. דער גלות באַפרייט זיי פון די „מצוות התלויות בארץ". אָבער דערפאַר קריגן זיי אין די גלותן אַ סך סיגים. אָפּצוהיטן זיך פון נאָכמאַכן פרעמדע פירונגען און זיטן.

בכלל איז הייליקייט ניט קיין אומבאַדינגטע, ניט פון הימל באַשטימט. עס הענגט אָפּ פון יידישן אויפפיר. יידן מאַכן אַן אָרט הייליק, און יידן קאָנען פאַרשוועכן הייליקייטן.

5. — אין פאַרבינדונג מיט דעם אידעאָלאָגישן רעוואָלט פון די פרושים, אַז יידישקייט אָדער די תורה — איז ניט סתם געגעבן געוואָרן פאַרטיקערהייט, פון גאָט, פון הימל („לא בשמים היא"), נאָר זי שטאַמט פון פאָלקס טראַדיציעס, אין הסכם מיט דעם האָבן חז"ל געביטן דעם עצם טערמין פון יידישע אויפֿפיר־עלעמענטן. די חז"ל ריידן ניט וועגן „מצוות", אָנגעזאָגט, גאָט הייסט, ניי־ערט זיי נוצן דעם טערמין „הלכה" — גאַנג, שטייגער, פירונג, טראַדיציע. מצווה איז לכתחילה באַשטימט, אומפאַרמירט. הלכה קאָן זיין פאַרשיידן, דאַרף מען באַשטימען וואָסער פאָרעם איז די ריכטיקע. דערפאַר דיסקוסיעס, מחלוקת. „אלה מחייבים ואלה מזכים, אלה מטהרים ואלה מטמאים", „הכל לפי מנהג המקום — מנהג איז דער טייטש — פיר. גאָר ניט אַזוי ווי ביי מצוות! ניט פון גאָט נאָר פון פאָלק. דער רעוואָלט פון די פרושים איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן געגלויבט אַז גאָט אַליין זיצט און איז זיך אויך עוסק מיט תלמוד תורה, ער שטודירט אויך די יידישע הלכה, וואָס ער — גאָט אַליין — נעמט אַן פון יידן. נאָך ווייטער זיינען חז"ל געגאַנגען: ניט גאָט פסקנט הלכות! מען פירט מיט אים אין ישיבה של מעלה דיסקוסיעס. גאָט זאָגט איינס און „כולא מתיבתא" זאָגט פאַרקערט. שיקט מען דעם אייביקן הימלשן שליח — אליהו הנביא — פרעגן ביי אַ בשר ודם, און ער פסקנט. ער און ניט גאָט.

6. — תורה שבעל פה און תורה שבכתב. אַ מאָן האָט געפרעגט ביי שמאי וויפל תורות האָבן יידן? דער קפדן און כעסן האָט באַלד געענטפערט —

צוויי תורות. איינע איז בכתב און די צווייטע — בעל פּה. ביז די חז״ל איז דער גאַנצער באַגריף ניט געווען. אויב תורה, יידישקייט איז דאָס פאַרשריבן, תורת משה, בכתב. אויב ניטאָ פאַרשריבן, — איז עס ניט קיין תורה, ניט קיין יידיש־קייט... טאַקע ווי די צדוקים האָבן געלערנט. אָבער דאָס לעבעדיקע לעבן קאָן ניט זיך האַלטן אין די ראַמען פון פאַרשריבענעם. אַלץ וואָס לעבט וואַקסט און אַנטוויקלט זיך. לעבעדיקע יידישקייט הייגט קאָן ניט אַריינפּאַסן זיך נאָר אין דעם וואָס עס איז פאַרשריבן פון פריערדיקע דורות און צייטן. אָט די יידיש־קייט וואָס איז אין שטייגער, הגם ניט פאַרשריבן — דאָס איז תורה שבעל פּה. עס איז שוין אויך געזאָגט געוואָרן אַז דער טערמין „בעל פּה״ איז ניט אין גאַנצן געגוי. בעסער וואָלט געווען „תורה שבחיים״. מיר פאַרמעסטן זיך אָבער ניט צו בייטן דעם אָנגענומענעם טערמין.

יעדער דור און יעדע תקופה האָט זיין יידישקייט שבעל פּה — שטייגער־יידישקייט, הגם ניט פאַרשריבן. יעדע תורה בכתב איז פריער געווען בעל פּה. משה האָט פאַרשריבן די תורה וואָס די אבות האָבן געהאַט בעל פּה. עזרא האָט פאַרשריבן דאָס וואָס עס האָט זיך אָנגעקליבן ביי יידן ביז אים. די גמרא רופט עס „תקנות עזרא״ תקנות און ניט תורת עזרא, ווייל קיין דור איז ניט בכוח, ניט דערלויבט צו אָנולירן די תורות פון פריערדיקע דורות. פאַראַן אַ גמרא, וואָס זאָגט אַז די תורה איז פאַרגעסן געוואָרן, איז געקומען עזרא און זי באַנייט. שפּעטער איז געקומען הלל און זי ווידער באַנייט, און נאָך שפּע־טער איז די תורה ווידער באַנייט געוואָרן. און דער פּראָצעס ענדיקט זיך ניט מיט די חז״ל. אַזוי זיינען ווייטער געגאַנגען די תקנות פון די גאונים, דער אלפס, די משנה תורה פון רמב״ם, דער שולחן ערוך...

אוודאי וואָלט דער אורבאַניזם פאַרלאַנגט ווידער „תקנות״ באַנייאונג פון יידישקייט. אָבער לגמרי ניט אין דעם וועג פון די רעפאַרמער און קאָנסערוואַ־טיווע אַלערליי. אַלע ביז איצטיקע תקנות זיינען געווען לויטן פּרינציפּ „פאַל־קיש און ניט גויִיש. די רעפאַרמער אָבער גייען פונקט פאַרקערט — גויִיש אָבער ניט פאַלקיש.

לויטן פּרינציפּ פון די פּרושים וואָלט מען איצט אין יידישקייט געדאַרפט פורעמען און פאָרמולירן הלכות פון דער פאַרגאַנגענער תקופה און זיי צו־פּאַסן צו דער נייער אורבאַנישער תקופה. שטעטלשער אינהאַלט אין אורבאַנישע פורעמס. די צרה איז וואָס מיר האָבן הייגט ניט קיין פּרושים־ריכטונג. פאַרוואָס?

פּרושים האָבן געהאַט אַכטונג און אמונה אין פאָלק. דער יסוד פון איטלעך פאָלק איז דער שיכט עם ארצים. די בעסטע דעפיניציע פון עם הארץ איז דעם רמב״מס: קיין תורה האָבן זיי ניט אָבער מעשים האָבן זיי. „דאָס איז דער

פאָלקישער שיכט וואָס וועגן אים זאָגט עס — צום באַוווּנדערן — אַ גמרא „פון זיי שטאַמט די תורה" (שמהם תצא תורה). דער עם ארצים־שיכט איז דער יסוד פון יעדן פאָלק. צוליב סיבות, וואָס ניט דאָ איז דאָס אָרט זיי אויפ־צוקלערן, האָבן מיר מער ניט קיין עם ארצים־שיכט. איז במילא ניטאָ פון וואָס עס זאָל קאָנען אַרויסקומען אַ פּרושים־באַוועגונג. די פּרושים וואָלט מען היינט גערופן „פאָלקיסטן". זיי האָבן געגלויבט אין פאָלק און אַל דאָס פאָלקישע איז פאַר זיי געוועזן געטלעך. אָן דעם פאָלקישן עם ארצישן שיכט קאָן אויך ניט זיין קיין אַקטיווע פאָלקישע אינטעליגענץ. דאָ ליגט די גרעסטע סכנה פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

# אַ היסטאָרישער אַרײַנבליק אין דער צוקונפט

געווען צייטן און תקופות ווען יידן האָבן אויסגעמיטן זיך צו פאַרנעמען מיט די פראָבלעמען פון יידישן קיום; מען האָט געווייכט פון אידעאָלאָגישע אָפּהאַנדלונגען אויף די געביטן פון פילאָסאָפיע, און עס זיינען, פאַרקערט, געווען תקופות גאַנצע ווען מען האָט עס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער מצווה קלאָר צו מאַכן דעם מהות און די וועגן פון יידישקייט.

דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעהויבן זיין געשיכטע אָן פילאָסאָפיעס, נאָר מיט אַ שטרענגער אָפּגעהיטקייט פון די שכנהשע פעלקער, פון די „בנות כנען״, פון די אָרטיקע פעלקערשאַפטן וואָס מען איז צווישן זיי געווען „גר ותושב״ — טאַקע אָרטיק, אָבער דאָך פרעמד.

משה רבינו האָט אויך ניט געגעבן קיין פילאָסאָפישע טראַקטאַטן פון יידישקייט, נאָר געזעצן פון אויפפיר. ער האָט געחלומט פון אַ „ממלכת כוהנים וגוי קדוש״, און דאָך ניט פאָרמולירט אין דער גאַנצער תורה די פרינציפּן און די טעאָרעטישע יסודות פון זיין אויסגעוויילטער יידישקייט.

פאַרקערט, האָבן די גרויסע נביאים שטאַרק זיך אָפּגעגעבן מיט די פראָבלעמען. זיי האָבן כסדר זיך באַמיט צו דעפינירן די אידעאָלאָגישע יסודות פון יידישקייט.

ווייטער האָבן די פירער פון יידישן פאָלק און זיינע חכמים פון עזרא אָן און ווייטער די חז״ל די גאַנצע ענערגיע און צייט און אויפמערק אָפּגעגעבן איינצושטעלן אַלע דעטאַלן און פּרטים פון אַ יידישן אויפפיר, און זיי האָבן כמעט ווי פאַרבאָטן זיך צו פאַרנעמען מיט פאָרמולירונגען פון יידישקייט. זיי האָבן אַזוי שטאַרק געגלויבט אין יידישער אַנדערשקייט, געדאַנקט גאָט „שלא עשנו כגויי הארצות ולא שמנו כמשפחות האדמה, שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם״. דאָך אָבער האָבן זיי ניט פאָרמולירט אין וואָס אָט די געליבטע און געהייליקטע יידישע אַנדערשקייט דאַרף באַשטיין. אַזוי שטרענג אָפּהיטן די יידישע אַנדערשקייט, אין אַלע פּרטים פון אויפפיר, אָפּגעהיט צו זיין „אסרו

את פיתם משום יינם, ואת יינם משום בנותיהם", זיך דערוויטערן פון אַלע "מעשי אמורי". און דאָך אויסגעהיט זיך פון פאַרמולירן די פּרינציפּן פון ייִדישקייט. פאַראַן, פאַרקערט, אין תלמוד אַ פּאָר ערטער, ווו חז"ל האָבן זיך דערלויבט צו פאַרמינערן די וויכטיקייט פון דער נבואה, די "דברי נבואה". איין המנס גזרה האָט אויפגעטאָן פאַר ייִדישקייט, מער ווי אַלע נביאים און נביאות.

האָבן חז"ל מיט אַ צוויי טויזנט יאָר פריער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער איינגעשטעלט אַ דעמאָקראַטישע סיסטעם פון אַלגעמיינער, אַבליגאַטאָרישער און אומזיסטער בילדונג, — האָבן זיי דערביי ניט געגעבן קיין שום טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען, קיין שום טראַקטאַטן פון פּעדאַגאָגישער פילאָסאָפיע, נייערט זיי האָבן געשאַפן דינים, הלכות תלמוד תורה, און זיי האָבן זיך געהאַלטן העט ביז דעם אורבאַניזם, דער רמב"ם שרייבט ניט קיין טעאָריע פון דערציִונג נאָר "הלכות תלמוד תורה".

בבל און אַלעקסאַנדריע. האָט בבל געשמידט דעם אויפפיר הלכה און אַלעקסאַנדריע של מצרים — די פילאָסאָפיע פון ייִדישקייט. האָט ספרד אַזוי פיל גרויסאַרטיקע שאַפונגען אויף דעם געביט פון ייִדישער פילאָסאָפיע, האָט אשכנז, דאַכט זיך, גאָר ניט מיט וואָס זיך צו באַרימען אויף דעם געביט פון פילאָסאָפיע. האָט דער גרעסטער ספרדי — דער רמב"ם אַזוי פיל זיך אָפּגעגעבן מיט די באַגריפן פון ייִדישקייט, מיט די דעפיניציעס פון ייִדישער אמונה, פון ייִדישער פילאָסאָפיע און ער האָט בפירוש געשריבן אין זיין הקדמה צו דער משנה תורה אַז ער גייט סומירן מיט אַ "שטאַרקער האַנט" ("יד החזקה") אין קורץ געפאַסטע זאַצן די גאַנצע פּראַקטישע ייִדישקייט און אַזוי אויך אַלע טעאָ־רעטישע פּרינציפּן — סומירן און פיקסירן. אַזוי דאַרף אַ ייִד גלייבן און — אויב אַנדערש — איז ער אַ "מין". האָט אַן אשכנזי אים באַלד אָפּגעפּרעגט און מיט אַ ביטול געשריבן, אַז מען קאָן גלייבן ווי מען וויל און זיין גרעסער און בעסער פון רמב"ם (ראב"ד, פון דרום פראַנקרייך, דער בעל ההשגות). האָט דער גרעסטער אשכנזי — רש"י אָפּגעגעבן זיין קורץ און טראַגיש לעבן אויף צו פאַרגרינגערן דאָס לערנען תנ"ך און תלמוד און זיך לגמרי ניט פאַרנומען מיט דער טעאָריע פון ייִדישקייט.

תורת היהדות און הכמת היהדות — טעאָריע און פּראַקטיק — זיינען דאָס צוויי וועגן אין ייִדישקייט. וועל איך זיך איינהאַלטן און אָפּהאַלטן ניט צו זאָגן וואָס איז וויכטיקער, וואָס פון די צוויי געביטן איז, אַזוי צו זאָגן, "קיומדיקער". איך וויל ניט זיין קיין פּוסק. איך וועל אָבער פּרובירן דערקלערן:

דאָרטן און דעמאָלט ווען ייִדן האָבן געלעבט סיי ווי אָפּגעזונדערט פון ניט־ייִדן, דאָרטן האָט מען זיך באמת צו פאַרנעמען זיך מיט דעם אויפפיר און

מיט זייגע פּרטים. און דאָרטן ווו יידן האָבן סאָציאַל געלעבט צוזאַמען מיט די ניטיידן, דאָרטן האָט מען זיך שטאַרק פאַרנומען מיט פילאָסאָפיע פון יידישקייט.

כל זמן אשכנז איז געווען אשכנז: טאַקע צווישן גויִם אָבער שטרענג אָפּגע־זונדערט סאָציאַל און עקאָנאָמיש, באַזונדער, פאַר זיך אַ קלאַס, איז ניט געווען קיין פּראָבלעם פון טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישקייט. ווי נאָר עס איז אָט די אָפּגעזונדערטקייט אָפּגעפאַלן, עס זיינען אָפּגעפאַלן די היסטאָריש אָפּגעטיילטע צוויי קלאַסן — פּריצים און פּויערים, עס איז אויפגעקומען די דאַמף־מאַשין, אַן אינדוסטריע, אורבאַניזם, עס איז אין מערב־אייראָפּע געקומען די עמאַנציפּאַציע (די אמתע אָדער כלומרשטע — ניט קיין אונטערשייד) איז אויפגעקומען אַ חכמת היהדות — גייגער און אַנדערע פון איין זייט און ר׳ש. ר. הירש פון דער צווייטער זייט.

דאַכט זיך מיר, אַז מיר לעבן איצט אין אַ תקופה, ווען אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישקייט זיינען דרינגנד בויטיק.

## ניסתר און נִיגלה אין יידישקייט

אַ מענטש ווערט אַ יחיד פאַר זיך, אַ פּערזאָן איידער ער קריגט דאָס וואָרט, איידער ער קאָן עפּעס אַרויסזאָגן. אויך שפּעטער, ווען ער האָט שוין זיין שפּראַך, קאָן ער אַרויסברענגען אין ווערטער אַ סך ווייניקער וויפל ער האָט אין זיך, אין זיין נשמה, אין זיינע איבערלעבונגען. דאָס וואָרט אַנטפּלעקט קיינמאָל ניט גאָר די גאַנצע נשמה פון דעם מענטשן. דער מענטש איז אַלעמאָל גייסטיק רייכער ווי עס איז זיין אויסדרוק. יעדן מענטשנס נשמה איז אַ ניסתר, אַ פאַרבאָרגענער תהום. אָט דער ניסתר אַנטפּלעקט זיך מער אין מעשים איידער אין ווערטער. אויס־פאָרשן, אַנטפּלעקן, „מגלה זיין" די פאַרבאָרגענישן פון אַ מענטשלעכער נשמה איז מסתמא ניט קיין סך גרינגער ווי פאָרשן די פּראָצעסן אין די טיפענישן פון ים. בלויז אַ טייל פון דעם וואָס עס טוט זיך ביי אונדז אין דער נשמה קאָן אַ מענטש באַגרייפן, פאַרשטיין און מגלה זיין צו זיך אַליין. דאָס מערסטע איז „ליבא לפומא לא גליי" — דאָס האַרץ זאָגט ניט אויס דעם מויל. און בלויז אַ טייל פון דעם וואָס דער מענטש אַליין ווייס פאַר זיך, בלויז אַ טייל פון דעם קאָן ער מגלה זיין צו אַנדערע. דאָס וואָרט איז דער ניגלה, די נשמה איז דער ניסתר. דאָס וואָרט איז אַ סך אָרעמער פון דער נשמה. און דאָס איז גערעדט געוואָרן אויב דער מענטש איז אויפריכטיק און ער נוצט ניט דאָס וואָרט כדי צו באַהאַלטן, פאַרדעקן זיין נשמה.

און ווידער איז דאָס גערעדט געוואָרן נאָר ווען דער מענטש פאַרקויפט ניט

זיין וואָרט, זיין שפּראַך כּדי צו באַפרידיקן אַנדערע, כּדי זיי צו פאַרשאַפן פאַרגע־ניגן, „לאַך, פּאַיאַץ", ווען דיר ווילט זיך וויינען, קיצל יענעמס לאַכן, רייד וואָס יענעם געפעלט. פאַרקויפן דאָס וואָרט איז פון דער זעלביקער קאַטעגאָריע ווי פאַרקויפן דעם קערפּער. מיר ריידן דאָ נאָר פון אויפריכטיקע נשמות. רייד איז דעם מענטשנס ניסתר און אָרעם איז זיין שפּראַך, זיין וויסן פון זיין פאַרמעגן און נאָך אָרעמער איז זיין קאָנען דאָס אַרויסברענגען, מגלה זיין.

## אונטערערדישע וואַסערן און קוואַלן

לאָמיר דאָס פאַרגלייכן מיט פּשוטערע זאַכן. אין די טיפענישן פון דער ערד ריזלען וואַסערן. פאַראַן שיכטן ערד טרוקענע: זיי לאָזן די וואַסערן זיך דורכזייען, דורכדרינגען טיפער, ביז זיי קומען צו שיכטן ערד וואָס פאַרהאַלטן דאָס וואַסער. דאָרטן ריזלט עס — אונטערערדישע פאַרבאָרגענע וואַסער־שטראָמען. סיידן ער־געץ ביי אַן אָפּריס, ווען דער וואַסער־רייכער שיכט קומט צום אויבערפלאַך פון דער ערד, דאָרטן קומען אַרויס די וואַסערן אויך אָפן. עס קוועלט פון דער ערד וואַסער. אָדער מען גראָבט אויס ברינעמער טיף העט ביז די אונטערערדישע וואַ־סער־שיכטן און מען ברענגט אַרויף דאָס וואַסער. קיין ברונעם ברענגט ניט אַרויף דאָס גאַנצע וואַסער פון אונטערערד.

און קיין שעפערישער מענטש איז ניט בכּוח אַרויסצוברענגען די גאַנצע רייכקייט פון זיין נשמה און זיינע שאַפונגען, ווי רייך זיי זאָלן ניט זיין, ווי פלייסיק דער מענטש זאָל ניט אַרבעטן.

די וויכטיקסטע אויפגאַב פון דער ריכטיקער דערציִונג איז צו לערנען און צו געוווינען דעם מענטשן צו אַנטפּלעקן אין קונסטן זיין אייגענע נשמה. מיט אירע רייכקייטן.

פון וואַנען קומען זיי די אונטערערדישע וואַסערן? זיי קומען פון דער אַט־מאָספער, פון רעגנס און שנייען. אַ פּאַמעלעכער פּראָצעס — אַט דאָס אַריינזאַפּן זיך פון די אַטמאָספערישע וואַסערן אין דער ערד און דאָס ריזלען דאָרטן אין די טונ־קעלע פאַרבאָרגענישן.

אויך די רייכקייטן פון אַ מענטשלעכער נשמה נעמען זיך פון דער גייסטיקער „אַטמאָספער", פון דער סביבה, וואָס אַרום דעם מענטשן און וואָס איז געווען אַרום. די פריערדיקע דורות, אַרום זיינען עלטערן און אורעלטערן, עד סוף כּל הדורות. אַ פּאַמעלעכער פּראָצעס ביז די אַלע השפּעות דרינגען דורך, זיפּן זיך דורך, ביז פאַרהאַלטן זיך אין דער נשמה, אויב די נשמה איז בכלל מסוגל פון דער נאַטור און פון דער דערציִונג צו פאַרהאַלטן די אַלע השפּעות פון דער סביבה, און זיך

צו באַרייכערן פון זיי. לאָמיר דאָ אגב זאָגן, אַז אַ סך פּעיִקע נשמות ווערן פאַר־טעמפּט, ווערן אומפעאיק באַרייכערט צו ווערן טאַקע דורך דער שלימזלדיקער דערציִונג.

ניטאָ אין קיין ברונעם קיין וואַסערן וואָס זיינען ניט געווען אַמאָל אין דער אַטמאָספער. ניטאָ אין די שאַפונגען פון אַ מענטשן, פון דעם געניאַלסטן־מענטשן, עפּעס וואָס עס איז ניט געווען אין זיין גייסטיקער אַטמאָספער.

## עץ חיים היא

און נאָך צו עפּעס איז געגליכן אַ מענטשנס נשמה.

עס האָט אַמאָל אַ לערער זיך געוועט מיט זיינע תלמידים: ער קאָן אין האַנט האַלטן אַ גאַנצן וואַלד מיטביימער. און ער האָט געוווּנען. ער האָט גענומען אַ הויפן סאַסנע־זאָמען אין זיין האַנט. אָט איז דער וואַלד מיט ביימער וואָס איך האַלט אין מיין האַנט! מער ניט, וואָס די ביימער זיינען נאָך דערווייל אין זייערע זאָמען, זיי וועלן נאָך אויסוואַקסן... אַזוי איז אויך מיט אַ מענטשנס נשמה: זי האָט אין זיך די פּאָטענצן, די „זאָמען" פון גאָר דער קולטור פון זיין סביבה אין די פריערדיקע דורות. די זאָמען פון דער קולטור דאַרפן נאָך אויסוואַקסן. אָט דאָ קומט די פאַרבינדונג פון אַ מענטשן מיט זיין פאָלקס־גייסט.

בדרך כלל קען מען זאָגן: אין בפרט אלא מה שבכלל — ניטאָ אין נשמה פון אַ יחיד עפּעס וואָס איז געקומען ניט פון זיין פאָלקישער נשמה. בכלל איז ריכטיק די לעגענדע, אַז קיין נייע, ניט גענוצטע נשמות זיינען גאָר ניטאָ; מענטשן ווערן געבוירן מיט אַלטע, גענוצטע נשמות, וואָס זיינען שוין געווען אין מענטשן פון פריערדיקע דורות. און אָט דאָס דורותדיקע איז געמיינזאַם ביי די מענטשן פון איין פאָלק. אָט דאָס טאַקע טיילט אָפּ איין פאָלק פון אַ צווייטס. מיר האָבן פריער שוין געזאָגט, אַז די נשמה פון יעדן איינעם איז אַן אוצר ניט אויסצושעפּן. אָבער אָט די רייכקייט איז פאָלקיש. אַ אינדיווידואַלט בשום אופן גאָרניט געקאָנט באַוויזן אָנצוזאַמלען אין זיך אַזוי פיל. די גייסטיקע רייכקייט איז דווקא פאָלקיש. אָט דאָס פאָלקישע אין יעדן איינעם איז ניט אויסצושעפּן, ניט צו מעסטן און ניט צו וועגן. ווייט ניט אַלע מענטשן זיינען גליקלעך אַזוי פיל אַריינצוזאַפּן פון פאָלקס געהיימע אוצרות.

ווידער איז עס אַ יידישע לעגענדע, אַז אַ קינד אין מוטערס לייב פאַרמאָגט די גאַנצע תורה, באשר ביים געבוירן ווערן שנעלט עס א מלאך צוריק אַרויס. דאָס פאָלקישע איז אין יעדן. אנדערש קאָן גאָרניט זיין: ניטאָ ביים רבונו של עולם אַליין קיין גייסטיקע אוצרות, סיידן אין פאָלקישע לבושים. קולטור איז דאָך

שאַפונג פון מענטשן. גאָט שאַפט בלויז נאַטור. קולטור קומט פון מענטשן. און קולטור קאָן זיין בלויז אין לבושים פון פעלקער. יעדער נאָרמאַלער מענטש איז פון גאָט באַשאַנקען מיט דער מעגלעכקייט צו זיין רייך מיט פאָלקישע אוצרות קולטור. די צרה ליגט אין מלאך השיכחה וואָס באַרויבט די גרעסטע צאָלן מענטשן פון זייערע רייכע פאָלקישע ירושות. עס קומט פאָר ניט בלויז אין מאָמענט פון געבוירן. עס איז די טראַגישע עובדה פון יידישע היימען בכלל: זיי באַרויבן זייערע קינדער פון זייער רייכקייט.

די שעפערישע מעגלעכקייטן פון אַ מענטשן, פון אַ יחיד זיינען אַ פּראָדוקט פון עטלעכע פאַקטאָרן:

1. — דער סכום פון דער דורותדיקער פאָלקישער קולטור, וואָס די אינדיווידועלע נשמה זאַפּט אַריין פון דער סביבה, פון דער „אַטמאָספער" אַזוי צו זאָגן;

2. — דער אינדיווידועלער פּראָצעס פון פאַרדייען, פון אַסימילירן אין זיך דאָס אַריינגעזאַפּטע פון דער סביבה, פון דער דורותדיקער קולטור. דאָס איז זכרון און קאָמבינאַציע, סברה;

3. — אויסדרוק — די פעיִקייט אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט, בעל פה און בכתב, אין קונסט אָדער וויסנשאַפטן, די צוויי געביטן זיינען אין תוך נאָענט צווישן אנאנד. די אַלע דריי פאַקטאָרן לאָזן זיך אַנטוויקלען. דערפאַר האָט אַ מענטש אַ לאַנגע קינדהייט. די אַלע דריי פאַקטאָרן ווערן על פּי רוב דווקא דערדריקט דורך דערציִונג. קאָן מען די זאַך אויסדריקן אין אַ פּאַרמול אַזוי:

די נשמה פון אַ מענטשן איז אַזוי רייך (גייסטיק) וויפל דורותדיקע, פאָלקישע און אַלמענטשלעכע קולטור עס האָט זיך אין אים אַריינגעזאַפּט און וויפל פון דעם ער האָט פאַרדייט. מיט דעם לשון פון אונדזער פריערדיקן משל קען מען זאָגן: דעם מענטשנס נשמה־רייכקייט איז גלייך צו דעם סכום אונטערערדישע וואַסערן וואָס ריזלען אין די טיפעניִשן אונטערן באָדן.

אַ לאַנד אָן אַזוינע תהום־וואַסערן איז אַ מדבר. אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט ניט מער אַזוינע פאַרבאָרגענע, ניט אויסגעלערנטע קולטור־אוצרות אין זייגע יחידים, — אַזאַ פאָלק ווערט אַ קולטור־מדבר. דאָס פאָלק ווערט „דעקולטוריזירט". געוויקסן און בהמות וואָס ווערן מער ניט קולטיווירט, ווערן „פאַרווילדעט", זיי קערן זיך אום צו זייער ווילדער נאַטור. מענטשן וואָס ווערן דעקולטוריזירט קענען בלייבן ביי זייער גאַנצער ציוויליזאַציע און דאָך זייבען זיי ווילד, אָן קולטור. ציוויליזאַציע אָן קולטור איז געגליכן צו אַ מאָטאָר אָן איינהאַלטערס. אַזאַ מאָטאָר איז אַ גרויסע סכנה. אַזאַ ציוויליזאַציע אָן קולטור איז זייער מסוכן.

דעם יידישן פאָלק אין די פרייע לענדער דראָט די סכנה פון דעקולטוריזאַ־

ציע און פאַרווילדונג. דורות יידן אָן אָן אייגענעם פאָלקישן שטייגער האָבן ניט קיין מעגלעכקייטן איינצוזאַפּן קולטור (ווי אַ לאַנד אָן רעגן, למשל). דער ערשטער סימן פון אָט דער סכנה — דאָס פאַרלירן די פאָלקישע שפּראַך און דעם פאָלקלאָר.

די קראַנקייט פון יידן — דאָס לעבן אָן קולטור איז שוין אין די פּרייע לענדער גאָר ווייט אָוועק. זייער שווער צו היילן. און דערפאַר איז וויכטיק איצט זיך צו פאַרטראַכטן אויף די פּראָבלעמען פון יידישקייט און יידישן קיום. עס איז אַ צייט פון קריזיס.

## גייסט און מאַטעריע אין קולטור-לעבן

קולטור פאַר זיך איז דורכויס גייסט. גייסט איז ווי ענערגיע, האָט ניט קיין אייגנשאַפטן פון שטאָף. מען קאָן קיינמאָל ניט זאָגן „דאָס איז ריינע קולטור". קולטור איז ווי נשמה — זי באַלעבט און פורעמט אויס אַלע מעשים און האַנדלונגען וואָס מיר טוען. אָן דער נשמה איז דער גוף טויט; אָן קולטור איז אַ פאָלק מער ניט קיין לעבעדיקער, שעפערישער אָרגאַניזם.

עס איז געגליכן צו אַ בוים מיט אַ דיקן שטאַם און גראָבע צווייגן, נאָך געזונט און האַרט, אָבער קיין פרישע, צאַרטע בלעטער און בלומען קומען שוין ניט. דער בוים לעבט שוין מער ניט. דווקא אין די צאַרטע, דינע בלעטער, דווקא אין די דינע גרינע צווייגעלעך — דווקא אין זיי איז דאָס לעבן פון גרויסן און מעכטיקן בוים. און אַזוי אויך מיט קולטור. קיין געשטאַלט, קיין פאָרעם ניט פאַר זיך און דאָס לעבן פון פאָלק טאָר מען ניט זוכן אין די מעכטיקע אויפטוען פון יעדער מאַטעריעלער ציוויליזאַציע. אויב פאַרבונדן מיט מאַטעריעס, איז דאָס ציוויליזאַציע. די טרייב־קראַפט צו שאַפן, צו פּראָדוצירן, די אידעען וואָס ווערן אַריינגעלייגט אין דעם שאַפן — דאָס איז קולטור. קולטור איז ערטילאָין — אָן אַ געשטאַלט, ווי בכלל נשמה. אַלץ וואָס מיר טוען, אַלע מעשים זיינען דער „לבוש", דער אויסדרוק פון דער קולטור. קולטור איז תמיד דורותדיק. קיין געניאַלער מענטש שאַפט ניט קיין קולטור יש מאין. די פּאָטענצן פון אַלץ, וואָס דער גרעסטער גאון טוט אויף, ליגן אין דער פאַרגאַנגענהייט. ווי די זאָמען פון דער שענסטער בלום שטאַמען פון פריערדיקע דורות. דאָס איז אויך דער זינען פון דער תלמודישער פראַגע „מן התורה מניין?" עס מיינט צו זאָגן: ווו איז אין דער קולטור פון די פריערדיקע דורות געווען דער זאָמען פון אָט דער איצטיקער דערשיינונג, פון דער איצטיקער אידעע? פאַר זיך אָבער קאָן קולטור ניט דעפינירט ווערן, ווי מען קאָן ניט דעפינירן נשמה. אַ גמרא פאַרגלייכט גאָט אין דער וועלט און די נשמה אין אַ גוף. (ברכות י׳א׳). ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן: די גאַנצע וועלט

איז לבוש פון גאָט, אַזוי איז דער גוף. די אַלע מעשים פון גוף — אַן אויסשטאַל־טונג פון דער נשמה. אַלע האַנדלונגען און פּירונגען פון אַ פאָלק ווייזן אַרויס דעם פּרצוף און דעם תוך פון זיין קולטור. ניגלה און ניסתר. קולטור — ווי נשמה איז אין תוך אַריין אַ ניסתר, די האַנדלונגען אָבער, אַלע אויפטוען וואָס אַ יחיד אָדער אַ קאָלעקטיוו טוט, דאָס איז דער ניגלה. ווי געזאָגט פריער, איז יעדער קול־טור, יעדער אויפטו תמיד עלטער פון דעם טוער, פון דעם אויפטוער. אין יעדער גאונות איז פאַראַן ירושה פון דורות. און אויב דורות, ירושה, איז עס שוין ניט קיין ענין פון יחידים, ווערט שוין יעדער יחיד אין זיין אויפפיר פאַרבונדן מיט פאָלק. קאָן קולטור זיין נאָר פאָלקיש, נאָר נאַציאָנאַל. קולטור דריקט זיך אויס אין פורעמס פון מעשים. די פורעמס פון קולטור קאָנען זיין נאָר פאָלקישע, נאָר נאַציאָנאַלע. קיין אַבסטראַקטע כלומרשט „אוניווערסאַלע" קולטור איז ניטאָ און ניט מעגלעך.

צי קאָן אַ מענטש איינזאַפּן, פרעמד־פאָלקישע קולטור ? צי קאָן ער אַסימי־לירן אין זיך פרעמדע קולטור ? קולטור פון פרעמדע פעלקער ?, יאָ, זיכער ! פונקט ווי אַ מענטש קען פאַרדייען געוויקסן און פליישן פון בעלי־חיים און פון דעם בויען זיין אייגענעם גוף, אַזוי קאָן ער עס אויך מיט גייסטיקע אינהאַלטן, מיט קולטור. יאָ, אַ מענטש קאָן פאַרדייען און אַסימילירן אויך פרעמד־פאָלקישע קול־טור. אָבער מיט איין תנאי. ווידער אַמאָל ווי מיט שפּייז : זיין פאַרדיי־אַפּאַראַט דאַרף זיך בהדרגה אַנטוויקלען אויף „מוטער־שפּייזן". אַזוי אויך מיט קולטור : אַ מענטש קאָן אַסימילירן פרעמד־פאָלקישע קולטור נאָר אויב ער האָט זיין „גייס־טיקן" „פאַרדיי־אַפּאַראַט" אַנטוויקלט אויף היימישער, אייגנפאָלקישער קולטור־שפּייז. נאָר פּשוט נאָר אַ מענטש וואָס איז דערצויגן געוואָרן אויף דער קולטור פון זיין פאָלק, נאָר אַזאַ קאָן שפּעטער איינזאַפּן און אַסימילירן אויך קולטורן פון פרעמדע פעלקער.

געדענקען מוז מען אויך, אַז קולטור קען מען נישט אויסלערנען. שוין צוליב דעם אַליין וואָס לערנען קען מען נאָר דורך ווערטער, קולטור אָבער איז ניט אין ווערטער. דער גרעסטער קענער וואָס האָט גלענצנד אויסגעלערנט אַלץ וועגן טויבן, איז דאָך פאָרט ניט קיין טויב. און דער גרעסטער יידישער געלערנטער קענער פון רוסן, איז פאָרט ניט קיין רוס, אַפילו ווייניקער ווי אַ רוסישער אַנאַלפאַ־בעט. יידן אויסגעהאַדעוועט אויף אַלערליי קולטורן און זיי אַרבעטן אויף יענע קולטורן זיינען זייער זעלטן שעפעריש אויף יענע פרעמדע קולטורן.

צוויי זיינען זיי די סכנות פון אַנקולטורישקייט ביי יידן אין אורבאַניזם : דער ביי־קולטוריזם, וואָס מיר לעבן אין דעם און דאָס אויספעלן פון אַן עכט־יידישן שטייגער, וואָס נאָר אַזאַ קען איינפלאַנצן קולטור.

איך דערמאָן זיך אַ פאַקט, אַז דער באַרימטער פּעדאַגאָג און קדוש יאַנוש קאָרטשאַק האָט זיך אין אַ מאָמענט פון טיפער פּערזענלעכער אויפריכטיקייט באַ־קלאָגט פאַר אַ פריינדין, אַז ער האָט ניט דערגרייכט די צילן וואָס ער האָט זיך געשטעלט, ווייל ער קען ניט פאַרשטיין די נשמה פון אַ יידיש קינד! פון אַ יידישן יתום. ווי באַקאַנט, האָט יאַנוש קאָרטשאַק זיך געהאָדעוועט אין אַן אויסערסט אַסימילירטער סביבה. דווקא דער אָנערקענטער קינדער־דאָקטאָר, שרייבער און איבערגעגעבענער דערציער — דווקא ער האָט דערפילט, אַז אים פעלט די נשמה פון דער יידישער קולטור, און בעיקר די נשמה וואָס מען קען ניט אויסלערנען פון אָנגעשריבענע טעקסטן. די קולטור שבכתב איז געגליכן צו דעם זאַפט פון פּירות וואָס מען פאַרקויפט אין בלעכלעך. מען קען זיך אָנטרינקען מיט דעם זאַפט, אָבער קיין פרוכט וועט פון דעם קיינמאָל ניט אויסוואַקסן. קולטור האָט אַ גוף און נשמה. די נשמה פון אַ קולטור איז אין שטייגער, די שפּראַך — דאָס איז דער גוף פון קולטור. די נשמה האַלט זיך איין אין גוף. די נשמה קען ניט איבערוואַנדערן אין פרעמדע גופים.

קיינמאָל דורך דער גאַנצער געשיכטע איז נאָך דאָס יידישע פאָלק ניט גע־ווען אין אַזאַ סכנה ווי איצט: אָדער — אָדער:

אָדער די דירעקטע סכנה פון טאָטאַלן אומברענגען דורך דעם אַלוועלטלעכן אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז איצט אַלוועלטלעך, פאַרשפּרייט און ער קען אין איין טאָג זיך צעפלאַקערן אומעטום; ער איז פאַרבונדן מיט אידעאָלאָגיעס, וואָס האַלטן זיך פאַר „פּראָגרעסיוו"; ער איז איצט בלוט־דורשטיק אָן קיין פייגנבלעטלעך, אָפן, פרעך. ניטאָ וואָס צו האָפן אויף דער שוץ פון פעלקער: מיר האָבן געזען און זעען עס איצט: קיין שום מדינה האָט ניט און וועט ניט איינשטעלן זיך פאַר אונדז. די איינציקע אָרגאַניזירטע און אַקטיווע זעלבשוץ פאַרן גאַנצן פאָלק אומע־טום איז דער צה״ל אין מדינת ישראל. דאָס איז די סכנה פון דרויסן.

און פון אינעווייניק: אין אַלע פרייע לענדער גייט דער פּראָצעס פון דע־קולטוריזאַציע, וואָס איז ערגער פון אַסימילאַציע. קיין נביאות דאַרף מען ניט זאָגן. איין זאַך איז קלאָר: וואָס מער דעקולטוריזאַציע, אַלץ ווייניקער און קנאַפּער שטאַנדהאַפטיקייט און אַלץ ווייניקער זעלבשוץ איז מעגלעך אויב מען זאָל דאַרפן. ווייל דעקולטוריזאַציע מוז פירן צו מאָראַלישער אַטראָפיע.

בכן איז עס דער דירעקטער חוב פון יעדן יידן צו טראַכטן און געדענקען, צו דענקען און דיסקוטירן: וואָס טוט מען און וואָס דאַרפן יידן טאָן? מאיין יבוא עזרי? פאַרלאָזן זיך אויף ניסים טאָר מען ניט. זאָגט נאָך אַ גמרא אַז „אין סומכין על הנס".

א. גאָלאָמב

# קורצער אנאליז פון געשיכטע

געשיכטע — אַ וויסנשאַפט פאַר דער צוקונפט. אַלע וויסנשאַפטן באַמיען זיך קלאָר צו מאַכן די געזעצן פון דערשיינונגען. פון דעם וואָס עס איז געווען דאַרף מען לערנען וואָס עס קען זיין. געשיכטע באַמיט זיך ניט צו שאַפן אַ „ריכטיק בילד״ פון דעם וואָס עס איז געווען. דאָס איז אוממעגלעך און לגמרי ניט נויטיק. דאָס זאַמלען פאַקטן פון געשיכטע — דאָס איז זאַמלען ציגל פאַר אַ בנין, אָבער ניט קיין בנין גופא, נאָר ציגל. די אַרבעט איז געגליכן צו דעם צושטאַנד פון אַל־כעמיע אין מיטלאַלטער: אוצרות פאַקטן זאַמלען. סתם זאַמלען פאַקטן וואָס עס איז געווען — ניטאָ אין דעם קיין שום זינען; קיין שום ציל; קיין שום באַדאַרף.

יעדער געזונטער, לעבעדיקער, אַקטיווער מענטש, יעדע געזעלשאַפט, איט־לעכער פאָלק באַמיט זיך ניט פאַר דעם וואָס עס איז געווען, נייערט מען באַמיט זיך צו בויען די צוקונפט. איז דער צוגאַנג: וואָס געווען — אַן אָנסוף פון פאַקטן. וואָס עס וועט זיין — סתם נבואה; וואָס עס דאַרף זיין, וואָס מיר ווילן עס זאָל זיין — דאָס איז אידעאַל; וואָס פון אידעאַל עס קען זיין — דאָס איז די ראָל פון געשיכטע ווי די ראָל פון יעדער אַנדער וויסנשאַפט אויף איר געביט: קאָנטראָל און עקזאַ־מען פון דעם וואָס עס קען געשען — דורך די פאַקטן און געזעצן פון דעם וואָס עס איז שוין געשען. פון דעם שלל פאַקטן וואָס עס איז געווען שאַפט די געשיכטע־וויסנשאַפט געזעצן. פון זיי, לויט זיי לערנען מיר וואָס עס קען געשען.

לערנען מיר פון דער יידישער געשיכטע:

1. — מיר האָבן דורכן גאַנצן גלות, אַ קיימא לן פון אַ דריטהאַלבן טויזנט יאָר ניט געהאַט קיין איין אַלגעמיינע געשיכטע פון איין כלומרשט איינהייטלעכן פאָלק. מיר האָבן געהאַט באַזונדערע געשיכטעס פון פאַרשיידענע יידישע שבטים מיט פאַרשיידענע גורלות.

אין געשעענישן פון פאַרשיידענע יידישע שבטים חזרן זיך איבער ענלעכע דערשיינונגען. דאָס זיינען די געזעצן פון דער יידישער געשיכטע.

2. — עס איז פאַלש און שעדלעך דאָס פאַרלאָזן זיך אויף דעם פסוק „נצח ישראל לא ישקר״. דער פסוק איז אַ סך מאָל געווען שקר. גערעכט די גמרא וואָס זאָגט אַז עס איז געווען אַ ברכה אין דער צעשפּרייטונג פון יידישן איינהייטלעכן פאָלק צווישן די פעלקער. יידישע שבטים קומען אויף ווי זיי וואַלטן ערשט געבאָרן געוואָרן און זיי קומען אום, ווי זיי שטאַרבן. אין יעדער תקופה טראָגט עס איין שבט דעם אַקטיוו פון דער יידישער געשיכטע. דובנאָוו רופט עס אָן די העגעמאָניע. אַנדערע שבטים פאַרלירן זייער ראָל, ביז זיי גייען אונטער.

3. — עס זיינען געווען ביז איצט קיום־שבטים יידישע אַזוינע וואָס האָבן נאָך זייער אונטערגאַנג געלאָזן לעבעדיקע, אַקטיווע יורשים און ירושה. און עס זיינען געווען אונטערגאַנג־שבטים וואָס האָבן ניט געלאָזן קיין יורשים און ניט קיין קולטור־ירושות. לאָמיר אָנרופן עטלעכע פון די און פון יענע: מלכות ישראל און מלכות יהודה. די ערשטע בלויז עטלעכע טונקעלע לעגענדעס. אַלעקסאַנדריע של מצרים און בבל. די ערשטע — בלויז אַרכיוו. די געשיכטע ציט זיך פון בבל. צדוקישע יידישקייט און פּרושישע. די ערשטע — אָן שום ירושה. די געשיכטע קומט פון די פּרושים. בבל האָט דעם געשיכטלעכן קיום איבערגעגעבן צו אשכנז, ניט צו ספרד מיט איר „גאָלדענער תקופה״. פון אשכנז איז דער אַקטיוו, די העגע־מאָניע אַריבער צו מזרח־אייראָפּע. בעת מערב־אייראָפּע איז געבליבן אַ פאַר־טריקנטער בוים, וואָס שטייט, הגם ער לעבט שוין לאַנג ניט.

אין מזרח־אייראָפּע זיינען געווען: יידישקייט פון תחום המושב און יידישע ישובים אין „טיף ראסיי״ (אויסערן תחום). די גאַנצע היינטיקע אַקטיווע געשיכטע שטאַמט בלויז פון תחום־ישוב.

אָט דאָ האַלטן מיר איצט. מיר מוזן לערנען איצט וואָס זיינען די פאַקטאָרן פון אונטערגאַנג? עטלעכע זיינען אונדזערע אויספירן:

מיר זיינען אַנדערש פון אַנדערע פעלקער — זיי האָבן איין געשיכטע. גע־שטאָרבן דער טרעגער פון דער געשיכטע, איז שוין מער ניטאָ, געענדיקט דאָס פאָלק. ביי יידן, טאָקע מחמת דער צעשפּרייטקייט („צדקה עשה להם הקב״ה שפיזרם לבין האומות״) איז דאָס ביז איצט געווען ניט קיין אַלגעמיינער טויט פון גאַנצן פאָלק, נאָר בלויז אָן איבערגאַנג פון דער העגעמאָניע פון איין שבט צו אַ צווייטן.

דער שבט וואָס איז אָפּגעשטאָרבן, איז קיינמאָל צוריק ניט אויפגעשטאַנען קיין „תחית המתים״. „איך הייב זיך אויף און גיי ווייטער״ (לייוויק), איז אַ טעות. דאָס יידישע פאָלק איז גאָרניט באַשאַנקען מיט אייביק לעבן, ווי גוטע יידן ווילן זיך איינריידן. די פראַגע באַשטייט ניט אין אייביק לעבן, נאָר אין דעם, צי עס איז דאָ אַ שבט ווער עס זאָל איבערנעמען ווייטער די העגעמאָניע, צי עס איז דאָ, צי עס איז אויפגעקומען אַ יונגער, אַ נייער „קיום־שבט״, וואָס זאָל טראָגן ווייטער די אַקטיווע געשיכטע. שוין דער ערשטער ייד האָט מורא געהאַט פאַר דעם „ואנכי הולך ערירי״ (איך גיי אַוועק איינזאַם, אָן יורשים).

דער אומקום פון אַ שבט קען זיין מחמת דרויסנדיקע פאַקטאָרן — רציחה פון שונאים און עס קענען זיין אינעווייניקסטע פאַקטאָרן: ניטאָ מער קיין כוח און קיין ווילן צו לעבן.

על פּי רוב איז דער אונטערגאַנג אַ פּראָדוקט פון ביידערליי פאַקטאָרן. אָבער די פראַגע וועגן יורשים, צי די אַקטיווע געשיכטע, די העגעמאָניע האָט צו וועמען

איבערצוגיין — די פּראָבלעם איז אַלע מאָל אַן אינעווייניקסטע. צי איז אַלעק־סאַנדריע אונטערגעגאַנגען מחמת די פּאָגראָמען, אָדער מחמת אַסימילאַציע — וועגן דעם קענען זיין דיסקוסיעס. אַז דער שטאַרקער און קולטורעלער יידישער ישוב פון אַלעקסאַנדריע האָט ניט איבערגעלאָזן קיין יורשים, וועמען איבערצוגעבן זיין קולטור־ירושה — דאָ קענען קיין מחלוקת ניט זיין.

## ווו האַלטן מיר איצט ?

חרוב איז געוואָרן דער שפּעריש־ער שבט פון מזרח־אייראָפּע. ער האָט נאָך ביים לעבן אויפגעבויט צוויי יורשים־שבטים, צוויי פאַרשיידענע לויט זייער כאַ־ראַקטער. דאָס זיינען דער שבט אַמעריקע און די יידישע מדינה. כדי אָבער צו קענען מאַכן אַ פּראָגנאָז אויף דער צוקונפט, דאַרף מען געמען אין אַכט נייע פאַק־טאָרן און אַט זיינען זיי: אורבאַניזם און אוניפיקאַציע פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס זיינעןביידע ביז איצט ניט געווען.

**אורבאַניזם.** דער אורבאַניזם האָט געענדערט די גאַנצע סאָציאַלע סטרוקטור פון יידישן פאָלק :

1. — ביז דעם אורבאַניזם האָבן יידן געלעבט ניט ווי אַ מינדערהייט, נאָר אַבסאָלוט פאַר זיך, אין אייגן, דורכויס פאַרזיכיק לעבן, אומאָפּהענגיק פון לאַנד־פאָלק, מיט אַן אייגן לשון און קולטור, און מיט אַ באַזונדערער עקאָנאָמיק. יעדעס שטעטל איז געווען דורכויס יידיש, הונדערט פּראָצענט יידיש און איז געווען שטיי־געריש, קולטורעל פאַרבונדן מער מיט דעם אַלוועלטלעכן יידנטום אַ סך מער ווי מיט דעם אָרטיקן לאַנדפאָלק.

דער אורבאַניזם האָט צעשטערט די גאַנצע יידישע פאַרזיכיקייט : די פאַבריק האָט אויסקאָנקורירט דעם שטעטלשן בעל מלאכה, די בעסערע וועגן און קאָמוני־קאַציע־מיטלען האָבן איבערגעשטיגן דעם שטעטלשן קרעמער. אין די שטעט און איבערהויפּט אין אימיגראַציע האָבן יידן זיך אויסגעמישט אין גרעסערע סאָציאַלע איינסן. ניטיידיש לשון, ניטיידישער שטייגער, ניט דער יידישער לוח פון אַרבעט און רו זיינען מער גילטיק אין אורבאַניזם. יידן האָבן ניט באַוויזן אויפצובויען אַן אורבאַניש לעבן לויטן כלל : מאַכן אַ לעבן (חיונה) צוזאַמען און אויסלעבן זיך באַזונדער, פאַר זיך. מיט דער גאַנצער פּאָטענציעלער ענערגיע, אָנגעזאַמלט דורך דורות, האָבן זיך יידן אַ לאָז געטאָן צופּאַסן זיך, אויסגלייכן זיך. און דאָס אויס־גלייכן זיך איז אות באות אַסימילאַציע. ניטאָ מער קיין סאָציאַלע צונויפבאַנדן, זאָלן פאַרבינדן אַלע יחידים אין איין פאָלק די יידישע רעליגיע איז צעשעדיקט גע־וואָרן אַן דעם אַלטן יידישן שטייגער. קיין זכר ניט פון שבת און יום־טוב. די ראָל פון רב — איינגאַנצן אַן אַנדערע.

די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט וואָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך אין שטעטל, איז געבליבן הענגען אויף דעם גוטן ווילן פון יחידים.

די גאַנצע נאַטירלעך־יידישע "אַטמאָספער" פון שטעטל, וואָס זי האָט איינ־געפלאַנצט קולטור אויף דעם גאַנצן לעבן, זי איז בטל געוואָרן. ניטאָ מער. קיין שול קען ניט געבן עפּעס וואָס זאָל קענען שאַפן אַזאַ יידישע אַטמאָספער, אַ יידישקייט ניט קיין אויסגעלערנטע. די גאַנצע אָפּהענגיקייט פון יעדן יחיד פון דעם יידישן כלל איז בטל געוואָרן. אַלע נאַטירלעך־יידישע סאָציאַלע באַדערפע־נישן פון קאָלעקטיוו, זיינען אויך בטל געוואָרן.

2. — גרעסערע צאָלן יידן דרינגען אַריין אין אַלגעמיינע, מלוכהשע, שטאָטישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, ווערן במילא זייערע באַהעפטיקונגען מיט דעם יידישן ציבור דירעקט שוואַכער און שוואַכער. מיט איין וואָרט: אין אורבאַניזם האָבן יידן ניט געשאַפן קיין יידישע געזעלשאַפט, קיין יידישן שטייגער, קיין יידישע אַטמאָספער. יידן וואַקסן אייניציקווייז אין פרעמדער אַטמאָספער, אין פרעמ־דער געזעלשאַפטלעכקייט. גאָר די יידישקייט דאַרף אויסגעלערנט ווערן. אויסגע־לערנטע יידישקייט איז זייער שוואַך.

3. — די עגאָפּאָביע באַמיט זיך אפילו אין די היימען ניט צו שאַפן קיין יידישע אַטמאָספער. אָן דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן שטייגער, אָן דעם יידישן היימישן שטייגער אין די היימען קאָן זיך ניט אַנטוויקלען ביי אַ מענטשן דער אַנבאַוווסט־זיניקער יידישער באַדן... ניטאָ אין אורבאַניזם ביז איצט דער נאַטירלעכער פונ־דאַמענט פון זיין אַ ייד.

4. — פון דער צווייטער זייט וואַקסט אין דער וועלט, ביי אַלע פעלקער דער אוראַלטער גויִישער אַנטיסעמיטיזם. ער איז איצט אַלוועלטלעך; ער איז פאַר־בונדן מיט אַלע לאָזונגען און ריכטונגען, מיט אַלע אידעאַלן און פּאָליטישע חש־בונות.

היטלערס פאָרמול "די ענדגילטיקע לייזונג" איז געוואָרן ווי לעגאַל, אַריינ־געדרונגען אין "נאָרמאַלן" באַוווסטזיין פון פעלקער. ניטאָ מער קיין אָפּהאַלטערס פון געוויסן. די באַציאונג צו יידן ווי צו אַ פאָלק הענגט אָפּ בלויז פון פּאָליטישע און סאָציאַלע אויסרעכענונגען, צי עס לוינט...

עס קאָן גאָר גרינג קומען צו אַ סיטואַציע, ווען אַ וועלט מיט פעלקער וועט אויפשטיין קעגן איין יידן־פאָלק און קיינעם וועט עס ניט לוינען זיך איינצו־שטעלן פאַר יידן...

און דווקא אַט דאָס פאָלק־באַוווסטזיין ווערט ביי יידישע דורות אַלץ שוואַ־כער, אַלץ מער אַטראָפירט. עס דערגייט שוין איצט ביז אַ פולער מאָראַלישער אומ־פעיִקייט צו זעלבשוץ און פיזישער רעזיסטענץ. שוין איצט טאַנצן אַ סך יידן

מיט אין אַלערליי דירעקט־אַנטיסעמיטישע קאַדרילן. עס שטעלט זיי ניט אָפּ די פּערספּעקטיוו פון דער „ענדגילטיקער לייזונג", פון פּשוטער דירעקטער אויס־ראָטונג פון אַלע יידן.

...איך זאָג ניט, אַז דאָס מוז קומען, איך זאָג אַז עס קען קומען — אַן אַל־געמיינער, אָדער כמעט אַן אַלוועלטלעכער אַנגריף ביי דעם שוואַכסטן ווי־דערשטאַנד.

## צי קאָן זיין אַנדערש ?

קיין פראַגע ניט: עס מוז זיין אַנדערש, און אַז עס מוז, קען מען, מען מוז קענען שאַפן די אַנדערשקייט.

קודם כל מוז די גאַנצע ענערגיע געווענדט ווערן צו פאַרשטאַרקן דעם פאָלק־באַוווּסטזיין, עם ישראל, אַלע שפּליטערן פון פאָלק, אַלע סעקטאָרן, אַלע ריכטונ־גען זיינען איין פאָלק. אַלע ישובים אין פאַרשיידענע לענדער — אַלע זיינען זיי טיילן פון איין גאַנצקייט, פון דעם אַלגעמיינעם יידישן פאָלק. אַלץ וואָס באַהעפט מוז פאַרשטאַרקט ווערן, אַלץ וואָס צעטיילט, וואָס סעפּאַרירט — דאַרף אָפּגע־שוואַכט ווערן.

וואָס איז יידישקייט ?

— אַלץ וואָס שיידט אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון אַנדערע פעלקער. ניטאָ און עס דאַרף ניט זיין קיין אויסטיילן באַזונדערע עלעמענטן פון יידישקייט, ווי כלומרשט זיינען זיי דער עיקר. פאַר זיי קעמפט מען. ניט יידישיזם, נאָר „יידיש־קייטיזם"; יידיש ווי איין עלעמענט פון כוללדיקער גאַנצקייט. אַזוי אויך בנוגע צו העברעאיש. ניט דווקא די הלכה ווי זי איז פאַרשריבן. ניט די שריפטן זיינען קודש און די אַנדערע זיינען טריף־פּסול, נאָר אַלע ווו עס אַנטפּלעקט זיך דער יידישער פאַרזיכיקער גייסט — אַלע זיינען קודש בקדושת הפאָלק. איז יפתח בדורו כשמואל בדורו. איז ביאַליק און לייוויק בדורם — ווי די פאַרצייטיקע אין זייער צייט. פאַר־שטייט זיך, ניט אַלץ וואָס עס איז געשריבן אין יידיש צי אין העברעאיש מוז אַריינגענומען ווערן אין רכוש האומה. חס ושלום! עס מוז זיין אַ שטרענגער אָפּ־קלייב, ווי דאָס האָבן אויך געטאָן די פאַרצייטיקע.

דער פּרינציפּ איז אהבת ישראל, און ישראל מיינט כל ישראל. ניט מיינע און דיינע, מיינע איז בילכער, מיינע איז פון גאָט און דיינע ניט... מיר האָבן איצט געזען ווי מען האָט געהאַלטן אין צעשפּאַלטן דאָס יידישע פאָלק אין דער מדינה, וואָס איז באַלאַגערט מיט די בלוטיקסטע שונאים. דער צווייטער בית המקדש איז חרוב געוואָרן נאָר מחמת שינאת חינם, ווי דאָס זאָגט ריכטיק אַ גמרא.

אַ גרויסע הילף אין דער ריכטונג פון כל ישראל גיט שוין די מדינה. און מען מעג דערוואַרטן פון איר נאָך מער און מער.

איך בין זיך מודה, אַז לעצטנס האָט מיך שטאַרק אויפגערעגט דווקא דער פרומער סעקטאָר פון יידישן פאָלק מיט זייער „יקוב הדין את ההר" פון אַ פּריוואַ־טער מחלוקת. ווי דער אות פון פאַרשריבענער הלכה איז וויכטיקער פון קיום האומה. דאָך ווילט זיך מיר גלייבן, אַז פון די קרייזן וועט קומען, וועט מוזן קומען דער פּרינציפּ פון כל ישראל, פון דער גאַנצער און אַלדורותדיקער יידישקייט. קלאָרע רייד:

יידישע קולטור איז ניט בלויז דער תנ"ך, ווי עס וואָלט געפּסקנט בן גוריון;

יידישקייט איז ניט בלויז דער תלמוד ונושאי כליו, ווי עס וואָלטן געפּסקנט די פרומע;

יידישע קולטור איז ניט בלויז די גאָלדענע תקופה פון ספרד, ווי עס וואָלטן געפּסקנט די העברעער;

יידישע קולטור איז ניט בלויז די מאָדערנע ליטעראַטור אין יידיש אָדער אין עברית ווי עס וואָלטן געפּסקנט די יידישיסטן און העברעיִסטן נאָר:

יידישע קולטור איז דאָס אַלץ. דור־דור ודורשיו; אַ סך תקופות האָבן מיר איבערגעלעבט און איטלעכע תקופה מיט איר קולטור, האָט שמאי געענטפערט אַ צדוקי אויף זיין פראַגע, וויפל תורות זיינען עס ביי יידן? האָט שמאי אים גע־ענטפערט — צוויי: איינע איז די תורת משה און די צווייטע איז די תורה וואָס בעל פה, וואָס מיר — די פרושים — הייסט עס, באַמיען זיך זי אויפצוקלערן און פאַרהייליקן. מיט די זעלביקע רעכט דאַרף מען היינט ענטפערן די היינטיקע „צדוקים" (וואָס ווילן גלייבן נאָר אין די היינטיקע תורות שבכתב), אַז מיר האָבן דריי תורות — די תורת משה, די תלמודישע. די ביידע זיינען בכתב און די דריטע איז דער תלמוד השטעטל וואָס איז נאָך בעל פה.

און ווי חז"ל האָבן זיך באַצויגן צו דער תורה שבעל פה פון זייער צייט, אַזוי דאַרף זיך דאָס פאָלק באַציען צו דער איצטיקער בעל פה — יידישקייט. דור דור ודורשיו און תקופה־תקופה ותורותיה.

מען דאַרף זיך ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם, אַז אַזאַ כל ישראל־באַוווסטזיין און כל ישראל־פּאָליטיק קען גרינג זיך איינבירגערן ביי יידן. איך קען זיך ניט דערמאָנען קיין איין תקופה ביי יידן, דאָס גאַנצע אָדער די קענטיקע מערהייט פון פאָלק זאָל זיין באַהערשט פון אַליידישקייט, זאָל זיין געטריי צו כל־ישראלדיקייט, צו אינטעגראַלער יידישקייט... סיידן אַ דרויסנדיקער צוואַנג זאָל זיין דערביי. אינעווייניקסטע קריגערייען זיינען אַלע מאָל געווען אַ סימן מובהק

פון יידישן פאָלק. ניט אומזיסט האַלט עס די גמרא, אַז שינאת חינם איז שקול, שטאַרקער פון די דריי גרעסטע עבירות. און דאָך, ניט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, דאַרף מען גלייבן און וואַרטן אויף דער אינטעגראַלער יידישקייט.

דער אַקטיווער פרומער סעקטאָר פון יידישן פאָלק האָט אַ סך געצאָלטע אָנגעשטעלטע. קהלשע אָנגעשטעלטע פון אַלערליי רבנים וכדומה. זיי זעען זייער אויפגאַבע אין יידישן לעבן, ניט אין זיצן און לערנען ווי אַמאָל, ניט אין דין תורות און שאלות פסקענען, ווי עס איז געווען אַמאָל. זיי זעען די אויפגאַבע אין געזעלשאַפטלעכן טומל. און דאָס איז ווייט ניט אַן רעכט. און כל המרבה — ווער היל־כיקער — דער איז העכער. וואָלטן אינטעגראַלע יידישקייט־חסידים געקאָנט אָנשטעלן כאָטש עטלעכע צענדליק פּראָפעסיאָנאַל־פאַראינטערעסירטע מענטשן, וואָלט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט געהאַט אַן אַנדער אויסזען, אַן אַנדערן אָנזען.

כדי צו קומען צו דעם, דאַרף מען דערהייבן די מערכה פון דער שטעטל־שער קולטור אין די אויגן פון פאָלק, באַקעמפן די איינגעוואָרצלטע עגאָפּאַטיע. דאָס איז די אויפגאַב פון די יידישע הויכשולן, פון די יידישע וויסנשאַפטלער און פון די יידישע קינסטלער.

אין וואָס דאַרף באַשטיין זייער אַרבעט ? — אָט אין וואָס :

פונקט ווי די פּאַרצייטיקע פּרושים און חז״ל האָבן זיך בשעתם פאַרנומען, אָפּגעגעבן מיט דעם תלמוד, ריכטיקער מיט דער פורעמונג און פאָרמולירונג פון דער יידישקייט שבעל פה פון זייער תקופה, כדי צו פאַרוואַנדלען אין אַ תורה. און „תורת חיים״ האָבן זיי ריכטיק פאַרשטאַנען — דאָס ספּעציפישע יידישעס אין לעבן און איבערלעבן פאַרוואַנדלען אין אַ תורה. דאָס איז געווען ביי זיי תלמוד תורה אין זייער צייט, און דאָס איז די היינטיקע תלמוד תורה פון אונדזער צייט, ווי ראַוויי־דאָוויטש האָט עס ריכטיק אָנגערופן „תלמוד השטעטל״.

צי וועט זיך איינגעבן אַזאַ איבערטראָגן דעם שוואַר־פּונקט פון תנ״כיזם, פון הלכהיזם, פון אָפּענעם אַסימילאַציע־דראַנג צום תלמוד־השטעטל ? — דאָס ווענדט זיך אין דעם מוט, אין דער איבערגעגעבנקייט און ברייטערן וועלט־באַנעם פון די אַזוי־גערופענע וועלטלעכע.

צי וואָלטן געקאָנט די רעליגיעזע שלום מאַכן מיט דעם תלמוד השטעטל, ווען זיי באַמיען זיך צו באַהערשן דאָס גאַנצע לעבן דורך דער אַמאָליקער הלכה ? ווען זיי ווילן באַשטיין אַז די הלכה ווי זי איז פאָרמולירט, מוז הערשן אין לעבן ? פּראַקטיש וואָלט אין דעם ניט געווען קיין שוועריקייט : פונקט ווי די חז״ל האָבן זיך באַצויגן צו דער תורה שבכתב אין זייער צייט, פונקט אַזוי וואָלט זיך די

הייגטיקע תּלמוד־השטעטל געקאָנט באַציִען צו דער גאַנצער תּורה שבכתב פון הייגטיקער צייט (אַריינגענומען אויך די גאַנצע תּלמודישע ליטעראַטור און הלכה). דאָס רעכט דערויף האָט שוין פעסטגעשטעלט רבי עקיבא מיט זיין פאָרמול אַז איט־לעכע דריי וואָס זיינען אַ בית דין ביי יידן, זיינען באַרעכטיקט פעסטצושטעלן הלכות אַזוי ווי דער בית דין פון משה רבינו (ראש השנה כה׳).

אין פּראַקטישן לעבן וואָלט זיך דער נייער צוגאַנג געקאָנט אויסדריקן אין דער פאָרמול „מאַכן אַ לעבן" (עקאָנאָמיש) געמיינזאַם. אויסלעבן זיך (קולטורעל) יעדעס פאָלק באַזונדער.

דאָס וועט מוזן ווערן די וועלט־איינאָרדענונג פון אַלע פעלקער. קיין מאַ־נאָפּאָלקישע מדינות קענען ניט עקסיסטירן, ניטאָ אַזוינע גרענעצן אַפילו. וועלן פעלקער אָדער זיך אויסמאָרדן, אָדער זיך איינאָרדענען לויט דער פאָרמול: עקאָ־נאָמיש געמיינזאַם, קולטורעל פאַר זיך. און די אַלגעמיינע מלוכה־קאַסע האָלט אויס די פאַרשיידענע פאָלקישע קולטורן.

# קאָסמאָס, ייִדישקייט און ייִדישער גאָט

אַנסופֿן, אַנצייטן און אַנמאָסן / געזעצן נאָר זײַנען אײביק / קאָסמאָס און מענטש / אחדות הבריאה / יעקבֿס לייטער / ווו־הין / גרעניצן פֿון וויסן / קאַנט און דער בעל התניא — צוויי וועגן / רצון עולמי / דער מענטש און זײַן שכל / דער זינען פֿון אַ פּשוטער ברכה / דער זינען פֿון אַלע זינענס / קאָסמאָס, גאָט און תּורה / דער קריסטלעכער האַר גאָט און זײַנע „כּלות" / קאָס־מישע, מענטשלעכע און ייִדישע תּורות / צילן און מיטלען / וויסנ־גיריקייט / וויסנשאַפֿט און רעליגיע / וויסנשאַפֿט און רעליגיעזע אינסטיטוציעס / חכמה און תּורה / תּורהדיקע חכמה / ייִדישע רעליגיע און ייִדיש פֿאָלק / מהות און צילן פֿון דער ייִדישער רע־ליגיע / פֿעלקער און זייערע היסטאָריעס / איז געשיכטע אַ וויסנ־שאַפֿט? / מפּני חטאינו / וויסנשאַפֿט און קונסט / דער ייִדישער צוגאַנג צו ליטעראַטור / תּורה שבעל פּה און שבכתב / קודשא בריך הוא ואורייתא / פֿאַלשע וועגן.

## אַנסופֿן, אַנצייטן, אַנמאָסן

ויוצא אותו החוצה ויאמר : הבט נא השמימה וספור את הכוכבים... און ער האָט אים אַרויסגעפֿירט אין דרויסן און האָט געזאָגט : קוק אין הימל און צייל די שטערן...

(בראשית טז׳ ה׳)

אין אַנסוף פֿון אַלוועלטישן חלל וואַנדערט אַרום אַן אָנצאָל פֿון זונען, שטערן־סיסטעמען מיט פּלאַנעטן, מיט לבֿנות. פֿון וואַנען און ביז וואַנען ? — אין אַנמאָסן פֿון מרחקים און רוימען; פֿון ווען און ביז וואַנען ? — אין אַן אַנצייט, ניט צו ציילן, ניט צו מעסטן. ניטאָ ביי מענטשן קיין מאָסן פֿאַר יענע קאָסמישע צייטן, צאָלן און מרחקים.

אָנצייטן, אָנסופֿן, אָנמאָסן און אָנצאָלן — דאָס איז קאָסמאָס. ניט פֿאַר אונ־דזער באַנעם, ניט פֿאַר אונדזערע השגות. ווערן וועלטן געבאָרן, ווערן וועלטן אויס.. אייביקע פּראָצעסן. וואָס איז אייביק? — אייביק איז אָנצייט, אָן אָן אָנ־הייב און אָן אַ סוף — מאַטעריעס און ענערגיעס. פֿון וואַנען קומען זיי? וווהין קומען זיי אום? תיק״ו (ניטאָ קיין ענטפֿער). וועלטן גרויסע און וועלטן אין אַטאָ־מען — אָן סוף אין גרייס און אָן סוף אין קליין. זאָגט ניט ״גאָט האָט באַשאַפֿן״ — גאָט שאַפֿט. ניט גאָט האָט געזען, אַז עס איז גוט זיין שאַפֿונג, זאָגט: גאָט שאַפֿט און שאַפֿט איבער, מאַכט בעסער, און ווידער בעסער. ניטאָ קיין סוף צום שאַפֿן און ניטאָ קיין ״כי טוב״: דער שעפֿער איז קיינמאָל ניט צופֿרידן מיט זיין שאַפֿונג. ניט נאָר דער דור המבול, די גאַנצע שאַפֿונג איז ווייט פֿון צו זיין גוט אין די אויגן פֿון גאָט. דעם ״וירא כי טוב״ דאַרף מען טייטשן ״גאָט האָט געזען אַז צום טוב איז נאָך ווייט״, ער שטרעבט צום טוב, צום טוב מאוד.

אין אַ ווינקל פֿון מילך־וועג טראָגט זיך צווישן דעם אָנצאָל פֿון וועלטן אויך די סיסטעם פֿון אונדזער זון מיט אירע פּלאַנעטן. און צווישן זיי איינע פֿון די קלענערע איז די וואָס מענטשן האָבן אָנגערופֿן ״ערד״ — אונדזער ערד, מיט איר לבנה.

און אויף דער ערד — פּראָצעסן — אָפּגרונטן פֿון ימען און אָנהויפֿונגען פֿון בערג. זיינען די הימאַלייען — יונגע בערג, זיינען יונג די גייזערן פֿון יעלאָסטאָן. אָרום אָן אַכציק מיליאָן יאָר. וואַקסן אויף די גרונטן פֿון ימען שיכטן ערד. דאָ וווּ הייבן הייבן זיך בערג, איז אַמאָל געווען ים און פֿאַרקערט. אייביקע פּראָצעסן אין קאָסמישע אָנצייטן, ניט צו מעסטן מיט מענטשלעכע מאָסן. ביי מיר וואַקסן נעגל. אין אַ חודש צייט וואַקסט אָן אַ מילימעטער. וויפֿל וואַקסט אָן אין אַ טאָג, אין אַ שעה? ניט צו מעסטן אין גרייס און ניט צו מעסטן אין קליין. און די גאַנצע ערד — אַ האַרטע, אָפּגעקילטע הויט, און אינעווייניק, אין דעם בויך פֿון דער ערד ברענט עס, קאָכט עס, שאַפֿן זיך וועלטן, שאַפֿן זיך שטאָפֿן — אייביקע פּראָצעסן אין אָנצייט.

און אין די אָפּגרונטן פֿון די ימען ווידמען זיך לעבעדיקע באַשעפֿענישן — פֿון מיקראָסקאָפּישן פּלאַנקטאָן ביז די גרויסע וואַלפֿיש. זיינען אין די היינטיקע בערג פֿאַרשטיינערט רעשטן פֿון אַמאָליקע גיגאַנטן. תקופֿות געאָלאָגישע און זייערע באַ־שעפֿענישן. גאָר אַנדערע. ניטאָ קיין אייביקייט אין דער אייביקייט. זיינען אויף דער יבשה — פֿון מיקראָבן ביז גיגאַנטישע סעקוואָיען, ביז צו די צעדערן פֿון לבנון. איז די היינטיקע גאַנצע געוויקסן־וועלט גאָר אַ יונגע. אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס פּנים פֿון דער ערד אין פֿריערדיקע תקופֿות. אַלץ וואָס לעבט מוז שטאַרבן און עס ווערט כסדר געבאָרן נייעס אַלץ ענדערט זיך. מיר זעען עס ניט — קורץ איז אונדזער לעבן, קורץ דאָס לעבן פֿון דער מענטשהייט בכלל. וואָס איז דאָרטן

עטלעכע טויזנט יאָר לגבי מיליאַרדן יאָרן ? וואָס איז אונדזער מענטשלעכע צייט־רעכענונג לגבי די קאָסמישע אַנצייטן ?

עס טרעפט — עס ציטערט אויף די שאָלעכץ פון דער ערד, עס רייסן זיך אַרויס פון איר אינגעווייד שטראָמען צעשמאָלצענער גראַניט — ערד־ציטערנישן און ווולקאַנעס. עס שפּריצן גייזערן. פון וואַנען נעמען זיי זייערע וואַסערן ? זיינען דאָס פרישע, ערשט געבאָרענע וואַסערן, ערשט סינטעזירט געוואָרן אין די טי־פענישן ? („יוּווענילע" וואַסערן — איז דער טערמין), אָדער דאָס זיינען די זעלביקע אַטמאָספערישע וואַסערן, דורכגעזייטע ביז דער אינגעווייד און דאָרטן איבערגעהיצט געוואָרן.

## אייביקע געזעצן

שטיי איך אַזוי אין אַ זומער־פאַרטאָג אַליין לעבן אַזאַ שמאָלן און הויכן גייזער. עס ברומט אונטער אים די ערד, וואָלקנס דאַמף רייסן זיך אַרויס מיט אַ רעש, הויך און שמאָל. די מענטשהייט מיט פּאַטאָ־אַפּאַראַטן שלאָפן נאָך, דער גייזער און איך. איך בין אַן איינמאָליקער באַזוכער, ער אַן אייביקער דאָ. זומערט ער און ווינטערט, טאָג און נאַכט, אַלץ ער אַרבעט און ווי לאַנג ? אפשר אַן אייביקייט, איידער „די בערג זיינען געבאָרן געוואָרן" ? אפשר האָבן דאָ געבראַדזשעט דינאָזאַווערן און איינגעזונקען אין דעם קאָכיקן זומפּ אַרום דעם גייזער ? וואָלטן דאָ חז"ל געווען, וואָלטן זיי זיכער געהייסן מאַכן אַ ברכה „עושה מעשה בראשית", געלאָזן אַ ווינקעלע ווו די שאָלעכץ פון דער מאַמע־ערד איז געבליבן געגנוג דין פון דעם בויך און ביז דער הויט. קאָן זיין, אַז מיט מיליאָנען, מיט צענדליקער און הונדערטער מיליאָנען יאָרן צוריק, אין אַנסופיקן אַמאָל איז די גאַנצע ערד געווען אַזוי ביז די האַרטע הויט האָט זיך געגנוג אָפּגעקילט און פאַרשלאָסן דעם טראַכט פון דער אינגעווייד. געווען מסתמא אויך אַזאַ צייט, ווען די ערד האָט ניט געהאַט איר האַרטע שאָלעכץ. וואָלט דער גייזער געהאַט אַ זכרון, — וויפל זכרונות ער וואָלט דערציילט ! און אפשר דערציילט ער אויף זיין לשון ? אַלץ זאָגט דאָך שירה... און ער אַליין איז דאָך אויך ניט אייביק! און פאַר אים? ניטאָ קיין אייביקייט אין דער אייביקייט ? ניין, עס זיינען אייביק די געזעצן וואָס פירן אָן מיט די אַלע פּראָצעסן אין קאָסמאָס. אַלץ ענדערט זיך, צייטן און תקופות פאַרגייען און קומען אָן, אָבער אַלע מאָל לויט די פעסטע געזעצן און כללים ! זיי — די געזעצן וואָס פירן די פּראָצעסן אין קאָסמאָס — זיי זיינען די אייביקע אומגעענדערטע „קאָס־מישע תורה", וואָס דער בורא עולם — דער שעפער איז „מביט בתורה ובורא את עו־למו" (אַ מאמר חז"ל). גאָט שאַפט וועלטן און בויט זיי לויט די בעסטע געזעצן פון

אַט דער קאָסמישער „תורה״. און זיי — די „הילכות הקוסמוס״ זיינען „ניט קיין רחמים אלא גזרות״ — ניט קיין גוטער אָדער בייזער ווילן פון דעם שעפער, פון דעם רבון כל העולמות, ניט קיין רחמים, נייערט גזרות — געזעצן, און גאָט אַליין קאָן אויך זיי ניט ענדערן. (אויך אַ מאמר).

און אַלע די געזעצן שטאַמען אַלע אַרויס פון איין געזעץ און אַלע זיי ציען, פירן ווידער צו איין געזעץ. די אַלע הלכות — געזעצן פון קאָסמאָס זיינען אין תוך אַריין ניסתר, קיינער האָט זיי ניט געשריבן און קיינער קאָן זיי ניט אויסמעקן. „הנסתרות לה׳ אלוהינו״. ווייס דער קאָסמאָס פון זיינע געזעצן? — צי ווייס דער בוים פון זיין ווערן און וואַקסן? צי ווייסן די מיקראָבן און די פּלאַנעטן די געזעצן פון זייער ווערן און זיין? דאָס איז די תורת הנסתר! ווייס אויך ניט דער „בחיר היצורים״ די געזעצן פון זיין לעבן; איז אונדז שווער צו זוכן דאָס געזעץ פון די געזעצן, דעם „אחד״ זייערן. און צי מען ווייס יאָ, אָדער ניט, — זיי זיינען דאָ און זיי פירן די וועלט וכל אשר בו. זיינען די געזעצן פון קאָסמאָס עלטער פון קאָסמאָס, איידער ער איז געבאָרן זיינען זיי געווען, איידער זונען זיינען געבאָרן, איידער פּלאַנעטן זיינען געקומען, זיינען די געזעצן געווען. זיי זיינען געווען פאַרן בראשית און זיי וועלן בלייבן אויך „אחרי ככלות הכול״. די נאַטור־געזעצן — זיי זיינען די אייביקע אייביקייט.

איז דאָס אַלץ געווען ניסתר ביז עס איז געקומען דער מענטש און האָט גענומען לערנען, שטודירן די הילכות הקוסמוס — די געזעצן פון דער וועלט. באַמיט זיך דער מענטש צו אַנטפּלעקן דעם ניסתר, אַרויסצוברענגען דעם ניסתר אין ניגלה אַריין.

קאָן ער — דער מענטש — אויפדעקן, אַנטפּלעקן די געזעצן, קלאָר מאַכן זיך דעם ווי אַזוי, אָבער צי קאָן דער מענטש אויך דערוויסן זיך דעם צוליב וואָס? צו וואָס? ווּ און אין וואָס איז דער ציל פון גאַנצן קאָסמאָס און וווּהין גייט ער? — דאַכט זיך, אַז דאָס איז תיק״ו. שווער צו גלייבן, אַז אויך דאָס וועט מען קאָנען געפינען.

## קאָסמאָס און מענטש

און עס איז געווען ווען דער קאָסמאָס און די ערד אין קאָסמאָס האָבן אָפּגעלעבט עטלעכע ביליאָן יאָר, אָפּגעלעבט און אָפּגעאַרבעט, איז געקומען דער מענטש — אַ חיה ווי אַלע אַנדערע חיות מיט איין אונטערשייד: אַלע חיות האָבן אַ דראַנג צו לעבן, צו היטן דעם קיום פון יחיד און דעם קיום פון מין. דער מענטש האָט צו אַט דעם אַלגעמיינעם דראַנג נאָך איין דראַנג — דעם דראַנג צו וויסן —

וויסנגיריקייט. עס איז אַ ריין מענטשלעכער דראַנג און נאָר דער מענטש איז גע־בענטשט־פאַרשאַלטן מיט דעם דראַנג. און ווי לאַנג דער מענטש איז פאַראַן אויף דער וועלט, יאָגט עס אים צו דערוויסן זיך, צו דערגיין די סודות פון קאָסמאָס; ער באַמיט זיך מגלה צו זיין די ניסתרות פון קאָסמאָס, זינט ער לעבט איז דער מענטש עוסק אין דעם „תלמוד הקוסמוס". אויב לעבן מיינט ענדערן זיך, לעבט דער קאָסמאָס, ווייל ניטאָ קיין צייטן אָן ענדערונגען, אָן פּראָצעסן פון שאַפן און איבערשאַפן. אַלץ קומט פאָר לויט פעסטע און באַשטימטע געזעצן. עס איז דאָך די תורת הקוסמוס, וואָס גאָט קוקט און באַשאַפט לויט איר זיין וועלט. די תורה איז ניט בכתב און זי איז אויך ניט בעל פּה. זי איז כולה ניסתר, זי הערשט אָבער סיי ווי. ווייל דער מענטש, יאָגט זיך דער מענטש צו דערקענען די הלכות, די ניסתרות פון דער תורת הקוסמוס. מיליאָנען און ביליאָנען יאָרן טראָגט זיך די ערד אין גאַנג, אין איר וועג, אין אירע אַלע וועגן און אויף איר אַזוי־פיל באַשעפענישן. קיינער פון זיי האָט זיך ניט פאַרגלוסט צו זוכן די סודות, מגלה צו זיין די ניסתרות ביז עס איז געקומען דער מענטש.

דרייט זיך אַזוי דער אַנצאַל אין דעם אָנמאָס דורך דעם אָנסוף. דאָס איז דער קאָסמאָס, און אין דעם קאָסמאָס — די זון־סיסטעם, און אין איר — די מאַמע ערד, און אויף דער ערד, צווישן דעם אַנצאַל פון באַשעפענישן — דער מענטש, דער איינציקער מיט זיין וויסנגיריקייט. זוכט ער, פאָרשט ער, מאַטערט ער זיך צו דערגיין דאָס פאַרבאָרגענע. לעבן אַלע אַנדערע באַשעפענישן אין זייער אַנוויסיקן גן עדן. האָט גאָט אויך דעם מענטשן געוואָלט באַזעצן דאָרטן, ער זאָל לעבן אָן זאָרגן. האָט גאָט אויך דעם מענטשן באַשערט אַזאַ מין מערכה. לאָזט אים — דעם מענטשן — אָבער ניט זיין וויסנגיריקייט. ווייל ער אַליין בויען זיין באַ־וווסטזיניקן גן עדן. ער האָט דאָך — דער איינציקער געגעסן פון עץ הדעת! בויט ער גן עדנס און עס קומען אַרויס גיהנומס. גיהנומס א סך און צום גן עדן ווערט אַלץ ווייטער. און וואָס מער דער מענטש איז „מגלה ניסתרות", אַלץ מער קומען צו נייע. ער איז מגלה נייע ניסתרות, נייע פאַרבאָרגענישן, נייע פראַגעס, אַלע מאָל מער פּראָבלעמעס ווי דערקלערונגען; אַלץ ווייטער צום גן עדן פון אַל־וויסן און אַלץ מער גיהנומס פון אומוויסנס, וואָס מאַטערן, וואָס טרייבן צו פאָרשן, צו זוכן, וואָס לאָזט נישט רוען.

אָבער גאָט האָט ניט געטרויט דעם מענטשן צו עסן פון עץ הדעת: די פרוכט פון עץ הדעת זיינען טאַקע געטלעך, „והייתם כאלוהים יודעי טוב ורע" איז גע־זאָגט געוואָרן. אָבער צוגערעדט צו עסן פון עץ הדעת האָט די שלאַנג. איז אין דעם פאַראַן ווי דאָס געטלעכע אַזוי אויך דאָס שלאַנגישע, די שלאַנג איז גע־וואָרן שותפטע צום עץ הדעת... עסט דער מענטש כסדר פון עץ הדעת און אין דעם מענטשן וואַקסן ביידע — דאָס געטלעכע וויסן און שלאַנגישע, גיפטיקע צו

פאַרסמען דאָס וויסן. האָט דער מענטשלעכער דראַנג צו וויסן — די וויסנגיריקייט — אַרויסגעטריבן דעם מענטשן פון אומוויסיקן חיהשן גן עדן, און דאָס עצם וויסן איז געוואָרן די צוויייזייטיקע שווערד, וואָס לאָזט ניט מער דעם מענטשן צו רו. פאַרשאָלטן־געבענטשט איז געוואָרן דער מענטש „בזעת אפיך״ — שווער, מיט שוויס קומט אים אָן ניט בלויז דאָס ברויט צום עסן, נייערט אויך דאָס וויסן, דאָס מאַטערן זיך צו דערוויסן. וויל טאַקע דער מענטש זיין „כאלוהים״, וויל ער בויען געטלעכע גן עדנס, קומט די שותפטע צום עץ הדעת — די שלאַנג און זי מאַכט פון וויסן שלאַנגישע גיהנומס. די צוויייזייטיקע שווערד וואָס היט דעם אַריינגאַנג צום גן עדן: וואָס מער וויסן — מער געטלעכקייט; וואָס מער וויסן — מער שלאַנגישקייט. וועט ווען דאָס געטלעכע גובר זיין דאָס שלאַניגשע? תיק״ו — ניטאָ קיין גלויבן. גלייבט דער יידישער גייסט אין דעם „באחרית הימים״, אין דעם „לעתיד לבוא״.

האָט נוח נאָכן מבול גענומען פלאַנצן אַ וויינגאָרטן, איז צום אים געקומען דער גיפטיקער שטן און געמאַכט שותפות — צוזאַמען וועט מען בויען, וועט מען פלאַנצן צו דערפרייען גאָט און מענטשן. און פון דעמאָלט אָן — אַלץ וואָס דער מענטש פלאַנצט, קומט דער שטן און ער נעמט עס פאַר זיך — זיין חלק... אַזוי דערציילט אַן אַלטע יידישע אגדה. איז דאָס וויסן געטלעך, ווען אָבער דער מענטש נעמט פלאַנצן, נעמט בויען, ווערט עס שלאַנגיש. בויט אָדם און נוח און אַלע בני נוח — בויען זיי גן עדנס און פלאַנצן וויינגאָרטנס, אָבער עס קומען אַרויס שלאַנגיש־גיפטיקע גיהנומס, פאַרן שטן. פעלט אין חומש אַ וואָרט: עס שטייט, אַז מיטן עץ הדעת וועט דער מענטש ווערן כאלוהים „יודעי טוב ורע״. עס וואָלט געדאַרפט זיין „יודעי טוב (ועושי) רע״. דאָס וויסן איז טאַקע גוט, אָבער די מעשים, די בויונגען — זיי קומען אַרויס שלעכט, גיהנמדיק, שלאַנגיש.

## די אחדות הבריאה

צווישן די וויסנס וואָס דער מענטש האָט זיך דערוווּסט ניט צו בויען פון דעם, ניט צו פלאַנצן, נאָר צו וויסן און ניט מער ווי וויסן, צווישן דעם איז אויך געווען איין נייעס. פאַרשיידן זיינען די שאַפונגען פון גאָט אין די ימען און אויף דער יבשה — אַ שלל מיט אַלערליי געוויקסן און נאָך מער בעלי־חיים. אויך דאָ אָן אַנסוף, אַן אַנצאָל פון געוויקסן און חיות — מינים און אַרטן, פאָרמעס און פורעמס — ממש אַן אַנצאָל פון שכלדיקע, חכמהדיקע צופאַסונגען. האָט דער מענטשלעכער שכל פון אייביק געפרעגט: פאַרוואָס? און צו וואָס? צוואָס אַזאַ שלל פאָרמעס און פורעמס? — תיק״ו. ניטאָ קיין ענטפער. כאָטש אַ שטיקל סדר,

אַ סיסטעם! האָט דער חומש זיך באַמיט אָנצוגעבן אַזאַ סיסטעם (בראשית א׳). האָט אַריסטאָ געגעבן אַ נייע סיסטעם. האָט אין אַכצנטן י״ה קאַרל ליגעי געשאַפן דעם יסוד פון דער ביז איצט אָנגענומענער סיסטעם פון דער גאַנצער געוויקסן־וועלט און פון בעלי־חיים. אָבער אויך ער — ווי אַלע אין זיין צייט — האָט געגלויבט, אַז די געוויקסן־וועלט ווי מיר זעען און ווי מיר קענען זי היינט, איז אַזאַ געווען פון ששת ימי בראשית אָן. אַזויפיל אַרטן און מינים „ווי זיי זיינען אַרויס פון דעם באַשעפערס האַנט״. ערשט שפּעטער, שוין אין ווייטערדיקן י״ה איז עס באַקאַנט געוואָרן, אַז די אַלע געוויקסן און בעלי חיים וואָס לעבן היינט, זיינען גאָרניט די זעלביקע וואָס האָבן באַפעלקערט די ערד אין פריערדיקע תקופות. אַנדערע תקופות און גאָר אַנדערע וועלטן, אַנדערע געוויקסן און חיות זיינען געווען אויף דער וועלט. געווען גאַנצע תקופות ווען אויף דער ערד זיינען ניט געווען קיין זויג־חיות, געדיכטע וועלדער אָבער אָן איין בלום. און וויפל מאָל האָט די אָרגאַנישע וועלט זיך אַזוי געביטן? און פאַרוואָס האָט זי זיך געביטן? און וויפל טויזנטער און מיליאָנען יאָרן אַזוינע תקופות האָבן זיך געהאַלטן?.. ווידער טעאָריעס און טעאָריעס. ביז עס איז אין 1859 אַרויסגעקומען טשאַרלס דאַרווין מיט זיין אידעע: אַחדות פון דער אָרגאַנישער וועלט. פון יענע בראשיתדיקע תקופות ווען עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע געוויקסן אויף דער ערד און שפּעטער — די ערשטע בעלי חיים און ביז היינט ציט זיך איין קייט — אַלץ בעסער, אַלץ פאַרפעקטער, אַלץ מער צוגעפּאַסט, אַלץ קאָמפּליצירטער; אַלע פאָרמעס וואָס זיינען פאַראַן היינט, שטאַמען אַלע פון פאָרמעס פריערדיקע. אַלע טויזנטער און הונדערטער טויזנטער מינים און אַרטן באַשעפענישן זיינען ניט קאַפּריזן פון באַשעפער, ניט סתם אָנגעהויפנט אָן אַ שיר סתם. דער סדר דאַרף זיין אַ שפּיגל פון דער נאַטירלעכער אַנטוויקלונג. די סיסטעם פון די אָרגאַנישע באַשעפענישן דאַרף אָפּשפּיגלען זייער געשיכטע, דעם גאַנג דורך אַזוי פיל געאָלאָגישע תקופות. עס שטייט אין חומש: גאָט האָט באַשאַפן און ער האָט געזען אַז עס איז גוט. אָבער „גוט״ מיינט עס ניט שוין, מיט איין מאָל באַשאַפן און עס איז גוט, מען דאַרף ניט און מען קען ניט בעסער; שוין געענדיקט, אַלץ איז געענדיקט און גאָט — דער באַשעפער קאָן זיך פאַרגינען צו „שבת וינפש״ — פּראַווען שבת. אַ, ניין! עס איז ניט אַזוי. עס איז גוט, „טוב מאד״, ווייל עס קאָן זיין און עס דאַרף זיין בעסער, טוב איז דאָס וואָס קאָן ווערן בעסער. „טוב מאד זה מלאך המות״ זאָגט עפּעס אַן אַלטער ספר זייער קלוג. ניטאָ און עס טאָר ניט זיין קיין פאַרענדיקטער „טוב״, וואָס קען שוין מער ניט ווערן בעסער. עס איז גוט ווייל אַלץ האָט גאָט באַשאַפן אומפּערפעקט, אַלץ קאָן זיך הייבן אויף יעקבס לייטער וואָס שטייט אויף דער ערד — אַלע הייבן זיך אין זייער קאָסמישן גאַנג דורך דער אַנציייטיקער אייביקייט אַלץ העכער און אַלץ בעסער, אַלץ פּערפעקטער און אַלץ העכער אויף

אַט יענעם יעקבס לייטער, וואָס איז שוין גאָרניט קיין חלום — אַלץ פולקומער און אַלץ פּראַקטיקער. ניט מלאכים הייבן זיך אויף דעם לייטער, —אַלע גאָטס באַשעפענישן הייבן זיך. ווער העכער, ווער ניט אַזוי הויך, אָבער — „אלה תולדות השמים ולארץ בהבראם" — אין פּראָצעס פון אייביקן אַנסופיקן שאַפן. אַט די אידעע פון „אחדות הוועלט" האָט געשטעקט אין דעם „טרוקענעם" בוך פון טרו־קענעם געלערנטן טשאַרלס דאַרווין פון סוף 1859.

## יעקבס לייטער

די גאַנצע פילגעשטאַלטיקייט און אַנצאָליקייט פון גאָטס באַשעפענישן זיינען ניט מער ווי פאַרשיידענע שטאַפּלען אויף אַט דעם אייביקן לייטער. מיר — די מענטשן — אַליין ניט מער ווי באַשעפענישן, מיר שטייען אויך אויף אַט דעם לייטער, מיר קאָנען ניט זען דעם גאַנצן לייטער פון די נידעריקסטע שטאַפּלען ביז די העכסטע; וואָס איז דאָס לעבן פון אַ מענטשן ? אויב ניט קיין רגע אין פאַר־גלייך מיט יאָרן ? און דער גאַנצער מענטשהייט־זכרון איז דאָך ווידער נאָר אַ פּינטל מיט אָן אויג לגבי דער אייביקייט אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף. מיר זעען ניט מיט אונדזער מענטשלעכן באַנעם אַט דאָס אייביקע הייבן זיך פון דער אחדות הוועלט, פון אַלע אָרגאַניזמען. עס האָט געדויערט היפשע טויזנטער יאָרן ביז דאָס ביסל עץ הדעת האָט אונטערגעזאָגט דעם מענטשן אַט דעם סוד האחדות פון דער נאַטור.

איז דאַרווין אַליין געווען אַ פרומער קריסט, אָבער אַלע קליינקעפּלדיקע, קורצשכלדיקע מאַכטהאָבער, אַלע פאַרשטייער פון די צוואַנג־רעליגיעס האָבן זיך דערשראָקן פאַר אַט דער „אַפּיקורסעס". מער ניט וואָס דאַרווין איז געקומען אַ ביסל צו שפּעט, די אינקוויזיציע זאָל אים קאָנען אויספּרעגלען פאַר זייער גאָט און פאַר זייער מאַכט... נאָך היינט קאָנען די קלויסטער־פרומע ניט באַגרייפן ווי ווייט זיי אַליין זיינען פון דער אמתער גאָט־פרומקייט, פון יענער יידישער גאָט־פרומ־קייט, וואָס „מלא כל הארץ כבודו".

„...און זיי גייען אַזוי ווייטער און ווייטער און אויף דעם גאַנצן וועג זעט ער ניט קיין בענקל... דאָ זיצט מען ניט, מען גייט נאָר אַלץ ווייטער... (פּרק „צווישן צוויי בערג") ניטאָ קיין רו, קיין אָפּשטעל אין דער נאַטור, אין דעם קאָסמאָס, ניטאָ קיין אָפּשטעל אין דער אָרגאַנישער וועלט; אַלץ און אַלע הייבן זיך כסדר און אָן אויפהער .. אַלץ אַרויף, אַרויף צום „אבן שיש טהור", צו אים, צו אים, צום כסא הכבוד ווי עס וויל ר' שלמה אין פּרצעס „גאָלדענע קייט", אָדער אפשר גאָר פאַרקערט, אַלץ אַראָפּ, אַראָפּ צו דער שאול התחתיה; אפשר זיינען די פּאַרציי־

טיקע, די ערשטע הייל־מענטשן געווען ערלעכער, אַנשטענדיקער, פייִנער און מענטשישער, איידער מיר הייַנט ? אפשר ? גאַנץ מעגלעך... אַט טראַגן זיך אַרום מענטשן אויף דער לבנה און אַרום דער לבנה, מענטשן — שטערן־פּליער, — און מיליאַנען מענטשן אויף דער ווייטער ערד הערן און זעען זיי, און מיליאַנען מענטשן הערן ווי זיי רעציטירן דאָרט פּסוקים פון חומש, און די קלאַנגען דער־גייען צו אונדז פון דעם אַגלופּטיקן חלל. און עס איז ניט קיין „קול ה׳ שובר ארזים״, עס איז אַ פּשוטע שטים פון אַ פּשוטן מענטשן. און די קלאַנגען קומען צו אונדז פון די ווייטסטע ווייטן און פון די העכסטע הייכן... אָבער, נו, און דער מענטש אַליין ? ווער הערשט ביי אים — דער קלוגער שלמה אָדער דער בייזער אַשמדאי ? — ווער וועמען וועט אין מענטשן גובר זיין ? דער שטן, די שלאַנג, אָדער דאָס געטלעכע אין מענטשן, דער יצר טוב אָדער דער יצר הרע ? — תיק״ו, ניטאָ קיין ענטפער, שווער צו האָפן אויפן גוטס. די בייזע שלאַנג האָט זיך געמאַכט פאַר אַ שותף צום עץ הדעת און דער שטן האָט זיך פאַרבונדן מיט נוחן. גיי ווייס.

פרעגט עס יוחנן מלמד (אָדער פּרץ אַליין) : זייַנען מיר געגליכן צו אַ וואַ־סער וואָס קומט פון אַ רייַנעם קוואַל און אויפן וועג נעמט עס זיך אָן מיט שמוץ, אָדער פאַרקערט, זייַנען מיר געגליכן צו אַ וואַסער וואָס קומט פון אַ מושב, פאַר־שמוצט און אויפן וועג פאַלט די שמוץ אַרויס און דאָס וואַסער בלייבט ריין ? (פּרץ „וואָס אַמאָל ווייניקער״). דאָס איז בנוגע צום מענטשן און זיין מאָראַל. דאָ האָט דער מענטש טיילווייז אַ בחירה. אָבער די וועלט בכלל לעבט מיט איר אייַנ־געשטעלטן גאַנג. און אין דעם גראַדן גאַנג הייבט זי זיך, ווי געזאָגט, אויף יעקבס לייטער אַרויף.

## וווהין ?

אָבער וווהין ציט די וועלט, וווהין שטרעבט זי ? וואָס הייבט זי אין איר וועג ? וואָס איז דער ציל פון קאָסמאָס ? וואָס איז די סיבה, דער כוח וואָס טרייבט די וועלט אַרויף ? ענטפערט דער פרומער קריסט : „כל דאלים גבר״; עס איז אַ קאָנקורענץ צווישן אַלע אָרגאַניזמען — יעדער אָרגאַניזם פאַרמערט זיך און ער וויל פאַרכאַפּן די גאַנצע ערד, גייט די קאָנקורענץ, און די שטאַרקערע, די מער צו־געפּאַסטע לעבן איבער די שוואַכערע, די קנאַפּ־צוגעפּאַסטע. דאָס איז דער ענטפער פון דאַרווינען... וויפל עס איז אין דער הייַנטיקער וויסנשאַפט געבליבן פון בראשיתדיקן אָריגינעלן דאַרוויניזם איז דאָ ניט וויכטיק, — וויכטיק איז דער פּרינציפּ פון כל דאלים...

די זעלביקע פראַגע איז געשטאַנען פאַר דעם יידישן דענקער — הרב קוק. האָט ער געגלויבט, אַז די גאַנצע וועלט, דער קאָסמאָס אינגאַנצן איז באַהערשט פון אַן אַלגעמיינעם דראַנג, פון אַ „רצון עולמי" — פון אַזאַ קאָסמישן דראַנג צו „העלת העולם" — צו אַן אַלוועלטלעכער דערהייבונג. פאַראַן קעגנזייטיקע צוצי, פאַראַן דראַנג צו דערהאַלטן דעם קיום און עס איז אויך פאַראַן דער דראַנג צו דער־הייבונג. צוויי פעלקער און צוויי וועלטן. האָט „צדקה ומשפט" געבראַכט אברהם, האָט משה געבראַכט סאָציאַלע מאָראַלישע געזעצן איינגעקריצט אין שטיין פון די לוחות. הארט איז דער שטיין, שווער איז איינקריצן געזעצן אין שטיין. נאָך שווע־רער איז אָבער איינקריצן די מאָראַלישע געזעצן אין ווייכע הערצער פון דורות. רייסט זיך ר' שלמה אין פרצס „גאָלדענע קייט", צו אים, צו אים, צום כסא הכבוד, צו געטלעכקייט. ער ציט זיך און וויל מיטציען מיט זיך אויך אַנדערע, אַלע יידן. ער וויל האָבן יידן שבת־יום־טובדיקע, דערהויבענע יידן, אויסגעטאָענע פון דער וואָכעדיקייט. און די וועלט ? — „חרוב זאָל ווערן די וועלט". זעט אין דער וועלט דער ירושלימער גאון אין גאַנצן קאָסמאָס אַ דראַנג, אַ רצון עולמי צו אַן אַלגעמיי־נער דערהייבונג, „לתקן עולם במלכות שדי", ווי עס הילכט אַן עלטערע יידישע תפילה. צוויי רעליגיעזע מענטשן, צוויי פרומע מענטשן, צוויי גאונים און צוויי ווייטע ריכטונגען: ביי איינעם אַ קאָנקורענץ ווער עס איז שטאַרקער, און ביים צווייטן — אַ קאָסמישער דראַנג צו בעסערקייט, צו געטלעכקייט אויף דער וועלט. איינער איז געווען אַן איראָפּעער און דער צווייטער — אַ ייד. עס זיינען צוויי פעלקער־אידעאַלן . . . „און גערעכטיקייט וועט זיין דער אַגורט פון זיינע לענדן, און אַ וואָלף וועט וווינען מיט אַ שעפּעלע... ווייל מען וועט ניט טאָן קיין שלעכטס און מען וועט ניט פאַרדאַרבן", ווייל „צדק, צדק תרדוף", ווייל „צדק ומשפט מכון כסאך"... און אַנטקעגן דעם „דער שטאַרקערער וועט באַהערשן די וועלט". צוויי דראַנגען — וויסנגיריקייט און מאַכטגיריקייט; זיינעןביידע דראַנגען פון עץ הדעת געקומען. אָבער איינער איז געטלעך, דער צווייטער איז שלאַנגיש.

שטרעבט דער יידישער גייסט צו פאַרגעטלעכן דעם מענטשן, אַלע מענטשן, די גאַנצע מענטשהייט, צו געטלעכקייט אויף דער מענטשלעכער ערד, אין מענטש־לעכן לעבן, אַזש פון דעם „השופט כל הארץ לא יעשה משפט ? !" און אַזוי ביז דער מוסר־באַוועגונג אין ניינצנטן י"ה. אַלץ „צו אים, צו אים, צום כסא הכבוד !..."

שטרעבט דער ניט־יידישער גייסט אַלץ פ א ר דעם מענטשן און מיט דעם מענטשן גופא. און אויך דעם גאָט האָט דער ניט־יידישער גייסט פאַרמענטש־לעכט אויף דעם אַלטן געצנדינערישן שטייגער. זיינען דאָס צוויי וועלטן: „העלת העולם" און „כל דאלים גבר". ווער וועט גובר זיין ? — תיק"ו — ניטאָ קיין ענטפער.

א. גאָלאָמב

# גרעניצן פֿון וויסן

מיט עטלעכע און זיבעציק יאָר צוריק, צום סוף פֿון נײַנצנטן י״ה האָט עס אַ דענקער אויף אַ צוזאַמענפּאָר פֿון געלערנטע אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק אין אַ לאַטייניש זאַץ: „נאָן איגנאָראַמוס, סעד איגנאָראַבימוס״. דער טײַטש — „ניט מיר ווייסן ניט, נאָר מיר וועלן ניט וויסן״, לעולם ועד איז פֿאַר דעם מענטשן פֿאַרשלאָסן אַ שלל מיט סודות, וואָס ער וועט קיינמאָל ניט קענען דערוויסן זיך. צו קורץ איז דעם מענטשנס לעבן, צו קורץ איז דער אַלגעמיין־מענטשלעכער, געשיכטלעכער זכרון בכלל, ער זאָל זיך קאָנען אַרײַנטראַכטן און באַגרײַפֿן פּראָצעסן וואָס ציִען זיך מיליאַרדן יאָרן אויף מרחקים פֿון מיליאָנען ליכט־יאָרן. איז יענער פּעסימיזם געווען באַרעכטיקט? — יאָ און ניט. פֿון יענער צײַט אָן האָט זיך דער מענטש דערוווּסט גאָר אַ סך. איז די גאַנצע אַטאָמישע וויסנשאַפֿט אַ קינד פֿון צוואַנציקסטן י״ה. טויזנטער יאָרן האָט דער מענטש מקנא געווען די פֿייגל וואָס זיי קאָנען פֿליִען און ער ניט. וואָסער אָדלער קאָן זיך אָבער הײַנט פֿאַרמעסטן מיט דעם מענטשנס עראָפּלאַנען הײַנט? אַן אייביקייט האָבן יידן מחדש געווען די לבנה און געווען זיכער אַז „איני יכול לנגוע בך״ (אָנרירן דיך קען איך ניט) און איצט האָבן מענטשן שפּאַצירט שעהן אויף דער לבנה, געבראַכט מוסטערן שטיינער פֿון איר. אין פֿרי־ערדיקן י״ה האָט דער מענטש באַוווּנדערט און באַזונגען די ווונדער פֿון דער אײַזנבאַן, — אין דעם הײַנטיקן י״ה איז שוין די באַן פֿאַרעלטערט. איז די אַחדות הבריאה — די איינהייט און פֿאַרבונדנקייט פֿון דער גאַנצער אָרגאַנישער וועלט באַקאַנט געוואָרן אין דעם 19־טן י״ה, איז אין 20־טן י״ה אויפֿגעקלערט געוואָרן די אַחדות החומר — די פֿילצאָליקייט פֿון שטאָפֿן איז אויך ניט מער ווי טעות. עס ווענדט זיך ווי דער אַטאָם איז געבויט פֿון זײַנע עלעמענטן. און דער עצם „אַטאָם״? וואָס באַטײַט דאָס וואָרט אַ—טאָם? דאָס וואָרט מיינט „ניטטיילעוודיק״ — אויף טיילן. איז דער אַטאָם יאָ טיילעוודיק! האָט די מענטשהייט געגלויבט אַז מאַטעריע און ענערגיע זײַנען צוויי באַזונדערע יסודות אין דער נאַטור, איז דאָס אויך אָפּגעלייקנט געוואָרן אין הײַנטיקן י״ה. אַ סך נײַעסן האָט דער מענטש זיך דערוווּסט, אַ סך ניסתרות זײַנען אַנטפּלעקט געוואָרן. און דאָך, דאָך איז דאָס וויסן פֿון מענטשן יאָ באַגרענעצט. די עצם חושים צו באַנעמען די וועלט זײַנען דעם מענטשן געגעבן געוואָרן ווי אַנדערע חיות, כּדי צו קאָנען זוכן שפּייז. די וואָס דאַרפֿן זייער שפּייז ניט זוכן, די האָבן ניט געקראָגן קיין פֿיס צום באַוועגן זיך און ניט קיין חושים צו דערשפּירן די אַרומיקע סביבה (געוויקסן און עטלעכע מינים חיות אין וואַסער). גיבן אָבער די חושים אַן אמתדיק בילד פֿון דעם אַרום? קאָנען די חושים דערגרייכן עטוואָס ווײַטער פֿון דער דירעקטער סביבה? ניט דאָס און

ניט יענץ. האָט עס געלערנט קאַנט אַז ווי די זאַכן זיינען פאַר זיך ווייסן מיר ניט און מיר קאָנען ניט וויסן. מיר קאָנען נאָר באַנעמען די אָנרעגונגען וואָס די זאַכן רעגן אָן די חושים. און די אָנרעגונגען זיינען לגמרי ניט אַדעקוואַט מיט די זאַכן גופא, פאַר זיך. מיר זעען די זון, ווייל מיט די אויגן, ווען מיט די אויערן, וואָלטן מיר גאָר „געהערט" די זון. וויל איך דאָ צוגעבן צוויי געדאַנקען: ערשטנס, איז מיר אויסגעקומען צו הערן קאַנטס טעאָריע פון אַ פרומען יידן אין אַ רעליגיעזער פאָרעם. און איך האָב פאַרגעדענקט די פאָרמולירונג: „מיר די ברואים זיינען משיג די בריאה ניט מצד הבריאה עצמה, נאָר מער ניט ווי מצד ההכרה, אָבער דער בורא כביכול — ער איז דאָך משיג די בריאה ניט מצד ההכרה, נאָר טאַקע מצד הבריאה עצמה" (בריאה — באַשאַף, משיג זיין — באַגרייפן, באַנעמען. הכרה — דערקענטעניש... דאָ זיינען אויך די זעלביקע צוויי ריכטונגען ווי מיר האָבן דאָס געזען אין פריערדיקן קאַפיטל.)

## קאַנט און דער בעל התניא — צוויי וועגן צו איין געדאַנק

איך האָב אַמאָל, מיט גאָר אַ סך יאָרן צוריק געלייענט, אַז ווען יוליוס קייסער האָט געפירט זיינע אַרמייען דורך די בערג, האָט ער געשריבן בלויז וועגן די שווער־ריקייטן, וואָס זיי פאַרשאַפן אים. וועגן די בערג גופא, וועגן זייער מאַכטיקייט — ניט קיין וואָרט. דער מענטש איז דער ציל און זינען פון באַשאַף; זיינע באַקוועמ־קייטן און זיינע צרות. און ביי מענטשן, פון מענטשן איז דאָס רוימישע פאָלק דער עיקר, אַלע אַנדערע זיינען באַרבאַרן. און פון די רוימער איז ער — דער קייסער, דער הערשער איבער זיי; ער הייסט און זיי מוזן טאָן זיין רצון. אָט פירט ער זיי אַוועקצוגעבן זייער לעבן פאַר זיינע צילן, זיינע פּלענער. כדי צו פאַרשטאַרקן, פאַרגרעסערן די הערשאַפט פון זיין רוים. און רוים — דאָס איז דאָך ער — קייסער!

בערך אין יענע צייטן, ניט דווקא אין זעלביקן יאָר, נאָר בערך, האָט אַ יידי־שער מענטש — אפשר דוד, און אפשר גאָר אַן אַנדערער, וואָס האָט זיך באַהאַלטן הינטער דודס נאָמען, געשריבן אַ פּאָעמע „ברכי נפשי". די בעצם גאַנצע מאָנאָטאָנע נאַטור פון יהודה האָט ביי אים אַרויסגערופן אַ ים מיט געפילן און געדאַנקען וועגן וועלט און וועגן קאָסמאָס — הימל און ערד, וואָלקנס און ווינטן, טייכן און ימים, געוויקסן און חיות. און אַלץ איז איינגעשטעלט, פעסט, אַלץ דערנערט זיך און אַלץ איז האַרמאָניש איינגעפירט. און אומעטום זעט ער גאָטס האַנט, „דער וואָס קוקט אָן די ערד, און זי ציטערט, וואָס רירט אָן די בערג, און זיי רייכערן". און דערפאַר זאָגט ער ווייטער: „איך וועל זינגען צו גאָט, כל זמן איך לעב, איך וועל שפּילן פאַר גאָט ווי לאַנג איך בין. זאָל אים געזיסט זיין מיין רעדן, איך פריי

זיך מיט גאָט (תהלים קד׳ יהואש). זיינען דאָס צוויי וועלטן, צוויי ווייטע גייסטער — דער באַרימטער רוימישער פירער און קייסער און דער אַנאָנימער יידישער זינגער. איינער זעט דעם מענטשן און צווישן מענטשן — זיך. דער צווייטער זעט און באַטראַכט די וועלט, די האַרמאָניע און דעם „אחד״ אין איר און ער זעט דעם מענטשן ווי איין קליינעם טייל פון דעם גאַנצן באַשאַף און ער צעגיסט זיך אין לויב צו דעם באַשעפער פון דער וועלט. מענטש ביי איינעם, גאָט — ביים צווייטן. מענטש און מענטשן זיינען אַ סך; מענטשן — אַ סך און שטרעבונגען — אַ סך און געטער — אַ סך און מענטשן מיט זייערע געטער זוכן צו באַהערשן די וועלט.

דער גאַנצער באַשאַף איז איין גאַנצקייט, איין איינס, איין האַרמאָנישער אחד; און מענטשן — נאָר איין טייל פון אָט דער גאַנצער האַרמאָניע, — און איך וועל זינגען און לויבן אָט דעם האַרמאָנישן אחד — גאָט!

זיינען דאָס צוויי וועלטן — אויך קאַנט מיט זיינע „דינגע אַן זיך״ און דער בעל התניא מיט „גאָט וואָס איז מכיר די בריאה און ווי דער מענטש איז מכיר די זעלביקע בריאה נאָר מער ניט ווי מצד ההכרה״.

און צווייטנס דאַרף מען דאָ צוגעבן, אַז דער מענטש באַמיט זיך צו פּערפעקציאָנירן זיינע חושים: ער קען ניט דערהערן פון ווייטן, קומט דער טעלעפאָן, און מען קען שוין הערן פון איין עק וועלט אין דעם צווייטן, פון דער ערד צו דער לבנה. האָבן שוין מיליאָנען מענטשן זיך צוגעקוקט און געזען און געהערט ווי מענטשן זיינען אַרומגעגאַנגען אויף דער לבנה און געהערט מיט פשוטע מענטשלעכע אויערן ווי זיי האָבן דאָרטן גערעדט. שוואַך זיינען דעם מענטשנס הענט, שפּאַנט ער איין מיליאָנען פערד־קראַפט צו טאָן זיין רצון. שוואַך זיינען דעם מענטשנס פיס, פליט ער דאָך גיכער פון קלאַנג. ווי עס שטייט טאַקע „עושה מלאכיו רוחות, משרתיו — אש לוהט״ מעג זיך דער מענטש באַרימען מיט געטלעכע באַרימערייען. נאָך מער — ער דאַרף ניט וואַרטן אויף די ווינטן, ער מאַכט זיי אַליין זיינע שילוחים, זיינע באַדינערס, ווען ער דאַרף זיי און ווען ער וויל זיי.

איז דער פעסימיסטישער „איגנאָראַבימוס״ פון עטלעכע און זיבעציק יאָר צוריק ניט באַרעכטיקט. אויב אויגן און אויערן קאָנען דערגרייכן דעם אַנסוף פון מרחקים, דעם אַנצאָל פון וועלטן, געפינען דעם „אחד״ פון באַשאַף, וועט דער מענטש אויך קאָנען דעריאָגן דעם אַנסוף פון צייטן. און דאָך איז יענער פעסימיזם יאָ באַרעכטיקט! אָבער דווקא פון אַן אַנדער זייט: ניט וועגן וויסן גייט די פראַגע, נאָר וועגן ווהין, צו וואָס דאָס וויסן? צו וואָס שטרעבט דער מענטש מיט זיין וויסן? „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״ — דער מענטש איז שלעכט, איז בייז. קאָן זיין דאָס גאַנצע וויסן וואָס ער ווייס און וואָס ער וועט וויסן — דאָס גופא איז אַ צרה, אַן אומגליק. דער מענטש אַליין אַן דעם וויסן איז אַ באַשעפעניש, אָבער

ווערט דער מענטש אויך אַ שעפער, דעמאָלט קאָן ער דאָך זיין אַליין דער מלאך המוות פון דער וועלט, פון דער מענטשהייט קודם כל. איז דאָך אין דער פּרוכט פון עץ הדעת געוועזן אויך די שותפות פון דער שלאַנג, קאָן דאָך דער עץ הדעת ברענגען צו אַ צווייטן לייטער אַ פאַרקערטן לייטער — ניט אַרויף צום הימל און העכער פון אַלע הימלען, נאָר אויך פאַרקערט — אַ לייטער אויף אַראָפּ, צו דער שאול תחתיה, צו אַלע רשעותן און צום חורבן פון דער וועלט. קאָן דער עץ הדעת ברענגען צו נאָך אַן אַנסוף, נאָך איינעם צו די וואָס אויסגערעכנט פריער — צו גאָטס אַנסופן. קאָן דאָך קומען צו אַן אַנסוף פון וויסן און ער קאָן ברענגען מיט זיך אַן אַנסוף פון גוטס אויף דער וועלט. אָבער ער קאָן אויך ברענגען אַן אַנסוף פון שלעכטס, פון רשעות, פון חורבנות „כי יצר לב האדם רע מנעוריו". אָט פאַרוואָס גאָט האָט ניט געטרויט דעם מענטשן צו געניסן פון עץ הדעת: ווי קאָן מען דעם מענטשן געטרויען מיט אַזאַ שלעכטס האַרץ ?... וויסן מיט אַ האַרץ קאָן זיין אַ ברכה, וויסן מיט אַ שלעכטס האַרץ איז אַ קללה. זאָגט עס אַ גמרא וועגן דער תורה „זכה — איז מען זוכה, ווערט דאָס וויסן אַ סם חיים, לא זכה — ווען די מענטשן זיינען בייז, „נעשה לו סם המוות".

אין גאָטס וועלט איז פאַראַן אַ דראַנג אַרויף, אין מענטשנס וועלט איז פאַראַן אַ יצר טוב און אַ יצר הרע; ווער וועט אויספירן ? ווער וועט גיכער און בעסער איינשפּאַנען די וויסנשאַפט אין זיינע פּלענער ?

קערן מיר זיך אום צום תיק"ו — ניט צו וויסן.

## „רצון עולמי"

קאָן מען גאָר ריידן וועגן אַזאַ מין קאָסמישן רצון ? זיינען מיר דאָך געוווינט צו אונדזערע מענטשלעכע באַגריפן אַז רצון — ווילן איז פאַרבונדן מיט וויסן, איך פאַרלאַנג עפּעס, ווייס איך פון פריער וואָס איך פאַרלאַנג, וואָס איך וויל; כדי עפּעס צו ווען, עפּעס פאַרלאַנגען, צו שטרעבן צו עפּעס, דאַרף איך פריער האָבן אַ פאַר־שטעלונג פון דעם וואָס איך וויל. טאָ ווי זשע קאָן מען ריידן וועגן אַ קאָסמישן ווילן און קאָסמישע פאַרלאַנגען ? שמעקט עס ניט מיט מיסטיק ? מיט צושרייבן דער וועלט זאַכן פון אונדזערע מענטשלעכע באַגריפן ? ניין, לגמרי ניט. ווילן איז לחלוטין ניט פאַרבונדן מיט וויסן. דער ווילן קומט פריער פאַרן וויסן. וויל אַ קליין עופהלע עסן איידער עס ווייס וואָס עס וויל, וויל עס אַ קינד צו זיין מאַמען אויף די הענט, איידער עס הייבט אָן צו וויסן וואָס עס וויל. אַרבעטן בינען גאַנצע טעג, בויען נעסטן, זאַמלען שפּייז פאַר דורות וואָס וועלן קומען און זיי ווייסן זיכער ניט וואָס זיי טוען און צוליב וואָס זיי טוען. זייער ווילן איז ניט אָפּהענגיק לגמרי פון

וויסן. ווייסן דען דיביימער אין אַ סאַסנע־וואַלד פאַרוואָס און צו וואָס זיי באַ־שיטן אַלע יאָר כמעט אין דער זעלביקער פרילינג־צייט דעם גאַנצן אַרום מיט געלן בלומען־שטויב ? צי באַנעמען די ביימער דעם ציל אַז דער קלענסטער סכום פון אָט דעם שטויב זאָל מיט דעם ווינט פאַרטראָגן ווערן צו די פעסטלען פון אַנ־דערע ביימער זיי צו באַפרוכפערן ? ווייסן די חיות די קאָסמישע צילן, דעם גאַנצן קאָסמישן זינען פון דעם סעקס־דראַנג, וואָס יאָגט זיי ניט ווייניקער ווי הונגער ? און דער בחיר היצורים אַליין, דער "האָמאָ סאַפּיענס" בכבודו ובעצמו — קאָן ער וויסן און באַגרייפן דעם גאַנצן קאָסימישן זינען פון חיהש־געטלעכן שפּיל פון סעקס ביי אים ?

ווילן אין דער נאַטור מיינט ניט פאַרלאַנגען אַ באַשטימטע זאַך, וואָס איך ווייס וועגן דעם — ווילן מיינט טאָן, אַרבעטן צו דערגרייכן עפּעס צי איך ווייס יאָ, צי ניט וואָס און צו וואָס איך טו עס. ווילן איז אַ קאָסמישער פּראָצעס, אַ דראַנג וואָס פונקציאָנירט אין אַלע באַשעפענישן צוליב אַ גרויסן קאָסמישן ציל. אין די באַשעפענישן איז אַריינגעגעבן אין יעדערן אַ טייל פון אָט דעם "רצון עולמי", דער רצון פּרטי איז אַ טייל פון דעם קאָסמישן רצון הכלל. וואָס איז אָבער דער קאָסמי־שער ווילן ? הרב קוקס רצון עולמי ? איז דער רצון — דער ווילן, דער דראַנג, דאָס שטרעבן צו עפּעס לגמרי ניט קיין תולדה פון וויסן, פון דורכגעטראַכטן פאַר־לאַנגען. דער דראַנג — דער רצון איז אויך ביים מענטשן פריער פון וויסן, דער רצון געפינט זיינע דערקלערונגען; דער רצון איז איינגעבאָרן ביי אַלעמען פון אַן אינפוזאריע ביז דעם מענטשן. ערשטער דראַנג — דערהאַלטן דעם קיום פון זיך, פון יחיד, צווייטער דראַנג — דערהאַלטן דעם קיום פון אַרט — משפחה, געזעל־שאַפט און פאָלק.

רצון אין דער נאַטור איז דער כוח וואָס טרייבט אַלעמען אויף יעקבס לייי־טער. ניט אומזיסט האָט דער יידישער גאון ר' שלמה איבן גבירול אידענטיפיצירט דעם רצון מיט גאָט. ("מקור חיים", אויך דער "כוזרי"). אויף וויפל דער מענטש־לעכער שכל קאָן באַגרייפן, איז דאָס "פּרו ורבו ומלאו את הארץ". דאָס האָט גאָט אָנגעזאָגט אַלע זיינע באַשעפענישן. די שענסטע, די קליגסטע מיידל, אַ וועלט האָט זי געברענט מיט אירע חנען, בחורים זיינען אין די צענדליקער צו אירע פיס געפאַלן. און אָט איז איר צייט אַריבער, זי טויג מער ניט צו דעם קאָסמישן ציל פון פּרו ורבו, פאַלט ביי איר אַוועק איר גאַנצער רייץ; זי איז אַלט און קראַנק, קוים וואָס זי האַלט זיך. וויל די נאַטור מער ניט זאָרגן פאַר די וואָס טויגן מער ניט פאַר אירע צילן.

וויל דער מענטש, דער האָמאָ סאַפּיענס געפינען אַ ציל און אַ זינען פאַר זיינע "עלטערע בירגער" — אַדרבא, זאָל ער. אויף אַזוי פיל איז זי ניט צו שטרענג

— די נאַטור, זי זאָל עס ניט לאָזן. מילא, לעבט אייך אַלטיטשקע, כל זמן אייערע דאָקטוירים קאָנען אייך אויפהאַלטן ביים לעבן...

וואָס איז אָבער דער זינען פון דער פרו ורבו ? צו וואָס די גאַנצע אויס־ברענגעריי פון אַלע באַשעפעניש ? אַזוי פיל זאָמען ביי יעדער געוויקס, אַזוי פיל רויגן ביי אַ פיש; ביי אַ פראָש ! יעדער איינציקער געוויקס וואָלט מיט זיינע זאָמען געקאָנט אין עטלעכע יאָר אָנפילן די גאַנצע ערד; יעדער פיש — אַלע ימים. שפּאַ־רעוודיקער איז די נאַטור ביי די חיות וואָס זאָרגן פאַר זייערע קינדער. וויפל נאָר אַ מאַמע קאָן באַזאָרגן. וואָס מער זאָרג, אַלץ קלענער די צאָל קינדער. אָט איז דער זינען פון דער גאַנצער מוטער־ליבע, עלטערן־ליבע. די בעסטע ברכה — „בנים ובני בנים". טראַגישער אומעט יאָגט פון דער קללה „ואנוכי הולך ערירי". אָבער צו וואָס ? וואָס איז דער קאָסמישער ציל, וואָס האָט איינגעטיילט שטיקלעך זאָרג צו איטלעכן באַשאַפענעם ? אַלע און איטלעכער זאָרגן אויפצושטעלן דורות". — וואָס פרעגט איר פאַר ווען איך מאַטער זיך ? פאַר ווען איך האַרעווע ? פאַר ווייב און קינדער האַרעווע איך דאָך ! וואָס פאַרשטייט איר ניט ?.. דאָס איז דער „רצון פרטי" — דער פריוואַטער זינען פון יעדן יחיד : מען לעבט כדי צו פאַר־מערן זיך; מען לעבט און מען האַוועט כדי אויפצושטעלן דורות. אָבער דער רצון פרטי איז דאָך נאָר אַ ברוכטייל פון דעם „רצון עולמי", פון דעם אַלגעמיינעם קאָס־מישן ציל און דראַנג. וואָס זשע וויל דאָ דער כלל ? נאָך וואָס און צו וואָס יאָגט זיך דער קאָסמאָס דורך זיין אָנצאָל פון צייטן ? זאָל דאָס טאַקע זיין דאַרווינס אייביקער געראַנגל אין דער נאַטור פאַר פערפעקציע, ווער ווען ? ווער איז פלינקער, קלוגער, פעאיקער. קאַמף און געראַנגל פאַרן קיום פון יחיד, קאַמף און געראַנגל פאַרן קיום פון מין. איז דאָס אויך די זאָרג פון מענטשן ? פון גרופּעס ? פון פעלקער ? ווער מיט כוח, מיט געווער. אלה ברכב ואלה בסוסים. און יידן פלעגן אַמאָל בעטן ביי גאָט און שטרעבן אַ גאַנץ לעבן, און זיך בענטשן מיט „בנים עוסקים בתורה, טאַטעניו !" אַז ניטאָ קיין אַנדערע מיטלען צו קיום האומה איז דאָס געווען דער מיטל אין משך פון דורות און יאָרהונדערטער. און אפשר אויך ווייטער.

ווען איך פלעג זען אין מיקראָסקאָפּ אין אַ קליין טראָפּנדל וואַסער ווי אַ לעבעדיקע איינקעמערלדיקע אינפוזאָריע שפּאַלט זיך אויף צוויי זיך צו פאַר־מערן, ווען איך פלעג אין אַ פרילינג זען אַ סאָסנע־וואַלד באַשיט די גאַנצע ערד מיט זיין געלן באַפרוכטונג שטויב, ווי אַ מחנה זשומענדיקע בינען שוועבט איבער אַ בלומען־פעלד צו זויגן זאַפט, וואָס די בלומען באַצאָלן מיט דעם פאַרן באַפרוכטן; ווען איך קוק זיך צו ווי אַ געוויינלעכער בעבל שפּראָצט אַרויס פון דער ערד, ווי אַן ערדניס, (פיסטאַשקע) פאַרזייט אַליין זיינע פרוכט אין דער ערד; ווען איך קוק זיך צו אַ סך אַזוינע דערשיינונגען, דערמאָנט זיך אַ מאמר, אַז יעדער גרעזל האָט

אַ מלאך וואָס יאָגט עס און שרייט צו אים „וואַקס!"; ווען איך לערן ווי פיש טראָגן זיך פון ווייטע ימען אין טייכן אַריין, שווימען קעגן שטראָם כדי צו לייגן זייערע רויגן ערגעץ אין אַ שטילן ווינקל; ווען איך זע אַ הון זיצט אויף אירע אייער, ווי שוואַלבן בויען נעסטן; ווי אַ זשומענדיקע וועספּע פלעגט בויען איר נעסט אויף דער וואַנט פון מיין געצעלט, לייגן דאָרטן איר אייעלע, באַזאָרגן דאָס שלייערל וואָס וועט פון דעם אייעלע אַרויס, מיט לעבעדיקער (אָבער פּאַראַ־ליזירער) שפּייז; ווי אַ יונגע פרוי פרייט זיך מיט איר קינד, ווי זי איז זיך מוסר נפש פאַר דעם... ווען איך באַנעם עס אַלץ, דעמאָלט זע איך דעם רצון עולמי דורך זיינע דעטאַלן, דורך פאַרשיידענע געשטאַלטן פון „רצון פּרטי", דאָס איז איינע פון די געשטאַלטן פון דעם אייביקן און אומעטומיקן „אחד".

## דער מענטש און זיין שכל

געווען אַ צייט ווען מען האָט אין אייראָפּע געשריבן שכל — ראַציאָ — מיט אַ גרויסהאַנטיקן אות צום אָנהייב. מען האָט געוואָלט קרוינען דעם שכל פאַר אַ גאָט... דער ראַציאָ, דער שכל הערשט איבער דעם מענטשן. ניט גאָט, דער שכל פאַרנעמט זיין אָרט... ניט לאַנג האָט זיך געהאַלטן די „רעליגיע" פון שכל. סוף כל סוף איז דער מענטש ניט מער ווי איין באַשעפעניש פון מיליאָנען אָרגאַניזמען. זיין לעבן גייט לויט די זעלביקע אַלגעמיינע פּרינציפּן, געזעצן. שכל — פאַר־שטאַנד האָבן אַלע העכערע באַשעפענישן. אמת, דער מענטש קאָן אַרויסזאָגן זיינע געדאַנקען, די פּראָדוקטן פון זיין שכל. קאָן דאָס זיין אַ פראַגע פון כמות, פון מדרגה, אָבער דער מהות איז דער זעלביקער. די ערד איז פול מיט לעבן, די ימים, די יבשה, אַלץ איז פול מיט לעבן און אַלץ לעבט לויט איינגעשטעלטע פּרינציפּן, לויט פעסטע איינגעוואָרצלטע אינסטינקטן — דער מענטש אויך אַזוי ווי אַלע אַנ־דערע. ער קאָן נאָר מאָדיפיצירן, אינדיווידואַליזירן; די רעלסן אָבער פון זיין אינדי־ווידועלן אויפפיר בלייבן פאַרט די איינגעשטעלטע אינסטינקטן. אַלץ שטרעבט צו דער אַלגעמיינער פּערפעקציע, די גאַנצע נאַטור. דער מענטש קאָן זיך ניט אויסשפּאַנען פון דעם. ווייס דער מענטש, דער בעל שכל, דער „האָמאָ סאַפּינעס" פון דעם קאָסמישן פּראָצעס צו פּערפעקציע ניט מער ווי די פליג, ווי דער אייזל. ווייס דער מענטש פון די פּראָצעסן וואָס קומען פאָר ביי אים אין קערפּער? ווייס דער מענטש פון קאָסמישן זינען, וואָס טרייבט אים צו משפחה־לעבן? ניט מער פון דער קאַץ, ניט מער וויפל עס ווייס דער בוים וואָס וואַקסט און די בין וואָס האָרעוועט גאַנצע טעג; ניט מער וויפל עס ווייס דאָס געוויקס הינטער מיין פענצ־טער פון דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע אין זיינע בלעטער צו אַבסאָרבירן זאַפטן

פון דער ערד און בויען פון דעם זיין האָלץ און זיינע בלעטער און זיינע בלומען מיט זייערע קאָלירן און ריחות. צי ווייסן די געוויקסן אין גאָרטן דעם לוח ווען צו שפּראָצן, צו וואַקסן, צו בליען, צו צייטיקן די פּרוכט? צי ווייסן דיביימער ווען אָראָפּצוואַרפן די בלעטער און ווען צו באַקליידן זיך מיט פרישע? צי ווייס די מוראַשקע וואָס זי בויט? צי ווייס דען די בין ווי זי שאַפט דעם האָניק און די שלאַנג — איר גיפט? — שכל איז דאָ אין די און טויזנטער אַנדערע פּראָצעסן, אין אַלע פּראָצעסן פון קאָסמאָס, אָבער אָט דער שכל איז אין גאַנצן אַ נסתר, אָן אַ באַוווסטזיין. די וואָס פירן אויס די שכלדיקע פּראָצעסן הייבן ניט אָן צו וויסן פון דעם שכל. ער איז אין זיי און זיי ווייסן ניט, זיי טוען און זיי ווייסן ניט. ווייס דער זייגער, אַז ער ווייזט די שעה און די סעקונדעס? און די פייגל וואָס פליען אַלע ערב־ווינטער טויזנטער מיילן פון די קאַלטע צפון־לענדער קיין דרום, און ערב־זומער צוריק — אָן מאַפּעס און אָן קאָמפּאַסן? און די בושלען טרעפן צוריק צו זייערע אַלטע נעסטן אַפילו! מיט אַ טיפן ציטער אין האַרצן פלעג איך אַלע פרילינג גיין (אַרום דעם 25־טן אַפּריל) באַגעגענען מיינע „שכנים" די פּאָר בושלען אין זייער אַלטן נעסט. אין תל־אביב פלעג איך ניט איינמאָל מיט אַן ענלעכן געפיל זיך צוקוקן ווי די בושלען לאָזן זיך פליען איבערן ים אין אַ שטרענגער אָרדענונג, מיט אַן אייגנאַרטיקן גערויש, ווי אַ מין תפילת הדרך. און די הינט וואָס יאָגן זיך אין פרילינג, און זיי ממיתן זיך פּאָר אַ צוויג — צי ווייסן זיי דעם קאָסמישן שכל פון דעם יאָגן זיך, פון דער צייט דווקא? אַוודאי איז אומעטום און אין אַלץ פאַראַן אַ שכל, די חכמה פון דער וועלט, אָבער די וואָס פירן אויס דעם שכל, די וואָס דער שכל אין זיי טרייבט זיי, מאַכט זיי טאָן, מקיים צו זיין דעם שכל — זיי ווייסן ניט און זיי באַגרייפן ניט, אַז ניט זיי טוען, נאָר עס טוט זיך אין זיי אָן זייער וויסן און ווילן, איבער זייער וויסן און איבער זייער באַ־וווסטזיין.

און דער „בעל שכל" אַליין — דער מענטש מיט זיין גאַווהדיקן פאַרמעסטן זיך מיט גאָט, צי ווייס ער אַ סך מער וועגן די פּראָצעסן וואָס גייען אָן אין זיין קערפּער? אין די אָרגאַנען? צי האָט ער מיט זיין שכל אַ שטיקל דעה איבער די אַלע זיינע גלוסטונגען און פאַרלאַנגען? צי ווייס ער אַ סך מער דעם סוד פון אַלע פּראָצעסן? צי ווייס ער כאָטש אַ סך פון די זאַפטן וואָס זיינע ענדאָקרינע דריזן אַרבעטן אויס, און זיי פירן דאָס אָן מיט זיין כאַראַקטער, מיט זיין אויסזען און מיט זיינע ליבעס, דעם גרויסן אַלגעמיינעם קאָסמישן שכל, וואָס אַלע זיינע „זינענס" און אַלע זיינע שכלס זיינען בלויז איין קליינער פּרט פון דעם גאַנצן „רצון עולמי" — פון דעם קאָסמישן שכל און שטרעבן? אָט דער קאָסמישער זינען, „רצון עולמי", ווי הרב קוק האָט עס אָנגערופן, בלייבט אַ ניסתר ניט ווייניקער ווי פּאָר דער מוראַשקע, ווי פּאָר דעם סאָסנע־וואַלד, וואָס באַשיט מיט זיין בלומען־שטויב די

גאַנצע ערד אַרום. איז דער גאַנצער מענטש מיט זיין קלוגן שכל ניט מער ווי יענער שמש וואָס טראָגט דעם רבינס שטעקן און זאָגט אַ הויכן אמן נאָך אַלע דעם רבינס ברכות. גיין גייט דער רב, דער שמש איז בלויז אַ מיטגייער, אַ נאָכגייער. ניט מער. איז דאָס טאַקע ווי דער תהלים זאָגט:

„אַז איך זע דיינע הימלען, דאָס ווערק פון דיינע פינגער,
די לבנה און שטערן, וואָס דו האָסט אויפגעשטעלט, —

איז וואָס איז דער מענטש, אַז דו זאָלסט אים געדענקען?
און אַ מענטשנס־קינד, דו זאָלסט אים דערמאָנען?

און דו האָסט אים געמאַכט שיר ניט מינער פון גאָט
מיט כבוד און מיט שיינקייט באַקריינסטו אים".

(תהלים ח', יהואש)

זיינען טאַקע אַלע וועלט־באַנעמען, אַלע פילאָסאָפיעס וואָס דער דענקענדיקער מענטש טראַכט צו, — זיינע שאַפונגען? זיינע קלוגע און שכלדיקע אויפטוען, פּראָדוקטן פון זיין מוח און האַרץ? זיינען זיי אָבער מער „זיינע" ווי די זאַפטן פון זיינע דריזן, וואָס ניט ער איז דער בעל הבית איבער זיי? זיינען אַלע געזאַנגען און אַלע אידעען, וואָס ער טראַכט צו עפּעס אַ סך מער ווי דאָס זשומען פון דער וועספּע וואָס ברענגט כסדר ליים און בויט איר נעסט ווו זי וועט לייגן איר אייעלע און אַנגרייטן אַ ווערימל־שפּייז איר קינד, דעם שלייערל וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם אייעלע? איז דער מענטש ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישן אויך באַדינגט, אויך ניט מער ווי אַ פּראָדוקט, פון אַלע דרויסנדיקע פאַקטאָרן וואָס ווירקן אויף אים. איז דער גאַנצער אונטערשייד, וואָס דער מענטש האָט מער אינדיווידועלע מעגלעכקייטן. אַלע וועספּעס זיינען גלייך, איינע ווי אַלע, אַלע מוראַשקעס און אַלע לייבן — איינער ווי אַלע. זיינען אָבער מענטשן אויך באַזונדערע אינדיווידן אָבער יעדער אינדיוויד פאַר זיך איז אין זיינע האַנדלונגען, אין זיינע אויפטוען לגמרי ניט קיין בעל הבית איבער זיין ווילן, איבער זיין שכל און איבער זיין רצון. עס אַרבעטן די דריזן לויט איינגעבאַרענע פּרינציפּן, איינהייטלעך; עס אַרבעט דער מוח לויט דערוואָרבענע פּרינציפּן. געוויקסן און חיות — אַלע — בלויז נאַטור; מענטשן — נאַטור און קולטור צוזאַמען. דער מענטש בכלל איז אַ פּראָדוקט פון נאַטור ווי אַלע אַנדערע באַשעפענישן און ער איז אויך אַ פּראָדוקט פון קולטור און קולטורן זיינען פאַראַן פאַרשיידענע, אַלערליי, זיינען במילא די מענטשן אויך פאַרשיידן. זיינען זיי אָבער באַלעבאַטים איבער זייערע

שאַפונגען און אויסטראַכטונגען ? איז דער מענטש דער שעפער פון זיינע אידעען און טעאָריעס ? זיינען זיי אפשר נאָר אַ פּראָדוקט פון די אַלע קאָמבינאַציעס פון די פאַקטאָרן וואָס הערשן איבער דעם מענטשן, ווי איבער אַלע באַשעפענישן ?

און ווען דער מענטש האָט שוין זיינע אידעען, זיין וועלט־באַנעם, צי איז עס אמת ? צי קאָן דער מענטש האָבן דעם אמת ? אַז די גאַנצע וועלט אַרום נעמט ער אויף מיט זיינע חושים און זיי זיינען אַזוי באַגרענעצט, אַזוי ענג. די חושים גיבן אונדז גאָרניט קיין אָביעקטיוו בילד פון דער וועלט, פון דעם וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. מיר — די מענטשן — ווייסן ניט פון דער וועלט, — מיר ווייסן נאָר וואָס אונדזערע שוואַכע חושים נעמען אויף פון דער וועלט. זעען מיר די זון ווייל אַזוי דערציילן אונדז די אויגן. וואָלטן די זון אויפגענומען די אויערן, וואָלטן מיר גאָר געהערט ווער ווייס וואָס פאַר אַ "זון־קלאַנגען". די חושים גיבן אונדז זייער "בילד" פון דער וועלט, מיר ווייסן אָבער גאָרניט וועגן די "זאַכן אַן זיך", ווי זיי זיינען פאַר זיך אַליין, ניט דורך אונדזערע חושים. האָבן מיר במילא ניט קיין אָביעקטיוו בילד פון דער וועלט ווי זי איז. במילא זיינען אויך אונדזערע אידעען וועגן דער וועלט, וועגן מענטש און וועלט, וועגן קאָסמאָס ניט קיין אָביעקטיווע. ניט ווי די וועלט איז, נאָר ווי מיר באַנעמען זי. און מיר באַנעמען זי ווי די נאַטור קאָמבינירט דורך פאַרשיידענע קולטורן וואָס לערנען אונדז וועגן איר. און דערפאַר — וויפל קולטורן, אַזוי פיל וועלט־באַנעמען קאָנען זיין. גייט אַרויס אברהם און ציילט די שטערן, הערט ער אַ שטים "כה יהיה זרעך"; זיצט ביים ברעג פון שטורמישן ים אַ מענטש — וויפל ענערגיע עס גייט פאַרלאָרן אין דעם מעכטיקן געיעג פון די כוואַליעס — צום אמתן סוד כל הסודות פון קאָסמאָס קומט עס אַלץ ניט. קאָן עס קומען ? מסתמא ניט. "צי קאָן זיך די האָק באַרימען איבער דעם וואָס הייבט זי ?.. "

יוחנן מלמד, וואָס דורך אים זאָגט פּרץ אָפּט אַרויס זיינע אייגענע געדאַנקען זאָגט : "די וועלט איז גרויס אין לשער, טאַקע אָן אַ סוף ! און אונדזער מוח איז אַזוי קליין, אַזוי פּיצל, אַז מיר זעען אויס ווי אַ מענטש וואָס גייט אַרום אין אַ פינצטערער נאַכט אין אַ פינצטערן וויסטן מדבר מיט אַ גראַשנדיק ליכטל אין האַנט וואָס לייכט ד' על ד' (אַרגענטינער אויסגאַבע ב' 5 זייט 193).

איז דער מענטש מיט אַלע זיינע פאַרלאַנגען, שטרעבונגען, ווילנס, אינטימע חלומות סוף כל סוף נאָר איין קליין קערנדל פון דעם אַלגעמיינעם, אומענדלעכן רצון עולמי. עס איז נאָר אינדיווידועל מאַדיפיצירט. אָט דאָס שטיקעלע אינדיווי־דואַליזירט ווילן — דאָס איז — דאָס מענטשלעכע אין מענטשן, **דאָס איז** דער פּריוואַטער געשטאַלט פון דעם אַלמענטשלעכן, אַלוועלטלעכן, אַלקאָסמישן רצון. אַזוי דעם מענטשנס שכל, אַזוי זיין ווילן — זאָל ער מיינען אַז ער איז דער בעל הבית, דער פירער, דער פאַרלאַנגער, דער בעל השכל און דער בעל הרצון. דאָס

איז אין מענטשן זיין אַנדערשקייט; אַנדערע באַשעפענישן פאַרמאָגן ניט קיין אינ־דיווידואַליזאַציע. אַלע ווי איינער ביי זיי, נאָר דער מענטש קאָן זיך איינריידן, אַז ער פירט זיך. דאָס ביסל איינריידעניש האָט גאָט פאַרגונען דעם מענטשן.

אין דער אמתן איז דער קאָסמישער שכל און דער קאָסמישער רצון אויך אַן „אחד" ווי עס איז אחד דער גאַנצער קאָסמאָס.

און אָט דער קאָסמישער רצון, ער טייטשט אויס גאָר אַנדערש דעם „וירא אלוהים כי טוב". עס מיינט: די גאַנצע וועלט ציט זיך, שטרעבט צו אָט דעם „כי־טוב", וואָס איז אין תוך אַריין ניטאָ גאָר און ער איז פאַראַן נאָר אין דעם „וירא אלוהים" — אין דער געטלעכער שטרעבונג, אין געטלעכן פאַרלאַנג. דער גאַנג צום טוב טאָר קיינמאָל זיך ניט ענדיקן. אין דעם מאָמענט ווען דער „טוב" זאָל, חלילה זיין דערגרייכט, ניטאָ מער צו וואָס צו שטרעבן, אין דעם מאָמענט איז אַלץ געענדיקט, ווייל „טוב מאוד — זה מלאך המוות". ניטאָ צו וואָס שטרעבן, איז ניטאָ צו וואָס צו לעבן. לעבן מיינט שטרעבן. שטרעבן קאָן זיין פּריוואַט, עגאָאיסטיש, פאַר זיך נאָר און מער ניט. אַזאַ מענטש ווערט גיך אַלט: ניטאָ מער צו וואָס צו שטרעבן. גליקלעך איז דער מענטש וואָס זיין שטרעבן איז לכתחילה קאָלעקטיוו, אַלפאַלקיש, אַלמענטשלעך; דער מענטש איז איינגעגלידערט אין דעם רצון עולמי; ווערט ער קיינמאָל ניט אַלט.

דער קאָסמישער ווילן, דער קאָסמישער שכל און דער קאָסמישער באַשאַף — אַלץ איז איין אחד, און דער מענטש ווי יעדער אַנדער באַשעפעניש איז נאָר איין קליינער אַטאָם פון אָט דעם אַלגעמיינעם אחד.

איך בין געווען זייער אַנגענעם איבערראַשט, ווען איך האָב דווקא ביי אַ סאָוועטישן יידישן פּאָעט געפונען אָט דאָס ספּעציפיש יידישע בענקען צום „אחד". עס איז בכן אַ שטריך וואָס גייט מיט יידן פון אַברהם דעם ערשטן יידן און איז איינגעוואָקסן אויך ביי אַ יידן אין רוסלאַנד. אפשר אַפילו אינגאַנצן אומ־באַוווּסט. אָט איז די פּאָעמע:

אויב איך וועל נאָך זוכה זיין אַמאָל,
מיין ליד פאַרמאָגן זאָל איין פּערז,
אין וועלכן עס וועט איין שורה זיין,
וואָס וועט באַזיצן נאָר איין אות,
פון די וואָס בויען אויס דאָס וואָרט,
וואָס האָט די קראַפט צו מאַכן בעסער וועלטן, —
וועל דעמאָלט איך צום ערשטן מאָל
פאַר אַלע ביזדאַניקע יאָר

דערפילן, אַז עס איז מיין מאָרך
געוואָרן צייטיק און פאַרשטיין
דעם גרויסן שכל און באַטייט
דעם זין און גליק פון מאַכן שהחיינו.

הירש אָשעראָוויטש („סאָוועטיש היימלאַנד" 4, 1970).

נאָר די אָרטאָגראַפיע פון די העברעאישע ווערטער געענדערט.

קענטיק, אַז דער דראַנג צום אחד ליגט אין אונדזער נאַטור אַן אייבי־קייט. —

## דער זינען פון א פשוטער ברכה

איך וויל ניט אַריינטראַכטן זיך אין דער געשיכטע פון די ברכות, ווער און ווען עס האָט זיי איינגעשטעלט. מיר גייט אין דעם געפיל וואָס האָט געבראַכט דעם איינפיר: איידער דו נעמסט אַריין אין מויל אַ שטיקל ברויט, מאַך די ברכה „געבענטשט איז דער וואָס ציט אַרויס ברויט פון דער ערד!" (זאָל דאָ דרך אגב דערמאָנט ווערן, אַז מיט גאָר קליינע קינדער פלעגט מען זאָגן אויף אַראַמיש „בריך רחמנא, מרא דעלמא, דיהיב לן האי פיתא" — געבענטשט גאָט, דער האר פון דער וועלט, וואָס גיט אונדז אָט דאָס ברויט). וואָס איז עס געווען פאַר אַ געפיל, וואָס האָט געפירט צו דעם איינשטעל? — קודם כל איז געווען באַוווּנדערונג: נו, טאַקע — קליינע קערנער געוואָרפן אין דער ערד, פייכטע ערד, ווייכע ערד — גיי נעם דאָס אין מויל אַריין! מען קאָן דאָך שטאַרבן פון הונגער און פון קראַנקייטן פון עסן די ערד. און אָט — דאָס פאַרזייטע קערנדל ציט פון דער ערד די זעלביקע טויטע זאַפטן און עס ווערט פון דעם ברויט, ברויט צו עסן און לעבן! איז עס ניט קיין נס? און דען נאָר דער מענטש? — איז דאָך אַזוי די גאַנצע בעלי חיים־וועלט, אַלע דערנערן זיך פון געוויקסן! איז דער „המוציא לחם" ניט קיין מצווה פאַר גאָט, ער דאַרף ניט און בעט ניט פון קיינעם קיין ברכות דערפאַר, עס איז אָבער אינעווייניק, אין דער נשמה פון מענטשן, דווקא ווייל ער דענקט, ווייל ער קאָן פאַרטראַכטן אַ געפיל: עפּעס קומט דאָך דאָ פאַר אַ ווונדער־פּראָצעס צו נעמען ערד־זאַפטן און מאַכן פון דעם ברויט! און דען נאָר ברויט? ! זיינען דאָך די גרינע בלעטער פון געוויקסן די איינציקע לאַבאָראַטאָריע אין דער גאַנ־צער גאָטס וועלט וואָס פּראָדוצירט אָרגאַנישע שטאָף פון פשוטע ערדישע זאַפטן און גאַזן פון דער לופט. שאַפן עס די שטומע געוויקסן די אָרגאַנישע שטאָפן וואָס דער מענטש מיט אַלע זיינע וויסנס און מכשירים קאָן נאָך ביז היינט ניט

מאַכן. די יידן וואָס זאָגן די ברכה הונדערט מאָל אין טאָג, פאַר־טראַכטן זיך ניט איבער די עמאָציאָנעלע מקורים פון דער ברכה, פאַר זיי איז עס אַ רוטין, וואָס גאָט פאַרלאַנגט עס, ער דאַרף עס האָבן און ער וועט אם ירצה השם גוט באַצאָלן פאַרן פאָלגן אים... ערגער נאָך איז די אָפיציעלע הילכיקע „המוציא", וואָס עס מאַכן די ראַבייס אין דער הייך, דערפאַר ווייל — וועָר, ווער — זיי אָבער קריגן זייער געצאָלט באַלד, אַלע חודש מיט אַ טשעק. אָבער דער אָפּשטאַם פון דער ברכה, פון אַלע ברכות איז דער באַגער אויסצודריקן די אינעווייניקסטע נשמה־איבערלעבונג. יעדער איינער קאָן די ניסימדיקייט פון דעם געווייגלעכן, די ווונדער פון דער נאַטור אויפנעמען ווי ער וויל — נאַטור, קאָסמאָס, גאָט — סיי ווי איז עס געטלעך, קאָסמיש, און דער וואָס פילט עס ניט, איז מיט אַ דעפעקט אין נשמה. אַלץ איינס — אַן אַ האַנט, אַן אַ פוס און אַן אַ געפיל צו נאַטור, צו גאָט אין קאָסמאָס. צום קאָסמאָס אין אַנסוף פון געטלעכקייט; ווי צו די מענטשן וואָס קאָנען ניט דערפילן די ווונדער אין דעם געוויינלעכן, די ניסימדיקייט אין דעם טאָג־טעגלעכן; ווי צו די וואָס פאַרוואַנדלען אָט די באַוווּנדערונג אין אַ פשוטע קאָמערציעלע טראַנסאַקציע: איך טו עס פאַר גאָט און ער וועט מיר, אם ירצה השם, דערפאַר באַצאָלן אויף יענער וועלט...

## קאָסמאָס גאָט און תורה

גאָט האָט אַרויסגעפירט אַברהמען אין דרויסן און האָט אים געזאָגט: „צייל די שטערן". פון דעם איז אַברהם דער ערשטער ייד געקומען צום גלויבן אין איין גאָט. (בראשית טו׳). דאָ איז געווען דער אונטערשייד צווישן די יידן און די אַנדערע פעלקער. זיי האָבן אויך געזען די שטערן, באַוווּנדערט דאָס ברויט, געהערט דעם דונער אַלץ, אָבער זיי האָבן דאָס אַלץ גענומען באַזונדער. אַ סך געטער פירן אָן מיט אַלע פּרטים פון דער וועלט. איטלעכער פּרט מיט זיין גאָט... אברהם האָט אויך געזען פּרטים באַזונדער, אָבער ער האָט באַנומען אַז די אַלע פּרטים פירן צו איין „אחד", האָט ער דערפילט דעם אחד דורך די יחידים, דורך די פּרטים — איינער אין אַלע פאַרשיידענע דערשיינונגען.

האָט דאָס יידישע פאָלק געירשנט פון אַברהמען צוויי פּרינציפּן — גאָט פון קאָסמאָס, „מלך העולם" און „צדקה ומשפט" צווישן מענטשן (בראשית יח׳ יט׳). און די צוויי זיינען אויך צוויי אין איינעם. אויך דער צווייטער פּרינציפּ איז געט־לעך ווייל עס קאָן ניט זיין געמאָלט, אַז „השופט כל הארץ לא יעשה משפט". און פון אַברהמען אָן איז עס דער דרך פון יידן צו דערפילן דעם אחד אין קאָסמאָס — כבודו מלא עולם, עפּעס אומעטום דערפילט דער ייד דעם „רוח אלוהים מרחפת

על פני כל הקוסמוס״ — אין גרויס און אין קליין, אין יעדן יחיד און אין אַלע פּרטים אין כוללדיקן כלל, ״וכוללם יחד״. האָבן פּעלקער געזוכט: ווו איז דער גאָט פון יעדער דערשיינונג? — דער גאָט פון רעגן, דער גאָט פון דונער, פון גערעטע־ניש, דער גאָט פון ליכט, פון פינצטערקייט און אַזוי אַן אַ סוף — אַ סך געטער. האָבן אַברהמס קינדער ניט געדאַרפט זוכן, האָט משה אָנגעזאָגט זוכט ניט, טראַכט ניט צו קיין געשיכטעס וועגן געטער, זוכט ניט קיין נעמען! דאַרפן יידן ניט קיין באַזונדערע געטער מיט באַזונדערע נעמען. טאָרן יידן ניט זוכן אין אָנסוף פון קאָסמאָס ערגעץ אַ באַזונדערע היים פון די געטער, ווו זיי זיצן און פירן דאָרטן זייערע קריגערייען פאַר דער מאַכט — ניט קיין אָפּאָן און ניט קיין אָלימפּ, אפילו אויך ניט קיין סיני, ווו עס איז די תורה געגעבן געוואָרן — אויך ער איז גע־וואָרן ״אויס הייליק״ גלייך ווי די שכינה איז אַוועק (״נסתלקה קדושתו״ זאָגט עס אַ גמרא). און דער עצם ״מתן תורה״ איז ניט אַזוי וויכטיק ווי עס איז ״תלמוד תורה״. צוויי יום־טובים זיינען פאַרבונדן מיט דער תורה — שבועות איז מתן תורה און ״שמחת תורה״ איז דער יום טוב פון תלמוד תורה. דער לעצטער איז פריידי־קער, מער שמחה, דעמאָלט זאָגט מען מיט שמחה ״חזק, חזק, ונתחזק!״ דעמאָלט ענדיקט מען די תורה — ״לעיני כל ישראל״ און מען הייבט באַלד אָן צוריק, ווידער פון אָנהייב ״בראשית ברא״, חתן בראשית.

האָבן דאָס יידן דערפילט: ניטאָ אין קאָסמאָס קיין געענדיקטע, קיין פאַר־טיקע געשאַפענע ״וירא כי טוב״, דער שבת וינפש דאַרף ניט קומען, ווי אַלץ אין קאָסמאָס הייבט זיך כסדר אויף יעקבס לייטער צו דעם אייביקן ״לעתיד לבא״. און אַזוי דאַרף אויך זיין די תורה. איז לא בשמים היא! לא נתנה תורה אלא לדרש. אויך די תורה — יידישקייט איז אַן אייביקער פּראָצעס פון ״תלמוד תורה״ — פון שעפערישן פּראָדוצירן, און ״כל מה שתלמיד עתיד לחדש״ — אַלץ איז תורה, אַלץ איז להגדיל תורה, יידן דאַרפן כסדר מגדל זיין, האָדעווען, העלפן די תורה זאָל וואַקסן און זיך פאַרמערן. אויך די תורה — יידישקייט האָט איר לייטער אַרויף. און באַגריפן וואָס זיינען פאַר משהן ניט אַנטפּלעקט געוואָרן זיינען יאָ אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר ר׳ עקיבא. און אויך ער טאָר ניט זיין דער לעצטער, ווייל ״וואָלט די תורה געגעבן געוואָרן אַן אָפּגעשניטענע אַ פאַרטיקע, וואָלט קיין ייִדיש פאָלק ניט געקאָנט בייִשטיין (אילו נתנה תורה...).

און גאָט טאָר מען ניט זוכן, זוכן גאָט איז ווי שטיין אין ים און זוכן וואַסער. זוכן ערגעץ אַ גאָט אָפּגעזונדערט, פאַר זיך מיינט דאָך — ניט זען קיין געטלעכ־קייט אומעטום, מיינט דאָך אויסטיילן אַ באַגרענעצט אָרט פאַר גאָט, בעת אַנדערש־ווו פּעלט, כלומרשט, געטלעכקייט... זיינען דאָס פאַר יידן געצנדינערישע באַגריפן. דאַרפן יידן ניט אָננעמען דעם ״המלך יושב על כסא רם ונישא״ אַנדערש ווי אַ סימבאָל, וואָס איז געבליבן פון פאַרצייטן. ווי אין דער נאַטור זיינען געבליבן

רעשטלעך פון פאַרצייטיקע לעבנס, זיינען געבליבן רעשטלעך פון די רעפּטילן וואָס האָבן אַמאָל געהערשט אין דער וועלט, אַזוי קאָנען אין יידישקייט אויך בלייבן רעשטלעך פון פאַרצייטיקע גלויבונגען, פון פאַרצייטיקע אַנטראָפּאָמאָרפישע פאָר־שטעלונגען וואָס דאַרפן איצט ניט זיין ביי יידן מער ווי סימבאָלן.

איז געגעבן געווען דער יידישער גאון וואָס האָט אין רצון עולמי געזעצן גאָט, אין די קאָסמישע געזעצן, וואָס נאָר זיי זיינען אייביק — אין זיי איז געטלעכ־קייט. „כבודו מלא עולם" דאַרף מען איצט פאַרשטיין — פול אין אַלע געזעצן פון קאָסמאָס. בלויז זיי זיינען אייביק. אין יעדער טראָפּנדל איז אַ געטלעך, קאָסמיש געזעץ.

איז דאָס ניט מער ווי געצנדינסט צו זוכן ערגעץ אַ באַזונדערן סובסטאַנטיוון גאָט מיט זיינע אייגנשאַפטן און מיט זיינע אַטריבוטן און ער איז כלומרשט פאַר זיך. עס איז פאַרמענטשלעכן גאָט. כלומרשט איז ער די געזעצגעבערישע מאַכט, און די עקזעקוטיווע מאַכט — דאָס איז ווידער, ווי עס פירט זיך ביי מענטשן. באַזונדער, און ווי אין אַ מענטשלעכער מלוכה דאַרף זיין אַ דריטע מאַכט וואָס היט די געטלעכע געזעצן ווי די רעליגיעס הייסן... איז ניט אַזוי דער יידישער גאָט־באַגריף, „לית אתר פנוי מניה" — ניטאָ קיין אָרט אָן דו, „אומעטום דו, מעלה — דו, מטה — דו"... אומעטום אין אַלץ, אין די ווייטסטע גאַלאַקסן און אין די קלענסטע אַטאָמען. אָט זיצט אַ מענטש און טראַכט און שרייבט, און ער אָטעמט און מיט יעדן אָטעם נעמט ער אַריין מאָלעקולן זויערשטאָף וואָס דרינגען אַריין אין זיין בלוט, און עפּעס אַן אַטאָם פון אַריינגעאָטעמטן זויערשטאָף קומט צו זיין מוח און העלפט אים דענקען, שרייבן — צי קלוג, צי ניט קלוג — איז אָבער אין אָט דעם שפּיל פון זויערשטאָף אויך גאָט — אין מיר, אין מיין יעדן אָטעם, אין אַלע גאַלאַקסן נאָענ־טע און ווייטע, אין מיר, אין אייך — אומעטום, אין דעם שמייכל פון אַ קינד, אין דעם פלי פון אַ פלאַטערל, אין דעם פרימאָרגן־געזאַנג פון דעם פויגל אויפן בוים, אין דעם זשומען פון די בינען איבער דעם קלעווער־פעלד —אומעטום. זאָלן געצנ־דינער זוכן דעם גאָט מיט זיין געשטאַלט און מיט זיין אויסגעפּוצטער דירה אין זיין פּאַלאַץ. די וואָס זעען גאָטס וועלט, — דאַרפן דאָס ניט.

טאָר אַ ייד ניט זוכן קיין גאָט, טאָר ער ניט זיך פאָרשטעלן גאָט ווי עפּעס אַ סובסטאַנץ. דער וואָס זעט און פילט געטלעכקייט דאַרף ניט זוכן קיין גאָט; דער וואָס פילט געטלעכקייט אין זיך, דער דאַרף ניט זוכן קיין גאָט איבער זיך, דער וואָס פילט גאָט אומעטום, כבודו מלא עולם, לית אתר פנוי מניה, דער טאָר ניט זוכן עפּעס אַ גאָט ערגעץ ווו אין באַזונדערע ערטער. דאָס איינציקע אָרט צו זוכן גאָט — דאָס אייגענע האַרץ *). אויב דאָרטן איז ניטאָ, איז עס אומזיסט צו זוכן.

*) הקב"ה ליבן של ישראל (איכה רבה, פתיחתא טז') האלוהים הוא רוח העולם, ונפשו ושכלו, וחיותו (הכוזרי ה' ג')

אַפילו רחובה של עיר — אַ פּשוטע גאַס, אַ ווינקל אין שטאָט קאָן ווערן הייליק אויב יידן קומען אַהין בעטן גאָט. איז דער קאָסמאָס מיט אַלץ וואָס אין אים ניט עפּעס אַנדערש ווי אַ מאַטעריעלער לבוש פון געטלעכקייט, דער גוף פון דער נשמה פון דער וועלט. גאָט — דאָס איז דער גייסט פון דער וועלט (ספר הכוזרי ה׳ ג׳) אָבער נאָך פריער זאָגט עס אַ גמרא „הקב״ה מלא כל העולם, אף הנשמה מלאה כל הגוף״ (ברכות י׳ א׳).

איז גאָט אין דער מאַטעריע? חלילה! פון משה רבינו אָן באַקעמפט יידישקייט יעדן געדאַנק פון מאַטעריאַליזאַציע פון גאָט. פעלקער ריידן און גלייבן אין דעם! גאָטס בלוט, גאָטס זון און נאָך ענלעכע גראָב־מאַטעריעלע באַגריפן. ביי יידן איז עס געצנדינערײ! זיינען ווידער אַלע אַנצאָליקע מאַטעריעס אויך סוף כל סוף נאָר פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס פון דעם איין „אחד״. און ווידער איז עס באַשערט געווען אַ יידן צו פאַרבינדן דאָס וואָס מען האָט געהאַלטן פאַר צוויי באַזונדערע געביטן — מאַטעריע באַזונדער און ענערגיע — ווידער באַזונדער; מען האָט געגלייבט אין זייער באַזונדערקייט — איז עס באַשערט געווען דווקא אַ יידן צו פאַרבינדן מאַטעריע און ענערגיע ווידער אין איין אחד (איינשטיינס פאַרמול). ...אומעטום — איין אחד. דער גייסט פון אחד לעבט אין יידן דווקא. מער ניט וואָס דאָס יידישע פאָלק אַליין איז אַזוי ווייט פון אחדות. אחדות הבריאה — יאָ, אָבער אַחדות היידישקייט — אַך ווי ווייט מיר זיינען פון דעם! לייען איך אָפט שרייבונגען פון יידישע פּאַרטייען, ריכטונגען, — און עס יאָגט פון זיי אַלע מאָל מיט אַזאַ שנאה, מיט האַס פון יעדער ריכטונג קעגן אַלע איבעריקע, אַנדערע. איטלעכע וויל ניט אַנדערש איינריידן, אַז יידן — דאָס זיינען זיי און נאָר זיי, אַלע אַנדערע זיינען ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי.

זיינען מיר יאָ געווען אַמאָל — און דווקא אין גלות איין פאָלק, איין אחד „מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ?״ איין אחד און דער אחד פון פאָלק איז געווען ווידער אָן אחד צוזאַמען מיט גאָט. האָבן מיר איצט פאַרלאָרן אונדזער אחד. ביז דעם צווייטן בית זיינען יידן געווען אַ פאָלק פון באַזונדערע שבטים. אין צווייטן בית זיינען קיין שבטים ניט געווען מער אָפּגעזונדערט, זיינען דערפאַר אויפגעקומען פּאַרטייען און ריכטונגען. ערשט אין גלות זיינען מיר געוואָרן איין פאָלק. און אַזאַ איינהייטלעך פאָלק זיינען מיר געבליבן ביז דער עמאַנציפּאַציע. די אויסנאַמען — געזעצן ביז דער עמאַנציפּאַציע האָבן צונויפגעשמידט די יידן. יעדער אַפּנייג האָט באַטייט אָפּגאַנג, אַפּטריניקייט פון פאָלק בכלל, אַרויס פון כלל ישראל, אויס כלל. איז דאָס יידישע פאָלק ווידער צעפאַלן אויף אַ סך גרופּעס און גרופּקעס, און קיין עם אחד איז פאַרט ניטאָ!

א. גאָלאָמב

# און דער זינען פון אַלע זינענס

וואָס איז אָבער פּאָרט דער ציל פון דעם גרויסן אָנסוף? דער ציל פון דעם אייביקן פּרו ורבו? פון דעם אָנסופיקן גײַיעג צו פּערפּעקציע? פון דעם אייביקן הייבן זיך אויף יעקבס לייטער? האָט דער מענטש אַדאַנק זיין כסדרדיקן פאָרזוכן פון עץ הדעת זיך דערגראָבן צו אַ סך סודות. ער האָט זיך דערוווּסט וועגן פּראָצעסן וואָס ציען זיך מיליאַרדן יאָרן און מיליאָנטיילס פון אַ סעקונדע; ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פליען העכער פון אַלע הימלען; ער האָט פון אָרום דער לבנה געמאַכט הערן פּסוקים פון חומש פאַר מיליאָנען מענטשן אויף דער ערד. אַלץ יאָ, אָבער צו וואָס דאָס אַלץ? גרויס איז דער קאָסמאָס, גרויס אין גרויסקייטן און גרויס אין אָנסופיקע קליינקייטן, נאָריש אַלע מענטשלעכע מאָסן לגבי דער אָנמאָסיקייט פון גאָטס וועלט. אָבער צו וואָס די אַלע אָנסופיקע ניסים? צו וואָס די אַלע אָנצייטן, אָנסופן און אָנמאָסן? ציילט דעם מענטשנס געשיכטע אויף דער ערד עטלעכע טויזנט יאָר, ציילט דער עץ הדעת — נאָך ווייניקער. האָט דער מענטש אַריבערגעשטיגן זיך אַליין, אַלע זיינע חושים; איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין אַלע, אַלע אָנמאָסן און אָנסופן; האָט ער דערגרייכט די געטלעכע מדרגה פון „עושה מלאכיו — רוחות, משרתיו — אש לוהט" און נאָך מער: גאָט האָט באַשאַפן די ערד וכל אשר בה —אַלץ אויף און אין דער ערד. און דער באַשאַף האָט גע־דויערט מיליאָנען, ביליאָנען יאָרן און ער — דער מענטש — קאָן עס חרוב מאַכן אין אַ ברוכטייל פון אַ סעקונדע... זכה — איז דער מענטש זוכה, נעשית לו סם חיים — ווערט די תורה — די וויסנשאַפט אָן עלעקסיר צו לעבן. לא זכה — ווען אָבער ניט, ווערט דאָס וויסן, די תורה אַ סם פון טויט... און ווער פירט איצט די מענטשהייט? צי זיצט אויפן טראָן שלמה דער חכם מכל אדם, אָדער דער אַשמדאי האָט אים איבערגעקליגט, אים אויסגעשפּיגן און ער — דער אַשמדאי — הערשט איבער גאָר דער וועלט? שווער צו וויסן. קאָן זיין שלמה און גאַנץ מעגלעך אַז דער אַשמדאי, גיכער אַפילו — דער אַשמדאי אין געשטאַלט פון שלמה, דער אַשמדאי וואָס אין מענטשן. ווי עס איז אָבער דער אָנסופיקער באַשאַף, וואָס טאָר זיך קיינמאָל ניט ענדיקן. ווײַל „דאָ זיצט מען ניט, דאָ גייט מען אַלץ פאָרויס" (פּרץ, „צווישן צוויי בערג"), דאָס איז דער געטלעכער פּראָצעס, זיכער! דעם טראָן האָט נאָך דער אַשמדאי ניט פאַרכאַפּט. איז וווּהין פירט ער? דאָס קאָנען מענטשן שטודירן, באַגרייפן — דאָס איז די געשיכטע פון קאָסמאָס. אָבער וווּהין? צו וואָס דער גאַנצער וועג? פּערפּעקציע, כסדרדיקע פאַרבעסערונג, אָבער צו וואָס? און אַז די ערד וועט עקסיסטירן נאָך עטלעכע מיליאַרד יאָרן, אַ סך מינים און אַרטן באַשעפענישן וועלן אויפהערן צו זיין, עס וועלן אויפקומען נייע מינים

און בייע אַרטן אָרגאַניזמען. קאָן זיין! בעסערע, מער צוגעפּאַסטע. נו, איז דאָס דער ציל? וווהין גייט דער קאָסמאָס?

האָט איובן געמאָטערט די פּראָבלעם: איז ער פאַרמאַטערט געוואָרן טראַכטנדיק? זוכנדיק. איז אים געוואָרן שווער צו לעבן; חלומט ער „מי יתנני כימי קדם?" ווער קאָן אים אומקערן זיינע אַמאָליקע, פאַרגאַנגענע יאָרן?" איידער עס האָבן אים גענומען מאַטערן אָט די אַלע פראַגעס. ער רעזיגנירט; ער קאָן ביי גאָט גאָרניט דערגיין. ווי קומט ער, קליין מענטשל, גאָר צו וועלן וויסן אָט די אַלע סודות? „הבסוד אלוה תשמע?" — (צי פאַרשטייסטו די געטלעכע סודות). רעזיגנירט, און איז באַפרידיקט געוואָרן. האָט עס מיט עטלעכע און זיבעציק יאָר צוריק אָפּגעהילכט אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט דער טראַגישער „איגנאָראַבימוס" — מיר וועלן ניט וויסן. אמת. פון יענעם טראַגישן אויסרוף האָט מען זיך אַ סך דערוווסט. די גאַנצע אַטאָמיסטיק, דאָס פליען אין דער לופטן, אין חלל — דאָס זיינען אַלץ אויפטועו פון 20־טן י"ה. דאָס איז אַלץ אָבער אַלץ אויף די פראַגע ווי און וואָס? איך גלייב אָבער ניט אַז דער מענטש קאָן ווען עס איז קריגן אַן ענטפער אויף אַ פראַגע צוואָס? וווהין? דאָס איז אַ געביט ניט פון וויסן, נאָר פון גלויבן. האָט דאַרווין געקאָנט גלייבן אַז דער ציל קאָן זיין — די פיזישע פערפעקציע פון די באַשעפענישן וואָס קאָן קומען אפילו דורך דעם אומקום פון אַלע ווייניקער פּערפעקטע. האָט אַ יידישער קדמון געהייסן אַ וועלט מיט יידן זאָגן אין דאַווענען „לתקן עולם במלכות שדי" — פאַרגעטלעכן די וועלט. דאָס איז אַ וועלט פון סתם ספּעקולאַציעס. עס איז ניט אַ געביט פון וויסנשאַפט. איז מאַראַל אַ זאַך וואָס ליגט אין מענטשן, אָדער עס איז אַן אויסטראַכטונג פון שוואַכע? איז דער „אויבערמענטש" באַרעכטיקט אומצוברענגען די נידעריקע ראַסן"? איז טאַקע „כל דאלים גבר? ווי איז אין קאָסמאָס? מאַכט איז רעכט, אָדער רעכט איז מאַכט? קאָן דער מענטש טראַכטן אין די ראַמען פון פּראָבלעמען פון מענטשן, פאַרן מענטשן. די פראַגן אָבער וועגן צילן פון קאָסמאָס — צו ווייט. אפשר איז דאָ די גרעניץ פאַרן מענטשן.

## קאָסמישע, מענטשלעכע און יידישע תורה

איז אַזוי געגאַנגען דער יידישער געדאַנק. איידער די וועלט האָט זיך אָנגעהויבן צו שאַפן איז געווען די תורה. דאָס איז דער סכום קאָסמישע געזעצן פון באַשאַף. שיין איז דאָס געזאָגט אין דעם לשון בני אדם — אין אַ פשוטער מענטשלעכער שפּראַך: „מסתכל בתורה ובורא עת עולמו". אַלץ וואָס ווערט באַשאַפן, אַלץ וואָס עס עקסיסטירט, — אַלץ קומט לויט יענע קאָסמישע געזעצן. פעסטע און

אייביקע געזעצן! „די מידות פון גאָט זיינען גזרות" — געזעצן. קיינער אפילו גאָט אַליין, קאָן זיי ניט ענדערן! קיין זאַך אין קאָסמאָס איז ניט אייביק. נאָר די געזעצן פון קאָסמאָס — זיי זיינען אייביק. ניט צו ענדערן! גאָט — דער שעפער און האַר פון קאָסמאָס „קוקט אין דער תורה און שאַפט די וועלט זיינע".

שפעטער, ווען עס זיינען געקומען מענטשן — אַ סך שפעטער, אַט „גאָרניט לאַנג" — בס"ה טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יאָרן, זיינען געקומען אַחוץ קאָסמישע אויך מענטשלעכע געזעצן. זיינען דאָס די „שבע מצוות בני נוח", געזעצן פון מענטשלעכער געזעלשאַפט. איז די מענטשלעכע תורה זיכער געקומען שפעטער,

איז די מענטשלעכע תורה זיכער געקומען שפעטער, נאָך דעם ווי עס איז געשאַפן געוואָרן די תורה פון בינישן צוזאַמענלעבן, פון דער מורעשקע־תורה, די תורות פון אַלע געמיינשאַפטן וואָס די מענטשלעכע עקאָלאָגיע שטודירט זיי. איז עס ניט קיין אונטערשייד ווען די תורה פון מענטשלעכער געמיינשאַפט איז געשאַפן געוואָרן — פריער אָדער שפעטער — אין מוקדם ומאוחר בתורה. „ערשט" נאָך שפעטער ווען עס קומט דער ערשטער ייד אַברהם, קומט מיט אים אַ נייער באַגריף — „השופט כל הארץ מוז ער יעשה משפט!" ניטאָ ביז אַברהמען אויך אין מענטשלעכער תורה דער באַגריף משפט, דער באַגריף צדק. קאָן זיין אַז ניט די קאָסמישע תורה, ניט די מענטשלעכע תורה ווייסן ניט פון צדק און משפט. דאָס האָבן יידן אויסגעטראַכט, די פּראָבלעם האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם ערשטן ייד. קאָן זיין, אַז די „שנאת עולם לעם עולם" — דאָס וואָס מען האָט אונדז ביי פעלקער אַזוי שטאַרק פיינט, דאָס איז אַ מין רבי־געלט פאַר דעם וואָס מיר האָבן אַריינגעפּלאָנטערט אַזאַ אומגעוווּנטשענעם באַגריף פון צדק ומשפט. ניט אין דער נאַטור, ניט ביי מענטשן איז עס ניטאָ, דאַרף מען דאָס ניט. האָבן דאָס יידן געבראַכט, און די וועלט מיט מענטשן צאָלט אונדז ביז היינטיקן טאָג דערפאַר. קאָן זיין. קאָן זיין, אַז דאָס האָבן די יידן אויסגעטראַכט אַזאַ אידעאַל פון „וכל הרשעה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ". קאָן זיין אַז דער מענטש און דער וואָלף, און די שלאַנג האָבן די זעלביקע נאַטור, די זעלביקע אייגנשאַפטן, די זעלביקע דראַנגען. „אַ מענטש פאַר אַ צווייטן איז אַ וואָלף" האָט אַמאָל געזאָגט אַ וואָלפיש פאָלק מיט מוסטערהאַפטע געזעצן (רוים). נאָר פּערפעקציע! טויזנטער יאָרן האָבן מענטשן מקנא געווען די פייגל וואָס קענען פליען. האָט דער מענטש דערגרייכט פּערפעקציע. פליט ער בעסער פון מיליאָנען אָדלערס. אויך דער וואָלף אין מענטשן האָט זיין פּערפעקציע. אנשטאָט צו פאַרצוקן איין שעפּל, קאָן ער אומברענגען מיט איין מאָל מיליאָנען מענטשן און געענדיקט! דאָס איז דעם מענטשנס פּערפעקציע.

האָט זיך אין אָט דער וועלט אַריינגעריסן אַ דיסאָנאַנס פון אַ יידישן נביא

„אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק וועט ניט הייבן קיין שווערד און מען וועט מער ניט לערנען קיין מלחמה״. האָבן דורות מענטשן איבערגעחזרט די שיינע ווערטער פֿון דעם שיינעם יידישן אידעאַל, און מען האָט פּערפֿעקציאָנירט די שווערדן. די רייד פֿון דעם יידישן נביא און די מעשים פֿון דעם רוימישן וואָלף. די אַלטע מעשה וועגן שלמה און דעם אַשמדאי. וועט ווען עס איז די מענטשהייט געראָטעוועט ווערן פֿון דער צעשפּאָלטנקייט? — גוט איז דעם וואָס קאָן גלייבן אין דעם... דערווייל גייט אַזוי די וועלט „רוממות אל בגרונם וחרב פּיפיות בידם״ (תהלים קמט׳) — גאָט אין די מיילער און די שווערד אין די הענט.

אין עץ הדעת זיינען פֿאַראַן ביידע עלעמענטן — דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, פֿון גאָט, פֿון טייוול, פֿון שלאַנג. אַלע חיות און בהמות וואָס האָבן ניט פֿאַרזוכט פֿון עץ הדעת, קאָנען ניט שטייגן ניט אַרויף און ניט אַראָפּ. ניט ווערן ערגער און ניט ווערן בעסער. זייער לעבן איז אַ גראַדע ליניע. דער מענטש — טאָקע אַדאַנק דעם עץ הדעת — קאָן שטייגן ווי אויף אַרויף צו גוטס, אַזוי אויך אַראָפּ צו שלעכטס. דעם מענטשנס לעבן גייט מיט זיגזאַגן — אַרויף און אַראָפּ. און אַזוי איז אויך דער וועג פֿון דער וויסנשאַפֿט. גאָט זאָגט צום מענטשן (דברים ל׳) „איך גיב דיר דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, דאָס לעבן און דעם טויט. און דו קלייב אויס דאָס גוטס״. איז דאָס אויסקלייבן גאָרניט אַזוי גרינג, דווקא דאָס שלעכטס ציט שטאַרקער. האָבן די חרטומים אין מצריים געקאָנט מאַכן אַלע ניסים וואָס משה האָט געמאַכט פֿאַר פּרעהן. אָבער משה — כדי צו באַפֿרייען אַ פֿאָלק פֿון קנעכטשאַפֿט און די חרטומים — כדי קנעכטשאַפֿט צו פֿאַרשטאַרקן. קאָן די וויסנשאַפֿט זיין אַ ברכה און אַ קללה. איז אין עץ הדעת תמיד מעגלעך דער טוב און דער רע. דאָס איז די אייביקע מלחמה פֿאַר די פּרוכט פֿון עץ הדעת. גאָט האָט אָנגעזאָגט ניט צו עסן פֿון דעם. — די איינציקע באַשעפֿעניש וואָס האָט ניט געפֿאָלגט און פֿאַרזוכט איין מאָל, און געבענטשט־פֿאַרשאָלטן געוואָרן מיט וויסנגיריקייט, און טאָקע „והייתם כאלוהים״ — יאָ אַ שותף צו אייביקע מעשי בראשית און אין דער זעלביקער צייט „בזעת אפּך, בעצב תלדי בנים און אַזוי ווייטער. די גרעסטע מעגלעכע קללה פֿון וויסן האָט אַריינגעשטעלט די גמרא: „לא זכה, נעשה לו סם המיתה״ — מעגלעכער אומקום דורך וויסנשאַפֿט.

## ווען איז עס מעגלעך? ווען איז דער לא זכה?

דריי אויפֿלאַגעס זיינען זיי פֿון געטלעכער תורה: די ערשטע, די עלטסטע תורה וואָס זי איז פֿון פֿאַרן קאָסמאָס, פֿון פֿאַרן באַשאַף, וואָס דער גאַנצער קאָסמאָס איז געשאַפֿן לויט איר — דאָס איז די קאָסמישע תורה, תורת היצירה. זי איז

כולה נסתר! דער באַשעפער איז „מביט בתורה און בורא את עולמו". זי איז גאָטס תורה, זי הערשט אין גאַנצן באַשאַף, אין אַלע אָנסופן פון גרייס און פון קליין. אין אָנסופן, אין אַנצייטן, אין אַנמאָסן. זי איז אייגע דורך אַלע אייביקייטן. זי אַליין — די תורת היצירה — איז אויך אָן אָנצאָל פון געזעצן, פון גזרות, און זיי אַלע ציִען צו איין אחד, זיי אַלע זיינען יסודות וואָס שטאַמען פון איין יסוד כל היסודות. דער אחד פון יצירה. דאָס איז די תורה, וואָס הערשט „בטרם כל יציר נברא" און זי איז אין דעם כל יציר אשר נברא, זי איז די נשמה פון דעם כל יציר און אַלע אירע געזעצן ציִען צו איין „אחד ואין יחיד כיחודו". ער איז טאַקע „נעלם און וגם אין סוף לאחדותו".

די צווייטע תורה איז שוין געשאַפן פון מענטשן — דאָס איז די תורה פון די „בני נוח", די געזעצן פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן, „שבע מצוות בני נוח" — פרימיטיוו איז די תורה. צומאָל איז זי ערגער, העסלעכער ווי די „תורה" וואָס הערשט צווישן חיות. וועלף פאַלן ניט אָן אויף וועלף, טיגערס אויף טיגערס, אָבער קין האָט דערהרגעט זיין ברודער הבל. און פון דעמאָלט אָן הערשט זי — די מענ־טשלעכע רציחה פון מענטש קעגן מענטש. און דאָ איז די סכנה פון עץ הדעת, זי — די רציחה — איז די לינקע זייט פון וויסנגיריקייט. זי איז די מאַכטגיריקייט, און ווען זי איז גובר איר שוועסטער — די וויסנגיריקייט, — איז „לא זכה, נעשית לו סם המיתה" — טויט, אומקום, חורבן הוועלט דורך דער וויסנשאַפט; פון אַ שטיין געשליידערט מיט דער האַנט ביז אַטאָמישע און וואַסערשטאָף־באָמבעס. דאָס איז די „תורת האדם". דערפאַר האָט גאָט ניט געוואָלט געטרויען דעם מענטשן די פרוכט פון עץ הדעת. ווייל „יצר לב האדם איז רע מנעוריו". גיי געטרוי דעם מענטשן ער זאָל מקיים זיין דעם „ובחרת בחיים". דאָס איז די תורת האדם.

ביז עס איז געקומען אברהם און האָט אויסגערופן זיין יידישע תורה, גאָר אַ נייעם פּרינציפּ פון „צדקה ומשפט" (בראשית יח' 19), און דער פּרינציפּ מוז זיין שטאַרקער פון אַלע געזעצן פון יצירה ווייל עס קאָן ניט זיין אַז „דער שופט כל הארץ לא יעשה משפט". דער פּרינציפּ פון צדקה ומשפט איז ביז אַברהמען ניט געווען אויף דער וועלט, ניט געווען ביי דער מענטשהייט. ניט געווען און ניטאָ אויך היינט. דאָס האָבן יידישע נביאים אויסגעטראַכט אַ חלום פון באַחרית הימים, ווען „לא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה".

די וועלט, די מענטשהייט קאָן האָבן אַ קיום נאָר ווען די יידישע תורה וועט הערשן איבער דער מענטשלעכער, איבער דער תורת האדם. דעמאָלט איז עס זכה. ווען אָבער די תורת אַברהם איז ניט גילטיק, דעמאָלט איז **לא** זכה.

די ערשטע תורת היצירה איז לכתחילה ניט געגעבן געוואָרן צו מענטשן: צו קיין באַשעפעניש, ניט דער מענטש איז דער יוצר און בורא, ניט ער דאַרף נוצן

די תורת היצירה. איז זי פאַרן מענטשן כולה נסתר. און דאָ האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן דער גוראַנגל פון מענטש מיט גאָט. דער גוראַנגל האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם פאַרזוכן פון עץ הדעת. אייגע נאָך דער צווייטער אַנטפּלעקט דער מענטש די סודות הנסתרות פון דעם באַשאַף. אין דעם אַנטפּלעקן זיינעןביידע עלעמענטן -- דאָס געטלעכע און דאָס שלאַניגשע און ביידע זיינען אין מענטשן. קאָן די מענטשהייט האָבן אַ קיום נאָר ווען די תורת היצירה ביי דעם מענטשן, דאָס וואָס ער אַנטפּלעקט וועט זיין באַהעפט מיט דער תורת אברהם פון צדקה ומשפט. ווען ניט — וועט קומען דאָס שלאַנגישע און ברענגען אַ חורבן פאַר דער מענטשהייט.

דאָס זיינען די דריי אויפלאַגעס פון דער תורה — די קאָסמישע, די מענטשישע און די יידישע. וויסנשאַפט מיינט — דאָס אַריינדרינגען פון מענטשן אין די סודות פון דער קאָסמישער תורה.

## צילן און מיטלען

גאָר אַ גרויסער מרחק צווישן דעם יידישן צוגאַנג און דעם ניט־יידישן איז בנוגע צו דער פראַגע וועגן צילן און מיטלען, וואָס מיט זיי קאָן מען קומען צו די צילן. „די צילן באַרעכטיקן די מיטלען“ — איז אָנגענומען אין דער וועלט. זיינען די צילן הייליקע, מעג מען צוליב זיי באַנוצן זיך מיט מיטלען וואָס זיינען פאַרקערט פון הייליק. אוודאי טאָר מען ניט הרגענען קיין מענטשן. אָבער, ווען מען טוט עס פאַר גאָט איז עס שוין גאָר אַנדערש, קאָן עס אַפילו זיין אַ מצווה. מענטשן וואָס אַליין פאַר זיך, זיינען זיי געווען אַרענטלעך, ניט אָנגערירט קיין צווייטן, זיינען פאַר גאָטס וועגן געווען בייזע רוצחים. אָבער לאָמיר גיין כסדר: לעולם איז די מענטשהייט געווען פאַרשקלאַפט. געהערשט האָבן אַלע מאָל אַ מינדערהייט. די הערשערס האָבן תמיד געדאַרפט כוח, כוח צו אַרבעט, צו הערשן, צו בויען. כוח — האָט מען געוווּסט נאָר איין מקור — פון מענטשן. זיינען מענטשן געווען שקלאַפן — קנעכט, ניט בלויז יידן אין מצרים ביי די פּרעהס. די קנעכט זיינען געווען אין דער פשוטער בחינה פון אַרבעט־בהמות. שפּעטער האָבן שטאַרקערע פעלקער געקראָגן אַ צווייטן מקור פון מענטשלעכן כוח — באַזיגטע פעלקער. אין גריכנלאַנד איז די „געזעלשאַפט“ באַשטאַנען פון אַ קליינער צאָל „פרייע בירגערס“. געאַרבעט האָבן קנעכט. פּלאַטאָן און אַריסטאָטעל האָבן געהאַלטן קנעכטשאַפט פאַר נאַרמאַל, אַזוי דאַרף זיין, אַרבעט דערנידעריקט דעם פרייען בירגער. רוים האָט זיך שוין געהאַלטן איבערהויפּט מיט דער אַרבעט פון באַזיגטע פעלקער. זיי האָבן געאַרבעט אויף די פעלדער, געטריבן צוגעשמידטע צו די געזעסן די שיפן, געשלאָגן זיך אויף די מלחמות, זיינען מלחמות געווען אַ נאַרמאַלע, געהויבענע

אַרבעט אין נאָמען פון מאַכט פאַר די הערשער. צוערשט דעם קייסער און זיינע מקורבים, שפּעטער — אין נאָמען פון פאָלק, פון הערשערישן פאָלק, פון דער הייליקער מדינה. רוים — דער קלאַסישער מוסטער פון אַזאַ אָרדענונג. געטער האָבן געדינט דער מדינה, אירע הערשער. אין קריסטלעכן מיטלאַלטער איז די מענטשהייט געווען צעטיילט אויף פּריצים און פּויערים — קנעכט. די קולטור איז איינגעשטאַנען נאָר ביי די פּריצים, די מערהייט פון די פעלקער — די פּויערים זיינען געווען נאָר אַרבעט־בהמות און טיילוויז קעפּסווייבער. ווען מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט אויסצונוצן דעם כוח פון ווינט און פון פליסיק וואַסער, איז די קנעכטשאַפט געוואָרן עטוואָס גרינגער. ערשט ווען מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט באַנוצן מעכאַנישע כוחות (דאַמף) איז געקומען די צייט פון פּויערים־באַפרייאונג, פון איינקלאַסיקער געזעלשאַפט.

מאַכט, הערשאַפט זיינען ניט פון די זאַכן וואָס מען גיט באַלד אַוועק, אָן דויערנדיקע קאַמפן. ביז היינט דויערן די קאַמפן.

עס איז די נאַטור פון מענטשן אַלע מאָל איינצוּוויקלען די „טומאה אין דער יראה". מען זאָל די טמאהדיקע מאַכטגיריקייט ניט אַרויסזען אָפן. קומט דער שכל און טראַכט צו אַלע מאָל געהויבענע צילן, וואָס פאַר זיי מעג מען, מעג מען זיך שלאָגן, דריקן, שטיקן, געוואַלטיקן — אַלץ. די מאָטיווירונגען זיינען אַלע מאָל שענער, מאָראַלישער פון די מאָטיוון. ניטאָ קיין זאַך, וואָס מען זאָל ניט קענען באַרעכטיקן, מאָטיווירן, צוטראַכטן געהויבענע מאָטיוון. האָט מאַכטגיריקייט אַלע מאָל געפונען זיך אויסצופּוצן אין שיינע מאָטיוון: „עס איז פאַר אונדזער קייסער", פאַר אונדזער מדינה, פאַר אונדזער לאַנד, פאַר אונדזער פאָלק און איבער אַלץ, העכער פון אַלץ איז געווען דער מאָטיוו „ פאַר אונדזער גאָט", פאַר דער רעליגיע. הונדערטער יאָרן האָט די אינקוויזיציע רוצחיש געמאַטערט די שלעכט־גלויביקע, געברענט זיי אויף הייליקע פייערן מיט שיינע און פרומע צערעמאָניאַלן.

לויט מאָטיווירונגען — פאַר גאָט, פאַר דעם גאָט פון רחמנות און גוטסקייט: מען גייט ראַטעווען די נשמות פון די גיהנום־פייערן אויף יענער וועלט, דערפאַר ברענט מען זיי לעבעדיקע אויף דער וועלט. דאָס זיינען געווען די מאָטיווירונגען. און די טיפערע, אמתע מאָטיוון — פשוטע בלוטדאַרשטיקייט. פאַר זיך טאָר מען טאָקע ניט אומברענגען קיין מענטשן, אָבער מען טוט דאָך עס פאַר גאָט! פאַר גאָט מעג מען, עס איז נאָך אַ מצווה!

דער כלל — דער היוכער ציל באַרעכטיקט די גאַנץ נידעריקע מיטלען. טראַכט נאָר צו אַ הייליקע מאָטיווירונג וואָס קאָן גוט באַהאַלטן די מאָטיוון, — און איר מעגט שוין טאָן אַלע פאַרבאָטענע עבירות, אַלץ מעגט איר און לאָזט אייך ווילגיין. איז סטאַלין און היטלער און טויזנטער פון זייער מין געווען אויך פרומע, געטרייע

דינערס פון זייערע רעליגיעס. זיינען איוואַן דער גרויזאַמער, פּיאָטער דער גרויסער, נאַפּאָלעאָן און לענין און נאָך ״גרויסע״ געווען רוצחים פון מיליאָנען אין נאָמען פון אויסגעטראַכטע געטער, פון רעליגיעס אַזוינע.

דער ציל באַרעכטיקט די מיטלען. אַלע מיטלען זיינען כשר אַבי נאָר צו דער־גרייכן דעם הייליקן ציל. מעג מען אומברענגען מיליאָנען אַבי צו ברענגען משיחן. זאָל ער קומען פון ימען בלוט, נאָר ער זאָל קומען און טראָגן זאָל ער, ברענגען זאָל ער די תורה וואָס מיר ווילן...

דאָס איז אַנגענומען אין דער וועלט. האָט זיך דאָ בשום אופן ניט געקאָנט אַריינפּאַסן יידישקייט. ווייל יידישקייט פון חז״ל האָט געלערנט, אַז ״מצווה הבאה בעבירה״ איז שוין מער ניט קיין מצווה. די פּסולע מיטלען פּסלען דעם עצם הייליקן ציל. גאָר פאַרקערט. וויל איך טאָן אַ מצווה, מוז איך לכתחילה קלייבן און אָפּ־וועגן די מיטלען, זיי מוזן זיין ניט ווייניקער כשר ווי די מצווה אַליין. דאָס איז דער יידישער צוגאַנג. קאָן די וועלט מיט דעם ניט מסכים זיין... גייט יידישקייט איר פאַרזיכיק אייגענעם גאַנג, אַנדערש ווי די לאַנדפּעלקער. איך גלייב באמונה שלמה אַז די וועלט וואָלט נאָך געמעגט אַ סך לערנען פון אונדז, די וועלט איז נאָך געבליבן ביי איר פאַרצייטיקער געצנדינסט. באשר ״די חכמה פון אָרעמען איז פאַרשעמט״, — האָט נאָך געזאָגט פאַרצייטן דער קלוגער קוהלת.

## וויסנשאפט-דראנג

וויסנשאַפט־דראַנג קומט ניט פון ״עץ החיים״, פון לעבנסבוים. פון דעם בוים האָבן פאַרזוכט אַלע באַשעפענישן, אַלע זיינען באַשאַנקען מיט די דראַנגען צו לעבן און זיך צו פאַרמערן — דערהאַלטן דעם אייגענעם קיום און דעם קיום פון קאָלעק־טיוו. זיי האָבן אָבער ניט — קיינער פון אַנדערע באַשעפענישן — קיין דראַנג צו דערוויסן זיך, קיין וויסנגיריקייט. דער דראַנג איז פאַראַן נאָר ביי די מענטשן. אויך ביים מענטשן איז די וויסנגיריקייט ניט תמיד ריין, ניט געמישט, ניט פאַרוואָסערט, ניט צונויפקאָמבינירט מיט אַנדערע דראַנגען. פאַראַן מאַכטגיריקייט, פאַראַן געלט־גייציקייט, כבוד־זוכעריי. מאַלע וואָס פאַר אַ דראַנגען עס קאָנען זיין ביי אַ מענטשן. זיי קאָנען פאַרמיסטיקן די וויסנגיריקייט... די ריינע וויסנגיריקייט איז אַ טאָכטער פון עץ הדעת. עס האָבן זיך געעפנט זייערע אויגן און זיי האָבן דערזען די אייגענע נאַקעטקייט, געגומען נייען קליידער, שוין גאַרניט ווי די אַנדערע באַ־שעפענישן. מיט די זעלביקע פּשוטע אויגן האָט דער מענטש דערזען גאָר אַנדערש די גאַנצע וועלט אַרום זיך. האָט ער די וועלט גענומען באַקליידן מיט טעאָריעס.

עס איז גאָרניט גרינג צו לעבן, גאָרניט גן עדנדיק. אָבער דאָס ברויט וואָס אָנגעַ־ הארעוועט אַליין, האָט גאָר אַן אַנדער טעם. אָבער נאָך מער טעם האָט, נאָך מער באַפרידיקונג האָט דער מענטש געקראָגן ווען ער האָט געגומען מגלה זיין, אַנט־ פּלעקן די סודות פון דער נאַטור אַרום. לויפט אַרכימעד אַרום אַ נאַקעטער און שרייט „איירעקע!" — ער האָט געפונען! געפונען! זאָלן אויך אַנדערע זיך פרייען! וואָס האָט ער געפונען? ער האָט אַנטפּלעקט דעם סוד פאַרוואָס און אויף וויפל זיין קערפּער ווערט גרינגער אין וואַסער. און גלייך האָט ער אַרויסגעפירט אַ כלל. ער ווייסט שוין ווי שיפן וועלן גיין. ער איז גליקלעך מיט זיין אַנטפּלעקונג, עס איז אַ באַפרידיקונג פון אַ העכערער מדרגה. עס פרייט זיך אַן אָקס ווען ער געפינט זיין עסן, עס איז מער פרייד פון מענטשן צו מאַכן זיין עסן. איז אין דער אַרבעט דער גן עדן. אָבער די וועלט אַרום אים איז אים געוואָרן היימישער. ער ווייס איר גאַנג, איר דרך, איר הלכה. דאָס וויסן ברענגט אים סיסטעם, אַרדענונג. איטלעך געזעץ וואָס דער מענטש אַנטדעקט איז דאָך אַ כלל, אַ פאַרבינדונג פון אַ סך דערשיינונגען, ווערט אים אַלץ אַרום היימישער, נעענטער. איז דער מענטש דערהויבן געוואָרן העכער פון אַלע אַנדערע באַשעפענישן. ער זוכט שיינקייט אין דער וועלט. ער האָט עסטעטישע פאַרלאַנגען, ער זוכט וויסן, ער זוכט דעם סדר פון דער וועלט! ער זוכט די האַרמאָניע פון דעם אַרום. האָט דער מענטש ליב גע־ קראָגן קונסטן. איז וויסנשאַפט אויך אַ קונסט צו קאָנען זען, צו קאָנען באַנעמען די שיינקייט פון גאַנצן באַשאַף; צו קאָנען אויספורעמען אָט די שיינקייט און גרויסקייט פון דער וועלט. איז וויסנשאַפט אַ העכערער מין פון רעליגיעזער אי־ בערלעבונג. קונסט פאַרנעמט זיך מיט שיינקייט אין דעטאַל, וויסנשאַפט זוכט די שיינקייט און די האַרמאָניע פון כלל, בכלל. ערשט די וויסנשאַפט גיט אַ זינען דער ברכה „עושה מעשה בראשית", אָדער „שכוחו וגבורתו מלא עולם", אָדער „הנותן מיפיו לבשר ודם" און אַזוי בכלל. און וואָס פאַר אַ ברכה וואָלט מען געדאַרפט מאַכן, ווען איך זיץ ביי מיר אין שטוב און איך זע ווי אַ צוויי מענטשן, פשוטע בשר ודמס שפּאַצירן אויף דער לבנה? ווען איך זע ווי די זון גייט אויף אין איר צייט, לויטן זייגער, ווי באַשטימט פאַרויס; ווי אַ גרעזל שפּראָצט אַרויס פון דער ערד.

פאַראַן יצר הרעס וואָס ווילן אַראָפּפירן די וויסנשאַפט פון אירע וועגן. כלומרשט דאַרף די וויסנשאַפט לערנען מאַכן בעסערע מיטאָגן און „אַראָפּציען די שטראַלן פון דער זון און זיי הייסן פוצן די שטיוול (ווי עס לאַכט אָפּ פון דעם יוחנן מלמד ביי פּרצן „וואָס אַמאָל וויניקער"). דאָס איז די פּראַקטישע אָנווענ־ דונג פון דער וויסנשאַפט, דאָס אויסנוצן זי אין פּראַקטישן לעבן. ניט דאָס אָבער איז די ריינע וויסנשאַפט.

האָבן די אַלכעמיקער אין מיטלאַלטער געזוכט צו מאַכן גאָלד, האָבן זיי טאַקע אָנגעקליבן גאָר אַ סך אינפאָרמאַציעס, אָבער דאָס איז נאָר געווען ווי קופּעס

ציגל צו אַ געביידע. אַ וויסנשאַפט איז כעמי געוואָרן ווען אַלע באַקאַנטע עלע־מענטן זיינען אויסגעסדרט געוואָרן אין דער פּעריאָדן־טאַבעלע (מיט 100 יאָר צוריק) און עס איז מעגלעך געוואָרן פּאָרויסצוזאָגן, אַז אין גאָטס וועלט געפינען זיך נאָך דערווייל אומבאַקאַנטע עלעמענטן, און זיי האָבן אַזוינע אייגנשאַפטן. וויסנשאַפט איז דעמאָלט אַן אמתע וויסנשאַפט ווען זי קאָן פּאָרויסזאָגן דאָס וואָס עס קאָן זיין, וואָס עס וועט זיין. איז די וויסנשאַפט מגלה נסתרות!

עס איז אַ געפיל פון אַ העכסטער קאַטעגאָריע. עס איז אַ סך מער ווי אויפדעקן די שיינקייטן פון דער וועלט, עס איז אַ געפיל ווי אַריינדרינגען אין די געטלעכע, פאַרבאָרגענע אַנסופן פון קאָסמאָס. אַ מענטש מיט באַגרענעצטע חושים, מיט געציילטע יאָרן, מיט אָפּגעמאָסטענע כוחות — און מיט איין מאָל דרינגט ער אַריין אין די סודות פון מיליאָנען יאָרן, פון מיליאַרדן ליכט־יאָרן — אַן אַ ברעג און אַ צאָל... אַליין איז דער מענטש אַ קליין ברעקל פון „איצטיקייט", און דורך דער וויסנשאַפט דרינגט ער אַריין אין אַלע „אַמאָליקייטן" — וואָס געוועזן און וואָס עס וועט זיין... וויסנשאַפט איז דעמאָלט אַ וויסנשאַפט ווען זי העלפט יאָ וויסן וואָס עס וועט זיין, וואָס עס קאָן געשען. וויסנשאַפטן לערנען פון דעם וואָס עס איז גע־ווען אויף דעם וואָס עס וועט זיין. „והייתם כאלוהים" שטייט וועגן דעם עץ הדעת און מיט דעם וויסן ווערט דער מענטש אַ שותף צו די מעשי בראשית. ער קאָן אויך שאַפן! אויסרעכענען פאָרויס וואָס און ווי, קריגט דער מענטש אין זיינע הענט „את החיים ואת המוות" — ווערט ער אַ מושל אויף דעם, ער קאָן אומברענגען די גאַנצע וועלט. „והייתם" — איר קאָנט זיין כאלוהים — ווי געטער יודעי טוב ורע — וויסן דאָס גוטס און דאָס שלעכטס, דאָס לעבן און דעם טויט, ובחרת — דו זאָלסט אויסקלייבן בחיים — דאָס לעבן... אַזוי שטייט. אָבער ווייט ניט אַלע און ניט אַלע מאָל איז דאָס אַזוי. שטייט ווידער — „זכה — איז די מענטשהייט זוכה — נעשית לו סם חיים", ווערט דאָס וויסן אַן עלעקסיר פון לעבן, אָבער אויב לא זכה — אויב די מענטשהייט איז ניט זוכה, נעשית לו סם המיתה — ווערט די זעלביקע וויסנשאַפט אַן עלעקסיר פון טויט. דאָס איז דער מענטש מיט דער פּרוכט פון עץ הדעת!

ווייט אָבער ניט אַלע מענטשן זיינען באַשאָנקען מיט דעם געפיל פון וויסנ־גיריקייט. אמת, פון דער נאַטור דאַרף דער מענטש, יעדער מענטש זיין באַשאָנקען מיט דעם דראַנג פון וויסנגיריקייט. אַ יידישע אגדה דערציילט, אַז „תינוק במעי אמו" — אַ קינד פאַרן געבוירן ווערן קאָן וויסן די גאַנצע תורה, ער איז ביכולת צו קאָנען לערנען אַלע תורות — די יידישע, די מענטשלעכע און אויך די קאָסמישע — אַלץ. באשר עס קומט אַ מלאך און שנעלט אַרויס פון דעם מענטשן זיין תורה־פעאיקייט. ער פאַרלירט זיין וויסנגיריקייט. ווער איז דאָס דער בייזער מלאך וואָס נעמט צו ביי דעם נייעם מענטשן זיין געטלעכע וויסנגיריקייט? — דאָס זיינען די

בעסטע פריינד פון מענטשן — די עלטערן און די שולן. די גוטע עלטערן פאַרסמען אים מיט פאַרוויילונגען, מיט פאַרגעניגנס און די שולן פאַרשטאָפּן די קעפּ מיט פּאַרטיקע פאַרמולירטע וויסנס, גוט אויסגעפּרעסט און נאָך בעסער פאַרפּאַקט ווי אין וואַליזעס, פאַרפּאַקט און אָנגעפּאַקט גאַנצע פּעק וויסנס אין זכרון און — גייט אייך געזונטערהייט... די מענטשן זיינען שוין אויף זייער גאַנץ לעבן באַפרייט פון וויסנגיריקייט, עס פעלט זיי דער חוש, ווי זיי וואָלטן ניט פאַרזוכט פון עץ הדעת. דער דראַנג פון וויסנגיריקייט ווערט דערשטיקט דורך נייגיריקייט, דורך לוסט־גיריקייט וכדומה. די טראַגישקייט פון די מענטשן ווערט בולט קענטיק צו דער עלטער: וויסנגיריקייט האַלט דעם מענטשן יונג אַ גאַנץ לעבן ביזן סאַמע טויט. אַלע אַנדערע גיריקייטן פאַרלאָזן דעם מענטשן באַלד ווי די יוגנט גייט אַריבער.

דאָס וואָס איז אַלץ ביז איצט געזאָגט געוואָרן איז בנוגע צו דעם פון וואַנען קומט וויסנשאַפט, ווו איז איר מקור און וואָס טרייבט זי פאָרויס? וואָס איז אָבער אויף דער פראַגע וווהין? צו וואָס פירט די וויסנשאַפט? וואָס איז איר ציל? איר שטרעבונג? — עס איז פאַלש דער געדאַנק אַז וויסנשאַפט זוכט פּראַקטישע צילן, ווי בעסער צו לעבן, ווי צו מאַכן בעסערע געווער, בעסערע קאָמוניקאַציע־מיטלען וכדומה. ווען אַרכימעד האָט געפונען די שווערקייט אין וואַסער, האָט ער ניט געטראַכט וועגן טאָנאַזש פון שיפן; ווען קופּערניק און אַנדערע האָבן געשאַפן די זון־צענטרישע סיסטעם, האָבן זיי ניט געטראַכט וועגן פליען צו דער לבנה; ניט גאַלילײ און ניט טאָריטשעלי און ניט ניוטאָן האָבן ניט געטראַכט וועגן פּראַקטישע צילן ווען זיי האָבן פאָרמולירט זייערע נאַטור־געזעצן. פּאַסטער האָט ניט געחלומט וועגן קאָנסערוון־פאַבריקאַציע, וועגן אַנטיסעפּטיק, אַפילו ניט וועגן ראַטעווען די מענטשהייט פון עפּידעמיעס! פאַראַדיי האָט ניט געטראַכט וועגן עלעקטרישע מאָ־טאָרן, רענטגען האָט בשום אופן ניט געגלויבט אַז זיינע איקס־שטראַלן האָבן אַ וואָסער עס איז פּראַקטישן נוץ. און קיורי האָבן ניט געוואָלט שאַפן קיין אַטאָם־פיזיק און אַטאָם־טעאָריעס. דאָס אַלץ זיינען פּרוכטן אויסגעוואַקסן פון עץ הדעת, אָבער ניט צוליב דעם האָבן מענטשן זיך אָפּגעגעבן מיט וויסנשאַפט, ניט דאָס איז דער ציל פון וויסנשאַפט. איינשטיין זאָגט ערגעץ, אַז עס איז כדאי זיך צו פאַר־נעמען מיט וויסנשאַפט, ווייל זי אַנטפּלעקט די שיינקייט פון דער נאַטור. (לויט צ׳רניאַבסקי). אפשר וואָלט געווען פּינקטלעכער צו זאָגן ניט די שיינקייט פון דער נאַטור געפינט די וויסנשאַפט, נאָר אַז זי געפינט די איינהייט, די גאַנצקייט, די געזעצמעסיקייט פון גאַנץ וועלט. און וואָס ברייטער עס איז דאָס געזעץ, וואָס מער דערשיינונגען עס נעמט אַרום, אַלץ מער דערנענטערט זיך דער מענטש צו דעם אַלגעמיינעם געזעץ איבער אַלע געזעצן, אַלץ נענטער צו דעם שיר השירים, צו דעם געזעץ כל הגעזעצן פון קאָסמאָס. ניט אומזיסט האָט אין סוף פאַריקן י״ה געזאָגט דער פראַנצויזישער געלערנטער פּואַנקאַרע נאָכן באַקענען זיך מיט

איינשטיינס ערשטער אַרבעט, אַז אַט דער יונגער מאַן, אויב עס וועט אים גע־ליגנען ווייטער, וועט קומען צו דעם איינציקן געזעץ וואָס הערשט איבער אַלע פּראָצעסן פֿון דער וועלט און דאָס וועט זיין די פֿאָרמול פֿון גאָט. וואָלט פּואַנקאַרע געווען אַ ייד, וואָלט ער ניט געזאָגט אַזוי האַמעטנע, די גאָט־פֿאָרמול. ער וואָלט געזאָגט, אַז אויב איינשטיין וועט געפֿינען די פֿאָרמול פֿון געזעץ וואָס הערשט אין אַלע פּראָצעסן פֿון קאָסמאָס, וועט דאָס זיין דער „אחד". די וויסנשאַפֿט פֿירט צום אחד פֿון קאָסמאָס. און דאָס איז דער זיגנען פֿון אַלע זיגענס, דער שיר השירים פֿון אַלע וויסנשאַפֿטן, דאָס איז דאָס הייבן זיך אויף דעם לייטער פֿון יעקבן, אַרויף, אַרויף, צו אים, צו אים, צום „כסא הכבוד" (פּרץ, „גאָלדענע קייט")...

דאָס האָט דער ערשטער ייד, אַברהם אבינו געזען די שטערן, האָט ער אין דעם גרויסן אַנצאָל פֿון דער שטערן־וועלט דערזען, דערפֿילט דעם אחד, דעם איינ־ציקן גאָט, דעם איינעם וואָס איז דער אחד, דער איינס וואָס באַהעפֿט, וואָס פֿאַר־בינדט אַלע אַנצאָלן. און אויף אַ מרחק פֿון אַ סך טויזנטער יאָרן איז עס געקומען ווייטער אור־אור־אור־אייניקל פֿון אַברהם אבינו — אַלבערט איינשטיין און האָט געשטעלט נאָך אַ טראָט נענטער צו דעם אחד. אַלע פּראָצעסן וואָס קומען פֿאָר אויף דער וועלט, אַלע אָפּערירן זיי מיט מאַטעריע און אַלע ווערן זיי געטריבן דורך ענערגיע. אָבער די צוויי זיינען ווידער צוויי געשטאַלטן פֿון איין און דעם זעלביקן — מאַטעריע און ענערגיע זיינען ווידער איין אחד, און איינשטיין האָט די צוויי פֿאַרבונדן מיט איין קליינער פֿאָרמול ($E = MC^2$) E = ענערגיע; M = מאַסע; C = דיסטאַנץ).

איך גיי ניט ספּעקולירן פֿאַרוואָס דווקא יידן איז עס באַשערט געווען אַנצו־הייבן מיט דעם אחד און דער ווייטערער טראָט — אויך אַ יידן. פּונקט אַזוי מייד איך אויס צו ספּעקולירן ווי עס קומט צו איינשטיינען אַזאַ זאַך, אַז אַ מענטש וואָס זעט אַ זון־אויפֿגאַנג אָדער אַ זון־פֿאַרגאַנג און ער פֿילט זיך ניט אָן מיט אַ רע־ליגיעזער עמאָציע, איז ווי ער וואָלט געווען אַ טויטער. און דאָס איז כמעט וואָרט אין וואָרט ווי עס זאָגט דעם זעלביקן געדאַנק אַ פּאַרצייטיקער מדרש (מדרש תנחומא, זאת הברכה).

פֿאַר אונדז דאָ איז גענוג צו בלייבן ביי דעם, אַז וויסנשאַפֿט שטרעבט צום אחד פֿון קאָסמאָס־געזעצן. וויסנשאַפֿט וווהין? — צום אחד.

## וויסנשאַפֿט און רעליגיע

רעליגיעס בכלל זיינען אַזוי אַלט! ניט ייִנגער ווי וויסנשאַפֿט. אָרגאַניזירט געזעלשאַפֿטלעך זיינען רעליגיעס פֿריער. מענטשן זיינען אַ סך פֿריער געווען פֿאַר־

בונדן אין געזעלשאַפטן צו פירן רעליגיעז לעבן איידער זיי האָבן אָרגאַניזירט גע־זעלשאַפטן. איך ווייס ניט צי עס קאָן זיך געפינען ערגעץ אויף דער ערד אַ גרופּע מענטשן וואָס זאָלן ניט האָבן קיין אָרגאַניזירטע רעליגיע. איז די פראַגע וואָס מיר שטעלן דאָ: ווי באַציען זיך רעליגיעס, אָרגאַניזירטע רעליגיעס, אָפּט מיט מלוכה־מאַכט, ווי באַציען זיך די רעליגיעס צו וויסנשאַפט?

יעדע עמאָציע האָט איר פיזיאָלאָגישן וואָרצל, — אָנגענעם און אומ־אנגענעם. וואָס העכער די עמאָציע, אַלץ קאָמפּליצירטער איז דער עטישער, מאָראַ־לישער, עסטעטישער אָנוווקס אויף דעם פיזיאָלאָגישן וואָרצל. מען זעט אים אין גאַנצן נישט אַרויס. עס איז מעכטיק דער אָנגעוואַקסענער שטאָם פון געפיל און די פּראַכט פון דער רייטער און הויכער קרוין פון צווייגן, בלעטער און בלומען, וואָס שיינען און גלאַנצן אויף דער זון. דאָס איז די גאַנצע מענטש־לעכע קולטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון די פּרימיטיווע עמאָציעס.

און די העכסטע מדרגה פון די עמאָציעס, ווען דער פיזיאָלאָגישער וואָרצל ווערט אין גאַנצן פאַרגעסן — דאָס איז די מדרגה פון רעליגיעזער איבערלעבונג. אין דער אמתן האָבן די רעליגיעזע איבערלעבונגען ניט קיין דירעקטע שייכות צו די רעליגיעס, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס מיט קאָדעקסן, קולטן און היעראַרכיעס. זיי זיינען אינדיווידועל אינעווייניק, אין דעם מענטשן זיינען זיי, זיי קאָנען ווי אַלע עמאָציעס, אַרויסרופן פאַרשיידענע האַנדלונ־גען, אָבער דער תוך זייערער איז אין זיי גופא. רעליגיעס הייבן אָן פון האַנדלונגען, רעאַגירונגען. ווייט ניט אַלע מאָל ווערן זיי באַגלייט פון אינעווייניקסטע איבערלע־בונגען, דערפאַר וואָלט איך בעסער אָנגערופן די העכסטע מדרגה פון די איבער־לעבונגען ניט רעליגיעזע, נאָר געטלעכע. מיר ריידן דאָך וועגן „געטלעכער שיינקייט”, ווענן „געטלעכער ליבע”. בכן האָבן מיר מדרגות פון חיהשע, דורך מענטשלעכע, ביז געטלעכע. ווי דער מענטש, אַזוי זיינע איבערלעבונגען. אָט די איבערלעבונגען זיינען געשיכטלעך דער מקור פון די אָרגאַניזירטע רעליגיעס. זיי האָבן זיך אָבער אויך במשך פון דער געשיכטע אָפּגעטיילט. עס קאָנען זיין מענטשן מיט טיפע רעליגיעזע עמאָציעס און אָן רעליגיע און פאַרקערט — זיינען פאַראַן אָפּט, צו אָפּט, מענטשן מיט רעליגיעס און אָן רעליגיעזע עמאָציעס. דאַרף מען ניט פאַרבינדן די רעליגיעזע (אָדער געטלעכע) איבערלעבונגען מיט קולטן, מיט דאָגמעס, מיט קאָדעקסן און אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס.

צוויי עמאָציעס — עסטעטיק און עטיק. עסטעטיק פאַרשאַפט מיר פאַרגעניגן, עס גיט מיר דערהייבונג. עס איז פאַר מיר, פאַר מיין פאַרגעניגן, פאַר מיין גוטס איך האָב הנאה. דער איך איז דאָ דער צענטער. מיין פאַרגעניגן איז דער ציל.

עטיק איז אויך אַן איבערלעבונג אָדער פון פאַרקערטער ריכטונג. זי צוימט מיך,

זי האַלט מיך איין, זי לאָזט מיר נישט טון עפּעס, וואָס קאָן אפשר פאַרשאַפן מיר פאַרגעניגן. איך האַלט זיך אָבער אָפּ צו טון עס, ווייל עס קאָן דעם צווייטן פאַר־שאַפן ליידן. דער עמיצער, דער צווייטער קאָן זיין מיין פריינט, און ער קאָן זיין אַ פרעמדער, אַן אומבאַקאַנטער. עס קאָן אַפילו זיין אַן אַבסטראַקטער באַגריף, אַ פּרינציפּ. עגאָצענטריזם און עקסאָצענטריזם — דאָס זיינען צוויי פילוסן פון עסטעטיק און עטיק. עסטעטיק האָט באַהערשט די גאַנצע טעכנישע ציוויליזאַציע. גאַנץ מעגלעך אַז די מענטשהייט גיט אַוועק מער ענערגיע, מער צייט און מי און געלט אויף צו באַפרידיקן די עסטעטיק איידער אויף די ריין פיזישע באַדערפענישן — עסן, כדי צו שטילן דעם הונגער און די גאַנצע עסטעטיק ביים טיש, דער פּוץ.

די עטיק איז דער מקור פון געזעצן, פון קאָדעקסן, פון נאָרמען אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן. עסטעטיק האָט אין זינען דעם פּרט; עטיק — דעם כלל, דעם קאָלעקטיוו.

דער הויפּט־יסוד פון יידישקייט איז די עטיק. ואהבת לרעך כמוך — אין חומש; זאָרגן פאַרן יתום און אלמנה — ביי די נביאים; מאי דעלך סני לחברך לא תעביד, וואָס דו האָסט פיינט זאָלסטו ניט טון דעם צווייטן — דאָס איז אין גמרא. „זאָלן די פיזישע באַדערפענישן פון צווייטן זיין דיינע גייסטיקע באַדערפענישן" — דאָס איז ביי ר' ישראל סאַלאַנטער. אַזוי דורך דער גאַנצער געשיכטע. אָוודאי איז דאָ „הידור מצווה" — דאָס שענער מאַכן, דאָס באַפּוצן די מצווה. אָבער ניט דער הידור, ניט די עסטעטיק איז דער עיקר.

פון דער פּרימיטיווער רעליגיעזער (אָדער געטלעכער) איבערלעבונג ביז די אָרגאַניזירטע סאָציאַלע אינסטיטוציעס, ביז רעליגיעס מיט זייערע טעאָריעס, פי־לאָסאָפיעס, מיט זייער קולט, מיט זייער וועלטבאַנעם — איז אַ ווייטער מהלך. פון דער עצמדיקער געטלעכער איבערלעבונג אין מענטשן גופא ביז צו די פאַרשטע־לונגען און טעאָרעטישע סיסטעמען וועגן גאָט — איז אַ שלל מיט מדרגות. פון דער ריינער רעליגיעזער איבערלעבונג און ביז דער גאַנצער קאָמפּליצירטער רעליגיע־פּראַקטיק פאַר זיך און געזעלשאַפטלעך איז ווידער דער זעלביקער ווייטער מהלך. די צווייטע — די רעליגיעס זיינען טאַקע אַרויסגעוואַקסן פון דעם רעליגיעזן, געטלעכן געפיל, אָבער זיי זיינען זיך שטאַרק פונאַנדערגעגאַנגען. ביי יידן איז אָנגענומען צו מאַכן אַ ברכה פאַר יעדן גענוס. „ברכות הנהנין" — אַ ברכה פאַר יעדער הנאה. ביידע צוזאַמען זיינען איין גאַנצקייט; עס קאָן אָבער קומען אַ צעטיי־לונג. עס קאָן זיין אַ הנאה אָן אַ ברכה, און עס קאָן אויך זיין אַ ברכה אָן אַ הנאה. אַזאַ ברכה אָן אַ הנאה איז אַ „ברכה לבטלה". זי איז ניט מענטשלעך, ניט נאַ־טירלעך. און אַזוי איז אויך אַ הנאה אָן אַ ברכה. בלויז דער פיזישער גענוס אָן דער גייסטיקער דערהויבונג. דאָס איז די מדרגה פון אַ חיה. אַזעלכע מענטשן זיינען אַ סכנה פאַר דער געזעלשאַפט. „ער פליקט און פרעסט" דריקט זיך אויס וועגן

אַזאַ מענטשן ערגעץ די גמרא. און זייער ריכטיק. און ניט בלויז בנוגע צום פּרעס קאָן עס זיין. ער פּליקט פון אַלץ און פון אַלעמען און ער פּרעסט, ער האָט הנאה. דאָס איז פאַר אים אַלץ. זאָל גאָט אויסהיטן פון אַזעלכע מענטשן.

ווי געזאָגט שוין, זיינען די עצם איבערלעבונגען אינטים, אין מענטשן אינע־ווייניק, פאַרבאָרגן; זיי האָבן ניט קיין דרויסנדיקע פאָרמען, וואָס די אַנדערע זאָלן זיי קאָנען באַמערקן דירעקט. זיי קאָנען אָבער אַרויסרופן רעאַקציעס, האַנדלונגען, אויסדרוקן. און ווען אָט די דרויסנדיקע האַנדלונגען ווערן טראַדיציעס אין משך פון דורות, פאַרלירן זיי זייער אינדיווידועלן כאַראַקטער, זיי ווערן די רעלסן וואָס פירן דעם מענטשן אין די סאָציאַל־אָנגענומענע דרכים. וואָס מער אַ גרופּע מענטשן איז דערווייטערט, אָפּגעטיילט פון אַנדערע, וואָס מער זי איז פאַר זיך, אַלץ בולטער טרעטן אַרויס די פאַרזיכיקע שטריכן פון דער גרופּע. אַזוי שאַפן זיך קאָלעקטיווע, פאָלקישע שטריכן, נאָרמען און פאָרמען. וואָס מער אַ פאָלק לעבט פאַר זיך, אַלץ געמיינזאַמער זיינען זיינע מיטגלידער, אַלץ מער פאַרבונדן זיינען זיי צווישן זיך, אַלץ בולטער איז דער פאָלקסטיפּ אין יעדן מענטשן באַזונדער, אַלץ קענטיקער איז דער פאָלקס־גייסט, אַלץ פאַרזיכיקער און אייגנאַרטיקער איז די גאַנצע קול־טור פון פאָלק.

עס איז זעלטן אַ מענטש זאָל זיין אין גאַנצן אינדיווידועל, פאַר זיך; גאָר זעלטן קאָן אַ מענטש אַראָפּגיין פון זיינע „פאָלקישע רעלסן" פון אויפפיר. באַגריפן, אידייען, נאָרמען פון לעבן, שטייגער זיינען גאָר זעלטן אינדיווידועל, אָריגינעל. פון גראַניט איז גאָרניט; אָן וואָרצלען וואַקסט עפּעס זייער זעלטן אויס. דעם מענטשנס גייסט איז אַ סך עלטער פון אים אַליין. אין יעדן פון אונדז לעבט די ירושה פון דורות. דאָס איז דאָס, וואָס די גמרא רופט עס אָן „הלכה למשה מסיני" — אוראַלטע היסטאָרישע טראַדיציעס אין פאָלק. מיר ווייסן ניט ווען און ווער עס האָט זיי איינגעשטעלט. עס גיבן זיך איבער פיזישע שטריכן פון קערפּער, פון גע־שטאַלט, אייגנשאַפטן, נייגונגען צו קראַנקייטן וכדומה. אַזוי גיבן זיך אויך איבער היסטאָרישע טראַדיציעס.

גרויסע שאַפונגען פון גרויסע מענטשן טראָגן דאָך דעם כאַראַקטער פון זייער קאָלעקטיוו, פון זייער פאָלק. גאונים זיינען קינדער פון זייער פאָלק, גרויס איז דער גאון וואָס איז זוכה אַרויסצוברענגען אין קונסט, צי אין פילאָסאָפיע, דעם גייסט פון זיין פאָלק. גרויס איז דער קינסטלער, וואָס זיינע קונסטווערק אַנטפּלעקן די נשמה פון זיין פאָלק, גרויס איז דער דענקער, וואָס פורעמט אויס די אידייען און באַגריפן פון זיין פאָלק. רבי עקיבא וויל האָבן, אַז גאָט האָט גערעדט מיט משהן אין זכות פון דעם יידישן פאָלק. מיט אַנדערע ווערטער: משהס געטלעכע גע־דאַנקען און געזעצן האָבן אַרויסגעשטאַמט פון דעם פאָלקס פאַרשטעלונגען. דאָס איז דער זינען פון דעם אויסדרוק „נאַציאָנאַלער דיכטער", „נאַציאָנאַלער קינסט־

לער", וכדומה. אַזוי איז אויך אַ נאַציאָנאַלער דענקער. ווי געזאָגט שוין, זיינען די עצם־איבערלעבונגען אינטים, אַן אַן אויסדרוק און אַן אַ פאָרעם, באַקעט זיינען זיי, אַן אַ לבוש. גייסט אַליין אַן אַ גוף קאָנען מיר ניט תופס זיין, ניט באַגרייפן. און דער גאון מאַכט פון דעם "ניסתר" — אַ "ניגלה", ער גיט צו דאָס פנים, געשטאַלט. ער מאַכט מען זאָל עס קאָנען אויפנעמען, באַגרייפן און מיר זאָלן דאָס קאָנען פאַרשטיין און אָנרופן מיט אַ פּאַסיקן נאָמען.

כל זמן מיר האָבן געלעבט פאַר זיך אָפּגעטיילט, און אָפּגעזונדערט, כל זמן מיר האָבן אָפּגעהיט אוראַלטע טראַדיציעס און אומעטום, אין אַלץ האָט געוועלטיקט דער אורשטייגער, האָט דער פאָלקס־גייסט געהערשט אין אַלע פירונגען און נאָרמען. יעדער יידישער שעפער איז געווען פאָלקיש, נאַציאָנאַל; אַפילו אַפּטרייניקער (און אַזעלכע זיינען אַלע מאָל געווען!) — אַפילו זיי האָבן געמוזט אָנשטרענגען זיך צו קאָנען גיין פאַר זיך, ניט אין די אָנגענומענע וועגן, זיך אָפּצוזאָגן פון פאָלקישע שטריכן. מיר קאָנען געפינען פאָלקישע שטריכן אַפילו אין די פאַלש־משיחישע באַוועגונגען. אויך אין זייערע עבירות זיינען נישט זיי אַליין די שולדיקע. ניט אומזיסט איז ביי יידן פאַרצייטן געווען אָנגענומען פאַר עבירות פון יחידים אויסצורופן אַ תענית־ציבור פאַר דער גאַנצער קהילה: עפּעס איז דער ציבור ניט אין אָרדנונג, אויב יחידים האָבן געקאָנט דערגיין אַזוי ווייט. אין דער תורה איז פאַראַן דער דין פון אַן עגלה ערופה: האָט מען געפונען אַ הרוג נעבן אַ שטאָט און מען ווייסט ניט ווער עס איז דער רוצח, דאַרף די גאַנצע שטאָט ברענגען אַ קרבן און זאָגן דערביי: ניט מיר האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט.

דאָס איז אַלץ געווען — כל זמן מיר זיינען געווען אין גאַנצן פאַר זיך, אַליין, און דורות נאָך דורות געלעבט צווישן זיך, אָן אָדער כמעט אָן פרעמדע השפעות.

אָבער ווען מיר האָבן גענומען זיך אַריינלעבן אין פרעמדע קולטורן, גענומען ריידן פרעמדע שפּראַכן און אַרבעטן און רוען לויטן פרעמדן לוח — פון דעמאָלט אָן האָבן אויך זייער אָפּט יידישע שעפער גענומען ווילנדיק און ניט־ווילנדיק אַריבערטראָגן פרעמדע אידייען, באַגריפן פון דער פרעמד; געדאַנקען פון פרעמדע קולטורן, דירעקט אין פרעמדן שפּראַך־לבוש און אַפילו איבערגעטאָן אין אַ יידישן לבוש, אָבער דאָך פרעמד, פון דער פרעמד, פון גאָר אַנדערע טראַדיציעס און געוווינהייטן, פון פרעמדע וועלטבאַנעמען. אין פלוג קאָנען זיי אויסזען אַפילו ווי אייגענע, יידישע. "לויטן בגד באַגעגנט מען אַ מענטשן" (אַ ווערטל אַזאַ). אָבער אַז מען נעמט טיפער אַנאַליזירן, דערזעט מען — אַ פרעמדער, א. גר. און מענטשן גרים זיינען ניט קיין גרינגער עלעמענט. געדאַנקען גרים — גאָר אַ סך שווערער.

עס זיינען פאַראַן איבערזעצונגען, פּאַרטיקע קונסטן איבערגעזעצט אין יידיש לשון. דאָס איז אַ "לעגאַלער" גר. ערגער איז מיט די פרעמדע געדאַנקען, וואָס זיינען פרעמד אין עצם פּראָצעס פון דענקען, פון ווערן. זיי קומען אויס צו זיין

אָרגאַניש אייגענע, זיי פּרעטענדירן אָפּט אַפילו, פאַרקערט, צו זיין סופער־נאַציאָ־נאַל. און ערשט פון זיי דאַרף מען זיך היטן. זייער אָפּט באַקומט זיך גאָר אַ פּלאָנטער: דאָס אָרגאַניש נאַציאָנאַלע, דורותדיקע, שטימט ניט מיט דעם וואָס איז פּאָליטיש, געזעלשאַפטלעך אָנערקענט און אָנגענומען, מיט דעם וואָס עס איז „געקרוינט" פאַר נאַציאָנאַל. דאָס אָרגאַנישע, דאָס דורותדיקע, ווערט פאַרשטויסן, אָפּגעשטופט ווי אַן אָרעמער פעטער דאַרף אָפּטרעטן דאָס אָרט פאַרן אָלטן רייכן קרוב, וואָס האָט באַוויליקט זיך צו באַווייזן. מיר האָבן פון דער השכלה אַן אַ סך אַזעלכע דערשיינונגען, ווען יידן קוקן אויף זיך מיט פרעמדע אויגן, כסדר זיך געמאָסטן מיט פרעמדע מאָסן און זיך באַמיט צו פוצן אין פרעמדע איבערגעניצע־וועטע פרעמדע געדאַנקען.

מיר האָבן איצט יידן אָנגעלערנטע אין פרעמדע תורות, אַ פולן קאָפּ און אַ פול האַרץ מיט פרעמדע תורות. מען איז געקומען צו יידן צוריק פון אַלע פרעמדן. מען זעצט איבער אויף יידיש לשון אין פראַצעס פון דענקען אַלדאָס געלערנטע און עס גילט ווי אייגנס. ביים היינטיקן טאָג איז דאָס געזאָגט איבערהויפּט בנוגע צו עברית אין ארץ־ישראל, וואָס אַבסאָרבירט אַ סך געלערנטע יידן פון דער פרעמד. ווילנדיק און ניט ווילנדיק האָדעוועט מען אַזוי אויך אַליין יונגע מענטשן מיט פרעמדס. אין יידיש איז עס ווייניקער, ווייל בכלל האָט יידיש ניט ווו אַריינצונעמען עמיצן. די דאָזיקע, פון דער פרעמד געקומענע זיינען ערלעך מיט זיך אַליין, אָבער זיי זיינען על פּי רוב ניט אָרגאַניש ווי יידן. קומט אויס זייער אָפּט זייער גאַנצע תורה ווי אַ גוט איבערגענייטער בגד פון פרעמדע פּלייצעס. איך האָב אַמאָל געזען אַ בערעזע־בוים, פון ווייטער קאַלטער אייראָפּע, איבער־געפלאַנצט אין מדינת ישראל. נעבן אים איז געווען פאַרפלאַנצט אַ צעדער פון לבנון.ביידע זיינען געוועזן זייער נעבעכדיק, גרים, ניט אַריינגעלעבט.

פאַראַן איבערזעצונגען, וואָס זיינען לכתחילה ערלעך, זיי זאָגן בפירוש, אַז אין דער שפּראַך זיינען זיי פרעמד; זיי נאַרן קיינעם ניט. און פאַראַן גאַנצע אידייען, אידעאָלאָגיעס, איבערגענומען פון דער פרעמד, אויסגעפּוצט לכתחילה אין אונדזער אַ שפּראַך־לבוש און זיי ווילן גילטן ווי אייגנס... און זיי זיינען ווייט ניט אָרגאַניש. אָט האָט מען גענומען ביי יידן זוכן אַ „פּערזענלעכן גאָט" און אַ „געטלעכע פּער־זענלעכקייט"... אַז מען דאַוונט, בעט מען דאָך; בעטן קאָן מען נאָר ביי „עמיצן". איז דאָך זיכער דאָ אַזאַ עמיצער. און נאָך פון דעם מין.

אָבער די גאַנצע טעאָריעס און מחשבות זיינען פון פרעמדע גערטנער. ביי יידן האָט מען פון די חכמי התלמוד אָן געזוכט ניט קיין פּערזענלעכן גאָט, נאָר מען האָט געזוכט און מען האָט געשטרעבט צו געטלעכקייט אין מענטשן. „לאָזט מיך צו רו" — בעט זיך דער יידישער גאָט ביי זיינע יידן — „היט בעסער מיין תורה", וואָס זי דאַרף אייך מאַכן געטלעך.

און אַז יידן דאַווענען, איז עס לגמרי ניט דורכויס בעטלעריש בעטן און חנפהנען זיך צו דעם וואָס לאָזט זיך חנפהנען און גיט עפּעס דערפאַר... אַזוי האָט פאַרשטאַנען די יידישע תפילות עמיצער, וואָס האָט אָנגעשריבן די באַרימטע „באַרג־דרשה" (אין עוואַנגעליע). בעת אין דער אמתן זיינען עס געווען גאַר צו־זאַמענס, ווו מען לייענט און קוויקט זיך מיט נאַציאָנאַלער פּאָעזיע און גע־זאַנגען...

עס איז אָנעגנומען, אַז רעליגיע הייבט זיך אָן דאָרטן, ווו עס ענדיקט זיך דאָס וויסן. אונדזער מענטשלעך וויסן איז באַגרעניצט; וואָס מער מען דערוויסט זיך, אַלץ מער בלייבט אומבאַוווּסט. דאָ קומט די אמונה, די רעליגיע.

און עס איז ווידער פּרעמד. עס איז פּונקט דאָס פאַרקערטע: דאָס וואָס מיר וויסן, וואָס מיר זעען, דאָס וועקט ביי אונדז אויך געפילן פון עסטעטיק, פון באַ־וווּנדערונג און אַז געפילן דערגרייכן זייער העכסטע מדרגה, ווערן זיי רעליגיעז. אַזוי איז די גאַנצע פּאָעזיע פון תהלים. „די הימלען דערציילן גאָטס כבוד און די שאַפונגען פון זיינע הענט". „ווען איך זע דיינע הימלען, די לבנה און די שטערן, וואָס דו האָסט איינגעפעסטיקט — וואָס איז דער מענטש?". און אַזוי נאָך און נאָך... דאָס גאַנצע קאַפּיטל קד', דאָס באַקאַנטע „ברכי נפשי", וואָס יידן פלעגן זאָגן אַלע שבת, דאָס אַלץ איז פּאָעטישע באַוווּנדערונג פון גאָטס וועלט. און אַזוי כסדר. זיכער איז גערעכט אַ מדרש וואָס זאָגט, אַז אַ מענטש, וואָס זעט ווי די זון גייט אויף און ווי זי פאַרגייט און ער מאַכט ניט קיין ברכה ווי אַן אויסדרוק פון באַגייסטערונג, איז אַ רשע... איינשטיין, וואָס האָט דעם מדרש זיכער ניט געזען, האָט אויף דעם זעלביקן געזאָגט, אַז ער איז טויט... ביידע זיינען ריכטיק: די נשמה, וואָס פילט ניט די מעכטיקע שיינקייט פון די דערשיינונגען, איז אַ טויטע. און אַ לעבעדיקער מענטש, מיט אַ טויטער נשמה, איז זיכער אַ רשע. און אַ מענטש אָן קדושה איז אַ סכנה פאַר מיטמענטשן. אין דער אמתן זיינען רעליגיעזקייט און וויסנשאַפט צוויי שוועסטער, וואָס גייען צוזאַמען. דער שכל און געפיל. דער שכל זוכט, ער גריבלט זיך און מאַטערט זיך, ער באַמיט זיך צו געפינען די סודות, די פאַרבאָרגענישן פון גאָט־באַשאַף, און דאָס געפיל לעבט עס אַלץ איבער. דעם אומרו פון וועלן וויסן, די פרייד פון דערוויסן זיך — צווילינג־שוועסטער זיינען זיי. איינע הייסט וויסנשאַפט און דער נאָמען פון דער צווייטער איז רעליגיע. אָפּגע־טיילט די צוויי באַזונדער, ווערן זיי ביידע שעדלעך: וויסנשאַפט וויל איינבעמען די וועלט, צי אין קעשענע אַריין, צי אין כוח, אַבי איינבעמען — די וועלט איז אירע: „ציטערט אַלע! איין ריר מיט אַ קנעפּל און אַלע ווערט איר חרוב..."

און די רעליגיעס־אַלערליי גייען דורך דורות, טראָגן געצן און מען ברענט אַ וועלט: דאָס ברענגט מען קרבנות צו זייערע בלוטיקע געטער...

ווי אַלע שאַפונגען פון מענטשן קאָנען רעליגיעס אָוועקגיין אויף פאַלשע

וועגן. קאָנען זיי ווערן געציייג פון מאַכטגיריקייט. האָבן וויסנשאַפטן פאַרבלאָנ־דזשעט, געוואָרן קנעכט ביי דער טעכניק — ווי בעסער צו קאָכן, ווי בעסער, גרינגער צו הערשן, צו פאַרשקלאַפן פעלקער, ווי צו מאַכן בעסערע און פּערפעק־טערע משחיתים. אַזוי אויך זיינען רעליגיעס אוועק פון זייער מקור. זיינען זיי גאָר געוואָרן מאָטיווירונגען ווי צו שאַלטעווען און געוועלטיקן און געוואַלטיקן איבער מענטשן און פעלקער: מיר האָבן דעם אמתן גאָט ביי אונדז אין קעשענע. הייסט אונדז אָט דער מעכטיקער גאָט אומברענגען אַלע זיינע קעגנערס. אנשטאָט מענטשן זאָלן דינען צו גאָט, פאַרשקלאַפן מענטשן זייער גאָט ער זאָל זיי דינען. זיי זאָלן קאָנען הערשן מיט בלוט און פייער. ניט גאָט איז אַ שלעכטער, מענטשן זיינען די שלעכטע און פאַרשקלאַפן אויך גאָט. זיי פאַרוואַנדלען אויך רעליגיעס אין רשעות.

## וויסנשאַפטן און רעליגיעזע אינסטיטוציעס

רעליגיעס ווי אינסטיטוציעס זיינען לגמרי ניט פאַרבונדן מיט עמאָציעס, מיט געפיל־איבערלעבונגען. זיי זיינען אָרגאַניזאַציעס, כדי צוזאַמען צו קאָנען, גרינגער, צו קאָנען געמיינזאַם דורכפירן גרויסע פונקציעס פון קאָלעקטיוון כאַראַקטער.

רעליגיעס האָבן באַשטימט קאָדעקסן, פליכטן, מצוות און עבירות; רעליגיעס האָבן אָנגעשטעלטע דורכצופירן די פונקציעס. גאַנצע היעראַרכיעס. ווי אַזעלכע האָבן רעליגיעס אויך מאַכט־דראַנגען. די מאַכטגיריקייט פון רעליגיעס האָט זיך געצויגן דורך דער גאַנצער געשיכטע. „וועמעס מאַכט, דעמס רעליגיע מוז הערשן" — אַזוי איז עס געווען אָנגענומען און נאָך ביז איצט ניט אין גאַנצן זיך באַפרייט פון דעם פּרינציפּ. אַפילו אין די לענדער ווו די רעליגיע איז אָפּגעטיילט פון דער מלוכה, איז דאָך דער רעליגיעזער איינשטעל פון דער מערהייט — דער הערשער — דער לוח פון אַרבעט און רו, שפּראַך, שטייגער, זיטן און מנהגים. עסנס פּאַרטיקע, אַלץ. די מינדערהייטן מוזן זיך סובאָרדינירן. ראַדיאָ און טעלעוויזיע, שילדן אין גאַס, פאַרווײַלונג־אינדוסטריע; די פאַרמיטלערישע פּראָפּעסיעס — אומטום ווערט די מינדערהייט באַהערשט דורך דער מערהייט.

# חכמה און תורה

תאמר תורה בגויים — אל תאמין,
תאמר חכמה בגויים תאמין

(פון אַ גמרא)

וועלן מיר עס פאַרטייטשן. חכמה איז דאָס עלטערע וואָרט פאַר וויסנשאַפט. דאָס וואָרט „מדע" איז געקומען שפּעטער, אין זינען פון וויסנשאַפט — נאָך שפּעטער. תורה מיינט אות באות ניט סתם וויסן, חכמה, נייערט עס מיינט אָנווייזונג, באַלערנונג, לערנען ניט כדי צו וויסן סתם, נאָר באַלערנען כדי זיך צו פירן. רבי יהודה הלוי — אַליין אַ פילאָסאָף — דאָך זאָגט ער אין אַ פּאָעמע: „עס זאָל דיך ניט איבעררײדן די חכמה יוונית („וויסנשאַפט"), ווײל זי האָט ניט קיין פּרוכט נייערט נאָר בלומען". דעם געדאַנק זאָגט ער אַרויס אויך אין ספר הכוזרי. עס איז ניט שווער צו פאַרשטיין וואָס ער מיינט מיט די ווערטער „פּרוכט" און „בלומען". בלומען — דאָס איז וויסן סתם, וויסן לשם וויסן, פּרוכט מיינט— ענדערן דעם אויפפיר, דאָס באַגיין זיך, דאָס פירן זיך, ווי מען לעבט. וואָס איז דער ציל פון וויסן? צוליב וואָס וויסן? צוליב דעם עצם פאַרגעניגן פון וויסן אָדער וויסן כדי מיך צו לערנען לעבן? האָט דער ערשטער ייד אַרײנגעפירט דעם באַגריף „צדקה ומשפט", איז דאָס שפּעטער דערגאַנגען ביז דעם העכסטן ציל „לתקן עולם במלכות שדי". איז דאָס געוואָרן דער גאַנצער ציל פון יידישקייט, האָט זיך דאָס יידישע פאָלק קאָנצענטרירט אויף תורה. איז דאָס געוואָרן דער גאַנצער אינהאַלט פון גייסטיקן לעבן פון יידישן פאָלק. ווי אַ בולטן בײשפּיל וועלן מיר דאָ דערמאָנען צוויי גרויסע יידן ז. פרויד און ר׳ ישראל סאַלאַנטער, ביידע אין נײנצנטן יאָרהונדערט. וועגן פרוידן ווייסן אַלע. ער האָט זיך אַרײנגעגראָבן אין די טיפענישן פון דער נשמה, אין די איבערלעבונגען און אין די פּראָצעסן וואָס רופן אַרויס די איבערלעבונגען, וואָס קומען פאָר אינעווייניק אין מענטשן און דער מענטש אַליין ווייס ניט פון זיי, ווי דער דונער ווייס ניט, אַז ער הרגעט, און דער רעגן ווייס ניט, אַז ער מאַכט פרוכטיק די ערד. דאָס זיינען פּראָצעסן וואָס קומען פון אונטער דעם באַוווסטזיין.

די וואָס זיינען באַקאַנט מיט די אידעען און געדאַנקען, מיט די טעאָריעס און פּראַקטיק פון דעם שעפער און פירער פון דער מוסר־באַוועגונג, דעם גרינדער פון די מוסר־ישיבות ר׳ ישראל סאַלאַנטער (פון דעם שטעטל סאַלאַנט אין קאָוונער גוב׳), ווייסן אַז אויך ער האָט זיך געגראָבן אין דעם אומבאַוווסטזיין פון מענטשן, ער האָט אויפגעדעקט אַ סך פּראָבלעמען. הגם ער האָט געלייענט דייטש,

געלעבט עטלעכע יאָר אין דייטשלאַנד און אין פּאַריז, דאָך איז כמעט אָנצונעמען אַז ער איז ניט געווען באַקאַנט מיט פּרוידס טעאָריעס. צוליב וואָס אָבער האָט ער געזוכט צו באַנעמען די פאַרבאָרגענע פּראָצעסן אין מענטשן? גאָר ניט כדי סתם צו וויסן, נייערט כדי צו ווירקן דירעקט אויף דעם אויפפיר פון דעם מענטשן, זיין מאָראַל. פּרויד האָט געזוכט מעדיצינישע הילף, ר׳ ישראל סאַלאַנטער האָט געשטרעבט צו מאָראַלישער דערהייבונג פון מענטש. ביידע זיינען געווען יידן, אָבער פּרויד איז געגאַנגען אויף די וועגן פון וויסנשאַפט, ר׳ ישראל איז גע־גאַנגען אויף די וועגן פון תורה. תורה איז קאָנצענטרירט אויף דעם מענטשן און זיין אויפפיר. צו דעם ציל זיינען סובאָרדינירט אַלע געביטן פון פאָרשן און זוכן. וויסנשאַפט האָט אַ סך ברייטערע צענטערס, אָבער איר שטרעבן איז קודם כל וויסן. דער מענטש און זיין אויפפיר איז דאָ ניט וויכטיק. אַבי מיר האָבן דאָס פאָרמוליר־טע וויסן. זאָגט ערגעץ אַ גמרא אַז מען טאָר גאָרניט לערנען קיין תורה פון אַ לערער, וואָס פירט זיך ניט ווי אַ מלאך. אַזאַ תורה אָן דרך ארץ קאָן גאָר זיין שעד־לעך. עס קאָן אַפילו דערגיין ביז צו דעם אַז די תורה זאָל זיין סם המיתה.

האָט דער ערשטער ייד געטראַכט וועגן „צדקה ומשפט", האָט משה אין די געטלעכע לוחות וואָס ער האָט געבראַכט, געהאַט גאָרניט וועגן גאָט־וויסנשאַפט, ניט בייטיק צו דערציילן וועגן גאָט און זיינע אייגנשאַפטן. דער עיקר איז דער אויפפיר. און גלייך נאָך די צען געבאָט, גלייך קומען משפטים — אַלץ סאָציאַלע געזעצן ווי צו לעבן, גאָרניט ווי צו דינען גאָט.

שפּעטער ריידן אַלע נביאים וועגן סאָציאַלע פּרינציפּן ווי צו לעבן; זיי ריידן אָבער ניט וועגן דעם ווי מען דאַרף גלייבן און ווי מען דאַרף דינען גאָט. נאָך שפּע־טער פאַרנעמען זיך די חז״ל איבערהויפּט מיט סאָציאַלע און יורידישע פּראָבלע־מען, זיי פאַרנעמען זיך כמעט גאָרניט מיט די יסודות פון אַ גאָט־וויסנשאַפט. פאַראַן יאָ אַ סך וועגן די פאָלקישע מנהגים אין פאַרבינדונג מיט דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, אין פאַרבינדונג מיט יום טובים. אָבער עס איז ניטאָ קיין נאָרמען פון גלויבן, קיין קרעדאָס וועגן גאָט. די קריסטלעכע הייליקע שריפטן זיינען אַלע קאָנצענ־טרירט אַרום דער פּערזאָן פון זייער גאָט. אין די יידישע שריפטן איז אַלץ צענטרירט אַרום דעם לעבן און די גורלות פון פאָלק. דאָס פאָלק און ניט גאָט איז דער צענטער פון דער תורה. עס קאָן אויסקומען ווי די יידישע רעליגיע זאָל שטאַמען פון אַ דריטן דראַנג: קיום פון פּערזאָן, פון יחיד הייסט עס; קיום פון אַרט, — די צוויי דראַנגען זיינען פאַראַן ביי אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן. ביי יידן וואָלט בכן אויסגעקומען צו רעכענען נאָך אַ דריטן דראַנג — קיום פון פאָלק. און עס איז בנמצא אַט דאָס דריטע געפיל אויפצוהאַלטן דעם קיום פון פאָלק ביי די טיילן פון פאָלק, וואָס ביי זיי איז בכלל דאָס זיין אַ ייד אַ פּסיכישע דאָמינאַנטע. זיין אַ ייד הייסט האָבן אינטערעסן פון גאַנץ פאָלק, פון קאָלעקטיוו אין גאַנצן.

דערפאַר טאָר מען ניט מאַכן קיין גזרה שווהס פו די קריסטלעכע רעליגיעס אויף דער יידישער: יענע זיינען גאָט־רעליגיעס. אין צענטער איז די פּערזאָן פון גאָט, זיין ביאָגראַפיע, זיינע אויפטועז, זיינע מקורבים, זיין משפחה; די יום טובים זיינען פאַרבונדן מיט דער ביאָגראַפיע פון גאָט. דערפאַר איז ביי זיי וויסנשאַפט וועגן גאָט — די טעאָלאָגיע זייער וויכטיק.

גאָר אַנדערש איז די יידישע רעליגיע — איר גאַנצע אַנטוויקלונג פון אָנהייב אָן, שוין אברהם אבינו גייט גלייך אַריבער פון „וספור את הכוכבים" — פון קאָס־מאָס צו „צדקה ומשפט", גאַרניט וועגן גאָט און זיין עקסיסטענץ פאַר זיך. אַזוי אויך אין תורת משה, אַזוי זיינען אַלע יום טובים פאַרבונדן מיט דעם לעבן פון פאָלק, מיט זיינע גורלות, „יציאת מצרים" איז געוואָרן אַ סימבאָל: קנעכטשאַפט, יאָך פון אַנדערע — דאָס איז מצרים, ניט דווקא די היסטאָרישע מצרים; יציאת מצרים — מיינט בכלל יעדע באַפרייאונג. דער אָפּטער אויסדרוק „זכר ליציאת מצרים" איז ניט סתם אַ דערמאָנונג, נאָר אַ סימבאָל פון יעדער באַפרייאונג, מעג עס גאָר זיין רוים, אָדער אַן אַנדער לאַנד. אַלע יום טובים זיינען פאַרבונדן ניט מיט גאָט, ניט מיט משה, נאָר מיט דעם לעבן פון פאָלק ווי אַ פאָלק. דאָס אָפּ־היטן יידישקייט, די פאַרהייליקטע יידישקייט ווערט פאַרלאַנגט ניט מיט גאָטס ווילן, מיט זיינע פאַרלאַנגען, נייערט מיט דעם גוטס אָדער שלעכטס פון פאָלק, מיט די אינטערעסן פון פאָלק. דערפאַר זיינען די קריסטלעכע רעליגיעס „גאָט־רעליגיעס" און די יידישע איז אַ „פאָלק־רעליגיע". דער אויסדרוק „זכר ליציאת מצרים" קאָן פאַר אונדז היינט מיינען אויך זיך באַפרייען פון וועלן אויסגעלייזט ווערן דורך אַנדערע, באַפרייען זיך פון וואַרטן אויף זייער פרעמדן משיחן, וואָס וועט כלומרשט שוין אונדז אויך אויסלייזן. ווייַ צו אונדז ווען מיר וואַרטן אויף פרעמדע משיחן, אונדז וועלן זיי ניט אויסלייזן.

אין דעם זעלביקן וועג זיינען געגאַנגען אַלע ווייטערדיקע שאַפונגען, די גאַנצע יידישע קולטור. די יידישע תורה איז ניט קיין גאָט־וויסנשאַפט, נייערט אַ „פאָלק־וויסנשאַפט". אויף דער פראַגע — „אין זכות פון וואָס יידן זיינען אויסגע־לייזט געוואָרן פון מצרים?" — ענטפערן חז"ל: זיי האָבן ניט געביטן זייער שפראַך, זייערע נעמען און זייער שטייגער. ווי די פראַגע, אַזוי אויך דער ענטפער דאַרפן זיי פאַרשטאַנען ווערן ווי אַ סימבאָל פון יידישן קיום בכלל: וואָס האַלט אויף דעם קיום פון פאָלק?

די יידישע תורה איז אַלע מאָל געווען און זי איז די שאַפונג פון פאָלק אין די אינטערעסן פון פאָלק. הן די בעל פה, הן די וואָס בכתב, הן די פאַרהייליקטע און הן די נאָך ניט פאַרהייליקטע — די וועלטלעכע — אַלץ איז יידישקייט און איז קודש בקדושת הפאָלק.

תורה שבעל פה מיינט בכלל פאָלקיש־יידישע שטייגער־פירונגען און שאַ־

פונגען דירעקט פון לעבן. תורה שבכתב מיינט דאָס זעלביקע, נאָר עס האָט זיך שוין באַוויזן איינצובירגערן און פאָרמולירט ווערן אין שריפט. דאָס עלטערע איז פאַרהייליקט ווי מצוות אָדער הלכות און דאָס ייִנגערע איז נאָך דערווייל וועלט־לעך. עס איז ייִדישקייט, אָבער נאָך ניט פאַרהייליקט. און דערפאַר איז עס: חכמה ביי פעלקער — דאָס יאָ. זיי דאַרפן ניט זאָרגן פאַרן קיום האומה, קאָנען זיי זיך אָפּגעבן מיט וויסנשאַפטן לשם וויסן. זייערע רעליגיעס זיינען פאַר גאָט, זייער וויסנשאַפט קאָן זיך שטעלן פּראַקטישע אָדער טעאָרעטישע צילן. ייִדן אָבער מוזן דורך דער גאַנצער געשיכטע זאָרגן איבערהויפּט פאַרן קיום האומה, דערפאַר איז ביי אונדז תורה, ניט חכמה. די חכמה איז לשם תורה, לשם קיום, די חכמה מוז זיין תורהדיק, אויפהיטן דעם קיום האומה דורך מעשים, פירונגען.

## תורהדיקע חכמה

עס איז איצט ביי ייִדן גאַנגבאַר א לאָזונג „תורהדיקע דערציאונג, תורהדיק לערנען" וכדומה. אָבער עס דאַכט זיך, אַז די פאַרלאַנגער גופא האָבן זיך ניט באַמיט (כבודם במקומם) אויפצוקלערן דעם ענין ווי געהעריק. מען מיינט עס בדרך כלל אויף אַזאַ וועג: עס גייט דאָך אַ קאָנקורענץ צווישן „אַלגעמיינע לימודים" און „ייִדישע", בכן פאַרלאַנגען זיי מער צייט פאַר די ספּעציפיש־ייִדישע געביטן, פאַר תנ"ך, פאַר גמרא וכו'.

איז אָבער דער גאַנצער ענין אָפּגעפרעגט פון אָנהייב אָן. ראשית כל, איז די עצם פאַרטיילונג אויף אַלגעמיינע און ייִדישע געביטן — אַ פאַלשע און שעדלעכע: דער באַגריף „אַלגעמיינע" מיינט דאָך ניט ייִדישע, דאָס איז אָנגענומען ביי אַלע פעלקער, צו ייִדישקייט האָט עס ניט קיין שייכות. איז לגמרי ניט צו פאַרשטיין, מיט וואָס איז דער ענין פון אַן אַקס אַן האָט צעשטאָכן אַ קו, מער ייִדיש איידער, למשל, וואָסער אין אַטמאָספער? און אַזוי כסדר. עס איז מאָדנע, וואָס די סוגיא פון עדים זוממין, אָדער ארבעה אבות נזיקין קאָן איינפלאַנצן מער ייִדיש באַ־וווסטזיין איידער די פּראָצעסן פון וואַקסן און לעבן.

ווי איז בכלל געקומען די פאַרטיילונג? — זי קומט פון דעם, וואָס מען באַ־נעמט פאַלש דעם מהות פון ייִדישקייט. די גאַנצע מענטשלעכע קולטור, אַלע וויסנ־שאַפטן, אַלץ וואָס אַלע פעלקער פאַרנעמען זיך מיט דעם — דאָס זיינען „אַלגע־מיינע" וויסנשאַפטן און געביטן. ייִדן ווי ייִדן, ווי אַ פאַרזיכיק פאָלק האָבן דאָ ניט קיין שום ענין פאַר זיך. עס בלייבן אָבער זאַכן וואָס אַנדערע פאַרנעמען זיך מיט דעם ניט, דאָס זיינען „ייִדישע" געביטן, ייִדישע לימודים. עס איז אַ מין ייִדישע געטאָ, אַ גייסטיקע קולטור־געטאָ, נאָר דאָ איז ייִדישקייט קאָנצענטרירט, נאָר דאָ

האַלט זי זיך. פאַרנעמט זיך אַ ייד מיט פיזיק, מיט געאָגראַפיע, — גייט ער אַרויס פון געטאָ, קאָן ער אין גאַנצן אַוועקגיין און איבעררייסן מיט יידישקייט; דאָס איז אַן אַנדער וועלט. אַ שמאָלע, אַ קליינע וועלט. און נאָך קלענער, און נאָך שמע־לער ווערט אָט די „וועלט" פון כלומרשט אויסשליסלעכער יידישקייט, ווייל ווען איך לערן די מעשה פון פלגש בגבעה אָדער שנים אוחזין בטלית, דאַרף איך אָנטאָן די יאַרמלקע, אפשר וואַשן די הענט, ווייל דאָס איז קודש, און ווען איך לערן ביאַ־ליקס מגילת האש, און לייוויקס גולם, און קולבאַקס „ווילנע", — דעמאָלט איז גאָר טריף, פסול, חלילה!

פון וואַנען קומט אַזאַ פאַלשע און שעדלעכע איינשטעלונג? פאַרוואָס האַלטן זיך אָן איר די וואָס ריידן אַזוי פיל אין נאָמען פון יידישן פאָלק און באַמיען זיך צו האַלטן זיך פאַר היטער פון יידישקייט? —

דער מקור פון דעם שעדלעכן און פאַלשן צוגאַנג ליגט אין דעם וואָס מען האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, הגם מען זאָגט עס אָפן ניט אַרויס: יידן זיינען מער ניט קיין באַזונדער פאָלק פאַר זיך. זיי זיינען נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע אַזאַ, ניט מער. יידן זיינען כלומרשט פול אינטעגרירט אין דעם לאַנדפאָלק — שפּראַך, פאָלק, קול־טור — איין לאַנד איז אויך איין שפּראַך און קולטור. אמת, מען געדענקט נאָך דעם אייגענעם „עטנישן אָפּשטאַם", מען איז נאָך ניט קיין פולע דורותדיקע „ערן־בירגער", נאָר עטלעכע דורות, ניט מער... מער ניט די רעליגיע איז באַזונדער, פאַראַן פּראָטעסטאַנטן און קאַטאָליקן, מעגן אויך זיין יידן. גילט עס אַ פראַזע אַזאַ אין אַלע לענדער ווו נאָר מען לאָזט: פּאָליאַקן פון משהס גלויבן, מעקסיקאַנער פון משהס גלויבן און אַמעריקאַנער פון דעם מאָדנעם משהס גלויבן... אויך נאָר עטלעכע דורות — משה מענדלסאָן דער דייטש און פרומער ייד אָבער ניט זיינע קינדער. אויסגעקומען ניט איין מאָל צו הערן און צו לייענען: אַמעריקע וועט קאָנען פאַרטראָגן נאָר אַ באַזונדערע, פאַרזיכיקע רעליגיע, אָבער בשום אופן ניט קיין באַזונדערע יידישע קולטור. דאָס הייסט גאָר פשוט, אַז די לייט חזרן איבער אות באות די טעאָריעס פון די יידן אין פראַנקרייך בעת דער עמאַנציפּאַציע און דעם באַרימטן „סנהדרין", די חכמה פון די דייטשישע יידן אין זייער צייט און פון איטאַליע און ווו ניט?

אויף דעם וועג גייען אויך די אָרטאָדאָקסן אין אַמעריקע: יידן זיינען אַמעריקאַנער מיט אַ באַזונדערער שטיקל, באַשניטענער, צוגעפּוצטער „גאָט־רע־ליגיע". מער טאָרן יידן ניט, מער ווילן זיי גאָר ניט... מאָדנע: ווען מען האָט יידן אַרויסגעלאָזט פון געטאָ, מאַכן זיי אַליין פאַר זיך אַ געטאָ פאַר זייער יידישקייט, אַ קליינע געטאָ פון אַ פאַרקירצטן שולחן ערוכל. מער ניט! יידישקייט איז אַ מין מומיע וואָס וואַקסט ניט, וואָס אַנטוויקלט זיך ניט, נאָר דאָס וואָס עס גילט ווי

רעליגיע. אַזאַ צוגאַנג איז פאַלש אפילו לויט דער יידישער רעליגיע, וואָס איז קיינמאָל ניט געווען קיין פיקסירטע לעולם ועד, נאָר זי האָט זיך כסדר אַנטוויקלט, כסדר איינגעשטעלט נייע תקנות און תיקונים, כסדר מיטגעגאַנגען מיט דעם גאַנצן לעבן. אַלץ וואָס יידן לעבן מיט דעם און האַלטן אויף דעם פאָלקישן קיום דאָס איז יידישקייט. איז צום טיפן באַדויערן וואָס די היינטיקע יידישע אָרטאָ־דאָקסיע גייט מער אויפן וועג פון די אַמאָליקע צדוקים: זיי אָנערקענען נאָר די היינטיקע תורה שבכתב, נאָר דאָס וואָס עס איז היינט פיקסירט און קאָנאָניזירט, עד כאן און ווייטער גאָרניט. ניט אַזאַ איז געווען דער וועג פון די אַמאָליקע פרושים, וואָס זיי און נאָר זיי האָבן געגרונטפעסטיקט דעם קיום פון פאָלק לדור־דורות. די אמתע „תורהדיקע חכמה" וואָס די פרומע וואָלטן געדאַרפט אָננעמען אין גייסט פון דער אייביקער יידישער טראַדיציע דאַרף באַשטיין:

א. — כל מה שתלמיד ותיק — אַלץ וואָס יידישע דענקערס שאַפן און וועלן שאַפן אין יידישן גייסט און אין יידיש לשון, איז ווי „נתנה למשה מסיני" איז ווי עס שטאַמט פון סיני, פון בראשיתדיקער יידישקייט. ווי אַ בוים וואַקסט אַרויס פון אַ קליין זאָמענדל.

ב. — מען טאָר ניט אָפּשניידן יידישקייט, — זאָגט נאָך אַ גמרא.— ווען די תורה וואָלט געגעבן געוואָרן אָן אָפּגעשניטענע, וואָלט יידישקייט ניט געהאַט אויף וואָס צו שטיין, צו האַלטן זיך. דערפאַר איז די יידישע קולטור וואָס איז היינט נאָך וועלטלעך ניט ווייניקער קודש, פאָלקיש קודש ווי דאָס וואָס עס איז געקומען פון פאַרצייטן, וואָס עס איז הלכה למשה מסיני.

ג. — אין שולן טאָר מען ניט אָפּטיילן, אויסטיילן „יידישע" לימודים. אַלע -- אויך די „אַלגעמיינע" — דאַרפן לויט זייער גייסט און לשון זיין יידיש, ניט ווייניקער ווי פאַר ענגלענדער זיינען זיי ענגליש, פאַר רוסן — רוסיש אאז"וו. פאַר יידישע קינדער דאַרף אַ יידישע שול פאַריידישן די אַלגעמיינע געביטן. דע־מאָלט וועט די חכמה ווערן תורהדיק. דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער זינען פון דער פאָדערונג „תורהדיקע וויסנשאַפט", „תורהדיקע דערציאונג".

פון אַזאַ זיווּג צווישן חכמה און תורה וואָלט געקאָנט געניסן ניט בלויז די יידישע וועלט, נאָר די וועלט בכלל. פאַרוואָס?

— מיר האָבן אַ סך מאָל ציטירט דעם ריכטיקן אמת פון חז"ל, אַז „זכה — ווען אַ מענטש איז זוכה, ווערט אים זיין תורה אַ סם חיים. ווען ער איז אָבער ניט זוכה, ווערט זיין תורה פאַר אים (און נאָך מער פאַר אַנדערע!) אַ סם המיתה". דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן וויסנשאַפטן בכלל. היינט ציטערט די גאַנצע מענטש־הייט אין דער וועלט פאַר אַן אַטאָמישן טויט. דאָס איז דערפאַר ווייל דער מענטש האָט געקראָגן אַ שליטה איבער די קאָסמישע כוחות. מען האָט אַנטפּלעקט סודות

פון דער קאָסמישער תורה בעת ער איז נאָך ווייט ניט איינגעלעבט מיט דער יידי־שער תורה פון „צדקה ומשפט". וואָס שטאַרקער עס איז אַ מאָטאָר, אַלץ שטאַרקער דאַרפן זיין די איינהאַלטערס ביים מאָטאָר. ווען דער מענטש האָט אַריינגעקראָגן יענע קאָסמישע כוחות פון לעבן און טויט, קאָן די גאַנצע וועלט האָבן אַ קיום נאָר ביי דעם קורצן פסוק פון תנ"ך: „זיי וועלן ניט בייז טאָן און ניט פאַרדאַרבן... וואָרום די ערד וועט זיין פול מיט דערקענונג פון גאָט, ווי די וואַסערן באַדעקן דעם ים" (ישעיה יא׳ 9). די וועלט קאָן האָבן אַ קיום נאָר ווען אָט דער יידישער גייסט וועט אַרויס פון דער ענגער געטאָ, וואָס רופט זיך „יידישע לימודים" און וועט באַהערשן אַלע וויסנשאַפטן. די אָנהייבערס אויף דעם וועג מוזן זיין די יידן, דאָס קאָן געשען נאָר ווען די פרומע אונדזערע וועלן ריכטיק פאַרשטיין און פאַר־טייטשן דעם באַגריף „תורהדיקע וויסנשאַפט".

וואָס איז דער ציל פון חכמה, פון וויסנשאַפטן? דער פאָעט, פילאָסאָף און וויסנשאַפטלער ר׳ יהודה הלוי האָט געזאָגט, אַז חכמה האָט בלומען שיינע אָבער ניט קיין פרוכט. איז דאָס געווען אַ טעות: חכמה, וויסנשאַפטן האָבן יאָ פרוכט. נאָר די פרוכטן קאָנען זיין גיפטיקע, זיי קאָנען אומברענגען די וועלט. זיי קאָנען דינען דעם אַשמדאי מער ווי שלמהן, דעם טייוול מער ווי גאָט. דאָס קאָן זיין דער וועג פון חכמה, ווען זי גייט אַליין, אָן תורה. דער וועג פון תורהדיקער חכמה איז שוין דעפינירט אין אַ גמרא: תכלית חכמה — דער זינען פון חכמה, פון תורהדיקער חכמה איז „תשובה און מעשים טובים" (ברכות יז׳ א׳). די לעצטע צוויי ווערטער דאַרף מען פאַרשטיין ניט דווקא בית מדרשדיק, נייערט אויך וועלטלעך מעשים טובים — וועלטלעך און אויך וועלטיש, פאַר דער וועלט. חז"ל האָבן זיך פאַר־נומען אויך מיט וויסנשאַפטן, חכמות, (ביאַליק), קאָנצענטרירט אָבער נאָר אויף קיום האומה אָן מלוכה, נאָר מיט הלכה.

ווען באַזונדער — חכמה פאַר זיך, באַזונדער און תורה — ווידער באַזונדער — דעמאָלט וועט די וועלט מוזן חרוב ווערן. עס איז אין דער גאַנצער מענטשלע־כער געשיכטע ניט געווען אַזאַ פרוכטיקע גערעטעניש אין וויסנשאַפטן ווי די זיבעציק יאָר פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. מען פאַרשפּאָרט צו מאַכן חשבונות און ציילן באַזונדער, אויסרעכענען די גרויסע דערגרייכונגען. אָבער איך ווייס ניט צי דורך דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע זיינען געווען נאָך אַזוינע בלוטיקע זיבעציק יאָר. קיינמאָל זיינען ניט אומגעבראַכט געוואָרן אַזוי פיל מיליאָנען מענטשן. מער פון אַלע אַנדערע פעלקער ווייסן דאָס מיר — יידן. מיר האָבן דאָס די טראַ־גישע פּריווילעגיע צו זיין דער ערשטער קרבן. ווען עשו־וואָלף האָט איינגע־שפּאַנט די גאַנצע וויסנשאַפט אומצוברענגען דעם יעקב־שאָף אין די אויגן פון דער גאַנצער „אַרענטלעכער" וועלט און זי — די „גוטע וועלט" האָט זיין אַרבעט באַגלייט מיט אַ שטילער פאַסיווער ברכה.

און נאָך דעם, אַז דער וואָס אַ קולטור־פאָלק האָט אים געקרוינט איבער זיך פאַר אַ „הייל היטלער" (כמעט הייליקער היטלער), ווען ער איז געפייגערט, זייַנען אויף דער וועלט געקומען ניט איינער, נאָר אַ סך אַנדערע, וואָס ווילן, וואָס גרייטן זיך צו ענדיקן וואָס יענער האָט ניט פאַרענדיקט. עס איז גענוג צו זען, צו הערן די אָפּשטימונגען פון די פאַרייניקטע פעלקער, צו באַטראַכטן די פּאָליטיק פון דער „שטאַרקסטער און גרעסטער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט" ! כדי צו באַגרייפן צו וואָס פאַר אַן „אידעאַל" די גאַנצע וועלט שטרעבט שטילערהייט, מיט אָדער אָן עפנטלעכע דעקלאַראַציעס. און זאָלן יידן אין די „פרייע לענדער" ניט מיינען : אָ, דאָס מיינט מען ניט אונדז, דאָס מיינט מען „יענע" יידן. היינט טייטלט מען מיט דעם פינגער אויף מדינת ישראל. „דאָס מיינט מען דעם מיטעלן מזרח, ניט אונדז". די יידן אין דייטשלאַנד האָבן אויך אַזוי געגלויבט. אין דער אמתן אָבער — „זאָגט מען די טאָכטער, און מען מיינט די שנור". מען רעדט וועגן ישראל — מפקיר זיין די יידישע מדינה פאַר די ציין פון עשו־וואָלף, וואָס האָט זיך צעלייגט איבער גאַנץ אייראָפּע, אַזיע און אַפריקע. און דאָס כדי נאָך דעם צו פאַרבייסן מיט אַלע יידן... דאָס איז דער אויסזיכט פון וויסנשאַפט אָן תורה, פון חכמה אָן תורה. און פאַרקערט — תורה אַליין, תורה אָן וויסנשאַפט ? — דאָס דאַרף מען, דאָס קאָן מען זען אויף דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק. מיט דעם קליינעם אונ־טערשייד :

כל זמן די וויסנשאַפט האָט נאָך ניט אַזוי שטאַרק פּראָגרעסירט, און די מענטשהייט איז נאָך ניט געווען קיין „פאַרייניקטע פעלקער" האָט איטלעך לאַנד אונדז אויסגעראָטן באַזונדער, אויף אַ באַזונדערן חשבון. איצט אָבער זייַנען פעל־קער פאַרייניקט, איז אויך די אויסראָטונג אַלוועלטלעך, אוניווערסאַל... דאָס קאָן זיין.

איך האָב גענומען יידן, ווייל זיי זייַנען דער ערשטער קרבן. ווייט ניט דער לעצטער אין דעם בלוטיקן פּראָגרעס פון די וויסנשאַפטן...

## יידישע רעליגיע און יידיש פאָלק

דאָ האָט די רעליגיע אַ גוטע, אַ זיכער־פּאָזיטיווע ראָל : רעליגיע האַלט אין טראַדיציעס. און דאָס איז פון גרויסער וויכטיקייט. פאָלק איז אייגנטלעך — — טראַדיציעס. אָפּהיטן טראַדיציעס פון שטייגער מיינט אידענטיפיצירן זיך מיט דעם פאָלק. צי די רעליגיע איז אַ גאָט־רעליגיע, צי זי איז אַ פאָלק־רעליגיע — אַלץ איינס — באַשטייט די פאָלקישקייט פון די טראַדיציעס. אידעאָלאָגיעס, טעאָריעס, דאָגמעס און פּרינציפּן זייַנען אַלע — פון דער צווייטער מדרגה לויט

זייער וויכטיקייט. די אויסגעלערנטע, פאָרמולירטע און גוט צוזאַמענגעשטעלטע פאָלקישע קאַטעכיזמען פון פאָלקישן באַוווסטזיין האָבן ניט מער קיין האַפט ווי דאָס אַלץ וואָס מען לערנט פאַרן זכרון. דער זכרון אַסימילירט ניט, ער פאַרפאַקט נאָר, ווי סחורות אין אַ קאַסטן, און זיי ווערן גיך פאַרפוילט, אָדער זיי רינען אויס ווי פון אַ לעכערדיקן זאַק. סיידן דאָס אויסגעלערנטע ווערט פאַר־וועבט אין לעבן. דער פּסוק „סוף מעשה במחשבה תחילה" וואָלט געדאַרפט זיין פונקט פאַרקערט: „סוף מחשבה במעשה תחילה". און אַט דער מאָמענט פון „מעשה" גיט די טראַדיציע, און די רעליגיע היט אָפּ די טראַדיציעס. אויב יידן זיינען אַ פאָלק, אויב ביז היינט איז דאָס יידישע פאָלק ניט אונטערגעגאַנגען, איז דאָס ניט סתם קיין נסים, ניט קיין איבערנאַטירלעכע, מיסטעריעזע כוחות אַזוינע. ניט אַ קמיע האָט אונדז גאָט געגעבן פאַרן קיום, בייערט דער קיום פון פאָלק איז אַ תולדה פון פאַרזיכיקן שטייגער, דער שטייגער איז אַ סכום פון טראַדיציעס. די יידישע טראַדיציעס האָבן ניט קיין אַנדער שמירה ווי נאָר די רעליגיע; די רעליגיע מיט איר גאַנצער אמונה אין שכר ועונש, האָט איינגעהיט דעם קיום און די המשכדיקייט פון יידישן פאָלק.

די יידישע רעליגיע האָט אַ גרויסע שייכות צום קיום פון יידישן פאָלק, אָבער זי האָט ניט קיין שייכות צו דעם גאָט־געפיל, וואָס וועקט זיך אויף ביי אַ מענטשן אין פאַרבינדונג מיט דעם קאָסמאָס, מיט דער נאַטור. די רעליגיע ווי אַן אינסטיטוציע האָט ניט קיין שייכות צו דעם גאָט־געפיל, צו דעם קאָסמאָס.

און הגם דער קאָסמישער גאָט־געפיל האָט אַרויסגערופן אַ סך רעליגיעזע פּאָעזיע ביי יידן, אפילו אויך רעליגיע־פּראַקטיק, דאָך איז ביי היינטיקן טאָג ניטאָ קיין דירעקטע פאַרבינדונג צווישן קאָסמאָס און רעליגיע.

וואָס עס איז אָבער נוגע צו דער שייכות צווישן וויסנשאַפטן און רעליגיע איז די פראַגע גאָר אַנדערש. די אָפיציעלע רעליגיעזע דאָגמעס זיינען אַלע מאָל געווען פאַרשטיינערט, איין מאָל איז אַנגעשריבן אַזוי, טאָר מען ניט זאָגן אַנ־דערש! האָבן אַלע וויסנשאַפטלעכע נייע אידעען געקלונגען ווי אפיקורסות. און די אינקוויזיציע האָט געהיט! האָט די וויסנשאַפט געוועקט בלי כל ספק די רעליגיעזע עמאָציע און איינגעשטעלטע רעליגיעס האָבן, פאַרקערט, גע־שטערט, זיי האָבן ניט דערלאָזט דער געמיינזאַמער אַנטוויקלונג פון דעם נאַטיר־לעכן צווילינג וויסנשאַפט און רעליגיע.

עס איז באַקאַנט דער היסטאָרישער פאַקט: אין העלעניסטישן מצרים איז די וויסנשאַפט געווען שטאַרק אַנטוויקלט. האָט דאָס קריסטנטום אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון די וויסנשאַפטן אויף הונדערטער יאָר. איז אין אַלעקסאַנדריע געווען אַ ריכטיקע פאַרשטעלונג וועגן דער געשטאַלט פון דער ערד, עס איז

אפילו געווען כמעט אַ ריכטיקע אויסמעסטונג פון דער ערדס מערידיאַן. האָט זיך די קריסטלעכע אייראָפּע צוריקגעקערט צו פאַרשטעלונגען וועגן העלעפאַנטן און וואַלפישן וואָס האַלטן אויף די ערד וכדומה. עס איז געווען אַ ישועה וואָס די יידיש־אַראַבישע קולטור־שותפות אין מיטלאַלטער האָט אויפגעהיט די הע־לעניסטישע וויסנשאַפט אויך פאַר דער קריסטלעכער אייראָפּע.

איך בין געווען פשוט דערשיטערט ווען איך האָב איבערגעלייענט ביי אַ יידישן שרייבער, אַז פּוילישע, קאַטוילישע נאָנעס (מאָנאַשקעס) פלעגן טראָגן רינגען, וואָס אויף זיי איז געווען אויסגעקריצט „די כלה פון האר גאָט" (פון דעם „פּאַן באָג")! ניט געקאָנט גלייבן, אַז עס זאָל זיין אַן ענלעכע קריסטלעכע סעקטע. איך ווייס, אַז פאַרצייטיקע מעקסיקאַנער פלעגן ברענגען פאַר זייער ליבן גאָט אַ מתנה אַ ווארעם הארץ פון אַ יונג, שיין מיידל, וואָס דער כוהן פלעגט ביי אַ פּאָסיקער צערעמאָניע אַרויסרייסן פון אַ לעבעדיקן קרבן — אַ יונג מיידל: זיי האָבן קלאָר פאַרשטאַנען אַז גאָט דאַרף אויך פרויען, ווי, למשל, א מלך — זיין הארעם. איך האָב געוווסט אַז די יידישע נביאים האָבן געשטו־רעמט קעגן מקריב זיין לעבעדיקע קינדער צו דעם גאָט מולך, אָבער איך האָב ניט געקאָנט גלייבן אַז קריסטן — כלומרשטע מאָנאָטעיִסטן שטעלן זיך פאַר גאָט, אַז כלומרשט דאַרף ער כלות. און גוטע פרומע מיידלעך זיינען מקריב זייער פרויענשאַפט, זייער מוטערשאַפט אַבי צו זיין באַהעפט צו גאָט — אויב ניט פיזיש, איז כאָטש גייסטיק... ניט געקאָנט גלייבן אַז ביי קריסטן זאָלן זיין אַזוינע גראָב־מאַטעריאַליסטישע, האַמעטנע־לייבלעכע גאָט־באַגריפן...

האָב איך געפרעגט אַ פרוי וואָס האָט אין ווארשע געענדיקט אַ פּוילישע גימנאַזיע. זי האָט פון דעם געוווסט, געהערט (אליין — אַ פרום חסידישע טאָכ־טער), האָט זי געפרעגט ביי אַ באַקאַנטער קאַטויליש־פּוילישער פרוי, יענע האָט איר געזאָגט, אַז ניט אַלע אָרדענס, אָבער אַ טייל פון זיי פירן זיך טאַקע אַזוי: זייערע מאָנאַשקעס טראָגן רינגען מיט דער אויפשריפט „כלה פון דעם האר גאָט". נאָך מער: נאָך אַ געוויסער צוגרייטונג, וואָס יעדע נייע נאָנע דאַרף דורכמאַכן, ווערט פאַר איר געמאַכט אַ ספּעציעלער צערעמאָניאַל, מען טוט איר אָן ווייסע קליידער מיט אַ וואַל ווי אַן אמתע כלה און דאָס איז איר „חופה מיט דעם האר גאָט"... ביז אַזוינע אַטראָפּאָמאָפישע פאַרשטעלונגען דער־גרייכט עס. מיט וואָס זיינען זיי ניט קיין געצנדינערס?

אַבי יידישע דענקערס גיבן זיך אַמאָל אַ זאָג „יידיש־קריסטלעכע באַגריפן". ניין, אַזוינע געמיינזאַמע אָדער ענלעכע באַגריפן ביי יידן און קריסטן קאָנען ניט זיין: פון אברהם אבינו אָן זיינען יידן ניט קיין געצנדינערס. אויב אין צייט פון ערשטן בית המקדש האָבן נביאים נאָך געדאַרפט באַקעמפן געצנדינערשע זיטן, זיינען זיי שוין אין צווייטן בית לגמרי ניט געווען. ווייס איך ניט צי מען

מעג גאָר זאָגן אַז קריסטנטום איז אַ טאָכטער פון יידישקייט. אמת, די נעמען האָט מען גענוצט יידישע, אָבער די גאַנצע באַגריפן־וועלט איז געבליבן, די אַלטע, פון געצנדינעריי..

וועל איך לאָזן אַ פּאָר פּרשות צו שטודירן די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג פון דער פּאַרצייטיקער רעליגיעזער פּראָסטיטוציע ביז צו דעם שפּעטערדיקן בתולהשאַפטלעכן אָפּגעבן זיך צו גאָט אָדער צו גאָטס זון. איך ווייס ניט צי עס איז ניט פאַראַן אין דער פרום־קאַטוילישער ליטעראַטור אַ באַשרייבונג ווי עס חלומט זיך אַ יונגער נאָנע (מאָנאַכין), אַז זי ליגט אין די אָרעמס פון דעם „האר גאָט". אויב ניט אויף דער וואָר, איז עס דאָך אין חלום זיכער מעגלעך. פאַרשטייט זיך, אַז צו די יידישע גאָט־באַגריפן האָט עס ניט קיין שום שייכות.

## דער מהות פון יידישער רעליגיע און אירע צילן

בכלל גענומען האָבן יידן ביז אונדזער דור כמעט ווי ניט גענוצט דאָס פרעמדע וואָרט רעליגיע. ניט געווען ביי יידן קיין וואָרט וואָס זאָל זיין עקוויוואַלענט צו דעם וואָרט רעליגיע ביי ניט יידן. ביי זיי איז „רעליגיע" דער סכום אַקטיוןקייטן, צו דינען גאָט. מען קאָן דעם סכום אַקטיווקייטן אויסטיילן באַזונדער פון דעם גאַנצן סכום אַקטיווקייטן פון מענטשנס לעבן. וואָס צו מענטשן — איז צו מענטשן און וואָס צו גאָט — איז ווידער באַזונדער, אַ צווייטער קאַפּיטל. וואָס קאָן גרינג אויסגעטיילט ווערן פאַר זיך פון דעם גאַנצן סכום מעשים און פירונגען אין לעבן. דערפאַר טאָקע אַ באַזונדערער טערמין.

ביי יידן, ביז אונדז איז ניט געווען אַזאַ טערמין און מען האָט אים ניט געדאַרפט. יידן האָבן גערעדט און געשריבן וועגן יידישקייט (אין פאַרשיידענע דיאַלעקטישע קלאַנגען). עס איז פאַר זיי ניט געווען אויסגעטיילט באַזונדער וואָס צו גאָט און וואָס צו מענטשן, בין אדם למקום און בין אדם לחברו; אַלץ איז געווען ביי זיי אין די אויגן פאַרהייליקט, סאָציאַלע הילף, אָרעמע, קראַנקע, תורה, כלות, זאָרג פאַר טויטע — אַלץ איז געווען הייליק, פאַר גאָט. פאַרקערט, איז סאָציאַלע הילף פאַר אָרעמע, פאַר קראַנקע, פאַר געפאַנגענע, פאַר קינדער וכדומה געשטעלט געווען אָפט העכער ווי דירעקטע רעליגיע — דינען גאָט.

דאָס העברעיִשע וואָרט פאַר רעליגיע איז דת — ניט קיין אָפטע פאָרם אין העברעיִש. אפשר אויך פון אַ פרעמדן אָפּשטאַם. דאָס וואָרט איז פאַראַן בלויז אין מגילה אסתר, וואָס האָט נאָך אַנדערע פרעמדע ווערטער. אויך אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערט געבראַכט דאָס וואָרט ניט אָפט. פאַר דער גאַנצער רעליגיעזער אַקטיווקייט איז געווען דאָס וואָרט „עבודה". גאָט דינען, עבודת

אלוהים, אויך ניט אָפּט, אין תנ"ך כמעט ניטאָ אין גאַנצן. פאַר אַסימילאַציע האָט מען געניצט דאָס וואָרט „לעבוד אלוהים אחרים". שפּעטער איז געקומען, איבער־הויפּט אין פאַרבינדונג מיט קאָמפּליצירטע פּראָצעסן פון קרבנות און — נאָך מער — יום כיפור — איז געקומען דער טערמין „עבודה". אָבער יידישקייט איז אַלע מאָל געווען אַ סך ברייטער, אַרומנעמיקער. יידישקייט האָט געמיינט דעם גאַנצן שטייגער, מנהגים, פּירונגען, ווערטלעך, שפּראַך בכלל, מאכלים און אויך גייסטיקע אייגנשאַפטן. אַ ייד דאַרף דאָך האָבן „יידישקייט אין האַרצן".

רעליגיע איז אַ ניי וואָרט, אַלט אפשר איין דור, צוויי דורות. געקומען איז דאָס וואָרט ווייל מען האָט געוואָלט אויסטיילן פון דעם גאַנצן סכום יידישקייט עלעמענטן וואָס זיינען וויכטיקער, וואָס אָן זיי קאָן ניט זיין קיין יידישקייט. האָט מען ביסלעכווייז אַרויסגעטיילט דאָס דינען גאָט, ווי די יידישע רעליגיע. זיינען דערביי געווען צוויי פאַקטאָרן — אַן אינעווייניקסטער און אַ דרויסנדיקער.

דער אינעווייניקסטער: אין אורבאַניזם האָט זיך דער פאַרזיכיקער יידי־שער שטייגער איבערגעריסן. דער דראַנג איינצוהיטן דעם קיום פון פאָלק האָט געזוכט אַן אָנהאַלט. איז געקומען דאָס דינען גאָט. אויב מען קאָן ניט איינהיטן דעם גאַנצן יידישן לעבן־שטייגער, טאָ לאָמיר איינהיטן לכל הפּחות דעם יידישן שטייגער פון דינען גאָט.

דער דרויסנדיקער פאַקטאָר: ביי אַנדערע פעלקער איז דאָך אַזוי — איין לעבן־שטייגער און פאַרשיידענע אופנים פון דינען גאָט. ווע̇לן מיר אויך אַזוי זיין: איין שטייגער־לעבן מיט אַלעמען גלייך און פאַר יידישקייט וועלן מיר יוצא זיין מיט דער סינאַגאָגאַלער צערעמאָניע פון גאָטעסדינסט. און אָט די סינאַגאָגאַלע צערעמאָניע — זי איז די רעליגיע פון יידן.

די עלטערן האָבן געלעבט לויט אַ פאָרמול: גאָר די יידישקייט איז אונדזער רעליגיע; היינט גילט אַ פאַרקערטע פאָרמול: נאָר די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע יידישקייט;

צי קאָן אָט די פאָרמול טאַקע איינהיטן דעם קיום פון יידישקייט? — איבעריק צו טראַכטן. אַלע מאָל דורך דער געשיכטע, ווען יידן האָבן געוואָלט באַגרעניצן יידישקייט מיט דעם קאָנאָניזירטן אינהאַלט פון פיקסירטער רעלי־גיע, איז די גאַנצע יידישקייט טאַקע אונטערגעגאַנגען אין גאַנצן. יידישע רע־ליגיע איז אַ צווייג פון יידיש לעבן, פון יידישן בוים, אָבער דער בוים איז גרע־סער פון יעדן צווייג, פון אַלע צווייגן אפילו. אַלע רעליגיעס קאָנען זיין פיק־סירטע און באַשטימטע. זיי זיינען מער ניט ווי רעליגיעס. יידישקייט איז אָבער די גאַנצע קולטור פון דעם יידישן פאָלק. רעליגיע אָדער גאָט־דינען איז בלויז איין טייל פון גאָר דער יידישקייט. די איינציקע זאַך וואָס עס דאַרפן וויסן רעליגיעזע און וועלטלעכע איז בלויז דאָס: אַלץ וואָס עס שאַפט זיך אין יידיש־

קייט — אַלץ דאַרף זיין הייליק, טייער ווי די רעליגיע: אַלץ וואָס איז ספּעציפיש יידיש איז במילא הייליק.

קאָנען מיר סומירן: די יידישע רעליגיע מיינט ניט גאָט דינען, נאָר די גאַנצע פאַרזיכיקע אַנדערשדיקע יידישקייט אין שפּראַך, אין שטייגער, אין פּי־רונגען און אין אַנדערשדיקן וועלט־באַנעם, ווי דער מדרש זאָגט עס —לשון, נעמען און מיסטורין — דאָס מיסטעריעזע, וואָס לאָזט זיך ניט דעפינירן.

## דער זין פון יידישער רעליגיע

און צו וואָס דינט די גאַנצע יידישע רעליגיע, אָדער די יידישקייט? וואָס איז איר ציל? לגמרי ניט די באַדערפעניש וואָס דער רבונו של עולם דאַרף שטאַרק האָבן די דאַנקען און די לויבן פון דעם איין מין באַשעפענישן וואָס רופט זיך „מענטש", און וואָס לעבט אויף איינער אַ קליינער פּלאַנעטע, פון אַ קליינער זון־סיסטעם אויף איינעם אַ גאַלאַקס, ניט ווייל דער אין סוף ברוך הוא דאַרף עס האָבן מיינע ברכות און ער פירט עס אַ געגויעם חשבון צדק מיט יעדן יידן באַזונדער כדי אים צו באַצאָלן ערלעך לויט זיינע פאַרדינסטן, און כדי זיך צו ראַטעווען פון די גיהנום־פייערן דאַרף איך — דער „אדם להבל דמה, ימיו כצל עובר" האַלטן אין לויבן און געבן אים — דעם „אין סוף" מתנות און...

אַ, ניין! דער ציל און דער זינען פון דער גאַנצער יידישער פאָלק־רעליגיע איז ניט דער פּרט־מענטש און דאָס דינען דעם אַלמעכטיקן, נאָר עס איז אַ דינען די אינטערעסן פון פאָלק. דאָס איז דער זינען פון יידישקייט ווי אַ פאָלק־רע־ליגיע: קיום פון פאָלק! און דאָס פאָלק ווי אַזאַ האָט אויך אַ ווייטערדיקן ציל און זינען. דער ווייטסטער ציל אין „לתקן עולם במלכות שדי", צו דערפירן די וועלט צו די ימות המשיח, צו דעם אַלגוטן „עתיד לבא". האָב איך אַמאָל גע־גלויבט אַז פעלקער וועלן אויך טאָן די זעלביקע שליחות... לײדער, האָבן פעלקער מיך אָפּגענאַרט: ניין! ניט זיי קאָנען און ניט זיי וועלן ברענגען משיחן. זייער משיח וועט שוין מסתמא תמיד זיין בלוטיקער, אַ בלוט־פאַרגי־סער... די יידישע רעליגיע האָט עס איינגעשפּאַנט יעדן יידישן פּרט, דעם יחיד צו דינען די אַלגעמיינע מענטשלעכע און יידישע צילן פון יידישקייט.

## פעלקער און זייערע היסטאָריעס

האָט עס געשריבן אַ גרויסער און געאַכפּערטער יידישער געלערנטער, אַז די אויפגאַב פון געשיכטע איז אויפצושטעלן אַ ריכטיק בילד פון דעם וואָס

געווען, איז דאָס אָבער אַ גרויסער טעות. אָפּט טרעפט זיך עס: טעותים ביי יידישע געלערנטע וואָס גייען אַוועק אויף פרעמדע ניט־יידישע וועגן.

פאַרוואָס איז דאָס אַ טעות?

ניטאָ בכלל קיין „ריכטיקע" בילדער, ריכטיקע פאָרשטעלונגען און באַגריפן. אַלע באַגריפן און בילדער וואָס מיר מאַלן זיך אויס, וואָס מיר שטעלן זיך פאָר — אַלע זיינען זיי פּראָדוקטן פון אונדזער שכל, פון אונדזערע חושים. זיי זיינען אַלע סוביעקטיווע, ניטאָ אין זיי קיין אָביעקטיווע עלעמענטן. זיינען זיי שוין ניט קיין „ריכטיקע", זיינען ניטאָ פאַר אונדז קיין זאַכן ווי זיי זיינען פאַר זיך, אין זיך. מיר זעען זאַכן ניט ווי זיי זיינען, נאָר ווי מיר זיינען פעיִק פיזיש און גייסטיק — אויפצונעמען די זאַכן.

דאָס איז בנוגע צו אָביעקטן. נאָך ערגער איז עס מיט געשיכטע, מיט פאַקטן און דערשיינונגען וואָס זיינען געווען אַמאָל, אין אַנדערע צייטן און אין אַנדערע סיטואַציעס. און דערפאַר איז אין גאַנצן אוממעגלעך אויפצושטעלן אַ „ריכטיק" בילד פון דעם וואָס עס איז געווען. איטלעכער דור זעט דעם פּאַרצייטן אַנדערש, נעמט אַרויס פון דעם פאַרצייטן אַנדערע מאָמענטן, שאַפט זיך אַנדערע בילדער. די העלדן פון אַמאָל בייטן זייער אינהאַלט, זייער געשטאַלט, לויט דעם אויסזען און לויט דעם אינהאַלט פון דער תקופה. וואָלטן יידישע געלערנטע מער געטראַכט יידישע געדאַנקען לויטן יידישן שטייגער, וואָלטן זיי ניט געזוכט קיין אָביעקטיווע און „ריכטיקע" בילדער פון אונדזער געשיכטע, נאָר זיי וואָלטן זיך באַמיט צו זען דעם פאָלקישן היינט אין שפּיגל פון אַלע אונדזערע אַמאָלן און איבערהויפּט וואָלטן זיי זיך באַמיט פאַרויסצוזען דעם פאָלקישן מאָרגן לויט די געזעצן פון די נעכטנס.

אברהם אבינו איז איינער. אָבער גאָר אַנדערש דערציילט וועגן אים דער חומש, און גאָר אַן אַנדער בילד מאָלט פון אים די גמרא. משה רבינו אין חומש איז אַנדערש, ניט ענלעך צו דעם זעלביקן משהן פון גמרא. דוד המלך דער מלחמה־מאַן זיצט לויט דער גמרא און פסקנט שאלות און שרייבט תנאי־גטן פאַר זיינע זעלנער, כדי די פרויען זאָלן חלילה ניט בלייבן קיין עגונות. די גרעסטע מעטאַמאָרפאָזע האָט דורכגעמאַכט דער נביא אליהו: דער אליהו פון גמרא האָט לגמרי קיין ענלעכקייט ניט צום תנכישן אליהו.

אפילו די פאָרשטעלונגען פון גאָט זיינען געוואָרן אַנדערע. און אַזוי דאַרף עס זיין: באַגריפן מאַכן דורך אַן אַנטוויקלונג, ענדערן זיך מיט די ענדערונגען פון די תקופות.

איטלעך פאָלק האָט זיך זיינע העלדן, זיינע באַגריפן וועגן זיינע היסטאָרישע העלדן. ביי וועמען די העלדן זיינען אַלע מלחמה־גיבורים. די דערציילונ־

גען און לעגענדעס וועגן זיי זיינען פול מיט מלחמה־גבורה. אין דער צייט פון צווייטן בית האָבן יידן ביסלעכווייז געענדערט זייערע היסטאָריע־העלדן. דאָס פאָלק פאַרגעטערט מער ניט דווקא די מלחמה־העלדן, ווי דאָס איז ביי אַנדערע פעלקער און אויך ביי יידן אין דער צייט פון ערשטן בית. דאָס יידישע פאָלק באַרימט זיך מיט גאָר אַנדערע העלדן. יידן העגגען אויף גאָר אַנדערע העלדן די צירונג פון לעגענדעס און פאָלק־עפּאָס. עס האָט זיך געביטן דער כאַראַקטער פון פאָלק, זיך געענדערט אויך די פאָרשטעלונגען וועגן העלדן און וועגן העלדישקייט. „אלה ברכב ואלה בסוסים, ואנחנו בשם אלוהינו". געשיכטע־העלדן זיינען איינסן, עלעמענטן פון געשיכטע, זיילן פון דעם גאַנצן געשיכטע־בנין. אין די העלדן זעט מען ניט די העלדן גופא, ווי זיי זיינען געווען באמת. מען זעט די תקופה וואָס באַשרייבט די העלדן. פעלקער האָבן אפילו אויסגעטראַכט העלדן, אויסגעפּוצט זיי מיט לעגענדעס. אין דעם געשטאַלט פון די העלדן שפּיגלט זיך אָפּ דאָס פאָלק, זיין צייט און זיינע באַגריפן.

## איז געשיכטע א וויסנשאַפט ?

אויב געשיכטע דאַרף בויען בילדער פון דעם „אַמאָל איז געווען", פון פאַרגאַנגענהייט, איז געשיכטע ניט קיין וויסנשאַפט. זי קאָן זיין אַ מוזיי פון געוועזענעם, פון פאַרצייטן. דאָס איז נאָך ניט קיין היסטאָריע. אויך דאָס זוכן וואָס מער פאַקטן פון פאַרצייטן — דאָס איז אויך ניט קיין וויסנשאַפט. עס איז געגליכן צו אַ פאַבריק וואָס מאַכט ציגל צו אַ געביידע, די גרעסטע בערג פון ציגל זיינען ניט דער בנין. דער בנין האָט אין זינען ניט די ציגל, נאָר די מעגלעכקייטן צו לעבן, באַקוועם זיך איינצואָרדענען אין בנין, צו בויען אין אים אַ צוקונפט. היסטאָריע איז אויך אַזוי פיל אַ וויסנשאַפט, אויף וויפל זי פירט אַרויס פון דעם עבר די אַלגעמיינע געזעצן פון לעבן, כדי צו קאָנען זיך פאָרשטעלן דאָס לעבן אין דעם עתיד. ווי אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן מוז אויך געשיכטע האָבן אירע געזעצן, וואָס זיינען אויספירן פון דעם עבר. ווי אַלע אַנדערע וויסנשאַפטן ליגט דער ציל פון געשיכטע ניט אין דעם וואָס געווען, נאָר אין דעם וואָס עס וועט זיין. געשיכטע שטודירט דאָס פאַרגאַנגענע פאַר דעם אָנקומענדיקן. דער ציל, דער זינען פון געשיכטע איז אין עתיד. יידישע געשיכטע דאַרף לערנען צו בויען די צוקונפט פון פאָלק.

צי האָט געשיכטע געזעצן ? מען ספקט אין דעם. איז די עצם פראַגע פאַלש געשטעלט : די פראַגע איז ניט צי עס זיינען דאָ געזעצן. ניטאָ קיין דערשיינונגען וואָס גייען ניט לויט געזעצן. אַלע פּראָצעסן אין לעבן פון יחידים און פון פעל־

קער און פון דער מענטשהייט בכלל, און פון קאָסמאָס גייען לויט געזעצן. די פראַגע איז צי מענטשן ווייסן די געזעצן? צי קאָנען מענטשן וויסן די געזעצן? צי קאָנען מענטשן די געזעצן פאָרמולירן צו קאָנען מיט זיי מעסטן די פּראָיעקטן פאַר דער צוקונפט? שווער זיינען די געזעצן, ווייל די פאַקטאָרן פון געשיכטע זיינען זייער פיל, אַנצאָליק פיל. די סיבות וואָס רופן אַרויס געשיכטלעכע פּראָצעסן זיינען זייער פיל, זייער פאַרשיידן, ווייט ניט אַלע מאָל קאָנען מיר זיי פאָרויסזען, וויסן זיי. די פאַקטאָרן קומען ניט אַלע גלייך, אייַנצייטיק; ווער — פריער און ווער עס קומט שפּעטער. עס טרעפט אַז אַ שפּעטערדיקער פאַקטאָר פירט אַריבער די געשיכטע אויף גאָר נייע וועגן. אָבער קיין „צופאַלן" זיינען ניטאָ אין דער געשיכטע. ווי אין דער נאַטור בכלל. דאָ ליגן די שוועריקייטן פון דער וויסנשאַפטלעכער געשיכטע.

## „מפני חטאינו"

איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין געשיכטע איז דער ווילן פון די מענטשן „יעדער מענטש שמידט זיין לעבן" זאָגט אַ ווערטל. פאַראַן אין דעם אַ שטיק אמת. און נאָך מער איז עס אמת בנוגע צו אַ קאָלעקטיוו, צו אַ פאָלק: די געשיכטלעכע גורלות פון אַ פאָלק שפּיגלען אָפּ זיין גייסט, זיין כאַראַקטער.

פעלקער זיינען פּראָדוקטן פון געשיכטע. די געשיכטע האָט אויסגעהאָדעוועט פעלקער. און אַזוי אויך פאַרקערט — בויען פעלקער זייער געשיכטע. דער באַוווּסטזיניקער ווילן פון אַ גאַנצן קאָלעקטיוו ווערט אַ גלויבן, געטרייקייט, איבערגעגעבן ביז מסירת נפש. ווערט דער ווילן — דער גלויבן, דער נאַציאָנאַלער אידעאַל. און ער קאָן אויפטאָן וווּנדער.

עס איז דאָ אַ שטיק אמת אין דעם זאָץ „מפני חטאינו גלינו מארצנו". דער גלות האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער פאַרן חורבן. אין חורבן גופא זיינען אויך שולדיק געווען יידן אין ירושלים; אפשר מער ווי רוים אַרום ירושלים. און צי זיינען אין די רוימישע אַרמייען ניט געווען קיין יידן געטרייע מער צו רוים? ווען ניט די אינעווייניקסטע קריגערייען צווישן זיך, וואָלט דער חורבן ניט געווען זיך אָנגעהויבן... „מפני חטאינו" — ניט קעגן אַ שטרענגן גאָט אין הימל מיט זיינע מצוות האָבן יידן געזינדיקט, — קעגן זיך, קעגן דער געטלעכער גאַנצקייט, קעגן דעם פאָלקישן ווילן, צו שטעלן פאָלק העכער ווי פּאַרטיי — אָט קעגן וואָסער גאָט יידן האָבן געזינדיקט און פאַרוואָס עס איז

געקומען דער „גלינו, דער „גלינו מארצנו"*). קאָן זיין אַז די זעלביקע זינד קעגן דעם זעלביקן גאָט־פאָלק, פאָלק־גאָט האָבן געפירט צו דעם פאַקט, וואָס יידן האָבן ניט געפּרובירט אין משך פון דער געשיכטע צו בויען ערגעץ אַ צווייט ארץ ישראל און עס מאַכן הייליק ווי יהושוע און ווי עזרא — נאָך מער. ארץ ישראל איז הייליק פאַר אַלע פעלקער. האָבן יידן עס געהייליקט, האָבן אָבער יידן דען ניט געקאָנט מאַכן הייליק ערגעץ ווו אַ צווייט שטיקל גאָטס ערד? מסתמא ניט, ווייל אין לעבעדיקן פאָלק האָט עס געפעלט קדושה פאַר דעם פאָלק־גאָט. דערפאַר דער גלות... „והדברים עמוקים" איז פאַראַן אין יידישע ספרים אַזאַ אויסדרוק. אויך אַט דער געדאַנק אין גאַנצן און דער עצם אויסדרוק „פאָלק־גאָט" איז נאָר אָנגערופן אַ ברייטערער און טיפערער קאָמפּלעקס. והדברים עמוקים...

## וויסנשאפט און קונסט

דריי שוועסטער זיינען געבוירן ביי אדם און חוה נאָך דעם ווי זיי האָבן געגעסן פון עץ הדעת און מען האָט זיי פאַרטריבן פון גן עדן. און גערופן האָט מען זיי: קונסט, גלויבן און וויסן. דער חומש דערציילט ניט וועגן זיי, ווייל בכלל דערציילט ער דאָך ניט וועגן פרויען אויסער חוהן. עס איז מסתמא די מע־נערישע גרויסהאַלטעריי.

און געווען זיינען די דריי שוועסטער לכתחילה אַ דריילינג, געלעבט צוזאַמען, געפירט צוזאַמען איין ווירטשאַפט. ניט געווען קענטיק וואָס וועמען עס געהערט, צי עפּעס געהערט צו דער וויסנשאַפט, אָדער צו דער קונסט, צו גלויבן. ערשט אין אַ צייט אַרום, ווען יעדע איינע פון זיי איז רייך געוואָרן, איז דאָס פאַרמעגן פון איטלעכער פון די דריי געוואָרן צו גרויס זיי זאָלן קאָנען לעבן צוזאַמען, ערשט דעמאָלט האָט מען זיך צעטיילט. די זעלביקע מעשה וואָס ביי אברהמען און לוטן, וואָס האָבן זיך געמוזט צעטיילן, ווייל די ערד האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן זייער געמיינזאַמען פאַרמעגן צוזאַמען.

וועגן גלויבן און וויסן האָבן מיר געשריבן ביז איצט. לאָמיר איצט דער־ציילן וועגן דער דריטער, וועגן קונסט. עס איז ניט קלאָר ווער פון די דריי איז די עלטערע. גאַנץ מעגלעך אַז קונסט איז עלטער, גלויבן איז די יינגסטע. ווייט ניט אַלע מאָל האָט מען געלעבט בשלום. זייער אָפט האָט מען זיך גע־קריגט און איינע האָט געוואָלט פאַרקנעכטן די אַנדערע, ווי עס איז טאַקע גע־שריבן „רב יעבוד צעיר": די עלטערע דאַרפן דינען דער יינגסטער. איז

*) שינאת חינם איז, לויט דער גמרא, געווען די סיבה פון חורבן (יומא ט׳ ב׳).

די ייִנגסטע — גלויבן — טאַקע געווען אַלע מאָל אַנגרייפעריש, אַלץ איז אירס, די אַנדערע דאַרפן אַרבעטן פאַר איר, איז וויסנשאַפט אַ דינסט וואָס דאַרף אַרבעטן פאַר רעליגיע, האָבן קונסטן אין משך פון יאָרטויזנטער געלעבט און געהאַט חיונה בלויז אַ דאַנק די רעליגיעס, בלויז ווייל זיי האָבן געדינט דער רעליגיע.

אַזוי ביז מען האָט זיך צעטיילט און אַוועק לעבן באַזונדער. איטלעכע פון די דריי שוועסטער האָט געבוירן אירע קינדער, גאַנץ היפשע משפחות — אַ סך וויסנשאַפטן, אַ סך רעליגיעס און אַ סך קונסטן. מיר האָבן אָבער פריער זיך באַמיט צו באַווייזן אַז וויסן און גלויבן, אַז וויסנשאַפט און רעליגיעס קומען פון איין מקור, און זיי גייען צוזאַמען אויף יעקבס לייטער. פון זעלביקן מקור שטאַמט אויך קונסט.

די דריי געביטן טיילן אויס דעם מענטשן פון צווישן אַלע אַנדערע באַ־שעפענישן אויף דער וועלט.

פאַראַן אפילו אַ מיינונג, אַז די בכורה קומט גאָר אַ פערטער טאַכטער — דער טעכניק. נאָך אין חומש גייט אַן אַ שטיקל מחלוקת ווער עס קומט די בכורה — צי קומט עס עשון וואָס ברענגט פון פעלד עסן, וואָס זוכט עסן און זיין ציל פון זיין זוכן איז געשמאַקער צו עסן, אָדער די בכורה קומט יעקבן דעם יושב אוהל. און וואָס טוט יעקב ווען ער זיצט אין שטוב? יעקב זיצט ניט ליידיק, ער לערנט. איינער ווערט געטריבן דורך וויסנגיריקייט און דער צווייטער — דורך דעם דראַנג צו עסן, דורך דעם מאַטעריאַליסטישן דראַנג. די מחלוקת איז ביז איצט ניט געפסקנט. איך גלייב אַז די טעכניק איז ניט קיין דירעקטע טאָכטער פון עץ הדעת, נאָר אַן אייניקל: די וויסנשאַפט האָט גע־בוירן די טעכניק און ניט פאַרקערט. מיר ווילן זיך דאָ ניט פאַרשפרייטן איבער דער געשיכטע. מיר האַלטן פון די דריי שוועסטער פון עץ הדעת — וויסנשאַפט, רעליגיע און קונסטן. די שטאַרקסטע און די רייכסטע איז פון אייביק אָן געווען רעליגיע. זי האָט פאַרשקלאַפט די קונסטן און גאָר שטאַרק איינגעצוימט די וויסנשאַפטן. זי האָט אָבער אויך זיך אַליין גאָר היפש פאַרפירט, פאַרבלאָנד־זשעט אויף פאַלשע וועגן. אָנשטאָט צו האָדעווען און פאַרהערלעכן דעם אינע־ווייניקסטן דראַנג פון מענטשנס נשמה, האָט זי זיך אַליין פאַרשקלאַפט ביי דער מאַכטגיריקייט. האָבן מאַכטגיריקע געוועלטיקט איבער פעלקער אין נאָ־מען פון געטער. אַלע דריי געביטן — וויסנשאַפט, רעליגיע און קונסטן — זיי־נען די אייגנשאַפטן וואָס טיילן אויס דעם מענטשן פון צווישן אַלע אַנדערע באַשעפענישן. דאָס זיינען דער „מותר האדם מן הבהמה"; דאָס זיינען די אייגנ־שאַפטן וואָס רייסן אים אָפּ פון זיינע חיהשע וואָרצלען און זיי פירן אים אַוועק,

דעם מענטשן אויף דעם וועג פון מענטשישע שטרעבונגען, אויפן וועג צו געט־לעכקייט, "והייתם כאלוהים".

מיר האָבן געשריבן פריער וועגן יעקבס לייטער, וואָס דער גאַנצער באַשאַף הייבט זיך אויף אים פון דער ערד צו די הימלען, ריכטיקער פון פרימי־טיווקייט צו פערפעקציע. עס איז ניט באַרעכטיקט דער פאַרלאַנג אָפּצוטיילן קונסטן פון וויסנשאַפט. כלומרשט איז וויסנשאַפט נאָר מוח, אָבער קונסטן זיינען נאָר הארץ, געפיל. איז דאָס אַ טעות. ווי קונסטן אַזוי אויך וויסנשאַפטן הייבן זיך אָן — פון געפיל, ביי ביידן איז דער מקור ראשון דווקא אינטויִציע — געפיל, עמאָציע. דער אינטויִטיווער געדאַנק איז געגליכן צו אַ געקנוילטן שנור, דער אָנהייב און דער סוף פון שנור זיינען צוזאַמען, דער מרחק צווישן זיי, די גאַנצע לענג פון שנור איז צונויפגעוויקלט, מיר ווייסן ניט קיין דעטאַלן פון דעם שנור. די קונסטן זוכן ניט אויפצוקלערן דעם שנור אין זיין מהות, און זיין לענג. פאַר זיי איז גענוג דער עפעקט פון דעם שנור ווי ער איז. דער אָנהייב און דער סוף און וואָס ער ברענגט. דאָס רופט אַרויס באַגייסטערונג, צופרידנ־קייט. די פראַצעסן גופא בלייבן ניסתר. אַ זון־פאַרגאַנג אין ים, אַ פייף פון אַ באַן וואָס קוילערט זיך ווי אַ דונער איבער אַ גרויסן טיפן וואַלד... און די טיפסטע עמאָציע איז די רעליגיע, דער "מה רבו מעשיך?!" די רעליגיעזע עמאָציע איידער זי ווערט פאַרשקלאַפט ביי די אינסטיטוציאָנעלע רעליגיעס. ערשט נאָך דער טיפער איבערלעבונג פון דער עמאָציע, פון דעם רעליגיעזן־ און קונסט־געפיל, ערשט דאַן קומט די דריטע שוועסטער, די וויסנשאַפט און זי הייבט אָן צעגלידערן דעם פראָצעס פון דער דערשיינונג. אַזוי אויך דער גאַנג פון וויסנשאַפטלעכן דענקען: פון דער אינטויִציע צום דיסקורסיוון פראָצעס, צום צעוויקלען דעם לאַנגן פראָצעס פון יעדער דערשיינונג, די אויפגאַב צו מאַכן פון דעם ניסתר אַ ניגלה. די אַנדערע צוויי שוועסטער — קונסט און געטלעכע עמאָציע פאַרלאָזן ניט דעם וויסנשאַפטלער ביי זיין גאַנצער אַרבעט. אין יעדן מאָמענט לעבט ער איבער אַלע דריי צוזאַמען, איינצייטיק. דאָס איז די רעלי־גיעזע שיינקייט פון דעם וויסנשאַפטלעכן דענקען און פאָרשן. וויסנשאַפט קאָן ניט געבוירן ווערן אָן אינטויִציע, אָן געפיל. דאָס אַרויסברענגען, פאָרמולירן וויסנשאַפט איז אויך קונסט. ביידע — וויסנשאַפטן ווי קונסטן באַמיען זיך צו געפינען דאָס אַלגעמיינע אין פּרטים. וויסנשאַפטלעכע געזעצן זיינען אויך סימבאָלן ווי שאַפונגען פון קונסט.

וויסנשאַפט, קונסט און די דירעקטע רעליגיעזע איבערלעבונג — זיינען אַ דרייאייניקייט. ווען מען צעטיילט זיי — פאַרלירן זיי די נשמה.

אַרויסברענגען, פאָרמולירן אידעען, געדאַנקען, נאַטור־געזעצן אין ווער־טער, אָדער אין מאַטעמאַטישע פאָרמולעס איז אויך ניט ווייניקער קונסט. קונסט

איז אַרויסברענגען דאָס אינטימע, וואָס אין זיך אין אָביעקטיווע פאָרמען, יעדע שאַפונג איז קונסט. דאָס זיינען גייסטיקע קינדער, וואָס מען מוז זיי אויסטראָגן, געבוירן, האָדעווען ביז זיי ווערן פאַר זיך, אומאָפּהענגיק און קאָנען לעבן פאַר זיך אָן די עלטערן.

יעדער וויסנשאַפטלעכער פּראָצעס איז אַ דריילינג. ער הייבט זיך אָן פון אינטויִטיוון געדאַנק — עס קומט די ערשטע אַנטפּלעקונג, דאָס גייסטיקע קינד הייבט אָן זיך צו אַנטוויקלען. דאָס איז אין מענטשן ביז עס ווערט צייטיק אויסגעפורעמט צו קאָנען אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט, אָפּשניידן זיך פון מוטערס אינגעווייד, צו זיין פאַר זיך. דאָס אויספורעמען די אינטימע, אינעווייניקסטע אַנטפּלעקונג אין וויסנשאַפטלעכע געזעצן, אין מאַטעמאַטישע פאָרמולעס, איז עפּעס רעליגיעזעס, ריינע רעליגיע — וויסנשאַפט, קונסט און רעליגיע צוזאַמען — דאָס איז איינס, דער גאַנצער דריילינג.

## דער יידישער צוגאַנג צו ליטעראַטור

עס קומט אויס זייער פריקרע ווען מען הייבט אָן צו מעסטן יידישע שריפטן מיט די מאָסן פון אַנדערע פעלקער. די עצם אַנטוויקלונג איז אַן אַנדערע ביי אונדז, און אַנדערש זיינען אויך די אויפגאַבן. ביי פעלקער האָט זיך די ליטעראַטור אַנטוויקלט אין די פריצישע הייפן. דער שרייבער האָט געהערט צו די וואָס האָבן געדאַרפט פאַרוויילן דעם גנעדיקן פריץ, אים צושטעלן גייסטיקן פאַרגעניגן, ער זאָל זיך ניט לאַנגווייליקן. לויט דעם גוסט פון פריץ האָבן גע־שאַפן די קינסטלער, די שרייבער צווישן זיי. דאָס פאָלק, דער פאָלקישער מאַסיוו איז געקומען אין דער ליטעראַטור אַ סך שפּעטער, שוין נאָך דעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון קנעכטשאַפט ביי די פריצים. דער קינסטלער, דער שריי־בער האָט בלויז געביטן דעם בעל הבית, וועמען ער דאַרף דינען: אַנשטאָט דעם געהויבענעם יחיד, דעם „איידלגעבוירענעם פריץ" איז געקומען דער קאָלעק־טיווער געביטער, דער קאָלעקטיווער פריץ — געברויכער און צושטעלער.

אַנדערש איז עס ביי יידן. די ערשטע שרייבערס זיינען געווען די נביאים. זיי האָבן שוין לגמרי ניט געדינט קיין פריץ. גאַנץ מעגלעך, אַז די יידישע מלכים האָבן געהאַט זייערע נביאים און זייערע נביאים האָבן געשריבן ספרים אויך, מגילות. זיינען זיי אָבער פאַרלוירן געגאַנגען. דאָס יידישע פאָלק האָט זיי ניט איינגעהיט, ניט געוואָלט איינהיטן. די נבואה־ספרים וואָס זיינען יאָ איינגעהיט געוואָרן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרהייליקט זיינען ניט פון פריצים און ניט פאַר פריצים. זיי זיינען ניט קיין „ליטעראַטור". זיי זיינען ביי דער גאַנ־

צער וועלט פאַררעכנט ווי „הייליקע שריפטן". די נביאים ריידן אַלע אין נאָמען פון גאָט. גייט וועגן דעם אַ פּלוגתא צווישן די פרומע און ניטפרומע. די ערשטע ווילן גלייבן, אַז אַ ספּעציעלע שטים פון ערגעץ ניט פון מענטשן האָט מיט מענטשלעכער שטים און מיט מענטשלעכע ווערטער גערעדט צו דעם נביא. זאָגן די ניטפרומע — ס'איז פאַלש! פּשוט און פּראָסט — יידישע נביאים זיינען ניט געווען קיין אָפּנאַרערס! קיין רייד פון אָפּנאַרערס וואָלט דאָס יידישע פאָלק ניט אָפּגעהיט, ניט איינגעהיט ווי הייליקייט. די נביאים האָבן געגלייבט אין דער געטלעכקייט פון זייערע רייד און אַזוי האָט געגלויבט אויך דאָס פאָלק מדור לדור און אַז דורות גלייבן, איז דאָס דער אמת. ניטאָ קיין אַנדער אמת. גלייב איך באמונה שלמה אַז די רייד פון די נביאים, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איינגעהיט זיינען אמת, אָבער ניט אַזוי פּרימיטיוו, אַז אַ פיזישע שטים רעדט צו דעם נביא. עס זאָגט שוין אַ גמרא: עס שטייט „ואלוהים יעננו בקול" — גאָט ענטפערט משהן מיט אַ קול, מיינט עס „בקולו של משה" *) די שטים איז משהס און דער גייסט איז געטלעך. „עס איז אין מיין האַרצן ווי אַ ברענענדיק פייער, איינגעשלאָסן אין מיינע ביינער, און איך מאַטער זיך עס איינצוהאַלטן, אָבער איך קאָן ניט" — קלאָגט זיך דער נביא ירמיהו (כ'ט, יהואש). דער נביא איז ניט קיין גראַמאַפאָן־פּלאַטע, וואָס פאַרשרייבט טעכניש דאָס וואָס ער הערט פון דרויסן. ער רעדט און שרייט פון זיין האַרצן, פון זיך, פון זיינע איבערלעבונגען און פון זיין דענקען. אָדער דווקא אָט די אינעווייניקסטע איבערלעבונגען — זיי זיינען געטלעך. געטלעכקייט איז די געהויבנסטע עמאַנציעס פון דעם נביא. אויב דאָס פאָלק האָט עס איינגעהיט, און ניט אין פייער־זיכערע ביבליאָטעקן, נייערט אין די הערצער און מוחות פון לעבעדיקע מענטשן, זיינען דאָס במילא רייד און אידעען פון געטלעכער יידישקייט. דעם באַגריף געטלעכער גייסט דאַרף מען אויך פאַרשטיין ווי אַ סימבאָל, אַ סימבאָל פון אַן אידעע וואָס לעבט אין פאָלק, וואָס דאָס פאָלק האַלט פאַר הייליק. דאָס וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרהייליקט, וואָס עס האָט זיך פאַר דעם מוסר נפש געווען — דאָס איז געטלעך! אין פאָלק זיינען פאַראַן אָרגאַנישע און אומ־אָרגאַנישע דערשיינונגען און אידעען. די אָרגאַנישע האַלטן זיך דורות, זיי זיינען אָריגינעלע, ניט איבערגענומענע, ניט אָנגעטראָגן פון דער זייט, פון פרעמדע מקורים, ווי דאָס זיינען די אומאָרגאַנישע אידעען אין פאָלק. דאָס אָרגאַנישע איז אָפּטער אַרויסגעזאָגט, ניט פאָרמולירט. עס איז ווי אַ זאָמען וואָס האָט דעם גאַנצן בוים אין פּאָטענץ, ניט אַנטוויקלט, ניט געגלידערט, און פון דעם זאָמען וואַקסט אַרויס דער גאַנצער בוים. די מדרשים־ליטעראַטור האָט געניצט

*) ברכות מה' א'. מפרשים דערקלערן עס אַנדערש.

אַן אויסדרוק „ערטלאַין", אַן אַ לבוש, ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן — אַן אַ געשטאַלט, אַן אַ פאָרם. און דווקא אַט דאָס מיסטעריעזע (אין מדרשים „מיסטורין") — דאָס איז דער זאָמען, וואָס פון אים וואַקסן אַרויס אַלע אײַנ־האַלטן און אַלע פאָרמען פון אַ פאָלק. דאָס איז ווי די נשמה פון אַ פאָלק; זי פירט אַלע מעשים, אַלע אידעען, אַלע באַציִונגען פון אַ פאָלק. די וויסנשאַפט איז ניט ביכולת צו דעפינירן די נשמה פון אַ פאָלק. די קונסטן קאָנען דאָס יאָ, ווײַל זיי גיבן סימבאָלן.

אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש איז נאָך ביי יידן זייער „מיס־טורין" ניט געווען גענוג פעסט אַנטוויקלט. דאָס יידישע פאָלק האָט נאָך ניט געהאַט זיין אויסגעשפּראָכענעם אייגענעם פּרצוף. דאָס האָבן יאָ פאָרמאָגט אין זיך די נביאים. געווען „פאַלשע נביאים", געווען אמתע נביאים. מיר האָבן ניט קיין קלאָרן חשבון פון די פאַלשע נביאים: דאָס פאָלק האָט זיי פאַרוואָרפן און פאַרשאָלטן. קאָן זיין אַז זיי זיינען געווען מער און פעסטער, און דערפאָלג־רייכער, און צופרידענער איידער די אמתע נביאים. בכל אופן איז עס אַזוי קענטיק פון דעם תנ"ך גופא.

וואָס איז דער אונטערשייד? דער נביא השקר, דער פאַלשער רעדט צו זיין דור און צו זיין סביבה, ער באַמיט זיך צו געפעלן און ער איז טאַקע אויך מצליח. דער אמתער נביא רעדט צו דער אייביקייט, ער לייגט ווייניק אַכט אויף זיין צייט און סביבה. ער רעדט און שרייבט דורך זיין צייט צו אַלע דורות, דורך זיין סביבה — צו דער גאַנצער וועלט. פאַר זיין צייט און פאַר זיין סביבה איז דער אמתער נביא אפילו גאָר אָפט אומפאַרשטענדלעך מען באַנעמט אים ניט; זי קאָנען ניט באַנעמען די קאָלעקטיווע נשמה פון זייער אייגן פאָלק.

אַט די קאָלעקטיווע נשמה, דער גייסט פון פאָלק — דאָס איז דער גאָט וואָס רעדט דורך די נביאים. אַ סך דורות ביז די נביאים איז אַט דער גייסט פון פאָלק געווען אין גאַנצן פאַרבאָרגן, שטום. ער איז געוואַקסן אין פאָלק פון די אבות אָן, אפשר נאָך פריער. ער איז דאָך געווען די סיבה פאַר וואָס אברהם איז אַוועק „פון זיין לאַנד, פון זיין געבוירן־וועלט און פון זיין פאָטערהויז", דאָס האָט אים זיין גאָט געוויזן, „אל הארץ אשר אראך"... דער יידישער גאָט איז געווען מיט די יידן אין מצרים, אין גלות, ווען קיין אַסימילאַציע האָט ניט געקאָנט זיין. דווקא אין מצרים איז אויסגעוואַקסן דער „אבי הנביאים" משה רבינו. ער איז געווען אַנדערש פון אַלע נביאים נאָך אים שוין דערמיט וואָס ער האָט ניט אַנטפּלעקט דעם גייסט פון פאָלק אין רייד, נאָר ער האָט זיך באַמיט צו שמידן דאָס פאָלק לויט זיין גייסט, לויט דעם ווילן פון זיין גאָט. דער גייסט פון פאָלק, איז נאָך אין גאַנצן געווען „מיסטורין", פאַרבאָרגן, מען האָט געדאַרפט זיין אַ משה ער זאָל אים באַגרייפן, דער גאָט פון פאָלק זאָל

זיך צו אים באַווייזן. אויך נאָך משהן גייען אַוועק אַ סך דורות, וואָס „אין חזון נפרץ" — ניטאָ קיין טרעגער פון פאָלקישן גייסט ניט אין וואָרט, ניט אין מעשים. דווקא אין אייגענעם לאַנד, אין פרייהייט איז דער פאָרזיכיקער גייסט פון פאָלק כסדר פאַרדרענגט געוואָרן דורך אַנדערע גייסטער, דורך „דינען צו אַנדערע געטער" — ווי דער תנ"ך רופט עס אָן. דווקא אין אייגענעם לאַנד איז די אַסימילאַציע געווען שטאַרקער ווי אין גלות מצרים, ווו יידן זיינען געווען טעריטאָריעל אָפּגעזונדערט (גושן) און רעכטלעך אָפּגעטיילט, באַגרעניצט.

פון משהן אָן האָט זיך דאָך דער גייסט פון פאָלק געדאַרפט אויסדריקן אין מעשים, אין פירונגען.

מען טיילט פאַנאַנדער — וואָרט־נביאים און שריפט־נביאים. מען פאַר־געסט אָנצוהייבן ריכטיק, פון די טאַט־נביאים, וואָס האָבן געבויט דעם ספּע־ציפישן יידישן שטייגער. ניט צוויי סטאַדיעס איז דורך די יידישע נבואה, ווי עס איז אָנגענומען — וואָרט־ און שריפט־נביאים, נייערט דריי תקופות זיינען דאָס געווען: שטייגער־נביאים, און צווישן זיי דווקא קומט דער גרעסטער — משה. אין עפּעס אַ ספרל געזען אַמאָל אַ גוטן געדאַנק: משה האָט אַ סך יאָרן געדאַרפט לעבן מיט יידן, צווישן יידן כדי ער זאָל ווערן אַ משה. ער האָט געדאַרפט איינזאַפּן אין זיך דעם גייסט פון פאָלק נאָך איידער דער גייסט איז געווען פאַרמולירט, ווען דער פאָלקישער גייסט איז נאָך געווען דורכויס אַ ניסתר, נאָך איידער דאָס פאָלק אַליין האָט געוווּסט פון אָט דעם אייגענעם באַזונדערן גייסט. דווקא אין דעם אייגן לאַנד האָבן יידן געהאַט אַ נאָענטן פאַר־קער מיט אַנדערע פעלקער, און מיט זייער שטייגער. דערפאַר איז אויך געווען אַ מער פאַרשפּרייטע אַסימילאַציע. דאָס הייסט — פרעמדע פירונגען און פרעמ־דער שטייגער. דערפאַר די כסדרדיקע קאַמפן פאַר און קעגן אַסימילאַציע, קעגן די פרעמדע געטער: קעגן עבודה זרה.

דער סימבאָל פון אָט דעם דורותדיקן קאַמף איז אליהו הנביא ווי ער איז געמאָלט אין תנ"ך. משה — דער אָנהייבער פון דער שטייגער־נבואה און אליהו — דער שטאַרקסטער קעמפער פאַר דער שטייגער־יידישקייט, קעגן אַסימילאַ־ציעס. מען דאַרף זאָגן דעם אמת, אַז דער קאַמף איז גאָר ניט אַלע מאָל געווען אַ געלונגענער. דער יידישער גייסט, דער יידישער גאָט האָט ניט באַזיגט די אַנדערע געטער. שוין דעמאָלט איז דאָס יידישע פאָלק ניט געוואַקסן שטאַרק אין צאָלן. איבערהויפּט איז די אַסימילאַציע געווען שטאַרק אין שומרון, טאַקע דאָרטן ווו אליהו האָט אַזוי טראַגיש געקעמפט.

דאָ דאַרף מען דערמאָנען נאָך אַמאָל דאָס וואָס מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. דאָס איז די פאַרהעלטעניש צווישן „נעשה ונשמע".

שטייגער־פירונגען, דער גייסט פון פאָלק, אָדער זיין גאָט, דאָס וואָרט און שריפט. בראשית איז געווען דער שטייגער. אין באַזונדערן, פאַרזיכיקן שטייגער וואַקסט און שטאַרקט זיך דער אייגענער, פאַרזיכיקער גייסט, דער גאָט פון פאָלק. אָט דער אמת, די פּראַפּאָרץ צווישן פאָלקס שטייגער און זיין גאָט איז ריכטיק אויסגעדריקט אין תלמוד און אין זוהר, אין אַנדערע מדרשים. אָן דעם יידישן שטייגער ביי יידן ווערט דער יידישער גאָט אָפּגעשוואַכט. ערשט שפּעטער, ערשט פון דעם געטלעכן שטייגער קומט דאָס געטלעכע וואָרט און צו לעצט קומט די שריפט. אַזוי איז געגאַנגען ביי יידן די אַנטוויקלונג פון שריפטן ביז דעם סוף פון דער תנ״ך־תקופה. גאָר אַן אַנדער וועג ווי די ליטעראַ־טורן ביי פעלקער. אַנדערע אויפגאַבעס, אַנדערע צילן, אַן אַנדער ראָל האָט געשפּילט דער פאָלקישער מאָסיוו. ניטאָ לגמרי דער גרויסער און מעכטיקער פּריץ. דאָס איז גאָר אַן אַנדער וועג פון ליטעראַטור־אַנטוויקלונג ביי יידן און קיין פאַרגלייכן מיט אַנדערע פעלקער זיינען דאָ ניט גילטיק. לויט דור דור ודורשיו איז דער תנ״ך פאַרקערט געוואָרן ניט מיט איין מאָל נאָר אין עטלעכע.

אין בית ראשון — חומש, יהושוע, שיבת ציון — נביאים. זמן הפרסים — כתובים, מגילות. זמן המכבים — ענדגילטיק.

## די תלמוד־תקופה

מיט דער קאַנאָניזירונג פון תנ״ך האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער ציקל, די ערשטע עטלעכע מדרגות: שטייגער, וואָרט און שריפט אָדער תורה. די תקופות זיינען געווען נאָר ענלעך אָבער ניט די זעלביקע. אין דער תקופה פון תלמוד זיינען זיי געווען צוויי נייע פאַקטאָרן. דאָס יידישע פאָלק איז שוין ניט געווען אַזוי האָמאָגען, ניט אַזוי קאָנצענטרירט טעריטאָריאַל, ווי אין דער תקופה פון שטייגער פון ערשטן ציקל (די אבות, מצרים). איז שוין דער שטיי־גער אויך ניט געווען מאָנאָליטיש, איינהייטלעך, זיינען שוין געווען פאַרשיי־דענע פאָרמען און מען האָט געדאַרפט אוניפיצירן, אוניפאָרמירן דעם שטייגער.

צווייטנס, איז דאָך איצט ניט געווען קיין אָנהייב ווי עס וואָלט פריער גאָרניט געווען. האָט מען געדאַרפט אָדער פאַרלייקענען אין גאַנצן דעם ערשטן ציקל, די תנכישע תקופה, אָדער פירן דעם נייעם שטייגער ווי אַ המשך פון פריער, פון דער תורה שבכתב פון דער פריערדיקער, תנכישער תקופה.

דער שטייגער אַליין איז טאַקע ניט געווען אַ פּשוטער המשך. דער ביי־ער שטייגער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אין אַ גלות (דאָס מאָל — בבל), שפּעטער — אונטער דער געבענטשטער הערשאַפט פון פערסיע. (אַ תקופה פון אַ פּאָר

הונדערט יאָר אָן מלחמות און אָן אַסימילאַציע!). האָבן די ישיבות (אַקאַ־דעמיעס) געטאָן די צוויי אַרבעטן: אוניפיקאַציע פון שטייגער און באַהעפטן מיט דער תורה שבכתב פון דער ערשטער תקופה. ביז עס האָבן זיך אויסגעאַר־בעט פעסטע מעטאָדן ווי אַריינצודרשענען די פאָרמען פון פירונג, פון שטייגער אין דעם אינהאַלט פון די פסוקים. איז דער נייער שטייגער, וואָס איז אין תוך געווען גאָר אַנדערש, געוואָרן ווי געגעבן פון גאָט, ווי פון באַרג סיני.

די צווייטע תקופה, די תלמודישע האָט זיך געצויגן אָן אַ הפסקה ביז עס איז געקומען דער אורבאַניזם. (גענויער וועגן די תקופות אין דער יידישער געשיכטע זען אין מיין בוך „אויף די וועגן פון קיום", אין דעם עסיי „אויף די וועגן צו נצח ישראל" זייט 263 און ווייטער). ווידער איז עס ניט קיין לי־טעראַטור אין דעם זינען ווי ביי אַנדערע פעלקער. עס איז הלכה — שטייגער. כסדר לערנען און שטודירן דעם גאַנג פון שטייגער, פון דער הלכה זי זאָל גיין אין דעם אייגענעם, ניט נאָכגעמאַכטן גייסט, אין די וועגן פון גאָט, פון דעם גאָט וואָס איז אידענטיש מיט דער נשמה פון פאָלק און וואָס זאָל זיין אַלע מאָל „הלכה למשה מסיני" — אַלע מאָל המשך, קיין מאָל ניט קיין רעוואָלט קעגן דעם אַמאָל. ריכטיקער — יאָ רעוואָלט, כסדר געענדערט, אַריינגעפירט נייעסן, אָפּגעוואָרפן דאָס פאַרעלטערטע, אָבער אַלע מאָל ניט געלייקנט, ניט סתם אָפּ־געוואָרפן, נאָר באַמיט זיך אַריינצופאַסן אין דער תורה פון פריער, פון דער פריערדיקער תקופה. אַלע מאָל האָט מען געזוכט דעם „מן התורה מניין" ווי שטאַמט דאָס אַקטועלע פון דעם פריערדיקן? מען האָט זיך אַלע מאָל באַמיט צו פאַרשטיין די טעקסטן פון דער פיקסירטער תורה לויט די פירונגען, לויט די באַגריפן פון זייער אַקטועלער צייט, מען האָט געלערנט די תורה לויט די באַגריפן פון זייער צייט. מען האָט גאָר ניט שטאַרק געהאַלטן פון באַנעמען אַ פסוק ווי עס איז זיין צורה, זיין פשוטער זינען. מען האָט אַלע מאָל געדרשנט דעם פסוק, געמאַכט די טעקסטן גופא אַקטועלער, פאַסיקער, צוגעפּאַסטער.

## תורה שבעל פה און תורה שבכתב

מען דאַרף קאָרעגירן דעם באַגריף. עס איז אָנגענומען פון דעם תלמוד אָן צו באַצייכענען דעם חומש ווי די תורה שבכתב און דעם תלמוד מיט אַלע זייבע אָנוווּקסן, וואָס זיינען אָנגעוואַקסן אויף דעם תלמוד — דאָס אַלץ ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען תורה שבעל פה. דער באַגריף איז איצט ניט פּאַסיק. יעדע לעבעדיקע פאַרזיכיקע תקופה הייבט אָן איר קולטור מיט „בעל פה" — עס איז ניט באַשריבן און הגם ניט אָנגעשריבן ווערט עס דאָך אויסגעפירט,

צום סוף פון דער תקופה ווערט די מינדלעכע ייִדישקייט, די תורה שבעל פה, פאַרשריבן און עס ווערט פון בעל פה שוין בכתב. דאָס בעל פה ווערט בכתב. דאָס וואָס עס איז געווען בעל פה איז געוואָרן בכתב שפּעטער. מיט יעדער נייער תקופה קומט אויף אַ נייע ייִדישקייט בעל פה. אַ תקופה וואָס שאַפט ניט, וואָס האָט ניט קיין ייִדישקייט שבעל פה, איז ניט קיין לעבעדיקע, פּונקט ווי אַ בוים וואָס האָדעוועט מער ניט קיין יונגע בלעטלעך און בלומען. ער שטייט נאָך, אָבער קיין לעבן האָט ער שוין ניט. אין יעדער תקופה מוז די ייִדישקייט שבעל פה, סומירט ווערן, דער אינהאַלט פון קולטור־פּראָצעס, פון שטודיעס, פון „תלמוד" — דאָס הייסט — פורעמען, פאָרמולירן, אויסדריקן זי אין ווער־טער, אין קונסטן.

עס איז אָנגענומען ביי פּרימיטיווע ייִדן, אַז גאָט האָט געגעבן משהן אַ פאַרטיקע תורה פאָרמולירט און פאַרשריבן און אַ צווייטע תורה האָט ער משהן פּשוט איבערגעגעבן אויסנווייניק. אין דער אמתן איז דער פּראָצעס עטוואָס אַנדערש. יעדע תורה האָט איר מקור ניט אין הימל נאָר אויף דער ערד, ניט ביי גאָט, נאָר ביים פאָלק. איז דאָס לעבן פון פאָלק געטלעך, איז די תורה פון פאָלק אויך געטלעך, תורה — איז ניט קיין פּראָדוקט פון איין מאָמענט, תורה איז אַ פּראָדוקט פון אַ פּראָצעס אין משך פון דורות. דריי סטאַדיעס זיינען פאַראַן אין דעם תורה־פּראָצעס: שטייגער, וואָרט און שריפט, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן. שטייגער און וואָרט זיינען בעל פה, שפּעטער קומט די סטאַדיע פון שריפט, בכתב.

## תורה און ליטעראַטור

דאָס איז דער אונטערשייד צווישן תורה און ליטעראַטור. ליטעראַטור איז אינדיווידועלע שאַפונג פון קינסטלער, פון שרייבער. זי איז ספּעציעל גע־שאַפן פאַרן געברויכער, פאַרן פריץ, דאָס פאָלק, דער פאָלקישער מאַסיוו נעמט ניט קיין אָנטייל אין דעם פּראָצעס פון ליטעראַטור־שאַפונג. תורה איז אַ פּראָ־דוקט פון פאָלקס לעבן, זי איז געשאַפן ניט פאַר עמיצן, ניט קיין באַשטעלונג, נאָר פון דעם שעפערישן דראַנג פון שעפער. אָט דער דראַנג איז די שליחות. ער פילט די שליחות ווי דירעקט געהייסן צו טאָן, צו גיין און ריידן צום פאָלק. ביי ייִדן איז דאָס ניט געווען קיין פאַרשקלאַפטער קלאַס פויערים ווי עס איז געווען ביי אַנדערע פעלקער. איז די דירעקטע השפּעה פון דעם פאָלקישן מאַסיוו אויך ניט אין פאַרגלייך גרעסער. געווען ביים סוף פון דער תנ"ך־תקופה אַ נייגונג צו אינדיווידועלער ליטעראַטור־שאַפונג. פאַראַן אין תנ"ך עטלעכע ספרים

פון דעם כאַראַקטער. אָבער דער פּראָצעס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. מען האָט די שאַפונגען אין קאַנאָניזירטן תנ״ך ניט אַריינגענומען. זיי זיינען געבליבן ווי ספרים חיצוניים, אָדער זיי זיינען אין גאַנצן פאַרלוירן געגאַנגען, ווי „ספרים גנוזים״. אַנשטאָט די שענסטע ליטעראַרישע שאַפונגען אינדיווידועלע זיינען די חז״ל אַוועק פורעמען, אוניפיצירן און פאָרמולירן דעם פאָלקס שטייגער. די גאַנצע ענערגיע פאַר דער הלכה.

עס איז, פאַרשטייט זיך, אַ שאָדן וואָס עס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען שאַ־פונגען. אָבער ביי די גוואַלטיקע טעכנישע שוועריקייטן צו שאַפן ספרים, האָבן זיך געקאָנט איינהיטן נאָר אַזוינע וואָס זיינען געווען גאַנגבאַר אין פאָלקישן מאַסיוו, וואָס דאָס פאָלק האָט גענוצט ווי לעקטור, ווי תפילות וכדומה, ווי דאָס זיינען געווען געזאַנגען פון תהלים, ווי משלי אָדער איוב. היינט אַז ביכער ווערן ניט גענוצט, קאָנען זיי דאָך פאַרט בלייבן אין ביבליאָטעקן. פאַרצייטן אָבער, אויב ביכער זיינען ניט גענוצט געוואָרן, ווער זאָל זיי שרייבן? און צוליב וואָס? זיינען פאָרט געבליבן מגילות צופעליק געפונענע אין פאַרבאָר־גענישן. זיינען יאָ געפונען געוואָרן גאַנצע אוצרות, ביבליאָטעקן „ליימענע״ ספרים. אָבער דאָס זיינען געווען „קייזערלעכע״. אַזוינע זאַמלונגען פאַר די דורות צו דערציילן די גרויסקייט פון דעם אָדער יענעם קייסער. די ליימענע ביבליאָטעקן פון אשר אָדער בבל זיינען מערער געגליכן צו די פּיראַמידן פון מצרים, איידער צו די שריפטן פון די יידן. יענע האָבן געהאַט אין זינען דעם אָדער יענעם קייסער און די יידישע שריפטן האָבן אַלע מאָל געהאַט אין זינען דעם אומפּערזענלעכן העכערן גייסט פון פאָלק בכלל. פאַרשטייט זיך, אַ פאָלק, ווי אַ מענטש, אַ יחיד, איז ניט קיין מלאך, אַזוי באַשטייט אויך אַ קאָלעקטיוו ניט פון מלאכים. פאַראַן העכערע און נידעריקע דראַנגען, פאַרלאַנגען, מעשים און פירונגען. דער גייסט פון פאָלק דריקט זיך אויס אין די העכערע דראַנגען, פאַרלאַנגען, שטרעבונגען און פירונגען. דאָס איז די שכינה פון פאָלק. דאָ קומען מיר צו די העכסטע באַגריפן פון יידישן פאָלק, די באַגריפן וועגן גאָט.

## קודשא בריך הוא ואורייתא

מיר האָבן שוין אַ סך מאָל געשריבן אַז יידישקייט איז ניט קיין גאָט־רעליגיע. נייערט אַ פאָלק־רעליגיע. ביי די פעלקער איז די אַקס פון זייערע הייליקע שריפטן גאָט און זיין ביאָגראַפיע, זיין מענטשלעכע מאַמע, זיין גאָט־פאָטער — האַלב מענטש, האַלב גאָט; זיינע מעשים און אויפטוען, נסים ונפ־לאות — אַלץ אין גייסט פון די אַנדערע געצנדינערס, גאָט אָדער גאָטס זון אין

געשטאַלט פון אַ מענטש. אַלע יום טובים זיינען פאַר אים, פאַרבונדן מיט זיין ביאָגראַפיע. די גאַנצע רעליגיע איז צענטרירט אַרום דער פּערזאָן פון גאָט. ניטאָ קיין שום שייכות מיט פאָלק, מיט מענטשן. די רעליגיע איז, אמת, יאָ פאַרבונדן מיטן יידישן פאָלק, אָבער ניט מער ווי אַן אינקובאַטאָר אויסצוהאָדעווען גאָטס זון. געענדיקט די אויפגאַב, איז אויס מיטן יידישן פאָלק! ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט עס, פאַרשאָלטן אויף אייביק און זיי טוען עס בלויז דעם רצון פון זייער גאָט דעם בעל רחמים, וואָס זיי ענדיקן קיין מאָל ניט צו פאַרגיסן יידיש בלוט. איז די גאַנצע רעליגיע ניט אַנדערש ווי אַ נייע אויסגאַבע פון אַ געצנדינערישער פריערדיקער רעליגיע. ניטאָ דאָ קיין שום ענלעכקייט צו דער יידישער רעליגיע וואָס איז דורכויס אַ פאָלק־רעליגיע; אין גאַנצן צענטרירט אַרום דעם יידישן פאָלק, אַלץ פאַר אים, פאַרן יידישן פאָלק און פאַר זיין גליק, פאַר זיין צוקונפט. אויך גאָט אַליין האָט זיין הויפּט־אַרבעט צו שטודירן יידישקייט, די יידישע הלכה, מיטצוזאָרגן מיטן גאַנצן פאָלק. און די גאַנצע רעליגיעזע אַקטיווקייט, אַלע מצוות וואָס אַ ייד דאַרף טאָן, זיינען אויך ניט פאַר גאָט, פאַר זיין פאַרלאַנג אָדער פאַר זיין באַדאַרף. ניין, אַלע מצוות און עבירות זיינען אין די אינטערעסן פון דעם יידישן פאָלק, פאַר זיין צוקונפט. און די געבענטשטע צוקונפט, דער „לעתיד לבא" וועט זיין ווען די גאַנצע מענטשהייט וועט ווערן אַ „מלכות שדי", און „וכל הרשעה כעשן תכלה", דאָס וועט זיין אין דעם „אחרית הימים", ווען עס וועט קומען די „מלכות שדי" אויף דער ערד. דאָס איז דער אַלגעמיינער ציל און זינען פון דער מענטשהייט. די „השגחה פרטית", דער חשבון פון יעדן איינציקן יידן באַזונדער, זיין „שכר ועונש" קומט נאָר כדי יעדער איינציקער ייד זאָל דינען דעם אַלגעמיינעם ציל. דאָס איז דער זינען פון דער גאַנצער רעליגיע וועגן גאָט אַליין, וועגן זיינע אייגנשאַפטן, זיינע פאַרבינדונגען מיט דער וועלט, מיט מענטשן, מיט פעלקער — וועגן דעם איז ניטאָ אין דער יידישער תורה קיין וואָרט! אַ וויסנשאַפט וועגן גאָט — חס ושלום! גאָר פאַרבאָטן! מען דאַרף זיך גאָר דערמיט ניט פאַרנעמען! ניטאָ ביי יידן קיין טעאָלאָגיע, קיין וויסנשאַפט וועגן גאָט. אַזאַ וויסנשאַפט איז אין תוך אַריין שוין געצנדינסט. קוים באַטראַכט מען גאָט ווי אַ פאַרזיכיקן וועזן, איז עס שוין אַ מין געץ. אַזוי האָט אויך געהאַלטן דער רמב"ם. אמת, ער האָט געהאַט קעגנערס. איינער פון זיינע הויפּטקעגנערס דער ראב"ד (דער בעל ההשגות) האָט אפילו געשריבן אַז „מערערע און בעסערע" (פון רמב"ם) !) האָבן יאָ געגלויבט און דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו זיין גוטע יידן". אָבער דאָס הייסט גאָר ניט, אַז ער — דער ראב"ד — האָט געגלויבט אין אַ מאַטעריעלן גאָט. חס ושלום! ער האָט אָבער — ווי כמעט אַלע אַנדערע אשכנזים — געהאַלטן די גאַנצע פראַגע וועגן מהות פון גאָט, פאַר אומנוציק

און מען דאַרף זיך מיט איר ניט פאַרנעמען. אַלע מאָל האָבן יידישע דענקערס געזוכט גאָט אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען. ריכטיקער — זיי האָבן געזען די גאַנצע וועלט, דעם גאַנצן קאָסמאָס ווי אַ לבוש, ווי אַן אַנטפּלעקונג פון געט־לעכקייט. מער ווי מעשים זעען מיר ניט, ווייסן מיר ניט און מער דאַרפן מיר ניט ספּעקולירן. די גרויסקייט פון דער וועלט איז די גרויסקייט פון גאָט. און דאָס האָט אַרויסגערופן אַלע דריי העכערע געפילן, די „דריי שוועסטער", ווי מיר האָבן פריער סימבאָליש זיך אויסגעדריקט — די ווייסנגיריקייט, די רעלי־גיעזע און די קונסט־עמאָציעס. דאָס אַלץ איז געווען די אַסאָציאַציעס פון באַ־גריף גאָט אין פאַרבינדונג מיט דעם קאָסמאָס, מיט דעם „אין־סוף ברוך הוא". אַנדערע אַסאָציאַציעס זיינען געווען ביי יידן ווען זיי האָבן געטראַכט וועגן יידישן פאָלק און זיין גאָט, וועגן דעם „קודשא בריך הוא". עס איז ניט געווען קיין זוכן אַן אָביעקטיוון, פאַר זיך עקזיסטירנדיקן מהות, נאָר עס איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי דער סכום הייליקייטן וואָס דאָס יידישע פאָלק פאַרהייליקט, די הייליקייט פון פאָלק. איז די תורה, און קודשא בריך הוא איינס. תורה איז הלכה. זיצט גאָט און לערנט די הלכות פון יידישן פאָלק. די גרויסקייט פון גאָט איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער יידישקייט פון פאָלק ישראל: וואָס געטרייער עס איז דאָס פאָלק, אַלץ שטאַרקער איז דער יידישער גאָט און פאַרקערט. נאָכן חורבן איז ביי דעם יידישן גאָט געבליבן נאָר די הלכה. דער גאַנצער באַגריף גאָט איז אידענטיש מיט דער תורה, מיט יידישקייט — קודשא בריך הוא ואוֹ־רייתא וישראל איז חד — איינס. . . .

אַזוי ווייט אַנדערש איז די יידישקייט און יידישע רעליגיע פון אַנדערע אָנגענומענע רעליגיעס. עס קומט אויס ניט זעלטן צו לייענען ביי יידישע דענקער וועגן „יידיש־קריסטלעכע באַגריפן", ווי זיי וואָלטן געווען ענלעכע, קרובהשע, נאָענטע! און דאָס איז ניט מער ווי אַ טעות, ווי אַ שעדלעכער פעלער. דאָס איז אַ מין איבערנעמען די קריסטלעכע באַגריפן און זיי וועלן פאַריידישן; עס איז ווי איבערניצעווען אַ פרעמדן בגד, וואָס פּאַסט לגמרי ניט, ניט „פאַר אונדזער מאָס". ביי זיי זיינען גאָר אַנדערע טראַדיציעס, און די אוראַלטע זייערע טראַדיציעס וועגן געטער זיינען געבליבן שטאַרקער ווי די פרעמדע באַגריפן פון יידישן גליל, וואָס זיי האָבן אָנגענומען און אַריינגעפּאַסט אין זייערע באַגריפן. קריסטנטום איז אָפיציעל אַ טאָכטער פון יידישער רעליגיע. איז עס ריכטיק נאָר צו די נעמען, צו דער געאָגראַפיע, אָבער לויט דעם עצם מהות איז עס געבליבן ווי געווען — אַ געשיכטע וועגן געטער. יידישע רעליגיע קאָן ניט עקזיסטירן אויסער יידישקייט. און יידישקייט איז אידענטיש מיטן יידישן פאָלק און זיין לעבן, זיינע נאַציאָנאַלע אינטערעסן . . .

ווי ווייט אַנדערש איז עס געווען דער יידישער צוגאַנג צו שריפטן בכלל!

ווי גרויס איז דער אונטערשייד צווישן די באַגריפן פון ליטעראַטור און תורה קאָן מען אויך זען פון אַ קליינעם, דאַכט זיך, פאַקט: מענטשן אין אַלע שפּראַכן נוצן טיטולן. איז ביי פעלקער אָנגענומען צו טיטולירן מענטשן לויט זייער מאַכט! איז ״הער, פּאַן, גאַספּאַדין, סער, לאָרד, עקסעלענץ״ וכדומה — אַלץ אויסדרוקן פון מאַכט, הערשאַפט. ביי יידן אָבער איז אַלע מאָל געווען אָנגענומען אַ טיטול רבי, רב, רבן — קיין שום שייכות ניט צו מאַכט און הערשאַפט. אַכטונג און כבוד קומט אַ מענטשן לויט זיין געלערנטקייט, לויט זיין תורה. ״כי היא חיינו ואורך ימינו״ איז ניט געווען סתם אַ וואָרט, נאָר דער פאַקט. פאַרשטייט זיך, ניט פאַרן פּרט, פאַר יעדן יידן באַזונדער נייערט פאַרן גאַנצן פאָלק בכלל. איז עס אַ פאַרדרוס וואָס אין ארץ ישראל האָט מען פאַרגעסן דעם טיטול רב און מען האָט גענומען נוצן אין גאַנצן אַ ווילד־פרעמדן טיטול ״אדון״. קיין מאָל ניט געווען קיין יידישע אדונים פאַר יידן! נאָך אין דער תורה / ויקרא כה׳, איז פאַראַן ״כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם/ זאָגט אויף דעם אַ גמרא /בבא מציעא יז׳, / ולא עבדים לעבדים / אַלע יידן זיינען גלייכע קנעכט ביי גאָט, אָבער ניט ביי אַנדערע יידן. און אויב ניטאָ קיין קנעכט, זיינען במילא ניטאָ קיין אדונים. איז דאָס פשוט אָן איבערגעזעצטע נאָכמאַכונג פון אַ ווילד־פרעמ־דער געוווינהייט. עס איז זיכער ניט געווען קיין באַוווסטזיניקער רעוואָלט קעגן אוראַלטע טראַדיציעס פון אייגענעם פאָלק, עס איז געווען אַ דראַנג צו ווערן ווי יענע, האָט מען אין געדאַנק שוין איבערגעזעצט פרעמדע פראַזעס.

## דער פאַלשער צוגאַנג צו יידישקייט

צום טיפן באַדויערן פאַרשטייט מען ביי אונדז פאַלש די אַנטוויקלונג און דעם מהות פון יידישקייט.

דער יסוד פון אַלע יסודות איז און דאַרף זיין:

יידישקייט איז אַן אָרגאַנישע, כסדרדיקע, אַנאויפהעריקע, פאַרזיכיקע, אייביקע אַנטוויקלונג פון די אבות און ביז צו אונדז און זי — די אַנטוויקלונג — דאַרף זיך ציען נאָך אונדז ביז דעם ״אחרית הימים״. די פאַרזיכיקע אַנטוויקלונג גייט אין גייסט, אין קולטור, אין שטייגער און אפילו אין פיזישן אָרגאַניזם. יידישקייט טאָר דערפאַר ניט זיין פיקסירט, ביז דער באַשטימטער דאַטע איז יאָ יידישקייט און ווייטער ניט. דאָס אָפּשניידן יידישקייט איז דער וועג פון די פאַרצייטיקע צדוקים אויף דעם וועג גייט די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע. און עס איז אַ פאַלשער גאַנג. יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע נאָר די גאַנצע שטייגערישע שעפערישע קולטור פון פאָלק. און אויך דאָס וועלטלעכע, וואָס

עס איז נאָר ניט פאַרשריבן אין קיין שולחן ערוכס אָבער אויב נאָר עס איז געשאַפן אין יידישקייט, אין גייסט פון יידישן פאָלק איז עס קודש בקדושת הפאָלק. איז די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע אַוועק אויף די פאַלשע וועגן פון די צדוקים „עושים מעשי צדוקים ומבקשים שכר כפרושים" — קאָן מען אויף זיי איבערפראַזירן אַן אַלטן תלמודישן אויסדרוק.

פונקט פאַרקערט איז פאַלש דער וועג פון די וועלטלעכע, וואָס פאַרלייקענען די גאַנצע יידישע טראַדיציע און קולטור. שטייגער אַן פאַרזיכיקע פאָלקישע טראַדיציעס איז עבודה זרה. די וועלטלעכע קאָנען ניט, ווילן ניט פאַרוועלטלעכן דאָס רעליגיעזע, פונקט ווי פרומע קאָנען ניט, ווילן ניט פאַרהייליקן דאָס וועלטלעכע. אוןביידע זיינען פאַלשע.

גאָר פאַלש און שעדלעך זיינען די רעפאָרמער פון אַלע מדרגות: זייער פרינציפּ: יידישקייט איז ניט קיין קולטור, נאָר ניט מער ווי אַ רעליגיע. און די יידישע רעליגיע איז פונקט ווי די רעליגיע פון לאַנדפאָלק — אַ גאָטעס־דינסט און ניט מער.

זיינען דאָס פאַלשע וועגן אין יידישקייט. יידן זיינען מער ניט קיין פאָלק פאַר זיך, יידן זיינען און דאַרפן זיין אינטעגרירט אין דעם לאַנדפאָלק. און די אינטעגראַציע פאָדערט אַסימילאַציע, איז אדרבא.

אָבער אָט די אַסימילאַציע גייט און גייט ביז עס קומט דעקולטוריזאַציע און אומקום ווי דורך אויסראָטונג אַזוי אויך דורך דעגענעראַציע.

גענויער וועגן די פראָצעסן איז ניט דאָ דאָס אָרט.

# פון וועלטלעכער ביז צו אינטעגראַלער יידישקייט

**אַריינפיר**

היינט, עטלעכע און זעכציק יאָר נאָך טשערנאָוויץ שטייען מיר פאַר אַ פאַקט, אַז וועלטלעכע יידישיסטן קענען ניט דעפינירן קלאָר דעם עצם מהות פון וועלטלעכקייט און איר פּראָגראַם ווי אַן אידעאָלאָגיע. צו וואָס שטרעבט וועלטלעכקייט? וואָס וויל זי דערגרייכן? און אויף וואָסערע וועגן באַמיט זי זיך צו קומען צו איר אידעאַל? די טשערנאָוויצער רעזאָלוציעס זיינען לכתחילה געבליבן אויפן פּאַפּיר. עס זיינען מיר ניט באַקאַנט קיין פּראַקטישע מיטלען וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אַרויסצוברענגען די רעזאָלוציעס, מן הכוח אל הפועל. די עיקר־רעזאָלוציע אַז יידיש איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק איז געווען מער אַ זאַך פון פּאָלעמיק, פון קעגנערישקייט צו עפּעס אַנדערש, מער ווי אַ פּראָגראַם וואָס דיקטירט מיטלען צו פאַרווירקלעכן, אָפּצוהיטן אָט די נאַציאָנאַלע שפּראַך. פאַרקערט, דאַכט זיך מיר, אַז אַפילו די קאָריפעען גופא פון דער קאָנפערענץ האָבן יידיש לשון ניט געהאַלטן פאַר אַ געבאָט און חוב ביי זיך אין די היימען גופא. איך וועל קיין נעמען ניט אָנרופן. ביי אַ גרויסן טייל פון די אָנטיילנעמער אין קאָנפערענץ איז יידיש געווען ניט דער הויפּט־ציל, נאָר אַ מיטל צו עפּעס אַ צווייטן און העכערן ציל. קען זיין אַז דאָ איז געלעגן די סיבה וואָס דער טיפער און געטרייער אידעאָלאָג פון וועלטלעכער פאָלקישקייט — דער איניציאַטאָר פון טשערנאָוויצער קאָנפערענץ, איז אַוועק פון יידישער וועלטלעכקייט ביז צו דער אַגודת ישראל; געגלויבט אַז די עקסטרעמע פרומקייט פון דער אַגודה איז אַ מער זיכערער וועג צו אַלוועלטלעכער יידישער פאָלקישקייט. (קען זיין — איך האָב ניט גענוי שטודירט די בירנבוים־ביאָגראַפיע).

די קאָנפערענץ האָט געשטעלט די פראַגע פון יידיש ווי די, אָדער אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך. די אַקטועלע געשיכטע האָט אָבער געשטעלט פאַר דעם יידישן געדאַנק גאָר אַנדערע פראַגעס:

1. — ווי איינצוהיטן די יידישע פאָלקישקייט אין דעם אורבאַניזם? דער

אונטערגאַנג פון יידישער פאַלקישקייט אין מערב־אייראָפּע און אויך אין אַמעריקע האָט דאָך שוין געדאַרפט זיין קלאָר פאַר יידישע דענקער אין דער צייט פון דער קאָנפערענץ.

האָט דאָך שוין דעמאָלט געדאַרפט זיין קלאָר, אַז די פראַגע איז ניט יידיש אָדער העברעאיש נייערט יידישע פאַרזיכיקע פאַלקישקייט אָדער אַסימילאַציע אַןביידע שפּראַכן.

2. — וואָס דאַרף זיין דער יסוד פון יידישער, פאַלקישער גייסטיקער עק־סיסטענץ: צי קען אַ פאָלק באַזירן זיין קיום ווי אַ פאָלק אויף זיין פאַרצייטיקער קולטור. מיט אַנדערע ווערטער — אויף דער באַזיס פון פאַרצייטיקער יידישקייט וואָס אין דער ליטעראַטור, בכתב, אָדער — אויף דער שטייגער־קולטור וואָס איז פאַראַן אין דעם אַקטועלן שטייגער אין לעבן פון פאָלקישן מאַסיוו, הגם עס איז אין דער ליטעראַטור ניטאָ; אויף דעם וואָס עס איז בעל פה, אָדער בשטייגער, אַזוי צו זאָגן ?

3. — עס האָט געקאָנט און געדאַרפט שטיין די פראַגע: וואָס איז דער גורל פון אַ פאָלק, ווען זיין פאָלקישער מאַסיוו ווערט צעשאָטן אויף באַזונדערע יחידים, ווי אין מערב־אייראָפּע, ווי ביי די יידן וואָס האָבן זיך שוין „אויסגעגרינט" אין אַמעריקע אָדער אין אַנדערע אימיגראַציע־לענדער ?

די העברעאיש־וועלטלעכע האָבן זיך אידענטיפיצירט מיט דעם פאַרצייטיקן תנ"ך־פאָלק אין דעם פאַרצייטיקן תנ"ך־לאַנד און מיט דער תנ"ך־שפּראַך.

די יידיש־וועלטלעכע האָבן געהאָט פאַרשיידענע אידעאַלן — פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע. על פּי רוב אין פאַרבינדונג מיט באַשטימטע טיילן פון לאַנד־פאָלק. די לאַנד־אינטערעסן זיינען געווען חשובער פון די פאָלק־אינטערעסן. שפּעטער איז געקומען דער טערמין „דאָיִזם". אָבער דער טערמין האָט לגמרי ניט געפּרובירט אויפבויען אַ פולע אידעאָלאָגיע און פּראָגראַם פון אַ יידישן דאָיזם. עס איז אויך געווען אַ מין משיח־אידעע. דער אונטערשייד איז בלויז אין דעם: דער טראַדיציאָנעלער משיח האָט געדאַרפט קומען צו די יידן און דרך אגב — אויסלייזן די וועלט. דער דאָיִסטישער משיח דאַרף קומען צו די לענדער און במילא, דרך אגב, וועלן שוין די יידן אויך זוכה זיין.

עס איז דאָך אין פלוג אַ פשוטע פראַגע צו פרעגן: עס זיינען געקומען טיפע נאַציאָנאַלע דענקערס, טיף אריינגעלעבט אין דער יידישער געשיכטע, און גענומען קריגן זיך איבער שפּראַכן. ביידע שפּראַכן האָט דאָס פאָלק געשאַפן, אויפגע־בויט, אַנטוויקלט. קיינמאָל זיך ניט געקריגט. וואָס מיט איין מאָל אַ „ריב לשונות" ? נאָך מער: העברעאיש איז אַ סך עלטער. ווען יידיש האָט ערשט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, איז שוין העברעאיש געווען „לשון הקודש", שוין געהאָט אור־

אַלטע, פאַרהייליקטע וואַרצלען אין פאָלקס־לעבן. און דאָך האָט דאָס פאָלק גע־נומען בויען נאָך אַ שפּראַך; ניט חלילה, מחמת שינאה אָדער קעגנערשאַפט צו דער אַלטער. און די צוויי שפּראַכן האָבן יאָרהונדערטער געלעבט צוזאַמען, בשלום. נאָך מער: די נייע שפּראַך — יידיש איז דאָך לכתחילה געווען דייטש, עברי־טייטש, יידיש־דייטש. ווי די כוונה ביים פאָלק וואָלט געווען ניט צו שאַפן אַ יידיש לשון, נאָר פּשוט ריידן דאָס פרעמדע לשון. ניט ווילנדיק איז דאָך אָט דאָס לשון געוואָרן דורך און דורך יידיש. זיינען דאָך, הייסט עס, געווען אין יידישן לעבן אַזוינע פאַקטאָרן, וואָס האָבן פון דעם פרעמדן גערמאַנישן דיאַלעקט אויסגעפורעמט אַ יידיש לשון. אַ יידיש לשון איז ניט דאָס וואָס יידן נוצן, נאָר אַזאַ וואָס יידן האָבן אין דעם זייער אייגענע גראַמאַטיק, זייער אייגענעם וואָקאַבולאַר, זייער דיקציע און זייער פאָלקלאָר.

עס איז פאַראַן אַ געוויסע ענלעכקייט אין דער געשיכטע פון יידישע לשו־נות. אַ פרעמדע שפּראַך פון כנען איז געוואָרן אין יידישע מיילער און יידיש לעבן — לשון קודש און ניט ווייל עס איז לשון קדושים, חס ושלום. עס איז לשון קודש דערפאַר ווייל דווקא דאָס לעבעדיקע יידישע פאָלק האָט אין דעם אַריינגעגעבן זיין גאַנצע הייליקייט. עס איז לשון קודש, ווייל עס איז דאָס לשון החיים, גאָר די הייליקייט וואָס אין לעבן פון הייליקן פאָלק. אַזוי איז שפּעטער געוואָרן אַ פרעמדע שפּראַך — אַראַמיש אַ פאַרזיכיקער יידישער דיאַלעקט, מיט גאָר אַ סך הייליקייטן אין לעבן און אין גייסט בכלל. אַזוי איז עס אויך געווען בערך מיט יידיש. אַן כוונה און אָן רעזאָלוציעס אָנגענומענע אויף קאָנגרעסן איז עס געוואָרן אַ לשון חיים פון יידן. אַ לשון פון וואָכעדיקייט מיט אַ סך קדושה, אויף וויפל אין יידישן לעבן איז פאַראַן קדושה. פון לעבן אין לשון. אַזוי איז דער וועג פון יידן.

וואָס איז עס אַזוינס געשען, אַז מיט איין מאָל האָבן די צוויי שפּראַכן גאָר זיך צעקריגט? צי האָט זיך ניט אַריינגעמישט אַ דריטער פאַקטאָר, וואָס מאַכט ענג די עלטערעביידע שפּראַכן? איך דערמאָן זיך ניט אַזאַ מין אָפּ־האַנדלונג. און די אָפּהאַנדלונג האָט געדאַרפט זיין! די זאַך איז די וואָס עס האָט זיך געביטן דער גאַנצער גלות: אין די שטעטלעך איז דער גלות געווען אויף דעם ציבור יידן, אָבער יעדער יחיד באַזונדער האָט אין זיין טאָג־טעגלעכן שטייגער ניט געפילט און ניט געהאַט קיין גלות: אַ ייד האָט געלעבט צווישן יידן, מיט יידן. פון געבוירן ביזן טויט — נאָר אַ יידיש לעבן אין אַלע פּרטים אין שטייגער — קיין שום מגע ומשא ניט מיט גויים. איז די שפּראַך ביסלעכווייז אַזוי פאַריידישט געוואָרן, אַז עס איז געוואָרן דורכויס יידיש, אָן רעזאָלוציעס און אָפּשטימונגען.

אויב עס איז געוואָרן אַ פראַגע, איז עס דאָך אַ סימן, אַז עס איז געקומען אַ דרויסנדיקער פאַקטאָר, וואָס האָט געבראַכט די ענדערונג. און דער פאַקטאָר

איז, וואָס אין אורבאַניזם איז דער גלות געוואָרן ניט קיין ציבור־גלות, נאָר אַ יחידישער. יעדער ייד באַזונדער לעבט דירעקט אין אַ ניטיידישער סביבה. דאָ איז דער אונטערשייד: אין דעם פריערדיקן ציבור־גלות איז יעדע שפּראַך וואָס יידן האָבן גענומען ריידן, געוואָרן אַ יידישע, ווייל צווישן יידן. אַ ייד צווישן יידן, איז די שפּראַך אַ יידישע. זי ווערט אַ יידישע. אין אונדזער היינטיקן יחידישן גלות איז אַ ייד צווישן גויים, פאַרלירט ער זיין יידיש לשון. ניט מיט רעזאָלוציעס קאָן מען העלפן איינצוהיטן די לשונות וואָס מען האָט ניט גערעדט. האָבן ציוניסטן אָפּגעזאָגט זיך פון דער גאַנצער וועלט, אַוועק קיין ארץ ישראל דאָרטן זיין נאָר צווישן יידן, מיט איין שפּראַך. און אין גלות, זיינען דערווייל פאַרלורן געגאַנגען ביידע לשונות, די כלומרשטע קאָנקורענטן.

אַזוי איז ביז היינטיקן טאָג ניטאָ קיין קלאָרע אידעאָלאָגיע, קיין פּראָגראַם פון אַן אַלוועלטלעכן, פאַרזיכיקן לעבן, אַ פאָלק צווישן פעלקער, אָבער מיט אַן אייגענעם שטייגער, אייגענער קולטור און שפּראַך. די רעזאָלוציעס פון טשערנאָוויץ זיינען קיין פאַקטאָר אין יידישן לעבן ניט געוואָרן. קליינע, יחידישע גרופּקעס יידישיסטן באַמיען זיך, אַגיטירן, ריידן צו אַן עולם, וואָס הערט זיך ניט צו. מען קאָן צווישן זיך ניט צונויפריידן זיך.

## עטוואָס געשיכטע

צי איז בכלל וועלטלעכע יידישקייט אַן אויפטו פון די וועלטלעכקייט־אידעאָלאָגן, און ביז זיי איז עס ניט געווען, אָדער וועלטלעכקייט איז געווען פריער אויך?

פון מיין קינדהייט ביי מיינע עלטערן דערמאָן איך זיך אַזאַ פאַרטיילונג פון יידן: קהלשע מענטשן און עולמשע. די לעצטע האָבן געמאַכט זייער חיונה ניט פון קהל. זיי זיינען דאָך געווען דער „עולם" — די מערהייט. אַ גאַנצן טאָג איז מען געווען פאַרנומען אין געשעפט צי אין וואַרשטאַט און מען איז געווען וועלטלעך. בלויז אַ טייל פון טאָג האָט מען אָפּגעגעבן פאַר דער רעליגיעזער יידישקייט. ר׳ פּינע ראַפּאָפּאָרט, וואָס פלעגט אַלע טאָג זיבן אין אָוונט פאַרמאַכן זיין גרויס אייזן־געשעפט און אַרויפכאַפּן זיך צו זיך אויפן צווייטן גאָרן אין זאַל, ווו עס האָט שוין געוואַרט אַ מנין יידן, און ער פלעגט מיט זיי לערנען אַ בלאַט גמרא. פאַר דעם האָט ער זיין צייט פאַרטיילט צווישן רעליגיעזער און וועלטלעכער יידישקייט. און אַזוי זיינען געווען אַלע יידן. יעדער ייד האָט אַ טייל פון זיין צייט געלעבט וועלטלעך. מער ניט, וואָס באַמיט האָט מען זיך אויך דאָס וועלטלעכע דערהייבן צו רעליגעזקייט. אַז יידן פלעגן שבת פון דאַ־

ווענען גיין צו גאַסט, פלעגט מען עס גיין „אויף ברכה" — אַ ריין וועלטלעכער אַקט מיט אַ צוגאָב פון רעליגיע־זאַלץ. דאָס יום־טובדיקע עסן שבת — ווידער אַמאָל אַ ריין וועלטלעכער אַקט, אָבער דער קידוש און זמירות גיבן צו רע־ליגיעזע הייליקייט. אָט דאָס צוגעבן צו וועלטלעכקייט רעליגיעזע באַפאַרבונג האָט געהייסן „מעלין בקודש", „מוסיפין מן החול על הקודש", „העלת החול אל הקודש" (הרב קוק). עס איז גאָר ניט מעגלעך קיין לעבן אָן וועלטלעכקייט, און קיין מאָל איז עס ניט געווען ביי יידן. אָבער דאָס גאַנצע וואָכעדיקע לעבן, אַלע אַקטן פון לעבן האָט מען זיך באַמיט צוצוגעבן צו דעם אַ רעליגיעזע באַ־פאַרבונג, קדושה. משפחה־לעבן איז אַ ריין וועלטלעכער ענין. אָבער חופה און קדושין איז אַ רעליגיעזער לבוש. אָבער ווען אַ „וועלטלעכער" טאַטע דערציילט מיר, אַז זיין טאָכטער איז אַוועק מיט איר בחור לעבן פאַר זיך, איז דאָס אפשר ריין וועלטלעך און אפשר רויע נאַטור ווי די בהמות אָן מענטשלעכער קולטור. און יעדע קולטור האָט אַ פאָלקישן, נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, אָדער אַ רעליגיעזן. דער מענטשלעכער קערפּער איז נאַטור. אָבער דער שענסטער קערפּער פּוצט זיך אויס אין בגדים — דאָס איז קולטור. און איטלעך פאָלק האָט זיין פאַרעם קליידונג, זיינע נאַציאָנאַלע בגדים. דאָס פאָלקיש־יידישע איז ביי יידן זייער רעליגיע.

## וועלטלעכער אָפּשטאַם פון רעליגיע ביי יידן

איירָאָפּעיִשע פעלקער האָבן זייער רעליגיע אָנגענומען שוין „דערוואַק־סענע", ווען זיי האָבן שוין פון פריער געהאַט אַ קולטור, אַ רעליגיע. זיינען ביי זיי געווען צוויי באַזונדערע שטראָמען — זייער פאָלקישער שטייגער פון פריער און דער שטראָם קולטור פון דער נייער רעליגיע וואָס זיי האָבן „אימ־פּאָרטירט" און אַדאַפּטירט. ווי די צוויי שטראָמען האָבן זיך צונויפגעגאָסן — האָט ניט צו אונדז דאָ. אָבער ביי יידן איז די גאַנצע צייט, דורך דער לאַנגער געשיכטע געווען און געבליבן נאָר איין שטראָם. זייער פאָלקישע קולטור ווערט די רעליגיע לכתחילה איז דער וועלטלעכער, פאָלקישער שטייגער. שפּעטער ווערט עס פאַרהייליקט ווי די רעליגיע. אַזוי איז געגאַנגען פון אָנהייב אָן. דער שטייגער ווערט טראַדיציע און די טראַדיציע ווערט רעליגיע. אַלע מצוות פון דער תורה זיינען בראשית געווען מנהגים, פירונגען, ריין וועלטלעכע טראַדי־ציעס. יידן זיינען געווען אַ פאָלק איידער זיי האָבן געקראָגן די תורה מיט אַלע מצוות אין איר. אברהם — זאָגט די גמרא — האָט מקיים געווען אַלע מצוות. ווען אונדזער זיידע יעקב ווערט דערציילט, ער זאָל האָבן געזאָגט „עם לבן

גרתי ותרי״ג מצוות שמרתי״. אין אַ פּאַרקערטן סדר איז עס ניט קיין לעגענדע, נאָר היסטאָרישער אמת: דער שטייגער פון אברהם, פון די אבות, זייער גאַנצע פאַלקישע פירונג און שטייגער איז געוואָרן ווי געטלעכע. די פאַלקישע פירונגען האָבן זיך צעוויקלט, פאַרמערט, אַנדערש געוואָרן, האָט זיך געענדערט די רע־ליגיעזע קאַדיפיקאַציע. זאָגט אָבער דער חומש אַלע מאָל: ״צו את בני ישראל״, ״דבר אל בני ישראל״ אַלץ אָנגעזאָגט, געהייסן. אָבער דער ייִדישער גאָט האָט אַלע מאָל געהייסן די ייִדן טאָן דאָס וואָס עס איז פון פריער געווען פאָלקיש. ביז די גמרא האָט אין גאַנצן אויפגעהערט צו נוצן דעם טערמין מצווה (גע־הייסן!), און זי האָט פאַרביטן דעם טערמין מיט דעם וואָרט הלכה — גאַנג, פי־רונג, שטייגער. און מען איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ניט גאָט הייסט, ניט ער זאָגט אַז נאָר ער דאַרף זיך, במחילה מכבודו, אַוועקזעצן און לערנען די הלכה — דעם שטייגער פון פאָלק.

עטלעכע זאַכן לערנען מיר דאָ: דאָס געטלעכע איז אידענטיש מיט פאָל־קישעס, דאָס נאַציאָנאַלע ייִדישע איז אויך רעליגיעז. און צווייטנס:

דאָס וועלטלעכע און רעליגיעזע איז בלויז אַן אונטערשייד אין עלטער: דאָס פרישע, דאָס נייע איז וועלטלעך; דאָס וואָס איז דורותדיק אַלט, איינגע־וואָרצלט אין שטייגער — דאָס איז רעליגיעז.

קאַטוילישע רעליגיע איז ניט אידענטיש ניט מיט פוילישקייט, מיט פראַנ־צויזישקייט, ניט מיט איטאַליענישקייט. דאָס פאָלקישע, דאָס נאַציאָנאַלע איז דאָ אומעטום באַזונדער, אָפּגעטיילט פון רעליגיע. אָבער ייִדישקייט און ייִדישע רעליגיע איז ביז דער נייסטער צייט געווען אידענטיש. נאָך מער — ייִדן האָבן לגמרי ניט גענוצט דאָס וואָרט ״רעליגיע״. ״ייִדישקייט״ איז געווען געבוג (אָדער ״יהדות״). און ייִדישקייט האָט אַרומגענומען גאָר דעם ייִדישן קולטור־שטייגער. — הן דאָס אַלטע און אוראַלטע, קאַנאָניזירטע ווי רעליגיע און הן אויך דאָס ייִנגערע, וועלטלעכע וואָס איז נאָך ניט געווען קאַנאָניזירט ווי רעליגיע.

ווער איז אַ ייִד? — יעדער מענטש וואָס אידענטיפיצירט זיין לעבן־שטיי־גער מיט דעם שטייגער פון דעם ייִדישן פאָלק, מיט די קולטור־טראַדיציעס וואָס הערשן אין לעבן, אין די פירונגען פון ייִדישן פאָלקישן מאַסיוו. ניט קיין פראַגע פון באַשטימטע דאָגמען, וואָס מען דאַרף אָנערקענען, און מיט דעם קאָן מען ווערן אַ ייִד? — עס איז ניט קיין פראַגע פון איין באַשטימטן מאָמענט־פּראָצעס, פּראָצעדור. כדי צו זיין אַ ייִד דאַרף מען זיך אַריינלעבן און איינגע־וווינען אין דעם טראַדיציאָנעלן שטייגער פון דעם ייִדישן פאָלק. עס איז אויך ניט קיין פראַגע פון רעליגיע: פונקט ווי מען קאָן זיין אַ קאַטויליק און ניט זיין קיין פּאָליאַק, ניט קיין פראַנצויז, אַזוי קאָן מען אויך זיין אַן אָנהענגער פון

יידישער רעליגיע און ניט זיין קיין ייד. די כוזרים זיינען לויט דער רעליגיע געווען יידן אָבער אַ פאָלק זיינען זיי געווען אַן אַנדערש, ניט קיין יידן. די פּראָצעדור פון מגייר זיין מאַכט נאָך ניט קיין מענטשן פאַר אַ יידן. עס איז נאָר דאָס עפענען די טיר פון יידישקייט. „קשים גרים לישראל כספחת״, האָט נאָך געזאָגט די גמרא. דער גר האָט זיך נאָר פאַרשריבן, אַזוי צו זאָגן, פאַר אַ יידן, אָבער קיין יידישקייט האָט ער נאָך ניט אָנגענומען, ער האָט זיך נאָך ניט אַריינגעלעבט אין יידישקייט.

וואָס זשע איז יידישקייט? — יידישקייט איז דער סכום פאָלקישע שטייגער־טראַדיציעס, וואָס לעבן אין דער קולטור פון יידישן פאָלקישן מאַסיוו און וואָס שטאַמען פון יידישע דורותדיקע פירונגען. יידישקייט איז דער סכום שטייגערישע, קולטורעלע לעבנס־פירונגען וואָס האָבן זייער אָפּשטאַם אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

וואָס זשע איז פאָלק? — פאָלק איז אַ פּראָדוקט פון געשיכטע. אַ גרופּע וואָס האָט אין משך פון אַ סך דורות אָפּגעזונדערט, פאַרזיכיק לעבן אַנטוויקלט באַוווּסטזיניק און — נאָך מער — אומבאַוווּסטזיניק אַ באַזונדערן פאַרזיכיקן שטייגער, אייגענע קולטור־פאָרמען, טראַדיציעס, גלויבונגען, פאָלקלאָר און שפּראַך־פאָרמען. די אַלע עלעמענטן זיינען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט באַזונדערע גייסטיקע, פּסיכישע נייגונגען און אייגנשאַפטן פון כאַראַקטער און עס קאָן דערגיין ביז באַזונדערע פיזישע, אָרגאַנישע שטריכן פון געשטאַלט און אָרגאַניזם בכלל. פעלקער אונטערשיידן זיך איצט מיט זייערע באַזונדערע גייסטיקע שטריכן און כאַראַקטער מער ווי מיט זייער קולטור־שטייגער, וואָס האָט טענדענצן זיך צו ניווּעלירן. די געשיכטע האָט מער מאַכט ווי די געאָגראַפיע. שטריכן וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט דורך אַ סך דורות געשיכטע זיינען אין אונדז פעסטער ווי נאָרמען פון אָרט.

אַזוי איז אויך ביי אַלע אָרגאַניזמען — געוויקסן און בעלי חיים: אין איין אָרט לעבן אָרגאַניזמען פאַרשיידענע, ווי זיי האָבן זיך אין זייער געשיכטע אויסגעאַרבעט.

## יידישע רעליגיע קאָן ניט זיין סטאַטיש

ביי פעלקער וואָס זייער רעליגיע איז ניט פאַרבונדן מיט זייער פאָלקישקייט, קאָן די רעליגיע זיין אַ פיקסירטע איין מאָל און אויף שטענדיק. גאָט איז אַן אייביקער און זיין רעליגיע ענדערט זיך ניט, צוגלייך מיט אים. אַנדערש איז עס אָבער ביי יידן וואָס ביי זיי איז רעליגיע אידענטיש מיט פאָלקישקייט.

און פאָלקישקייט איז דאָס לעבן פון פאָלק. לעבן איז ניט סטאַטיש. אַ פאָלק איז אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזם, און ווי אַלץ וואָס איז אָרגאַניש האַלט זיך אויך דאָס יידישע אין אַנוואַקסן, אָפּדאַרן, אַנגעמען און אָפּוואַרפן.

עס בייטן זיך עלעמענטן פון שטייגער, עס בייטן זיך באַגריפן. אמת, בהדרגה, ביסלעכוויז, פּאַמעלעך, אָבער עס טאָר ניט בלייבן סטאַטיש. דאָס סטאַטישע איז ווי אַ טויטע מומיע, ווי פאָסילן פון אויסגעשטאָרבענע אָרגאַניזמען. יידיש־קייט טאָר ניט פיקסירט ווערן. אַזוי קאָן ניט זיין די יידישע רעליגיע קיין פיק־סירטע לעולם ועד. אין תנ״ך זיינען ניטאָ קיין עלעמענטן פון פּריוואַטן שכר ועונש, פון תחית המתים. דאָס זיינען עלעמענטן וואָס זיינען אויפגעקומען שפּע־טער. געזעצן פון דער תורה זיינען בטל געוואָרן (עין תחת עין — ממון, בן סורר ומורה, מים המררים וכדומה). עס זיינען צוגעקומען נייע, — צוגעקומען און אָפּגעפאַלן — ווי עס איז אַלע מאָל ביי לעבעדיקע אָרגאַניזמען. „פּושט צורה ולובש צורה״ רופן דאָס די חז״ל.

פונקט אַזוי ווי משה רבינו האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט געלערנט רבי עקיבא (לויט אַ טיפּזיניקער אגדה אין גמרא), אַזוי וואָלט רבי עקיבא אפשר ניט געקאָנט פאַרשטיין די יידישקייט פון אַ רמ״א, און אפילו פון רבי שלמה בן גבירול וכדומה. אָבער אַלע מאָל דאַרף עס זיין „הלכה למשה מסיני״ — עס דאַרף זיך ציען אַן אייביקע קייט. דער גרעסטער בוים וואַקסט אויס פון אַ קליין זאָמענדל, וואָס אַ פריערדיקער בוים האָט געלאָזן. דאָס איז לעבן!

## דער ערשטער איינברוך אין געשיכטלעכן גאַנג

אַט דער גאַנג אין דער יידישער געשיכטע איז איינגעשטעלט געוואָרן אי־בערהויפּט אין דער יידישער אָרגאַניזאַציע אין בבל. הגם אויך פריער איז שוין פעסט געלייגט געוואָרן אַ יסוד פאַר דעם קיום פון אַ וועלטלעך־רעליגיעזן פאָלק אַן דעם עלעמענט פון פּאָליטישער מדינהשאַפט. ניט די מדינה מיט דער געהוי־בענער דינאַסטיע וועט אייגהיטן דעם קיום פון יידישן פאָלק, נייערט די גייס־טיקע פאַרזיכיקייט אין אָרגאַניזירטע קאָלעקטיוון מיט דעם באַזיס — פון רע־ליגיעזער פאָלקישקייט. אָבער איינגעשטעלט לדורות האָט זיך דער קיום דווקא אין בבל. אַנדערע פעלקער האָבן ניט אויסגעהאַלטן קיין גלות. זייער פאָלקיש־קייט האָט זיך געהאַלטן מיטן כוח פון מלוכות. אַנגעווירן די מלוכה, איז פאַר־לוירן אויך די פאָלקישקייט. יידן האָבן אָנגעווירן דעם גלויבן אין מלוכה נאָך פאַרן גלות. „אלה ברכב ואלה בסוסים ואנחנו — בשם אלוהינו״. (תהלים כ׳ 8). אין אַ פריערדיקער אַרבעט האָב איך זיך באַמיט צו באַווייזן, אַז שוין דער

גרויסער באַווייַנער פון דעם ערשטן חורבן — ירמיהו — האָט געהאָלפן בויען אין בבל די אָרגאַניזירטע אויטאָנאָמיע אָן מלוכה. (אין מיין בוך „אייביקע ווענן פון אייביקן פאָלק"). און אַזוי האָט עס זיך געפירט ביז דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס איז אָנגענומען, אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט עמאַנציפּירט די יידן, זיי געגעבן גלייכע רעכט. דאָס איז ניט אין גאַנצן ריכטיק. עס איז דעמאָלט אָנגענומען געווען אַ פאָרמול: „יידן ווי בירגער — אַלע רעכט, אָבער יידן ווי אַ פאָלק קיין שום רעכט ניט". דאָס הייסט אַז פאַר די פּערזענלעכע, אינדיווידועלע רעכט האָבן די יידן זיך געדאַרפט אָפּזאָגן פון זייער יידישער פאָלקישער פּאַרזיכיקייט. די יידן האָבן דאָס גערן געטאָן. אין דעם סנהדרין, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט גערופן (1806) האָבן די יידישע נאָטאַבלען עפנטלעך און אָפיציעל געמאָלדן, אַז זיי געהערן מער ניט צום יידישן אַלוועלטלעכן פאָלק, זיי זיינען דורכויס פראַנצויזן, צוגלייך מיט אַלע בירגער, מער ניט וואָס די רעליגיע איז אַ יידישע. עס קאָנען זיין פראַנצויזן פון קאַטוילישן, פון פּראָטעסטאַנטישן גלויבן, אַזוי קאָנען אויך זיין פראַנצויזן פון יידישן גלויבן. מיט עטלעכע צענדליק יאָר שפּעטער האָבן אַזאַ אָפיציעלע מעלדונג געגעבן יידן אין דייטשלאַנד. „דייטשן פון משהס גלויבן". אַנשטאָט קריסטוסעס רעליגיע קומט דאָ משהס רעליגיע. פאַרוואָס אָבער האָט מען פאַרביטן דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן אויסדרוק „יידישע רעליגיע"? פאַרוואָס האָט מען גענוצט דאָ גאָר אַ נייעם טערמין „משהס גלויבן"? ערשטנס האָט מען אין דעם געזען אַ פּאַראַלעל: קריסטוסעס רעליגיע אָדער משהס. צווייטנס איז עס געווען אָנגענעמער ניט צו דערמאָנען דאָס וואָרט „יידיש" וואָס קאָן דערמאָנען, אַרויסרופן אַסאָציאַציעס מיט דעם יידישן פאָלק, וואָס פון דעם האָט מען געוואָלט זיך אָפּרייסן. דריטנס, האָט דאָך יידישקייט אָדער יידישע רעליגיע פאַרמאָגט אַ סך שטייגער־עלעמענטן, וואָס זיינען אין משהס תורה ניט דערמאָנט. בכן איז „משהס רעליגיע" אַ סך ווייניקער פאַרבונדן מיט יידישן פאָלק, פערטנס, איז דאָך משה אָנגענומען אויך ביי קריסטן, איז דאָך דער צונויפשמעלץ, די אַסימילאַציע גרינגער.

ווי דאַרף זיין אונדזער באַציאונג צו אָט דעם אויפפיר פון די יידן? — איך בין ניט קיין שופט צו משפטן היסטאָרישע פּראָצעסן. דער עיקר אָבער — די איבעראידענטיפיקאַציע פון יידנטום צום פראַנצויזנטום האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אָפּגעטיילט ביי יידן רעליגיעזע און וועלטלעכע יידישקייט אויף צוויי באַזונדערע געביטן. די רעליגיע ווי אַ סטאַטישע, פיקסירטע גאָט־דינען — דאָס קאָן בלייבן. אָבער דאָס וועלטלעך־פאָלקישע, דאָס דינאַמישע, דאָס „פּושט צורה ולובש צורה" — דאָס וואָס טיילט אָפּ יידן פון די אַנדערע פראַנצויזן אין שטייגער לעבן — דאָס אַלץ ווערט אָפּגעוואָרפן. דערפאַר איז דער טערמין „משהס גלויבן" בעסער פון דעם אַלטן „יידישן גלויבן". און אין רע־

זולטאַט האָט זיך באַשטעטיקט דער זאָג פון גמרא, אַז דער קיום פון יידישן פאָלק ליגט ניט אין דער פיקסירטער בכתב רעליגיע, נאָר דווקא אין דער אומ־פיקסירטער און אומדעפינירטער בעל פה־יידישקייט. (לא כרת הקב״ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים בעל פה. גטין ס׳ ב׳). יידן זיינען דאָ, דאָס הייסט — פראָנצויזן וואָס שטאַמען פון יידן. אָבער קיין יידיש פאָלק מיט יידיש־פאָל־קישער קולטור, געזעלשאַפטלעכקייט, שפּראַך, ליטעראַטור, פּאָליטיק — דאָס איז שוין מער ניטאָ. דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט אין דייטשלאַנד און נאָך שפּעטער אין איטאַליע. ביז דער עמאַנציפּאַציע איז דער גלות געווען אַ ציבורדיקער. דער יידישער יחיד האָט אָבער געלעבט זיין גאַנץ לעבן נאָר צווישן יידן, נאָר מיט יידן, נאָר אין יידישן טראַדיציאָנעלן שטייגער. נאָך דער עמאַנציפּאַציע איז דער גלות געוואָרן אַ יחידישער, פאַר יעדן יידן אין זיין פּריוואַטן לעבן. דער ציבור יידן ווי אַ קאָלעקטיוו איז אויפגעלייזט געוואָרן. יעדער ייד באַזונדער האָט געקראָגן די מעגלעכקייט אַריינצוגיין אין דער ניט־יידישער געזעלשאַפט דירעקט. דער איינציקער צובונד צום יידישן פאָלק איז געבליבן נאָר די סינאַגאָגאַלע רעליגיע. עס איז בטל געוואָרן די גאַנצע וועלט־לעכע יידישקייט. צוזאַמען מיט איר, מיט דער וועלטלעכער, ניט קאָנאָניזירטער יידישקייט גייט אויך אונטער דאָס פאָלק ריין פיזיש: די צאָל יידן ווערט קלע־נער, דער דורכשניט־עלטער ווערט אַלץ העכער, די צאָל געבורטן דעקט ניט די צאָל טויטן. דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג קאָן דויערן אַ סך דורות. דאָס איז אַ יידישקייט וואָס האַלט זיך בלויז אין סינאַגאָגעס, זי וואַקסט ניט און ענדערט זיך ניט מער. עס איז אַ פאָסילע יידישקייט. מען געדענקט זי לענגער. ווער געדענקט? — די אָפּשטאַמיקע פון יידן און נאָך מער — די אַנטיסעמיטן.

מען מוז אויך צוגעבן, אַז לענגער פון אַלץ האַלטן זיך די אומדעפינירטע, מיסטעריעזע גייסטיקע שטריכן אין די אָפּשטאַמיקע פון יידן. על פי רוב אין גאַנצן אומבאַוווסט פאַר זיי אַליין.

## צי קאָן מען זיין א וועלטלעכער ייד אָפּוואַרפנדיק אל דאָס רעליגיעזע?

עס איז כמעט ווי אַנגענומען אַז וועלטלעכע יידן „טאָרן" ניט דורכפירן קיין זאַך, וואָס איז ביי יידן פאַרהייליקט רעליגיעז. וועלטלעכע אָדער ווי זיי האָבן זיך גערופן פריער „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע" יידן מוזן זיך דערווייטערן פון אַלץ וואָס רעליגיעזע יידן טוען און פירן. אַניט איז דאָס היפּאָקריטיש און אַ נאַצי־אָנאַל־ראַדיקאַלער ייד טאָר ניט זיין היפּאָקריטיש.

אָבער אין דער אמתן איז אַזאַ מין פאַרטיילונג פון יידישקייט אויף רע־

ליגיעזע באַזונדער און וועלטלעכע ווידער פֿאַר זיך אין גאַנצן ניט מעגלעך: עס איז אַ סך מאָל איבערגעחזרט געוואָרן אַז יידישקייט, אָדער יידישע רעליגיע באַשטייט ניט פֿון צוויי באַזונדערע שטראָמען — וועלטלעכער שטייגער און קולטור פֿאַר זיך און רעליגיע — ווידער אָפּגעטיילט ווי עס איז ביי אַנדערע פֿעלקער וואָס האָבן זייער רעליגיע איבערגענומען, אַנגענומען פֿון פֿרעמדן מקור, פֿון אַ פֿרעמד פֿאָלק, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן איז דאָך יידישקייט און יידישע רעליגיע איין שטראָם, איין קולטור־שטייגער וואָס ציט זיך מיט ענדערונגען דורך דער גאַנצער יידישער געשיכטע. דער אונטערשייד פֿון וועלטלעכער יידישקייט און רעליגיעזער איז נאָר אין עלטער: אַלע היינט רעליגיעזע פֿאַרהייליקטע פֿירונגען זיינען אין זייער אָנהייב געווען וועלטלעך. מיט דער צייט נאָר, נאָך לאַנגע דורות זיינען די פֿירונגען אַנגענומען געוואָרן דורך אַלע טיילן פֿון פֿאָלק און זיי זיינען פֿאַרהייליקט געוואָרן ווי רעליגיע, ווי אַנגעזאָגט פֿון גאָט. דאָס פֿאָלק נעמט אָן און גאָט פֿאַרהייליקט דאָס פֿאָלקישע. אַ סך עלעמענטן פֿון היינטיקער וועלטלעכער יידישקייט וועלן זיכער מיט דער צייט אין דורות אַרום ווערן אָנערקענט ווי רעליגיעז־הייליקע. בלייבן אַ וועלט־לעכער ייד און אָפּוואַרפֿן אַל דאָס רעליגיעזע, איז פּונקט אַזוי, ווי דורך אַמנעזיע זאָל אַ מענטש פֿאַרגעסן זיין גאַנצע אַנטוויקלונג ביז ער איז אויסגעוואַקסן. נאַרמאַל האָט אַ לעבעדיקער בוים אַלטע צווייגן און יונגע קנאָספּן, וואָס האַלטן כסדר אין אָנוואַקסן. וועלטלעכע און רעליגיעזע עלעמענטן זיינען ווי יונגע קנאָספּן און אַלטע צווייגן. בלויז רעליגיעזע יידישקייט איז ווי פֿאַרשטיינערטע פֿאָסילן, טויטע באַלזאַמירטע רעליגיע. בלויז וועלטלעכע יידישקייט איז ווי יונגע פֿרישע גרינע בלעטער, נאָר זיי זיינען אָפּגעריסן פֿון בוים.

און וואָס עס איז שייך היפּאָקריטעריי, איז עס אָפּהענגיק פֿון אויפֿנעם, ווי מען נעמט אויף, ווי מען פֿאַרשטייט און וואָס מען לייגט אַריין, ווי דער־קלערט מען פֿאַר זיך אַליין דעם אינהאַלט. למשל, אַ קריסט האָט געפֿרעגט, פֿאַרוואָס ביי אונדז אין טיר איז דאָ אַ מזוזה? האָט מען אים דערקלערט: עס איז אַן אוראַלטער יידישער מנהג, און דער מנהג העלפֿט אונדז זיך אידענטי־פֿיצירן מיט אונדזער פֿאָלק. פֿאַרוואָס עסן מיר ניט קיין חזיר? — ווייל אונדזער באָבע און עלטער־באָבע האָט עס ניט געגעסן. עס האָבן וועלטלעכע יידן אַמאָל פֿון מיר געלאַכט וואָס איך גיי אין שול יום כיפּור. איך האָב געענטפֿערט: אויב עס איז אַ נאַרישקייט ביי אייך, וויל איך זיין בעסער אַ נאַר מיט כל ישראל און מיט יידישע דורות, איידער צו זיין אַן אָפּגעריסענער חכם. וועלטלעכע יידישקייט מעג (און דאַרף!) אין די שטייגער־טראַדיציעס אַריינגעבן אירע דערקלערונגען און מאָטיוון, אירע פֿאָרמען און פֿאָרמולירונגען, אָבער זי טאָר ניט אָפּוואַרפֿן קיין שטייגער־פֿירונגען ווייל זיי זיינען „מוקצה מחמת רעליגיע".

יידישע יום טובים האָבן ביז איצט אויך אַ סך מאָל געביטן זייער מאָטיווירונג און אינהאַלט, דאַרפן אויך די וועלטלעכע אַריינברענגען איצט אין די יום טובים, למשל, זייער אינהאַלט, אָבער בשום אופן ניט אָפּוואַרפן!

נאָך אַמאָל: רעליגיעזע יידישקייט אָן וועלטלעכער איז אַ בוים מיט טויטע פאַרהאַלצטע צווייגן. וועלטלעכע יידישקייט אָן רעליגיעזער, איז ווי יונגע קנאָספּן און בלעטער אָן דעם גאַנצן בוים. יעדער דור און יעדע ריכטונג האָט צוגעפּאַסט די טראַדיציע צו זייער אידעאָלאָגיע, די וואָס האָבן אין גאַנצן אָפּ־געוואָרפן די טראַדיציעס, זיי זיינען אַליין אַרויסגעפאַלן, אַרויסגעוואָרפן גע־וואָרן פון יידישן פאָלק. די וועלטלעכע יידן אָבער וואָס האָבן ניט אַריינגעטאָן קיין אייגענעם אינהאַלט, קיין אייגענע אידעאָלאָגיע אין די טראַדיציעס, איז עס מחמת דעם — לאָמיר אויסזאָגן אַ ביטערן אמת — ווייל זיי האָבן ניט געהאַט קיין אייגענעם, וועלטלעכן אידעאַל, קיין נאַציאָנאַל־יידישן אידעאַל פאַר דער צוקונפט. מען האָט יאָ גערעדט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, האָט מען שטאַרק געהאַלטן פון געשיכטע. אָבער אַ פאָלק לעבט ניט מיט דער געשיכטע ווי אַזאַ, נאָר מיט די פּראָבלעמען און אידעען פאַר דער צוקונפט.

וועלטלעכע יידישקייט דאַרף און קאָן אויפגענומען ווערן ווי אַ סטאַדיע פון אַנטוויקלונג, אָבער ניט ווי אַ באַזונדערער, פאַרזיכיקער מין יידישקייט, וואָס קאָן כלומרשט עקזיסטירן פאַר זיך.

## ווען און ווו איז וועלטלעכע יידישקייט אויפגעקומען אין דער נייסטער צייט?

די נייעסטע צייט — מיינט עס, פאַרשטייט זיך, פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אָן. אין גאַנץ מערב־אייראָפּע איז קיין וועלטלעכע יידישקייט ניט אויפגעקומען. גלייך מיט דער עמאַנציפּאַציע איז אַוועק אָן אַסימילאַציע. קיין שום נייע שפּראַצן אין יידישקייט זיינען ניט אויפגעקומען מער. די „שמד־מגפה" איז געגאַנגען אין די ערשטע צענדליקער יאָרן פון נייצנטן יאָרהונדערט, די אָפיציעלע פּראָקלאַמירונג וועגן „דייטשן פון משהס גלויבן" איז געקומען שפּע־טער. כמעט אין מיטן פון יאָרהונדערט. אין איטאַליע — נאָך שפּעטער, ווען איטאַליע איז געוואָרן אַ מדינה פאַר זיך, און איר קולטור איז געוואָרן אַ הערשנ־דיקע. גלייך האָט זיך די יידישע שעפערישקייט בכלל אָפּגעהאַקט. און יעדע שעפערישקייט איז דאָך ביים אָנהייב וועלטלעך. איז ניט געווען אין גאַנץ מערב־אייראָפּע קיין וועלטלעכע קולטור. יידן זיינען איינציקווייז איינגעגלידערט אין

לאַנדפאָלק מיט אַן אַפּענדיקס פון אַ יידישער פּיקסירטער רעליגיע ענלעך אַזוי ווי קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן.

וועלטלעכע יידישקייט האָט זיך יאָ אַנטוויקלט און צעוואַקסן אין מזרח־אייראָפּע. וועלן מיר דעם טערמין מזרח־אייראָפּע גענויער באַשטימען געאָגראַ־פיש. ער נעמט אַרום דעם תחום המושב אין רוסלאַנד (ליטע, קרוין־פּוילן, אוּ־קראַינע, ווי אויך גאַליציע, בוקאָווינע און רומעניע מיט בעסאַראַביע אַחוץ רוסלאַנד). אין רוסלאַנד זיינען אויך געווען יידן מחוץ דעם תחום, יידן פלעגן דאָס רופן „אין טיף ראַסיי״. דאָרטן איז אָבער ניט געווען קיין וועלטלעכע יידישקייט. פרעגט זיך קודם כל: וואָסערע פאַקטאָרן האָבן בכלל געבראַכט צו דער שפּאַלטונג פון דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער רעליגיעז־וועלטלעכער יידיש־קייט אויף אירע צוויי עלעמענטן?

צווייטנס פרעגט זיך פאַרוואָס אַזאַ גרויסער אונטערשייד? פאַרוואָס דער דיאַמעטראַלער אונטערשייד צווישן מזרח־ און מערב־אייראָפּע? פאַקטאָרן האָבן געקאָנט זיין: עמאַנציפּאַציע, אורבאַניזאַציע, עטנאָגראַפישער באַשטאַנד, פּשוט — די שכנים־פעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן יידן געלעבט. וועלן מיר באַ־האַנדלען די פאַקטאָרן באַזונדער. מיר וועלן אָנהייבן פון עמאַנציפּאַציע. דאָרטן ווו יידן זיינען געווען עמאַנציפּירט איז וועלטלעכע יידישקייט אין גאַנצן ניט געקומען. עס איז געקומען אַסימילאַציע מיט אַ מינימום סינאַגאָגאַלער יידיש־קייט, וואָס האַלט זיך צוויי—דריי דורות. אָבער דער כלל איז היסטאָריש ניט ריכטיק: אין גאַליציע זיינען יידן געווען עמאַנציפּירט און דאָך איז יאָ געווען וועלטלעכע יידישקייט. פאַרקערט, זיינען יידן אין מזרח־פּרייסן ניט געווען מער עמאַנציפּירט, און דאָך איז דאָרטן יידישקייט גאָר גיך אויסגערונען. ווידער זיי־נען דאָך די יידן פון „טיף ראַסיי״ ניט עמאַנציפּירט געוואָרן, און דאָך איז דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע דאָרטן געגאַנגען ניט שוואַכער ווי אין מערב. די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, די יידישע פּאָליטיק — איז טאַקע געפירט געוואָרן דורך יידן אין יענע שטעט אָבער אַלע מאָל איז די טרייבקראַפט גע־קומען פון תחום. די יידישקייט אין טיף־ראַסיי האָט זיך געהאַלטן בלויז איין — צוויי דורות. ניט געווען קיין איין שרייבער, קיין געזעלשאַפטלעכער טוער, וואָס זאָל זיך געווען האָבן געהאָדעוועט אין טיף־ראַסיי. די עמאַנציפּאַציע האָט יאָ געקאָנט העלפן יידישע יונגע לייט אַרויסצורייסן זיך פון תחום, אָבער קיין יידי־שע שעפערישקייט האָט ניט געקאָנט קומען פון דאָרטן.

די עטנאָגראַפישע סביבה האָט יאָ געווירקט. צוליב קורצקייט וועל איך אָנגעבן בלויז דעם אויספיר: אומעטום ווו יידן האָבן געלעבט אין דירעקטער שכנות מיט הערשנדיקע לאַנד־פעלקער, איז די אַסימילאַציע געווען שטאַרקער. רעליגיע האָט נאָך געקאָנט האָבן אַן אָרט ביז אַ געוויסער מדרגה, אָבער ניט

קיין יידישע שפּראַך, קיין יידישער שטייגער, קיין פּאַרזיכיקע יידישע געזעל־שאַפטלעכקייט און פּאָליטיק. קיין פֿאָלקישע אָרגאַניזירטקייט. דערפֿאַר דער גרויסער אונטערשייד צווישן גאַליציע און מזרח־פּרייסן, דערפֿאַר דער אונטער־שייד צווישן יידן אין תחום און מחוץ פון תחום. דערפֿאַר האָט ווילנע געקאָנט ווערן „ירושלים דליטע" און אָדעס אַ יידישע שטאָט אין זעלבן תחום — האָט „הונדערט מייל אַרום איר געברענט דער גיהנום" דערפֿאַר האָט אין איטאַליע די אַסימילאַציע אָפּגעווישט די יידישע קולטור ערשט ווען איטאַליע איז גע־וואָרן אַ פֿאַרייניקטע מדינה מיט איטאַליעניש ווי אַ הערשנדיקע שפּראַך. פון דאַנען דער אונטערשייד צווישן ווילנע און וואַרשע. אין ווילנע זיינען געווען פיר פעלקער (יידן, פּאָליאַקן, ליטווינער און ווייסרוסן) קיינער פון זיי האָט ניט געהערשט געזעלשאַפטלעך, זיינען יידן געווען גייסטיק און פּסיכיש אַ סך פאַרזיכיקער ווי אין וואַרשע.

דער צווייטער אויספיר וואָס איך מאַך איז, אַז די רעליגיע אַליין שאַפט ניט קיין יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. ניט אומזיסט פלעגן זיך פּאָליאַקן באַ־קלאָגן אַז די „ליטוואַקעס" פאַריידישן וואַרשע. נאָך עטלעכע יאָר פון פעסטער פּוילישקייט אין ווילנע, האָבן זיך אויך ווילנער יידן אַ סך מער פּאָלאָניזירט גייסטיק און קולטורעל. אַפילו די גאַר שוואַכע ליטווישע קולטור האָט גענומען באַהערשן די קאָוונער יידן, הגם דאָרטן איז פֿאַרט דער יידישער קולטור־ווי־דערשטאַנד געווען גרינגער. יידישע בילדונג — אַ סך מער פאַרשפּרייט (העב־רעיִשע גימנאַזיעס) ניט די פערסאָנאַלע עמאַנציפּאַציע האָט אַטראָפירט די יידי־שע פאָלקישקייט אין מערב־אייראָפּע, אויך אָן עמאַנציפּאַציע איז די אַסימי־לאַציע געווען שטאַרק אומעטום וווּ יידן האָבן געלעבט אין דירעקטער שכנות מיט הערשנדיקע פעלקער.

די רעליגיעזע יידישקייט איז אַ סך פעסטער אין דער יידישער פּסיכיק אָבער זי שטערט ניט דער אַסימילאַציע. פראַנקפורט, האַמבורג אין דייטשלאַנד, מונקאַטש און אַנדערע שטעט אין אונגאַרן האָבן דאָך די אַסימילאַציע ניט אָפּ־געהאַלטן. יידישע רעליגיע אָן וועלטלעכער געזעלשאַפטלעכקייט און אָן וועלט־לעכער קולטור, בלייבט פאַרגליווערט, פּאַסיל און זי שאַפט ניט קיין פאָלקישע פאַרזיכיקייט.

## יידישע פאָלקישע פאַרזיכיקייט און אורבאַניזאַציע

יידן האָבן אויסגעהאַלטן אַ לאַנגן גלות ביז דער אורבאַניזאַציע. קיין מאַסן־אַסימילאַציע האָט ניט געקאָנט זיין: יידן זיינען געווען אַ סאָציאַלער

קלאַס באַזונדער — ניט קיין פּריצים און ניט קיין פּויערים. איז ניט געווען פאַר יידן קיין מעגלעכקייט אַרויסצורייסן זיך פון דער יידישער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפטלעכקייט. האָט די אורבאַניזאַציע צעשטערט די איזאָלירטקייט פון יידן, די סאָציאַלע אָפּגעזונדערטקייט. די אורבאַניזאַציע האָט אַנולירט די קלאַסן. צי מיט רעכט אָדער אָן רעכט, אָבער יידן האָבן מער ניט געשאַפן קיין באַזונדערן קלאַס. האָט נאָך מענדעלסאָן געחלומט וועגן יידן אין דייטשישער געזעלשאַפט מיט יידישער רעליגיע. ער האָט געגלויבט עס זאָל קאָנען עקזיסטירן אַ יידיש פאָלק מיט דער רעליגיע אַליין, אָן יידישער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אָרגאַניזירטקייט. האָבן זיינע אייגענע קינדער באַוויזן די אוממעגלעכקייט פון דעם. מענדעלסאָן און זיין דור האָבן דאָס געשאַפן די השכלה. זי האָט זיך אָבער געהאַלטן אין מערב נאָר איין דור און איז גלייך אַוועק צו פולער אַסימילאַציע. די יידישע רעליגיע איז ניט קיין רעליגיע אין גויִשן זינען. זי איז אַ טייל פון דער גאַנצער יידשער סאָציאַלער געזעלשאַפטלעכקייט און אָן דער וועלטלעכער יידישקייט איז אויך די השכלה־יידישקייט געשטאָרבן.

דאָ קומען מיר צו דער לעצטער פראַגע: ווו? פאַרוואָס אין תחום?

אַזוי אַרום האָט זיך יידישקייט געקאָנט פאַרוועלטלעכן נאָר אין מזרח־אייראָפּע. דאָ איז געווען אורבאַניזאַציע אָבער די יידישע סאָציאַלע אָפּגעזונדערטקייט איז פאַרבליבן. די דורכויס יידישע שטעטלעך זיינען פאַרבליבן. מיט דער יידישער פאַרזיכיקער שפּראַך און אייגענעם שטייגער. די שטעט האָבן גרינגער געמאַכט צו אָרגאַניזירן די שטעטלשע קולטור. ווילנע אַליין האָט גאָר ווייניק געשאַפן יידישקייט, געהאָדעוועט שעפערישע יידן ווי פון רעליגיעזן, ווי אויך פון וועלטלעכן כאַראַקטער. אָבער ווילנע איז געוואָרן דער צענטער ווו די יידישקייט פון די שטעטלעך האָבן געקאָנט פיקסירט ווערן און זיך פאַרשפּרייטן. קיין פולע אַסימילאַציע האָט ניט געקאָנט זיין. פאַרוואָס? די קולטור איז טאַקע געווען אויף רוסיש. יידן אין ווילנע האָבן טאַקע גאַנץ געשמאַק גערעדט רוסיש, אָבער קיין רוסישע געזעלשאַפטלעכקייט איז דאָך ניט געווען, ווייל בכלל זיינען קיין רוסן ניט געווען אחוץ די באַאַמטע. די יידישע רוסיפיקאַטאָרן (פון ראַבינער שול וכדומה) האָבן זייער ווייניק געקאָנט משפיע זיין. פאַרקערט, איז געווען גאַנץ שטאַרק אַ יידישער פאָלקישער מאַסיוו מיט זיין לשון, זיין שטייגער, מיט זיין אָרגאַנישער פאַרזיכיקייט בכלל. דער פאָלקישער מאַסיוו האָט אַליין געהאַט זיינע סאָציאַלע קלאַסן פון בעטלער ביז גבירים, פון גראָבע יונגען, גנבים ביז גייסטיקע ריזן אין תורה און חכמה. האָט די יידישע אינטעליגענץ שטאַרק, מיט התמדה געלערנט פון דער רוסישער קולטור, אָבער אָנווענדן די קולטור אין דער פּראַקטיק האָט די אינטעליגענץ געקאָנט נאָר צווישן יידן. אפילו סאָציאַליזם פאַרשפּרייטן האָט מען געקאָנט נאָר צווישן

יידן. האָט געדאַרפט געשאַפן ווערן אַ באַזונדערע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַר־טיי, הגם די יידישע אַרבעטער האָבן ניט געשאַפן קיין אַרבעטער־קלאַס. האָבן טאַקע יידישע סאָציאַליסטן פון „טיף ראסיי" געלאַכט פון די בונדיסטן וואָס ווילן ניט אַנדערש אַן אייגענע פּאַרטיי. האָט אַ ייד־סאָציאַליסט אויסגעלאַכט אַז די בונדיסטן זיינען אייגנטלעך די זעלביקע ציוניסטן, באשר זיי האָבן מורא פאַר דער ים־קראַנקייט.

די השכלה האָט טאַקע זייער גיך זיך פאַרוואַנדלט אין איר נאַטירלעכן גילגול — אין דירעקטער רוסיפיקאַציע (אָדער פּאָלאָניזאַציע — אין פּוילן, גאַ־ליציע). אוודאי איז י. ל. גאָרדאָן געווען גערעכט, אַז ער איז דער לעצטער העב־רעישער דיכטער. באשר די שטעטלעך האָבן נאָך כסדר געשיקט נייע און נייע קאַדרען אַקטיווע און שעפערישע יונגע יידן. און זיי האָבן דאָס געבויט און אויפגעבויט די גאַנצע מאָדערנע יידישע קולטור. פון שטעטלשער פאַרזיכיקייט צו דער שטאָטישער באַאַרבעטונג און צוריק צו דעם יידישן פאָלקישן מאַסיוו ווי אַ געניסער, געברויכער... דער באָדן פון יידישקייט בכלל און פון וועלט־לעכער בפרט איז געווען דאָס שטעטל. די שטאָט איז געווען די וואָס אַרבעט איבער, זי פאַבריצירט די פּראָדוקטן פון לאַנד און מאַכט פון זיי פאַבריקאַטן צום געברויך.

אַזוי אַרום פירן מיר אויס: וועלטלעכע יידישקייט האָט זיך אַנטוויקלט נאָר אין מזרח־אייראָפּע, נאָר דאָרטן ווו יידן האָבן ניט געהאַט קיין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די הערשנדיקע פעלקער און זייער געזעלשאַפטלעכקייט. אויך אין דעם מזרח־אייראָפּע האָט יידישקייט בכלל און וועלטלעכע בפרט געשטאַמט פון די שטעטלעך. פרעגט זיך איצט ווייטער:

## מיט וואָס האָט עס דאָס שטעטל זוכה געווען

מיט וואָס האָט עס דאָס שטעטל זוכה געווען צו דער דאָזי־קער הויכער ראָל? אָרעם, געדריקט, טעכנישע איינאָרדענונג — פרימי־טיוו ביז גאָר, אָפּגעשטאַנען. קולטור — אַך און ווי, דערציונג — דער פּרימיטיווער חדר. די ישיבה האָט געהאַט אַ סך פּעדאַגאָגישע מעלות אָבער דער חדר — גאָר ניט. און דאָך ניט געקוקט אויף דעם אַלעם איז דאָס פּאַרט דאָס שטעטל געבליבן דער פונדאַמענט פון יידישקייט. מיט וואָס? פאַרוואָס? וואָס קאָן און וואָס דאַרף דער אורבאַניזם זיך לערנען פון שטעטל?

איך גלייב אַז דאָס איז געווען ווייל דאָס שטעטל איז געווען מאָניסטיש אין קולטור און סאָציאַל אין גאַנצן פאַרזיכיק. סאָציאַלע און קולטורעלע פאַר־

זיכיקייט איז אויטאָנאָמיע. איך קאָן ווי אַ לערער ניט געגונג אָנלויבן דעם גייסטיקן, קולטור־מאָניזם פאַר קינדער און יוגנט. איך גלייב ביז היינט אַז די „אָפּגעשטאַנענקייט" — דאָס אויספעלן פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אַנדערע גרויסשטאָטישע קולטור־עלעמענטן איז אַ ברכה פאַר די קינדער, פאַר דער קינדהייט בכלל. עס קאָן זיך ניט אַנטוויקלען קיין גייסטיקע פערזענלעכקייט נאָר אין קאָנצענטרירטקייט, ניטאָ קיין גרעסערער שאָדן און שטער ווי די צעשטרייטקייט. וואָס מאָנאָטאָנער עס איז די סביבה פון דער קינדהייט, אַלץ בעסער איז עס פאַר דעם וואַקסנדיקן מענטשן. די שטענדיקייט פון שטייגער שאַפט טראַדיציעס, איינגעלעבטקייט, שטענדיקייט, כאַראַקטער. עס וואַקסט אַ פערזענלעכקייט, ניט קיין צעפלויגנקייט, קיין נערוועזע שפּרינגעניש. דאָס שטעטל האָט דערפאַר געהאָדעוועט מענטשן אין דער טיף אָנשטאָט אין דער ברייט. דערפאַר האָט דאָס שטעטל אַ גרעסערן פּראָצענט שעפערישע מענטשן געקאָנט אַרויסברענגען. אַזאַ קאָנצענטרירטער מענטש האָט שפּעטער געקאָנט אין זיך אַסימילירן אַ סך פרעמדע קולטור און גוט פאַרדייען. ער האָט אַסימילירט אין זיך און איז ניט אַסימילירט געוואָרן אין דעם פרישן, צוגעקומענעם פון דער פרעמד.

ווייטער איז דאָך דאָס שטעטל געווען סאָציאַל, קולטורעל, אפילו יורידיש אין גאַנצן אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, יעדעס שטעטל — אַ באַזונדערער אויטאָנאָמער איינס. די גאַנצע זאָרג פאַר באַדערפטיקע סאָציאַלע הילף, פאַרוויילונג, אַלגעמיין יידישע פּראָבלעמען — אַלץ פאַר זיך באַזונדער. אַזוי האָט אויך די גאַנצע קולטור געקאָנט זיין נאָר פון יידן, פאַר יידן. די יידן וואָס האָבן שוין געשריבן אויף רוסיש, זיינען סוף כל סוף געווען אָן אַ זייט פון דעם יידישן פאָלקישן מאַסיוו. דער פאָלקישער מאַסיוו האָט זיי ניט געקענט, ניט געוווסט פון זיי. מיט דער אורבאַניזאַציע זיינען אויפגעקומען נייע באַדאַרפן, נייע געזעלשאַפטלעכע זאָרגן און נייע אויפגאַבעס. עס איז געווען גאָר נאַטירלעך אַז די יידן, וואָס האָבן סיי ווי געלעבט פאַר זיך אין ריין יידישע סביבות, זאָלן אַט די אַלע אויפגאַבעס נעמען לייזן פאַר זיך, אַז די פרעמדע וועלט איז גאָר געווען פרעמד און ווייט, גייסטיק — אַ סך מער ווי געאָגראַפיש. מען האָט טאַקע געלעבט אין שכנות אָבער ניט צוזאַמען, ווייט. אַ באַזונדערע יידישע וועלט האָט זי אויך איר קולטור געבויט, געשאַפן באַזונדער, פון זיך פאַר זיך.

אַט דאָס איז וועלטלעכע געזעלשאַפטלעכקייט. זי ווערט געפירט אין די אינטערעסן פון פאָלק, ניט ווייל עס איז אַ מצווה, ניט דערפאַר ווייל עס איז אַזוי פאַרשריבן אין שולחן ערוך. עס האָט ניט קיין שייכות צו רעליגיע, אָבער עס איז אויך ניט קעגן רעליגיע, עס באַקעמפט ניט רעליגיע. די גאַנצע אַנטי־

רעליגיעזקייט פון וועלטלעכקייט שטאַמט פון דער פרעמד, פון גאַר אַנדערע סיטואַציעס.

אַ סך וועלטלעכע ייִדן ווילן פאַרבינדן וועלטלעכקייט מיט השכלה. כּלומרשט איז די השכלה די מאַמע פון וועלטלעכקייט. אָבער עס איז ניט אַזוי: השכלה איז אין איר פּראָגראַם געווען אַנטיפאָלקיש, קעגן דעם פאָלקישן שטייגער, קעגן דער פאָלקישער שפּראַך און אויך קעגן פאָלקישע אידעאַלן. השכלה האָט אייגנטלעך געשטרעבט צו אַנולירן די ייִדישע פאַרזיכיקייט. דאָס איז דער היפּוך פון וועלטלעכער קולטור, וואָס באַמיט זיך צו שעפּן אַלץ, דעם גאַנצן קולטור־מאַטעריאַל דווקא פון פאָלק, פון פאָלקס אַקטועלן שטייגער. השכלה איז געווען אין מזרח־אייראָפּע אימפּאָרטירט (ניט אומזיסט דער נאָמען פון די משכּילים „בערלינטשיקעס", „בראָדער"), וועלטלעכקייט איז אַ ריינער פּראָדוקט פון מזרח־אייראָפּע.

און דער אַלגעמיינער אויספיר פון היסטאָרישן איבערבליק איז — דער אורבאַניזם האָט געפאָדערט אַ סך ענדערונגען אין ייִדישן לעבן. די ענדערונגען און די נייעסן זיינען אַריבערגעוואַקסן די ראַמען פון דער טראַדיציאָנעלער שטעטלשער שטייגער־קולטור. צוויי וועגן זיינען געווען פאַר דעם נייעם. איין ריכטונג — דער וועג צו אידענטיפיקאַציע מיט דעם לאַנד־פאָלק — דאָס איז דער וועג צו אַסימילאַציע און דער צווייטער וועג — צו וועלטלעכער ייִדישקייט, צו אידענטיפיקאַציע מיט דעם אייגענעם פאָלקישן מאַסיוו און זיינע טראַדיציעס. וועלטלעכקייט איז אויפגעקומען נאָר דאָרט ווו אַסימילאַציע איז ניט געווען מעגלעך. אומעטום ווו ייִדן האָבן זיך געפונען אין דירעקטער שכנות מיט הערשנדיקע לאַנד־פעלקער, זיינען ייִדן אַוועק אין דער ריכטונג צו אַסימילאַציע, צי מיט גלייכע רעכט אָדער אָן רעכט — אַלץ איינס.

אַסימילאַציע־ריכטונג האָט אַרויסגעבראַכט אידעאָלאָגן, טעאָרעטיקער, וויסנשאַפט און רעפאָרמעס. אַסימילאַציע איז רייך. זי האָט אָבער גאָרניט געירשנט פון דעם דירעקטן שטעטלשן ייִדישן פאָלק, זי וויל עס ניט.

די וועלטלעכע ייִדישקייט האָט ארויסגעבראַכט א סך קונסט—ליטעראַטור, פּאָעזיע, טעאַטער, מוזיק, מאָלעריי, אָבער ניט קיין וויסנשאַפט, ווייניק טעאָרעטיקער, ווייניק אינסטיטוציעס. וועלטלעכקייט איז אָרעם, אָרעם אידעאָלאָגיש און אָרעם מאַטעריעל. דערפאַר אויך דערשלאָגן און אָן מוט. אַלץ וואָס וועלטלעכקייט האָט אויפגעטאָן, געשאַפן, אַלץ איז געקומען דירעקט פון שטעטל, פון דער שטעטלשער קולטור. מיט דעם נאַטירלעכן אונטערגאַנג פון שטעטל און מיטן גרויסן חורבן פון איינציקן קוואַל פון וועלטלעכקייט — פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום איז אומגעבראַכט געוואָרן דער גאַנצער באָדן, וואָס פון אים איז וועלטלעכקייט געוואַקסן. דערפאַר דער קריזיס אין ביידע צווייגן פון

וועלטלעכקייט — אין דער יידיש־וועלטלעכער ריכטונג און אויך אין דער העב־רעיִש־וועלטלעכער ריכטונג — אין דעם ציוניזם אין דער וועלט. דער גרעס־טער אויפטו פון וועלטלעכער יידישקייט — די מדינת ישראל לעבט איצט אַליין, ווערט געשטיצט פון יידן בכלל און דער וועלט־ציוניזם איז ווייט אָפּגעשטאַנען, ער גייט לגמרי ניט מיט דער מדינה. ניט דאָ איז דאָס אָרט צו ריידן וועגן דעם ריס צווישן דער מדינה מיטן ציוניזם.

יידיש־וועלטלעכקייט האָט נאָך פאַרמאָגט אַן אינעווייניקסטן אָרגאַנישן דע־פעקט: זי האָט זיך אַליין ניט דערקענט, ביזן תוך ניט דערגאַנגען. מען איז געווען סאָציאַליסטן מיט יידיש, אַנאַרכיסטן מיט יידיש, ציוניסטן מיט יידיש, יידיש איז געווען ווי עפּעס אַ צוגאָב, ניט קיין ציל פאַר זיך. מען איז געווען דעקלאַרירטע „נייטראַליסטן״: מיר זיינען יידישיסטן „אויף אַזוי פיל, אויף וויפל יידן ריידן יידיש״. די יידיש־וועלטלעכקייט איז אין תוך אַריין געווען פּאָלקיס־טיש, פּאָלקיש. מען האָט עס אָבער ניט געוואָלט אָנערקענען מיטן פולן מויל. אפילו אין דעם איינציקן פּראַקטישן געביט — אין דעם שולוועזן האָט מען ניט אָנערקענט דעם יידישיזם ווי אַן אידעאַל פון אַ יידיש־וועלטלעכן וועלט־פּאָלק מיט אַן אייגענער שפּראַך און קולטור און מיט אייגענער פולער פּאָלקישער אָרגאַניזירטקייט. און ווייל קיין אייגענער פולער אידעאַל איז ניט געווען האָט יידישיזם, וועלטלעכקייט פאַרבלאָנדזשעט אויפן וועג פון אַנטי־רעליגיעזקייט, וואָס זי איז דווקא פּאָלקיש.

דער גאַנצער יידיש־שטייגער און די גאַנצע בעל פּה־קולטור האָט געדאַרפט זיין חשוב ביי די וועלטלעכע, אָבער עס איז ניט געווען. די עברית־וועלטלעכע האָבן אַלץ נעגירט ווייל עס איז גלות, די יידיש־וועלטלעכע האָבן אַלץ נעגירט ווייל עס איז רעליגיע. און דער פּאָלקישער מאַסיוו, וואָס ער האָט געצווונגען, געבראַכט די אינטעליגענץ צו יידיש־וועלטלעכקייט, — דער מאַסיוו איז שוין צו אונדזער טראַגישקייט ניט געווען. אגב אורחא, — דעם היטלער־חורבן דאַרף מען ניט ציילן מיט מיליאָנען מענטשן וואָס אוממענטשן האָבן אומגעבראַכט, מען דאַרף רעכענען, אַז עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דער איינציקער אַקטיווער שעפערישער שבט, וואָס נאָר ער האָט געבוירן די גאַנצע יידישע קולטור אין ביידע שפּראַכן, ער האָט אויפגעבויט אַ ברייטע אַלוועלטלעכע יידישע סאָציאַלע הילף, ער האָט אָנגעהויבן בויען אַ יידישע פּאָליטיק, ער האָט אויפגעבויט אַלע נייע ישובים, און — ער האָט אויפגעבויט און אָרגאַניזירט די יידישע מדינה. אויב אין דעם שטראָם געפינען זיך יחידים אפלו גרופּעס אַנדערע, זיינען זיי מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם שטראָם פון מזרח־אייראָפּעיִשער יידישקייט. דער עצם־שטראָם קומט פון מזרח־אייראָפּע.

אָבער וועלטלעכקייט איז געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט זיך אַליין. האָט

די העברעיִש־וועלטלעכקייט זיך פאַרמאָסטן אויפצושטעלן, מחייה המתים זיין אַן אוראַלטן, לאַנג פאַרגעסן תנ״ך־פאָלק — אין נאָמען און אין די אינטע־רעסן פון הייגטיקן פאָלק בויען אַ ניי פאָלק, ניט דעם המשך פון הייגטיקן. האָט יידיש־וועלטלעכקייט געבויט וועלטלעכקייט אין נאָמען פון פאָלקישן מאַ־סיוו. אָבער דער מאַסיוו איז אַ מאַסיוו נאָר מיט זיינע טראַדיציעס אין שטייגער, אין שפּראַך און פירונגען, אָבער די טראַדיציעס זיינען דאָך די רעליגיע, וואָס מען באַקעמפט זי. האָט די וועלטלעכקייט ניט געשאַפן קיין וועלטלעכע יידישקייט.

אויך טעאָרעטיש, אידעאָלאָגיש האָט די יידיש־וועלטלעכקייט שטאַרק גע־זינדיקט: און אָט ווי אַזוי: דער יידישער געדאַנק האָט אַלע מאָל, דורך דער גאַנצער געשיכטע זיך באַמיט צו לערנען די שריפטן פון די פריערדיקע תקופות מיט אַ פירוש פון זייער אַקטועלן הייגט. אין אַן אַנדער אַרבעט האָב איך זיך באַמיט דאָס צו באַווייזן, ווי מען האָט אַקטואַליזירט די געשיכטע. דאָ וועל איך בלויז ברענגען איין דוגמא: זיי האָבן גענומען דעם דוד המלך פון תנ״ך, דעם מלחמה־העלד און אים אַוועקגעזעצט שטודירן די הלכות. דאָס איז די פילאָסאָ־פיע פון אַקטואַליזאַציע. און אין דעם איז געווען דער כוח איינצוהיטן ניט בלויז דאָס פאָלק נאָר אויך די שאַפונגען פון פאָלק אין דער גאַנצער אייביקייט. די וועלטלעכע יידישקייט האָט לויט דעם יידישן דרך געדאַרפט זיך באַמיען אָנ־צונעמען די גאַנצע יידישע פאַרהייליקטע תורה מיט אירן אַ וועלטלעכן פירוש. האָט די וועלטלעכקייט אָנשטאָט דעם געטאָן אַנדערש — אין גאַנצן אָפּגעוואָרפן און פטור. אָנשטאָט אַריינצופירן וועלטלעכע קונסט־ווערק אין טראַדיציאָנעלן סי־דור און מחזור איז גרינגער געווען אין גאַנצן אָפּוואַרפן און פטור. אָנשטאָט אַריינצוגעבן אין יידישן טראַדיציאָנעלן יום טוב נייע וועלטלעכע עלעמענטן איז גרינגער געווען אין גאַנצן אָפּצוואַרפן.

דערמיט האָט די וועלטלעכקייט געהאָלפן אָפּצושוואַכן דעם פאָלקישן מאַ־סיוו, איר אייגענעם פונדאַמענט. די וועלטלעכקייט האָט ניט פאַרוועלטלעכט די טראַדיציע, דעם היסטאָרישן גאַנג פון פאָלק איבער דורות און תקופות, נאָר אָפּגעוואָרפן.

## רעליגיעזע זוכונגען

אין מדינת ישראל זיינען איצט פאַראַן סימפּטאָמאַטישע דערשיינונגען אויף דעם געביט: פאַראַן אין די סאָמע וועלטלעכע קיבוצים פּערזאָנען און גרופּעס וואָס זוכן רעליגיעזע אויסלעבונגען. פאַראַן קרייזן פון דער העכערער, טיפערער אינטעליגענץ וואָס זוכן שוין יאָרן אַ מאָדערנע יידישע רעליגיעזע פילאָסאָפיע.

מיר זיינען באַקאַנט עטלעכע זשורנאַלן פון דעם געביט (אמנה, פּרוזדור, פּתחים, „חוג מבקשי דרך" (קרייז פון זועגזוכער), אַפילו אַן „אינטער־רעליגיעזער קרייז פאַר רעליגיעזן געדאַנק" פון יידן מיט קריסטן). מיט דעם פולן דרך ארץ צו יעדן זוכערישן דענקען, מוז איך אָבער זאָגן, אַז, ווי מיר דאַכט זיך, זוכן זיי ניט דאָס וואָס זיי האָבן פאַרלוירן: פאַרלאָזט, פאַרוואָרפן האָט מען דאָס פאָלק, און מען זוכט אַ גאָט. דאָס איז אין דער מדינה. אין די גלותן איז ערגער: מען זוכט לגמרי ניט, דער וועג פירט גראָד צו אויסיידישונג, צו אַסימילאַציע.

פאַראַן נאָך אַ צווייטע סימפּטאָמאַטישע דערשיינונג וואָס שרעקט מיך מיט אירע מעגלעכע קאָנסעקווענצן. דאָס זיינען די דיאַלאָגן. זיינען די דיאַלאָגן צווישן יידן מיט קריסטן נאָך אַ האַלבע צרה: אפשר פּאַרט וועט מען זיך מער פאַר־שטיין. פרעמדע מיט פרעמדע — וויל מען זיך פאַרשטיין: מען לעבט צוזאַמען, פאַרוואָס זשע ניט פאַרשטיין זיך? מילא, הגם איך גלייב ניט אין דעם: צו־נויפרעדן קאָן מען זיך נאָר ווען דאָס הארץ איז דערבײַ, און אַז דאָס הארץ איז ניט דערבײַ, איז — רייד היינט, רייד מאָרגן — עס קאָן גאָרניט העלפן.

ערגער זיינען די דיאַלאָגן צווישן יידן מיט יידן. ישראלים מיט אַמעריקאַ־נער פּרובירן זיך צונויפריידן און עס איז אויך פאַרבײַ די הערצער. רעדט אַן אַמעריקאַנער, אַן ענגלענדער ייד אין נאָמען פון „זייער" קולטור, און דער יש־ראלי רעדט פון דער העברעיִשער ישראלישער קולטור. יעדערער איז שטאָלץ מיט זיינס, און — עס בלייבט ביי דעם: מען איז זיך פרעמד. געהערט ניט איין מאָל, ווי פּשוטע פאָלקישע אַמעריקאַנער יידן ריידן מיט ישראלים און אויך אַזוי — „ביי אונדז און ביי אייך, מיר און איר „און דער מיר איז תמיד אַמעריקע, אייער" — מיינט תמיד „איזראַעל"... שוין אויך איז די אידענטיפיקאַציע מיט אַמעריקע שטאַרקער, פעסטער. און געהערט האָב איך עס תמיד פון יידן־אימי־גראַנטן, ניט קיין געבוירענע אַמעריקאַנער, דאָס זיינען נאָר יידן וואָס געהערן נאָך צו אַ לאַנדסמאַנשאַפט פון היימישן שטעטל. און דאָך איז שוין ביי אים אויך „איזראַעל", און איר און אייער. ער אַליין איז שוין פון אַן אַנדער וועלט. און דאָס זיינען יידן וואָס קומען קיין ישראל צו גאַסט צו קרובים... ישראל באַמיט זיך מיט פאַרשיידענע מיטלען צוצוציען אַמעריקאַנער יידן, אָבער די זיינען שוין אַפּגעפרעמדט. אַפילו ציוניסטן אַמעריקאַנער. פרעג איך זיך תמיד: ווי וואָלט געווען דאָס געפיל, ווען די קולטורן פון די צוויי צווייגן פון איין פאָלק וואָלטן געווען איינהייטלעכער? צי זיינען חב"ד־יידן פון כפר חב"ח און ברוקלין אויך מיר און איר?... די דיאַלאָגן שרעקן מיך: די פרעמדקייט איז שוין אַ פאַקט, דאָס צונויפריידן זיך — ווער גלייבט אין דעם? איך קאָן אויפנעמען מיט דעם זעלביקן געפיל פון מיינס אַלץ וואָס עס איז געשאַפן גע־וואָרן פאָלקיש, פון פאָלק, מיט דער כוונה פון פאָלקישקייט צו פאָלקישקייט.

ביי מיר איז פון אַ קאַפּיטל תהלים, ביז אַ זאַפּטיקער אגדה, ביז כתר מלכות, ביז דעם תניא, ביז די „דענוווער־באַלאַדע" — אַלץ איז יידישקייט און אַלץ קאָן איך אויפנעמען מיט מיין יידיש־וועלטלעכן פּירוש און השגה. איך דאַרף ניט קיין דיאַלאָג מיט יידן. יידישקייט איז ווי אַ קראַנץ פּערל. כל זמן דער קראַנץ איז גאַנץ, זיינען די פּערל צוזאַמען. איז דער שנור אָבער איבערגעריסן, צעשיטן זיך די פּערל, צעקייקלען זיך ווייט! — גייט און רעדט זיי צונויף...

## וועלטלעכע יידישקייט אין אַמעריקע

עס מיינט ניט דווקא אַמעריקע, נאָר די נייע ישובים בכלל. ביז דער גרויסער אימיגראַציע אויף דער שוועל פון יאָרהונדערט איז יידישקייט אין אַמעריקע געגאַנגען לויטן כלל, אַז אורבאַניזאַציע מיט רעכט פירט צו אַסימילאַציע — מיט אָדער אָן אַ רעליגיעזן אַפּענדיקס — דאָס איז ניט קיין אונטערשייד. אָבער דער גרויסער שטראָם אימיגראַנטן ווען גאַנצע שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע האָבן מיט אַ כוח זיך אַריינגעגאָסן אין אַמעריקע, האָט זיך דאָס בילד געענדערט: אויפן אַמעריקאַנער באָדן זיינען אויסגעוואַקסן די זעלביקע שטעטלעך פון דער אַלטער היים. דאָס זיינען געווען די „לאַנדסמאַנשאַפטן". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּרעסע, אַ ליטעראַטור, טעאַטער, גראַנדיעזע פאַרמעסטן פון צדקה און געזעלשאַפטלעכקייט בכלל. עס איז געקומען אַן אינטעליגענץ צו פירן די אַרבעט. דער נייער שטראָם האָט באַוויזן אַריינצוציען אין יידישן לעבן יחידים פון די פריערדיקע אימיגראַציעס. עס איז געקומען אַ יידיש לעבן אין אַמעריקע. די ענערגיע, מוט, גייסטיקע פעיִקייטן און אינטעליגענץ וואָס עס האָט אַרויסגעוויזן די יידישע אימיגראַציע איז לגמרי ניט אָפּצושאַצן. אַ ים מיט פּאָטענציעלער ענערגיע פון קאַסרילעווקע האָט זיך קינעטיזירט (*) אין אַמעריקע.

ביי אַ געהעריקער אידעאָלאָגישער, פּלאַנירטער אָנפירונג, וואָלט ניט שווער געווען צו שאַפן אין אַמעריקע אַ שטאַט מיט אַ יידישער מערהייט מיט אַלע מעגלעכע אַנטוויקלונגען פון דעם. ווער ווייס ווי עס וואָלט זיך אַנטוויקלט דאָס יידישע לעבן אין די נייע ישובים, ווען ניט די אַנטי־אימיגראַציע־געזעצן? צו די געזעצן איז נאָך צוגעקומען די גיריקייט פון יידן זיך צו צעשיטן און צו אַסימילירן זיך.

דער זעלביקער דראַנג האָט דאָך אויך אין אַרגענטינע צעשאָטן די יידישע קאָלאָניעס און ניט דערלאָזן עס זאָל זיך אויסבילדן איין געדיכטער יידישער ראַיאָן מיט יידישע שטעטלעך און שטעט... ווען ניט דער גלות אין די

*) קינעטיזישע — געמיינט אַקטיוו, קינעטיזירט זיך, גענומען ווירקן, אַקטיוו געוואָרן.

יידן, וואָלטן יידן ניט געווען אין גלות... אָבער דאָס זיינען אַלץ טראַכטונגען, סתם אין דער וועלט אַריין. וועלטלעכע יידישקייט וואָלט אַ סך געקאָנט אויפטאָן, זי האָט עס אָבער ניט אויפגעטאָן.

ביי יידן איז יאָ געווען אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום אייגענעם שטעטל. צו דער געגנט, אָבער עס האָט אויסגעפעלט און עס פעלט נאָך ביז איצט אַן עמאָציאָנעלע צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק בכלל. קליינע לאַנדסמאַנשאַפטן זיינען יאָ געשאַפן געוואָרן. אָבער קיין אַלגעמיין־יידישע „פאָלקסמאַנשאַפט" איז דאַכט זיך ניט אויפגעקומען; אין ערגעץ ניט. ניט געווען אַזאַ דראַנג צום כלל פאָלק.

## ווי זעט אויס היינט דער יידישער מאָרגן אין אמעריקע ?

עס איז דער גרעסטער יידישער קיבוץ אין דער וועלט דורך דער גאַנצער געשיכטע. ניט געווען אַזאַ גרויסע צאָל יידן אין איין מדינה. די צרה איז אָבער וואָס אַט די גרויסע צאָל יידן שטעלן מיט זיך ניט פאָר קיין קיבוץ: ניטאָ קיין שום רעליגיעזע, קולטורעלע, שפּראַכלעכע, יורידישע אָדער אידעאָלאָגישע אייגנ־שאַפט וואָס זאָל צונויפבינדן אַלע די מענטשן פון איין יידישן שטאַם, אין איין פאָלקישן איינס. דער געמיינזאַמער יידישער אָפּשטאַם שאַפט אין די אַלע יידן באַשטימטע ביאָלאָגישע און גייסטיק־פּסיכישע שטריכן, וואָס קומען יאָ צום באַוווסטזיין אָדער זיי קומען ניט: זיי זיינען געוווּנטשן אָדער אומגעוווּנטשן, ליב אָדער פאַרהאַסט — דער יידישער אָפּשטאַם איז גערן אָדער מען וויל און מען באַמיט זיך אים צו פאַרגעסן און איבערהויפּט אים באַהאַלטן פון אַנדערע; די וועלט אַרום זאָל, חלילה, ניט דערקענען אַז מען שטאַמט פון יידן.

מען דאַרף לגמרי ניט זיין קיין פאָרשער און זוכער כדי צו זען ווי דאָס יידישע פאָלק אין די נייע ישובים גייט אונטער. ווו גיכער, ווו פּאַמעלעכער — דאָס הענגט אָפּ פון דעם כמות יידן: וואָס מער יידן, אַלץ פּאַמעלעכער איז דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג, וואָס גרעסער עס איז דער פּראָצענט פון יידן אין דער באַפעלקערונג בכלל, אַלץ דויערנדיקער וועט זיין דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג. אָבער אפילו אין די גרעסטע קאָנצענטראַציעס פון יידן פעלט ניט דער פּראָצענט פון אונטערגאַנג.

געקומען די ערשטע יידן אין די ניו יאָרק (מיט עטוואָס מער ווי דריי הונדערט יאָר צוריק). ניטאָ פון זיי קיין רעשטלעך אין יידנטום, דיפונדירט אין דער אַל־געמיינער באַפעלקערונג אָן אַ שפור. אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן געשפּילט אַ היפּשע געזעלשאַפטלעכע ראָל די דייטשישע יידן. זייער ראָל איז ניט פאַרקלענערט געוואָרן אויך ווען עס איז געקומען דער שטראָם פון מזרח־

אייראָפּעיִשער יידישקייט. דאָס איז געווען כמעט תמיד דער ערשטער דור אי־מיגראַנטן יידן פון דייטשלאַנד. ניטאָ אָבער פון זיי קיין קענטיקע שפּורן אין יידישן לעבן. זיי האָבן זיך שוין „אויסגעיידישט". ניטאָ אין יידישן לעבן קענטיקע נעמען פון יענעם אָפּשטאַם. כמעט ווי זיי זיינען שוין פאַרגעסן.

און שפּעטער, עס האָט אַריינגעשטראָמט קיין אַמעריקע דער מעכטיקער שטראָם פון אימיגראַציע פון רוסלאַנד. דער שטראָם איז געגאַנגען איבערהויפּט פון קליינע שטעטלעך. דאַכט זיך שרעקלעך אָפּגעשטאַנען, אָן בילדונג, אָן שפּראַך, אָן קולטור. און וואָס אָט דער דור האָט אַלץ אויפגעטאָן! עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פאַר זיך און פאַר קינדער. כ'ווייס ניט צי אַ וואָסער עס איז אַנדער אימיגראַציע קאָן זיך פאַרגלייכן. יידן זיינען אַריינגעדרונגען אין אַלע געביטן געשאַפן גראַנדיעזע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס, גראַנדיעזע געזעלשאַפטלעכע און צדקה־אינסטיטוציעס. דער ערשטער דור האָט אָנגעהויבן מיט גאָר־ניט און דערפירט ביז מיליאָניקע ביודזשעטן! יידן האָבן דעם גרעסטן אָנטייל אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, ליטעראַטור און קולטור, און פּרעסע און — ועל כולם — צדקה! צווישןביידע וועלט־מלחמות האָט עס אַמעריקע דערהאַלטן ביים לעבן דאָס ייִנדטום פון מזרח־אייראָפּע... כמעט אַז יעדע לאַנדסמאַנשאַפט האָט געהאַט אייגענע גרויסע יידן מיט נעמען פון אויסגעצייכנטע יידן, יידן וואָס זיינען מיט עפּעס באַרימט געווען.

און דער צווייטער דור? — ווו איז ער? קיין נעמען באַרימטע זיינען ניטאָ, קיין אויפטוען — אויך ניט. געוויס מער ווי פיר מיליאָן יידן וואָס ענגליש איז זייער שפּראַך. קיינעם פאַלט ניט איין ארויסצוגעבן אַ יידישע טאָגצייטונג אין ענגליש: עס וואָלטן ניט געווען קיין לייענער. עס גייען יאָ אַרויס צייט־שריפטן, קאָסטן זיי אָפּ מי יודע וויפל. ניטאָ געגנוג יידישע פאַראינטערעסירט־קייט. פילמיליאָניקע טעמפּלען ווערן אַלץ ליידיקער.

דאָס איז דאָס בילד פון דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט — אין די פאַראייניקטע שטאַטן. יידיש לשון גייט טאַקע אונטער. אָבער מיט יידיש לשון גייט אונטער אויך יידישקייט בכלל אין קלענערע ישובים, אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך — איז די לאַגע נאָך ערגער. דער מצב פון יידיש לשון איז דער אינדיקאַטאָר פון יידישקייט בכלל.

דאַרף מען די יידן אין אַמעריקע איינטיילן אין צוויי גרויסע גרופּעס: יידן און „נעבעך־יידן". אויף וויפל איך קאָן אָפּשאַצן זיינען זיי דווקא די מער־הייט פון דעם צווייטן טיפּ. זייער גרעסטע מערהייט איז דעקולטיריזירט. ד"ה זיי פאַרמאָגן ניט אין זיך קיין שום קולטור, ניט קיין יידישע און ניט פון דעם הערשנדיקן לאַנדפאָלק. זיי קאָנען זיין געבילדעט ביז גאָר, געלערנט, אָבער ביל־

דונג איז ניט קולטור. מיר דוכט זיך אָפט אַז אַ שטעטלשער בעל מלאכה וואָס האָט ניט איבערגעלייענט קיין איין בוך, האָט דאָך פאַרמאָגט אין זיך, אין זיין דענקען, פילן און פירונג מער קולטור ווי אַ מאָדערנער יידישער דאָקטאָר. קאָן זיין אַז אין משך פון עטלעכע דורות וועלן זייערע קינדער, אייניקלעך ארײַנזאַפּן און אַסימילירן אין זיך קולטור פון לאַנדפאָלק, אָבער פאַרן יידישן פאָלק זיינען זיי פאַרלוירן לעולם ועד. אין יידישער צדקה נעמען זיי ניט קיין אָנטייל; יידישע קולטור — ניט פאַר זיי. קיין יידישע פרעסע אפילו אויף ענג־ליש — דאַרפן זיי ניט, יידישע פּראָבלעמען אינטערעסירן זיי ניט. אפילו פי־זישע סכנות פאַר יידן רירן זיי ניט אָן: „דאָס מיינט מען ניט זיי". בכלל זיינען זיי געזעלשאַפטלעך שרעקלעך פּאַסיוו, אינערט ביז גאָר. פאַר ניטיידן וועלן זיי בראַווירן אפילו מיט אַנטי־יידישע וויצן און ווערטלעך, זיי וועלן אונטערהאַלטן אַנטיסעמיטישע מיינונגען, אפילו גאַנצע ביכער פאַרעפנטלעכן אין דער ריכטונג. אַזוי זעט אויס די מערהייט פון יידישן פאָלק אין אַמעריקע אין צווייטן דור. כל זמן זיי זיינען יונג שפּאַרן זיי אָן אומעטום אין אַלע נייע און נייעסטע באַ־וועגונגען. כדי צו זיין צווישן „אַלגעמיינער" (לייען — ניטיידישער) געזעלשאַפט, מען טומלט העכער פון אַנדערע ווייל ניטאָ קיין טראַדיציעס, וואָס זאָלן איינ־האַלטן, אָפּהאַלטן פון טומלען. צווייטנס, באַמיט מען זיך צו ווערן באַקאַנט ווי ניטיידן, צווישן ניטיידן...

די ערשטע גרופּע — די ווילִיקע יידן זיינען צעטיילט אויף אַן אַ שיער גרו־פּעס און סוב־גרופּעס. מען מוז זיי באַהאַנדלען באַזונדער.

קודם כל די רעליגיע־יידן. זייער פילאָסאָפיע — יידן זיינען ניט קיין פאָלק נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע, צווישן דעם לאַנדפאָלק. די רעליגיע־יידן זיי־נען איינגעטיילט אויף אָרטאָדאָקסיע און רעפאָרמער פון אַלערליי מדרגות.

די אָרטאָדאָקסיע היט אַלע הלכות פון דער יידישער רעליגיע ווי זיי זיינען פיקסירט און פאַרשריבן אין שולחן ערוך. זי באַמיט זיך אין אורבאַניזם אָפּצו־היטן דעם יידישן שטייגער פון שטעטל. איר פעסטקייט, אויסגעהאַלטנקייט איז בפירוש אַ ברכה. קיין ספק ניט. זי היט אָפּ יידישן שטייגער. און דאָס איז איצט ווי אַלע מאָל דער יסוד פון יידישקייט.

די אָרטאָדאָקסיע האָט אָבער געוואַלטיקע חסרונות:

1. — איר פּאַטאָס און אימפּעט שטאַמען ניט פון פאָלקישן באַוווסטזיין און פון פאָלקישער געטרייקייט, נאָר פון רעליגיע־באַוווסטזיין, עס איז ניט אהבת ישראל, נאָר אהבת המקום. ווייט ניט אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש איז ליב און טייער, פאַרקערט. איז דאָס גאָר פּסול, מען איז עס מבטל. זיינען קינות לתשעה באב קודש, און יצחק קאַצענעלסאָנס נייע קינה איז גאָרניט. אַזוי פיל

פיוטים אין מחזור אָן אַ ברעקל זינען און געפיל. אָבער עס איז קודש. און „כתר מלכות״ איז ניטאָ. אַזוי אַ סך, אַ סך.

2. — די אָרטאָדאָקסיע איז ווי אַ פּאָליטישע פּאַרטיי מאַכטגיריק, דערפאַר קעמפנדיק, דערפאַר באַקעמפט זי, נעגירט זי אַלץ וואָס עס איז אין יידישן פאָלק געשאַפן ווערטפולס נאָך דעם ווי דער שולחן ערוך איז פיקסירט געוואָרן. דער־פאַר ווערט אפילו די רעליגיע אַליין פאַרגליווערט, אָפט אוממעגלעך אין די נייע אורבאַנישע סיטואַציעס. אויך פאַר דער אָרטאָדאָקסיע גילט דער כלל: נאָר די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע יידישקייט. דער גרעסטער חטא — וואָס די אָרטאָדאָקסיע האָט ניט פאַרהייליקט יידיש לשון.

3. — אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, האָט די אָרטאָדאָקסיע ניט אַנטוויקלט קיין פילאָסאָפיע פאַר איר יידישקייט אין דעם אורבאַניזם ווי דאָס האָט געטאָן ר׳ שמעון רפאל הירש אין דייטשלאַנד מיט אַ הונדערט און דרייסיק יאָר צוריק אין זיין קאַמף קעגן די רעפאָרמער אין זיין צייט אין דייטשלאַנד. ביסלעכוויז לאָזט אָפּ די אָרטאָדאָקסיע איר שטאַנדפּונקט, גיט נאָך טראָט נאָך טראָט די רע־פאָרמער. אויך זי קאָנצענטרירט זיך איבערהויפּט אויף דער סינאַגאָגאַלער צע־רעמאָניע. אפילו דער טיפסטער דענקער הרב קוק ז״ל האָט מער זיך פאַרנומען מיט טעאָרעטישע פילאָסאָפיע און ניט מיט הלכה פאַר אורבאַניזם.

4. — די אָרטאָדאָקסיע בכלל איז ניט קיין גאַנצער איינהייטלעכער כוח, נאָר צעשפּליטערט, צעקריגט צוליב מאַכטגיריקייט צווישן זיך. און אין דער מדינה רופט זי אַרויס מיט איר פּאָליטיקעריי אַ קעגנערישקייט צו זיך, וואָס ווערט כסדר שטאַרקער.

די אַלע חסרונות נעמען זיך פון דעם וואָס די אָרטאָדאָקסיע האָט ניט קיין אהבת ישראל. דערפאַר קאָן זי ניט און וויל ניט פאַרהייליקן די שאַפונגען פון יידישן פאָלק, דערפאַר איז זי ניט ביכולת צו פאַרהייליקן דאָס וועלטלעכע און שאַפן אַן אורבאַנישע הלכה. ווי דאָס האָט געטאָן בשעתו רבי יוחנן בן זכאי און אַנדערע פאַר אים און נאָך אים.

די רעפאָרמער פון אַלע מדרגות — זיי האַלטן לגמרי ניט פון יידישער פאָלקישקייט. יידן זיינען און דאַרפן זיין בלויז אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם לאַנדפאָלק. מער ניט מיט אַן אַנדער נוסח פון דער טעמפּל־צערעמאָניע. און אַט די טעמפּל־צערעמאָניע דאַרף זיין ווי ווייט מעגלעך אַ קאָפּיע פון דער שכני־שער קירך. אַלץ מחוץ די ווענט פון דער סינאַגאָגע (טעמפּל איז בעסער, נענטער צום גוייִשן נאָמען) דאַרפן יידן זיך מיט גאָרניט אָפּשיידן פון דעם לאַנדפאָלק. איך וואָלט געזאָגט אַז די רעפאָרמער אין אַמעריקע דינען ניט צו גאָט נאָר צום לאַנדפאָלק. איך זע אין דער רעפאָרם בלויז נאָכמאַכונג: זיי אַ טעמפּל — יידן

אויך אַ טעמפּל, זיי טעאָלאָגיע, האָט מען אויך אויסגעטראַכט אַ יידישע טעאָלאָגיע, וואָס איז ביי יידן קיין מאָל ניט געווען, ווייל דער צענטער פון דער יידישער רעליגיע איז געווען ניט גאָט, נאָר דאָס פאָלק. אין דער טראַדיציע האָט „גאָט״ באַצייכנט דאָס פאָלקישע, ביי די רעפאָרמער קומט גאָט אַנשטאָט דעם פאָלק. קריסטן האַלטן מיטן תנ״ך, דאַרפן אויך יידן אַרויסהייבן דעם תנ״ך העכער פון אַלע יידישע שאַפונגען; קריסטן האַלטן ניט פון תלמוד, דאַרפן אויך יידן זיך באַפרייען פון דעם. בקיצור — די רעפאָרם איז אַ גאָט־רעליגיע צוגעשניטן לויט אַ פרעמדן פאַסאָן, לויט דער גויִישער מאָדע און שטייגער כדי צו זיין ענלעך צו זיי. איך בין חושד אַז אפילו דער ציוניזם איז ביי זיי אויך „מייד ביי פרעמדע״. אויף אַזוי פיל, אויף וויפל אויך גויִים דערלויבן זיך צו זיין „פריינד פון ציון״, איבערהויפּט נאָך אַז מיט דעם קאָן מען קריגן „פּובליסיטי״. און אין אַמעריקע איז פּובליסיטי ווערט גאָר אַ סך געלט. די רעפאָרם־יידישקייט קאָן אַנרופן גרויסע נעמען. אין דייטשלאַנד מיט אַן אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק קאָן מען אפשר די רעפאָרם אַננעמען פאַר אַ היסטאָרישן טעות. אָבער אין אַמעריקע איצט האָט מען דאָך שוין געדאַרפט איינזען און באַנעמען דעם טעות ווי אַ טעות. קענטיק אַז מסתמא ליגט עס טיפער אין כאַראַקטער, אַז אין באַשטימטע סיטואַציעס קומט אַ דראַנג צו נאָכמאַכערישער רעפאָרם. איז די רעפאָרם־יידישקייט אַ קינד פון דעם גלות אין יידן. עס וואָלט געווען כדאי צו שטודירן דעם דראַנג צו רעפאָרם אין דער מדינת ישראל. ווי ווייט דיאַמעטראַל קעגנגעזעצט עס איז די רעפאָרם פון דער אָרטאָדאָקסיע, דאָך זיינען זיי ביידע צענטרירט אויף גאָט במקום פאָלק.

אָבער עס ווערט גאָר אומעטיק אויפן האַרצן ווען איך נעם טראַכטן וועגן אָט דער דריטער ריכטונג אין יידישקייט — וועגן דער פאָלקישער, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „וועלטלעכע״ און טרעט כסדר אַרויס אין נאָמען פון די „יידישע מאַסן״ (געמיינט — פאָלקישער מאַסיוו, ניט מאַסן). פון פאָלק פאַרן פאָלק. דווקא האָט די ריכטונג מער ווי אַלע אַנדערע געזינדיקט קעגן זיך אַליין. מען האָט אַ סך גערעדט וועגן די פאָלקישע מאַסן, אָבער אַרויסגעקוקט מיט אַ גלויבן האָט מען איבער די יידישע מאַסן צו אַנדערע, ניטיידישע מאַסן און געמיינט מיטצוגיין מיט יענע. האָט אָט די פאָלקישע ריכטונג געשאַפן אַ נאָמען פון אַ טעאָריע, פון דאָקטרינע, פון דאָזים, אָבער זי האָט ניט געגעבן קיין אינהאַלט, קיין טעאָרעטישע באַגרינדונג און דורכפירונג און פראַקטישן פלאַן ווי צו קומען צו אָט דעם דאָזים. האָט די ריכטונג ניט אַנטוויקלט קיין קלאָרע פאָלקישע אידעאָלאָגיע וועגן אַ יידישן, פאַרזיכיקן וועלט־פאָלק, וועגן דער צוקונפט פון אַזאַ וועלט־פאָלק, וועגן דעם אינהאַלט פון זיין קולטור, פון זיין יידישקייט פאַר זיך אין דער פרעמדער וועלט, וועגן דעם נאַציאָנאַלן באַהעפט פון דעם פאָלק איבער

לענדער און צווישן פאַרשיידענע פעלקער. חסידיזם בשעתו איז יאָ געווען אַ פאָלק־רעליגיע, וועלטלעכקייט וואָלט עס געדאַרפט זיין אַן ענלעכע פאָלק־אידעאָלאָגיע קעגן אַלע לייקענער פון פאָלקיזם. האָט עס די ריכטונג ניט געטאָן, ניט אויפגעטאָן.

דאָס איינציקע וואָס מען האָט יאָ געטאָן איז געווען אַ מין פּלאַטאָנישע ליבע צו יידיש־לשון. מען האָט אָבער אויך דאָ ניט פאַרמאָסטן זיך אויף אויפצו־בויען אַ גאַנצע פאָלקישע קולטור אויף יידיש, מען האָט זיך געוואָלט באַנוגע־נען מיט יידיש ווי אַ צוגאָב, ניט מער. פון דעם ריכטיקן געדאַנק אַז יידישקייט איז ניט בלויז רעליגיע, אַז אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן און שאַפט ווי אַ פאָלק — אַל דאָס דאַרף זיין יידישקייט, הייליק ווי די רעליגיע, — פון דעם פּרינציפּ האָט מען גאָר געמאַכט אַ נעגאַטיוון פּרינציפּ, אַז אַל דאָס רעליגיעזע איז פּסול פאַר אַ וועלטלעכן יידן. האָט אַזוי אַרום די וועלטלעכע יידישקייט זיך אַליין פאַרגעסן. האָט זיך די וועלטלעכע יידישקייט פאַרוואַנדלט אין עפּעס וואָס דערמאָנט די רעפאָרם. מער ניט וואָס יענע האָבן זיך פאַרקוקט אויף די העכערע קלאַסן פון לאַנדפאָלק און די וועלטלעכע האָבן זיך געוואָלט אָנשפּאַרן אויף די אונטערשטע שיכטן פון זעלביקן הערשנדיקן פאָלק. די וועלט־לעכע יידן האָבן נאָך דערצו ניט געשאַפן קיין שטייגער. נעגאַציע — אַ סך, פּאָ־זיטיוועס, פּראַקטיש — גאָרנישט. איז דאָס ביסל יידיש געבליבן תולה על בלימה.

איז דאָס אַ טראַגעדיע ניט פון די וועלטלעכע יידן, נאָר פון גאַנצן יידישן פאָלק: די וועלטלעכע יידישקייט האָט געדאַרפט אויפבויען די יידישקייט פון דער אורבאַנישער תקופה. זי האָט עס ניט געטאָן! עס איז אויך אַ מין רע־פאָרם, אָבער אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: די פאַראַנענע רעפאָרם אַנערקענט ניט קיין יידיש פאָלק: יידישקייט איז לויט דער אידעאָלאָגיע פון דער רע־פאָרם, נאָר אַ רעליגיע, אַ טייל פון לאַנדפאָלק וואָס האָט אַן אַנדער טעמפּל־צערעמאָניע. בעת וועלטלעכקייט שטרעבט צו בויען יידישקייט אין דער נייער תקופה אָן די עלעמענטן פון די פריערדיקע תקופות, פון פאָלקישן המשך. קיין שום פאָלק קאָן ניט לעבן נאָר מיט זיין פיקסירטער רעליגיע. קיין שום פאָלק קאָן ניט בלייבן ווי אַ פאָלק נאָר מיט זיין רעליגיע. פּאָליאַקן, פראַנצויזן, מעקסי־קאַנער קאָנען ניט זיין קיין פעלקער בלויז מיט דעם קאַטוילציזם אַזוי קאָנען יידן אויך ניט זיין קיין פאַרזיכיק פאָלק בלויז מיט דער יידישער רעליגיע, ווי זי איז פיקסירט אין אַלע רעליגיע־קאָדעקסן. די נאַציאָנאַלע קיום־עלעמענטן פון יידישן פאָלק, אַזוי ווי פון יעדן אַנדערן פאָלק, ליגן דווקא אין די וועלט־לעכע קאָלעקטיווע פירונגען און שאַפונגען. די רעליגיעזע סאַנקציע קומט אַלע מאָל שפּעטער.

ביי אַלע מדינה־פעלקער זיינען דאָס צעטיילט: דאָס רעליגיעזע היט דער

קלויסטער, דאָס וועלטלעכע היט די מדינה־מאַכט. ביי יידן אָבער אין דער לאַנ־גער גלות־טראַדיציע האָט די רעליגיע געהיט אויך דאָס וועלטלעכע. עס האָט געהערשט דער פּרינציפּ: גאָר די יידישקייט איז אונדזער רעליגיע. אַלע ספּעצי־פיש־יידישע פירונגען, אַנדערע ווי ביי די שכנישע פעלקער זיינען געווען הייליק...

היינט אָבער ווילן די רעליגיע־ריכטונגען אויך די אָרטאָדאָקסיע זיך באַ־נוגענען מיט דעם פאַרקערטן פּרינציפּ: נאָר די רעליגיע איז אונדזער גאָר די יידישקייט. די וועלטלעכע ריכטונג האָט געדאַרפט דעם בלויז אויספילן, און זי האָט עס ניט געטאָן. און דערוויל אָן וועלטלעכקייט, נאָר מיט דער רעליגיע אַליין זיינען די טענדענצן פון יידישן פאָלק אין די פרייע גלותן — צום אונ־טערגאַנג.

1. — אומעטום ווו עס ווערט אָפּגעשוואַכט די יידיש־וועלטלעכע קולטור, ווערט אויך אָפּגעשוואַכט דאָס יידישע פאָלק עטנאָגראַפיש: די ישובים ווערן עלטער, די צאָל געבורטן פאַרמינערט זיך. זיי דעקן ניט די פאַרלוסטן, געמישטע חתונות פאַרמערן זיך, די יוגנט פאַלט אָפּ, די פּראָצענטועלע פאַרהעלטעניש פון יידן צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג ווערט אַלץ קלענער, סאָציאַלע און קולטורעלע אַקטיווקייטן פון יידן באַזונדער הערן אויף.

2. — די באַוווסטזיניקע, ווילִיקע אידענטיפיקאַציע מיטן יידישן פאָלק ווערט כסדר קלענער. די עמאָציאָנעלע פאַרבינדונגען מיט דעם יידישן כלל ווערן כסדר נעגאַטיווער; חברישע פריינטשאַפט צווישן יידן ווערט אַלץ קנאַפער; קאָלעק־טיווע געזעלשאַפטלעכקייט — נאָך ווייניקער. ביז די רעליגיעזע פאַרבינדונג גייט אויך אויס.

3. — קיין יידישער ישוב אין קיין לאַנד אין דער וועלט איז ניט באַ־וואָרנט פון אַקטיוון אַנטיסעמיטיזם אין די גרויזאַמסטע פאָרמעס. וואָס שוואַכער עס איז די קאָלעקטיווע וועלטלעכע יידישקייט, אַלץ שטאַרקער ווערט די חוצפּה פון די שונאי ישראל. וואָס פּאַסיווער די יידן, אַלץ אַקטיווער — די אַנטיסעמיטן, אַלץ קלענער דער ווידערשטאַנד.

4. — דער אינטערעס צו דער יידישער מדינה ווערט אויך שוואַכער מיט יעדן דור. די השפּעה פון דער מדינה אויף דער יידישער יוגנט אין די גלותן דאַרף ניט איבערגעשאַצט ווערן. אַלע ניטיידישע באַוועגונגען ציען צו יידישע יוגנטלעכע אין ניט צו פאַרגלייכן גרעסערע סכומים. פאַרקערט, איז דער כוח פון דער מדינה אָפּהענגיק פון גלות אין אַלע הינזיכטן. מיט דער אָפּשוואַכונג פון וועלטלעכער יידישקייט אין די גלותן ווערט אויך די מדינה כסדר שוואַכער.

5 — מיט דעם פאַרוואָרפן יידיש לשון ווערט אָפּגעשניטן דער אינטימער

צובונד פון יחיד צו זיין דורותדיקן כלל, צו זיין פאָלק. קיין שום דערוואָרבענע שפּראַך קאָן ניט באַהעפטן דעם יחיד צו דעם פאָלק פון דער דערוואָרבענער שפּראַך. אָפּרייסן פון יידישן פאָלק — דאָס יאָ, אָבער באַהעפטן צום צווייטן פאָלק — דאָס קאָן זיין בלויז אין משך פון דורות. די דורות צווישן — אָן אַ פאָלק, ניט קיין יידן און ניט קיין גויִים. די נשמה פון אַ שפּראַך איז דער אָפּ־הילך פון פאָלקס נשמה. זי ליגט אָבער אַ סך טיפער פון די טייטשווערטער, וואָס מען קאָן אויסלערנען.

6. — אַלע האָפענונגען אַז עס וועט אויפקומען אַ נייע יידישקייט אויף ענגליש (אָדער שפּאַניש) זיינען פאַלשע און ליגנערישע: דאָס וואָלט געקאָנט געשען נאָר ווען יידן וואָלטן אויף די שפּראַכן געפּירט אַ באַזונדער פאַרזיכיק לעבן. וואָלטן זיי געקאָנט פאַריידישן אויך די שפּראַך, איר אַקצענט, איר גראַ־מאַטיק, איר אלף בית. אָן דעם איז — יידיש לשון פאַרלוירן — פאַרלוירן יידיש פאָלק.

7. — מען לייגט אַ סך האָפענונגען אויף דער דערציִונג אין די שולן. אָבער אויך דאָס איז ניט באַגרינדעט. יידישקייט קאָן מען ניט אויסלערנען. מען מוז זיך אַריינלעבן אין יידישקייט כדי צו זיין אַ ייד. אַז איך לערן אויס די וויסנשאַפט וועגן טויבן בעסער ווי אַלע טויבן אויף דער גאַנצער וועלט צוזאַ־מען, בין איך נאָך אַלץ ניט קיין טויב. כדי זיך אַריינצולעבן אין יידישקייט דאַרף זיין אַ יידישע סביבה, אַ יידישער שטייגער, יידיש לשון, יידישע וואָ־כעדיקייט און יום טובדיקייט, יידישע קולטור אין פּראַקטישן לעבן. ערשט צו דעם דאַרף קומען די שול. אַ ייד אָן יידיש וויסן איז אַ יידישער עם הארץ, אָן אַריינגעלעבטן שטייגער איז מען בכלל ניט קיין ייד אפילו אויב מען ווייס גאָר די תורה.

אַזוי אַרום איז דאָס אויפהיטן און פירן די יידיש־וועלטלעכע קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט די אויפגאַב ניט פון די אַזוי גערופענע וועלטלעכע יידן, נאָר פון אַלע נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע יידן צי פרומע אָדער ניט קיין פרומע, צי ציוניסטן אָדער בונדיסטן — אַלע, אַלע וואָס זיינען געטריי דעם קיום פון יידישן פאָלק מוזן זיך פאַרנעמען מיט וועלטלעכער קולטור. אַלע יידן וואָס בלייבן אין יידישער פאָלקישקייט זיינען מחויב צו יידישער וועלטלעכער קול־טור און געזעלשאַפטלעכקייט. ביי היינטיקן טאָג איז וועלטלעכע יידישקייט וויכטיקער ווייל זי גיט פאָלק־גלויבן, בעת דאָס רעליגיעזע גיט גאָט־גלויבן. און דער יידישער גאָט האָט אַליין געבעטן ביי די יידן: „מיך קאָנט איר לאָזן צו רו, איר פאַרנעמט זיך בעסער מיט יידישקייט (הלוואי אותי עזבו ואת תור־רתי שמרו). דערפאַר האָט אַ צווייטע קלוגע גמרא, זייער טיפזיניק געזאָגט אַז

דער גאַנצער בונד פון ייִדישקייט איז נאָר דורך דער ניט־פיקסירטער ייִדיש־קייט. וועלטלעכע ייִדישקייט איז אֱמונת ישראל. דער גלויבן אין ייִדישער פאָל־קישקייט, אין ייִדישן פאָלק. אָן ייִדישער וועלטלעכקייט איז ניטאָ בכלל צוליב וואָס מען דאַרף אויך אַ באַזונדערע פאַרזיכיקע מדינה, פאַר די רעליגיע קאָן מען זייער גוט אויסקומען אָן מדינות. סאַטמאַר און סקווער און אפילו חב״ד דאַרפן ניט קיין מדינה. ייִדישקייט איז אַלע מאָל געווען אַ פאָלק־רעליגיע. קריסטנטום איז אַ גאָט־רעליגיע, רעפאָרם־ייִדישקייט וויל זײַן אַ גאָט־רעליגיע, סעקטעס פון אַמעריקאַנער פאָלק, פון מעקסיקאַנער וכדומה. אַ ייִדיש פאָלק קאָן זײַן נאָר מיט וועלטלעכער פאָלקישער קולטור צוגלייך מיט דער רעליגיע־זער. דער וואָס האַלט ניט פון וועלטלעכער ייִדישקייט, האַלט ניט פון ייִדישער פאָלקישקייט, איז ניט קיין נאַציאָנאַלער ייִד. איך ריר דאָ ניט אָן דעם גאַנצן חורבן פון נשמה ביי די ייִדן אָן ייִדיש לשון און אָן ייִדישער קולטור. דאָס איז די פּראָבלעם פון עגאָפּאָביע, פון שנאת ישראל ביי ייִדן גופא, די פּראָבלעם פון דעקולטוריזאַציע, פון א לעבן אין גאַנצן אָן קולטור. וואָס פרייער אַ גלות איז, אַלץ מער אָנשטרענגונג דאַרף געלייגט ווערן אויף אויפצוהאַלטן און פאַר־שפּרייטן ייִדישע וועלטלעכע קולטור. די עקזיסטענץ פון פאָלק און דאָס גייס־טיקע געזונט פון ייִדן אין דער גאָרער וועלט איז אָפּהענגיק פון דעם. אָן דער ייִדישער וועלטלעכער קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט איז מער ניטאָ קיין ייִדיש פאָלק ווי — אַ פאָלק. עס איז די אויפגאַב פון אַלע נאַציאָנאַל־באַוווסט־זיניקע ייִדן צו דערהייבן די באַציִונג צו דער ייִדישער וועלטלעכקייט ביז צו דער מדרגה פון רעליגיע. אַ ייִד מוז גלייבן אין דער וועלטלעכער ייִדישקייט ניט ווייניקער ווי אַ פרומער ייִד גלייבט אין דער רעליגיעזער. בכלל מוז אויפ־הערן די פאַרטיילונג פון ייִדישקייט אויף רעליגיעזער און וועלטלעכער. דאָס איז פון גאָט געגעבן און דאָס — ניט. פאַר דעם וועט גאָט באַצאָלן אויף יענער וועלט און פאַר דעם, פאַרקערט, (אַ רב האָט מיר ניט אַנדערש געוואָלט באַ־ווייזן אַז ביאַליק איז „ספר שכתבו מין״). עס מוז דערפירט ווערן, אַז אַלץ וואָס עס איז דאָ אין ייִדישן לעבן און אין ייִדישע שאַפונגען ספּעציפיש ייִדישע, אַנדערש, פאַרזיכיק, דורותדיק אָנגענומען — אין דעם אַלעם ליגט ייִדישער גייסט און די פאָלקישע נשמה, און דערפאַר איז עס טייער, הייליק. ביי וועמען הייליקייט קומט פון גאָט, ביי ייִדן איז הייליקייט פון פאָלק.

אוודאי איז אין אורבאַנישער געזעלשאַפט שווערער אָפּצוהיטן ייִדישע פאַרזיכיקייט, ניט אין פאַרגלייך שווערער ווי אין שטעטל, אָבער טאַקע דער־פאַר איז עס דער חוב פון יעדן נאַציאָנאַלן ייִדן אָפּצוהיטן וועלטלעכע ייִדיש־קייט ניט ווייניקער ווי רעליגיעזע. אפילו אַ ייִדישער מנהג ווי צו פאַרבינדן אַ שוך מוז אָפּגעהיט ווערן ווי די גרעסטע מצווה (אַ גמרא) אָט דער איינהייט־

לעכער צוגאַנג צו אַלע עלעמענטן פון יידישקייט מוז ווערן דער יסוד פון יעדער נאַציאָנאַלער יידישער אידעאָלאָגיע. דאָס איז דער פונדאַמענט פאַרן קיום פון יידישן פאָלק אין דער וועלט, און דעם איז אויך דער קיום פון דער מדינה — גאָט ווייס.

אַזוי אַרום קומען מיר צו אַן אַלגעמיינעם אויספיר: וועלטלעכקייט, וועלט־לעכע יידישקייט איז ניט איין טייל פון יידישקייט, וועלטלעכע יידן זיינען ניט קיין סעקטע, קיין באַזונדערער טייל פון יידישן פאָלק, וועלטלעכע יידישקייט זאָגט זיך ניט אָפּ פון קיין שום עלעמענטן פון היסטאָרישער יידישקייט און איז ניט מבטל קיין עלעמענטן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויפגעהיט ביז אונדז.

וועלטלעכקייט איז נאָר אַ נייע פילאָסאָפיע אין באַנעמען יידישקייט, אַ נאַציאָנאַלע טעאָריע וועגן דער אַנטוויקלונג, וועגן דעם מהות און וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק אין זיין גאַנצקייט:

1. — דאָס יידישע פאָלק איז איין קאָלעקטיוו, אָרגאַניש איינהייטלעך לויט זיין אַנטוויקלונג, לויט זיין גורל און לויט אינהאַלט און צוקונפט; אַלע יידן אין דער וועלט זיינען איין פאָלק ניט געקוקט אויף דער געוואַלטיקער צעשפּרייט־קייט איבער לענדער, שפּראַכן און קולטורן.

2. — אַלע קולטור־עלעמענטן, אַלע שאַפונגען, זיטן, פירונגען, פאָלקלאָר, שריפטן, אַלץ אין וואָס דער יידישער שעפערישער גייסט האָט זיך אַנטפּלעקט און אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן, אַלץ איז אָרגאַניש יידיש, און דער גאַנצער פאָלקישער אָרגאַניזם קאָן זיין געזונט, קאָן וואַקסן און אַנטוויקלען זיך מיט דעם געזונט און לעבעדיקייט פון אַלע טיילן אין דער אָרגאַנישער גאַנצקייט.

3. — וועלטלעכע יידישקייט איז ניט אַנטירעליגיעז און זי טרעט ניט אַרויס קעגן קיין שום היסטאָרישע עלעמענטן, וואָס זיינען רעליגיעז פאַרהייליקט גע־וואָרן. זי נעמט זיי אויף ניט ווי געבאָטן פון גאָט, נאָר ווי אָרגאַנישע, פאָלקישע שאַפונגען. אַלץ וואָס איז פולווערטיק אין יידישן לעבן, וואָס איז טייער דעם יידישן פאָלק און זיין קיום — אַל דאָס איז און דאַרף זיין דער אינהאַלט פון דער יידישער רעליגיע. אויך די גאַנצע יידישע רעליגיע איז אַ שאַפונג פון יידישן פאָלק, איז אַ קולטור־היסטאָרישער וועלט־באַנעם פון דעם פאָלקס אַנט־וויקלונג און פון זיין גייסטיקן אינהאַלט.

4. — דאָס אַלץ וואָס דער רעליגיעזער וועלט־באַנעם שרייבט צו צו גאָט, שרייבט דער וועלטלעכער וועלט־באַנעם צו צום פאָלק. דער יידישער גאָט איז אויך סינאָנים פון יידישן פאָלק. נאָך מער איז דווקא אָט די וועלטלעכע היס־טאָריאָסאָפיע אין פולן הסכם מיט דעם פאַרצייטיקן „קודשא בריך הוא וישראל ואורייתא — חד".

5. — אַזוי אַרום קומען מיר צו דער מאָניסטישער, אָרגאַניש־גאַנצער אינטעגראַלער ייִדישקייט. וועלטלעכע ייִדישקייט ווי אַ באַזונדערער, פאַרזיכיקער אינהאַלט איז באַנקראָט. וועלטלעכע פילאָסאָפיע פון דער גאַנצער ייִדישער קול־טור און איר אַנטוויקלונג — דאָס איז דער גלויבן פון מאָדערנער ייִדישקייט, וואָס פאַרהייליקט און פאַרגעטערט דאָס ייִדישע פאָלק אין זיין שעפערישער אינטעגראַלער קולטור־אַנטוויקלונג. דאָס איז די אמונה אין פאָלק ישראל, די אמונת ישראל; זי זוכט ניט קיין מיסטישן, סובסטאַנציעלן גאָט ערגעץ ווו און ערגעץ ווי, אַזאַ גאָט איז אַלע מאָל געווען און איז און וועט זיין אַ געץ, אין גייסט פון אַנדערע פעלקער וואָס זיינען געבליבן געצנדינעריש ביז איצט, ווי זיי זיינען געווען פאַרצייטן. דער באַגריף פון גאָט איז גאָר פרעמד דעם ייִדישן גייסט פון קדמונים אָן.

6. — די אמונת ישראל פון אינטעגראַלער ייִדישקייט קערט זיך אום צו דער אָריגינעל־ייִדישער אידענטיפיקאַציע פון גאָט און פאָלק, צו דער אידענ־טיפיקאַציע פון טייער האַלטן און פאַרגעטלעכן אַלע אָרגאַניש־פאָלקישע שאַ־פונגען אין ייִדישקייט. אָרגאַניש־פאָלקישע מיינט — ניט נאָכגעמאַכטע, ניט קאָפּירטע פון אַנדערע.

7. — אָט די פאַרהייליקונג, די רעליגיעזע פאַרגעטלעכונג פון דער שע־פערישער ייִדישקייט, זי איז קאַטעגאָריש נויטיק אין איצטיקן אורבאַנישן לעבן. זי איז איצט דער פאַנצער פון ייִדישן קיום היינט. ווידער אַמאָל ווי דאָס האָבן פאַרשטאַנען די פאַרצייטיקע אונדזערע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אין צייטן פון סכנה פאַרן קיום פון פאָלק, דאַרף מען פאַרהייליקן יעדן ייִדישן שטייגער־מנהג, אפילו אַ שוך־בענדל פאַרבינדן. אַזוי קומען מיר פון וועלטלעכער צו אינטעגראַלער ייִדישקייט.

דאַרף מען אָבער ניט פאַרשטיין דעם באַגריף אינטעגראַלע ייִדישקייט ריין מעכאַניש ווי אַ פּשוטע סומע פון אַלע אינהאַלטן און פאָרמען וואָס זיינען געווען ביי ייִדן ביז אונדז, עס איז אַ מענטש צו זיבעציק ניט קיין סכום פון אַלע דורכגעלעבטע עלטערס זיינע, עס איז אַן אָרגאַנישער פּראָדוקט. אַזוי אויך מיט אַ פאָלק: דאָס ייִדישע פאָלק היינט איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער אַנטוויק־לונג אין משך פון טויזנטער יאָרן און פון פאַרשיידענע תקופות. מען קאָן ניט פאָרמולירן דעם אינהאַלט פון אַ לעבעדיקן מענטשן, מען קאָן אויך ניט געבן דעם סכום פון אַ לעבעדיק פאָלק. דאָך קאָן מען אָנמערקן סימנים פון לעבן. וועלן מיר פּרובירן דאָס טאָן דאָ:

1. — אַ פאָלק לעבט ניט מיט אַלע זיינע ביבליאָטעקן פון געדרוקטע בי־כער, מיט זיינע גרעסטע אוצרות קונסטן פון אַלע סאָרטן און געביטן. דער

גרעסטער גביר שטאַרבט אָרעם. דאָס רייכסטע פאָלק, דאָס קולטורעלסטע לעבט ניט אין זכות פון זיין קולטור, וואָס איז שוין פאַרמולירט און פאַרקערפּערט אין שריפט און אין קונסטן.

דאָס לעבן פון אַ פאָלק ליגט אין זיין קולטור וואָס בעל פּה, אין די אייגנ־טימלעכקייטן, אין לעבן און שטייגער וואָס זיינען נאָך אים פאַרמולירט און ניט פאַרשריבן.

פּרעכטיק זאָגט אַ גמרא: די תורה איז ווי וואַסער, די משנה — ווי וויין, די גמרא — איז ווי געצוקערטער וויין. די גמרא איז אין יענע צייטן געווען נאָר בעל פּה. היינט זאָגן מיר: דער תנ״ך איז ווי וואַסער, דער תלמוד איז ווי וויין און אונדזערע הייניקע, מאָדערנע קולטור איז ווי געצוקערטער וויין. אַ קלוגע און טיף דורכגעטראַכטע אידעע ליגט אין אַ צווייטן קורצן מאמר פון גמרא, אַז דער גאַנצער בונד פון גאָט מיט זיין פאָלק איז נאָר צוליב דער ייִדיש־קייט וואָס בעל פּה. דאָס פאַרשריבענע, דאָס פאַרמולירטע איז שוין אַ רשות הרבים, אַלע קאָנען דאָס האָבן, איז דאָס מער ניט אייגנטימלעך פאַר ייִדן אַליין. בלויז טאַקע דאָס אומפאַרמולירטע, דאָס וואָס עס איז בעל פּה — אין דעם ליגט דאָס אייגנטימלעך־ייִדישע און נאָר דאָס טיילט אָפּ דאָס ייִדישע פאָלק פון אַנדערע פעלקער. דאָס איז די באַזונדערע פעיִקייט פון די חכמי התלמוד צו קאָנען אַרויסזאָגן טיפע און ברייטע געדאַנקען אַזוי קורץ. און דערפאַר טאָר מען ניט פאַרשרייבן וואָס בעל פּה, ווייל מיט דעם פאַרשרייבן ווערט עס שוין פיקסירט, און ייִדישקייט דאַרף ניט בלייבן פיקסירט, זי דאַרף בלייבן אויף אַלע מאָל „פּושט צורה ולבוש צורה״.

2. — אין יעדן דור, אין יעדער תקופה איז אַ פאָלק נאָר דורך זיין בעל פּה־קולטור־שפּראַך, זיטן, פירונגען, טראַדיציעס, שטייגער וכו׳. אָבער דאָ קאָנען זיין פאַרשיידענע זייטיקע השפּעות, פרעמדע, אַנגעטראָגענע, ווו איז די קריטערי אָפּצושיידן אייגנס פון פרעמדס? אָרגאַנישעס פון דער זייטיקער איז דער סימן: מן התורה מניין, דער טייטש: פון וואַנען שטאַמט עס? צי איז עס פון דעם געווען כאָטש אַ רמז אין דער פריערדיקער תקופה? דאָס היינטיקע מוז שטאַמען פון דעם פריערדיקן. דאָס לעבן פון בוים איז טאַקע אין זיינע יונגע צאַרטע ריי־נע צווייגלעך, אָבער זיי מוזן אַנוואַקסן אויף די אַלטע, פון די אַלטע וואָרצלען.

3. — אינטעגראַלע ייִדישקייט נעמט אָן אַלע עלעמענטן פון ייִדישקייט מיט איר היינטיקן פירוש, לויט די היינטיקע באַגריפן. גיטאַ אָבער קיין סתם אָפּ־וואַרפן: מיר האַלטן ניט פון דעם.

4. — אינטעגראַלע ייִדישקייט טיילט ניט פאַנאַנדער — רעליגיעזע ייִדיש־קייט באַזונדער און וועלטלעכע ווידער באַזונדער. חלילה! גאָר די ייִדישקייט

פון אַלע תקופות איז גלייך חשוב און הייליק. דער אונטערשייד איז אין עלטער. באַמיט זיך אינטעגראַלע יידישקייט צו פאַרהייליקן דאָס וועלטלעכע און אויך אַזוי צו פאַרוועלטלעכן דאָס רעליגיעזע.

און דער אַלגעמיינער אויספיר פון אַלע אויספירן איז: אין דער פּסיכיק פון יידן בכלל פעלט איין וויכטיקער עלעמענט. עס פעלט די פאָלקס-געטרייקייט. אַלע יידישע ריכטונגען זיינען געטריי צו באַזונדערע עלעמענטן פון יידישקייט, אָבער ניט צום יידישן פאָלק בכלל, צום גאַנצן יידישן פאָלק ווי אַזאַ, ווייל אַלע זיינען מיר יידן, ווייל אַלע ריכטונגען און גרופּעס — אַלע, אַלע צוזאַמען געהערן מיר צו איין גאַנצן, איינהייטלעכן פאָלק, וואָס איז איינס, אחד איבער אַלע סעקטאָרן און ריכטונגען, און גרופּעס.

איך גלייב, אַז ווען מיר יידן זאָלן יאָ האָבן אַזאַ געפיל פון פאָלק-געטריי־קייט, וואָלט אונדזער גאַנצע געשיכטע געגאַנגען אַנדערש, אויף אַנדערע וועגן. דאָס איז דער זינען פון אינטעגראַלער יידישקייט, פון דעם אַלפאַלקישן באַוווסט־זיין. נאָך ווייט צו דעם, אָבער מיר מוזן קומען צו דעם. יידן האָבן ווי אַ פאָלק איין געמיינזאַמען גורל. יידן ווי אַ פאָלק דאַרפן אַליין צוזאַמען בויען זייער פאָל־קישע צוקונפט. ניטאָ קיין צוקונפט פון באַזונדערע יידן כל זמן עס וועט ניט זיין געבויט קיין אַלפאַלקישע יידישע צוקונפט. אָן אַזאַ אינטעגראַל-פאָלקישן, אַלפאַלקישן באַוווסטזיין קאָן מען ניט בויען קיין פאָלקישע צוקונפט.

# דער יידישער גאָט
# איז מקבל תורה פון יידישן פאָלק

איז די תורה (אָדער יידישקייט) געגעבן געוואָרן פון הימל, פון אַ הימלשן גאָט, און אין איר שאַפונג האָט דאָס יידישע פאָלק ניט קיין אַקטיוון חלק? איז אַראָפּ גאָט פון הימל אויפן באַרג סיני און דאָרטן געגעבן די פאַרטיקע תורה?

זאָגן וועלטלעכע יידן: מיר גלייבן ניט אין ניסים. דערפאַר זיינען מיר פּטור, מיר גלייבן ניט אין קיין הימלשן גאָט און — אַ פּשיטא שוין אין אַ הימלשער תורה. זיינען מיר יידן אָן דער תורה.

פרעגט זיך אָבער: ערשטנס, צי קען מען זיין אַ ייד און אָפּלייקענען אין גאַנצן די תורה? צי קאָנען ניט און צי דאַרפן ניט וועלטלעכע יידן געפינען ראַציאָ־נעלע דערקלערונגען און אויסטייטשונגען פאַרן באַגריף גאָט? צי איז וועלט־לעכקייט אַ טעאָריע פון אָפּוואַרפן, אָדער וועלטלעכקייט איז אַ פילאָסאָפיע ווי אויפצונעמען און איבערנעמען די גאַנצע קולטור־ירושה מיט אַן אַנדער, מיט וועלטלעכן פּירוש, אָן ניסים און אָן איבערנאַטירלעכקייטן?

זאָל דאָס זיין די אויפגאַבע פון אָט דעם עסיי צו ענטפערן אויף דער פראַגע. דאָס לעבן פון יידישן פאָלק איז ניט קיין גראַדע ליניע, וואָס ציט זיך פון אַברהם אבינו און ביז אין דער אייביקייט. עס בייטן זיך תקופות און אין יעדער תקופה פירט אַן אַנדער ישוב די געשיכטע (דובנאָוו רופט עס אַן העגעמאָניע). פאַראַן ביימער וואָס זייער שטאַם איז איינער און דער זעלביקער פון אונטן ביז אויבן (מאָנאָפּאָדיאַלע רופט מען זיי) און פאַראַן סימפּאָדיאַלע ביימער, וואָס אַ צווייג פאַרנעמט דאָס אָרט פון הויפּט־שטאַם. דאָס יידישע פאָלק איז אַזוי צו זאָגן — סימפּאָדיאַל. אין יעדער תקופה זיינען פאַראַן איין אַקטיוו־לעבעדיקער צווייג־שבט, און עטלעכע פּאַסיווע, אומשעפערישע ישובים.

אין יעדער לעבעדיק־אַקטיוון ישוב זיינען פאַראַן צוויי ריכטונגען: צענטראַ־פּעטאַלע און צענטראָפוגאַלע. די צענטראַפּעטאַלע באַמיען זיך צו היטן און צו פירן ווייטער די שטייגער־טראַדיציעס פון דער פריערדיקער תקופה, פון די פריערדיקע דורות. דאָס ווערט געטאָן ניט טראַכטנדיק, ווי פון זיך. אָט אַזוי ווי איטלעך געוויקס היט אָפּ די פאָרעם פון זיינע בלעטער און בלומען, דעם כעמישן באַשטאַנד פון זיינע זאַפטן און דעם לוח פון זיינע לעבן־פּראָצעסן. אַזוי לעבט אין יעדן פאָלק

זיין פֿאָלקישער מאָסיוו, די שיכטן פֿון פֿאָלק „וואָס קיין תורה האָבן זיי ניט, אָבער מעשים האָבן זיי" (רמב"ם). דער מאָסיוו זוכט ניט דעם שכל פֿון די זאַכן, די צילן און דעם זינען. אַזוי האָבן זיך געפֿירט די עלטערן און אַזוי ווילן מיר לעבן. דאָ איז די יידישקייט אָן אָרגאַנישע, ווי ביי אַלע באַשעפֿענישן.

די צענטראַפֿוגאַלע ריכטונג ביי יידן זוכט צו אַנטלויפֿן פֿון טראַדיציעס, זי באַמיט זיך נאָכצומאַכן אַנדערע קולטורן פֿון אַנדערע פֿעלקער. יעדע ריכטונג האָט איר אינטעליגענץ. די צענטראַפּעטאַלע אינטעליגענץ שעפּט פֿון פֿאָלקס־לעבן און שטייגער און זי פֿורעמט פֿון דעם אירע „קולטור־ווערטן" — וויסנס און קונסטן. די צענטראַפֿוגאַלע אינטעליגענץ באַמיט זיך צו נעמען קולטור־ווערטן פֿון פֿרעמדע פֿעלקער און דאָס איינפֿלאַנצן ביי יידן. אַזוי צענטראַפֿוגאַל איז געווען די השכלה. דאָס פּשוטע לעבן, דער שטייגער פֿון פֿאָלקישן מאָסיוו רופֿט זיך ביי יידן פֿון קדמונים „תורה שבעל פּה". די אויסגעפֿורעמטע, פֿאָרמולירטע קולטור־שאַפֿונגען געשעפּטע פֿון תורה שבעל פּה, פֿון פֿאָלקישן שטייגער, דאָס שוין גע־שאַפֿענע — דאָס איז די „תורה שבכתב". די בעל פּה קולטור קאָן איבערגעגעבן ווערן נאָר דורכן שטייגער. די בכתב־קולטור קאָן מען לערנען, שטודירן. פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק איז די בעל־פּה וויכטיקער.

צו וואָסערער פֿון די צוויי ריכטונגען — צו דער צענטראַפּעטאַלער אָדער צענטראַפֿוגאַלער, געהערט און דאַרף געהערן די וועלטלעכע יידישקייט ? איז זי צענטראַפֿוגאַל, אָדער צענטראַפּעטאַל ? דער סימן — האַלט זי פֿון דער בעל־פּה־יידישקייט פֿון דער איצטיקער תקופֿה אָדער ניט. פֿון די פֿריערדיקע תקופֿות זיינען פֿאַרבליבן נאָר בכתב־שאַפֿונגען זיי קאָנען אַלע טייער האַלטן, הייליק האַלטן, לערנען און לייענען און ניט זיין קיין יידן. אַ ייד איז בלויז דער וואָס האַלט און וואָס לעבט מיט דער יידישקייט וואָס בעל פּה פֿון דער איצטיקער תקופֿה. די ריכטונ־גען וואָס האָבן זיך געהאַלטן נאָר מיט דער קולטור שבכתב, זיי זיינען אַרויסגעפֿאַלן פֿון יידישן פֿאָלק. די סאָציאַלע שיכטן וואָס באַנוגענען זיך מיט דער יידישקייט וואָס בכתב נאָר, מיט דער פֿאַרשריבענער תורה, די זיינען ניטאָ מער אין יידישן פֿאָלק. אויך ביי רוסן איז די נאַציאָנאַלע קולטור אייגנעהיט געוואָרן דורך דעם פֿאָלקישן מאָסיוו און ניט דורך די פּריצים. די וואָס האַלטן פֿון יידישקייט וואָס בעל פּה, פֿון דער יידישקייט וואָס אין שטייגער, פֿאַרלירן ניט, חלילה, פֿאַרוואַרפֿן ניט די תורה וואָס בכתב. אויף וויפֿל זי איז אָרגאַניש פֿאַרדייט אין שטייגער, אין בעל פּה. האָבן טאָקע לומדים געדענקט אַ פּסוק פֿון גמרא אַרויס, ניט פֿון מקור, אָבער דווקא זיי האָבן איינגעהיט יידישקייט. ניט די היטער פֿון תורה שבכתב אַליין.

די חז"ל זיינען זיכער געווען רעפֿאָרמער. די ריכטונג פֿון זייער רעפֿאָרם איז אָבער געווען אַ פֿאָלקיסטישע. אַראַמישע ספֿרים אַריינגענומען אין תנ"ך, די היי־ליקסטע תפֿילות געשאַפֿן אין פֿאָלקס־לשון, דער גאַנצער תלמוד. די פּרושים אין

זייער צייט זיינען אפשר גאָר געווען פאַררעכנט פאַר רעפאָרמער. קאָן זיין, אַז פון דאַנען שטאַמט דער נאָמען פרושים. קאָן זיין אַז זייערע קעגנער — די צדוקים האָבן זיך אַליין געהאַלטן פאַר צדיקים (רנ״ק). מיר ווייסן עס ניט ווייל עס זיינען ניט געבליבן ביי דעם פאָלק קיין ספרים פון די צדוקים, הגם אין זייער צייט זיינען אַזוינע ספרים יאָ געווען, צוזאַמען מיט די צדוקים זיינען זייערע ספרים אויך פאַר־געסן געוואָרן.

בלייבט אונדז פאָרט די אַלטע פראַגע: ווהין גייט די וועלטלעכע יידישקייט? איז זי צענטראַפעטאַל אָדער צענטראַפוגאַל? איז זי פאָלקיסטיש? באַמיט זי זיך צו פאַרהייליקן דאָס פאָלקישע, ניט בלויז די שפּראַך, נייערט אויך דעם שטייגער, אָדער די וועלטלעכע יידישקייט פאַרקוקט זיך אויך אויף פרעמדע ווייגערטנער? גייט די וועלטלעכע יידישקייט אין די וועגן פון די פרושים און בויט אַ יידישקייט פון פאָלקישע פירונגען — אַ הלכה אַ פאָלקישע, אָדער זי גייט אויך אויף פרעמדע וועגן? אין דער תנ״ך־תקופה האָבן די נביאים געשטורעמט קעגן דעם דינען „אלו־הים אחרים״ — אַנדערע געטער; און די חז״ל אין זייער צייט האָבן געוואָרנט פון „עבודה זרה״ — פרעמדע פירונגען, פרעמדע, ניט יידישע עלעמענטן אין שטייגער. און ווי איז איצט?

די געשיכטע פון יידישן פאָלק איז איצט אַריין אין אַ נייער תקופה. ביז איצט האָבן יידן געלעבט ווי אַ באַזונדער פאַרזיכיקער סאָציאַלער קלאַס, אָפּגעזונדערט פון ניט־יידן. פריצישע הייפן, פויערישע דערפער און יידישע שטעטלעך. איז געווען איין יידישקייט. איצט אין דער אורבאַנישער תקופה זיינען יידן מער ניט קיין פאַרזיכיקער קלאַס. קאָנען יידן אין דער וועלט יאָ פירן אַן אייגענעם פאַרזיכיקן שטייגער אָדער דאָס יידישע פאָלק גיסט זיך אַריין אין דעם איינקלאַסיקן לאַנד־פאָלק און בלייבט נאָר מיט אַ פיקסירטער טעמפּל־צערעמאָניע ווי אַ רעליגיע, מיט אַ יידישקייט שבכתב, וואָס ווערט געלערנט. אָבער יידישקייט איז ביז איצט געווען ניט בלויז אַ טעמפּל־רעליגיע, נייערט אַ שטייגער (הלכה). איצט זאָל יידישקייט בלייבן נאָר אַ רעליגיע? ביז איצט איז דער עצם גלות געווען אַ ציבור־דיקער. דער כלל יידן איז געווען אין גלות, אָבער יעדער ייד באַזונדער האָט געלעבט נאָר צווישן יידן, מיט יידן, נאָר אין אַ יידישן קאָלעקטיוו. הייַנט איז דער גלות אַ יחידישער: יעדער ייד באַזונדער איז אין גלות, יעדער ייד לעבט אין אַ פרעמדער וועלט.

וואָס־זשע איז דאָ די ראָל פון דער יידיש־וועלטלעכער ריכטונג אין יידישן לעבן? מיר קאָנען געפינען באַשטימטע אַנאַלאָגיעס צווישן די הייַנטיקע ריכטונגען מיט די פאַרצייטיקע. אַלע זיי האַלטן זיך ביי יידישקייט שבכתב, ביי דער יידיש־קייט וואָס איז פיקסירט פון פריער. די אָרטאָדאָקסיע האָט יאָ אַ שטייגער, אָבער זי

וואַרפט אָפּ אַלץ וואָס איז ניט פיקסירט אין שולחן ערוך. די אַנדערע ריכטונגען וואַרפן אין גאַנצן אָפּ יעדער שטייגער־יידישקייט. יידישקייט איז פאַר זיי בלויז אַ סינאַגאָגאַלע רעליגיע, אַ גאָטעסדינסט־צערעמאָניע. וואָס האָט געטאָן די יידיש־וועלטלעכע ריכטונג? זי האָט פון דעם גאַנצן סכום וועלטלעכער יידישקייט גע־נומען בלויז די שפּראַך יידיש און געמיינט אַז מען קאָן איינהיטן די שפּראַך אָן דעם פאַרזיכיקן שטייגער. האָט זי אָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן שטייגער צוזאַמען מיט דער סינאַגאָגאַלער רעליגיע. יידיש לשון איז אָבער פאַרבונדן מיט שטייגער. אָן שטייגער גייט אויך דאָס לשון פאַרלוירן. אַזוי האָט די יידיש־וועלטלעכע ריכטונג בפירוש ביז איצט ניט געטאָן איר אויפגאַב. וואָס־זשע איז יאָ איר אויפגאַב געוועזן? לאָמיר זען: פאַרוואָס יידיש? — ווייל עס איז פאָלקיש, דאָס לעבעדיקע לעבן פון פאָלק. הייסט עס — פאָלקישקייט איז דער ציל און די ריכטונג פון יידישיזם. מען דאַרף ניט קיין יידיש לשון כדי צו פּראָפּאַגאַנדירן מאַרקסיזם, למשל. יידן לעבן אין איין קלאַס מיטן לאַנדפאָלק און זיי קאָנען די שפּראַך פון לאַנד־פאָלק. יידיש לשון אָן יידישן שטייגער, אָן פאַרזיכיקער יידישער קולטור האָט ניט קיין אחיזה, קיין אָנהאַלט אין לעבן. ווי קאָן אָבער וועלטלעכע יידישקייט אָנ־נעמען די גאַנצע יידישע קולטור פון פריערדיקע תקופות, אַז זי איז פול מיט גלויבן אין ניסים? — איז דאָס בלויז אַ שוואַכער תירוץ: יעדער תקופה נעמט איבער די קולטור פון דער פריערדיקער, נאָר זי טייטשט זי אויס לויט איר וועלט־באַנעם. ווייל מען ניט גלייבן אין ניסים, אדרבא, נעמט אויף, פאַרשטייט די יידישקייט אָן ניסים, ראַציאָנעל. יעדע לעבעדיקע, שעפערישע תקופה נעמט אויף אַלע מאָל קולטור לויט איר וועלטבאַנעם. אָט זיינען אין דער תורה פאַראַן זייער פיל אַנטראָפּאָמאָר־פישע באַגריפן — גאָטס האַנט, גאָטס אויג, גאָטס שטים וכדומה אָן אַ שיר. די ווײַ־טערדיקע יידישע דענקער האָבן דאָס בשום אופן ניט געקאָנט אָננעמען, האָט מען דאָס אַלץ אויסגעטייטשט סימבאָליש. מען האָט געביטן געזעצן: עין תחת עין פון דער תורה מיינט גאָר ממון — געלט־אָפּצאָל. אַ סך זאַכן זיינען בטל געוואָרן. אין דער תורה זיינען מצוות — גאָט הייסט. די חז״ל בויען אַ יידישע תורה פון הלכה — פון שטייגער. די חז״ל האָבן אַריינגעבראַכט נייע עלעמענטן אין דער יידישער געשיכטע. מסתמא פאָלק־לעגענדעס, ווי למשל, אַברהם צעברעכט די געצן פון זיין טאַטן און גייט אין נימרודס קאַלכאויוון דערפאַר. נייע באַגריפן וואָס פאַסן צו זייער נייעם וועלט־באַנעם. זיי האָבן אַפילו געביטן טעקסטן אין דער תורה. איך וועל ברענגען נאָר איין אָרט. יידן זאָגן אָפט אין דאַוונען (איבערהויפּט יום נוראים) די יג׳ מידות אַרויסגענומען פון שמות לד׳. דער טעקסט אין יידיש (יהואש) גייט אַזוי (איך ברענג נאָר דעם סוף): „...ער האַלט גענאַד ביזן טויזנטסטן גליד, ער פאַרטראָגט זינד און פאַרברעכן און חטאים, אָבער „שענקען שענקט ער ניט" (שמות לד׳ ז׳) (אין העברעיִשן טעקסט „ונקה לא ינקה"). האָבן חז״ל אין דער

תפילה אָפּגעהאַקט אין מיטן זאַץ און זיי ענדיקן ונקה — און „שענקען". דעם סוף „ניט שענקען" האָבן זיי ווי אויסגעמעקט. ווי זיי וואָלטן געזאָגט רבונו של עולם: „דו ביסט יאָ אַ גוטער, טאָ זיי מוחל און שענק".

אויך די עצם גאָט־באַגריפן האָבן חז"ל ניט זעלטן פאַרשטאַנען גאַר וועלט־לעך. איך וועל אויך נאָר ברענגען איין אָרט. עס שטייט: „משה ידבר ואלוהים יעננו בקול". גיט צו אַ גמרא „בקולו של משה" (ברכות מה׳א׳). ס׳הייסט געטלעכ־קייט איז פאַראַן אין משהס שטים גופא. מען דאַרף ניט נעמען די זאַצן פון דער תורה אַזוי ווי זיי זיינען פאַרשריבן. אמת־וועלטלעכע אידעאָלאָגיע דאַרף גאַרניט אָפּוואַרפן. זי דאַרף נאָר עס אויסטייטשן וועלטלעך.

צי איז פאַראַן ביי יידן וועלטלעך־יידישע קולטור? דאָס לייקנט די אָרטאָ־דאָקסיע, דאָס לייקענען אויך די אַנדערע רעליגיע־ריכטונגען. זי איז אָבער דאָ! אַלץ וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן אין יידיש, אַלץ וואָס אין יידישן שטיי־גער און פירונגען, און עס איז ניט פאַרשריבן אין שולחן ערוך, די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, ליטעראַטור און קונסטן — אַלץ דאָס איז וועלטלעכע קולטור. ווי די תנ"ך־קולטור, ווי די תלמוד־קולטור האָט אויך די וועלטלעכע צוויי עטאַפּן: צוערשט איז עס אין די שטייגער, בעל פּה. שפּעטער ווערן פון דעם געשאַפן פיקסירטע קולטור־ווערטן, קולטור שבכתב. וועלטלעכע בעל פה יידישקייט — דאָס איז אין שטייגער און אין שפּראַך. בכתב — אין ספרים.

אַ צדוקי האָט געפרעגט שמאי וויפל תורות האָט איר? (געמיינט די פרושים), ענטפערט שמאי — צוויי. — איינע איז בכתב און די צווייטע — בעל פה. אַ הייניטיקער שמאי וואָלט איצט געענטפערט — דריי תורות: די תנכישע, די תלמודי־שע און די יידיש־וועלטלעכע. דריי קולטורן, פון דריי געשיכטלעכע תקופות, דריי שפּראַכן. יעדע איינע הייבט אָן בעל פה. די אבות האָבן שוין געהאַט זייער יידיש־קייט אומגעשריבן. משה האָט געגעבן בכתב וואָס עס איז פריער געווען אומגע־שריבן, בעל פה. דריי שפּראַכן. אַלע דריי ספּעציפיש יידישע דיאַלעקטן. די יידיש־וועלטלעכע איז די אַקטועלסטע, זי איז די קולטור פון לעבעדיקן פאָלק. זי איז היינט דאָס וואָס די תלמודישע איז געווען פאַר די חז"ל. עס זיינען אָבער פאַראַן אויך די עלעמענטן וואָס גייען דורך ווי אַ רויטער שנור דורך אַלע תקופות און דורך אַלע תורות.

צו דעם גייען מיר איצט איבער:

א. גאָלאָמב

# אייביקע עלעמענטן פון יידישקייט

אזוינע אייביקע שטריכן פון יידישן פאָלק געפין איך פיר: זיי זיינען: דער דראַנג צום אחד, צום מאָניזם; דאָס פאָלק ווי דער צענטער פון אַלע זאָרג, דעמאַטעריאַליזאַציע פון גאָט־באַגריף און דער דראַנג צו גערעכטיקייט.

דער יידישער אחד, דער מאָניזם איז ניט קיין צאָל־באַגריף — איינער און ניט צוויי. דער יידישער אחד שטרעבט צו באַהעפטונג, צו פאַרבינדן די גאַנצע פיל־צאָליקייט און פיל־געשטאַלטיקייט אין דער וועלט. דער יידישער אחד איז ניט קיין באַגריף פון מאָנאָטעיִזם און פּאָליטעיִזם. ניט דאָס איז אַזוי וויכטיק וויפל געטער די מענטשן זעצן אַוועק אין זייער געדאַנק אויף דעם אָדער יענעם הייליקן באַרג. ניט דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין יידישקייט, וויכטיקער איז דער אחד פון אחדות, אַלץ איז געבונדן אין איינס, אַלץ איז באַהעפט און אַלץ שטרעבט צו איינהייט, אַלץ שטאַמט פון איינס און אַלץ ציט צו איינס. די גאַנצע וועלט און אַלע וועלטן זיינען אַנטפּלעקונגען פון איינציקן גייסט. דער גייסט פון אַלע וועלטן איז איינער און מוז בלייבן איינער. אַלע וויסנשאַפטן פירן סוף כל סוף צו דעם יידישן אחד. דער יידישער אחד באַגרענעצט זיך ניט מיט מאָנאָטעיִזם, עס איז אַ כוללדיקער מאָניזם אין אַלע געביטן פון אַלץ וואָס עקסיסטירט און פון אַלץ וואָס קאָן געדענקט ווערן עס פאַרשטייט זיך, אַז דער יידישער אחד איז ניט אויפגעקומען מיט איין מאָל, ער איז געוואָקסן און זיך אַנטוויקלט, ביז ער איז אַריבערגעוואַקסן אַלע געביטן פון רעליגיעזן דענקען, ביז ער איז געוואָרן אַ יסוד פון יידישן דענקען בכלל.

יידישקייט בכלל איז לגמרי ניט פון דעם מין ווי עס זיינען אַנדערע רעליגיעס. אַלע זיי פאַרנעמען זיך מיט גאָט, מיט דער באַציִונג פון מענטש צו זיין גאָט; רע־ליגיעס זיינען דער סכום חובות פון מענטשן צו גאָט. יידישקייט איז אין תוך אַריין ניט קיין גאָט־רעליגיע, נאָר זי איז אַ פאָלק־רעליגיע. אויב דער באַגריף רעליגיע מוז אומבאַדינגט האָבן גאָט אין צענטער, איז יידישקייט בכלל ניט קיין רעליגיע, ווייל איר צענטער איז פאָלק ניט גאָט. וועלן מיר דעפינירן רעליגיע בכלל ווי דער סכום שייכותן און פליכטן פון יחיד צו אַ העכערן, מער אַלגעמיינעם מהות. ביי אַנדערע פעלקער איז אָט דער מהות — גאָט, ביי יידן — פאָלק. גאָט איז זיכער דאָ, זיין מהות — „קדוש ישראל" — די הייליקייט פון יידישן פאָלק, די „געבענטשטע הייליקייט" פון יידן (קודשא בריך הוא); גאָט לערנט און שטודירט די יידישע הלכות, גאָטס כוח איז אין יידישקייט. יידישקייט איז אַ סכום פאַרפליכטונגען פון יחיד צו זיין העכערן מהות און דער מהות איז דאָס פאָלק ישראל. און די חובות זיינען ניט סתם דער רצון פון גאָט, ער הייסט, ווייל ער דאַרף עס, צי ער וויל עס. דאָס פאָלק דאַרף עס און גאָט דינט אויך די אינטערעסן פון פאָלק.

אויך דער באַגריף פון דער יידישער אַנדערשקייט איז אַ פּראָדוקט פון גאַר אַ לאַנגער אַנטוויקלונג איבער אַ סך דורות און תקופות.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ מין גאָט־באַגריף קאָן ניט שלום מאַכן מיט קיין מאַטעריעלע פאַרשטעלונגען וועגן גאָט. עס קאָן קיין מאַטעריע ניט זיין גאָט, געט־לעך, קיינע מאַטעריעלע סימבאָלן פון גאָט. פון שטאַנדפּונקט פון אמתער יידיש־קייט זיינען די אַנדערע רעליגיעס געצנדינערישע, ווייל זייער אחד איז ניט קיין אחד. עס איז פאַר יידן ניט קיין אונטערשייד צי די צאָל געטער איז הונדערט, צי איינער, צי אַ דרייפאַכיקער איינס. עס איז פאַר דער יידישער מחשבה ניט קיין אונטערשייד צי גאָט איז פאַרקערפּערט אין אַן אָקס, צי אין אַ קו, אָדער אין אַ מענטשן, אין זיין זון, ווי אַן אויסטערלישן בן־יחיד. ניטאָ ביי יידן קיין חובות פון יחיד „וואָס צו גאָט איז באַזונדער און וואָס צום קייסער, צום פאָלק איז ווידער פאַר זיך". אַלץ איז פאַרן פאָלק. דאָס וואָרט „דת" קומט אין תנ"ך נאָר אין דער מגילת אסתר און דאָרטן נאָר אין זינען פון אַ קייסערס באַפעלן. ערשט שפּעטער איז „דת" אידענטיפיצירט געוואָרן מיט רעליגיע בכלל. די שייכות פון פאָלק און גאָט זיינען ניט „דת", נאָר „ברית" — אַ קעגנזייטיקער אָפּמאַך, אַ מין קאָנטראַקט אַזאַ: איר וועט זיין מיין פאָלק און איך — אייער גאָט. דער ארון מיט אַלע צענ־טראָלע הייליקייטן וואָס אין אים, און וואָס איז ביי יידן אין אַנהייב געווען אַזוי פאַרהייליקט, אויך ער איז געווען אַן ארון הברית", ווי אַן עדות פון דעם בונד, אָפּמאַך צווישן גאָט און פאָלק. שפּעטער איז דער — ארון הברית — אין גאַנצן באַזייטיקט געוואָרן („גניזת הארון"), מסתמא נאָך אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש. שוין אין די צען געבאָט ווערט עס אָנגעזאָגט ניט צו דערמאָנען גאָטס נאָ־מען אומזיסט. גאָט רעקאָמענדירט זיך ניט ווי דער האַר פון דער וועלט, נאָר ווי דער גאָט פון די אבות, ווי דער באַפרייער פון מצרים.

אַזוי ווי דער גאָט פון די אבות באַווייזט זיך גאָט צו משה דאָס ערשטע מאָל אין מדבר. „גאָט פון די אבות" איז אייגנטלעך אידענטיש מיט „די הייליקייט פון די אבות", דאָס וואָס די אבות האָבן פאַרהייליקט. די תורה האָט ניט גערן קיין פּריוואַטן נאָמען פאַר גאָט. אַזאַ נאָמען קומט דאָך אויסצוטיילן עמיצן פון צווישן אַנדערע גלייכע. דער יידישער גאָט איז אָבער פון לכתחילה גאַר פון אַן אַנדער קאַטעגאָריע, ניט ווי די אַנדערע געטער פון אַנדערע פעלקער. און אַזוי ווי דאָס גליק און שטאַרקייט פון פאָלק איז אָפּהענגיק פון גאָט, אַזוי איז אויך די מעכ־טיקייט פון גאָט אָפּהענגיק פון זיין פאָלק און דער געטרייקייט. אין דער תלמודי־שער ליטעראַטור איז די קעגנזייטיקע אָפּהענגיקייט אָפּטער אונטערגעשטראָכן. עס באַקומט זיך ווי אַ מאַטעמאַטישע פאָרמול וואָס קאָן זיך לייענען גלייך ווי פון רעכטס אַזוי אויך פון לינקס: „גאָט איז די הייליקייט פון ישראל און פאַרקערט — די הייליקייט פון ישראל איז גאָט".

איינער פון די פיר יסודות פון ייִדישקייט — דער דראַנג צו גערעכטיקייט האָט זיך ניט געענדערט, דאַכט זיך, אין לויף פון דער געשיכטע. דער דראַנג איז אַבסאָלוט און ניט אָפּהענגיק. ביז אַברהמען איז אַפילו אין חומש ניט דערמאָנט וועגן דער גערעכטיקייט (צדקה) נאָר איין מאָל ווערט עס געזאָגט וועגן נוחן אַז ער איז אַ צדיק. מיט וואָס? — ווייסן מיר סיי ווי ניט. ערשט מיט אַברהמען ווערט גערעכטיקייט (צדקה) אַ פאַקטאָר אין לעבן. גאָט איז זיכער אַז אַברהמס אָפּשטאַם וועט היטן גערעכטיקייט (בראשית יח׳ יט׳) און פון דער צווייטער זייט, פאַרלאַנגט עס אַברהם פון גאָט (אין זיין תפילה פאַר סדום) „חלילה, דו זאָלסט גאָר טאָן! אומברענגען דעם צדיק מיטן רשע! עס פעלט נאָר עפּעס ווי „דו טאָרסט עס ניט וואַגן צו טאָן, גאָט!"... מיט דורות פריער ברענגט גאָט אַ מבול און ברענגט אום גאָר דאָס לעבן. ערשט שפּעטער באַדענקט זיך גאָט, אָבער עס ווערט ניט דערמאָנט דער מאָמענט פון אומרעכט. (בראשית ח׳ כב׳). אין יענע צייטן פון די „בני נוח" איז נאָך דער גאַנצער באַגריף פון גערעכטיקייט ניט געווען, ניט פאַרנומען קיין אָרט אין לעבן. דעם גערעכטיקייט־פאַקטאָר האָבן געבראַכט אויף דער וועלט די ייִדן. קאָן זיין אַז ביז היינט צאָלן אונדז די „בני נוח" רבי־געלט פאַר אָט דעם אומבאַליבטן פאַקטאָר אין לעבן, וואָס דער ערשטער ייִד האָט אַריינגעפלאַנטערט אין לעבן פון דער מענטשהייט...

## רעליגיע אָדער תורה

פעלקער האָבן אָנגענומען רעליגיעס. ייִדן האָבן אָנגענומען ניט קיין רעליגיע נאָר אַ תורה. וואָס איז דער אונטערשייד? רעליגיעס זיינען אַ סכום קרעדאָס צו גלייבן אין זיי, תורה איז אַ סכום פירונגען און טוונגען צו טאָן, אויסצופירן אין מעשים. דאָס וואָרט תורה מיינט אָנווייזונג. רעליגיעס זיינען פאַר גאָט, תורה איז פאַר מענטשן. פעלקער האָבן אָנגענומען נייע רעליגיעס. עס הייסט: עמיצער אַ מאַכטהאָבער האָט אָנגעזאָגט „פון היינט און ווייטער טאָרט איר ניט האַלטן פון דעם פריערדיקן גאָט. אויס! איר דאַרפט האַלטן פון דעם „נייעם גאָט". משה האָט פאַרקערט גערופן צום „אַלטן גאָט", צום גאָט פון די אבות. בלויז איינער פון די צען געבאָט, איז וועגן גאָט. דער עיקר זיינען גאָר סאָציאַלע פּרינציפּן ווי צו לעבן, ניט ווי צו גלייבן, נאָר ווי זיך צו פירן אין לעבן. און גלייך נאָך די עשרת הדיברות קומען „ואלה המשפטים" —אַ גאַנצער קאָדעקס פון סאָציאַלע געזעצן. גאַרניט וועגן גאָט, און מען דאַרף גלייבן אין גאָט, ניט קיין נייע רעליגיע קומט משה צו שאַפן נייערט אַ ניי פאָלק. ניי ווי אַזוי? — דורך אָפּהיטן דווקא דעם אַלטן, אָבער אייגענעם שטייגער פון די אבות, פון זייערע טראַדיציעס. זייערע טראַדיציעס

און שטייגער וואָס זיי האָבן געפירט ניט ווי אָנגעזאָגטע מצוות, נאָר ווי אייגענע אַלטע דורותדיקע נאָרמעס. לויט דער שפּעטערדיקער, תלמודישער טערמינאָלאָגיע האָט משה געשאַפן פון דער יידישקייט וואָס איז געווען פון די אבות אַן אַ בעל פה־"יידישקייט", האָט עס משה געגעבן בכתב. זאָגט עס אַ גמרא, אַז אברהם האָט מקיים געווען די גאַנצע תורה איידער זי איז געוואָרן פאַרשריבן. ווען מיר אויך דעם זאַץ פּרובירן לייענען פון לינקס אויף רעכטס: משה האָט פאַרשריבן בכתב דאָס וואָס ביי אברהמען און ביי אַנדערע אבות איז געווען בעל פה. און דורך דעם וועלן יידן זיין אַ "ממלכת כוהנים וגוי קדוש". אַזוי האָט משה אין גאָטס נאָמען געגלויבט, געהאַלטן פון דער אוראַלטער יידישער שטייגער־טראַדיציע! ניט קיין נייע תורה גיט משה, דווקא אַן אַלטע, אָבער אַן אייגענע, ניט איבערגענומען פון קיינעם! אַ געטלעך פאָלק — דאָס איז געווען משהס אידעאַל.

## אַ טעות פון אַ צדוקי

שפּעטער מיט אַ סך דורות האָט עס אַ צדוקי אָפּגעלאַכט "געזען אַן איבערגע־איילט פאָלק: זיי זאָגן צו פאָלגן איידער זיי באַנעמען?!" (ביים מעמד הר סיני האָבן יידן געענטפערט "נעשה ונשמה" מיר וועלן טאָן און פאָלגן) על פי שכל דאַרף מען פריער פאַרשטיין, נאָך דעם קאָן מען צוזאָגן צו פאָלגן. (שבת פח' און כתובות קיב') אַזוי איז געווען די לאָגיק פון צדוקי. אָבער ער איז טאַקע געווען ניט גערעכט. דאָס טאָן דאַרף זיין פריער, דער שטייגער באַשאַפט אַ פאָלק, ניט די רעליגיע, ניט דער גלויבן. עס קאָנען זיין פאַרשיידענע פעלקער מיט איין רע־ליגיע, עס קאָנען זיין פאַרקערט עטלעכע פאַרשיידענע רעליגיעס אין איין פאָלק. דאָס איז אָבער ניט מעגלעך בנוגע צו יידישקייט, כדי צו זיין אַ ייד דאַרף מען זיך פירן יידישלעך. דורותדיק יידישלעך. ניט דווקא לויטן שולחן ערוך. דער רמב"ם האָט געוואָלט פעסטשטעלן דרייצן עיקרים צו גלייבן אין זיי און זיי זאָלן זיין אַ יסוד פון אָנגעהעריקייט צו יידן. ער איז אויך ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט געוואָלט איינשטעלן פּרינציפּן פון יידישן גלויבן, אָבער זיינע עיקרים האָבן כמעט ניט געהאַט קיין השפעה אין לעבן. דער גלויבן אין יידישקייט, אין דער יידישער דורותדיקער קולטור, אין דער יידישער שעפערישקייט, וואָס איז ניט אָפּגעשניטן, ניט פאַרענדיקט — דאָס איז דער גלויבן אין יידישן גאָט. דער שטייגער, דאָס פּראַקטיצירן יידישן שטייגער, יידישע פירונגען, זיטן, מינהגים, טראַדיציעס — דאָס אַלץ שאַפט אין מענטשן באַשטימטע עמאָציאָנעלע באַציאונגען, אַ באַשטימטן אַרט דענקען, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. דאָס אַלץ איז אין כאַראַקטער, אין פּסיכיק פון מענטשן, דאָס איז ניט צו דעפינירן, אָנרופן מיט אַ נאָמען איז עס

אוממעגלעך, עס איז דאָס יידישע אין דעם יידן. כאַראַקטער־שטריכן, נייגונגען, רע־אַקציעס וואָס זיינען אייגנטימלעך פאַר אַ יידישן מענטשן. די מדרשים־ליטעראַטור רופט עס אָן ריכטיק „מיסטורין" — עס איז מיסטעריעז, ניט אָנצורופן, ניט צו דעפינירן, אָבער דאָס ווירקט זיך אויס און דאָס שאַפט דעם כאַראַקטער פון אַ יידן. יידישער שטייגער שאַפט עס, ניט די רעליגיע. דאָ ליגט אויך די סיבה פון דעם קנאַפּן דערפאָלג פון די יידישע שולן אין אַמעריקע: אויסלערנען יידישקייט קאָן מען ניט. מען קאָן (און מען דאַרף) אויסלערנען עלעמענטן פון יידישן וויסן, מען קאָן אָבער ניט אויסלערנען צו זיין אַ ייד. דער שטייגער האָט געקאָנט איינפלאַנצן פעסטע יידישקייט אַפילו אין עם הארצים, אויסגעלערנטע יידיש וויסן האָט ניט געקאָנט און קאָן ניט איינפלאַנצן יידישקייט אַפילו ביי אינטעליגענטן. דורך דעם נעשה קומט מען צו דעם נשמע — פון אויפפיר צו דער איבערצייגונג. נאָך וויכטיקער — דורך דעם געמיינזאַמען שטייגער אַנטוויקלט זיך דער גע־מיינזאַמער כאַראַקטער פון פאָלק, זיין געמיינזאַמער גייסט, זיין קולטור־גייסט און אונטער־באַוווסטזיין און פון דעם — צום קאָלעקטיוון פאָלקישן קולטור־באַוווסט־זיין. פון פאָלקישן שטייגער קומט דער פאָלקישער „מיסטורין", דער מיסטעריעזער פאָלקישער כאַראַקטער, ווי די תלמודישע ליטעראַטור רופט עס גלענצנדיק אָן — און די קולטור. יידישע שריפטן קאָן מען איבערזעצן, די תורה (אָדער יידישקייט — עס איז דאָס זעלביקע) שבכתב קאָן מען איבערזעצן, אַלע ניט־יידן קאָנען האַלטן פון דעם; יידישע קולטור אָבער קאָן מען שוין ניט איבערזעצן. „יידן זיינען נאָר די, זאָגט עס אַ תלמודישע אגדה — ווער עס האָט די יידישע מיסטורין" — ווידער אויסגעצייכנט ריכטיק! צוליב דריי זאַכן זיינען יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים — זאָגט עס ווידער אַ קלוגער מדרש — ריכטיקער — צוליב די דריי זאַכן זיינען יידן געבליבן אַ פּאַרזיכיק פאָלק מיט אַ געמיינזאַמען ווילן אויסגעלייזט צו ווערן — ווייל זיי האָבן געהיטן זייערע נעמען, זייער לשון און זייער „מיסטורין".

## יידישקייט שבעל פה און שבכתב

משה האָט ניט געבראַכט פאַר יידן קיין נייע תורה, קיין אומבאַקאַנטע פון פריער, דאָס איז געשען ביי אַנדערע פעלקער, ווען זיי האָבן געקראָגן נייע רע־ליגיעס. משה האָט פאַר יידן פאַרמולירט בכתב זייער אייגענע שטייגער־יידישקייט פון זייערע אבות האומה, אָפּגעריייניקט זי פון אַלע פרעמדע אַנוווקסן, ווי למשל, דער מצרישער גאָט־אָקס (דער עגל הזהב). עס האָט זיך געענדיקט אַ תקופה, דאַרף איר בעל פה־קולטור — אָדער דער שטייגער — פיקסירט ווערן בכתב כדי די נייע תקופה וואָס קומט אָן, זאָל קאָנען עס ירשענען. ניט אומזיסט האָט משה

געדאַרפט (איך האָב עס געזען אין אַן אַלטן ספר) לעבן אַ סך יאָרן מיט יידן צווישן יידן, כדי ער זאָל קאָנען שפּעטער געבן די יידן זייער תורה, פיקסירט בכתב, די אוראַלטע פאָלקישע טראַדיציעס פון זייערע אבות. און גאָר אַלטע יידישע אגדות גייען נאָך ווייטער און דערציילן, אַז אויך די אבות האָבן זייער יידישקייט געצויגן פון פריער, געלערנט אין די ישיבות פון שם ועבר. יידישקייט אָדער יידישע תורה האַלט אין וואַקסן, אין אַנטוויקלען זיך. אַלץ אין דער נאַטור אַנטוויקלט זיך. יידיש־קייט איז אויך אַזאַ נאַטירלעכער פּראָצעס פון דורות. אויסגעטיילט, אָפּגעזונדערט האָט זיך יידישקייט, ווען אברהם האָט זיך אָפּגעטיילט פון זיין משפחה, פון זייער שטייגער. דער אַנדערשדיקער, פאַרזיכיקער שטייגער איז געוואָרן נאָך בולטער דווקא אין גלות מצרים, ווייל די יידן האָבן געלעבט פאַר זיך אין אַ באַזונדערער טעריטאָריע (גושן); די מצרים האָבן זיך ניט געוואָלט מישן מיט די יידן. אַזוי שטעלט זיך גאָט פאָר פאַר משהן און פאַר יידן בכלל ווי דער גאָט פון די אבות און די תורת משה איז אויך די תורה פון די אבות. זי איז איצט בכתב וואָס פריער איז געווען בעל פּה. די יידן האָבן דורך משהן מקבל געווען זייער אייגענע טראַ־דיציעס־תורה פאָרמולירט און פאַרשריבן און פאַרהייליקט דורך זייער אייגענעם נאַציאָנאַלן גאָט פון די אבות קלאָר — וואָס פאָלקיש דאָס איז אויך געטלעך. דאָס וואָס דאָס פאָלק האַלט ווי אייגנס, דאָס נעמט אָן אויך דער יידישער גאָט און ער פאַרהייליקט עס, ווי עס האָט דורות שפּעטער געפּסקנט רבי עקיבא (ראש השנה כה׳).

דאָס איז טאַקע דער אמת פון דעם „נעשה ונשמע" וואָס יידן ענטפערן ביים באַרג סיני: דער נשמע — דאָס פאָרמולירטע וויסן איז אַלע מאָל אַ תולדה פון לאַנג־דויערנדיקן שטייגער, פון דער נעשה. ניין, ניט קיין רעליגיע האָט משה גע־בראַכט פון סיני, נאָר אַ פאָרמולירונג בכתב פון דעם וואָס דאָס פאָלק האָט גע־פירט בעל פּה, לויט דער טראַדיציע, לויטן שטייגער.

שטאַרק בולט איז עס געוואָרן דווקא אין דער צייט פון בית שני. נאָך די פאַר הונדערט יאָר אונטער פּערסישער הערשאַפט, ווען עס איז ניט געווען קיין אַסימילאַציע, ניט קיין מלחמות, ניט קיין עמיגראַציע פון לאַנד, האָט זיך ערשט דעמאָלט איינגעשטעלט אַ פעסטע שטייגער־טראַדיציע. מער און פעסטער ווי ווען עס איז פריער. עס איז זיכער גערעכט די גמרא וואָס האַלט אַז די צענדליקער נביאים האָבן ניט געקאָנט ווירקן אויף דעם שטייגער, אויף דעם אויפפיר פון די יידן. עס איז זייער שווער צו קומען פון דעם „נשמע" צו דעם „נעשה", דער גאַנג איז אַ פאַרקערטער. דערפאַר האָבן די חז״ל ניט שטאַרק געהאַלטן פון נבואה (עטלעכע אויסדרוקן אין תלמוד, למשל, בבא בתרא יב׳א׳) דערפאַר האָבן זיי געהאַלטן מער פון הלכה למעשה מער ווי פון די שיינע און פּראַקטיקע רעדעס פון די נביאים. שיין ריידן, שיינע פאָרמולירונגען — דאָס איז דער גאַנג פון פילאָ־

סאָפּיע. וואָס עס קומט אַרויס פון די שיינע פאָרמולירונגען — דאָס איז שוין ניט וויכטיק. גאָר אַנדערש האָבן געהאַלטן די חז״ל. זיי זאָגן: ״תכלית חכמה — תשובה מעשים טובים״ (ברכות יז׳א׳).

ביי פעלקער זיינען רעליגיעס געקומען פון דער פרעמד. דערפאַר איז זייער שטייגער באַזונדער און די רעליגיע — ווידער פאַר זיך. ביי יידן איז זייער רעליגיע געבוירן און געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט צוזאַמען מיטן פאָלק; זי איז די פאָל־קישקייט, די יידישקייט. דערפאַר טאַקע האָבן יידן לגמרי ניט געהאַט דעם טערמין ״רעליגיע״ יידן האָבן אַלע מאָל גערעדט און געדענקט פון יידישקייט, ניט פון רעליגיע. ביי פעלקער זיינען רעליגיע און פאָלקישקייט באַזונדער, ביי יידן איז פאָלקישקייט — יידישקייט — די רעליגיע. מען טאָר ניט לערנען קיין גזרה שווה, קיין אַנאַלאָגיע פון זייער טאָפּלקייט אויף אונדזער מאָניזם.

## דער פאָלקישער מקור פון הייליקייט

עס קאָן זיין אַ הייליקייט אַן אַבסאָלוטע, פון גאָט אַליין און עס קאָנען זיין הייליקייטן וואָס דאָס פאָלק פאַרהייליקט. ווי אויף אַנדערע געביטן איז דאָ דורכ־געגאַנגען ביי יידן אַ גרויסער פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. אין תנ״ך געפינען זיך אַבסאָלוטע הייליקייטן צוויי מאָל (ביי משה אין מדבר און ביי יהושוע). אליהו הנביא, אַז ער אַנטוישט זיך און וויל אַנטלויפן פון יידן, לויפט ער צום ״הר אלו־הים״ (גאָטס באַרג) ווייט פון מדבר. אָבער שוין די גרויסע שפּעטערדיקע נביאים לייקענען אָפּ יעדער אַבסאָלוטע קדושה. ניט דער בית המקדש איז הייליק פאַר זיך (ישעיה א׳, ירמיהו ז׳); ניט ארץ ישראל איז הייליק (ירמיהו ב׳). הייליקייט שטאַמט פון יידן, ווען זיי לעבן הייליק, פאַרהייליקן זיי די צייט און דאָס אָרט. אַפילו וועגן גאָט אַליין — דערלויבט זיך ישעיהו אַ זאָג צו טאָן ״והאל הקדוש נקדש בצדקה״ — גערעכטיקייט פאַרהייליקט אויך גאָט אַליין. אָבער גערעכטיקייט פירן דורך מענטשן. עס איז אויך ביי גאָט זיין הייליקייט ניט קיין אַבסאָלוטע. שפּעטער גייען די חז״ל נאָך ווייטער . זיי לייקענען בכלל יעדע מאַטעריעלע הייליקייט. דער ארון הברית מיט די לוחות וואָס משה האָט געבראַכט מיט נאָך הייליקייטן, וואָס זיינען געווען אין ערשטן בית המקדש, ווערן באַזייטיקט (גניזת הארון), די קופּערנע שלאַנג וואָס משה האָט געהייסן מאַכן, איז צעבראָכן געוואָרן. דער באַרג סיני איז מער ניט הייליק, בלויז ווען די שכינה איז געווען אויף אים. שפּעטער איז ״נסתלקה קדושתו״ — אויס מיט זיין הייליקייט. דער אויסדרוק ״סיני ועוקר הרים״ איז געוואָרן אַ סימבאָל פאַר דעם פּראָצעס פון כסדרדיקן שאַפן ״חידושים״ אין דער תורה. עס ווערט געבראַכט פון הרב קוק,

אַז אין די ברכות צו אַן עליה ווערט איין מאָל געזאָגט נתן לנו — ער האָט געגעבן — און אַ צווייט מאָל שטייט נותן התורה — ער גיט כסדר נאָך און נאָך. דער מעמד הר סיני איז ניט קיין געענדיקטער פּראָצעס: איין מאָל גע־געבן און מער ניט. ער איז נאָר אַן אָנהייב פון אַן אייביקן פּראָצעס פון „תלמוד תורה". דאָס איז דאָך געווען דער זינען פון דער גאַנצער מחלוקת צווישן די צדוקים און פרושים. דאָס האָבן די צדוקים געוואָלט, אַז די תורה איז איין מאָל געגעבן געוואָרן און מער ניט. זי איז פון גאָט און ניט פון פאָלק און זיינע פירונגען. אַזוי די צדוקים, אַזוי די קאַראַימער און אַזוי אַ סך מאָל פון די משכילים.

דאָס האָבן, פאַרקערט, די פרושים געלערנט, אַז די פאָלקישע פירונגען, דער שטייגער פון פאָלק איז הייליק, איז אויך תורה, הגם ניט פאַרשריבן, הגם עס איז אָפט ניטאָ גאָר קיין רמז אפילו אין דער תורת משה, אָדער עס זיינען „בערג פון הלכות (שטייגער) וואָס הענגען אויף אַ האָר, ווייל הלכות אַ סך און פּסוקים — גאָר ווייניק". פאַרקערט, האָבן חז"ל אַ סך מאָל אונטערגע־שטראָכן, אַז די פאָלקישע יידישקייט, אַז די תורה שבעל פה, די דברי סופרים שטייט העכער פון דער געשריבענער תורה... ציטירן איז פשוט אוממעגלעך — עס איז מיט דעם פול דער ש"ס. גאָט אַליין זיצט אויך און לערנט תורה. אין הימל איז דאָ אַ „ישיבה של מעלה", דאָרטן לערנט עס דער רבונו של עולם צוזאַמען מיט די חכמי ישראל. ניט וואָס עס שטייט אין דער תורה לערנט מען. דאָס וואָס עס איז שוין פאַרשריבן, דאָס דאַרף מען דאָך ניט לערנען און דיס־קוטירן. מען לערנט דאָס וואָס מען דאַרף ערשט פאַרשרייבן. מען איז זיך עוסק ניט אין לימוד תורה, נאָר אין תלמוד תורה. דאָ דיסקוטירט מען אפילו מיטן רבונו של עולם אַליין „ער האָלט אַזוי, און „כולא מתיבתא" — די גאַנצע אַקאַ־דעמיע האַלט פאַרקערט, און מען שיקט דעם הימלשן שליח (אליהו הנביא) פרעגן — וועמען: — דווקא אַ בשר ודם ווייל ער איז דער „פאַכמאַן". ווייל די תורה איז ניט אין הימל (ולא בשמים היא): און מען פאָלגט ניט אפילו אַ בת קול פון הימל, (אין אנו משגיחין בבת קול:) און „אויב אפילו אליהו זאָל קומען און ברענגען אַ פסק דין פון הימל, איז אין שומעין לו" — פאָלגט מען אים ניט, ווייל „כבר נהגו העם אחרת". „דאָס פאָלק פירט זיך שוין אַנדערש" און אַ מינהג פון פאָלק איז וויכטיקער ווי די מיינונג פון הימל. ווען איך הער אָדער איך לייען די טענות פון אונדזער אָרטאָדאָקסיע, און זיי טענהן תמיד אין נאָמען פון דער הלכה פסוקה, פון דעם וואָס עס „שטייט בפירוש", טראַכט איך: ווי — ווי: וואָס עס וואָלט זיך געטאָן ביי אונדז ווען עס וואָלטן היינט געווען פרושים! די גרעסטע קעגנערס זייערע וואָלטן געווען דווקא די פרומע וואָס האַלטן זיך פאַר די יורשים פון די פרושים... דאָס וואָס פאַר די פרושים

אין זייער צייט איז געווען די תורת משה, דער מקרא, איז איצט פאַר אונדז דער תלמוד און די גאַנצע תלמודישע ליטעראַטור; עס איז אַלץ בכתב. און פּונקט ווי די צדוקים אין זייער צייט האָבן זיך באַציוגן צו דער תורת משה, אַזוי באַציען זיך היינט די אָרטאָדאָקסן צו אונדזער היינטיקער תורה שבכתב. מען קאָן וועגן אונדזערע פרומע בפירוש זאָגן דאָס ווערטל פון חז״ל: „עושים מעשי צדוקים ומבקשים שכר כפרושים״ (אין טעקסט איז אַנדערש).

עס איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו אַנטוויקלען די זעלביקע געדאַנקען אין אַ מסיבה, האָב איך געכאַפּט, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט, אַ חלק פון אַ פרומען פריינד! איך בין עוקר די תורה און במילא בין איך עוכר ישראל, וואָרים ווי נאָר מען נעמט אַרויס איין ציגל פון דעם בנין וואָס חז״ל האָבן געבויט, פאַלט איין דער גאַנצער בנין. איך וויל האָבן אַז די הלכות וואָס חז״ל האָבן איינגעשטעלט זיינען ניט קיין אייביקע, זיי זיינען ניט לדורות, נאָר לשעה. אין דער אמתן אָבער, זאָגט ער, האָבן די חז״ל פון זיך גאָרניט געזאָגט, זיי האָבן נאָר דערקלערט וואָס אין דער תורה איז ניט קלאָר. אויף אַלץ האָבן זיי אַ דרש, אַ רמז מן התורה מנין״...

אַנשטאָט צו דיסקוטירן האָב איך גענומען לייענען די געהעריקע קאַרטלעך פון מיין קאַרטאָטעק, אויף דער טעמע. (ביי אַ 150) און איך בין גאָר ווייט פון צו זיין אַ בקי אין תלמוד. איך האָב פאַרשפּאָרט צו לייענען אַלע קאַרטלעך: חז״ל האָבן געטנהט פאַר מיר... היוצא לנו: די יידישע תורה אָדער יידישקייט שטאַמט פון פאָלק; תורה שבעל פה מיינט יידישער שטייגער אויף וויפל ער איז אַנדערש, ניט ווי דער פרעמדער שטייגער און אויב ער איז טראַדיציאָנעל יידיש, המשכדיק. לעולם הייבט אָן אַ פאָלק זיין פאַרזיכיקע עקסיסטענץ מיט זיין פאָלקישקייט וואָס בעל פה, אין שטייגער, על פי רוב אַפילו אומבאַוווסטזיניק. שפּעטער ווערט דער שטייגער אוניפיצירט, רעגלאַמענטירט, פאָרמולירט און אַבליגאַטאָריש. בראשית האָבן די אבות אָנגעהויבן די יידישע פאַרזיכיקע עקסיסטענץ מיט יידישקייט שבעל פה. משה האָט פון זייער שטייגער-יידישקייט, פון דעם שטייגער וואָס יידן האָבן געפירט פאַרזיכיק אין מצרים פאַרשריבן און צוזאַמען מיט זיינע געטלעכע אידעאַלן פון אַ „ממלכת כוהנים וגוי קדוש״ — פון דעם אַלעם איז געוואָרן די תורת משה.

שפּעטער מיט אַ סך דורות האָט עס עזרא לגמרי ניט סתם געוואָלט איינלערנען מיט די יידן די זעלביקע תורת משה. ער האָט איינגעפירט אַ סך תקנות (תקנות עזרא, רופט עס די גמרא), ער האָט אויך עפּעס מבטל געמאַכט און אויסקאָמבינירט אַ פאַרזיכיקע יידישקייט. נאָך שפּעטער האָבן עס ממשיך געווען די פרושים און די חז״ל. מער ניט וואָס פאַר זיי איז דער שטייגער-עלעמענט פון פאַר-

זיכיקער יידישקייט געווען אַ סך מער ווי פאַר עזרא (די גליקלעכע פערסישע תקופה, ווען יידישקייט האָט געהאַט די צייט פרידלעך צו אַנטוויקלען זיך און אויס־צואַרבעטן און פאַרפעסטיקן אַ טראַדיציאָנעלן פאַרזיכיקן יידישן שטייגער!).

בכן די תורה אָדער יידישקייט שטאַמט פון פאָלק און ווייל זי איז פאָלקיש, איז זי שוין במילא געטלעך, פון פאָלק — איז פון גאָט.

אַזוי איז אויך בנוגע צו הייליקייט בכלל, קדושה. שוין פריער דערמאָנט, אַז אַבסאָלוטע קדושה איז אין תנ״ך דערמאָנט בלויז צוויי מאָל. ניטאָ ביי יידן קיין שום צווייטע אַבסאָלוטע הייליקייט אַחוץ ארץ ישראל. זי איז הייליק פאַר זיך. בע־סער צו לעבן אין ארץ ישראל צווישן גויִם אידער אין חוץ לארץ צווישן יידן״. נאָך און נאָך אַזוינע שטעלן אין תלמוד. עס זיינען אָבער פאַראַן אויך מיינונגען פאַרקערטע. אָבער די קדושה פון ארץ ישראל איז אויך פון פאָלק. די גמרא שיידט אונטער די ערשטע קדושה פון יהושוע. די צווייטע קדושה פון נאָכן גלות בבל.ביידע מאָל האָט דאָך עס דאָס פאָלק מקדש געווען.

פאַראַן ביי פעלקער הייליקע פלעצער, ווייל דאָרטן האָט זיך גאָט באַוויזן, די הייליקייט איז דירעקט פון גאָט. פאַראַן מענטשן וואָס גאָט האָט באַשטימט זייער הייליקייט. ביי יידן זיינען בכלל קיין הייליקע גאָר ניטאָ. קדושים זיינען ביי יידן בלויז די וואָס זיינען אומגעקומען פאַר זייער יידישקייט. בלויז די פירונג פון מענטשן קאָן זיין הייליק. עס קומט אויס ווי ביי פעלקער וואָלט גאָט געהאַט זיין פאַרזיכיקע „ווירטשאַפט״, ער מאַכט הייליק, ער באַשטימט די קדושה. ביי יידן פירט נישט גאָט זיינע „חשבונות״: ניט ער באַשטימט די קדושה פון אַן אָרט, נאָר עס קאָן זיין הייליק אַפילו „רחובה של עיר״ — אַ גאַס, אַ פּלאַץ אין שטאָט, ווו מענטשן קומען זיך צונויף דאַוונען, ווערט עס הייליק. אַלץ ניט דורך גאָטס באַ־שטימונג, נאָר דורך דעם אויפפיר פון פאָלק. ניט גאָט באַשטימט די הייליקייט פון אַ יום־טוב, נאָר ער גיט עס לכתחילה איבער צו די יידן „אתם קובעים״ — איר באַשטימט, זאָגט עס רבי עקיבא אין גאָטס נאָמען (אין דער געבראַכטער משנה אין ראש השנה כה׳).

איך גלייב צו זיין אין גאַנצן אין גייסט פון חז״ל אויב איך וועל זאָגן אַז איצט האָט ארץ ישראל טאַקע געקראָגן אַ דריטע קדושה, די קדושה פון צה״ל, און גאָט נעמט אָן די באַשטימונגען פון יידן. דאָס איז אין גייסט פון חז״ל. לאָמיר עטוואָס צוגעבן פון זיך: ווען און ווער קאָן אַזוי גלייבן אין דעם כוח פון פאָלק? פון אים די תורה, פון אים די קדושה, אַלץ פון פאָלק? — אַזאַ שטאַרקע אמונה קאָן זיין, נאָר ווען ס׳איז דאָ אַן אמונה אין פאָלק און נאָר ביי די וואָס טראָגן אין האַרצן אָט דעם גלויבן אין פאָלק, נאָר ביי אמתע „פאָלקיסטן״, וואָס ביי זיי איז דער פאָלקיזם ניט קיין פאַרטיי־פרינציפּ נאָר אַ טיף געפיל.

איך גלייב, אַז וואָלטן געווען גרעסערע צאָלן יידן מיט אַזאַ געטרייער ליבע צו יידישער פאָלקישקייט, וואָלטן יידן זיך געשאַפן קליינע ארץ ישראלס אין אַנדערע לענדער און ישובים אויך, אומעטום, ווו נאָר די דרויסנדיקע באַדינגונגען האָבן עס געלאָזן. ווען מען זאָל נעמען וועגן די וויכטיקייט פאַרן קיום האומה פון מדינה פאַר זיך און אויטאָנאָמע גלותן, וועט מען גרינג קאָנען קומען צום אויספיר: פּערסישע הערשאַפט איבער יידן איז ניט אין פאַרגלייך פּרוכטיקער געווען ווי די פאַרזיכיקע מדינה פון בית החשמונאים; האָט בבל מער געפּורעמט און פעסטער, דויערנדיקער געבויט יידישקייט פאַר דורות איידער ארץ ישראל; האָט יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע אָן עמאַנציפּאַציע מער און פעסטער געפלאַנצט יידישקייט איידער דאָס עמאַנציפּירטע יידנטום אין מערב־אייראָפּע. דער אויספיר: ניט דווקא פּאָליטיש־פאַרזיכיקע מדינות, נייערט קולטורעלע פאַרזיכיקייט. און זי איז אָפּהענגיק פון דעם סכום אהבת ישראל וואָס לעבט אין יעדן יידן. די פרושים ווי אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע, און די חז״ל — די פּראַקטישע דורכפירערס פון דער אידעאָלאָגיע — זיי האָבן געבויט די אייביקע יידישקייט אַפילו אָן פּאָליטישער פאַרזיכיקייט. זיי האָבן דאָס געקאָנט, ווייל ביי זיי איז אהבת ישראל ניט געווען סתם אַ פּאַרטיי־פּרינציפּ, נאָר עס איז געווען אַן אמונה. עס איז געווען אַן אמונת ישראל קעגן דער שטאָלצער עגאָאַפּאַביע פון די צדוקים.

עס איז גאַנץ מעגלעך אַז היינט, אין אונדזערע צייטן און איבערהויפּט אין די „פרייע" לענדער דאַרפן יידן האָבן די מדינה כדי צו אַנטוויקלען ביי יידן אין דער גאַרער וועלט אָן אהבת ישראל פון העכערער מדרגה, אָן אַהבה וואָס זאָל דערגיין ביז אמונת ישראל. ווייל אָן דער מדינה זיינען יידן אין דער וועלט דערגאַנגען ביז צום פאַרקערטן פון אַהבה. עס איז די עגאָאַפּאַביע, וואָס מאַכט אַ תל פון יידישן גייסט און דראָט מיט אַטראָפּיע פון יעדער געזעלשאַפטלעכקייט. די דרינגענדיק־נויטיקע פאָלקישע זיכאַכטונג — דאָס איז איינע פון די אויפגאַבעס פון דער מדינת ישראל.

## זיינען די הלכות געשאַפן געוואָרן אויף אייביק?

עס שטעלט זיך אַ פראַגע ווי האָבן געמיינט די פרושים מיט זייער אידעאָלאָגיע און די חז״ל אין זייער פּראַקטישער שאַפונג: צי האָבן זיי געמיינט, געגלויבט אַז די הלכות וואָס זיי שטעלן פעסט, זיינען פיקסירט לדורות אָדער זיי האָבן זיך גערעכנט מיט די באַדאַרפן פון זייער צייט און לכתחילה געשאַפן טאַקע פאַר זייער צייט? נאָר פאַר זייער צייט? בנוגע צו קדושה איז עס פאַראַן קלאָר געזאָגט, אַז זיי האָבן אונטערגעשיידט צייטווייליקע קדושה (קדושה לשעה) און

קדושה עולמית — אייביקע הייליקייט. בנוגע צו הלכה האָב איך ניט געפונען קיין דירעקטן אָנזאָג פון חז״ל. (דאָס איז ניט קיין ראיה אַז עס איז ניטאָ. איך נעם עס אָבער ווי אַ סברא.) עטלעכע מאָל איז אין ש״ס אונטערגעשטראָכן אַז הלכה איז ניט תורה. אָבער די תורה איז דאָך ניט דאָס לעבעדיקע פאָלק. ״ווער עס לערנט נאָר די געשריבענע תורה איז ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין גאָט״ (עבודה זרה יז׳), ווייל דאָס לעבן פון יידישן פאָלק איז ניט די געשריבענע און פיקסירטע געזעצן נאָר אין די ״מיסטורין״ — אין דער ניט פאָרמולירטער, ניט דעפינירטער אָנדערש־קייט פון שטייגער. נאָר צוליב דעם האָט גאָט געמאַכט אַ ״בונד״ מיטן פאָלק יש־ראל. וויכטיק איז דאָס אָפּגעשיידטקייט פון אַנדערע פעלקער, די ״הבדלה״, ניט דאָס פיקסירטע. פאַרשרייבן הלכות, פיקסירן זיי אויף שטענדיק איז ווי פאַרברענען די תורה (תמורה יד׳ב׳). פאַראַן אַפילו אַ זאָג אין גמרא, אַז ״לעתיד לבא וועלן די מצוות בטל ווערן״ (נידה סא׳ב׳). אויפן אָרט ווערט דאָס וואָרט ״לעתיד לבא״ פאַרטייטשט אַנדערש, אָבער אַלע מאָל ווערט דאָס וואָרט גענוצט פאַר משיח־צייט. לעתיד לבא וועלן די מענטשן פון דער נאַטור זיין פולקאָמע. מען וועט ניט דאַרפן זיי מאַכן מאָראַלישער דורך מצוות, ווייל אין אַ צווייט אָרט זאָגט זיך טאַקע, אַז די מצוות זיינען געגעבן געוואָרן נאָר כדי צו ״לייטערן דורך זיי די מענטשן״ (אַ מדרש). מיט איין וואָרט, איך גלייב אַז ביי די חז״ל איז גאָרניט געווען קיין גלויבן אַז זייערע הלכות זיינען און דאַרפן זיין גילטיק אייביק. דערפאַר איז אַלע מאָל ביי יידן געווען אַ ווידערווילן צו פאַרשרייבן, צו פיקסירן די הלכות. יידישקייט איז אַ שטראָם, דאָס וואַסער אין שטראָם האַלט זיך אין בייטן, יידישקייט איז ״עץ חיים״. און אַ בוים באַנייט זיך כסדר: אַלטע בלעטער און בלומען פאַלן אַראָפּ און עס וואַקסן אַן נייע, יונגע. אַלטע, דיקע צווייגן מעכטיקע און אַנדערע דינינקע, שוואַ־כינקע, צאַרטע שפּראָצונגען. אָבער דאָס לעבן פון בוים איז ניט אין די גראָבע און מעכטיקע צווייגן. די זיינען שוין פאַרהאַלצט. דאָס לעבן פון בוים איז דווקא אין די יונגע, שוואַכע שפּראָצן. יידישקייט אויך אַזוי. געווען די תורה שבכתב — אַ פעסטע און שטאַרקע. ניט צוגעבן און ניט מינערן קיין פונקט, קיין אות. אין לעבן קאָן ניט זיין קיין פאַרהאַלצטע תורה. האָבן עס די צדוקים געוואָלט: האַלטן און היטן די פאַרהייליקטע, פיקסירטע, און האַרטע תורה. לעבן ווי עס לעבט זיך און אַחוץ דעם טאָג־טעגלעכן לעבן האַלטן מיר טייער אָפּגעהיט און אומבאַרירט אַ טייערע צירונג אַזאַ — די תורה. האָבן אָבער די פרושים און די חז״ל געלערנט פונקט פאַרקערט: מאי תורה? — מדרש תורה״*); די תורה איז לכת־חילה געגעבן געוואָרן מען זאָל אין איר אַריינטייטשן דאָס לעבן, דעם גאַנג פון לעבן, די הלכה... ניט פון די פסוקים איז אַרויסגעוואַקסן די הלכה, נאָר פון שטיי־

*) קדושין מט׳ב׳

גער. דער פּסוק קומט נאָר כּדי צו באַקרעפטיקן, כּדי צו פאַרבינדן תּקופות, דאָס לעבן פון היינט צו פאַרבינדן מיט דער תּורה פון אַ פריערדיקער תּקופה.

ייִדישקייט האָט אירע דריי מדרגות: די ערשטע, די איינפאַכסטע מדרגה איז אַ מינהג. מינהגים קאָנען זיין אָרטיקע, יעדע שטאָט, יעדעס שטעטל האָט זיך זיינע מינהגים, זיי זיינען „ווייכע", זיי לאָזן זיך קנעטן און בייגן, זיי זיינען פאַרשיידן אין פאַרשיידענע ערטער, פון דור צו דור קאָן זיך אַ מינהג ענדערן.

ווען אַ מינהג ווערט אָפּגעהיט אין אַ ברייטערן ראַיאָן, ווען אַ מינהג גייט אַריבער פון דור צו דור, ווערט ער שוין ניט קיין מינהג, נאָר אַ הלכה. אַ הלכה וואָס ווערט אַזוי אַלט, אַז זי פאַרלירט איר פּראַקטישן זינען, ווערט זי אַ מצווה. מצה, למשל, איז געווען דאָס געוויינלעכע ברויט פון די נאָמאַדן. בעת מתּן תּורה איז עס שוין געווען אַזוי אַלט, אַן אוראַלטע טראַדיציע, איז די דערקלערונג פאַר־בונדן געוואָרן מיט יציאת מצרים, הגם שוין לוט אין סדום האָט זיינע מלאכים־געסט מכבד געווען מיט מצות. דאָס זעלביקע איז מיט דעם וואָרט „טוטפות", וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש דריי מאָל. פון דעם האָבן זיך אַנטוויקלט די תּפילין. אָבער שוין אין צייט פון גמרא איז שוין דער אמתער זינען פון וואָרט ניט געווען באַקאַנט. עס איז אין אוראַלטערטום געווען אַ צירונג פאַר פרויען, (שבת נז). דער פּראַקטישער זינען איז פאַרלוירן און פאַרגעסן געוואָרן. אָבער עס איז געבליבן אין לעבן. ניט ווי אַ מינהג, ניט ווי אַ הלכה, נאָר ווי אַ מצווה.

און בכן דאַרפן הלכות ניט פאַרשטאַנען ווערן ווי עפּעס וואָס גילט אין אַלע דורות, אין אַלע תּקופות. די חז"ל האָבן מבטל געמאַכט אַ סך זאַכן פון דער תּורה, זיי האָבן געענדערט. יעדע תּקופה דאַרף אַזוי זיך פירן. ניט מען מעג, נאָר מען דאַרף איינפירן תּקנות און תּיקונים. דער תּנאי איז אָבער: אַלע מאָל דאַרף מען האָבן אין זינען צוויי פּרינציפּן: הבדלה — אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעלקער און המשך — עס מוז זיין אַן אַנטוויקלונג פון דער פריערדיקער תּקופה. דאָס פאָדערן וואָס די אָרטאָדאָקסיע פאַרלאַנגט איצט איינצוהיטן די פּיקסירטע, פאַרשריבענע הלכות לויט אַלע פאַרשריבענע פּרטים לגמרי ניט אין גייסט פון די פּרושים, ניט אין גייסט פון חז"ל. דער תּלמוד און די שפּעטערדיקע מפרשים האָבן פון דער תּורה שבעל פּה ביי די חז"ל געשאַפן אַ תּורה שבכתב. די היינטיקע תּורה שבעל פּה איז לגמרי ניט די וואָס אין די צייטן פון חז"ל. יענע אַמאָליקע שבעל פּה איז שוין היינט בכתב. אין אונדזער היינטיקער תּקופה האָבן מיר צוויי טיילן פון ייִדישן פאָלק: איין טייל האָט שוין לגמרי ניט קיין ייִדישקייט שבעל פּה, רעליגיע האָבן זיי, אָבער קיין שטייגער אין ייִדישקייט, קיין שאַפונגען אין מינהגים, אין שפּראַך — דאָס ניט. זיינען די טיילן שוין ווי די פאַרהאַלצענע צווייגן פון אַ בוים, ניטאָ אין זיין קיין לעבן, אָפּגעדאַרטע צווייגן פון ייִדישן פאָלק. דאָס לעבן פון גאַנצן ייִדישן פאָלק האַלט זיך בלויז ביי די טיילן, וואָס ביי זיי וואַקסט אַן פרישע

יידישקייט אין שפּראַך, אין פאַרזיכיקן שטייגער, אין פאָלקלאָר, אין געזעלשאַפט־לעכקייט און אין קולטור.

הלכות טאָרן ניט פאַראייביקט ווערן. יעדע לעבעדיקע תקופה דאַרף האָבן אירע נייע הלכות אנשטאָט אַנדערע פאַרעלטערטע. אַלץ אָבער מוז זיין אין יידיש־קייט, לויטן פּרינציפּ פון הבדלה און המשך. דאָס פאַרלאַנגען אייביקזייטן היינט די הלכה ווי זי איז פאַרשריבן געוואָרן אַמאָל — דאָס איז דער גאַנג פון די צדוקים. דאָס איז דער פאַלשער וועג פון דער היינטיקער אָרטאָדאָקסיע. פון דעם איז אָבער ניט געדרונגען, אַז די פאַרקערטע וועגן אַלץ מבטל צו זיין זיינען ריכטיק, אָדער די פרעמדע, נאָכמאַכערישע וועגן זיינען די ריכטיקע.

עס איז די טראַגעדיע פון היינטיקן יידנטום וואָס עס איז ניטאָ קיין פּרושישע ריכטונג. און עס זיינען ניטאָ היינט קיין פּרושים, ווייל מיר האָבן מער ניט קיין פּשוט, עם ארציש פאָלק, וואָס קיין תורה האָט עס ניט, אָבער שטייגער האָט עס א פעסטן. (די דעפיניציע פון עם הארץ איז פון רמב״ם). דער היינטיקער פּרושישער דרך וואָלט געדאַרפט ריכטן זיין גאַנג ניט לויט דעם היינט, ווייל היינט האָבן מיר אייגנטלעך ניט קיין ״פאָלק״ אין אמתן זינען פון וואָרט. מען וואָלט דעם אינהאַלט פון איצטיקן ריכטיקן פּרושישן ״פאָלקיזם״ געמוזט שעפּן ניט פון היינט נאָר פון דעם חרובן נעכטן.

## די קעגנזייטיקייט פון יידישן גאָט און פון יידישן פאָלק

עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אויבן אַז די יידישע רעליגיע איז ניט אַזאַ ווי ביי אַנדערע פעלקער. ביי יידן איז עס ניט קיין ״דת״ — קיין באַפעל, קיין אָנזאָג, ניט קיין רעליגיע, נאָר עס איז ״ברית״ — אַן אָפּמאַך, אַ בונד — ״איר וועט זיין מיין פאָלק און איך וועל זיין אייער גאָט״. מיט דער געטרייקייט צו גאָט שטאַרקט זיך דאָס פאָלק, ווען ניט שוואַכט זיך דאָס פאָלק אָפּ. אַזוי איז אויך מיט גאָט: ער איז שטאַרקער ווען דאָס פאָלק איז אים געטריי, ער ווערט אָפּגע־שוואַכט ווען דאָס פאָלק פאַרלאָזט אים. אַ סך מאָל איז דער געדאַנק פאַראַן אין ש״ס און אין מדרשים. ניט וויכטיק איז צו ברענגען ציטאַטעס. אָבער דער גע־דאַנק איז זייער וויכטיק. די פון אונדזערע דענקערס וואָס ווילן ניט אַנדערש זיך פאָרשטעלן גאָט, ווי אַ באַזונדערן, פאַרזיכיקן מהות, פאַר די וועט זיין זייער שווער צו באַגרייפן די אָפּהענגיקייט פון גאָטס כוח פון דער אמונה וואָס מענטשן גלייבן. דאָס דאַרפן מיר אָבער לאָזן אין אַ זייט.

א. גאַלאַמב

# יידישע יום טובים

אַלע יום־טובים און אַלע תעניתים פון יידישן פאָלק זיינען ניט קיין גאָט־יום־טובים. זייער דערקלערונג און זייער היסטאָרישע אַנטוויקלונג איז פאַרבונדן מיט דעם פאָלק און מיט זיין געשיכטלעכער אַנטוויקלונג. יעדע תקופה האָט צוגעגעבן עפּעס פון זיך, אָבער קיין איין יום־טוב, קיין שום תענית איז ניט פאַרבונדן מיט דעם מהות פון גאָט.

פאַר אַ דוגמא וועלן מיר נעמען פסח, זיין געשיכטלעכע אַנטוויקלונג. שטאַמען שטאַמט ער נאָך פון דער וואַנדער־תקופה, ווען יידן זיינען געווען נאָמאַדן־שבטים מיט שאָף און רינדער. דאָס איז דער יום־טוב פון געבורט „פּטר רחם" ווען די שאָף פאַרמערן זיך. דער בכור פון די שאָף איז געווען אַ קרבן צו גאָט. מצות זיינען געווען דער נאַרמאַלער עסן פון יענע וואַנדערער. יציאת מצרים האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעגעבן אירע זכרונות צו דעם אַלטן יום־טוב. פסח איז געוואָרן דער סימבאָל פון פרייהייט, „זכר ליציאת מצרים". אין דער תקופה פון ערד־אַרבעט איז צוגעקומען דער „עומר". אין דער צייט פון חז"ל אונטער דער הערשאַפט פון רוימער איז דער אויסדרוק „זכר ליציאת מצרים" געוואָרן אַ סימבאָל פון דעם שטאַרקן דראַנג זיך צו באַפרייען פון רוימישן יאָך; איז דער אויסדרוק „לספר ביציאת מצרים" — דערציילן וועגן באַפרייען זיך פון מצרים געוואָרן אַ מין „קאָנספּיראַציע" וועגן באַפרייען זיך פון דעם פאַרהאַסטן אָקופּאַנט. דאָס איז געווען מחמת מורא פאַר רוימישע שפּיאָנען און מוסרים. איז מיט איין מאָל דער אומשולדיקער יעקבס שווער לבן הארמי געוואָרן, כלומרשט, דער גרעסטער שונא פון יידן. אין דער אמתן אָבער האָט דער נאָמען „ארמי" געמיינט ניט לבן, נאָר רוים. די פּעדאַנטישע איינהייטלעכקייט פון דעם יום־טוב אין אַלע זיינע דעטאַלן (אַ גאַנצע מסיכתא „פּסחים"!) האָט געדאַרפט צונויפבינדן און פאַראייניהייטלעכן דאָס צעשפּרייטע פאָלק אין איין גאַנצקייט. דער פּרינציפּ: איין שטייגער איז אויך איין פאָלק. און גערעכט זיינען געווען די קיבוצים ווען זיי האָבן אַריינגעגעבן אין זייערע „הגדות של פּסח" זייער אייגענע געשיכטע פון „זייער יציאה פון גלות".

אַן ענלעכע אַנטוויקלונג האָט געהאַט דער יום־טוב שבועות. פון „חג הגז", דאָס שערן די שאָף (צו האָבן וואָל צום שפּינען און וועבן — דאָס איינציקע שטאָף צו מאַכן בגדים, צודעק און ביידלעך!) — איז אין דער תקופה פון לאַנדווירטשאַפט צוגעקומען דער „חג הקציר" — שניט־יום־טוב און דער „חג הבכורים" — די ערשטע צייטיקע פּרוכט, פאַרשטייט זיך, פאַר גאָט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אין חומש איז גאָרניט דערמאָנט דער „חג מתן תורה" — אַז שבועות איז פאַרבונדן מיט דער גרעסטער געשעעניש — מעמד

הר סיני און קריגן די תורת משה. יציאת מצרים — כסדר דערמאָנט, מתן תורה גאָרניט! ערשט די חז״ל האָבן פאַרבונדן דעם יום־טוב מיטן מתן תורה. מען דאַרף פון דעם לערנען וועגן דער אידעאָלאָגישער דאָמינאַנטע ביי יידן אין פאַר־שיידענע תקופות, וואָס עס איז גערעכנט געוואָרן ווי דאָס וויכטיקסטע. אַזוי איז אויך בנוגע צו אַלע יום טובים. ניט גאָט און זיין פּריוואַטע ביאָגראַפיע, נאָר דאָס פאָלק און די געשיכטע פון פאָלק. ניט דאָס פאָלק יומטובט זיין גאָט, נאָר פאַר־קערט, גאָט פאַרהייליקט דעם פאָלקס לעבן און זיין געשיכטע. עס קאָן אויסקומען — ניט דאָס פאָלק ישראל דינט צו זיין גאָט, נאָר דער יידישער גאָט דינט דעם יידישן פאָלק.

## דער יידישער „אחד״

דאָס זיינען אַפילו פעלקער מודה, אַז מיר האָבן דער וועלט געגעבן דעם באַגריף פון איין גאָט. נו, האָבן זיי פון אונדז גענומען דעם באַגריף און האָבן פון אים באַלד געמאַכט אַ הייליקן דריילינג פון אַ טאַטע, מאַמע און געטלעכן זון. אין גייסט פון אמתע געצנדינערס. קאָנען מיר זיי פאַרגינען די דרייאיינקייט, וואָס עס איז אין גאַנצן ניט אין אונדזער יידישן גייסט. ווייל דער יידישער „אחד״ איז לגמרי נישט אין זינען פון אַ צאָל, אָן איינס וואָס איז פריער פון צוויי. דער יידי־שער אחד מיינט איינס פון אייניקייט. אַלץ איז איינס, דער גאַנצער קאָסמאָס, די וועלט איז איינס, אַלץ איז אין גאָט און גאָט איז אין אַלץ, מיט אַלץ. איין גאָט קאָן אויך זיין אַ געץ, בפרט ווען עס ווערט פון איינס אַ גאַנצער דריילינג. דער אויפטו פון יידישקייט איז ניט אין די צאָלן פון געטער, עס ליגט אין דער דעמאַ־טעריאַליזאַציע פון גאָט. ניטאָ ביי יידן קיין אָרט פאַר באַגריפן פון מאַטעריעלע געטער, פון געטער אָדער פון איין גאָט וואָס עקסיסטירט פאַר זיך, באַזונדער, אַ פאַרזיכיקע עקזיסטענץ, באַזונדער פון דער וועלט, פון דעם באַשאַף. ניטאָ אַפילו ביים ערשטן יידן קיין מעשיות וועגן גאָט. אברהם דערקענט גאָט ווען ער ווערט אַרויסגעפירט אין דרויסן און ער קוקט אויף די שטערן, דורך דעם באַשאַף דער־קענט ער דעם באַשעפער, אין דעם באַשאַף זעט ער געטלעכקייט. משה זעט ניט גאָט. ער קריגט געטלעכע אויפגאַבעס, שליחותן צו טאָן, דורכצופירן, גאָט שיקט אים, גאָט פירט אים, ער טוט גאָטס רצון, ער באַמיט זיך צו דערציען אַ געטלעך פאָלק, ער פילט דעם „אל שדי״, די אַלמעכטיקייט פון גאָט, ער איז פול מיט די שליחותן פון דעם „גאָט פון אבות״, אָבער ניט פון אַ גאָט וואָס האָט אַ באַזונדערן פּריוואַטן נאָמען ווי עס האָבן געטער פון אַנדערע פעלקער. גאָט זאָגט משהן, זיין פּריוואַטן נאָמען האָט ער אויך די אבות ניט אָנגעגעבן. עס איז לכתחילה אַן

אַנדער באַגריף װעגן גאָט, ניט אַ גאָט פון דעם אַדער יענעם פאָלק, נאָר „אלוהינו מלך העולם" אַ גאָט װאָס „לא תישא את שם אלוהיך", ניט אין נאָמען גייט עס, עס איז מער אַ סימבאָל פון צדקה ומשפט, אַ סימבאָל פון מעכטיקייט, אַ סימבאָל פון איינהייט. אָט דעם באַגריף פון אַ מאַטעריעלן גאָט — דעם באַגריף האָבן געצנדינער ניט געקאָנט איבערנעמען פון אונדז, זיי האָבן עס ניט געקאָנט אין משך פון צוויי טויזנט יאָר, זיי זיינען געבליבן ביי זייערע מאַטעריעלע באַגריפן.

דערפאַר זיינען ביי פעלקער צוויי באַזונדערע שטראָמען פון קולטור: די רעליגיע איז באַזונדער, פאַר זיך און די װעלטלעכע קולטור איז װידער באַזונדער, אַ צווייטער שטראָם. „גיב דעם קייסער װאָס אים קומט און גאָט װעסטו געבן זיינס". ביי יידן איז עס איין שטראָם צוזאַמען. די יידישע רעליגיע איז ניט געקומען פון דער פרעמד, ניט גענומען פון קיינעם. דאָס פאָלק האָט פאַרהייליקט זיין גאַנצע קולטור, זיין פאָלקישקייט, די יידישקייט איז געוואָרן זיין געטלעכקייט. לויט די באַגריפן פון חז"ל האָט טאַקע דער יידישער גאָט ניט קיין אַנדער הייליקייט אַחוץ דער יידישקייט („אין לו להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה"). װאָס עס איז הייליק פאַרן פאָלק איז אויך הייליק פאַר דעם יידישן גאָט. גאָט הייסט טאָן דאָס װאָס די יידישע אויטאָריטעטן געפינען פאַר נויטיק. חז"ל הייסן אָנצינדן שבת־ליכט, הגם אין דער תורה שטייט פאַרקערט, אַז מען טאָר ניט אָנצינדן קיין ליכט שבת, און אַ ברכה מאַכט מען, אַז „גאָט האָט אונדז געהייליקט און געהייסן אָנצינדן שבת־ליכט און גאָט דאַרף מען פאָלגן. און אַזוי אַ סך מאָל. יידישע אויטאָריטעטן באַשטימען און דער יידישער גאָט נעמט אָן דעם באַשלוס! לכתחילה איז יידישקייט געטלעך, הייליק. די גאַנצע יידישע קולטור, אַלץ װאָס עס איז געשאַפן אין יידישקייט, אַנדערש װי אַלע גויִשקייטן, אָרגאַניש יידיש, טראַדיציאָנעל יידיש. אַל דאָס איז במילא הייליק אין נאָמען פון יידישן גאָט. איין שטראָם. אַלע װאָס טיילן פאַנאַנדער: הייליקע רעליגיעזע יידישקייט באַזונדער און װעלטלעכע באַזונדער, װאָס איז װאָכעדיק, ניט הייליק, — אַלע די גייען אויף אַ ניט־יידישן װעג, אויף אַ דואַליסטישן װעג װאָס איז לכתחילה פרעמד, ניט אין יידישן גייסט און ניט אין אונדזער גוסט. דעם „אחד", דעם קולטור־מאָניזם האָבן פעלקער ניט געקאָנט איבערנעמען פון אונדז. און יידן היינט — אונדזערע פרומע און די װעלטלעכע האָבן זיך געלאָזט גיין אויף פרעמדע װעגן צו שפאַלטן דעם „אחד" — די גאַנצע איינהייטלעכקייט פון אונדזער יידישער קולטור.

װעגן משה רבינו זאָגט זיך ערגעץ אין ש"ס (איך דערמאָן זיך ניט װוּ), אַז ער איז געװען אַן אוהב ישראל. עס װאָלט, לויט מיין מיינונג געװען ריכטיקער צו זאָגן, אַז ער איז געװען פאַרגלויבט אין יידישקייט. ער מיט זיינע געטלעכע טרוימען פון „מלכות שדי אויף דער ערד", האָט זיך געלאָזט גיין אין דער געטלעכער שליחות צו נעמען אַ פאָלק פון קנעכט און אים איבערגעבן אָט די גרויסע

געטלעכע שליחות פון „הלוואי וואָלטן אַלע אין פאָלק געווען נביאים", צו מאַכן פון זיי אַ „ממלכת כוהנים" און אַ הייליק פאָלק". די חז"ל זיינען אויך ניט ווייני־קער געווען פאַרגלויבט אין יידישקייט. זיי זיינען געווען אין כעס אויף דעם גרעסטן פון די נביאים — ישעיה און צוגעטראַכט אויף אים אַ האַרבע שטראָף, ווייל ער האָט צו שאַרף זיך אויסגעדריקט וועגן יידישן פאָלק. זיי האָבן געגלויבט אַז דאָס יידישע פאָלק וועט ברענגען משיחן פאַר דער גאַנצער וועלט; זיי האָבן געגלויבט אַז יידישקייט איז געטלעך, זייער שטייגער איז נאָך ווירקלעכער, נאָך געטלעכער ווי די תורה פון משה. זיי האָבן געגלויבט, אַז „אויב ניט קיין נביאים, אָבער בני נביאים זיינען זיי". זיי האָבן הייליק געהאַלטן די צווייטע שפּראַך וואָס יידן האָבן גענוצט (אַראַמיש) און זי אַריינגענומען אַפילו אין תנ"ך, אין די הייליקסטע תפילות: קוים פירן זיך אַזוי די יידן ווי יידן, אַנדערש פון די אַנדערע פעלקער, איז עס שוין במילא הייליק, געטלעך.

## די אחדות פון באשאף

עס איז אָבער ביי יידן פאַראַן נאָך אַ העכערער אחד — די איינהייטלעכע גאַנצקייט פון דעם גאַנצן קאָסמאָס. פאַראַן אַ גמרא וואָס זאָגט אַז גאָט האָט באַ־שאַפן זיין וועלט לויט דער תורה. „ער קוקט אין דער תורה און באַשאַפט זיין וועלט". די תורה איז פריער פאַר דער וועלט. אַ גרויסע אידעע ליגט אין דעם קורצן זאַץ. פילאָסאָפן וואָלטן גאַנצע טראַקטאַטן וועגן דעם געשריבן. לאָמיר עס פאַר־שטיין: דער קאָסמאָס איז ניט אייביק, ער איז באַשאַפן געוואָרן. צי זעקס טויזנט יאָר צוריק, צי זעקס מיליאַרד יאָרן צוריק — אַלץ איינס. דער קאָסמאָס האַלט אייביק אין שאַפן זיך און איבערשאַפן זיך. אָבער די געזעצן פון קאָסמישן באַשאַף און פון זיין אייביקן באַשאַפן זיך, די געזעצן זיינען אייביק. צי מענטשן ווייסן די געזעצן, אָדער ניט — אַלץ איינס, לויט זיי באַשאַפט גאָט זיין וועלט. גאָט ווייס די געזעצן, ער קוקט אין דער אָט דער „תורה פון קאָסמאָס" און באַשאַפט.

געקומען מענטשן, געשאַפן אַ געזעלשאַפט, איז געוואָרן אַ מענטשלעכע תורה. דאָס איז די תורה פון די בני „נוח". חז"ל פאַרגינען זיי ניט דעם געהויבענעם טערמין „תורה", רופן זיי עס „די זיבן מצוות פון די בני נוח". ביז עס איז געקו־מען דער ערשטער ייד, אברהם און ער האָט אַנטפּלעקט אַ נייע תורה, פון „צדק ומשפט". און אָט די תורה איז אַזוי פעסט און אייביק ווי פעסט און אייביק עס איז און עס דאַרף זיין די תורה פון קאָסמאָס.

דאָס איז דער העכערער פירוש פון דעם יידישן אחד. עס איז אחד פון קאָס־מאָס, פון געטלעכקייט, פון תורה. יידישקייט באַמיט זיך צו פאַרבינדן אַלץ אין

איין מאניזם. יידישקייט זעט אויך דעם באַשעפער דורך דעם באַשאַף, דורך די געזעצן וואָס הערשן אין דעם באַשאַף, אין קאָסמאָס, אין יידישקייט, אין די געזעצן פון קאָסמאָס, אומעטום. יידישקייט גיט נאָר צו איין נייעם פרינציפ ווי ער וואָלט אויך געשטאַמט אין גאַנצן פון גאָט, דאָס איז דער פרינציפ פון „צדקה ומשפט" וואָס ווערט פאָרמולירט ביי דעם ערשטן יידן און גייט דורך ווי אַ שנור דורך אַלע יידישע תקופות און דורות.

די אחדות און מאניזם פון באַשאַף איז געווען ביז מיט עטוואָס מער ווי אַ הונדערט יאָר צוריק אַ ניסתר פאַר דער מענטשהייט. מענטשן האָבן געזען אַ סך פאַרשיידענע זאַכן און ניט געזען קיין פאַרבינדונג צווישן זיי. אַלכעמיקער האָבן אָנגעקליבן בערג מיט ידיעות וועגן שטאָפן, אָבער אָן אַ צוזאַמענהאַנג. ביאָלאָגן האָבן זיך באַקענט מיט אַ סך באַשעפענישן. מען האָט געזוכט און באַשריבן. מען האָט אָבער ניט געוווּסט און ניט פאַרשטאַנען די פאַרבינדונג אין דער פילצאָליקייט.

ערשט אין מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט עס דאַרווין אַנטפלעקט דעם אחד אין דער אומענדלעכקייט פון די מינים און אַרטן באַשעפענישן. עטוואָס שפעטער איז געקומען די פעריאָדישע סיסטעם פון כעמישע עלעמענטן, וואָס האָט געוויזן די קרובהשאַפט צווישן שטאָפן. ערשט די אַטאָמישע וויסנשאַפט האָט דערבראַכט צום אחד פון שטאָף, ערשט איינשטיינס פאָרמול האָט קלאָר געמאַכט די פאַרבינדונג, דעם אחד פון ענערגיע און מאַטעריע. דער „אחד" איז פון אַ ניסתר געוואָרן אַ ניגלה. גאָרניט וויסנדיק פון דעם אַלעם האָט דער ערשטער ייד געפילט אחדות הבריאה מיט דעם אחדות הבורא.

וועגן איינשטיינס ערשטער אַרבעט האָט פאַרגעזאָגט דער באַרימטער פראַנצויזישער געלערנטער פאונקאַרע, אַז אויב דער יונגערמאַן וועט זיין גליקלעך צו געפינען די פאָרמול פון אַלע פאָרמולעס, וואָס זי פירט אָן מיט אַלע געזעצן פון דער וועלט, וועט אָט די פאָרמול זיין די פאָרמול פון גאָט... אַזוי האָט עס געזאָגט אַ גרויסער ניט־ייד. אַ ייד וואָלט ניט גענוצט דאָס לעצטע וואָרט. ניט די פאָרמול פון „גאָט", אַ ייד וואָלט געזאָגט: דאָס וועט זיין די פאָרמול פון דעם אַלגעמיינעם, אַלזייטיקן „אחד".

קאָנען מיר דאָס לאָזן פאַר די יורשים פון די געצנדינערס צו שאַפן גאַנצע וויסנשאַפטן וועגן גאָט און זיין מהות, גאַנצע טעאָלאָגיעס. יידן דאַרפן עס ניט, יידן קאָנען און דאַרפן זיך באַגנוגענען מיט אַלע געביטן פון קאָסמאָס־וויסנשאַפטן. האָבן נאָך פאַרצייטן יידישע חז"ל פאַרבאָטן צו שטודירן „מעשה מרכבה" (טעאָלאָגיע).

# עם הספר אָדער ספר העם

פרעמדע האָבן אונדז באַזאָרגט מיט אַ געהויבענעם טיטול: מיר יידן זיינען „פאָלק פון ספר", גאָט ברוך הוא האָט אונדז געגעבן זיין תורה, און מיר דאַרפן זי היטן. אַ שטייגער, ווי דורות היטן אַ שטערנטיכל פון אַן עלטער־באָבען. און ווייל מיר זיינען שלעכטע שומרים, האָט דער שטרענגער יידישער גאָט באַשאַפן זיי — די פעלקער — אונדז צו שטראָפן. זיי אַליין — מלא רחמים, אָבער זיי מוזן שטראָפן, ווייל אַזוי הייסט זיי גאָט אַליין, הגם ער איז נאָך אַ שטיקל קרוב צו אונדז אויך, טאַקע נאָר פון דער מאַמעס צד, אָבער דאָך אַ קרוב... זיי זיינען די בעלי רחמים און זייער גאָט איז מלא רחמים, אָבער זיי זיינען דען שולדיק, אַז מיר אַליין האָבן געזינדיקט און מיר זיינען פון גוטן בעל הרחמים פאַרשאָלטן ?...

דאָס איז זייער פירוש. מיר פאַרשטייען עס אַנדערש. אָבער אויך יידן מאַכן דאָ טעותים אָן צאָל. אויך יידן פאַראַן וואָס שיידן אָפּ: גאָט און זיין תורה — כולו קודש. דאָס פאָלק ישראל — כולו זינדיק, „עם כבד עוון, זרע מרעים" און נאָך און נאָך אָן אַ סוף... יעדער ייד איז מחויב צו היטן די תורה ווייל גאָט וועט באַצאָלן איטלעכן פאַר זיין שמירה.

צו וואָס דאַרף עס גאָט די גאַנצע בוכהאַלטעריע ? צו וואָס די חשבונות ? האָט ער געלאָזן אַלע קאָסמישע געזעצן ניסתר, ער קאָן אויסקומען אָן די מענטשן, זיי זאָלן היטן זיינע געטלעכע סודות ? זיינע געזעצן. ניט ער אַנטפּלעקט דעם מענטשן זיינע געזעצן, ניט ער פאָדערט פון מענטשן צו היטן עפּעס. פאַרוואָס איז גאָט אַזוי פאַרזאָרגט וועגן דעם אויפפיר פון יידן, וואָס דאָ איז ער אַזוי שטרענג ? דאָ האָט ער אַליין פאַרשריבן אַלע חוקים, אַלע מצוות, דינים און משפטים און עס געגעבן די יידן צו היטן ?

איז די גאַנצע פאַרשטעלונג, די גאַנצע טעאָריע צו איינפאַך און צו פּרי־מיטיוו. אין דער אמתן האָט גאָט איינגעשטעלט זיין וועלט און ער פירט דעם קאָסמאָס לויט זיינע קאָסמיש־געטלעכע געזעצן, פּרינציפּן. ער דאַרף ניט קיין הילף פון קיין מענטשן און אויך ניט פון יידן. גאָט איז לגמרי ניט מגלה זיינע ניסתרות. די קאָסמישע געזעצן געפינען אויס מענטשן אַ דאַנק דעם געטלעכן גייסט אין זיי, אין די מענטשן. די תורה פון קאָסמאָס, די תורת המענטש און די תורת ישראל — זיי אַלע זיינען פאַראַן. אָן זיי איז אַלץ בלויז אַ תוהו ובוהו. דער מענטש — די איינציקע באַשעפעניש וואָס האָט געגעסן פון עץ הדעת, אַנטפּלעקט די געזעצן, וואָס זיי זיינען סיי ווי פאַראַן. דער מענטש פאָרמולירט די געזעצן, ער איז מגלה די ניסתרות. איז אונדזער תורה אויך ניט געגעבן אונדז אַ פאַרטיקע, אַן „אָפּגע־שניטענע", האָט דאָס יידישע פאָלק אַ גרויסן שעפערישן חלק אין דער תורה. איז עס ניט ריכטיק די פאָרמול „עם הספר", עס איז פאַרקערט — די תורה איז דער

„ספר העם" — אין פאָלקס לעבן אַנטפּלעקט זי זיך, אין פאָלקס לעבן ווערט זי אויסגעצייטיקט און טאַקע דער געטלעכער גייסט אין פאָלק פאָרמולירט זי — די תורה. מיר זיינען דערפאַר אַן עם הספר, ווייל מיר לעבן מיט דעם „ספר העם", מיט דער תורת ישראל וואָס שפּראָצט כסדר און וואַקסט און בליט און פרוכטיקט כל זמן ישראל איז עכט ישראל, „בשעה שעושה מעשי עמך".

בכן, איז יידישקייט — יידישער שטייגער דער מקור פון יידישער תורה; די יידישע תורה איז דאָס יידישע לעבן געפורעמט און פאָרמולירט; די יידשע תורה איז ניט קיין פיקסירטע, אָפּגעשניטענע, עד כאן און מער ניט. חלילה! כל זמן יידן לעבן יידיש, כל זמן יידישקייט איז פאַרזיכיק, אויסגעשפּראָכן אַנדערש, — איז דאָ, וואַקסט און מערט זיך יידישע תורה, ווי די גמרא זאָגט עס „דברי תורה פרים ורבים". דער וואָס לייקנט אין דעם אַנאויפהעריקן שטראָם פון יידישקייט, דער איז אַ כופר. אמונת ישראל מיינט ניט גלייבן אין אַ גאָט, עס מיינט זיין איינ־געגלויבט און געטריי זיין יידישקייט, דעם יידישן גייסט, געטריי איז אמונה. דאָס וואָרט אמונה האָט צוויי טייטשן: אמונה מיינט גלויבן. אָבער נאָך פריער איז דאָס וואָרט געניצט געוואָרן צו באַצייכענען געטרייקייט, איבערגעגעבנקייט. יידישע אמונה מיינט דערפאַר זיין געטריי דער יידישקייט, דעם יידישן פאָלק. דערפאַר זיינען גערעכט די חז"ל, וואָס האָבן ניט איין מאָל געזאָגט אַז דער יידישער גאָט נעמט זיך אָן מיט דעם כוח פון זיין יידישן פאָלק. מיט דער געטרייקייט צו יידיש־קייט שטאַרקט זיך דער יידישער גאָט, און פאַרקערט. די תורה איז געטלעך ניט דערפאַר וואָס גאָט האָט זי געשריבן מיט זיין האַנט און זי געגעבן אונדז. די תורה איז הייליק דערפאַר וואָס זי איז געשאַפן געוואָרן מיט דעם געטלעכן גייסט וואָס לעבט אין דעם יידישן פאָלק. היטן יידישקייט דאַרף ניט דער גאָט אין אייבעם פון די הימלען, פאַר זיך, פאַר זיין געטלעכן כבוד. די תורה הערט ניט אויף אי־בערצוהזרן, אַז דאָס גליק פון פאָלק הענגט אָפּ פון דעם אויפפיר פון יידן. מיט דער מאַכטיקייט פון פאָלק איז אויך שטאַרקער דער יידישער גאָט.

פאַר די וואָס דענקען וועגן גאָט מיט ניט יידישע באַגריפן, וועט דער גע־זאָגטער געדאַנק בלייבן ניט פאַרשטענדלעך. איך האָב אויף זיי רחמנות... און יידן זיינען דערפאַר דער עם הספר, ווייל דער ספר פון יידישקייט הערט ניט אויף זיך צו שאַפן אין יידישן לעבן, פון דעם יידישן לעבן.

און נאָך איין חוק, איין געזעץ פון דער יידישער געשיכטע: דאָס יידישע פאָלק, אָדער אַ שבט פון יידישן פאָלק לעבט כל זמן ער הערט ניט אויף צו שאַפן דעם „ספר העם". דאָס יידישע פאָלק איז דער עם הספר כל זמן עס שאַפט זיך אין אים דער ספר העם.

## יידישע ניסים

יאָ, איך גלייב אין זיי, אין יידישע ניסים. דער גאַנצער קיום פון יידישן פאָלק ביז היינט איז אַ נס. אָבער מען דאַרף ניט גלייבן צו פּרימיטיוו אַז ניסים פאַלן אַראָפּ פון הימל, ווי אַ מתנה פון גאָט מחמת דאַנקבאַרקייט דערפאַר ווייל יידן זאָגן תהלים. דער כוח פון ניסים ליגט אויך אין די נשמות פון יידישן פאָלק. ווער עס נעמט אויף מיט אַלע זיינע חושים די מלחמות וואָס דער יידישער מדינה קומט אויס צו פירן, דער קאָן פאַרשטיין דעם סוד און יסוד פון נסים. און זיכער זיינען פאַראַן נאָך מער ניסים, וואָס זיינען ווייט ניט באַקאַנט נאָך. און אין דער זעלביקער צייט דערוויסן מיר זיך, אַז 70 פּראָצענט פון אַלע נייע אידעען אין טעאָרעטישער פיזיק שטאַמען פון מדינת ישראל. דאָס איז אויך אין סכום פון די יידישע ניסים. שטודירן די „מעכאַניק" פון יידישע ניסים, פאַרוואָס זיי קאָנצענטרירן זיך אין דער מדינה — דאָס אַליין וואָלט געדאַרפט זיין אַ מסיכתא אין דער יידישער תורה. לאָ־מיר דאָ נאָר עטוואָס אָנרירן די פראַגע:

אין דער פריערדיקער תקופה, אין דער תלמודיש־שטעטלשער תקופה איז ניט געווען קיין שטעטל, וואָס זאָל ניט האָבן זיך צו באַרימען מיט עילויים, לומ־דים, גרויסע לייט. עס איז געווען ווי פרץ דערציילט „גאָלדענע עטרות"/ און איי־זערנע מוחות;/ אַנדערע יאָרן/ גאָר אַנדערע כוחות/. „און פראָזשבעס צו רענדלעך;/ און תורה מיט גראָשן (זייער וואָלוול"). (מאַניש). און ווי נאָר דאָס שטעטל האָט אַ קליין ביסל אַריינגעקוקט אין שטאָט, איז שוין אויפגעקומען אַ נייע תורה — זיינען ביי יידן אויפגעקומען שרייבערס און דיכטערס, און דענקערס און טוערס און בויערס. פון וואַנען קומען זיי אַלע? טאַקע פון שטעטל אַלע — גע־לערנטע און אומגעלערנטע, ווי פון זיך אַליין, אַן סעמינאַרן, אַן קאָלעדזשן און אַן אוניווערסיטעטן, אויטאָדידאַקטן אַלע; פון שניידער־וואַרשטאַטן, שוסטערס, ניט קיין געלערנטע, ניט שטודירט, און מיט איין מאָל, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן. איז עס ניט קיין נס? האָט עס אַמאָל איין יוסף געזאָגט אויף זיך, אַז גאָט האָט אים געשיקט קיין מצרים, ער זאָל קאָנען שפּייזן די גאַנצע משפחה („כי למחיה שלחני ה'"). האָט עס דאָס יידיש שטעטל פון מזרח־אייראָפּע געקאָנט זאָגן, אַז עס האָט אַרויסגעשיקט איבער דער גאָרער וועלט הונדערטער טויזנטער יוספס, זיי זאָלן אויפבויען ישובים, פעסטונגען אין אַלע נייע לענדער פון דער וועלט און אויפבויען אַ מדינה — קליין, וואָס לעבט און האַלט זיך כסדר מיט ניסים.

און זעט ווייטער: ניטאָ מער דאָס שטעטל, ניטאָ מער קיין יידישע שריי־בערס, קיין יידישע טוערס, סיידן אין מדינת ישראל. איז דאָס אויך אַ סוגיא וואָס מען דאַרף לערנען, לערנען און פאַרשן. די חז"ל אין זייער צייט האָבן גע־האַלטן אַז „תלמוד תורה איז כנגד כולם" — וויכטיקער פון אַלע אַנדערע מצוות.

וואָלטן היינט די חז״ל געפּסקנט, אַז דער „תלמוד השטעטל״ איז די גרעסטע מצווה. זאָל מיר זיין דערלויבט צו ברענגען דאָ מיינע אַ סברה, אַ געדאַנק. איך גלייב, אַז די שעפּערישקייט, די ניסימדיקע שעפּערישקייט פון יידישן פאָלק, איז פאַרבונדן צוגלייך מיט דער תורה מיט צוויי עלעמענטן: קאָנצענ־טרירטקייט און „אתה בחרתנו״. אין שטעטל האָבן מיר געלעבט אין מאָניזם — איין שטייגער, איין קולטור. עס קאָן ניט זיין קיין מזל ברכה אין אַ קולטור־דואַליזם; מען קאָן ניט איינצייטיק לעבן אין צוויי קולטורן, אין צוויי וועלטן. אין דער מדינה איז אַזוי. אויך אין שטעטל האָבן יידן געלעבט אין איין קולטור מיט איין קולטור, מיט איין שטייגער און מיט איין טראַדיציע. אין דעם אור־באַניזם אין דער וועלט האָבן יידן ניט געשאַפן קיין אייגענע אָרגאַנישע מאָנאָ־קולטור. דערפאַר איז דער אורבאַניזם אַזוי ניט שעפּעריש ביי יידן ביז היינט.

דער צווייטער פאַקטאָר איז דער „אתה בחרתנו״. אָבער קודם כל דאַרף איך בעטן מחילה ביי די יורשים פון די משכילים, וואָס האָבן אַזוי פּיינט דאָס וואָרט „אתה בחרתנו״. מען דאַרף זאַכן פאַרשטיין ווי זיי זיינען. איטלעך פאָלק האָט זיין אתה בחרתנו, האָט זיין אייגנליבע, זיין אייגן־אַכטונג, דרך ארץ און אַכטונג צו זיך. עס קאָן זיין אַ מענטש וואָס האָט ניט קיין גלויבן, קיין דרך ארץ, קיין צוטרוי צו זיך, אַזאַ מענטש קאָן ניט דערגרייכן אין לעבן קיין הע־כערע מדרגה. ער גייט אַריבער ביסלעכווייז אין דער מדרגה פון „באַנטשע שווייג״ און ווי אַ מענטש, אויך אַ קאָלעקטיוו, אַ גאַנץ פאָלק: אָן אייגנליבע, אָן זיכאַכטונג קאָן אַ פאָלק ניט זיין שעפּעריש.

## „קדשנו במצוותיו וציוונו.. ״

דאָס איז דער געוויינטלעכער נוסח פון אַלע ברכות, וואָס אַ פרומער ייד מאַכט הונדערט מאָל אַ טאָג. זיי זיינען ניטאָ אין תורת משה, איינגעפירט האָבן זיי די חז״ל צו דאַנקען גאָט פאַר יעדער הנאה, פאַר יעדן עסן און טרונק, פאַר יעדן ביסן ברויט און טרונק וואַסער, פאַר אַלץ, פאַר אַלץ קומט גאָט אַ דאַנק. עס עקלט אַ פרומען יידן, ווען ער זעט אַ ייד גיט אַ זופּ עפּעס „ווי אַ גוי, אפילו אָן אַ ברכה, פע!״... אפילו גאָר קליינע קינדער פלעגט מען לערנען צו מאַכן אַ ברכה ביים עסן די ברכות ווייזן אויף אַ טיפן גלויבן: אַלץ קומט פון גאָט, פאַר אַלץ דאַרף אַ מענטש זיין דאַנקבאַר צו גאָט. עס פרעגט זיך אָבער ווער דאַרף די ברכות? ווער דאַרף די מצוות? צו וואָס דאַרף גאָט די דאַנק־באַרקייט פון מענטשן פאַר יעדער קלייניקייט? איז דאָס גאָט אַזוי נויטיק די דאַנקבאַרקייט פון דעם „בחיר היצורים״? דאַרף ער דאָס? פאַרלאַנגט ער

דאָס? איז דער אמת גאָר אַנדערש: האָט עס שוין געזאָגט אַ מדרש, אַז די מצוות זיינען געגעבן געוואָרן צו לייטערן די מענטשן און די יידן (תנחומא, שמיני ח׳). לייטערן מיינט — אויסרייניקן, בעסער מאַכן, מאָראַלישער. דאָס זעלביקע זאָגט דער רמב״ם (ספר המצוות, שורש ד׳). איבעריקנס זאָגט עס דער טעקסט פון דער ברכה גופא „קדשנו במצוותיו״ — דורך די מצוות ווערט מען הייליקער. ניט פאַר גאָט זיינען די מצוות נאָר פאַר דעם מענטשן. און אָט פאַרוואָס: אין מענטשן זיינען פאַראַן דראַנגען — גוטע און שלעכטע; יצר טוב און יצר הרע. שלעכט איז ווען דער מענטש פאַלט אַריין אין די הענט פון די שלעכטע דראַנגען. ער קאָן זיך ניט אָפּגעווינען, ביז אַלע צרות קומען אויף אים די מצוות און עבירות זיינען אַ מין איינהאַלטער וואָס לאָזט ניט דעם „מאָטאָר״ אין מענטשן צו ווייט לויפן. אַ מאַשין האָט אַ מאָטאָר וואָס מאַכט זי אַרבעטן און זי האָט אויך איינהאַלטערס אָפּצוהאַלטן ווען מען דאַרף. בהמות האָבן אַ צאַם און אַ מענטש מוז אויך האָבן אַ מין מאָראַלישן צאַם. עס איז ביי מיר אַ געפיל אַז צווישן דער רעליגיעזער יוגנט זיינען וויי־ניקער פאַרברעכער ווי צווישן די ניט רעליגיעזע. די געבאָטן דאַרפן ניט זיין דווקא רעליגיעזע. זיי קאָנען זיין סאָציאַלע, מאָראַלישע, אידעאַלן בכלל. דער עיקר — אַ פּראַקטיק אַזאַ. אַ מענטש לעבט ניט פאַר זיך אַליין. כדי צו פאַר־שטאַרקן די מאָראַליש־סאָציאַלע אחריות ביי יידן האָבן נאָך די חז״ל אַלע נאָ־ציאָנאַלע אויפגאַבעס און באַדאַרפן אַריינגענומען אין סכום פון רעליגיע. די רעליגיע איז געוועזן די איינציקע מאַכט איבער יעדן באַזונדער. זי האָט גע־צוואונגען יעדן יידן טאָן זיינע פליכטן פאַרן כלל פאָלק. דער זעלביקער פּרינ־ציפּ: די יידישע רעליגיע איז אַ פאָלק־רעליגיע. ניט פאַר גאָט נאָר פאַרן פאָלק; גאָט העלפט אויספירן דעם פאָלקס באַדערפעניש. אַנדערע פעלקער האָבן פאַר זייערע פאָלקישע אינטערעסן אַ באַזונדערע וועלטלעכע מלוכה־מאַכט. יידן האָבן אַזאַ מאַכט וואָס זאָל היטן די פאָלקישע אינטערעסן ניט געהאַט אין משך פון גאַנצן גלות, אַ צייט לענגער ווי די גאַנצע געשיכטע פון די אַרומיקע פעלקער, האָבן די יידן ניט געהאַט קיין וועלטלעכע מלוכה־מאַכט, האָט די רעליגיע איבערגענומען די נאַציאָנאַלע באַדאַרפן פון יידישן פאָלק און זי האָט זיי פאַרהייליקט! ״וקדשנו במצותיו״. יעדער ייד דאַרף דינען זיין פאָלק און דינען דעם פאָלק — דאָס איז ביי יידן דינען גאָט.

ווער אָבער הייסט טאָן די מצוות? זיי זיינען באַשטימט אויך ניט פון הימל. ס׳איז שוין געבראַכט געוואָרן דער ענטפער פון חז״ל אויף אַ בת קול — גאָר פשוט, אָפּגעוואָרפן: „אין אנו משגיחין בבת קול״. זיי נעמען ניט אין אַכט. ניט גאָט באַשטימט, נאָר די אויטאָריטעטן פון פאָלק באַשטימען. אין דער תורה שטייט בפירוש „לא תבערו אש בכל מושבותיכם״ צינדט ניט אָן קיין פייער

שבת. די קאַראַימער פאָלגן טאַקע אויס און זיצן אין דער פינצטער. די חז״ל האָבן דאָ ווי אויך אָנדערשוווּ געמאַכט אַ ״רעוואָלט״ און באַשטימט דווקא לכבוד שבת יאָ אָנצינדן ליכט און אַ ברכה מאַכן ״געבענטשט ביסטו גאָט אונד־זער גאָט, דער מלך פון דער וועלט וואָס האָט אונדז געהייליקט מיט זיינע מצוות און ער האָט אונדז אָנגעזאָגט אָנצוצינדן שבת־ליכט״. אַזאַ רעוואָלט איז אויך געווען דער ״עין תחת עין — ממון״. אין דער תורה שטייט געשריבן קלאָר און דייטלעך ״צאָן פאַר צאָן, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ נפש פאַר אַ נפש״. חז״ל האָבן געדרשנט, ניט קיין גלידער, נאָר געלט פאַר די גלידער. (בבא קמא פג׳ פד׳) . דאָס איז אַ רעוואָלט ״מחמת געטרייקייט״. אַזוי דערקלערט מען זאָל עס קאָנען אויפנעמען אין אַלע דורות די תורה זאָל ניט זיין פאַרעלטערט, זי זאָל בלייבן אַקטועל אַלע מאָל. דערפאַר זאָגן זיי, אַז מען טאָר גאָרניט פאַר־טייטשן אַ פסוק ווי ער איז. חז״ל באַשטימען און גאָט, דער יידישער גאָט נעמט אָן דעם באַשלוס פון יידישן דין. ווי רבי עקיבא זאָגט עס בפירוש. די חז״ל האָבן בפירוש געזאָגט, אַז כדי צו פאַרפעסטיקן ביי יידן תורה דאַרף מען צומאָל מבטל זיין פּרטים (״פעמים שביטולה של תורה זהו יסודה״). כדי איינצוהיטן די תורה, זי זאָל אַלע מאָל זיין אין אַלע תקופות און סביבות אַק־טועל, דאַרף מען זי אויסטייטשן און צופּאַסן אַלע מאָל. וויל מען אָבער די תורה (אָדער יידישקייט) אויפנעמען ווי עס איז געשריבן, — מיינט עס אומברענגען יידישקייט, חרוב מאַכן. אַזוי איז אונטערגעגאַנגען די צדוקישע יידישקייט אין דער צייט פון בית שני. אַזוי איז אונטערגעגאַנגען די קאַראַימישע יידישקייט. עס שרייבט אַ גרויסער יידישער געלערנטער, אַז די יידישע רעליגיע האָט אויפ־געהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק. איז אָבער דאָ פאַראַן אַן אומפּינקטלעכ־קייט: ניט די פיקסירטע, אומגעענדערטע רעליגיע, נייערט עס איז די געטרייע פאָלקישקייט, וואָס איז כסדר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רעליגיעזער הייליקייט — זי האָט אָפּגעהיט דעם קיום פון פאָלק.

ביי היינטיקן טאָג איז די תורה שבכתב ניט בלויז תורת משה, נאָר אויך די גאַנצע ליטעראַטור וואָס איז אין דער צייט פון חז״ל געווען נאָך בעל פּה — דער תלמוד, דער ״יד החזקה״ און דער שולחן ערוך. דאָס איז אַלץ בכתב. אַ יידישקייט שבעל פּה האָט געהאַט בלויז דער שבט פון מזרח־אייראָפּע בלויז ער איז געווען שעפעריש, בלויז ער האָט געבויט און געפלאַנצט יידישקייט ווייטער. בלויז ער האָט געבויט און בויט די מדינה. די שבטים וואָס האָבן גע־היט בלויז די רעליגיע־יידישקייט, האָבן ניט געהאַט קיין לעבן, זיי זיינען גע־גליכן צוביימער פאַרדאַרטע, טויטע ביימער, פאַרהאַלצטע וואָס פוילן אויף זייערע וואָרצלען.

די היינטיקע רעפאָרמער פון אַלע ריכטונגען קאָנען ניט אויפהיטן יידיש־

קייט דערפאַר ווייל זיי זיינען ניט פאָלקיש געטריי. די אָרטאָדאָקסיע ווידער קאָן עס ניט זיין, ווייל זי וויל נאָר איינהיטן די יידישקייט וואָס בכתב, ווייל זי גלייבט ניט אין דער שעפערישער וועלטלעכער קולטור פון מזרח־אייראָפּע און זי באַמיט זיך ניט זי ממשיך צו זיין. און לסוף קאָנען אויך די וועלטלעכע אויף דעם ניט פּרעטענדירן, ווייל זיי האָבן צוויי עבירות: זיי האָבן געלייקנט אין דער גאַנצער יידישקייט ביז זיי, געפּסלט גאָר די יידישקייט, ווייל זי איז פאַרהייליקט רעליגיעז. צווייטנס, האָבן זיי פון זייער וועלטלעכער, שעפערישער יידישקייט ניט געשאַפן קיין מצוות, קיין הלכות אָפּצוהיטן אין לעבן, ניט פאַרוואַנדלט זי אין אַ רעליגיעזע הייליקייט.

כדי יידישקייט זאָל האָבן אַ קיום מוז זי זיין שעפעריש, מוז זי איר אַק־טועלע שאַפונגען פאַרבינדן מיט דער יידישקייט פון פריערדיקע תקופות. און דער יידישער גאָט איז מקבל די יידישקייט וואָס די יידישע אויטאָריטעטן באַ־שטימען אין גייסט און אין דרך פון יידישער פאָלקישקייט. אַזוי לערנען אונ־דזערע חז״ל בראש מיט רבי עקיבא: דער יידישער גאָט איז מקבל די תורה פון זיין יידישן פאָלק.

ווען איך נעם זיך אַריינטראַכטן ווי די יידישע באַגריפן וועגן יידישקייט, וועגן יידישער אמונה און וועגן גאָט אַליין האָבן זיך אַנטוויקלט אין משך פון דער יידישער געשיכטע, ווי די אַלע באַגריפן האָבן אויסגעזען אין אָנהייב פון אונדזער פאָלקישן לעבן און צו וואָס פאַר אַ מדרגה, צו וואָסערע אַבסטראַקטע הייכן זיי האָבן שפּעטער דערגרייכט, ווען איך טראַכט זיך אַריין אין אָט דער אַנטוויקלונג, — שטעל איך זיך אָפּ די פראַגע:

— ווער ווען האָט סוף כל סוף געגעבן די תורה: צי איז די יידישע תורה געקומען צום יידישן פאָלק פון אויבן, פון געטלעכע הענט, אָדער דאָס איז די שאַפונג פון דער יידישער מחשבה, וואָס איז געוואַקסן צוזאַמען מיטן פאָלק, מיט זיין גייסט און מיט אַלע זיינע אַנדערע אַנטוויקלונגען? עס איז דאָך אַזאַ ווייטער מרחק פון דער פרה אדומה און דעם עזאזל־באָק ביז צו די באַגריפן אַז דער רבונו של עולם זיצט און לערנט תורה, און אין דער ישיבה של מעלה פירן חכמי ישראל דיסקוסיעס מיט דעם כביכול אַליין אין ענינים פון הלכה... און אַזוי אויף אַלע געביטן. אָדער אָדער! אָדער עס איז אַ גרויסע חוצפה פון רבי עקיבא צו מעלדן, אַז גאָט אַליין נעמט אָן די באַשלוסן פון יידישן בית דין ווען עס איז יום טוב, יידן באַשטימען און גאָט איז לכתחילה מסכים מיט די באַשלוסן (ראש השנה כה׳), אָדער עס שטעקט אין דעם אַ טיפע אמונה אין דער געטלעכקייט פון יידישן פאָלק גופא איז דאָס טאַקע אַזוי: מען דאַרף זען די טיפע און תוכיקע ענדערונג פון געדאַנק פון מצוות ביז הלכות.

צום אָנהייב איז גאָט הייסט און יידן דאַרפן פאָלגן. „צו את בני ישראל, אמור אל בני ישראל, דבר אל בני ישראל" — אַלץ אָנגעזאָגט, געהייסן, באַפעלט פון אויבן און פון דעם ביז הלכה־שטייגער; ביז דעם „אין אנו משגיחין בבת קול", ביז דעם „לא בשמים היא" און נאָך און נאָך, און „מתן תורה" איז אַן אייביקער פּראָצעס פון תלמוד תורה — אַ ווייטער דערהויבענער וועג!

ווען איך טראַכט זיך אַריין אין ווייטן און טיפן איבערגאַנג, דוכט זיך מיר אַז עס איז אַ גאַנצער רעוואָלט, אָבער אַ פּאַמעלעכער, אַ בהדרגההדיקער. חז"ל האָבן אין זייער טיפן דרך ארץ און ליבע צום יידישן פאָלק געזען דעם אמתן מקור פון אַלע יידישע באַגריפן דווקא אין דעם לעבן און אויפפיר פון יידישן פאָלק גופא, אין דעם פאָלקישן שטייגער איז געטלעכקייט, איז הייליקייט. זיי האָבן גאָר ווענן אַן אַנדער גאָט, אַ גאָט פאַר זיך, אומאָפּהענגיק פון פאָלק ישראל גאָרניט געוואָלט טראַכטן. דאָס זוכן אַ גאָט פאַר זיך איז געצנדינערײַ; די תורה איז אַ פּראָדוקט פון דעם געטלעכן גייסט וואָס לעבט אין יידישקייט.

וואָס איז יידישקייט? ווען יידן היטן זיך אויס פון „עבודה זרה" — פון אַלע פרעמדע דרכים און פירונגען. מען דאַרף זען אין דעם אַלגעמיינעם וועג פון די חז"ל, אַז זייער אמונה אין גאָט איז אידענטיש מיט אַ טיפער אמונה אין פאָלק ישראל. עס איז ניט אהבת ישראל. עס איז מער ווי אהבה, עס איז אמונה. עס איז פאַר זיי געווען: יידיש פאָלק — יידישקייט; יידישקייט — פאַרזיכיקייט פון שטייגער לעבן; שטייגער — הלכה; ריינע, אויסגעהאַלטענע, אָן פרעמדע השפּעות אפילו אין גלותן — דאָס איז קיום! קיום האומה ביז דעם עולם הבא, ווען משיח וועט אם ירצה השם איינשטעלן דאָס מלכות שדי אויף דער ערד... גייט אַזוי דער געדאַנקען־גאַנג פון חז"ל:

**עם ישראל — תורת ישראל — קדוש ישראל — אלוהי ישראל און דאָס אַלץ איז איין אחד!**

ניין, מיט באַגריפן פון אַנדערע פעלקער און פון אַנדערע רעליגיעס קאָן מען יידישקייט ניט פאַרשטיין, ניט באַנעמען!

# שיבת ציון און שיבת ישראל

פּאָלק און לאַנד — ווער וועמען בויט? / איז אַמעריקע טאַקע אַ יידישע היים? / וואָס מיינט „ארץ ישראל"? / אַנטיהיים געפיל ביי יידן / היים און געטאָ / אויטאָעמאַנציפּאַציע און אויטאַסימילאַציע / פאַרוואָס ניט קיין טעריטאָריע? / ליגט טאַקע אין דער סאָכע די מזל ברכה? / אַסימילאַציע־דראַנגען / געאָפּאָליטישע צרות אין ארץ ישראל / די נאַציאָנאַלע ראָל פון דער יידישער רעליגיע / ריכטונגען אין יידישקייט / ציון און טעריטאָריע / טעריטאָריאַליזם, ציוניזם און דאָיזם / לעבן אין צוויי קולטורן איינצייטיק / אָנקולטורעלע מאַסע / האָפענונגען אויף דער יידישער רעליגיע / דריי וועגן פאַר דער צוקונפט / דער סוף פון פּוילישן יידנטום/ צווישן פעלקער, אָבער ניט אין די פעלקער / יידיש לשון — די ערשטע מצווה / ווי מאַכט מען דאָס אין אורבאַניזם? / פאַרוואָס נאָר איין ארץ ישראל? / קדושה אין ארץ ישראל, תורה — אין בבל / גאון יעקב און תולעת יעקב / עמאַנציפּאַציע און אויטאָעמאַנציפּאַציע / גאולת הגוף און גאולת הנפש / צווישן צוויי פייערן / דורות אַנטלויפן / ביאַליקס מוסר היינט / ראַווידאָוויטשעס טעות / און וואָס ווייטער? / אַראָפּנעמען אַ מוסר פון ווילנע / פּאָלקיזם — אַ פּרינציפּ פון קיום / שטאָט און שטעטל / שיבת ציון און שיבת ישראל / מאָניסטישע, אינטעגראלע און אַלוועלטלעכע יידישקייט / אַ מעשה פון מאָטקע כאַבאַד מיט אַ מוסר השכל / אין אַ וועלט פון פעלקער אָן מדינות / אַלע ריכטונגען ציען פון יידישקייט / אויספירן.

### אַריינפיר

מיט קנאַפּע אַכציק יאָר צוריק האָט אחד העם אין אַן עסיי „אמת מארץ ישראל" געשריבן, אַז ווען ער האָט דערזען דאָס ערשטע מאָל דעם כותל מערבי מיט די יידן ביי אים האָט ער געטראַכט: די שטיינער זיינען עדות וועגן דעם חורבן פון אַ לאַנד און די מענטשן זיינען עדות אויף דעם חורבן פון אַ

פאָלק. אַ לאַנד, אַז עס ווערט חרוב, קומט שפּעטער אַן עזרא, אַ נחמיה, אַ פאָלק קומט און בויט עס אויף צוריק. אָבער אַז אַ פאָלק ווערט חרוב — ווער קאָן עס אויפבויען? אַט דעם קליינעם פראַגמענט האָבן אַ פּאָר דורות יידישע אינטע־ליגענטן געדענקט אויסנווייניק אין העברעישן אָריגינאַל. איין קלייניקייט!

איז אָבער דאָ דער טיפער געטרייער דענקער געווען גערעכט און אומגע־רעכט. גערעכט איז ער געווען מיט דעם עצם פאַנאַנדערטייל — פאָלק און לאַנד. ניט אַ לאַנד בויט אַ פאָלק, נאָר אַ פאָלק בויט אַ לאַנד. דאָס איז אין גייסט פון יידישקייט, פון יידישער טראַדיציע. שטיינער שטאַרבן ניט ווייל זיי לעבן ניט, ניטאָ אין זיי קיין פּאָטענציאַלן פון פאָלקישער ענערגיע. דאָס ליגט אין פאָלק, אין די לעבעדיקע מענטשן פון פאָלק דאַרף זיין די ענערגיע, דער כוח צו בויען, צו שאַפן.

אומגערעכט איז געווען אחד העם אין זיין משפט איבערן פאָלק. ווען ער האָט די ווערטער געשריבן איז דווקא דאָס יידישע פאָלק געווען פאָלק, שעפע־ריש, פעיִק צו בויען, צו שאַפן. אין פאָלק זיינען געווען פאַרבאָרגן גוואַלדיקע סכומים ענערגיע, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט קינעטיש (*) שפּעטער. דער דענקער אחד העם האָט עס ניט דערפילט, ניט דערזען, ניט דערשאַצט.

עס איז אין משך פון אַ יאָרהונדערט געגאַנגען דער השכלה־וואָגן. האָט ער — אחד העם — זיך טאַקע אַראָפּגעכאַפּט פון דעם דאָזיקן צעבראָכענעם וואָגן, אָבער דעם גראַדן וועג צום פאָלק האָט ער נאָך ניט געפונען. האָט ער נאָך אויף דעם פאָלק געקוקט מיט אויגן פון אַ משכיל. ער דערמאָנט אין דעם זעל־טיקן פראַגמענט, אַז ער זעט די מענטשן ביי דער וואַנט אין זייערע פאַרשיי־דענע, מאָדנע קליידונגען, ווי זיי וויינען און דאַוונען ביי דער וואַנט, — אַט דאָס האָט עס ביי אים אַרויסגערופן דעם געדאַנק וועגן חורבן העם. אויך ער — דער דענקער — האָט ניט באַנומען דעם כוח פון פאָלקישער מלבושים־טראַדיציע, פון אויסגעהאַלטנקייט, פון שטייגער

ער דער יונגער מאַן פון אַ שטעטל, וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אין שטעטלשער מאָניסטישער קולטור, דורכגעווייקט מיט איר, ער האָט שפּעטער געקאָנט איינזאַפּן אַ וועלט קולטור און בלייבן אין פאָלק. דער מענטש וואָס לעבט האַרט אויף דער ערד קאָן זיך אויפהייבן הויך און העכער, וואָס העכער, ווערט זיין האָריזאָנט ברייטער, אָבער ער רייסט זיך ניט אַרויס פון זיין פאָלקי־שער אַרביט. אַז עס איז דאָ אַן עם — פאָלק, קאָן אַרויסוואַקסן אַן אחד העם — איינער פון פאָלק. אַ מענטש וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט די זאַפטן פון זיין פאָלק, ווען דאָס פאָלקישע לעבט אין אים, ווערט ער צוגעצויגן צום פאָלק מיט דער פּולער גראַוויטאַציע, און ער קאָן זיך ניט אַרויסרייסן פון זיין אַרביט.

---

*) קינעטיש — אַקטיוו (פיזיק)

די וואָג פון אַ קערפּער איז גלייך צו זיין מאַסע, לערנט די עלעמענטאַרע פּיזיק. וואָג און מאַסע זיינען אידענטיש. די גייסטיקע וואָג פון אַ מענטשן איז אויך גלייך צו זיין פאָלקישער מאַסע וואָס אין אים. און אַט די פאָלקישע וואָג, די מאַסע דריקט זיך אויך אויס אין דער שטאַרקייט פון דער אינערץ. וואָס מער אינערץ, וואָס מער האַרטקייט פון שטייגער, שטענדיקייט פון לעבנס־נאָרמען — אַלץ שווערער איז די אינערץ, אַלץ וואָגיקער איז דאָס פאָלקישע אין די מענטשן־שטייגערישע אינערץ — דאָס איז די פּאָטענציעלע ענערגיע פון אַ פאָלק. זי אַנטפּלעקט זיך קינעטיש, אין אַקטיווער אַרבעט אין צייטן פון ענדערונגען...

דאָס האָט די השכלה ניט פאַרשטאַנען, ניט דערשאַצט, ניט געשעצט, ניט געאַכט, ניט באַנומען. האָט אחד־העם — דער „איינער פון פאָלק" אויך נאָך ניט באַנומען אַז דער כוח פון אַ פאָלק ליגט אין זיין פאָלקישקייט. און אַט די פאָלקיש־קייט איז געווען אַזוי שטאַרק אין די קולטור־מאַניסטישע שטעטלעך. האָבן גרויסע יידן געזוכט דעם יידישן גייסט אין ספרים. ניט געכאַפּט זיך, ניט פאַרשטאַנען אַז די ספרים — דאָס איז די זאַפט פון פרוכט, וואָס איז שוין אַרויסגעקוועטשט פון לעבעדיקע פרוכטן, ניט די לעבעדיקע פרוכטן גופא. דאָס האָט אַפילו אחד העם ניט באַנומען... בלעם דער פרעמדער (ניט דער רשע. דער איז געווען אַן אַנדע־רער) האָט ניט געקאַנט שעלטן ווען ער האָט געזען דאָס יידישע פאָלק. וויפל איי־גענע — יידן — האָבן געלעבט אין פאָלק, און דאָך דאָס פאָלק ניט דערזען? ניט געזען די ברכה וואָס אין לעבעדיקן פאָלק, אין שטעטלשער אינערטער אויסגעע־האַלטנקייט, וואָס זיי האָבן אין דעם געזען אָפּגעשטאַנענקייט?

אחד העם האָט דערזען די מאָדנע יידן מיט זייערע משונהדיקע בגדים, האָט ער משכיליש, באַלד אַ טראַכט געטאָן וועגן חורבן העם. וואָלטן זיי געווען גע־קליידט אייראָפּעאיש, וואָלט אחד העם אין זיי ניט געזען קיין „עדות לחורבן העם"...

„פאָלק" איז אַן ענין ניט קיין ראַציאָנעלער. ניט צו פאַרשטיין מיטן שכל, ניט צו באַנעמען, ניט אויסצושעפּן דעם אינהאַלט פון „פאָלק" מיט מאָסן פון שכל, מיט ראַציאָנעלע באַגריפן. עס איז געווען און עס איז ביז היינט די טראַגעדיע פון יידישן רענעסאַנס, וואָס מיר האַלטן זיך מיט ראַציאָנעלע באַגריפן און דורך לערנען, וויל מען דורך שכלדיקע באַגריפן איינפלאַנצן יידישקייט אין דורות, מיר ווילן אין אונדזערע דערציאונג־סיסטעמען „דערקלערן" יידישקייט. און מען קען ניט דערקלערן און אויסלערנען צו זיין אַ רוס און אַ פּאָליאַק אָדער אַ דייטש. מען קען ניט מאַכן פאַרשטענדלעך פאַרוואָס איין עפּלבוים פּראָדוצירט זויערע און אַ צווייטער — זיסע עפּל. פאָלק און פאָלקישקייט איז אין מענטשלעכער נאַ־טור דאָס זעלביקע וואָס אין דער פיזיקאַלישער וועלט איז מאַסע, וואָג, צוציִונג,

גראַוויטאַציע. עס הענגט אָפּ פון סכומים מאַטעריע וואָס אין דעם פּרט און אין דעם כלל — די זאַך אין באַצוג צו דער גאַנצער ערד. ווען מיר עס איבערזעצן אויף אונדזער געביט פון גייסטיקע ענינים: די פאָלקישע גראַוויטאַציע פון מענטשן צו זיין פאָלק איז גלייך צו די סכומים „גייסטיקן שטאָף" פון פאָלק בכלל אין דעם יחיד, אין דעם מענטשלעכן אינדיווידו. פּשוט גערעדט — וויפל פאָלקישע אי־נערץ יעדער איין מענטש פאַרמאָגט אין זיין אינדיווידועלן שטייגער לעבן, אין זיין אונטערבאַוווסטזיין, אין זיין פירן זיך איידער ער טראַכט, אין זיין גייסטיקן „איך" וואָס איז דער מקור פון טראַכטן אַזוי און ניט אַנדערש. ווי פון זעלביקן באָדן וואַקסן צווייערלייביימער פון איין מין, אַזוי לעבן אין די זעלביקע באַדינ־גונגען צוויי מענטשן פון צוויי פעלקער און די זעלביקע פאַקטאָרן רופן ביי זיי אַרויס גאָר פאַרשידענע רעאַקציעס, האַנדלונגען. אין זעלביקן אוניווערסיטעט, ביי די זעלביקע פּראָפעסאָרן לערנען צוויי סטודענטן גלייכצייטיק — אַ ייד און אַן אַראַבער. גאָר פאַרשיידענע אידעען־קאָמפּלעקסן וואַקסן אַרויס ביי די ביידע סטודענטן דורך די זעלביקע לעקציעס. ביי מיר אין מיינע קלאַסן פון תּנ"ך זענען געווען צענדליקער תּלמידים, וואָס האָבן געזען און געהערט די זעלביקע אינהאַלטן. ווער אָבער ווייס וואָס פאַר פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס ביי די תּלמי־דים זיינען געוואַקסן פון מיינע לעקציעס „זיסע עפּל" און ביי ווענען — ווייניקע, און אפשר גאָר סם המוותדיקע ווילדע?" ווי נאָך די גמרא זאָגט עס: ביי איינעם איז די תּורה אַ סם החיים און ביי דעם צווייטן, וואָס איז ניט זוכה, ווערט פון דעם אַ סם המוות. עס ווענדט זיך פון דעם ווי עס ווערט פאַרדייט. און דאָס „פאַרדייען", דאָס פאַראייגענען דאָס נייע — דאָס ווענדט זיך שוין פון דעם וואָס עס פאַראַן, פון דעם „פאַרדיי־אַפּאַראַט", וואָס איז אין מענטשן פאַראַן פון פריער. דאָס איז דאָס וואָס די קלאַסישע פּסיכאָלאָגיע רופט אַפּערצעפּציע. עס ליגט אַ סך טיפער פון באַוווסטזיין, עס איז אַ פּראָדוקט פון אַנצאָליקע דורות און דער באַ־וווסטזיין פון יחיד האָט גאָר ווייניק כּוח צו ווירקן, צו ענדערן, צו פירן. בכלל גענומען איז דער באַוווסטזיין ביי אַ מענטשן געגליכן צו יענעם ווייב, וואָס שאָקלט צו מיטן קאָפּ נאָך אַלץ וואָס איר מאַן טוט אָדער ער זאָגט. אויב אָבער זי איז צע־קריגט מיטן מאַן, איז אַלץ וואָס ער טוט אָדער זאָגט, אַלץ רעגט זי אויף, און זי איז תּמיד קעגן דעם... אָט דער קאָנפליקט צווישן באַוווסטזיין און אונטערבאַוווסטזיין איז געווען ביי אַלע משכּילים און עס האָבן אים געירשנט אַלע נאָכגייער פון דער השׂכּלה. דאָ איז דער סוד פון דער פאָלקישער גראַוויטאַציע פון יחיד צו זיין כּלל, צו זיין פאָלק. אָדער דאָס פאַרקערטע — דער אָפּשטויס, דאָס ווילן אַנטלויפן וואָס ווייטער פון פאָלק, פון דעם אייגענעם דורותדיקן אונטערבאַוווסטזיין.

בעת אחד העם האָט געשריבן די שורות איז נאָך געווען אַ שטאַרקער, אַ גרויסער און געזונטער פאָלקישער מאַסיוו וואָס האָט געלעבט ניט מיט אידעען

וועגן יידישקייט, נאָר מיט איינגעוואָרצלטע טראַדיציעס, מיט אַ פעסטן אייגענעם, אַנדערשדיקן שטייגער, מיט אַן אייגענער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק האָט אַליין איבערגעשאַפן, אויפגעבויט. פון אָט דעם פאָלקישן מאָסיוו, פון דעם „עם" איז אַרויסגעקומען אַן „אחד העם" — דער איינער פון פאָלק. אָבער אָט דער איינער פון פאָלק, ווי אַ סך אַנדערע, האָט נאָך ניט געקאָנט פאַרדייען דאָס וועלטישע אין דעם פאָלקישן, עס זאָל זיין די קולטור פון דער גאַרער וועלט אין יידיש־פאָלקישע פלייש און בלוט. איז נאָך ביי זיי געווען וועלט און פאָלק באַזונדער — אין אַ קאָנ־פליקט ווי ביי די משכילים. די וועלטיש־פאָלקישע גאַנצקייט פון קולטור — דאָס איז דער אויפגאַב פון אַ וויטערדיקן דור.

אַ לעבעדיקער מענטש איז ניט קיין „טאַבולאַ ראַזאַ" — קיין אָפּגעווישטער טאָוול, וואָס מען קאָן אויף אים שרייבן וואָס מען וויל. די נשמה פון דעם מענטשן טראָגט אין זיך אַן אַ שיר אוראַלטע, איינגעפּלאָנצטע נייגונגען, סימפּאַטיעס, מיינונגען, אידעען, געפילן. זיי זיינען אין גאַנצן ניט אָפּהענגיק פון זייער טרע־גער, פון זיין וויסן און באַוווסטזיין. דאָס איז די דורותדיקע ירושה אין מענטשן. פאַראַן אַ לעגענדע, אַז ביי גאָט איז דאָ אַן אוצר מיט „געגרייטע נשמות" זיי זיינען שוין געווען אין לעבעדיקע מענטשן אין פריערדיקע דורות. גאָט שיקט זיי — די נשמות ווידער און ווידער אויף דער ערד, אין אַנדערע מענטשן אַריין. אין יעדערן פון אונדז ווירקן די פריערדיקע דורות, זייער געמיט, זייער גייסט. דאָס איז איראַציאָנעל, מיסטעריע, אָבער דאָס איז דער כוח.

מענטשן נעמען אַריין נייע אידעען. קומען די אַלטע כאַראַקטערן פון פאָלק און קנעטן איבער די „נייע" אידעען, אַזוי וויט, אַז עס קומט אַרויס אַן איבער־חזרונג פון אַלטן. די זעלביקע אידעע, דער זעלביקער נייער אידעאַל באַקומט אין יעדן פאָלק אַן אַנדער געשטאַלט, אַן אַנדער ריכטונג. מענטשן זיינען פאַר־שיידן, אָבער אין יעדן מענטשן דערקענט מען זיין פאָלק, דעם גייסט פון זיין פאָלק, דעם כאַראַקטער.

יעדער ייד, אַפילו דער עם הארץ טראָגט אין זיך אַ סך יידישקייט. ער אַליין ווייס עס ניט, קען עס ניט, באַגרייפט עס ניט. דאָס איז די „סתרי תורה" — עס איז פאַרבאָרגן. ניטאָ מסתמא אויף דער וועלט אַ מענטש אָן אָט דער פאַרבאָרגע־נער תורה פון זיין פאָלק. ניטאָ דער מענטש, וואָס זאָל וויסן גענוי וואָס זיין אייגענע נשמה פאַרמאָגט.

מענטשן אָבער לערנען אין שולן. זיי קריגן דאָרטן נייע תורות, אידעען, וויסנס, וועלט־באַנעמען און דאָ הייבט זיך אָן אַ פּראָבלעם:

אשרי — ווייל איז דעם מענטשן וואָס דאָס דערוואָרבענע אין די שולן גייט אין הסכם מיט זיין דורותדיקער, אונטערבאַוווסטזיניקער תורה. דער „ביגלה", וואָס

ער קריגט גייט אין דער זעלביקער ריכטונג וואָס זיין „ניסתר". ניטאָ קיין קאָנ־פליקטן אין דעם מענטשן... ווייל איז אַזאַ מענטשן, אַזאַ יידן. און

ווי איז צו דעם וואָס זיין תורת הניגלה, דאָס וואָס ער אָבסאָרבירט דורך ווערטער פון ביכער און פון לערער שטימט ניט מיט דעם דורותדיקן ניסתר, וואָס איז אין מענטשן אַ טראַדיציע פון דורות, אפשר „למשה מסיני" און אפשר נאָך פון פריער. אַט דער קאָנפליקט, דער ריס צווישן דעם איינגעבאָרענעם און דעם דער־וואָרבענעם, איז אַ גאַנץ שווערער. ער קאָן אָוועקפירן אין פאַרשיידענע וועגן און מאַכן גרויסע צרות אין דעם מענטשן. בדרך כלל דאַרף מען אָבער פעסטשטעלן לכתחילה: נאָרמאַל איז איטלעכער מענטש איינגעפלאַנצט אין זיין פאָלק, ווען דאָס פאָלקישע איז טיף אַריינגעפלאַנצט אין דעם מענטשן. דווקא ביי יידן איז דער קאָנפליקט גאָר אַן אָפטע דערשיינונג. דער קאָנפליקט מוז פירן צו אַ גייסטי־קער, צו אַ מאָראַלישער געשפּאָלטנקייט. יידן באַמיען זיך דעם שפּאַלט צו פאַר־דעקן, צו באַהאַלטן דעם ריס. די פּסיכיק ווערט צעריסן. די געשפּאָלטנקייט מאַכט שווער צו לעבן, אַטראָפירט די אַקטיוויטעט ביים מענשן. זי קאָן אויך פירן צו גאָר ערגערע קאָנסעקווענצן, אפילו צו זעלבסמאָרד. דאָס איז וועגן יחיד. אַ פאָלק אין געזונט ווען זיינע יחידים האָבן ניט אַט דעם קאָנפליקט. נאָרמאַל איז איטלעך פאָלק אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזם. אַ פאָלק האָט זיין קאָלעקטיוון ציל, און זיין קאָלעקטיווע אַקטיוויטעט צו דעם פאָלקישן ציל. ווען אָבער די גלידער פון פאָלק זיינען קרבנות פון דעם קאָנפליקט, קאָן דאָס פאָלק ווי אַ קאָלעקטיוו גאָרניט שאַפן. דאָס פאָלק שטעלט זיך ניט קיין קאָלעקטיווע צילן, ניטאָ קיין קאָלעקטיוו־אָרגאַ־ניזירטע אַקטיווקייט אין די אינטערעסן פון דעם פאָלק. ווען דאָס פאָלקישע איז אַטראָפירט אין די מענטשן פון פאָלק, איז דאָס גאַנצע פאָלק ווי אַ קאָלעקטיוו פּאַ־ראַליזירט, דאָס פאָלק איז פּאַסיוו, שאַפט מער ניט אין גייסט פון פאָלקישן געפיל און טראַדיציע. דאָס פאָלק ווערט אַ פּאַסיווער אָביעקט פאַר אַנדערע, פאַר פרעמדע, וואָס טוען מיט אים וואָס זיי ווילן און ווי זיי ווילן. אַ בוים — כל זמן ער לעבט, באַקעמפט ער אַלערליי מזיקים און קראַנקייטן וואָס באַפאַלן אים. הערט אָבער דער בוים אויף צו לעבן, ווערט ער אַ פּאַסיווער קרבן פאַר אַט די מזיקים און קראַנקייטן, און ער קאָן זיך ניט ווערן קעגן זיי...

דאָס איז דער צושטאַנד פון יידישע ישובים נאָך דער עמאַנציפּאַציע. פון אַלע יידישע ישובים אין דער וועלט איז אין די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר אַקטיוו געווען בלויז איין טייל — דער מזרח־אייראָפּעאישער ישוב. אַלע אַנדערע ישובים זענען געבליבן פּאַראַליזירט, פּאַסיוו.

אין מזרח־אייראָפּע האָבן יידן:

א. געלעבט אָפּגעזונדערט פון די הערשנדיקע פעלקער. אַרומגערינגלט מיט פעלקער סובאָרדינירטע, וואָס מיט זיי אַסימילירט מען זיך ניט.

ב. געווען יורידיש אָפּגעטיילט פון הויפּט־פאָלק אין אַלע סאָציאַלע געביטן.

ג. יידן האָבן געלעבט באַזונדער מיט אַן אייגענער שפּראַך, אַן אייגענער יוריסדיקציע, אַן אייגענער דערציִונג. בלויז דער דאָזיקער ישוב האָט זיך סטאַטיסטיש פאַרמערט, בלויז דער ישוב האָט געבויט נייע ישובים אין נייע לענדער. בלויז דער ישוב האָט געשאַפן נייע קולטור, נייע סאָציאַלע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס. בלויז דער ישוב האָט אויסגעהלומט, אויסגעקרענקט און אויסגעבויט אויך די אייגענע מדינה און ביז היינטיקן טאָג איז דער ישוב כמעט דער איינציקער וואָס קעמפט פאַר איר, אין איר.

## און היינט

דער ישוב פון מזרח־אייראָפּע איז מער ניטאָ. ניטאָ מער אויך די פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען ווי פריער. דאָס יידישע פאָלק לעבט איצט אין אַלע זיינע צעשפּרייטונגען:

א. דירעקט אין שכנות מיט די הערשנדיקע פעלקער.

ב. ניטאָ מער קיין באַזונדערע סאָציאַלע אָרגאַניזירטקייט.

ג. ניטאָ מער קיין באַזונדערע דערציִונג, קיין פאַרזיכיקער שטייגער; קיין פאַרזיכיקע שפּראַך.

יידן פאַרמערן זיך מער ניט. דער צופלוס קאָן ניט דעקן דעם אָפּפלוס דורך אַסימילאַציע.

אַלע ישובים איבער דער וועלט זיינען געגליכן צו אַ בוים וואָס האָט אויפגעהערט צו וואַקסן. ער שטייט נאָך אויף זיינע פאַרטריקנטע, פאַרהאַלצטע וואָרצלען, אָבער קיין לעבן איז אין זיי ניטאָ. דער בוים פּראָדוצירט מער ניט קיין פרישע בלעטער, בלומען און פרוכט. ער איז איצט בלויז אַן אָביעקט פאַר אַלערליי דרויסנדיקע מזיקים, שעדיקער און צעשטערער.

אָט די שעדיקער פון יידישן פאָלק, די שונאים זיינען איצט מערער ווי ווען עס איז פריער, זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל אַלוועלטלעך; זיי זיינען אומעטום בלוטיקער, גענאָסידיש — להרוג ולהשמיד. וואָס שוואַכער עס ווערט דאָס פאָלקישע אין יידישן פאָלק, אין זיינע ישובים, אַלץ שטאַרקער ווערן די שונאים, אַלץ בלוטיקער און אַלץ אָפענער, דרייסטער.

דער איינציקער אַקטיווער ישוב איז אין דער מדינה. און זי — ביי איר גאַנצער ניסימדיקער גבורה, איז דאָך... אין סומכים על הנס...

דאָס איז דאָס בילד פון אונדזער היינט.

א. גאָלאָמב

# לאַנד און פאָלק — ווער וועמען בויט?

יעדעס לאַנד האָט זיין פּרצוף, יעדעס אָרט — זיין געמיט, זיין כאַראַקטער. די זעלביקע ערד — ביי דער גרעניץ צווישן די שטאָטן און מעקסיקע — און ווי גרויס איז דער אונטערשייד אין געשטאַלט פון דער ערד, פון די גאַסן, פון די הייזער — פון אַלץ. אַן אַמעריקאַנער שטעטל וועט לכתחילה אויסזען גאָר אַנדערש ווי אַ רוסיש, ווי אַ מעקסיקאַנער. עס שטייט ערגעץ „חן המקום על יושביו". נאָך ריכטיקער איז עס פאַרקערט — די יושבים — די באַפעלקערונג — זי גיט דעם כאַראַקטער פון דעם אָרט. יידישע שטעטלעך זיינען על פּי רוב געווען אין שכנות מיט פּויערישע דערפער, און דעם אונטערשייד האָט מען געקאָנט דערקענען גלייך פון דרויסן.

אַפילו אַ גרעסערע שטאָט — ווילנע, ווו עס האָבן געלעבט עטלעכע פעלקער באַנאַנד, האָט געהאַט פאַרשיידענע געשטאַלטן פאַר איטלעך פאָלק אין דער זעלביקער שטאָט. אַן אַנדער אויסזען האָט געהאַט מיצקעוויטשעס ווילנע און גאָר אַן אַנדער — קולבאַקס אין זיין „ווילנע".

אין די אַלגעמיינע ראַמען האָט דאָך אויך איטלעכע שטאָט איר אייגן אויסזען. תל־אביב און ירושלים היינט. צוויי יידישע שטעט. ביידע דורך און דורך יידיש און דאָך! איז תל־אביב אַ שטיק ברויזנדיקע וואַכעדיקייט, אַ מין נאַלעווקי אין ארץ ישראל און ירושלים — די נייע ירושלים — איז אַ שטאָט וואָס איז זיבן טעג אַ וואָך שבתדיק, עיר שכולה שבת. דאָס קאָן מען דערקענען גלייך ביים אַריינפאָר אין די צוויי שטעט, אין די גאַסן, אין די געשעפטן — אומעטום. ניט אומזיסט זאָגט מען: „ווילסטו דערקענען אַ פאָלק, טאָ גיי אין זיין לאַנד". דאָס מיינט „היים". דאָ פיל איך זיך פריי, ביי זיך, מיט זיך, צווישן אייגענע, איך דאַרף זיך ניט צופּאַסן צו קיינעם, איך פיר זיך ווי איך בין געוווינט, ווי איך האָב ליב.

מיר איז אויסגעקומען אין יענע צייטן צו וואַנדערן איבער די שטעטלעך אַרום וואַרשע מיט מאיר מענדעלסאָנען: מיר האָבן געזוכט עפּעס אַ פּאַסיקן אָרט פאַר אַ באַטאַנישער עקסקורסיע מיט יידישע לערער אין אַ וואַלד. האָט מיר מאיר מענדעלסאָן אַ זאָג געטאָן: רעדט אַ ביסל שטילער. די גויים וועלן דערהערן אַז מיר רעדן יידיש, וועלן זיי אַנרייצן אויף אונדז די הינט... דאָס איז גלות. מיר זיינען געפאָרן איבער די שאָסייען פון מדינת ישראל, שפּעט אין אָוונט, זיינען מיר, הונגעריקע, אַריינגעפאָרן אין אַ רעסטאָראַן ערגעץ לעבן אשדוד. אַ ייד אין אַ יאַרמלקע האָט אונדז מכבד געווען מיט היימישע לאָקשן און מיט ראָסל־פלייש. און אויף דער וואַנט — אַ פּרימיטיווע מאָלערכץ פון חד גדיא... דאָ האָב איך דערפילט היים, הגם איך בין דאָרטן געווען איין מאָל אין מיין לעבן.

אין מיין קליינשטעטל איז געווען דאָס שטעטל מיט דעם דאָרף איין גאַס. איך פלעג אין דער וואָכן אַפילו מורא האָבן אַריבערצוגיין ווייטער פון דעם ייִדישן עירוב: דאָס שטעטל איז געווען היים, דאָס דאָרף — שקצים און הינט און — נאָך ערגער — דער ריח פון געפּרעגלט חזיר — דאָ איז גלות...

ווי מענטשן זיינען, אַזוי לעבן זיי; ווי מענטשן זיינען אַזוי בויען זיי. מענטשן בויען אַריין זייער גייסט אין זייער שטייגער, זייער געמיט אין זייערע הייזער אַפילו. דאָס איז היים, דאָס איז לאַנד, היימלאַנד. דאָרטן ווו איך בין „איך", דאָרטן איז מיין היים. אין מיין היים פיל איך זיך ביי זיך.

## איז אמעריקע היים?

ווען גרויסע מאַסן ייִדן פון די שטעטלעך האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין אַמע־ריקאַנער שטעט, האָבן זיי געשאַפן ייִדישע ראַיאָנען, היימישע. האָט די ייִדישע ניו־יאָרק געהאַט מסתמא היפּשע טויזנטער ייִדישע שטעטלעך, מיט אַלע שטריכן און פּישטשעווקעס. ניט באַזונדערע ייִדישע יחידים זיינען דאָס געווען, נאָר גאַנצע ייִדישע „לאַנדסמאַנשאַפטן". טאָקע לויט די היימישע שטעטלעך. ייִדן האָבן זייערע היימען אַריבערגעטראָגן קיין אַמעריקע, ווו מען האָט זיך געפּילט נאָך היימישער ווי פריער. האָט זיך אַריינגעגאָסן דער גאַנצער שטייגער, די רעליגיע, וועלט־לעכקייט, געזעלשאַפטלעכקייט, אידעאַלן, באַוועגונגען — ציוניזם, סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם. אַ ליטעראַטור, אַ פּרעסע, אַרבעטער־באַוועגונג, יוניאַנס מעכטיקע, קאַמף און קולטור. ייִדן אַסימילירטע, פון פריערדיקע אימיגראַציעס זיינען אַריינ־געצויגן געוואָרן אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַט די אימיגראַנטן־מאַסע האָט זיך גענומען שטאַרק אַנזען אין אַמעריקע. האָט אַמעריקע איבערגעריסן איר אַפּמאַך מיט רוסלאַנד צוליב אירע דיסקרימינאַציעס קעגן ייִדן. און געווען זיינען אין אַמעריקע ייִדן אַ סך ווייניקער ווי היינט. זייער וואָגיקייט פאַר דער דעמאָקראַטיע איז אָבער געווען אַ סך אַ גרעסערע. ניט בלויז ייִדן זיינען גע־קומען קיין אַמעריקע. עס איז געקומען ייִדישקייט קיין אַמעריקע. אין גייסט פון אונדזער טראַדיציע וואָלט איך געזאָגט, אַז די ייִדישע שכינה האָט זיך איבערגע־קליבן קיין אַמעריקע. ניט בלויז ייִדן האָבן דאָ געבויט זייער היים, נאָר טאָקע ייִדישקייט, דער ייִדישער גייסט, די ייִדישע שכינה. געקומען מיט אַ היים־געפיל און דאָ גענומען בויען אַ בעסערע דירה פאַר דער ייִדישער היים.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס וואָרט היים, ווי אויך דאָס וואָרט גלות נוץ איך דאָ בלויז ווי באַגריפן פסיכאָלאָגישע, אין זינען פון עמאָציע, ניט אין פּאָליטישן, יורידישן און אויך ניט אין עטנאָגראַפישן, קולטורעלן זינען. ייִדן זיינען געווען

פאַרהיימישט אויך אין רוסלאַנד, פּוילן. און זיי האָבן זייער היים־געפיל מיטגע־בראַכט. דערביי מוז מען קלאָר מאַכן:

היים־געפיל — וואָס מיינט דאָס וואָרט? — אַ ייד, יעדער ייד האָט זיין היים געפילט ניט דירעקט „אין אַמעריקע", נייערט קודם כל איז אַ ייד געווען גייסטיק איינגעהיימישט אין זיין יידיש פאָלק. און אָט דאָס יידישע פאָלק האָט אַ פרייע היים געפונען אין אַמעריקע. דאַכט זיך, אַז פון דער בבל־תקופה אָן האָבן יידן ניט געהאַט אַזאַ „פרייע", רויִקע היים ווי אין אַמעריקע. טאַקע ניט אומזיסט האָבן יידן זיך געבענטשט מיט אַמעריקע. עס זיינען געווען אַלע מעגלעכע באַדינ־גונגען יידן זאָלן איינשטעלן אין אָט דער נייער היים פון זייער געפיל אויך אַ היים אין סאָציאַלן זינען, אין קולטור־זינען, און במילא שוין אויך אין פּאָליטיש־יורי־דישן זינען. אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע וואָלט עס ניט געשטערט, וואָלט געלאָזן פריי בויען. אַזוי וואָלט עס געקאָנט זיין, אַזוי וואָלט עס געדאַרפט זיין. וואָרום: וואָס מיינט אַזוינס היים?

אין אַ היים איז קודם כל פאַראַן דאָס געפיל איך בין „איך". דאָס איז די פאַרזיכיקייט פון געפיל. אָט די עמאָציאָנעלע פאַרזיכיקייט ברענגט צו אַ פאַרזיכיקן אויפפיר, צו אַ פאַרזיכיקן שטייגער: מיר פירן זיך ווי מיר זיינען געוווינט, ווי אונדז איז אָנגענעמער, ליבער. אַ מענטש מיט אַ געפיל פון פאַרזיכיקייט קאָן ניט זיין קיין נאָכמאַכער. זיין לאָגיק איז — דו ביסט דו און איך בין איך. דרך ארץ פאַר דיין איך און דרך ארץ אויך פאַר מיין איך; מיר זיינען שכנים אין איין לאַנד, די זעלביקע געזעצן באַשיצן דיין פרייהייט צו זיין וואָס דו ביסט און ווי דו ביסט, און די זעלביקע געזעצן באַשיצן אויך מיך צו זיין וואָס איך בין און ווי איך בין. מיט איין מאָל האָט זיך די יידישע אימיגראַציע אַרויסגעריסן פון אמתער קנעכט־שאַפט, פון הונדערטער יאָרן אונטערטעניקייט, אָפּהענגיקייט פון ווילן און קאַפּריזן פון מושלים און די לעצטע הונדערט יאָר איז געווען אַ טאָפּעלע קנעכטשאַפט: אונ־טער רוסלאַנד — ווי אַרעמע בכלל און ווי פון אייביק פאַרהאַסטע יידן. אַ לאַנד געווען ווו מען האָט זיך גערעכנט נאָר מיט די „אַדעלע", ווו די מערהייט פון פאָלק — די פויערים — זיינען געווען פשוטע קנעכט צום פאַרקויפן און צו קויפן ניט בעסער ווי בהמות, ווי די נעגערס אין אַמעריקע. האָט מען דאָך ניט געקאָנט פאַר־לאַנגען פון אָט די פריצים־הערשער, זיי זאָלן זיך צו יידן באַציען בעסער ווי צו זייערע אייגענע פויערים. און דערצו נאָך זיינען דאָס יידן, וואָס די שנאה צו זיי איז אַזוי אַלט ווי די גאַנצע רעליגיע און נאָך עלטער! און מיט איין מאָל! מעבדות לחירות, משעבוד לגאולה! אין אייראָפּע איז נאָך די פרייהייט פון יידן געווען פאַרבונדן מיט דער אַנולירונג פון יידישקייט. יחידים יידן ווי בירגער באַקומען אַלע פרייהייטן, אָבער יידנטום ווי אַ פאָלק — קיין רעכט ניט! דאַ, אין אַמעריקע איז עס געווען פאַרקערט: קיין שטערונגען פון קיינעם. יידן קאָנען האָבן רעכט

ווי יחידים און רעכט ווי אַ פֿאָלק. ווי איר ווילט, וואָס איר ווילט און וויפֿל איר ווילט. אַזאַ פֿרייהייט האָבן יידן ניט געהאַט אין דער קריסטלעכער וועלט קיינמאָל ניט פֿריער. האָט אַ ייד פֿאַרטראַכט צו שאַפֿן אין אַמעריקע אַ צווייטע ארץ ישראל (מרדכי ע. נוח מיט „אררט״), האָט ער ניט געהאַט קיין דרויסנדיקע שטערונגען. עס זיינען געווען אָביעקטיווע מעגלעכקייטן צו בויען אַ צווייטע ארץ ישראל, אַ נייע ארץ ישראל אין די שטאַטן, אין קאַנאַדע, און נאָך מער — אין אַרגענטינע. ארץ ישראל — מיינט דאָך פּשוט אַ לאַנד וווּ יידן לעבן פֿאַר זיך פֿריי און זיי זיינען ניט קיין שכנים ביי אַנדערע פֿעלקער. בלויז ריין סוביעקטיווע פֿאַקטאָרן האָבן געווירקט, אַז דווקא אין דעם ערגסטן, שווערסטן לאַנד איז געוואַקסן אַ יידישע פֿאַרזיכיקייט — אין דעם אַלטן ארץ ישראל. דאָס איז די פֿאַטאַלע ברכה אָדער קללה וואָס האָט פֿאַרבונדן דאָס יידישע פֿאָלק דווקא מיט דעם לאַנד. יידן האָבן נאָך אין די טערקישע צייטן געדאַרפֿט ווי זיך אַריינגנבענען אין לאַנד אַריין, קויפֿן יעדן שפּאַן ערד פֿאַר שווערע געלטער, קויפֿן יעדער טרונק וואַסער. דאָס לאַנד ארץ ישראל וואָס האָט פֿאַרצייטן געשפּייזט עטלעכע מיליאָן באַפֿעלקערונג ווו אפילו דער טרוקענער נגב איז געווען באַפֿעלקערט, דאָס לאַנד ארץ ישראל איז דורך די אַראַבער פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן מדבר. אַ לאַנד איז תמיד אַ פּראָדוקט פֿון דער באַפֿעלקערונג. עס איז אַזוי ווי די באַפֿעלקערונג מאַכט עס. וויל מען דערקענען אַ פֿאָלק, דאַרף מען גיין אין זיין לאַנד. זעלטן אַ לאַנד זאָל אַזוי אָפּשפּיגלען דעם כאַראַקטער ווי די אַראַבישע פֿאַלעסטינע האָט איינגעהיט דעם מדבר־כאַראַקטער פֿון די אַראַבער. נאָך אין 1913 דערמאָן איך זיך אַן אַרטיקל פֿון אַן אַגראָנאָם, אַ פֿאַכמאַן, וואָס שרייבט אַז פֿאַלעסטינע קען קיינמאָל ניט באַשפּייזן אַ באַפֿעלקערונג פֿון אַ מיליאָן איינוווינער.

ווען יידן וואָלטן אין אַרגענטינע, אין קאַנאַדע, צי ערגעץ אַנדערשוווּ אַריינגעלייגט אַ טייל פֿון דער ענערגיע, געזונט און גלויבן, וואָלטן די רעזולטאַטן געקאָנט זיין ניט אין פֿאַרגלייך בעסערע. אָבער נאָר „ארץ ישראל״ האָט געקאָנט אַרויסרופֿן ביי יידן אַזאַ קאָנצענטרירטע ענערגיע, אַזאַ געטרייקייט און מסירת נפֿש. יעדער שפּאַן ערד איז אַנגעזעטיקט מיט מוט און בלוט, מיט גבורה און אמונה, כדי איבערצומאַכן דאָס לאַנד פֿון דעם געשאַפֿענעם מדבר אין אַט דער איצטיקער מדינת ישראל, ווי די יידן האָבן עס באַשאַפֿן, איבערבאַשאַפֿן.

אויך די קעגנערשאַפֿט פֿון אַראַבער צום פֿאַריידישטן ארץ ישראל, איז אַ שטריך פֿון אַ מדבר־פֿאָלק.

און דאָך וואָלט אַפֿילו די איבערמענטשלעכע געטרייקייט און די מסירת נפֿשדיקע פֿרומע אהבת ארץ ישראל ניט געבראַכט אַזאַ אַנטפֿלעקונג פֿון יידישער גאונישער פֿאַרזיכיקייט וואָס מיר זעען איצט אין דעם שטיקל לאַנד וואָס די

יידן האָבן אויפגעבויט און געמאַכט פון דעם אַראַבישן „פּאַלעסטין״. אויך דאָ האָבן געהאָלפן צוויי אָביעקטיווע פאַקטאָרן:

די הערשנדיקע טערקישע קולטור איז געווען צו שוואַך און צו ווייט, זי זאָל קאָנען אַסימילירן די יידן פון די ערשטע עליות;

די אָרטיקע אַראַבישע קולטור איז געווען אַ סובאָרדינירטע, און אַזוינע אַסימילירן אין ערגעץ ניט קיין יידן. אַזוי אַרום האָבן יידן־עולים פון רוסלאַנד געזען אין ארץ ישראל אַ יידיק לאַנד וווּ מען קאָן פאַרווירקלעכן די געבראַכטע אידעאַלן.

און נאָך אַלע די באמת אויסטערלישע פאַקטאָרן האָבן יידן ניט געקאָנט און וואָלטן יידן ניט געקאָנט איינפלאַנצן אין דעם לאַנד אַזאַ פעסטן קערן, ווען ניט די כמעט פאַרשלאָסענע גרעניצן פון דער גאַנצער וועלט פאַר יידישע אימיגראַנטן; דאָך איז דער יידישער ישוב אין לאַנד בלויז אַ קלענער טייל פון די אַמאָליקע עולים. די אויסוואַנדערונג פון ארץ ישראל האָט באַזעצט יידן אין אַנדערע לענדער אַ סך מער ווי די צאָל יידן אין ארץ ישראל. אַזוי ווי נאָך די חשמונאים אַמאָל איז ארץ ישראל אויך איצט געווען מער אַן עמיגראַציע־לאַנד איידער אַן אימיגראַציע. באשר די גאַנצע וועלט האָט פאַרשלאָסן די גרעניצן פאַר יידן. די איינציקע גרויסע מעלה פון דעם ישוב אין ארץ ישראל — די גייסטיקע, קולטור־היים, דאָס זיין דורכויס אַן זייטיקע השפּעות פון פרעמדע קולטורן, דאָס בויען אַ לעבן אַזוי „ווי מיר אַליין ווילן״ — די מעלה האָט געקאָנט צוציען נאָר קליינע גרופּעס אידע־אַליסטן, ניט קיין מאַסן. פאַרקערט, האָט זיך ביי יידן אַרויסגעוויזן אַ צווייטע נייגונג, אַן אַנטי־היים געפיל.

## אנטיהיים געפיל ביי יידן

דאָס איז דער אַלטער, אוראַלטער דראַנג זיך צו אַסימילירן, וואָס האָט באַ־הערשט יידן פון אייביק אָן. יידן האָבן אַלע מאָל געוואָלט זיין אַזוי ווי אַנדערע, אַנדערש, ניט ווי זיי אַליין זיינען. צוויי פאַקטאָרן האָבן איינגעהאַלטן יידן ווי אַ פאָלק פאַר זיך: איין פאַקטאָר — אַן אינעווייניקסטער, דער צווייטער — אַ דרויסנ־דיקער. דער אינעווייניקסטער — דער גלויבן וואָס די חז״ל האָבן איינגעשטעלט אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. דאָס איז דער גלויבן אַז אָט די פאַרזיכיקייט, דער אייגענער שטייגער איז ניט פון פאָלק, נאָר פון גאָט. אין דעם זינען איז דאָך — די יידישע רעליגיע געווען אין גאַנצן אַנדערש — זי איז אַ נאַציאָנאַלע, זי פאַרגעטלעכט דאָס פאָלקישע. פאַר פאָלק און פאַר פאָלקישעס איז אַ ייד זיך ניט מוסר נפש, סיידן פאַר גאָט און פאַר געטלעכס. די יידישע רעליגיע, גאָט אַליין

האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דעם וואָגן פון יידישן פאָלקישן קיום. דער קיום האומה איז דער ציל און דער זינען פון דער יידישער רעליגיע. דאָס איז געווען דער איבע־ווייניקסטער פאַקטאָר פון קיום. דער דרויסנדיקער איז געווען פשוט — גויִים האָבן ביז דער אורבאַניזאַציע ניט געלאָזט יידן זיך אַסימילירן: די גויִישע וועלט אַרום איז געווען צעטיילט — פּריצים און פּויערים, האַרן און קנעכט. ביידע קלאַסן האָבן ניט געצויגן קיין יידן. מיט אַנדערע ווערטער — יידן זיינען געבליבן אַ פאָלק פאַר זיך נאָר דאַרטן ווו מען האָט זיי ניט געלאָזט זיך אַסימילירן: ווו עס זיינען געווען באַריערן. די לעצטע האָבן געקאָנט זיין אָדער יורידיש־רעכטלעכע, אָדער געאָגראַפישע, אָדער סאָציאַלע — אָבער אַזוי צי אַזוי, דאָך אָפּגעשלאָסן פון די לאַנד־פעלקער.

די אורבאַניזאַציע האָט דאָס ערשטע מאָל אין די קריסטלעכע לענדער צונויפגעפירט די יידן מיט די ניט־יידן צוזאַמען דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג נאָך עמאַנציפּאַציע. זי איז באַשטאַנען אין רעכט זיך צו אַסימילירן. יידן האָבן געשריבן זייער פיל פאַר עמאַנציפּאַציע, געבעטן זיך, געטענהט, באַוויזן און דערקלערט. אָבער אַלע מאָל איז דער הויפּט־דראַנג געווען דער פאַרלאַנג זיך צו אַסימילירן, דער אַנטיהיים־דראַנג, דער ווילן אַריינצודרינגען אין דער געזעלשאַפט פון לאַנד־פאָלק. פאַרשיידענע מאָטיוון און דערקלערונגען האָבן יידן געשאַפן, אָבער דער תוך איז געווען איינער: לאָזט אונדז אַריין צו אייך, אין אייער געזעלשאַפט. אַנטקעגן דעם דראַנג האָט אַפילו די רעליגיע, די געטלעכע יידישקייט ניט געהאַט גענוג כוח. צי דאָס האָט געשריבן מענדעלסאָן אַליין — דער טאַטע פון משומדים, צי דאָס האָט געשריבן זיין מיטצייטלער אין פּעטערבורג און ערב־משומד ניעוואַכאָוויטש — אַלץ איינס. פריער אָדער שפּעטער, אין דעם לאַנד אָדער אין צווייטן, — האָט עס געפירט צו שמד־מגיפות. דאָס איז אַן אַנטי־היים געפיל ביי יידן.

## היים און געטאָ

האָבן יידן צעפּלאָנטערט די באַגריפן פון היים און געטאָ. ביידע מיינען אָפּזונדערונג, אַנדערש, ניט צונויפמישונג. היימען בויען מענטשן אַליין, פאַר זיך, לויט דעם אייגענעם פאַרלאַנג און געשמאַק. געטאָ איז אַרויפגעצוווּנגען. האָבן יידן אָבער זייערע היימען גערופן געטאָ, האָבן זיי געבענקט, זיך באַמיט צוצופּאַסן זיך צו פרעמדע היימען, ווו מען וויל זיי דווקא ניט האָבן...

האָבן יידן אין אַמעריקע זיך דערפילט גליקלעך: ווי מען האָט זיך נאָר אויסגעלערנט עטוואָס ענגליש, גלייך האָט מען זיך גענומען „אַמעריקאַניזירן" — אויסיידישן. און מען איז געוואָרן דאַנקבאַר, איבערגליקלעך: אַזאַ גליק! מען

לאָזט דאָך אַסימילירן זיך! ווערן לייט, מיט לייטן גלייך... קיין ארץ ישראל איז געגאַנגען אַ קליין שטראָמל אימיגראַציע. איז עס געווען פון אַזוינע מענטשן וואָס האָבן זיך מיאש געווען, פאַרלאָרן דעם גלויבן אין דער גוישער וועלט מיט אירע אידעאַלן, מיט איר געזעלשאַפטלעכקייט. דער אינעווייניקסטער יאוש האָט געבראַכט די עליות קיין ארץ ישראל. דער זעלביקער אינעווייניקסטער יאוש האָט יעדעס מאָל געשאַפן און באַנייט די טעאָריע פון ציוניזם, אַזוי איז געווען מיט משה העס, מיט ל. פּינסקער, מיט ד״ר הערצל און אַז״וו׳. אָבער אָפּזאָגן זיך פון גויים — איז איין זאַך און פון דעם זאָל קומען צו אַ צוריקקער צו יידישקייט איז ווידער נאָך זייער ווייט. האָט זיך פּינסקער ניט אָפּגעזאָגט פון „עמאַנציפּאַציע־אידעאַל״, נאָר די לאָגיק איז געווען: אויב ניט די עמאַנציפּאַציע אין אַ גוישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווייל זיי נעמען אונדז ניט אַריין, טאָ לאָמיר זיך עמאַנציפּירן אַליין, ד״ה שאַפן אַליין אַן אייגענע יידישע אָבער דאָך אַן אַנדער געזעלשאַפט. דער אידעאַל פון עמאַנציפּאַציע האָט איינגעהאַלטן עטלעכע עלעמענטן: יורידיש־רעכטלעכע גלייכקייט צו קענען מאַכן אַ לעבן אין אורבאַנישע באַשעפטיקונגען, סאָציאַלע גלייכהייט ווי מיטגלידער פון איין געזעלשאַפט, גלייכע מיט גלייכע און לסוף נאָך איין עלעמענט: דער דראַנג צו סאָציאַלער אויסגלייכונג האָט ביי יידן געמיינט וואָס ווייניקער ספּעציפישע יידישקייט. אַזוי אַרום איז עמאַנציפּאַציע תמיד געווען פאַרבונדן מיט אויסיידישונג, מיט אַסימילאַציע. מסתמא איז דער דראַנג צו אַסימילאַציע אַלע מאָל געווען אַ פּראָדוקט פון שטרעבן צו סאָציאַלער דערנענטערונג, קיינמאָל ניט פון טעאָרעטישע, אידעאָלאָגישע פּרינציפּן. אַזוי אַרום איז אַסימילאַציע געוואָרן אַן אידעאַל פאַר זיך. ניט בלויז לשם אויסגלייכונג און דערנענטערונג, נאָר אַסימילאַציע לשם ולשמה פון אַסימילאַציע גופא.

## אויטאָעמאַנציפּאַציע און אויטאָאַסימילאַציע

אָבער — און עס געווען אַז די דירעקטע אַסימילאַציע איז געוואָרן אומ־מעגלעך: איוואָן וויל גאָר ניט קיין שכנות מיט יידן, אַפילו ווען זיי זיינען אַסי־מילירט. האָט זיך צו ארץ ישראל געלאָזט אַ קליין שטראָמל פון די וואָס האָבן זיך אַנטוישט, מיאש געווען פון די גויים, פאַרלאָרן די אמונה אין די גויים און אין זייערע אידעאַלן. גוט איז צו אַסימילירן זיך, אָבער מיט וועמען? אַז איוואָן וויל גאָר ניט. דעמאָלט איז געוואָרן במקום אַסימילאַציע — אויטאָ־אַסימילאַציע. טאָקע יאָ אַסימילאַציע, אָבער אָן אַסימילירער. אויטאָ־עמאַנציפּאַציע איז געווען, במילא אויך אויטאָ־אַסימילאַציע. ד״ה ניט בלויז מען דאַרף באַפרייען יידן פון דעם דרויסנדיקן יאָך און רשעות, נאָר מען דאַרף ענדערן דעם עצם טיפּ ייד. ווען עס

איז אַרויס ד״ר הערצלס פאַנטאַזיע־ראָמאַן ״אַלטנייַלאַנד״ (1903), האָט אים שטאַרק קריטיקירט אחד העם.. הערצל האָט אין זייַן ראָמאַן אין גאַנצן ניט באַ־האַנדלט קיין קולטור־פּראָבלעמען. ער האָט זיי אפשר ניט געזען לגמרי. אחד העם האָט עס ניט געקאָנט מוחל זיין: איז דער ציוניזם געקומען ווי אַ רפואה קעגן ״צרת היהודים״! און ווו איז די ״צרת היהדות״? — די צרה, הייסט עס פון דער גלותדיקער יידישקייט, וואָס מען דאַרף זי ענדערן, אויסבעסערן.

## פאַרוואָס ניט קיין טעריטאָריע?

דווקא די ציוניסטן וואָס זייַנען געווען ווייטער פון דעם יידישן פאָלקישן מאַסיוו ווי הערצל, נאָרדוי, זאַנגוויל אָדער אַפילו דער קיעווער ד״ר מאַנדלשטאַם, האָבן נאָך דעם קישיניעווער פּאָגראָם (1903) גערן אָנגענומען דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט ווי אַ היים פאַר לעבעדיקע יידן, זאָל זייַן אַ צייטווייליקע היים, אַ ״נאַכט־אַזיל״ (ווי מען האָט עס גערופן אויף דעם קאָנגרעס־דייטש). און פאַרקערט, האָבן די מערהייט רוסישע ציוניסטן זיך צעוויינט אויפן קול ווען זיי האָבן דערהערט דעם אוגאַנדע־פאָרשלאָג: זיי האָבן מער געטראַכט וועגן צרת היהדות ווי וועגן צרת היהודים. דער בנין הארץ איז פאַר זיי געווען קודם, וויכטיקער ווי בנין העם. אין אַ באַקאַנט חלוציש לידל ווערט געזונגען: ״אָנו באנו ארצה לבנות ולהבנות״ (מיר זייַנען געקומען אויפבויען און געבויט ווערן). — ווידער אַמאָל דאָס בויען דאָס לאַנד איז קודם — וויכטיקער; ווידער אַמאָל דער אייביקער צובונד פון עם ישראל מיט ארץ ישראל — דאָס פאָלק מיט דעם לאַנד ישראל. צוויי געפילן האָבן אייַנצייטיק געלעבט און באַגייסטערט דאָס הארץ פון יעדן ערלעכן ציוניסט: דער אידעאַל פון בנין הארץ און דער אידעאַל פון אויטאָ־אַסימילאַציע — אויפ־בויען דאָס לאַנד ישראל און איבערבויען דאָס פאָלק ישראל. ״ארץ ישראל מיט יידיש לשון וויל איך ניט, דאַרף איך ניט!״ (ד״ר קלויזנער אין 1914. אין אַ רעדע). אַזוי האָבן געדענקט אַ סך מער, ניט איין קלויזנער.

און אידעאַל דאַרף געמאָסטן ווערן לויט דער כמות ענערגיע וואָס ער פאַרוואַנדלט אין מעשים. וויפל פּאָטענציעלע ענערגיע ער פאַרוואַנדלט אין קינע־טישער, אין אַקטיווער שאַפונג. הייַנט אין 1971 איז עס פאַר קיינעם ניט מער קיין פראַגע, אַז דער ציוניזם האָט אַנטפּלעקט אין יידישן פאָלק אַזוינע סכומים ענערגיע, וואָס זייַנען קיינמאָל ניט געווען פרייַער אַקטיוו אין יידישקייט, אין דער יידישער געשיכטע. די גאַנצע וועלט־פרייַנד (אויב עס זייַנען דאָ אַזוינע) און שונאים באַ־וווּנדערן מיט רעכט דעם שלל ענערגיע, חכמה, וויסן, געטרייַקייט און מסירת־נפש וואָס ארץ ישראל און מדינת ישראל האָבן קינעטיזירט אין יידישקייט. וואָסער

קאָמפּאָנענט פון די צוויי געפילן האָט עס געשאַפן — דער אידעאַל פון בנין הארץ אָדער דער אידעאַל פון בנין העם? די נאָענטסטע געשיכטע אין הײַנטיקן צוואַנ־ציקסטן י״ה האָט אויף דער פראַגע קלאָר און דײַטלעך געענטפערט — ציוניזם און טעריטאָריאַליזם.

ווי פּינסקער אין די אַכציקער יאָרן פון פאַריקן י״ה, אַזוי הערצל אין די נײַנציקער האָבן לכתחילה געטראַכט וועגן אַ טעריטאָריע בכלל, ניט דווקא ארץ ישראל. זיי האָבן געטראַכט וועגן „צרת היהודים״. אָבער גאָר גיך זײַנען זיי אַריבער צו ארץ ישראל, ווײַל זיי האָבן דערזען, אַז סתם אַ טעריטאָריע ציט לגמרי ניט קיין יידן. דער טעריטאָריאַליזם האָט צוויי מאָל באַנקראָטירט, זיך אַליין צעלאָזט. דאָס ערשטע מאָל אָפיציעל, מיט אַ מעלדונג. דאָס צווייטע מאָל, איצט אפילו אָן אַ מעלדונג, אָן אַ קדיש. מען האָט עס דערקלערט מיט שטערונגען מצד ציוניסטן. עפּעס הינטער די קוליסן האָט עמיצער געווירקט, צעשעדיקט. דער אמת איז אָבער אַז דער טעריטאָריאַליזם איז אויסגעגאַנגען ווײַל ער האָט ניט געהאַט לכתחילה קיין כוחות, קיין ענערגיע, קיין אמונה. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין פּאָטענציעלע ענערגיע, קיין אמונה. ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין פּאָטענציעלע ענערגיע אין הערצער פון יידן, ער האָט ניט געהאַט וואָס צו קינעטיזירן אין פּראַק־טישע מעשים. דער ציוניזם האָט געפּרובירט יאָ בויען אין גלות קליינע „טערי־טאָריעס״ — אין קאָמוניסטישן רוסלאַנד און אין פּוילן (הכשרה־פּונקטן!). חב״ד און „ניי־סקוויר״ זײַנען טעריטאָריאַלע פּונקטן אין אַמעריקע גופא. „כפר חב״ד און בני ברק זײַנען טעריטאָריאַלע פּונקטן אַפילו אין ארץ ישראל גופא. דער טע־ריטאָריאַליזם האָט גאָרניט באַשאַפן, גאָרניט באַוויזן צו שאַפן ניט מחמת דרויסנ־דיקע שטערונגען, נאָר פשוט ער האָט ניט פאַרמאָגט קיין פּאָטענציעלע ענערגיע, קיין אינעווייניקסטע כוחות צו לעבן. מײַן גרעסטע אַכטונג צו די פירער פון טעריטאָריאַליזם. די צוויי וואָס איך האָב געקענט פּערזענלעך בן אדיר און ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג, זײַנען אָן שום ספק געווען גרויסע יידן, טיפע יידן. ווען איך פּרוביר זיי שאַצן אינדיווידועל, שטעל איך זיי העכער פון אַ סך ציוניסטישע פירערס, זיי האָבן אָבער ניט געהאַט קיין אָפּהילך אין פאָלק, און אָן אַזאַ מיטגע־פיל אין פאָלקישן מאַסיוו וואָלט משה אַליין קיינמאָל ניט געווען קיין משה. מאַסע און פירער. דער כוח פון פירער ליגט אין דער מאַסע; ווען דער פירער קאָן ניט רעדן צו טיפערע, אינטימע געפילן פון דער מאַסע, קאָן ער ניט פירן, האָט ער ניט וועמען צו פירן. אָן אַלטע טעמע אין דער וועלט־ליטעראַטור, און אַפילו שוין אין תלמוד (פרנס לפי הדור אָדער פאַרקערט). ווען ניט דער „ובא לציון גואל״, וואָס יידן פלעגן זאָגן הונדערטער יאָרן, וואָלט פּינסקער און הערצל ניט געהאַט צו וועמען צו רעדן. גליקלעך איז דער פירער וואָס קאָן קינעטיזירן

די פּאָטענציעלע ענערגיע וואָס איז פאַראַן פון פריער אין פאָלק. ארץ ישראל און עם ישראל — מסתמא האָט די ערשטע געהאַט מער פּאָטענצן אין יידישן פאָלק.

איך שרייב דאָס לגמרי ניט לגנאי דער אידעע פון טעריטאָריאַליזם. פאַרקערט, האַלט איך עס פאַר אַ טראַגעדיע וואָס אין יידישן פאָלק איז ניטאָ קיין טעריטאָריאַליסטישע נייגונג, קיין שטרעבונג אַזאַ צו טעריטאָריאַלער פאַרזיכיקייט. איך גלייב באמונה שלמה אַז אַזאַ מין געפיל, אַזאַ פאַרלאַנג, אַ שטרעבונג צו פאַרזיכיקייט וואָלט געווען אַ גרויסע ברכה פאַר דעם גאַנצן פאָלק אין די גלותן און אַפילו די מדינה וואָלט געווען אַ סך געווונען. נאָך מער — וואָלט יאָ דאָס פאָלק ישראל פאַרמאָגט אַזאַ דראַנג צו פאַרזיכיקער יידישקייט, וואָלטן מיר געהאַט עטלעכע „ארץ ישראלס" אין פאַרשיידענע ערטער אויף דער ערד. פאַראַן אַ „מימרא" עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות" (דאַכט זיך, אַז אין ש"ס איז עס ניטאָ). מיט אַזאַ געפיל אין פאָלק וואָלט קיינמאָל קיין חורבן ניט געווען קיין דורכויסיקער, קיין פולער, מיט אַזאַ טעריטאָריע־געפיל וואָלט מען פאַרשפּאַרט צו זוכן טעריטאָריעס, וואָלט די צוקונפט פון דער מדינה געווען זיכערער, באַוואָרנטער; מיט אַזאַ געפיל וואָלטן מיר געהאַט שוין איצט עטלעכע „ארץ ישראלס" — צי מדינות אָדער ניט מדינות — ניט אין דעם איז די גאולה, נאָר ארץ ישראלס זיכער.

וואָס מיינט „ארץ ישראל"? עס מיינט אַ לאַנד, וווּ ישראל — דאָס יידישע פאָלק — איז פולשטענדיק פאַרזיכיק, לעבט פאַר זיך, מיט זיין אייגענער קולטור, מיט זיין שטייגער, מיט זיין לשון און מיט זיין דערציִונג־סיסטעם, מיט זיין אייגענער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע. ארץ ישראל — אַ לאַנד וווּ יידן זיינען ביי זיך, פאַר זיך. ניט דווקא פּאָליטיש. פאַרקערט, איז די בעסטע, די שפּעפערישסטע צייט פון בית שני געווען דווקא ווען ארץ ישראל איז געווען אונטער פּערסיע און ניט פאַר זיך פּאָליטיש, ניט אין דער תקופה פון די חשמונאים. יידן האָבן געקאָנט בויען אַזאַ פאַרזיכיקייט, זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט קיין פאַרזיכיקייט אַפילו ווען מען איז פּאָליטיש יאָ געווען פאַר זיך.

אפשר איז דאָ דער מקור, די סיבת כל הסיבות פון גלות? אפשר?

יידן האָבן געבויט קאָלאָניעס (פאַרוואָס נאָר לאַנדווירטשאַפטלעכע? — וועגן דעם שפּעטער) ניט בלויז אין ארץ ישראל. מען האָט געבויט אין אַרגענטינע, אין בראַזיל, אין קאַנאַדע, אויך אין די שטאַטן און אַפילו אין רוסלאַנד גופא! וואָלט מען די קאָלאָניעס געבויט נעענטער צווישן אַנאַנד, געדיכטער, ווי איין מאַסיווער ראַיאָן, וואָלט מען ביים עצם בויען די קאָלאָניעס ניט געהאַט אין זינען זיי זאָלן זיך וואָס גיכער אַסימילירן, וואָלט מען צוזאַמען מיט קאָלאָניעס געבויט אויך

שטעטלעך מיט אינדוסטריע, — וואָלטן מיר זיכער ווי אַ פאָלק איצט געקאָנט פאַרמאָגן יידישע ראַיאָנען, יידישע פאַרזיכיקע שטחים, יידישע „ארץ ישראלס״, יידישע טעריטאָריעס אין אַ סך לענדער. טאַקע ווי דער מאמר זאָגט „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות״.

## ליגט טאַקע אין דער סאָכע די מזל ברכה ?

פאַרוואָס האָט מען געבויט נאָר אַגריקולטור־קאָלאָניעס ? פאַרוואָס האָט מען זיך אַזוי צעזונגען וועגן דער מזל ברכה וואָס ליגט אין דער סאָכע, אין ערד־אַרבעט ? און ווען ? — ווען דאָס פּויערימשאַפט ווי אַ קלאַס איז שוין אַראָפּ פון דער סצענע, ווען ערד־אַרבעט האָט אָנגעהויבן צו ווערן אינדוסטריאַליזירט ? — דאָס איז געקומען פון דעם וואָס דער עצם טיפּ פון פּויער איז געוואָרן אַן אידעאַל ביי אויפגעקלערטע יידן. מען האָט גענומען חלומען אַז יידן וועלן זיין אַ „נאָרמאַל״ פאָלק, ווען מיר וועלן פאַרמאָגן אַזאַ קלאַס פּויערים ווי די רוסן האָבן... אַ פּשוטע נאַרישקייט ! דאָס פּויערים־פאָלק איז געווען ניט קיין נאָרמאַלע אַנטוויקלונג. עס איז געווען אַ פאָלק פון לייב־קנעכט ביי פּריצים, ווי די נעגער אין אַמעריקע. ווי אַזוי דאָס איז געשען, אַז אַ מינדערהייט „אַדעלע״ האָט געקאָנט פאַרשקלאַפן דאָס פאָלק ווי פּשוטע קנעכט אויף דער מדרגה פון בהמות צו קויפן און פאַרקויפן — דאָס געהערט אונדז דאָ ניט אָן. דער פאַקט אָבער אַז געבילדעטע, אויפגעקלערטע יידישע דענקער האָבן זיך פאַרבענקט נאָך אַזאַ מין קלאַס פון פּויערים, דאָס איז אַ פאַקט ! אַ פאָלק פון אַבסאָלוטער סאָציאַלער גלייכהייט, אַ פאָלק פון איין קלאַס, אָן אַנאַלפאַבעטן, מיט אַלגעמיינער בילדונג־סיסטעם, וואָס קיין איין אַנדער פאָלק האָט אַזאַ ניט געהאַט, — אָט דאַרפן יידן ווערן פּויערים !... ווען די וועלט, די ציוויליזירטע וועלט דאַרף שוין גאָרניט קיין פּויערימטום, ווען אַלע אַגריקולטור־באַדערפעענישן פון אַ לאַנד ווערן באַזאָרגט אַמבעסטן דורך גאָר עטלעכע פּראָ־צענט פון באַפעלקערונג אויף אַן אינדוסטריעלן וועג, וואָס פאָדערט בילדונג און ניט קיין פּויערימשאַפט. דער דאָזיקער אַנזיניקער אידעאַל האָט זיך גענומען פון... קנאה, וואָס מען האָט מקנא געווען די גויים, פון דענקען לויט פרעמדע טראַפאַ־רעטן, לויט פרעמדע מוסטערן : ביי זיי פּויערים, דאַרפן מיר אויך האָבן אַזוינע... מען האָט אויך געוואָלט האָלטן אַז פאָלק — דאָס איז אַ פּלאַסטישע מאַסע, אַ מין טייג אָן אַן אייגענער פאָרעם וואָס מען קאָן פון דעם קנעטן וואָס מען וויל. זאָל דאָ פאַרצייכנט ווערן, אַז אויף דעם זעלביקן וועג איז אויך געגאַנגען די נייע קאָ־לאָניזאַציע פון ארץ ישראל. די ערשטע עליה אין פאַריקן י״ה האָט געבויט אַגרי־קולטור־קאָלאָניעס און...

זיי זיינען שטאַרק ניט געלונגען. געאַרבעט האָבן געדונגענע אַראַבער ווי „אריסים" (פאַר אַ טייל פון גערעטעניש) די יידישע קאָלאָניסטן זיינען געווען אַ מין אַרעמע פריצים „דעם באַראָנס קעסט־קינדער", ווי מען האָט זיי גערופן. און די יוגנט האָט געהאַלטן אין כסדרדיקן עמיגרירן. יענע סאָבּרעס האָבן געעפנט טעלעכע נייע אימיגראַציע־לענדער פאַר יידן בכלל.

ערשט די צווייטע עליה פון אָנהייב הײנטיקן י"ה האָט געבראַכט פון רוס־לאַנד נייע אידעען פון „דת עבודה", פון סאָציאַליזם וכדומה. און דערביי האָבן געהאָלפן שטאַרק ענדערן די פלענער דווקא די אַראַבער. דאָס האָבן די אַראַבער געצוווּנגען די יידן זאָלן פאַרוואַנדלען דאָס רעזידענץ־ביישטעטל תל אביב אין אַ שטאָט פאַר זיך, און זי זאָל איינשלינגען די גאַנצע אַלטע שטאָט יפו און אויפבויען נאָך שטעט אין גאַנצן פאַרזיכיק. דאָס האָבן געצוווּנגען די אַראַבער די יידן זאָלן אויפבויען אַן אייגענעם אַרבעטער־קלאַס און אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון זיי שאַפן אַ מאָדערנע אַגריקולטור מיט גראַנדיעזע רעקאָרדן אויפן וועלט־מאַרק. איין קליינער ביישפּיל: אַן אַראַבישע קו גיט ביי אַכט הונדערט ליטער מילך אַ יאָר, אַ יידישע קו גיט ביז פינף טויזנט ליטער מילך. היינט עקספּאָרטירן יידן מילך־קי פון ארץ־ישראל! ישראל עקספּאָרטירט אפילו האָלץ!!

און יידישע דענקער און פירער האָבן געחלומט וועגן ערד־אַרבעט אין טערמינען פון פּויערים! האָט דער טיפער דענקער ד"ר חיים זשיטלאָווסקי (ווייט ניט אַלע מאָל אַריגינעל) נאָך אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געשריבן (אין „טאָג") וועגן דער נויטיקייט פון אַ פּויערימטום... אגב, האָט מען אין דעם געזען אַ תרופה פאַר דער מאָראַל פון יידן, דעם פאָלק וואָס האָט געהאַט די קלענסטע צאָל פאַרברעכער קעגן מאָראַל... אַ גרויסן חלק אין טרייבן דעם יידישן געדאַנק אין דער ריכטונג פון אַן אייגענער מדינה האָבן דווקא די אַראַבער. יידן אַליין, פון זיך האָבן לכתחילה אַזוינע חלומות ניט געהאַט.

אין דעם פּויערים־אידעאַל איז געווען אַ שטיק פון דער שלילה, נעגאַציע צו אַלץ וואָס עס איז טראַדיציאָנעל ביי יידן. דאָס איז די זעלביקע נעגאַציע וואָס צו דער שפּראַך פון יידן, צו זייערע פּרנסות, צו זייער פירונג און צו זייער כאַראַק־טער, צו די טראַדיציעס. אויף אַלע געביטן איז געווען דער דראַנג צו אויטאָ־אַסימילאַציע. יידיש איז צו פאַלקיש, דערפאַר „גלותדיק"; דער תלמוד און די תלמודישע טראַדיציע — גלותדיק. דערפאַר איז דער תנ"ך גוט, ווייל ער איז בלויז דאָגמע, ער איז ניט פאַרבונדן מיט קיין פּראַקטישער הלכה, מיט קיין אַבליי־גאַטאָרישער שטייגער־קולטור, מיט קיין שום טראַדיציאָנעלע מצוות, מעשיות גע־בראַכט פון גלות.

צוויי אידעאישע ריכטונגען האָט געהאַט די עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע: צו דער דירעקטער אַסימילאַציע — אין די פרייע לענדער און קיין ארץ ישראל

מיט דער אידעע פון אויטאָ־אַסימילאַציע. דער דראַנג פון יידישקייט, פון טראַ־דיציעס, פון דורותדיקער קולטור — איז געווען איןביידע.

ווען ארץ ישראל איז געוואָרן אַ מאַסן־ישוב אַ יידישער, אַן אַ צווייטער הערשנדיקער איבער אים קולטור, קערט זיך די מדינה ביסלעכווייז אום צו פאָל־קישקייט. בהדרגה, צו ביסלעך, אָבער דאָך שטאַרקט זיך די פאָלקישקייט וואָס איז געבראָכט פון גלות. אין די גלות־לענדער מיט אַ הערשנדיקער לאַנד־שפּראַך און לאַנד־קולטור איז דער פּראַקטישער דראַנג צו פאָלקישקייט, צו יידישער יידיש־קייט מינימאַל קליין און אַלע גלותן שטייען פאַר דער סכנה פון פולער אויסיידי־שונג, פון אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק. עמאַנציפּאַציע און אויטאָ־עמאַנציפּאַציע איז גלייך צו אַסימילאַציע און אויטאָ־אַסימילאַציע. עמאַנציפּאַציע מיט אַסימילאַ־ציע אין דער וועלט און אויטאָ־עמאַנציפּאַציע מיט אויטאָ־אַסימילאַציע אין ארץ ישראל. תנכיזם און די ווייטערדיקע מדרגה זיינע דער כנעניזם, זיינען מדרגות פון אויטאָ־אַסימילאַציע. אויסיידישונג איז דאָ אין ביידע ריכטונגען. עס איז אָבער דאָ אַ געוואַלדיקער אונטערשייד צווישן אַסימילאַציע און אויטאָ־אַסימילאַציע. אין די גלותן גייט דער אויסגעיידישטער דור אָוועק גלייך צום הויפּט־פאָלק, צום לאַנד־פאָלק. שטרויכלונגען אויף דעם וועג פעלן ניט פון פאַרשיידענעם כאַראַק־טער. צו ווערן אויס ייד איז ניט פון די גרינגע זאַכן. ניט אין פאַרגלייך נאָך שווע־רער איז אַריינשרויפן זיך אין דעם פרעמדן, אין דעם צווייטן פאָלק אַריין. ניט דאָ איז דאָס אָרט אויסצורעכענען די שוועריקייטן אויף די צוויי האַלבע וועגן: פון זיך — צום פרעמדן. דאָ איז אָבער כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די דאָזיקע שוועריקייטן רופן אַרויס ביי „אָוועקגייער" אַ כעס און אַ שינאה צום יידישן פאָלק, ווי ער וואָלט געהאַלטן די גייסטיקע שטריק וואָס לאָזן ניט אָפּרייסן זיך מיט איין מאָל און אָוועק... פאַראַן אַזאַ תלמודישע לעגענדע: עמיצער האָט זיך געגרייט צו זינדיקן, זיינען געקומען דעם טאַטנס ציצית און אים געשמיסן אין פּנים... אַט דער כעס אויף יידן ברענגט צו האַס און שנאה, צו פולן אַנטיסעמיטיזם. יידן — פּאַסיווע און אַקטיווע אַנטיסעמיטן... אַ דערשיינונג גאָרניט קיין זעלטענע.

## אַסימילאַציע-דראַנגען

פריער איז שוין געזאָגט געוואָרן אַז ביי יידן איז שטאַרק דער דראַנג צו אַסי־מילאַציע, אַלע מאָל, אין אַלע תקופות פון געשיכטע, פון אייביק אָן. עס זיינען טאַקע אַ סך יידישע שבטים אונטערגעגאַנגען אין אַסימילאַציע. ניט אונטערגעגאַנ־גען זיינען בלויז די שבטים יידן וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט אַסימילירן: ניט געווען אַזאַ סאָציאַלער קלאַס וואָס יידן זאָלן קאָנען זיך אַריינגיסן אַהין; געזעצן

האָבן ניט געלאָזן, די אַרומיקע, שכנהשע פעלקער זיינען אַליין געווען ניט די הער־שער נאָר סובאָרדינירט, און מיט אַזוינע, סובאָרדינירטע פעלקער אַסימילירן זיך יידן ניט. נאָך מער — אַפילו אין זייער אייגן לאַנד, אין ארץ ישראל האָבן יידן זיך אַסימילירט. די בולטסטע אַסימילאַציעס זיינען געווען די פון שומרון אין צייט פון בית ראשון און די העלעניזאַציע אין צייט פון בית שני. די העלעניזאַציע איז טאַקע איבערגעריסן געוואָרן דורך די חשמונאים, אָבער שוין די אייניקלעך פון די חשמונאים האָבן דאָך זי ממשיך געווען אין איר רוימישער וואַריאַנט.

## געאָפּאָליטישע צרות פון ארץ ישראל

בכלל האָט דאָס לאַנד ארץ ישראל אַ שלעכטן מזל צו ליגן געאָגראַפיש אין מיטן פון דער וועלט. און אַלע מאָל ווען צוויי שטאַרקע קריגן קריגן זיך, קריגט ארץ ישראל קלעפּ פון ביידע צדדים. אַזוי איז געווען אין דער תקופה פון די טייך־קולטורן. דער נילוס־טאָל האָט זיך געקריגט מיט די פעלקער פון פרת־חידקל (מעסיפּאָטאַמיע), איז ארץ ישראל געלעגן אין מיטן און געהאַט צרות. שפּעטער, אין דער תקופה פון ים־קולטורן (רוים און פּערסיע) איז ווידער ארץ ישראל געווען דער דורכגאַנג. און איצט, אין דער תקופה פון לופט־אָקעאַן, איז ווידער ארץ ישראל צווישן ביידע שטאַרקע. רוּאיקע צייטן זיינען זיינען אין יענעם ווינקל געווען בלויז אין פּאָליטישע הפסקות, ווען צוליב עפּעס סיטואַציעס האָט מען געמוזט דאָס לאַנד לאָזן צורו. אין אַנדערע צייטן איז אָדער מלחמות אָדער אַסימילאַציע, אָדער ביידע צוזאַמען. אַנדערש וואָלט אויסגעזען די געשיכטע פון יידישן פּאָלק, ווען זיין לאַנד וואָלט געלעגן אין אַ זייטיקן ווינקל, ניט אויפן „מיטן וועג". די וועלט־געשיכטע האָט אונדז קיינמאָל ניט געלאָזט צורו. בדיעביד (פּאָסט פּאַקטום) גע־פינען מענטשן אין דעם אויך אַ מעלה: מיר זיינען מחותנים אין אַלע קולטורן פון דער וועלט פון אַלע דורות. אין אַלע וויסנשאַפטן און קולטורן זיינען יידן היפּש פּראָמינענט. מיר אָבער דוכט זיך, אַז מיר וואָלטן פאַר זיך און פאַר דער וועלט געקאָנט אויפטאָן אַ סך מער ווען מיר וואָלטן געקאָנט זיין פאַר זיך... אָבער דאָס זיינען נאָר ספּעקולאַציעס, השערות בעלמא. איך גלייב אין יידישע פעאיקייטן און, הלוואי וואָלט איצט געקומען אַ שטיקל וועלט־פּאָליטישע הפסקה און מען זאָל לאָזן די מדינת ישראל צורו, וואָלטן יידן עפּעס אויפגעטאָן... איצט אָבער, ווען יידן קאָכן זיך אין אַלע געקעכצן פון דער וועלט איז גאָר „כרמי שלי לא נטרתי"...

אין אָט דער סיטואַציע שפּילט די יידישע רעליגיע אַ ספּעציפישע, אייגנאַר־טיקע ראָל: זי איז ביי יידן ניט קיין גאָט־רעליגיע נאָר אַן אמתע פאָלק־רעליגיע. איר ציל און זינען, איר גאַנג און אינהאַלט — איז דער קיום פון פאָלק און זיין

פּאַרזיכיקייט. דער לאָזונג פון „קודשא בריך הוא ואוריתא וישראל חד הוא" איז ניט סתם אַ שיינע פראַזע, עס איז די אָנערקענונג אַז אַל דאָס פּאַרזיכיק־יידישע איז טייער. טייער מיינט הייליק. הייליק מיינט געטלעך. אַל דאָס פּאַרזיכיק־יידי־שעס, אַלע זיטן, פירונגען, שטייגער, מנהגים, געדאַנקען, שאַפונגען — אַלץ איז הייליק־געטלעך בקדושת העם. ניטאָ ביי די אַנדערע פעלקער אַזאַ שכנות מיט יידן אַזאַ רעליגיע. דערפאַר איז דער יידישער צוגאַנג אַפּט ניט אָנגענומען אויך ביי יידן, איבערהויפּט ביי די יידן וואָס האָבן צו פיל געלערנט ביי גוים. זיי האַלטן נאָך אַלץ געצנדינעריש פון אַ פּערזאָן־גאָט מיט זיינע געטלעכע גאָט־קרובים אָדער האַלבע געטער, וואָס מען רופט זיי איצט „הייליקע". און אָט דער גאָט־פּערזאָן האָט זיינע פאָדערונגען און פאַרלאַנגען, וואָס זיינען אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון פאָלק, פון לעבן. גאָט און דאָס געטלעכע איז באַזונדער און קייסער, און פאָלק, און מענטשהייט איז ווידער באַזונדער... לויט די תוכיק־יידישע השגות איז דאָס ריינע געצנדינעריי. די יידישע רעליגיע פאַרנעמט זיך ניט מיט גאָט נאָר מיט פאָלק און מיט אַל דעם פאָלקישן.

## צוויי ריכטונגען אין יידישקייט

פון די פּאַרצייטיקע צדוקים אָן גייט עס ביי יידן אָן אַ העפטיקע קריגעריי צווישן די צוויי ריכטונגען — דער יידישער און דער צווייטער, פרעמדער: איז דאָס פאָלקישע דאָס געטלעכע, אָדער דאָס געטלעכע איז באַזונדער און האָט ניט קיין שייכות צום פאָלקישן?

אָט דער צווייטער צוגאַנג איז אַ סך באַקוועמער פאַר אַלע מינים אַסימילאַ־טאָרן: מען קאָן און מען מעג פאַרלאָזן און פאַרוואָרפן גאָר די יידישקייט און בלייבן גוטע יידן, פרומע יידן אפילו. מען קאָן אָננעמען אַלע גוייִשקייטן און זיך האַלטן פאַר יידן. רעליגיע און לעבן זיינען צוויי באַזונדערע געביטן. „אַ ייד ביי זיך און אַ „מענטש" — אין דרויסן" האָט עס געקלונגען ביי די משכילים. און דאָס וואָרט „מענטש" האָט געמיינט צו זיין אַזוי ווי דער אָרטיקער ניט־ייד, פּשוט — אַסימילאַציע... פאַר די אַלע אַסימילאַטאָרישע ריכטונגען מיינט רעליגיע אַ סכום מצוות וואָס מען דאַרף טאָן ווייל אַזוי וויל גאָט. רעליגיע איז אַזוי אַרום אַ קאָ־דעקס, על פּי רוב פאַר דער סינאַגאָגע. אַזוי איז עס איצט אָנגענומען ביי אַלע רעליגיע־יידן, פון דער שטרענגסטער אָרטאָדאָקסיע ביז צו די עקסטרעמסטע רעפאָרמער. דער אונטערשייד איז נאָר אין דעם פאַרנעם פון קאָדעקס — צי דאָס איז דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער שולחן ערוך, צי נאָר עפּעס אַ רעשטל פון אַ צע־רעמאָניע כדי יוצא צו זיין... הייגט, די וועלטלעכע — זיי זיינען פּטור פון אַלץ.

דער דראַנג־פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון יידישער פאַלקישקייט, אויפהערן צו געהערן צום באַזונדערן, פאַרזיכיקן פאַלק און אַרייַנגלידערן זיך אין דעם לאַנד־פאַלק איז אַזוי שטאַרק, אַז ער רופט אַרויס כעס און האַס צו אַלץ און צו אַלעמען וואָס שטערן דעם אַסימילאַציע־גאַנג. געגנוג צו דערמאַנען די באַציאונג פון דעם „קאַנסול פון יודאַיזם", פון סאַטמאַר, פון אַזאַ מעלדונג אויף די ווענט „ווער עס נעמט אַנטייל אין די פייערונגען פון יום העצמאות, דער איז ימח שמו וזכרו", אַזויגע און ענלעכע דערשייַנונגען זייַנען צום אומגליק צו פיל ביי אונדז. שינאת ישראל אנשטאט דער נאַרמאַלער אהבת ישראל. דאָס איז איצט אַ כאַראַקטער־שטריך ביי אונדז.

אַזוי אַרום קומען מיר צו אַן אויספיר, אַז אַלע אונדזערע איצטיקע רעליגיעזע ריכטונגען זייַנען ווייַט אַוועק פון דער אמת־יידישער פאַלק־רעליגיע, ווי דאָס איז געווען אין דער טראַדיציע, ווען אַט די פאַלק־רעליגיע האָט טאַקע אייַנגעהיט דעם קיום האומה.

מען דאַרף דאָך מודה זייַן, אַז עס איז שווער צו זייַן אַ ייד. שווער צו לעבן אין אורבאַנישער געזעלשאַפטלעכקייט, זייַן פאַרבונדן עקאָנאָמיש, סאָציאַל, יוריד־דיש און פּאָליטיש, קולטורעל מיט דעם לאַנד־פאַלק און מיט זייַן שטייגער, מיט זייַן קולטור און מיט זייַן בילדונג, און אין דער זעלביקער צייַט אויך זייַן טאַקע אַ „ייד ביי זיך", צוזאַמען מיט די אַרבעט־קליידער אַראָפּצוואַרפן פון זיך די גאַנ־צע קולטור פון דער גויישער וועלט, וואָס פון איר, מיט איר לעבט מען און מען מאַכט אַ לעבן. כדי דאָס צו קאָנען דאַרף מען פאַרמאָגן גאָר אַ שטאַרקן גלויבן אין יידישקייט. און גלויבן מיינט דאָ ניט סתם געטרויען, האַלטן פאַר אמת, זייַן אַ מאמין אין עפּעס. גלויבן מיינט דאָ מער — געטריי זייַן, זייַן אַ נאמן, געטריי איבערגעגעבן צו יידישקייט בכלל ווייל עס איז פאַלקיש־געטלעך.

אַזוי איז עס געווען אין דער טראַדיציע, וואָס האָט באמת פאַרגעטלעכט, פאַרהייליקט גאָר די יידישקייט, „אַלץ וואָס אַ געטרייער תלמיד וועט נאָך מחדש זייַן" — אַלץ איז הייליק ווי עס וואָלט געגעבן געוואָרן צו משהן אויפן באַרג סיני..."

ניט אַזוי די הייַנטיקע אָרטאָדאָקסיע, וואָס האַלט נאָר פון דער שולחן־ערוך־יידישקייט און זי וואַרפט אָפּ גאָר די עכטע, הייַנטיקע יידישקייט, אַלץ וואָס עס האָט געשאַפן דער יידישער גייסט מחוץ דעם שולחן ערוך. זיכער איז פאַראַן אין די נייַערע שאַפונגען פון יידישע שרייבער אַ סך פּסולת, אָבער צוליב דעם פּסולת טאָר מען דאָך ניט פאַרוואַרפן דעם סולת — דאָס עכטע, דאָס אָריגינעל־יידישע. אמת יידישע רעליגיע הייסט צו זייַן עקסטרעם געטריי צו אַלץ וואָס עס איז ספּעציפיש, פאַרזיכיק יידיש... אָך, ווי ווייַט מיר זייַנען פון דעם! און דאָ ליגט טאַקע די סכנה

פאַרן קיום פון יידישן פאָלק. ווידער קומען מיר צו דעם פריער געזאָגטן: וואָלט ארץ ישראל — דאָס יידישע לאַנד — געלעגן ערגעץ אָן אַ זייט, אין אַ ווינקל, ניט אויפן מיטן וועג, וואָלט יידישקייט געקאָנט זיין אַ סך זיכערער.

## ציון און טעריטאָריע

אין דעם זינען בין איך אין מיינע חלומות אַ פולער טעריטאָריאַליסט. ניט דערפאַר וואָס ארץ ישראל געפעלט מיר ניט, ניט דערפאַר וואָס העברעיסטן אָדער אַנדערע האָבן זי "פאַרכאַפּט". ניין. דערפאַר נאָר וואָס איך בענק נאָך אַ שטילער, רויִקער יידישער היים, ערגעץ פאַר זיך אָן אַ זייט, פאַר זיך און פאַרזיכיק. מיין באָבע פלעגט זאָגן: "מיינע שונאים זאָלן האָבן איין אויג אין קאָפּ און איין צאָן אין מויל". ביי מיר איז קלאָר, אַז כל זמן יידן וועלן ניט קאָנען מאַכן אין יעדן אָרט ווו זיי לעבן קיין "ארץ ישראל", איז אויך די יידישקייט פון ארץ ישראל לגמרי ניט פאַרזיכערט, ניט באַוואָרנט אַפילו ביי די בעסטע דרויסנדיקע באַדינגונ־גען. ציוניזם וועט פאַרווירקלעכט ווערן ווען אין די גלותן וועלן זיין "ישראלס". אין די גלותן וועלן זיין ישראלס ווען מדינת ישראל וועט זיין דורך און דורך ישראלדיק. הא בהא תליא. אַ ישראל וואָס בויט זיך מיט אַן אַנטיגאָניזם צום גלות, ווי אַ קעגנזאַץ צו דער יידישקייט פון גלות, אַ ישראל וואָס באַזירט זיך אויף שלילה, אויף נעגירן די קולטור פון די גלותן, — אַזאַ "ישראל" וועט קיין ישראל ניט בלייבן. ציוניזם און טעריטאָריאַליזם זיינען לגמרי ניט קיין קעגנזאַצן, קיין תרתי דסתרי — קיין צוויי וואָס נעגירן זיך איינע דער צווייטער. עס איז גאָר פאַרקערט, ארץ ישראל וועט זיין פולשטענדיק ישראליש, ווען יידישע קיבוצים אין די גלותן וועלן זיין ווי ישראל־אינדזלען אין דער וועלט בכלל.

פאַרוואָס דאָס איז אַזוי? אויף וואָס אַזאַ אמונה באַזירט זיך, איז קלאָר, אָבער לאָמיר דאָ אָפּגעבן עטלעכע שורות דערויף: אין אורבאַניזם, ווען דאָס גאַנ־צע מאַכן אַ לעבן קומט אויס צו זיין געמיינזאַם פאַר אַלע פעלקער, פאַר אַלע איינוווינער פון ראַיאָן צוזאַמען, גלייך, קומט אויס אַז די גאַנצע איי־גענע, די נאַציאָנאַלע קולטור פון די באַזונדערע פעלקער דאַרף זיך האַלטן אויף דעם אויסלעבן זיך, אויף דער צייט פון נאָך דעם אַרבעט־טאָג: שולן, קונסט, מוזיק, ליטעראַטור, טעאַטער וכדומה. דאָס וועט קאָנען זיין ווען אַלע פעלקער־קאָמפּאָנענטן וועלן זיך אויסלעבן באַזונדער, און דערצו וועט די נאַציאָנאַלע קול־טור קריגן צו זיך אַ ספּעציעלע באַציאונג ווי צו אַ רעליגיע, וואָס מען היט מיט אַ געוויסער אָנשטרענגונג פון ווילן, ווייל מען האַלט עס פאַר אַ חוב, פאַר אַ מאָ־ראַלישער פליכט. איך גלייב אין דעם, ווייל אַנדערש וועט די מענטשהייט מוזן

אומברענגען זיך און די גאַנצע ערד מיט איר וויסנשאַפט און טעכניק. סיידן עס וועט מקוים ווערן „איין וועלט מיט אַלערליי באַזונדערע קולטורן", מאַכן אַ לעבן געמיינזאַם, אויסלעבן זיך פּאָר זיך.

עס וועט אויסקומען יידן צו זיין צווישן די פּיאָנערן פון אַזאַ וועלט־אייג־אָרדענונג. די פּאַרטייִלונג פון יידישקייט (אָדער יידישער קולטור) אויף רע־ליגיעזער און וועלטלעכער איז ניט מער ווי אַן אַנאַכראָניזם און אַ טעות. יידיש־קייט און יידישע קולטור זיינען אידענטיש און דאָס איז די יידישע רעליגיע...

כ'ווייס — עס וועט נאָך געדויערן ביז דער געדאַנק וועט אַריינדרינגען אין יידישע מוחות. איך ווי אַ פּריוואַטער מענטש וועל זיכער צו דעם ניט דערלעבן, אָבער דאָס לעבן פון אַ פאָלק רעכנט זיך ניט מיט פּריוואַטע לעבנס.

## טעריטאָריאַליזם, ציוניזם און דאַיזם

אין תוך אַריין איז טעריטאָריאַליזם ניט קיין קעגנזאַץ צום ציוניזם, נאָר צו דעם „דאַיזם". דער טעריטאָריאַליזם איז אויפגעקומען אין אַ צייט ווען יידן זיי־נען געלאָפן כאַאָטיש, נאָך קעשענעוו און פאַר קעשענעוו, ווי פון אַ שׂרפה, מען האָט זיך אפילו געלאָזט צופוס, מען איז געלאָפן קיין אַרגענטינע טאַקע בויען נייע יישובים. הערצל האָט אין 1903 מיטן פאַרשלאָגן דעם טעריטאָריאַליזם ניט פאַרראַטן ציון, ווי די רוסישע ציוניסטן האָבן עס דעמאָלט אויפגענומען. ארץ ישראל און מדינת ישראל וואָלטן ניט מער ווי געווונען ווען עס וואָלט דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אַ טעריטאָריע. עס איז אויך געווען אַ צייט ווען מען האָט ניט געטאָרט וואַרטן אויף „טשאַרטערס" מיט „עפנטלעכע רעכט" דווקא אין ציון: אַ פאָלק איז געלאָפן ווּהין די אויגן האָבן געטראָגן. ווען „דאָס שטעטל ברענט" טאָר מען ניט זיצן אין פייער און וואַרטן אויף דעם „קאָנטראַקט" פון דער נייער דירה, וואָס מען וועט אויסבויען, ווען מען וועט דערלויבן. וואָלט דער ציוניזם געוואַרט באמת אויף די „עפנטלעכע רעכט", וואָלט קיין מאָל קיין יידישע מדינה ניט אויפגעבויט געוואָרן. דער טעות איז געווען וואָס אויך דער טעריטאָריאַליזם האָט געזוכט עפּעס אַ טעריטאָריע און ניט געבויט דאָרטן ווּ יידן האָבן זיך אָנגעזאַמלט — אין די אַמעריקעס, אין אַלע אימי־גראַציע־לענדער. וואָלט מען געקאָנט באמת שאַפן יידישע ראַיאָנען, אַ שטאַט, אַ היים צי אין די שטאַטן, צי אין קאַנאַדע, צי אין אַרגענטינע און אין דרום־אַפריקע, צי אין עטלעכע ערטער מיט איין מאָל. ציון און ציוניזם וואָלט נאָר געווונען. און בויען האָט מען געדאַרפט ניט סתם פּויערישע קאָלאָניעס, נאָר גאַנצע יידישע ראַיאָנען. און מען האָט עס געקאָנט! נאָר פאַרזען. יידן האָבן

דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען וואָס מיינט בויען אַלזייטיקע פּאַרזיכיקייט, ניט בלויז פּרימיטיווע קאָלאָניעס מיט אַ בית מדרש.

דריי זיינען אויפגעקומען טעאָריעס ביי יידן: ציוניזם, טעריטאָריאַליזם און דאַיִזם (דער נאָמען „דאָ, דאַיִזם" איז אויפגעקומען אַ סך שפּעטער, ערשט נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה). דאָס אַלגעמיינע צווישן זיי איז געווען דאָס, וואָס אַלע האָבן געבויט ניט ווי מען האָט געדאַרפט: דער ציוניזם האָט געמיינט אַז ער קומט ראַטעווען די יידן פון... יידישקייט, ווייל דאָס וואָס יידן זיינען טויג ניט, מען דאַרף אויסהאָדעווען אַנדערע, נייע יידן.

דער טעריטאָריאַליזם האָט געוואָלט בויען קאָלאָניעס צו האָדעווען אַ יידיש פאָלק פון פּויערים אַזוי ווי אין רוסלאַנד. דער דאַיִזם איז געקומען ווען די נייע מדינות אויפן געביט פון פריערדיקן תחום המושב האָבן אונטערגעשריבן רעכט פאַר יידן אויף קולטור־אויטאָנאָמיע. אַלע טעאָריעס האָבן געהאַט אין זיך פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע עלעמענטן. קיין איינציקע פון די דריי האָט ניט געהאַט פאַרויסגעזען איר ווייטערדיקן פּלאַן און פאַרלאַנג. דער ציוניזם האָט ניט געחלומט אַז ער גייט בויען אַ באַזונדערע מדינה אין אַ ים פון שינאה. געגאַנגען בויען איז מען גאָר אַ ניי יידיש פאָלק, וואָס איז פריי פון אַלץ וואָס עס איז גלותדיק און פורעמט זיך לויט אידעען וואָס מען ברענגט פון די נייסטע אידעען פון רוסלאַנד.

האָט מען אין אַרגענטינע (אויך אַנדערשוווּ) געבויט לכתחילה מיט דער שטילער האָפענונג אויף אַסימילאַציע וואָס גיכער. האָט מען אין אַמעריקע גע־מאַכט עקספּערימענטן צו בויען אַנאַרכיסטישע קאָלאָניעס וכדומה. האָט מען יאָ געבויט תלמוד תורות אויסצולערנען „עברי". קיין חלום פון אַלזייטיקער פאַרזיכיקייט, פון בויען אַ פאַרזיכיקן ראַיאָן, אַ שטאָט, ווי למשל די מאַרמאָ־נען אין יוטאַ־שטאַט — וועגן דעם האָט מען ניט געוואָלט אפילו טראַכטן. דאָ האָט מען זיך באַמיט וואָס גיכער זיך צו „אַמעריקאַניזירן". געמיינט האָט עס — זיך אַסימילירן וואָס גיכער. האָט דער דאַיִזם שוין יאָ עפּעס געוואָלט, אָבער אויך די דאַיִסטן האָבן: ערשטנס, געבויט אויף אַ ווולקאַן, און אַלע האָבן געוווּסט אַז דער ווולקאַן וועט אויפרייסן. צווייטנס, האָבן די דאַיִסטן מער געגלויבט אין דעם שייכותדיקן קלאַס פון הויפּטפאָלק איידער אין דעם יידישן פאָלק. סאָציאַליסטן האָבן מער געגלויבט אין די פּוילישע סאָציאַליסטן איידער אין אייגענעם פאָלק.

הצד השווה — דאָס אַלגעמיינע ביי אַלע ריכטונגען איז געווען דאָס וואָס חלומען און טראַכטן און פּלאַנירן און בויען היימען פאַר דער אַלזייטיקער און אַלוועלטלעכער גלותדיקער יידישקייט ווי זי האָט זיך אויסגעקריסטאַלי־

זירט ביז אונדז — דאָס האָט מען ניט געטאָן, ניט געוואָלט טאָן. אומעטום, אין אַלע אימיגראַציע־לענדער איז דער ציל געווען:

זיך אידענטיפיצירן מיט דעם לאַנד־פאָלק, זיך אַסימילירן — גיכער אָדער פּאַמעלעכער, פאַר זיך נאָך אָדער פאַר די קינדער, אין גאַנצן אָדער לאָזן אַ שטיקל אַפּענדיקס פון יידישקייט. אפילו די געטרייסטע — די וואָס אין ארץ ישראל — אפילו זיי האָבן געחלומט, פּראָיעקטירט, געפּלאַנירט און געבויט אַן "אויטאָ־אַסימילאַציע", ווי מיר האָבן דאָס אָנגערופן פריער. דאָס מיינט: פון דער היינטיקער יידישקייט דאַרף מען טאָקע אָנטלויפן. היות אָבער די אַלע פּאַראַנענע "גרויסע" פעלקער מיט "גרויסע" קולטורן ווילן אונדז ניט, וועלן מיר אַליין אויפשטעלן אַן אייגענע אַזאַ קולטור, וואָס אַלע האַלטן פון איר, אַלע אַכטן און רעספּעקטירן זי. ניט קיין שניפּעשאָק, דאַרטן, נאָר סאָמעראָדנע גדעונס עין חרוד און אַנדערע תנ"ך־ערטער און תנ"ך־מענטשן...

אָבער פון דער היינטיקער יידישקייט ווילן אַלע אַנטלויפן.

כדי שלום צו מאַכן מיט דעם אייגענעם געוויסן האָבן די רעליגיעזע און אויך טיילווייז — וועלטלעכע, בכלל אַלע ריכטונגען מיט "אַסימילאַציע אויף ראַטעס", ביסלעכווייז צוגעטראַכט אַ פּאַסיקע נייע טעאָריע:

## לעבן אין צוויי קולטורן

דערווייל האַלטן זיך נאָך פעסט אין יידישע מוחות צוויי פאַלשע געדאַנ־קען: מען טיילט פאַנאַנדער רעליגיע און וועלטלעכקייט. איינע איז בלויז צו גאָט, די צווייטע — צו לייט, די צווייטע איז כולה וואָכעדיק. בלויז קליינע גרופּעס האַלטן פון דער וועלטלעכער, וואָכעדיקער קולטור. א סך מער האַלטן פון דער רעליגיעזער אין אירע פאַרשיידענע פּאַרמאַציעס. פאַר אַלע אָבער איז יידישקייט בלויז אַ מין געגאַרטער אָדער אומגעגאַרטער צוגאָב. די באַ־וווסטזיניקע, געטרייע יידן רעדן זיך איין און זיי באַמיען זיך אויך אַנדערע איינצורעדן אַז זיי לעבן און דערציען דורות צו לעבן איינצייטיק אין צוויי קולטורן — אין דער לאַנד־קולטור און אין דער יידישער.

די טעאָריע צו קאָנען לעבן איינצייטיק אין צוויי קולטורן האָט זיך אַרויס־געוויזן פאַר פאַלש. די עצם טעאָריע איז אַן אויסגעטראַכטע אומזיניקייט. עס איז ווי, למשל, אַ פּאַרלאַנג צו האָדעווען אַ חיה זי זאָל זיין איינצייטיק אַ וואָלף און אַ ציג, אָדער אַ בוים וואָס זאָל זיין אַ צעדער און אַ דעמב. אויסלערנען קאָן מען אַ סך קולטורן, וויסן, פאַרשטיין, אָבער זיין צוויי־קולטוריק איז ווי זיין צוויי־געשטאַלטיק. אַזוי קאָן מען ניט זיין איינצייטיק אַ רוס און אַ פראַנ־

צויז, אַ ייד און אַ פּאַליאַק. אַ ייד קאָן אויסגעבונדן זיין באַהאַונט אין איינער און אין צען פרעמדע קולטורן, ער אַליין וועט אומבאַדינגט בלייבן אַ ייד. עס קאָן קיין מענטש אין דער וועלט ניט זיין איינצייטיק אַ טערק און אַ רוס, אַ מעקסיקאַנער און אַ שפּאַניער, הגם זיי ריידןביידע איין שפּראַך. עס האָט אַ ייד ניט געקאָנט זיין איינצייטיק אַ ליטוואַק און אַ פּוילישער. קולטור איז אין כאַראַקטער, אין דער נשמה, אין דער גאַנצער פּסיכיק. מען קאָן ניט האָבן קיין צוויי נשמות. מען קאָן וויסן, קענען, טיף באַנעמען צוויי קולטורן און נאָך מער ווי צוויי. אָבער אַליין קאָן מען זיין אָרגאַניש בלויז אין איינער. יעדער אינ־טעליגענטער מענטש דאַרף היינטיקע צייטן זיין באַקאַנט מיט עטלעכע שפּראַכן און קולטורן. אָבער דערצו איז נויטיק אומבאַדינגט דער מענטש זאָל אין זיין קינדהייט פאַרדייען די קולטור פון זיין פאָלק, פון זיינע דורות. אַ גוטער, קול־טיווירטער פרוכט־בוים קאָן אויסוואַקסן ווען מען פאַרזייט אַ „ווילדן זאָמען" פון אַן אומקולטיווירטן בוים און ערשט שפּעטער, ווען דאָס יונגע ביימל איז שוין איינגעוואָרצלט, דעמאָלט גרעפט מען אויף אים אַרויף די געוווּנטשענע קולטור. עס איז טראַגיש וואָס כמעט אַלע יידן אין דער גאָרער וועלט האָדע־ווען איצט זייערע קינדער כלומרשט אין צוויי קולטורן: מען איז און מען וויל אַז די קינדער זאָלן אויך זיין יידן, און מען פלאַנצט אין די קינדער די לאַנד־קולטור איידער די אָרגאַניש־דורותדיקע איז איינגעוואָרצלט.

דער טעות נעמט זיך פון דעם וואָס מען פּלאָנטערט ביי יידן די באַגריפן קולטור און בילדונג. בילדונג קאָן מען זיך אויסלערנען פון לערער, פון ביכער; בילדונג איז וויסן. קולטור קאָן מען זיך ניט אויסלערנען, בילדונג איז געגליכן צו אַ קאַפּיטאַל געלט אין באַנק, קולטור אָבער איז דער סכום נאַרמען און פאַרמען פון אויפפיר, פון שטייגער, פון באַציען זיך צום אַרום. אין זעל־ביקן גאָרטן וואַקסן פאַרשיידענע געוויקסן. איטלעך פון זיי פּראָדוצירט פון די זעלביקע שפּייזן פאַרשיידענע פאָרמען, פאַרשיידענע זאַפטן, פאַרשיידענע פרוכטן לויט זיין דורותדיקער קולטור. קולטור איז אין אַלע גלידער, אין אַלע ניגונגען און דראַנגען, אין אַלע טריבן און אינסטינקטן און די האַנדלונגען וואָס זיי ברענגען אַרויס. בילדונג גיט מען איבער דורך ווערטער, קולטור איז אין גאַנצן ניט אָפּהענגיק פון ווערטער. פאַרקערט, איז עס גאַנץ אָפט, אַז ווערטער פאַרשוועכן קולטור, פאַרלייקענען, באַהאַלטן און פוצן אויס די קול־טור. גאָר אָפט קומען ווערטער לכתחילה כדי צו פאַלסיפיצירן קולטור. קולטור איז דער מענטש, די בילדונג איז דער פאַרמעגן זיינער; בילדונג איז אינדיווי־דועל דערוואָרבן, קולטור איז דורותדיק. גאָר אָפט קאָן בילדונג זיין אָן קול־טור און פאַרקערט. עס זיינען געווען אין די אָרעמע קליינע שטעטלעך יידן אָן בילדונג, דעם נאָמען ניט געקאָנט אונטערשרייבן, און קולטור האָבן זיי

פאַרמאָגט ניט אין פאַרגלייך מער ווי אַנדערע דאַקטוירים הייַנטיקע. אַזאַ ביל־דונג אַן קולטור איז אָפּט שעדלעך, מסוכן. דאָס האָט נאָך געוווּסט די גמרא („כל שחכמתו מרובה ממעשיו...״). בילדונג איז אַ בגד, וואָס מען קויפט, מען קריגט, מען פּוצט זיך אויס מיט דעם, איטלעכער מענטש פאַר זיך, עס איז אינדיווידועל. קולטור איז אינעווייניק, אין די אָרגאַנען, דערוואָרבן דורך דורות טראַדיציע, שטייגער, קאָלעקטיוו, קולטור איז פאָלקיש. מען קאָן ניט זאָגן די בילדונג פון אַ פאָלק, אָבער, פאַרקערט, איז גאָר אוממעגלעך צו ריידן וועגן קולטור ניט אין די ראַמען פון פאָלק, פון ציבור, פון דורותדיקן קאָלעק־טיוו. בילדונג איז נאַציאָנאַל בלויז לויט דער שפּראַך, קולטור אָבער איז נאַ־ציאָנאַל אין איר מהות. אַ מענטש קאָן זיך דערווייטערן פון זיין פאָלקס קול־טור אויף וויפל זי איז אים באַוווּסט, אויף וויפל עס איז אין די ראַמען פון זיין וויסן. אָבער ער קאָן בשום אופן ניט אַנטלויפן פון די אייגנשאַפטן וואָס זיינען טיפער פון זיין באַוווּסטזיין. אַ מענטש קאָן אַננעמען אַ צווייטע קול־טור, אויף וויפל עס איז אין דער מאַכט פון זיינע מיינונגען, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. ער קאָן אָבער ניט אַנטלויפן פון די אונטערבאַוווּסטזיניקע, דו־רותדיקע, אורגעוווינהייטן, נייגונגען, וואָס זיינען שטאַרקער פון זיין וויסן און ווילן; פּונקט אַזוי קאָן ער אַננעמען אַ קולטור פון אַ צווייטן פאָלק נאָר אין די ראַמען פון זיין וויסיקן ווילן, אָבער ער איז אין גאַנצן אָנמעכטיק לגבי די טיפערע עלעמענטן פון דער פרעמדער קולטור, וואָס מען קאָן ניט אויס־לערנען, וואָס מען קאָן אפשר נאָכמאַכן, אָבער נאָכגעמאַכטע סחורות זיינען פאַרט ניט אָריגינעל. יידן אין דייטשלאַנד זיינען געווען גאָר אויבן אָן פון דער דייטשישער שריפט־קולטור, אָבער דאָך זיינען זיי געבליבן נאָכגעמאַכטע, אומעכטע דייטשן, ווייל זייערע עלטער־זיידעס האָבן קיין ביר ניט געזויפט און זייערע אורעלטערן האָבן צו די טעווטאָנישע געטער ניט געדינט. ניט בעסער איז עס אַנדערשוו, אין אַנדערע לענדער. דער אַלגעמיינער סך הכל איז, אַז אָט די אויסגעיידישטע יידן ליידן פון שווערע אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, וואָס ברענגען גאָר ניט זעלטן גאַנץ שווערע גייסטיקע און מאָראַלישע קאָמפּליקאַ־ציעס. בכל אופן — פאַרן יידישן פאָלק זיינען די שיכטן פאַרלוירן. סיידן עפּעס אַן אויסעראָרדנטלעכע דערשיינונג קאָן ביי זיי אַרויסרופן „עקספּלאָזיע־יידיש־קייט״. די דאָזיקע „עקספּלאָדירטע יידישקייט״ האָט אַ סך קלענערן ווערט ווי דער מחבר פון טערמין (פּראָפ. פישל שנייאורסאָן) האָט געמיינט: דער מענטש וואָס אין אים האָט די יידישקייט עקספּלאָדירט, דאַרף האָבן אין זיך אַ באַזע, אַ היים וואָס זאָל אים אַרומנעמען, אָט דעם „בעל תשובה״. אָן דעם בלייבט ער קרח מכאן ומכאן. בכל אופן פאַר דער אַקטיווער שעפערישער יידישקייט זיי־נען אָט די כלומרשט „ביקולטורעלע יידן״ אין גאַנצן פאַרלוירן. און אָט פאַר־

וואָס: כּדי צו זיין שעפעריש אַקטיוו אין ריינער קולטור, אין געזעלשאַפט־לעכקייט דאַרף מען זיין אַריינגעלעבט אין דער פֿאָלקישער קולטור, אין דער קולטור שבעל פּה פון דער געגעבענער אַקטועלער תּקופה. דאָס איז איינס און צווייטנס, דאַרף מען פֿאַרמאָגן „אמונת ישראל" — גלויבן אין דער ווערט־פולקייט פון דער יידישער טראַדיציאַנעלער קולטור, וואָס לעבט אין פאָלק אויב אפילו ניט געלערנט, ניט אין די הייליקע ספרים. אָן די צוויי תּנאים זיינען די מענטשן לגמרי אַטראָפירט קולטורעל, געזעלשאַפטלעך, אפילו אין מאָמענטן פון לעבנס־סכּנה. פאַרקערט, דאַרף מען די גרעסטע טיילן פון זיי, פון די „בי־קולטורעלע" אין אַלע לענדער בפירוש צורעכענען צו די פּאַסיווע און אפילו צו די אַקטיווע שונאים פון יידישן פאָלק און פון יידן פּריוואַט אויך. זיי זיינען פול אין אַמעריקע, אויך אין פראַנקרייך (זען „פאָלק און וועלט" נאָוועמבער 1968. אַרטיקל פון י. קאַרנהענדלער).

די צרה איז גרויס, דער ווייטאָג איז גרעסער: אַ פאָלק האָדעוועט שונאים קעגן זיך אַליין. זיי זיינען אַ סך מער ווי מען שטעלט זיך דאָס פאָר. און עס איז נאָך ערגער: אונדזער יידיש פאָלק ווערט סטעריל! אַלט און סטעריל. ניטאָ קיין יוגנט! דאָס גאַנצע פאָלק לעבט איצט אין אורבאַנישע לענדער, ניטאָ קיין קלאַסן. אין דעם איינקלאַסיקן פאָלק פון לאַנד זיינען אויך יידן אַריינגענומען. לעבן יידן אָדער מאָנאָקולטורעל מיט דער קולטור פון לאַנד, מיט דער שפּראַך פון לאַנד און זיי באַמיען זיך ווי ווייט זיי קענען אַריינלעבן זיך אין לאַנדפאָלק, אָדער זיי לעבן ביקולטורעל, זיי לערנען אין אַ שול יידיש וויסן, זיי געניסן אָבער גאָרנישט פון דער טיפערער בעל פּה־קולטור, פון שטייגער, פון דעם אַלץ וואָס איז ניט צו קריגן פון שולן, פון פּראָגראַמען. דער סך הכל איז: דאָס אורבאַנישע יידנטום האָט נאָך ביז איצט נישט אויסגעהאָדעוועט קיין יידישן שרייבער, קיין דיכטער, קיין געזעלשאַפטלעכע טוער. און דאָס — אין אַלע נייע ישובים אויף דער וועלט. אַזוי — אין אַלע ישובים, אַחוץ מדינת ישראל וווּ עס דאָמינירט איין קולטור. דאָס יידישע פאָלק אין אַמעריקע האָט ניט אַפילו קיין יידישע לערער פאַר די יידישע שולן בשעת די מערהייט לערער אין די אַלגעמיינע שולן פאַר נעגערישע און אַנדערע קינדער זיינען דווקא יידן. אַזוי אַרום ווערט דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט סטעריל גייסטיק און געזעלשאַפטלעך. אַן שרייבער, אַן דענקער, אַן אָרגאַ־ניזאַטאָרן, אַן לערער, אַן וויסנשאַפטלער, אַן פירער און טוער. דערפאַר אָבער מיט אַ סך פּאַסיווע און אַקטיווע שונאים, אַנטיסעמיטן־יידן... אַ שרעקלעכע פּערספּעק־טיוו, אָבער אַן אמתע! טראַגיש! ריכטיק: יידן ווערן אויס פאָלק. ניטאָ קיין פאָלק שוין איצט אין אַמעריקע וואָס זאָל אַרויסטרעטן אָרגאַניזירטערהייט קעגן כּוליגאַ־נישע אָנפאַלן אויף יידן, קעגן שריפות, הריגות און רויבערייען אין דעם גרעסטן יידישן ציבור אין דער וועלט — אין ניו־יאָרק. יונגע יידן זיינען פול אין אַלע נייע

און נייערע אַלגעמיינע באַגרינדעטע און ווילדע באַוועגונגען; יידן אומעטום — אין די ערשטע רייען, ניטאָ אָבער, כמעט ניטאָ קיין יונגע יידן אין ריין־יידישע באַוועגונגען, אַפילו ווען עס גייט וועגן פיזישער, פשוטער פאַרזיכערונג פון לעבן. אַלץ וואָס ווערט געטאָן איז דאָס נאָך אַלץ פון דעם דור פון די געקומענע, פון אימיגראַנטן־דור, וואָס שטאַמט נאָך אַליין פון דער פריערדיקער שטעטלשער תקופה. ביז איצט איז עס אַ כלל: אין אורבאַניזם ווערט דאָס יידישע פאָלק צעשטערט.

## אַנקולטורעלע מאַסע

דער ערשטער עלעמענט פון אַ לעבעדיק פאָלק איז דער „פאָלקישער מאַסיוו" — דאָס הייסט מאַסן מענטשן, וואָס לעבן זייער טראַדיציאָנעלן שטייגער אַן שולן, ניט אויסגעלערנט אין קיין שול, נייערט דירעקט איבערגענומען פון דור צו דור, דירעקט דורך דעם לעבן, מיט בילדונג צי אָן בילדונג — אַלץ איינס! דער מאַסיוו איז דער באָדן, דער ליים וואָס פון דעם ווערט דאָס פאָלק געקנאָטן; דער בוים וואָס ברענגט פרוכטן. אָט דער פאָלקישער מאַסיוו לעבט זיין שטייגער און אַזוי, פון דעם שאָפט ער דעם רוישטאָף פון דער פאָלקס־קולטור.

דער פאָלקישער מאַסיוו רעדט זיין לשון, אויב אפילו אַ פרעמד לשון, בויט עס דער מאַסיוו איבער. ניט געלערנטע פילאָלאָגן שאַפן אַ שפּראַך, נאָר דער פאָלקישער מאַסיוו. קינדער ריידן, שאַפן זייער לשון נאָך איידער זיי לערנען. אַזוי אויך דער פאָלקישער מאַסיוו.

צי יידיש איז אַ גוטע שפּראַך אָדער ניט — זאָלן פילאָלאָגן פסקענען, — דאָס יידישע פאָלק האָט עס געשאַפן, געבויט, איבערגעבויט, איבערגעשאַפן, אײַבערגעקנאָטן, אַריינגעזועצט אין דעם אַן אייגענע נשמה, אַן אייגענעם אלף בית... אין דער שטעטלשער תקופה האָבן יידן געשאַפן אַ לשון. אין אורבאַניזם פאַרלירט דאָס יידישע פאָלק זיין אייגן לשון. אַ קינד וואַקסט אויס און אַנטוויקלט זיך ניט דורך דעם באַוווסטזיין. אַ פאָלק — אויך אַזוי — פון זיין שטייגער, פון זיין קולטור שבעל פה, פון זיין אומגעהובלטן, אומגעשליפענעם דיאַלעקט ווערט זיין שפּראַך און שפּעטער קומט זיין גאַנצע קולטור שבכתב, די, וואָס מען קען זי לערנען. די קולטור שבכתב — דאָס איז דער זכרון פון פאָלק. נאָרמאַל, כל זמן אַ פאָלק לעבט, ווערט זיין קולטור שבכתב אַריינגעפירט צוריק אין לעבן. די קולטור־זאַפטן פון די פריערדיקע דורות באַלעבן, באַפרוכפערן די יינגערע, די וואַקסנדיקע דורות. דאָס איז די עובדא, דער אויפגאַב פון פאָלקישער בילדונג.

דאָס איז די קולטור־צירקולאַציע. זי איז אין לעבן פון אַ פאָלק אַזוי וויכטיק ווי די בלוט־צירקולאַציע אין לעבן פון אַ יחיד. אָן דער קולטור־צירקולאַציע ווערט די קולטור פון אַ פאָלק אָפּגעהאַקט, ווערט אַ פאָלק פאַרמשפּט אויף כרת.

דאָס לעבן פון אַ פאָלק איז ניט אין די ספרים וואָס עס האָט געשאַפן, נאָר אין דעם אויף וויפל די ספרים זיינען, די שאַפונגען פון זיינע פריערדיקע דורות צירקולירן אין לעבן פון די שפּעטערדיקע דורות. קיין שום טייערסטע געפונענע מגילות אין מדבר האָבן ניט קיין טויזנט־חלק ווערט פאַרן קיום פון פאָלק וואָס אַ קליין ביכל א. מ. דיקס, צי פון דער נאַרישסטער סוגיא אין גמרא, צי דער רש״י־אויסרייד פון אַ פּסוק, וואָס האָט באַלעבט און צירקולירט אין דורות חדר־לעבן.

אַלע יידישע ישובים, אַלע יידישע שבטים אומעטום אויף דער וועלט וואָס האָבן ניט געהאַט קיין אייגענעם, פאַרזיכיקן פאָלקישן מאַסיוו און האָבן ניט געשאַפן און ניט איבערגעמאַכט אַ שפּראַך, — אַלע די זיינען אין משך פון דורות אונטערגעגאַנגען. דאָס יידישע פאָלק איז אַלע מאָל ניט מער ווי אַ „שארית ישראל״ — אַ געבליבן רעשטל. דער פּסוק וואָס מען האָט אַזוי ליב איבערצוחזרן, אַז „נצח ישראל לא ישקר״! — דער פּסוק האָט שוין אַ סך מאָל אָפּגענאַרט, משקר געווען. מען חזרט איבער אַ פאַלשע טרייסט, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט שוין גערעדט איבערגענומענע פרעמדע שפּראַכן אַ סך, און מיר לעבן דאָך, איז בכלל „עם ישראל חי״ און חי געלעבט. איז די טרייסט אַ פאַלשע! שלום, שלום ואין שלום! שפּראַכן ביי יידן קאָנען זיין איבערגעמאַכטע און איבערגענומענע. איבער־געמאַכט אויב עס איז געווען אין לעבן פון פאָלקישן מאַסיוו; איבערגענומען — ווי עס שטייט און גייט ביים פרעמדן פאָלק. איז דאָ דער כלל: אַלע איבערגע־נומענע שפּראַכן פירן צום אונטערגאַנג פון דעם שבט, פון דעם ישוב. עס בלייבן לעבן בלויז די ישובים וואָס קנעטן איבער, מאַכן איבער זייער שפּראַך. ביי היינטיקן טאָג דראָט די סכנה פון אונטערגאַנג אַלע יידישע ישובים, אומעטום אין דער גאַרער וועלט.

דער דור וואָס לעבט איצט, דער דור וואָס האָט שוין ניט די קולטור פון שטעטל און איז אין גאַנצן אַ פּראָדוקט פון אורבאַניזם, דער דור איז אייגנטלעך אין גאַנצן אָן אַ קולטור. לויטן שטייגער לעבן אין דער וואָכן און יום טובים האָט מען דאָך נאָר די אַלגעמיינע, די גויישע, לעבט מען אַ שטייגער אַ גויישן, אָבער אָט דער שטייגער איז דערווייל בלויז אין ערשטן, אין צווייטן דור, ער האָט נאָך ניט איבערגעבויט די גייסטיקע אייגנשאַפטן פון די מענטשן. די דאָזיקע אייגנ־שאַפטן שטאַמען דאָך פון אַ סך דורות, זיי ליגן טיפער אין דעם מענטשן. איז אין די מענטשן אַ שטענדיקער קאָנפליקט, וואָס מיר האָבן פריער גערעדט וועגן דעם: מען לעבט גוייש און מען איז ניט קיין גויים, ניט קיין יידן און ניט גיין גויים. ערגער פון דעם אינעווייניקסטן קאָנפליקט איז דאָס וואָס די מענטשן האָבן ניט

קיין שום קולטור — ניט קיין יידישן שטייגער און ניט קיין יידישע קולטור, און אויך ניט קיין גויִישע קולטור, הגם מען באַמיט זיך נאָכצומאַכן דעם גאַנצן גויִישן שטייגער. עס באַקומט זיך פּאַרט אַ יידישער מענטש אין אַ גויִישן פעלץ, אַ נשמה וואָס איז נאָך אַ שטעטלשע אין אַ גויִישן גוף. און אַט די מאַסע אָן אַ קולטור מאַכט אַ שווידערלעכן איינדרוק. זי קומט עס אָנשטאָט דעם אַלטן, אַמאָליקן פאָלקישן מאַסיוו, וואָס איצט האָבן מיר ניט אַזאַ. אַט די מאַסע אָן קולטור רופט משה אין חומש „עירב רב". צי קען פון אַזאַ עלעמענט אויסוואַקסן אַ פאָלק? — גאָט ווייס, שווער צו האָפן.

## די האָפענונגען אויף דער יידישער רעליגיע

קורצזיכטיקע אָפּטימיסטן, וואָס ווילן זיך איינריידן אַלערליי טרייסטן, געפינען אַ טרייסט אויך אין דער רעליגיע. אַ סך לויב־געזאַנגען, תהילות ותשבחות ווערן כסדר געזונגען פאַר דער יידישער רעליגיע: זי ראַטעוועט און וועט ראַטעווען דעם קיום פון פאָלק. צום באַדויערן איז אויך דאָ פאַראַן אַ טעות. עס זיינען פאַראַן צווייערליי באַגריפן פון רעליגיע — אַ יידישער און אַ קריסטלעכער. פאַר די קריסטן איז רעליגיע אַ סכום קרעדאָס וואָס מען דאַרף גלייבן אין זייער אמתדיקייט און אַ סכום מצוות, וואָס מען מוז מקיים זיין. די קרעדאָס און מצוות זיינען אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון פאָלק, פון נאַציע. זיי זיינען פאַר גאָט, פון גאָט. קיין שום שייכות צו דעם אָדער יענעם פאָלק. גאָט און פאָלק זיינען באַזונדערע וועלטן. די נאַציאָנאַלע קולטור פון פאָלק קומט פון זיין אייגענער אַנטוויקלונג, די רעליגיע קומט גאָר פון אַן אַנדער אָפּשטאַם, פון אַן אַנדער וועלט. קענען זיי זיין באַזונדער.

גאָר אַנדערש איז מיט דער יידישער רעליגיע. די יידישע רעליגיע איז אידענטיש מיט דער נאַציאָנאַלער פאָלקישער קולטור. די רעליגיע איז די פאַרהייליקונג פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. זיי זיינען איינס. פאַר דער יידישער טראַדיציע איז ניט געווען קיין הייליקייט באַזונדער און וואָכעדיקייט באַזונדער. אַלץ וואָס עס איז געווען אייגנטימלעך פאָלקיש, איז געווען הייליק אויך רעליגיעז. קיין יום טובים און קיין תעניתים זיינען ניט פאַרבונדן מיט גאָט ווי אַזאַ. אַלץ איז פאַרבונדן מיטן פאָלק און מיט זיין געשיכטע, מיט דעם פאָלקס פאַרגאַנגענהייט און מיט זיין צוקונפט (משיח־אידעאַל). דאָס איז דער זינען פון יידישקייט ווי אַ נאַציאָנאַלע רעליגיע.

אַן אוניווערסאַלע רעליגיע קאָן זיין פיקסירט, איין מאָל און אויף שטענדיק. גאָט ענדערט זיך ניט, און זיין רעליגיע דאַרף זיך ניט ענדערן. גאָר אַנדערש איז

דאָס מיט אַ נאַציאָנאַלער רעליגיע, וואָס וואַקסט אַרויס פון פאָלקס־לעבן און זי וואַקסט מיטן פאָלק צוזאַמען. האָט די יידישע רעליגיע ניט געטאָרט זיין קיין פיקסירטע. האָט איטלעכער דור געמוזט צוגעבן זיינע נייע עלעמענטן אין דער רעליגיע. איטלעכער יום טוב, יעדער מנהג האָט זיין געבוירן־דאַטע ווען ער איז אויפגעקומען, ווען ער איז פאַרהייליקט געוואָרן ווי רעליגיע. איטלעכע תקופה האָט דעם יום טוב צוגעגעבן איר נייעם כאַראַקטער. יעדער פאַרלאַנג צו פיקסירן יידישע רעליגיע מוז פירן צו אַ פיקסאַציע פון יידישקייט. דאָס מוז אָדער — אָפּרייסן די יידישע רעליגיע פון יידישן פאָלקס לעבן, פאַרוואַנדלען די יידישע רעליגיע אין אַ מין קריסטלעכע גאָט־רעליגיע, אָדער אָפּשטעלן אויך דאָס אַקטיווע לעבן פון פאָלק גופא.ביידע ריכטונגען זיינען שוין געווען אין דער געשיכטע און ביידע פירן צום אומקום פון יידישקייט, פון יידישן פאָלקס לעבן.

די צדוקים, די קאַראַימער האָבן בשעתם געוואָלט פיקסירן די יידישע רעליגיע; זיי נעמען אָן בלויז דאָס פאַרשריבענע, דאָס וואָס עס איז שוין אָנגענומען געוואָרן, באַשטימט געוואָרן פריער. קיין נייערע עלעמענטן, קיין פאַרהייליקן דאָס לעבעדיקע, אַקטועלע — דאָס טאָר מען ניט. דאָס וואָס עס לעבט ביים פאָלק „בעל פה" — אין זיטן, מנהגים, אין דעם גאַנג פון לעבן, די „הלכה" (גאַנג) — דאָס וויל מען ניט; אָפּגעריסן די רעליגיע פון אַקטועלן לעבן. — דער סוף — אונטערגאַנג. האָבן נאָך פריער די שומרונים פאַרפיקסירט זייער לעבן אין די ראַמען פון דער רעליגיע. זאָל דאָס לעבן גיין נאָר אין דרכים פון דער פיקסירטער רעליגיע. — דער סוף — אונטערגאַנג. נאָר די פרושים און חז"ל האָבן געשטעלט מיט געבענטשטער עקשנות דאָס כסדר וואַקסנדיקע, דאָס אַקטועלע אין לעבן, יידישקייט פון מנהגים און פשוט־פאָלקישן גאַנג פון לעבן — די „הלכה" פון יידישקייט העכער און וויכטיקער ווי דאָס פיקסירטע, די תורה שבעל פה איז העכער פון דער תורה שבכתב, נאָר דער וועג האָט געפירט צום לעבן פון יידישן פאָלק דורך ווייטערדיקע דורות. זיינען גרויסע אַשכנזישע אויטאָריטעטן אין יידישער רעליגיע ניט געווען גליקלעך מיט די סומירונגען און פיקסירונגען פון יידישער רעליגיע, וואָס גרויסע ספרדים האָבן געשאַפן (דער ריף, דער רמב"ם און ר' יוסף קאַרו).

ביי מיין באמת פולן דרך ארץ פאַר יידישער תורה, מוז איך אָבער זאָגן אַז די היינטיקע אָרטאָדאָקסיע פירט ניט אין די וועגן פון די פרושים. זי פירט צו פיקסירטער יידישקייט. צו קיין אַקטיוון לעבן פון יידישקייט פירט עס ניט. דאָס איז דער וועג פון מערב־אייראָפּע, אין פראַנקרייך, איטאַליע און דייטשלאַנד און אַנדערשוווּ. דאָס לעבן איז ניט יידיש, די רעליגיע איז ניט דאָס לעבן. אויף דעם זעלביקן וועג גייען אַלע דריי רעליגיעזע ריכטונגען אין אַמעריקע. — רעפאָרם, קאָנסערוואַטיווע און אָרטאָדאָקסיע. דער אונטערשייד איז נאָר אין דעם וויפל מען

וויל פיקסירן פון יידישער רעליגיע. אָבער פאַרהייליקן דאָס אייגנטימלעך יידישע אין דער לעצטער תקופה — דאָס וויל קיינער ניט. האָב איך ניט קיין טענות צו די רעפאָרמער און אַפילו ניט צו די קאָנסערוואַטיווע: זייער יידישקייט קאָן מען פאַרמולירן: לעבן ווי אַלע אַנדערע גויים מיט אַ באַזונדערער צערעמאָניע פון דאַוונען". די טענה קאָן זיין געווענדעט צו דער אָרטאָדאָקסיע. איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף דער באַציִונג צו דעם לשון יידיש. דאָס לשון איז אויסגעשמידט געוואָרן, געפורעמט געוואָרן אין משך פון דורות דורך דעם באַזונדערן, פאַרזיכיקן יידישן לעבן און אויפפיר. נאָר יידן האָבן דאָס לשון אויפגעבויט און נאָר יידן לעבן אין אים; אַלץ וואָס צייכנט אויס יידן פון צווישן אַלע אַנדערע פעלקער אַל דאָס ספּעציפיש־יידישעס. די גאַנצע יידישקייט שבעל פּה איז איינגעהיט אין דער שפּראַך און נאָר אין יידיש. בכן — אויב די יידישקייט איז הייליק, אויב יידיש פאָלק פאַרמאָגט קדושה, איז דאָס אַלץ איינגעהיט און אָנגעזאַמלט אין יידישן לשון; אויב יידיש פאָלק האָט קדושה, איז אויך יידיש לשון הייליק, ווי די איינציקע כלי פאַר גאָר דער יידישער קדושה. אַפילו העברעאיש דאָס לשון קודש, ריכטיקער — דאָס לשון של הקודש האָט דאָך ניט אָריינגעזאַמלט אין זיך די גאַנצע יידישקייט שבעל פּה ווי יידיש! האָט מען אַ געפיל פון הייליקייט צו יידישקייט, מוז מען האָבן דאָס זעלביקע געפיל צו יידיש לשון. ווער עס האַלט ניט פון יידיש קודש, דער האַלט אויך ניט פון יידישקייט־קודש. קאָנען זיין יידן וואָס זיי האָבן מאָטיוון צו האַלטן פון אַ יידישער רעליגיע וואָס איז אָפּגעשניטן פון לעבעדיקער יידישקייט. אין אַ טיפן געפיל פון קדושת ישראל דאַרף מען בכן אויך די אָרטאָדאָקסיע ניט חושד זיין. עס שטאַמט דאַכט זיך, פון חיים ווייצמאַנען דער אויסדרוק, אַז יידיש לשון איז היינט דאָס לשון קדושים — דאָס לשון פון די אומגעקומענע מיליאָנען יידן. איז עס ווידער ניט ריכטיק: יידיש איז דאָס לשון של קדושה פון יידישן פאַרזיכיקן לעבן. מיט איין וואָרט: יידישע רעליגיע האָט יאָ געהאַט כוח צו לעבן און איינצוהיטן דאָס לעבן פון פאָלק, כל זמן זי האָט געהאַט דעם פּרינציפּ „גאָר די יידישקייט איז די יידישע רעליגיע"; די היינטיקע אָרטאָדקסיע האָט אָבער אַ פאַרקערטן פּרינציפּ: „נאָר די רעליגיע איז אונדזער גאַנצע יידישקייט". אַזאַ רעליגיע האָט ניט קיין שום כוח פון קיום.

פאַראַן נאָך איין ריכטונג — די יידיש־וועלטלעכע. האָט זי ווידער קיין שום כוח ניט, ווייל יידיש לשון אָן יידישן פאַרזיכיקן אינהאַלט איז געגליכן צו ליידיקע פלאַשן, וואָס אַמאָל איז אין זיי געווען גוטער וויין...

קומען מיר צו אַן אַלגעמיינעם אויספיר:

דאָס יידישע פאָלק האָט ביז איצט געהאַט זיין קיום אַ דאַנק דעם וואָס עס איז געווען אָפּגעזונדערט, אָפּגעטיילט פון די אַנדערע פעלקער. יידן זיינען

געווען אַ באַזונדערער קלאַס אין דער קלאַסן־געזעלשאַפט; יידן האָבן געלעבט באַזונדער אין באַזונדערע, פּאַרזיכיקע שטעטלעך. סאָציאַל, טעריטאָריאַל, עקאָ־נאָמיש און יורידיש זיינען יידן געווען באַזונדער, אָפּגעטיילט פון אַלע אַנדערע פעלקער. במילא איז שוין זייער קולטור און זייער שטייגער און זייער לשון געווען פאַר זיך, באַזונדער. און דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען זייער לעבעדיקע ניט פּיקסירטע רעליגיע. זיינען אין דער פאַרגאַנגענער שטעטלשער תקופה געווען גוטס און שלעכטס, גרויסע צרות און גרויסע אויפטוען; איז דאָס יידישע פאָלק גייסטיק, מאָראַליש און קולטורעל געשטאַנען הימל העכער פון זיינע שכנים און האָט פון זיי געליטן טיף־ערדישע צרות. די מיאוסקייט פון בלוטיקן גלות — דאָס איז דער אויפטו פון זיי, פון די גויים; שיינקייטן פון גלות — דאָס איז דער אויפטו פון יידישן פאָלק אין גלות. מיט אַנדערע ווערטער: דער גלות איז שרעקלעך־ביטער, דאָס פאָלק אין גלות וואָס האָט אויסגעהאַלטן דעם גלות איז הערלעך הויך, אויב ניט נאָך העכער. אָבער...

נאָך ריכטיקער וועט זיין צו זאָגן, אַז יידישקייט איז ניט קיין רעליגיע בכלל. רעליגיע איז כלל נאָר דאָס וואָס עס איז שייך צו גאָט, **בין אדם למקום**. יידישקייט אָבער נעמט אַרום אַלץ וואָס עס שייך דעם מענטשן און זיין פאָלק, **בין אדם לעמו**, די גאַנצע קולטור פון לעבעדיקן פאָלק, זיין שטייגער און וועלט־באַנעם. רעליגיע איז פּיקסירט. יידישקייט טאָר ניט פּיקסירט ווערן. איין תנאי בלויז: מדינה־פעלקער היטן זייער שטייגער־קולטור לויט די וועלטלעכע געזעצן פון דער מדינה. יידן קאָנען אַן אַ מדינה היטן די שטייגער־קולטור פון זייער פאָלק נאָר ווען זיי פאַרהייליקן זייער גאַנצע קולטור, ווי אַ רעליגיע. „מן החול אל הקודש".

די תקופה פון שטעטל איז געענדיקט, זי וועט צוריק ניט קומען. די יידישע פאַרזיכיקייט סאָציאַל, טעריטאָריעל, עקאָנאָמיש און יורידיש איז מער ניטאָ. איז די אויפגאַב פון אונדזער באַוווסטזיניקן פאָלקיזם היינט אויפצוהיטן די שיינקייטן פון שטעטל־תקופה אין דער נייער אורבאַנישער. מיטן לשון פון חז"ל: „יפותו של שטעטל באוהלי שטאָט". ווי מאַכט מען דאָס?

## דריי וועגן פאַר דער צוקונפט

דער יידישער געדאַנק האָט ביז איצט אַנטפּלעקט עטלעכע וועגן: מדינה, רעליגיע, אָדער אַסימילאַציע. איז די מדינה־ריכטונג די עלטסטע און די יינגסטע. זי איז דער משיח־אידעאַל, וואָס איז דאָך אַלט ווי דער יידישער גלות און נאָך עלטער. אין דער זעלבער צייט איז די ריכטונג די יינגסטע, ווייל ביז הערצלס „יודענשטאַט" (1896) האָט דאָך קיינער וועגן דעם ניט געחלומט אויפן וואָר.

די מדינה איז טראַדיציאָנעל פאַרבונדן מיט ארץ ישראל. אייביק פאַרבונדן אין אייביקע געאָפּאָליטישע צרות אָן אַ ברעג. איז גיך אויפגעקומען דער טע־ריטאָריאַליזם — אַ מדינה ווו נאָר עס מאַכט זיך, ווו נאָר מען וועט אַריינלאָזן. לאָזט קיינער ניט אַריין. איז מדינה פאַרווירקלעכט געוואָרן טאַקע אין ארץ ישראל. וועלן מיר וועגן די גרויסע דרויסנדיקע צרות ניט ריידן — דריי און צוואַנציק יאָר — אַ שטענדיקע מלחמה און גאָט ווייס וואָס ווייטער. אָבער אינע־ווייניק — איז דאָ אַ מדינה, איז ניטאָ קיין פאָלק: יידן קומען ניט, אָדער קומען זייער ווייניק; דאַרף די מדינה זיין אַ המשך פון שטעטלשער יידישקייט אָדער אַ נייע ?... — נאָך לאַנג, דורות לאַנג איז דער וועג קלאָר צו מאַכן די פּראָבלעמען. דער נאַטירלעכער בוי־עלעמענט פון יידישן פאָלק — דאָס שטעטל אין מזרח־אייראָפּע איז הרוב געוואָרן. די אורבאַנישע יידישקייט, דאָס אורבאַנישע יידנטום אין דער וועלט בויט ניט. האָט אָבער דאָך די מדינה קינעטיזירט אומגעהויערע סכומים ענערגיע פון יידישן פאָלק. ענערגיע שאַפט און בויט און וועקט אויף נייע שיכטן יידנטום. דער כוח פון דער מדינה — אין דער געטרייקייט פון יידישן וועלט־פאָלק.

דער טעריטאָריאַליזם איז צוויי מאָל אויפגעקומען און צוויי מאָל אויסגע־גאַנגען. אָפיציעל מחמת דרויסנדיקע שטערן. פאַקטיש מחמת ער האָט לכתחילה ניט געהאַט קיין שום פּאָטענציעלע ענערגיע אין פאָלק: ארץ ישראל האָט אייביק געצויגן יידן; פאַרזיכיקע יידישקייט אַנדערשוווּ — דאָס לאָזט יידן קאַלט.

וועגן דער רעליגיעזער ריכטונג האָבן מיר שוין גערעדט פריער.

בלייבט דאָך אַלץ די אַלטע קשיא: וואָס וועט זיין מיט דעם יידישן פאָלק אין אורבאַניזם? די געשיכטלעכע דערפאַרונג איז אַ גאַנץ טרויעריקע: אין גאַנץ מערב־אייראָפּע איז יידישקייט אין אורבאַניזם אויסגעגאַנגען און ניט געבליבן. אויפן זעלביקן וועג פון אונטערגאַנג גייט דאָס יידנטום אויף דעם גאַנצן אַמערי־קאַנער קאָנטינענט, אין אַלע נייע ישובים. דער אונטערגאַנג איז אָפּהענגיק פון דער צאָל יידן: וואָס מער יידן אין אַ לאַנד, אַלץ לענגער געדויערט דער אונטער־גאַנג. אַ סך ישובים יידישע זיינען שוין אונטערגעגאַנגען. עס זיינען ערטערווייז געבליבן מצבות, גויִשע אייניקלעך באַרימען זיך מיט זייערע זיידעס וואָס זיינען געווען באַרימטע יידן. פאַרקערט, איז גאָר שווער איצט צו געפינען אַ באַרימטן יידן, וואָס האָט ניט קיין גויִשע אייניקלעך. די מדרגות פון אונטערגאַנג זיינען בערך אַזוינע: די יוגנט אַנטלויפט צו אַלע מעגלעכע באַוועגונגען, צו אַלץ, אַבי ניט יידיש. אונטערגאַנג פון יידיש לשון, אָפּזאָג פון אַלע יידישע טראַדיציעס און יום טובים. צום לענגסטן האַלטן זיך די יום טובדיקע טראַדיציע אין עסן. געמישטע חתונות און... אַנטיפּאַטיע צו יידן. דאָס קאָן דערגיין ביז אַקטיוון אַנטי־סעמיטיזם פון יידן פון „אייניקלעך״.

א. גאלאמב

# די יידישע לאגע אין דער צוקונפט

די לאגע אין דער צוקונפט ווערט נאך קאמפליצירטער, ווייל עס קומט אריין גאר א שטארקער פאקטאר פון דרויסן. מען דארף קלאר זען, אז דער אנטיסעמיטיזם איז קיינמאל ניט געווען אזוי אלוועלטלעך ווי איצט, קיינמאל ניט אזוי געקניפט און געבונדן איבער לענדער און מדינות. דער פראגראם און די צילן פון אנטיסעמיטיזם זיינען קיינמאל ניט געווען אזוינע בלוטיקע, היטלעריסטישע ווי איצט. דער אלטער, קלאסישער, צארישער אנטיסעמיטיזם אין רוסלאנד האט געהאט זיין פראגראם פון דריי דריטל: איין דריטל יידן וועט מען אומברענגען מיט גזרות און פאגראמען, א צווייטער דריטל וועט אנטלויפן און דער לעצטער דריטל יידן וועט זיך אויסשמדן. דער פראגראם איז געווען א סך „הומאנישער" ווי עס איז שפעטער געווען היטלערס „ענדגילטיקע לייזונג" פון פשוטער אויסראטונג לויט אלע מעטאדן פון וויסנשאפט און טעכניק. צי היטלער איז געווען א קראנקער אדער ניט — איז לגמרי ניט וויכטיק. דער פאקט איז אז דאס דייטשישע פאלק איז מיטגעגאנגען און מיטגעמאכט לויט דעם פראגראם — פון די פשוטסטע מענטשן ביז די „היטלערס פראפעסארן". דער רוסישער אנטיסעמיטיזם איז געווען פרימיטיוו — א האק און די בארימטע רוסישע „דובינע" (א פלאקן). דער דייטשישער מעטאד איז געווען גענוי ראציאנעל, וויסנשאפטלעך אויסגעארבעט. אז מען זאגט „פראגרעס" איז דאך ניט שייך... ווי האט די וועלט רעאגירט אויף דעם רוסישן „כאם" און שפעטער אויף היטלערן?

דעם רוסישן אנטיסעמיטיזם האבן אלע פעלקער פארמשפט. היטלערס אויסראטונג האט די „גוטע" וועלט פארשוויגן. עס איז אין גאנצן ניט וויכטיק צו רוזוועלט איז געווען א יידנפריינד אדער א שונא — רוזוועלט אדער טשורטשיל וואס האט זיך אפילו פראקלאמירט פאר א „ציוניסט"; עס איז אבער א פאקט: זיי האבן גוט געוווסט פון היטלערס אויסראטונג, זיי האבן אבער אין גאנצן שטום עס פארשוויגן. מען האט אפילו ניט געלאזט די יידישע פירער עפעס טאן, עפעס זאגן. און דאס יידישע „פאלק", די „מאסן אין די גאסן", דער גאנצער מיליאניקער יידישער מאסיוו אין אלע אמעריקאנער שטעט?... די מאסן האבן געקוקט אויף די פירער, די פירער האבן געווארט אויף א דערלויבעניש פון פריץ. עס איז קיין דירעקטער, ספאנטאנער וויי־געשריי פון פאלק ניט געקומען. גאר פשוט — עס איז דער ווייטאג, דער מיטגעפיל ניט געווען קיין דירעקטער פון הארצן. די שחיטות דארטן האבן דא געלאזט שלאפן און פארוויילן זיך, אנגיין מיט דער נארמאלער רוטין. און אז דאס פאלק שווייגט, שלאפן אויך די פירער, ווארטן זיי הכנעהדיק אויף א גוטן סימן פון דער „מאכט"... און די מאכט, די רוזוועלטס און אלע אנדערע האבן געשוויגן. זיי האבן אין דעמאקראטיעס, אין צייט פון טראגישער

מלחמה מורא געהאַט: דאָס פאָלק, די וויילערס וועלן זאָגן, אַז „אַמעריקע פאַר־גיסט איר בלוט פאַר יידן"... שוין דעמאָלט האָבן די מדינה־פירער מורא געהאַט פאַר די אַנטי־יידישע שטימונגען אין לאַנד. האָבן די רעגירונגען, אַמעריקע אי־בערהויפּט, דעמאָנסטרירט זייער אייז־קאַלטע באַציאונג צום גרעסטן יידישן אומ־גליק נאָך פאַר דער מלחמה (די שיף מיט ניין הונדערט יידן, וואָס מען האָט ניט דערלאָזן זיך ראַטעווען אין אַמעריקע) און נאָך דער מלחמה (מיט די רעשטלעך יידן אין די לאַגערן... די גרויסע וועלט צוזאַמען מיט די יידן האָבן היטלערן פאַרשוויגן.

דאָס איז געווען מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק. און איצט? —

איצט איז די לאַגע פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט אַ סך ערגער:

1. — צו די דירעקטע, בלוט־דאַרשטיקע שונאים, לויט היטלערס מעטאָדן, זיינען צוגעקומען צוויי גרויסצאָליקע פעלקער־געמיינשאַפטן: די אַראַבישע און די „פאָלק־דעמאָקראַטישע" מיט רוסלאַנד בראש, מיט כינע אין צוגאָב. דאָס איז מסתמא די מערהייט פון דער גאַנצער מענטשהייט אויף דער ערד אָרגאַניזירט אין מדינות באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס. גרייטן אָפּן אַ חורבן. און אונדזערע גוטע פריינד? דע גאָל וואָס האָט זיך אָפן געשוואָרן אַז ער האָט פּערזענלעך עטלעכע גוטע פריינד יידן וכדומה, שטייען די דענקענדיקע יידן איצט פאַר אַ רעטעניש: ווי וועט ניקסאָן זיך פירן? און ניקסאָן וועט זיך פירן ווי ער און זייניקע פאַר־שטייען די אינטערעסן פון לאַנד: אַננעמען זיך פאַר יידן? — דאָס זיכער ניט — ניט לויט די סימפּאַטיעס פון אַמעריקע. און די יידן זיינען שוין „אייניקלעך" פון יידן, וואָס זייער באַציאונג צום יידישן פאָלק — איז פון דירעקטן אַנטיסעמיטיזם ביז — אין בעסטן פאַל — נייטראַליזם. און די קלענערע טייל — די באַוווסט־זיניקע יידן זיינען צעטיילט, צעבראָכן און צעריסן. אָן אַ געמיינזאַמען געפיל און אַ קאָלעקטיוון שטרעבן — צעשאָטענע גרופּקעס, ניטאָ מיט וועמען זיך צו רעכענען... אַזוי זעט אויס דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט היינט און אַזוי וועט עס מוזן באַגעגענען זיין צוקונפט... ווען? — ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס פון פעלקער.

און די „אייניקלעך" — זיי וואָלט מען געדאַרפט דערקלערן באַצייטנס: פון יידישקייט קאָן מען זיך אָפּזאָגן זייער גרינג, אָבער פון יידישע צרות זיך אָפּזאָגן — דאָס קאָן מען נישט... זיי זאָלן שוין זיין פּטור און פריי פון דעם מיאוסן פלעק פון צו געהערן צום יידישן פאָלק... גערעכט איז יענער וואָס האָט געזאָגט, אַז יידן, געקומען פון די שטעטלעך אין אַמעריקע און דאָ געאַרבעט, געבויט, אויפ־געבויט, געלאָזן גרויסע ירושות, אָבער זיי האָבן ניט געלאָזן קיין יורשים... אויף

דעם זעלביקן וועג גייען אויך אַנדערע יידישע ישובים איבער דער וועלט. אַלע יידן לעבן איצט אין אורבאַניזם און אומעטום אין אורבאַניזם ווערט יידישקייט אָפּגעמעקט. אויסגעמעקט און עס בלייבט אַ קולטור־וואַקום — אַ ווולגאַרער וואַקום אין אַ פרעמדער בייזער וועלט פול מיט ווולגאַרער שינאה. און — פאַרקערטע פּראָפּאָרץ: אין דער מאָס ווי יידישקייט ווערט שוואַכער, אין דער זעלביקער פּראָפּאָרץ שטאַרקט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אַרום די יידן. דאָס איז דאָס קאַפּיטל יידן אין דער וועלט אין לעצטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

## דער סוף פון פּויליש[ן] יידנטום

פאַר אונדזערע אויגן, פינף און צוואַנציק יאָר נאָך היטלערן זאָגן מיר קדיש נאָך דעם עיקרדיקסטן, מקורדיקסטן ישוב פון יידן אין מזרח־אייראָפּע. ניטאָ מער קיין יידיש שעפעריש פאָלק אין פּוילן! יתגדל ויתקדש. יידן אין רוסלאַנד זיינען געקומען איבערהויפּט פון פּוילן. נאָך דער טראַגישער עמאַנציפּאַציע וואָס האָט אויסגעלאָשן יידישקייט אין מערב־אייראָפּע, איז יידישקייט געבליבן אַקטיוו לעבעדיק, שעפעריש נאָר אין מזרח־אייראָפּע. און דאָ האָט זיך יידישקייט צעוואַקסן נאָר פון דער פּוילישער מדינה.

ווען מען רעדט וועגן יידישקייט אין מזרח־אייראָפּע, מיינט מען אַלע מאָל דאָס גרויסע „יידיש־לאַנד״ — דעם תחום־המושב ווו יידן האָבן געמעגט וווינען אין רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע מיט בעסאַראַביע. אויסער די לעצטע צוויי איז עס אַלץ געווען פון פּוילן. נאָר דאָ האָט יידיש פאָלק געלעבט שעפעריש — נאָר דאָ איז געווען יידישע תורה! נאָר דאָ האָט זיך צעוואַקסן און אַנטוויקלט יידיש לשון; נאָר דאָ האָט זיך געהאַלטן העברעאיש; יידישע וועלטלעכע קולטור; נאָר דאָ האָט געלעבט אַ יידישע געזעלשאַפטלעכקייט; נאָר פון דאַנען האָט זיך געשפּרייט און זיך צעשפּרייט יידישקייט איבער דער וועלט, אין אַלע נייע ישובים; נאָר דאָ האָט זיך אויסגעחלומט אַ חלום פון אַ יידישער מדינה. גאָר דאָס אַקטיווע אין יידישן פאָלק קומט פון מזרח־אייראָפּע. און מזרח־אייראָפּע מיינט רוסלאַנד־פּוילן. דער מקור איז פּוילן.

האָט עס היטלער ימח שמו אָנגעהויבן אָפּן, מיט אַ געניטער סיסטעם, לויט אַלע מאָסן פון דייטשלאַנד. האָט ער ניט באַוויזן צו ענדיקן. האָבן רעשטלעך נאָך געזשיפּעט, געהאַלטן נאָך זיך רעשטלעך. אויסגעיידישטע, — ווערן זיי איצט אויסגעראָטן דורך דעם קאָמוניסטישן פּוילן גופא. דער אַנטיסעמיטיזם איז איינער, אַלע מאָל דער זעלביקער, ביי אַלע ריכטונגען און ביי אַלע פעלקער, ביי אַלע אידעאָלאָגיעס. דערקלערונגען — דאָס איז זייער גרינג צו שאַפן. וואָסער שמוץ

קאָן מען ניט איינוויקלען אין הייליקע, שיינע טיכער ? מען קאָן דאָך אפילו אַ חזיר אויספּוצן אין הייליקע פּאַרמעטן און מען קאָן דעם פּרעכטסטן אַנטיסעמיטיזם אויסצירן מיט די שענסטע משיחישע פראַזעס. איז איצט געקומען דער סוף. און שאַ, שטיל. ניטאָ מער קיין פּויליש יידנטום! יתגדל ויתקדש!...

יאָ, יידן האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט אין פרעמדע לענדער. צרות, רציחות, גוייִשע רציחות, אינקוויזיציעס — אָבער דאָך — אַזוי אָדער אַזוי, און דאָך געלעבט. דאָס איז געווען אין לענדער. איצט אָבער קומט אויס יידן צו לעבן ניט בלויז אין פרעמדע לענדער, נאָר אין פרעמדע פעלקער. דאָס איז גאָר אַ נייער קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע. איצט קומט ניט אין לענדער, נאָר אַריינלעבן זיך, איינאָרדענען זיך אין פרעמדע פעלקער, דאָס איז גאָר אַנדערש. פעלקער זיינען ניט קיין געזעלשאַפטלעכע אַפּמאַכן, נאָר נאַטירלעכע אָרגאַניזמען. זיי קאָנען אָדער אַסימילירן ווי מען אַסימילירט שפּייז אָדער... באַזייטיקן. איז פּוילן געגאַנגען אויף זיין וועג... וואָס ווייטער וועט זיין ? — קיין נביא בין איך ניט.

## צווישן פעלקער, אָבער ניט אין די פעלקער

פון געזאָגטן ביז איצט קומט אַרויס, אַז יידן האָבן געלעבט שעפעריש ווי אַ פאָלק נאָר ווען זיי זיינען געווען אָפּגעטיילט פון די אַנדערע פעלקער, וואָס צווישן זיי האָבן יידן געלעבט. די שטעטלשע תקופה יידישע געשיכטע איז טאָקע געווען די פּרוכטיקסטע, די שעפערישסטע, טאָקע דערפאַר וואָס די יידן זיינען געווען אָפּגעטיילט פון די גויים מיט אַ טאָפּלטער וואַנט פון אינעווייניק און פון דרויסן. דער אורבאַניזם האָט די וואַנט צעבראָכן, — און יידן הערן אויף צו זיין אַ פאָלק.

אין שטעטל האָבן די יידן געלעבט פאַר זיך, ווייל זיי זיינען געווען פאַר זיך אַ קלאַס. אַ באַזונדערער קלאַס צווישן די צוויי קלאַסן פון דער גוייִשער געזעלשאַפט — צווישן די פּויערים און פּריצים, מחוץ די צוויי קלאַסן. אין אורבאַניזם דאַרפן די יידן לעבן אין איין קלאַס מיט ניט־יידן און זיי קאָנען ניט לעבן מיט די ניט־יידן סאָציאַל און קולטורעל באַזונדער. אַזאַ יידישקייט האָבן מיר נאָך ניט געשאַפן קיינמאָל אין אונדזער געשיכטע. ביז היינט איז עס ניט געשען. אַלע מאָל ווען יידן זיינען געווען געבראַכט צו לעבן צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער, אַלע מאָל, אין דער אַלטער געשיכטע און אין דער נייער — זיינען יידן אונטערגעגאַנגען.

אין אַ געמיינזאַמען לעבן צוזאַמען אַנדערע פעלקער גייט דאָס יידישע פאָלק אונטער. צוערשט גייט אונטער די שפּראַך, ווייטער קומט אום די וועלטלעכע

קולטור, דער שטייגער, ווייטער קומט דער סוף פון דער רעליגיע און יתגדל ויתקדש יידיש פאָלק. עס גייט אונטער אַן אַלטע אַקטיווע פּאַרטיי ביי יידן. אירע לעצטע מאַהיקאַנער האַלטן זי אויף ווי אַ מין „מושב זקנים״ פון אַן אַמאָל־שטאַרקער פּאַרטיי. קעגנערס פרייען זיך. איך ניט: ניט זי אַליין גייט אונטער...

פאַרזיכיק יידיש לעבן מיט אַן אייגן לשון און פאַרזיכיקן שטייגער, מיט אַ פאַרזיכיקער קולטור און דערציאונג איז פאַראַן נאָר אין דער מדינת ישראל. אוודאי האָבן מיר אַ סך גערעכטע טענות צו דער קולטור־פירונג אין דער מדינה. אָבער... הלוואי זאָל אין גלות זיין צו וועמען צו האָבן טענות...

דאָס פאַרזיכיקע קולטור־לעבן פון דער מדינה האָט בישט געהאַט קיין השפעה אויף די גלותן. פאַרקערט, צום באַדויערן, יאָ. און דאָ קומט דער אַפּאָגיי פון טראַגיזם: אַן אַ פאַרזיכיקן קולטור־שטייגער אין די גלותן, גייט אונטער דער איינציקער אומבאַדינגטער פריינד און שטיצער פון דער מדינה. די „שלילת הגלות־פּאָליטיק״ אין קולטור־לעבן פון דער מדינה האָט געבראַכט אַ סך צרות אין דער מדינה און — ניט ווייניקער — אין די גלותן. און דאָס רופט זיך שטאַרק אָפּ אויף דער מדינה צוריק. צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן ניט, זיינען מיר איין פאָלק. די טעותים, די פעלערן אין איין אָרגאַנישן טייל שעדיקן אין אַלע אַנדערע טיילן, דעם גאַנצן אָרגאַניזם. איבערהויפּט ווען עס רעדט זיך וועגן דעם שפּיגל־ישוב, וועגן דער מדינה.

און איצט קומען מיר צו דער צווייטער מסקנה פון דער אָפּהאַנדלונג ביז איצט:

פריער איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז מיט דער אָפּשוואַכונג פון יידישקייט ביי יידן, שטייגט און שטאַרקט זיך דער אַנטיסעמיטישער סאַדיזם ביי די פעלקער. הייסט עס, אַז דאָס פּשוטע פיזישע לעבן פון יידן הענגט אָפּ פון יידישער געטריי־קייט, באַוווּסטזיניקער פאָלקישער סאָלידאַרקייט און איבערגעגעבנקייט. דאָס איז וואָס מיר רופן אַן „אמונת ישראל״. ניט וועגן יידישן גאָט, נאָר וועגן יידישן פאָלק גייט עס. ניט גאָט דינען, נאָר דעם פאָלק דינען. דינען דעם פאָלק מיינט היטן אין פּריוואַטן און געזעלשאַפטלעכן לעבן די פאָלקישע קולטור, די פאָלקישע פירונגען (הלכות). מיט אַנדערע ווערטער — דער יידישער פאָלקישער שטייגער פון דער פאַרגאַנגענער תקופה מוז ווערן היינט די רעליגיע פון דער נייער תקופה. ווי קלוג עס איז געווען דער פון די חז״ל וואָס האָט געזאָגט, אַז אין צייט פון סכנה איז אָפילו אַ יידישער מנהג, ווי צו פאַרבינדן אַ שוך־בענדל אַ וויכטיקער טייל פון יידישער רעליגיע!..

אין אורבאַניזם, אין אַ סאָציאַלן לעבן אַן קלאַסן, ווען יידן זיינען אַריינגע־וועבט אין דעם אַלגעמיינעם לעבן, קאָן יידישקייט געדייען און זיך האַלטן נאָר

מיט אַ ווילן, נאָר מיט אַ פּולן באַוווסטזיניקן שטרעבן: אַני מאַמין, אַז איך בין אַ ייד און איך וויל און איך דאַרף, איך מוז היטן די טראַדיציעס פון מיין פאָלק... ניט וויכטיקער דער פיקסירטער שולחן ערוך דווקא. וויכטיקער איז דער ניט־פאַרשריבענער שטייגער פון שטעטל, וואָס איז ניט פאַרהייליקט אין קאָדעקסן פון רעליגיע. ווידער אַמאָל קום איך צו דעם: ווי קלוג עס זיינען געווען די חז״ל וואָס האָבן די יידישקייט שבעל פּה פון זייער צייט געשטעלט העכער פון דער תורה שבכתב!

אַזוי דאַרף מען היינט שעצן און פירן די תורה (יידישקייט) שבעל פּה פון היינטיקער צייט. עס איז וויכטיקער, יידישער אַ קליינער מינהג פון דער אַלטער היים, איידער אַן אַנדער גרויסע מצווה פון שולחן ערוך. קודם כל אָבער דאַרפן דאָס וויסן די וועלטלעכע יידן, אַז די רעליגיע פּסלט ניט קיין שום יידישקייט, אַ וועלטלעכער ייד מעג לויט אַלע פּרינציפּן און דינים פון וועלטלעכקייט יאָ אָפּ־היטן יידישע יום טובים, אַפילו עסן כשר און פאַסטן יום כיפור. ער מעג און ער דאַרף עס טאָן ניט כדי רייכער צו מאַכן דעם יידישן גאָט, נאָר פשוט כדי זיך צו באַהעפטן מיט די דורות פון יידישן פאָלק. דער בית מדרש איז אויך ניט קיין מוקצה, חלילה. די וועלטלעכקייט וואָלט בלויז געדאַרפט עטוואָס ״כשרן״, עט־וואָס און גאָר פאַרזיכטיק אַריינטראָגן יידישע און וועלטלעכע עלעמענטן אין דעם בית מדרש. כ׳מיין ניט אַז וועלטלעכע יידן מוזן מיטזאָגן אַלע אָנגענומענע תפילות. כ׳מיין אָבער אַז וועלטלעכע יידן מעגן בפירוש מאַכן מנינים און פירן דאָרטן זייער שטענדיקן ריטואַל אויך מיט זייער אינהאַלט. וועלטלעכע יידן וואָס געהערן צו קאָנסערוואַטיווע טעמפּלס דאַרפן פאָדערן און באַשטיין אויף יידישע עלעמענטן אין סערמאָנס און אין די פאַרשיידענע אונטערנעמונגען. ד״ר הערצל האָט נאָך אַמאָל, בעת דער ציוניזם איז געווען אין זיינע וויקעלעך, פּראָפּאַגאַנ־דירט ״פאַרנעמען די קהילות״, אַריינדרינגען אין די רעליגיעזע קהילות. די וועלטלעכע יידן טאָרן איצט ניט האַלטן זיך פון דער ווייטן, אין דער ״אויפריכ־טיקער איזאָלאַציע״...

עס איז בכלל טראַגיש איצט ביי יידן דאָס צעגלידערן זיך אויף קליינע גרופּקעס און זיך באַמיען צו האַלטן באַזונדער, זיך איזאָלירן פון אַנדערע: נאָר מיר זיינען די ״ריינע״, די אמתע יידן און לאָמיר זיך דערווייטערן פון אַלע אַנדערע וואָס זיינען ווי טמאַ... אָט, למשל לייען איך צוויי אַרטיקלען אין אַ רע־ליגיעזן זשורנאַל. איין אַרטיקל וויל ניט אַנדערש די פרומע אָרטאָדאָקסישע רבנים זאָלן זיך ניט מטמא זיין, חלילה, צו זיצן צוזאַמען מיט קאָנסערוואַטיווע און רע־פאָרמער, אפילו ניט ביי ריין וועלטלעכע, פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע ענינים דער צווייטער אַרטיקל, גלייך נאָך יענעם רעדט וועגן דער אַנטיסעמיטישער כוואַליע אין לאַנד און וועגן דער נויטיקייט פון געמיינזאַמע אַקציעס.

איך פערזענלעך האָב שטאַרק ניט ליב די פאַרגוייִשטע ייִדישקייט אין די טעמפּלען. איך שעם זיך ניט אויסצוזאָגן דעם טיפן אמת: ווען איך דערזע די גלחישע קאַפּאָטעס, די שמאַלינקע טליתימלעך און איך דערהער די ריכטיקע שפּראַך מיט דער כשרער אויסשפּראַך, דערמאָנט זיך מיר אַ ספּעציפישער ריח פון מיין אַמאָליקן שטעטלשן דאָרף. אמת טאַקע, אָבער פאַראַן סיטואַציעס וואָס פאַר־לאַנגען געמיינזאַמקייט, פון אַלע שיכטן פון יידישן פאָלק און מען טאָר זיך ניט סעפּאַרירן! קיינער ניט! פון קיינעם ניט! אַלע יידן האָבן איין אָפּשטאַם און איין גורל און מען דאַרף זיך באַמיען מיט אַלע כוחות ווי ווייט מעגלעך צו באַהעפטן און פאַרבינדן.

איך קלייב זיך ניט צו שרייבן קיין שולחן ערוך פאַר עפּעס אַ נייע יידיש־קייט אין אורבאַניזם. קיינמאָל האָט קיין שולחן ערוך ביי יידן ניט דיקטירט פאַרויס קיין געזעצן ווי אַ ייד דאַרף לעבן. אַלע מאָל האָט אַזאַ קאָדעקס בלויז אָפּגעקליבן און פעסטגעשטעלט דאָס וואָס עס האָט זיך געפּירט אין פאָלק. ניט מען האָט דעקרעטירט פאַרטיקע הלכות, נאָר מען האָט די הלכות, וואָס זיינען געווען אין לעבן פון פאָלק פאָרמולירט און באַשטימט. אויך איצט דאַרף אַלץ אַרויסשטאַמען פון דעם לעבן גופא.

## ייִדיש לשון איז די ערשטע מצווה

אָבער עס דאַרף זיין קלאָר און פאַרשטענדלעך פאַר יעדן בר דעת, אַז ביי היינטיקן טאָג איז די וויכטיקסטע מצווה פאַר דעם ווייטערדיקן קיום פון פאָלק — די מצווה פון יידיש לשון אין די היימען און אין די שולן.

אָבער יידיש לשון מיינט דאָ ניט בלויז אַ סכום אויסגעלערנטע ווערטער זיך צונויפצורעדן מיט אַ באַבען, נייערט יידיש לשון דאַרף ווערן דער קאַנאַל וואָס דורך אים שטראָמט אַריין קולטור און וויסן אין די מוחות פון דער יוגנט. דאָס מיינט, אַז יידיש לשון מוז ווערן דער לבוש פון גאַנצן גייסט פון די וואַקסנ־דיקע דורות, פון דער פאָלקישער אינטעליגענץ. און דאָס איז ניט דערפאַר ווייל יידיש לשון איז פאַר זיך הייליק, אַז אין דעם לשון ליגט עפּעס אַ באַזונדערע קדושה וואָס יידן מוזן היטן. ניין, ניטאָ ביי יידן קיינע אַבסאָלוטע אַזוינע הייליר־קייטן פאַר זיך. עס איז אָבער דער פאַקט, אַז יידיש לשון איז נויטיק פאַר דעם פסיכישן און מאָראַלישן געזונט פון אונדזערע דורות.

קיינמאָל דורך דער גאַנצער געשיכטע איז עס ניט געווען אַזוי בולט שאַרף, קלאָר, אַז יידן קאָנען זיין אין דער וועלט אָדער אַ באַזונדער פאָלק אָדער זיי וועלן זיין עבדים, פולשטענדיקע קנעכט גייסטיק, מאָראַליש און אויך פיזיש ללעג ולקלס.

— דער אייביקער קרבן פאַר גויִישן סאַדיזם און בלוטדורשטיקייט, וואָס זיינען אייביק און וועלן בלייבן אייביק. די וועלט וועט זיך קיינמאָל ניט אויסהיילן פון די צוויי דראַגנן — סאַדיזם און בלוטדורשטיקייט. און יידן זיינען שוואַך. שוואַך ניט אַבסאָלוט, נאָר שוואַך פיזיש, ווייל שוואַך מאָראַליש, ווייל ניטאָ די שטאָלץ פון יידישן באַוווסטזיין, ווייל ניטאָ די גייסטיקע פאַרזיכיקייט, אומאָפּהענגיקייט. און יידיש לשון איז די וויכטיקסטע, ווירקזאַמסטע מעדיצין קעגן אָט דער יידישער קראַנקייט.

מען דאַרף געדענקען, — צי מיר ווילן, צי מיר ווילן ניט — די פעלקער וועלן קיינמאָל ניט אויסהיילן זיך פון זייער בלוטיקן סאַדיזם. די מיטלען וואָס יידן נעמען אָן אין אַלע גוטע לענדער אויסצוהיילן די פעלקער פון יידן־שנאה — אַלע די מיטלען זיינען ניט מער און ניט בעסער ווי אַפּשפּרעכן עין הרע קעגן כאָלערע. פאַרקערט אָבער איז יאָ מעגלעך צו אימוניזירן יידן זיי זאָלן קאָנען באַקעמפן די מגפה, אָדער בייצושטיין איר. די רפואה דערצו איז גייסטיקע פאַרזיכקייט. די גייסטיקע פאַרזיכיקייט אַנטוויקלט זיך דורך קולטורעלע פאַרזיכיקייט פלוס אַ דאָזע „אמונת ישראל". דאָס מיינט — שטאָלצע זיכערקייט און ווערטיקייט פון זיין אַ ייִד, פון דער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, אַז אָט די יידישע פאָלקישקייט, די יידישע קולטור איז ווערט פאַר איר צו ליידן און צו קעמפן.

אָט אין דעם ליגט די וויכטיקייט פון יידיש לשון. דאָס איז געווען דער זינען פון דעם „אתה בחרתנו", פון דעם פאַרוואַנדלען גאָר די יידישע אַנדערשקייט, דעם גאַנצן יידישן שטייגער אין אַ הייליקער רעליגיע. דאָס איז דער אייביקער זינען פון די ווערטער וואָס אין דאַוונען דריי מאָל אין טאָג „שלא שם חלקנו כהם וגורלנו ככל המונם" און ביז דעם לידל „פון כאַסלאַוויטש קיין ליבאַוויטש און וואָס דאַרף איך אייך ?"

דאָס איז דער ווערט פון יידיש לשון און פון יידישער קולטור, דער זינען און דער ציל. אין דעם איז דער זינען פון דער גאַנצער יידישער מדינה. צרות פון גויִים וועלן דער מדינה קיין מאָל ניט פעלן. כוח און גבורה בייצושטיין און גובר צו זיין — דאָס איז די מדינה, ניט אין די „גוטע" גלותן, דאָס איז יאָ געווען אין די אַלטע „שלעכטע" גלותן מיט זייער פאַרזיכיקער קולטור און שפּראַך, מיט דעם „שלא עשני גוי".

## צי איז מעגלעך קולטור־פאַרזיכיקייט אין אורבאַניזם ?

זייער שווער. אורבאַניזם מישט צונויף מאַסן, אורבאַניש לעבן איז פאַר מאַסן, מאַסן־פּראָדוקציע אויף אַלע געביטן פון לעבן. פאַרזיכיקע קולטור פאַר־

לאַנגט איזאָלירטקייט. יידן האָבן אַלע מאָל געהאַט אַ נייגונג איבערצושעמען פרעמדע קולטורן, אפילו ווען זיי זיינען געווען פאַר זיך אין זייער אייגן לאַנד. קאָן מען ניט דערוואַרטן זיי זאָלן מיט איין מאָל זיך בייטן, בייטן זייער ניי־גונג און זיך אָנשטרענגען דווקא אייבצוהיטן זייער אייגענעם לעבן־שטייגער. אַ פאָלק בייט זיך ניט אַזוי גיך, עס דאַרפן אַריבערגיין דורות. סיידן עס ווירקן אויך דרויסנדיקע פאַקטאָרן. און אַזוינע זיינען דאָ, און זיי וועלן אַלץ שטאַר־קער. די פאַקטאָרן זיינען די אַלגעמיינע טענדענצן ביי פעלקער בכלל. ניטאָ איצט קיין מאַנאָקולטורעלע מדינות, ווי עס איז געווען אַמאָל. די טעכניק מישט פעלקער. יעדע מדינה איז אַ געמיש פון פעלקער. אָבער פעלקער ווילן זיך ניט אויסמישן, אַזוי ווי עס ווילן דאָס יידן, פעלקער ווילן איינהיטן זייער קולטור און זייער פאַרזיכיקייט. אומעטום גייט עס אַ געראַנגל — צווישן מדינה־פּרינציפּ און פעלקער: פעלקער ווילן פאַרזיכיקייט און מדינות ווילן צונויפ־שמעלץ. גרויסע מדינות צעברעקלען זיך, און נאָך אַלעמען זיינען ניטאָ קיין איינקולטורישע ראַיאָנען. וועלן יידן מוזן מיטגיין מיט דער וועלט: יעדע מדינה איז אַ פאַרבאַנד פון פעלקער, און אין די ראַמען פון מדינות וועלן פעלקער פירן פאַרזיכיקייט. צי יידן ווילן יאָ אָדער ניט, וועלן זיי מוזן מיטגיין, מיטמאַכן דעם איבערגאַנג פון מדינות צו פעלקער. דאָס לעבן, דער טאָג וועט זיין איינגעטיילט אין צוויי טיילן — מאַכן אַ לעבן — אַלע צוזאַמען, אויסלעבן זיך — פעלקער באַזונדער. היים, שול, פאַרווייליקונג, גייסטיק לעבן בכלל — דאָ איז די ממשלה פון פאָלק; עקאָנאָמיש לעבן — צוזאַמען. דאָס איז די צו־קונפט פון פעלקער, און יידן — צווישן זיי. דאָס איז אפשר מאָדנע: די אומ־נאָרמאַלע לאַגע פון יידן אין דער וועלט וועט זיין די נאָרמאַלע לאַגע פון אַלע פעלקער אין דער וועלט. אָבער אַזוי איז עס. אַנדערש וועלן פעלקער זיך אומ־ברענגען איינס די אַנדערע. מדינות מוזן זיך שלאָגן, פעלקער וועלן לעבן בשלום. וועט דאָס ניט קאָנען מקוים ווערן, וועט קיין מענטשהייט ניט זיין. וועלן יידן ניט אויפבויען אַזאַ סיסטעם, וועט אויך די מדינה ניט קאָנען עק־זיסטירן, קיין שום ניסים וועלן ניט העלפן. עס קומט נאָר אויס, אַז די יידישע לאַגע אין דער וועלט איז אַ פּיאָנערישע פאַר אַלע פעלקער. אַזוי איז עס!

אַזוי איז עס און אַנדערש קאָן עס ניט זיין: יידן האָבן געקאָנט זיין אַ באַזונדער פאָלק פאַר זיך, ווען זיי זיינען געווען צעשפּרייט איבער לענדער און געלעבט אומעטום באַזונדער. זיי קאָנען אָבער ניט זיין קיין איין גאַנץ יידיש פאָלק, ווען זיי דאַרפן לעבן ניט בלויז אין די לענדער, נייערט טאַקע אין די פעלקער, אין די לאַנדפעלקער. לעבן איינצייטיק אַזוי אַריינגעגלי־דערט אין די פאַרשיידענע לאַנדפעלקער און אויך ווי פאַרזיכיק באַזונדער איבערלענדיש פאָלק — דאָס איז אוממעגלעך.

צום גליק אָבער איז עס איצט דער גורל פון פעלקער, ווייל ניטאָ מער קיין איינפּאָלקישע לענדער. אַלע פעלקער לעבן איצט אין אַ געמיש, און אַלע לענדער וועלן מוזן קומען צו גאָר אַ נייער פאָרמול: „מאַכן אַ לעבן צוזאַמען, אויסלעבן זיך פאַר זיך".

## פאַרוואָס נאָר אין ארץ ישראל?

וועלן מיר אויף דער פראַגע זיך אָפּשטעלן עטוואָס לענגער. פון חומש אָן, פון די אבות איז דאָס יידישע פאָלק פאַרבונדן מיט דעם לאַנד. עם ישראל און ארץ ישראל. ווי אַזוי איז דאָס לאַנד געוואָרן ארץ ישראל? די ארץ הקדושה, דאָס הייליקע לאַנד פאַר אַלע פעלקער? די הייליקייט פון דעם לאַנד איז ניט קיין פאַטאַלע, ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ניט גאָט אין הימל האָט עס אויסגעטיילט פאַר הייליק. דאָס לאַנד איז לכתחילה געווען ניט בעסער פון אַלע לענדער, אָנגעפולט מיט „טמאות הגויים". ירושלים איז געווען אַ שטאָט פון דעם בלוטיקסטן געץ מולך. צוויי מאָל שטייט אין תנ"ך טו אויס די שיך ווייל דאָס אָרט איז הייליק. איז ביידע מאָל די הייליקייט ניט דווקא פון דעם לאַנד. דאָס האָבן יידישע נביאים געזייט קדושה אין דעם לאַנד. דאָס האָבן יידישע נביאים געוואָלדעוועט, אַז ניט דער בית המקדש מאַכט הייליק דאָס לאַנד, נייערט דער אויפפיר פון יידן. די גמרא רעדט קלאָר אַז יהושע האָט איין מאָל הייליק געמאַכט דאָס לאַנד, אַז אַ צווייט מאָל האָט עס עזרא געטאָן. און טאַקע איז די ערשטע הייליקייט פון יהושע צייטווייליק, ווי אויך דער באַרג סיני: כל זמן די שכינה איז אויף אים איז ער הייליק, אַוועק די שכינה — איז אויס מיט זיין הייליקייט. עס איז פאַר די אויטאָריטעטן אין הלכה צו גריבלען זיך אין די פוסקים צי מעג אַ ייד אַרויפגיין אויפן הר הבית אָדער מען דאַרף אַש פון אַ פרה אדומה; צי אַ שטיק שטיין פון כותל האָט קדושה אָדער ניט. פאַר מיר אָבער איז קלאָר, אַז דער גאַנצער כותל האָט ניט מער קדושה ווי די שברי לוחות, ווי דער ארון הברית, וואָס משה האָט געהייסן היטן אייביק, און שפּעטער אַרום ירמיהוס צייטן האָט מען דאָס געהיים באַשטאַט כדי אויסצומיידן מאַטעריעלע הייליקייטן. לויט דעם טיפערן יידישן גייסט איז דער מקור פון הייליקייט אין די נשמות פון לעבעדיקן יידן. דער כותל מערבי, דאָס זעקעלע ערד אין קבר אַריין — דאָס אַלץ איז נאָר דער „אָנצינדער" פון די געפילן אין מענטשן, אין לעבעדיקע מענטשן פון יעדן דור און יעדער תקופה.

און בכן האָט בפירוש געמעגט זיין אַ צווייטע ארץ ישראל. איטלעך

לאַנד ווו ישראל לעבט פריי און פאַרזיכיק האָט געקאָנט זיין אַן ארץ ישראל מיט דער פולער קדושה, ווייל דאָס פאָלק איז מקדש אַ לאַנד ניט עס פאַלט אַראָפּ די קדושה פון הימל. שטעלן חז״ל טאַקע די קדושה שניה, פון די עולי בבל העכער ווי די קדושה פון די יוצאי מצרים.

אין בית שני זיינען געווען צוויי ריכטונגען: אַ מלוכה־ריכטונג — אַ קורצע צייט, פון די חשמונאים. אַזוי ווי קיין צווייטע ריכטונג וואָלט ניט גע־ווען, און די הלכה־ריכטונג — ווי קיין מלוכה־ריכטונג וואָלט ניט געווען. עס האָט לאַנג געדויערט ביז די הלכה־ריכטונג האָט איינגעשטעלט אַן אימון פאַרזיכיק יידיש פאָלק לדורות. די מדינה איז חרוב געוואָרן, דאָס לאַנד גופא איז חרוב געוואָרן און דאָס יידישע פאָלק איז געבליבן, זיך געהאַלטן, געבויט און געשאַפן אין די גלותן ווייטער און ווייטער. דאָס יידישע פאָלק האָט גע־קראָגן זיין אמת־יידישן פּרצוף ערשט אין אָט דער תקופה פון דער פּערסי־שער הערשאַפט — פאַר זיך, באַזונדער, אַן אַ פרעמדער הערשערישער קול־טור, אויטאָנאָם, פאַר זיך, אָן אַסימילאַציע — ווייל דאָס הערשערישע פאָלק איז געווען זייער וויט (פּערסיע) און אויך אַן מלחמות, באַשיצט אונטער די פליגלען פון דעם וויטן אָבער שטאַרקן בעל הבית.

ניט דאָס לאַנד האָט אויפגעבויט דאָס פאָלק, נאָר דאָס פאָלק האָט היי־ליק געמאַכט דאָס לאַנד. עם ישראל האָט עס געמאַכט פון אַ ווילד, טמא לאַנד אַן ארץ ישראל, אַן ארץ הקדושה.

## קדושה אין ארץ ישראל, תורה — אין בבל

יידישקייט איז טאַקע אין ארץ ישראל ניט איין מאָל פאַרגעסן געוואָרן און אַלע מאָל איז זי ווידער געבראַכט געוואָרן פון גלות. דאָס האָבן שוין געוווּסט צו זאָגן די חז״ל (סוכה כ׳). איז בבל בפירוש יאָ געווען אַן אמתע ארץ ישראל. דאָרטן האָט זיך יידישקייט געפלאַנצט און געוואַקסן, זיך אַנט־וויקלט ניט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר אַלע אַנדערע גלותן אפילו אויך פאַר ארץ ישראל. געווען אפילו אַ מיינונג, אַז מען טאָר פון בבל ניט עולה זיין קיין ארץ ישראל.

אָבער ארץ ישראל האָט ניט אָפּגעגעבן איר בכורה. האָט די יידישע גע־שיכטע אַזוי געפסקנט: האָט דאָס פאָלק געלעבט מיט דער יידישקייט פון בבל, מיט דער גמרא פון בבל, און די קדושה געלאָזן ביי ארץ ישראל. איז טאַקע „אין אומרים הלל על נס שבחוץ לארץ״, אין כל הקבור בארץ ישראל — ווי אונטער דער שכינה, ווער עס גייט ד׳אמות אין ארץ ישראל, איז זיכער מיט

עולם הבא וכדומה. דער יחוס — פאַר ארץ ישראל, און די תורה (יידישקייט) — פון בבל.

מען דאַרף אָבער קלאָר וויסן: ווער האָט איינגעפלאַנצט אין יידישע הערצער אָט די געטרייע ליבע און איבערגעגעבנקייט צו ארץ ישראל? — אויך דאָס קומט פון בבל! פון גלות.

ארץ ישראל איז געווען קודש, כל זמן יידן זיינען אין גלותן געווען „ישׂ־ראל". די קדושה פון ארץ ישראל איז ניט קיין אַבסאָלוטע, נייערט כל זמן „מציון תצא תורה", און אַזוי ווייטער איז ארץ ישראל געווען קודש כל זמן „מבבל תצא תורה ודבר ה׳ מנהר פקוד" (ירושלמי, נדרים ו׳). פונקט אַזוי ווייטער האָט זיך די קדושה פון ארץ ישראל איינגעהיט כל זמן „כי מכיוב (קיעוו) תצא תורה ואור ד׳ מסטאַרדוב" (לויט צינבערג ב׳5). ירושלים איז געווען און געבליבן די עיר הקודש כל זמן יידן האָבן אין אַלע גלותן געבויט און געהיט „ירושלימס" אין די גלותן גופא (למשל „ירושלים דליטא").

אַ כלל — די קדושה פון ארץ ישראל שטאַמט פון דעם קדושה־געפיל ביי יידן אין דער גאַרער וועלט. אויך גאָטס כוח איז גרויס ערשט ווען יידן גלייבן אין אים.

דאָס האָט די תורה פון בבל פאַרפעסטיקט די ליבע און געטרייקייט צו ארץ ישראל. האָבן יידן געליטן, געוואַנדערט און דאָך, ניט געפּרובירט שאַפן אַ צווייט ארץ ישראל ערגעץ אין אַ צווייט אָרט. פאַרוואָס קיין מאָל אין געלאַף און אַנטרינונג פון צרות און פיינט, פאַרוואָס קיין מאָל ניט פּרובירט זיך איינאָרדענען פאַר זיך ערגעץ ווו אַן גויִם? אין אַ ווינקל אָפּגערוקט אַן אַ זייט? אָבער פאַר זיך, אָרגאַניזירט ניט ווי איין קלאַס, נאָר אויך עקאָנאָמיש אין גאַנצן פאַר זיך? אָט די פראַגע מאַטערט מיך תמיד. איך קאָן ניט מסכים זיין צו דעם תירוץ, אַז ביי יידן האָט שוין אין גלות געפעלט דער קלאַס פון ערד־אַרבעטער, וואָס ער מוז דאָך זיין דער באַזיס פון פאַרזיכיקייט.

איך בין טיף איינגעגלויבט אין יידן, אַז ביי אַ גוטן ווילן וואָלטן זיי גע־קאָנט זיין אויך גוטע ערד־אַרבעטער. מיר געפעלט מער אַ צווייטע דערקלע־רונג: די יידן האָבן דאָך יאָ לכתחילה געפּרובירט זיך פאַרנעמען אויך מיט ערד־אַרבעט. דאַכט זיך אפילו אַז דאָס איז געווען די הויפּט־פּראָפעסיע ביי יידן אין בבל אויך. די סיבה פון ניט באַמיען זיך צו אָרגאַניזירן אַ פאַרזיכיקן יִשוב איז געווען די דערפאַרונג פון דער מלוכה נאָך די חשמונאים. די יידן אין בבל אָן אַ מדינה, אָן מלכות האָבן געלעבט רויִקער, שלומדיקער און פאַר־זיכיקער איידער אין דער יידישער מלוכה אונטער רוים. אפילו אין רוים גופא, אין מצרים האָבן יידן געלעבט בעסער און מער געגלויבט אין זייער פאַרזיכי־

קייט איידער אין דער מלוכה. זיי האָבן ניט געהאַט נאָך וואָס צו בענקען — נאָך פּאָליטישער פּאַרזיכיקייט? שפּעטער, אין דער קריסטלעכער אייראָפּע, האָבן יידן שוין ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו קאָנען געפינען פאַר זיך אַ ווינקל, און די קריסטן זאָלן זיי לאָזן צו רו.

## גאון יעקב און תולעת יעקב

די עטלעכע מאָל וואָס יידן האָבן פּרובירט צו אָרגאַניזירן פּאַרזיכיקייט, האָבן זיי געקראָגן אַזוינע קלעפּ פון די „שטאַרקע", אַז יידן האָבן זיך אַנטוישטע צוריקגעצויגן, פאַרלוירן יעדן גלויבן אין די אייגענע כוחות צו קאָנען אויסהאַלטן — איין שעפעלע צווישן זיבעציק וועלף"... יידן האָבן איינגעהיט זייער גלויבן אין זייער גאָט, אָבער ניט אין זייער פּאָלק. וויפל רעזיגנאַציע עס איז פאַראַן אין דער טראַגישער וואָכעדיקער תפילה „שומר ישראל, שמור שארית ישראל..." „נאָר גאָט קאָן ראַטעווען דאָס פּאָלק, דאָס רעשטל פון פּאָלק" פון די גויִישע הענט. אָן אַ טיפער אמונה אין פּאָלק, אין זיינע כוחות און במילא אין זיין ווערטיקייט איז שוין ניט געווען קיין מוט און קיין ווילן צו גיין זוכן, עפּעס אונטערנעמען. די טראַגיש־בלוטיקע געשיכטע פון יידן אין אייראָפּע צווישן קריסטן האָט צוגערויבט ביי יידן זייער גלויבן אין זיך. „מ'שטיינס געזאָגט, וואָס מיר זיינען און ווי מיר זיינען"! עס וואָלט זיכער אויך דער גלויבן אין יידישן גאָט אויך ניט געבליבן ווען ניט די סאָציאַלע אָפּגעזונדערטקייט פון יידן ווי אַ סאָציאַלער קלאַס. צוויי געפילן, צוויי עקסטרעמע געפילן זיינען געווען אין דער פּסיכיק פון יידן: מיט גאָט איז „גאון יעקב" — יעקבס שטאָלץ. אָן גאָט איז „תולעת יעקב" (ישעיה מא' 14) דאָס איז שוין אין בבל, דאָס שוואַכע גלות־פּאָלק קעגן דער מאַכט פון בבל — אַ שוואַך ווערעמיל, ניט מער. ניט אומזיסט האָט דער נביא אין דעם גלות אין גאַנצן געביטן דעם טאָן און געטרייסט, געמוטיקט פונקט פאַרקערט ווי דער פריערדיקער נביא אין אייגן לאַנד מיט דעם זעלביקן נאָמען (ישעיה דער ערשטער). ניט אומזיסט בייט דאָ דער תרגום אום דעם גאַנצן זאַץ, אויסצומיידן געפאַלנקייט פון דעם אויסדרוק „דאָס ווערימל יעקב". אָבער דאָס געפיל פון שוואַכקייט, די געפאַלנקייט פון אַ וואָרעם איז געבליבן, נאָך געשטאַרקט זיך אין דעם לענגסטן גלות. אַלע וווּנדער־שיינע אויפטוען פון יידן אין גלות, די אָרגאַניזאַציע — דאָס איז געווען מיט דעם כוח פון גאָט־באַוווסטזיין. די געפאַלנקייט — דאָס איז געווען אַ געפיל פון אונטערטעניקייט לגבי יעדן באַדריקער. דאָס האָט ביאַליק פּאָעטיש אויסגעדריקט: „דער וואָרעם דער שוואַכער דערהאַלט זיך

ביים לעבן /אין גריבער, אין פעלדזיקע שפּאַלטן/ און ביי אייך (די תלמוד־לעגענדעס) אין באַהעלטעניש פון דרוק פון דעם שונא /קום איך פון דער וועלט זיך באַהאַלטן/ („די יידישע לעגענדע" איבער' י. י. שוואַרץ)...

ניט דער שולחן ערוך סתם האָט אויפגעהאַלטן די מאָראַל פון פאָלק, נאָר דווקא דאָס אויסטערלישע גאָט־געפיל וואָס איז צוזאַמען מיט זיין פאָלק אין גלות, וואָס זיצט צוזאַמען מיט זיין פאָלק און לערנט אויך די יידישע הלכות... אָט דער גאָט, דאָס געפיל פון גאָט האָט געדינט ווי אַן אַנטריבונג פון דער וועלט (אין פסיכאָלאָגיע — עסקייפּ), ווי ביאַליק דריקט עס אויס אין דער פּאָעמע.

תולעת יעקב — דאָס ווערימל יעקב ווען מען דאַרף לעבן מיט די גויִם, אַ גאַנצע וואָך! גאון יעקב — דער שטאָלצער יעקב, ווען מען וואַרפט פון זיך די וואָכעדיקייט, ווען מען קאָן פאַרגעסן די וועלט מיט די גויִם, מיט זייער ווילדקייט און מיט זייערע צרות. דאָס איז דער פשט פון היינעס ליד „פּרינץ־צעסין שבת" (ביאַליקס איבערזעצונג אין יידיש) דערפאַר האָבן יידן אַזוי ליב געהאַט דעם שבת, דעם יום טוב: אויס וואָכעדיקער הונט, וואָרים, — ווידער צוריק פּרינץ!

דער פּאַלוס־ווייטער דואַליזם פון גאון־תולעת; פון הונט־פּרינץ; פון בלו־טיקן היינט און גליקלעכן לעתיד לבא — דאָס איז געווען די פסיכיק פון יידן. האָבן יידן אין בבל געהאַט מער פרייהייט ווי אין ארץ ישראל, האָט זיך דאָרט יידישקייט אַנטוויקלט מער און פעסטער און דויערנדיקער. האָבן יידן ניט גע־דאַרפט זוכן בויען קיין נייע ארץ ישראלס.

האָבן שפּעטער יידן אין אייראָפּע שוין ניט געהאַט דעם מוט און ניט דעם גלויבן צו קאָנען זוכן עפּעס נייס. דאָס האָט מען פון זיי אַרויסגעשלאָגן. האָבן יידן געלעבט צווישן די קריסטלעכע פעלקער מיט דער פסיכיק פון „תולעת יעקב" און זיך שטאָלץ געטרייסט מיט דעם „גאון יעקב" פון דעם לעתיד לבא, אם ירצה השם, ווען משיח וועט קומען. האָבן יידן געפילט אַ זעכציקסט־חלק פון דעם לעתיד לבא אין זייער שבת און יום טוב, ווען זיי זיינען טאָקע געווען אַן די פעלקער נאָר פאַר זיך אין אַ מין „ארץ ישראל של מעלה".

## עמאַנציפּאַציע און אויטאָ־עמאַנציפּאַציע

די עמאַנציפּאַציע איז געקומען ווי אַ תולדה פון דער אורבאַניזאַציע, ניט חלילה, פון דעם אויפגעוועקטן געוויסן ביי פעלקער, ווי יידן האָבן נאַיִוו זיך געוואָלט איינרעדן, נאָר, גאָר פשוט, פון דעם אורבאַניזם, דערפאַר האָט

עס די עמאַנציפּאַציע אַזוי דערפרייט די יידן: מיט איין מאָל — מיט לייטן גלייך!...

וויפל מאָל יידן האָבן זיך שוין אַזוי אָפּגענאַרט און געוואָלט זיך אָפּ־נאַרן!...

אין דער דאָזיקער פסיכיק פון יידן ליגט די סיבה פון ניט וועלן זיך שאַפן אַ צווייט ארץ ישראל: נאָר גאָט און נאָר פאַר גאָט. וואָס דען — פאַרן ווערימל יעקב גיין בויען?

דער ערשטער געלאָף אין די אַכציקער יאָרן איז דאָך אויך געקומען מח־מת יאוש — אַנטוישונג: אַז מען לאָזט ניט זיך אַסימילירן, וועלן מיר זיך באַ־גיין אָן זיי, אַז מען וויל ניט עמאַנציפּירן, וועלן מיר זיך אויטאָ־עמאַנציפּירן. דערפאַר האָט זיך אויך די שטרענגע אָרטאָדאָקסיע לכתחילה אַזוי דערשראָקן פאַרן ציוניזם: מען גייט זיך אַליין באַפרייען, אָן גאָט!? דערפאַר האָט זיך די יידישע יוגנט אויף דער שוועל פון יאָרהונדערט אַזוי אַ ריס געטאָן צו די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען — הער נאָר! אויסגלייכן זיך מיט לייט!!! אָט דער דראַנג „מיט לייטן גלייך” האָט אויך געפירט די צווייטע עליה קיין ארץ ישראל נאָך דעם חורבן פון דער רעוואָלוציע אין פינפטן יאָר. דערפאַר האָבן יידן ניט געשאַפן פאַר זיך קיין צווייטע ארץ ישראל; דערפאַר איז ניט געלונ־גען דער טעריטאָריאַליזם (גאָר ניט דערפאַר וואָס די אָדער יענע קאָץ האָט קאַליע געמאַכט): ניט געווען ביי יידן גענוג מוט, גענוג גלויבן צו גיין שאַפן אַ היימלאַנד. ארץ ישראל — עס האָט יחוס, עס האָט געטלעכקייט, פּאָעזיע פון תנ״ך, אַ זעקעלע ערד! מערת המכפלה, אָן אַ סוף און אַ שיער!... אָבער סתם גיין און פירן אַ פּאַרזיכיקע יידישקייט, האָרעווען פאַר דעם, פּיאָנערעווען... ביז היינט איז נאָך אין מדינת ישראל פאַראַן דער סטימול פון לייטן־גלייך, דער „ככל הגויִם”, הגם... אַ סך גויִישע אַלטע מדינות מעגן שוין איצט „די פּעטשערעס הייצן ביי יידן” (זיך לערנען פון זיי) די פסיכיק ענדערט זיך ניט אַזוי גיך. אין די גלותן אַסימילירן זיך יידן אויף אַלע געביטן (אפילו בנוגע צו רעליגיע!) צוליב „מיט לייטן גלייך”. מען מאַכט עס פּריוואַט, אינדיווי־דועל; און אין דער מדינה מאַכט מען קאָלעקטיוו... ביסלעכווייז, גאַנץ פּאַמע־לעך קומט אויף אין דער מדינה אַ נאַטירלעך געפיל פון זיך־אַכטונג, עס ווערט פאַרגעסן דער „תולעת יעקב”־געפיל; עס קומט פּאַמעלעך אויף אַ געפיל פון „גאון יעקב”... עס איז נאָך — אָט דאָס געפיל — ווייט ניט אויסקריסטאַליזירט, אָבער עס איז שוין דאָ. נאָך ווייט ניט גענוג, ישראל־יוגנט זאָל, למשל, קאָנען אין אַמעריקע קומען און בויען אַ קיבוץ, אַ יידישן קולטור־קיבוץ... דאָס קאָנען טאָן, דערציילט מען, יאַפּאַנעזער, אינדוסן, יידן קאָנען עס נאָך ניט מחוץ ארץ ישראל. מיטן לשון פון יידישער אוראַלטער טראַדיציע וואָלט איך עס געזאָגט:

יידן דינען נאָך צו פרעמדע געטער, יידן קאָנען נאָך דינען אַ יידישן גאָט אין הימל, יידן קאָנען נאָך דינען דער הייליקייט פון מאַטעריעלער ארץ ישראל. אָבער יידן קאָנען נאָך ניט דינען דעם גאָט פון יידישקייט, דער געטלעכער יידישקייט, וואָס האָט אונדז געטראָגן און דערבראַכט ביז דאַנען.

איך וואָג צו זאָגן עפּעס וואָס קאָן אויסקומען ווי אפּיקורסיש, אָבער עס איז זיכער אין גייסט פון אייביקער יידישקייט: אַ שטיין — אפילו פון כותל מערבי — איז פאַר זיך ניט הייליק, ניט הייליק ווי עס זיינען שוין פאַרצייטן געוואָרן אויס הייליק די שטיינער פון די צעבראָכענע לוחות, ניט הייליקער ווי די שטיינער פון גאונס קלויז אין ווילנע...

יידן וועלן ווערן אַ געזונט פאָלק ווען זיי וועלן קאָנען הייליק האַלטן דעם בנין פון כנסת ווי דעם בנין פון אַ בית המקדש און אַזוי ווייטער... יידן וועלן זיין אַ געזונט פאָלק ווען זיי וועלן דערקענען די געטלעכקייט פון דער אינעווייניקסטער, גלותדיקער יידישקייט וואָס האָט גובר געווען דעם גלות, אָט די יידישקייט וואָס איז אַזוי גאוניש אין זיך אין דעם „תולעת יעקב״!...

## גאולת הגוף און גאולת הנפש

די גאולה שלמה דאַרף זיין אַ טאָפּעלע — אַ גאולת הגוף — אַ ריין פּי־זישע גאולה און אַ גאולת הנפש — אַ גאולה פון גייסט. די גאולת הגוף ווערט געגעבן פון די בעלי בתים. זי איז אָבער קיין מאָל ניט געווען אויפריכטיק, קיין מאָל ניט דויערנדיק. פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע ביז דער רוסי־שער. פאַרווערטיקן די עמאַנציפּאַציע, מאַכן זי גילטיק קאָן בלויז דאָס יידישע פאָלק אַליין. אויך די יידישע מדינה האָט באַוויליקט אַן אַלוועלטלעכע קער־פערשאַפט. יידן האָבן זיך געפרייט. אָבער שוין אויף מאָרגן זיינען אַלע „גע־בער״ פון דער מדינה געווען גרייט זי בטל צו מאַכן, דערטרינקען זי אין יידיש בלוט. נאָר דאָס שטיקל אַרבעט זאָל טאָן עמיצער אַ צווייטער. אַזוי אַרום קומט אויס אַז אויך די ריין פיזישע גאולה קאָן קומען נאָר מיט דער גאולת הנפש, נאָר מיט דער מאָראַלישער גאולה פון גייסטיקער פאַרזיכיקייט.

די יידישע מדינה — גאַנץ מעגלעך — אַז זי איז איצט דער איינציקער העגעמאָנער יִשוב פון יידישקייט אין דער וועלט. אָט איז אין ניו יאָרק פאַראַן מער יידן ווי אין גאַנץ ישראל. אָבער... לאָמיר ניט מאַכן קיין פאַרגלייכן, וואָרעם עס טוט צו שטאַרק וויי דאָס האַרץ... אָבער ווידער — די מדינה וועט זיין אַ דבר של קימא, אַ פעסטער, זיכערער יסוד פון יידישן פאָלק נאָר אויב אין אַלע גלותן וועלן יידן בויען און אַנהאַלטן האַלבע „ארץ ישראלס״. דער

פּאָליטישער און מאָראַלישער און דער עקאָנאָמישער כוח פון דער מדינה איז שוין איצט אָפּהענגיק פון דער דעמאָקראַטישער וואָגיקייט פון דעם יִשוב אין אַמעריקע און אומעטום. יעדע אָפּשוואַכונג פון יידישן באַוווּסטזיין אין אַמע־ריקאַנער יידנטום מאַכט שוואַכער די מדינה. אין גמרא, אין זוהר, אין אַנדערע מדרשים איז פאַראַן אַז מיט דער אָפּשוואַכונג פון יידישקייט ווערט פאַרקלע־נערט דער כוח פון רבונו של עולם. אַ פשיטא שוין אַז מיט דער אָפּשוואַכונג פון גייסטיקער יידישקייט אין די גלותן ווערט אָפּגעשוואַכט דער פּאָליטישער כוח פון יידישן פאָלק אין דער וועלט און במילא — אויך די פּאָליטישע וואָ־גיקייט פון דער מדינה אין דער וועלט. עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז איצט וואָלט אַמעריקע דרייסטער געשטיצט ישראל, ווען אַמעריקאַנער יידן וואָלטן שטאַר־קער, אָרגאַניזירטער, מוטיקער און יידישער געווען און געדענקט און געפילט.

עס איז לגמרי ניט קיין פּאַראַדאָקס צו פאַרשטיין אַז דער כוח פון דער העברעיִשער מדינת ישראל הענגט גאָר שטאַרק אָפּ פון דעם כוח פון יידיש לשון אין אַמעריקע, אין די אַמעריקעס, אין פראַנקרייך וכדומה.

צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן ניט, אָבער מיר זיינען און מיר בלייבן איין פאָלק מיט איין גורל אין דער וועלט. דער ציוניזם האָט אָנגעטאָן זיך אַליין גאָר אַ סך שאָדן מיט זיין „שלילת הגלות”. דער טעריטאָריאַליזם האָט זיך פאַרלאָרן אין געאָגראַפישע זוכונגען איבער דער וועלט, און האָט ניט פאַרשטאַנען אַז יעדער יידישער יִשוב, יעדער יידישער קיבוץ אין דער וועלט קאָן און דאַרף זיין אַ „טעריטאָריע” פאַר לעבעדיקער אַקטיווער יידישקייט. מען דאַרף ניט זוכן ווייט דאָס וואָס עס ליגט ממש אונטער דער נאָז. די רע־פאָרמער האָבן פאַרבלאָנדזשעט, ווייל געמיינט צו מאַכן פון יידישקייט אַ טעמפּל־צערעמאָניע און מער גאָרניט; די אָרטאָדאָקסיע מיינט צו קאָנען מאַכן פון יידן אַ שטרענגע סעקטע פון אַ מין שומרונים און די וואָס האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „וועלטלעכע יידן” ווילן זיין ליידיקע יידן, אָן יידישקייט לגמרי.

די יידישע מדינה אין ארץ ישראל וועט זיין פעסטער, זיכערער, באַוואָרנ־טער, ווען זי וועט זיין ניט די אויסנאַמיקע „ישראל”, נאָר זי און ווייטער קיי־נער, נאָר זי און מער ניט אין ערגעץ. ביירערט זי וועט זיין די מדינת ישראל, די „מדינה פון אַלוועלטלעכן און אומעטומיקן פאָלק ישראל, וואָס איז אומעטום ישראל” (ווי דאָס האָט אַזוי דרייסט און עקשנותדיק פאַרטיידיקט ש. ראַווי־דאָוויטש ע”ה). מדינת ישראל האַלט זיך און וועט זיך האַלטן מיטן כוח פון דעם גאַנצן עם ישראל, אין דער גאַנצער וועלט, מיט זיין געטרייקייט און אי־בערגעגעבנקייט. דאָס פאָלק ישראל וועט זיין געטריי זיין מדינה, ווען די יידן, איטלעכער און אַלע וועלן זיין באַוווּסט און פאַרגליבט אין זייער יידישקייט, ווען זיי וועלן קענען און וויסן, און ליב האָבן און זיין געטריי זייער יידישקייט,

דעמאָלט וועט זיי די מדינה מיט איר ריינער אויסנאַמיקער ייִדישקייט זיין ליב און טייער. קוים אָבער קערט זיך די מדינה אָפּ פון דער אַקטועלער, עקזיסטירנ־דיקער ייִדישקייט, דעמאָלט קריגן אַלע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן אין דער וועלט אַ פול באַרעכטיקטן פּתחון־פּה: מה דאָך די ייִדישע מדינה אַליין אַנט־לויפט פון דער ייִדישקייט אין דער אַלטער היים, אַ פּשיטא שוין מיר אין דער וועלט, וווּ יעדע קלייניקייט פאָדערט אַנשטרענגונג פון ווילן. נמצא, קומט אויס, אַז די מדינה קאָן האָבן אַ נעגאַטיווע השפּעה אויף די גלותן. און דער צוריקשטויס ברענגט דירעקט שאָדן אויך דער מדינה. די באַציִונגען צווישן ייִדישע ייִשובים און — נאָך מער — מיט דער מדינה זיינען זייער קאָמפּליצירט און די פּסיכישע פאַקטאָרן שפּילן די הויפּט־ראָל.

## צווישן צוויי פייערן

די סיטואַציע פון די ייִדן אין די גלותן האָט אַ טענדענץ זיך צו פאַר־ערגערן נאָך צוליב איין סיבה: אין אורבאַניזם קומט אויס די ייִדן צו לעבן אָפּט אין געביטן וואָס זיינען באַפעלקערט מיט צוויי און מער פעלקער. כל זמן אין לעבן זיינען געווען קענטיק בלויז די העכערע קלאַסן, די פּריצים, איז בכלל ניט געווען קיין באַציִונג צו די נאַציאָנאַלע קולטורן, אדרבא, האָט מען אויך ביי אַנדערע פעלקער באַוווירט מיט פרעמדע שפּראַכן, איבערהויפּט מיט פראַנצייזיש. קיין קאָנקורענץ צווישן קולטורן איז ניט געווען. ייִדן האָבן גע־ליטן צוליב רעליגיע. „וועמעס לאַנד, דעמס רעליגיע".

אין אורבאַניזם אָבער, איז דער תהום צווישן „פּראָסטן פאָלק" און דער אַריסטאָקראַטיע געוואָרן אויס תהום, די נאַציאָנאַלע שפּראַכן און נאַציאָנאַלע קולטורן האָבן סוף כל סוף באַהערשט די פעלקער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָנקורענץ צווישן די קולטורן. מיר זעען דאָס אין דער פּראָווינץ קוויבעק, אין דרום־אַפריקע, מיר האָבן דאָס געזען אין קרוין־פוילן, אין גאַליציע. די קאָנ־קורענץ ווערט אַלץ שטאַרקער. פעלקער מישן זיך אויס אומעטום. ניטאָ מער קיין מאָנאָ־קולטורעלע ראַיאָנען אויף דער וועלט; פעלקער ווערן אַלץ מער און מער געטריי זייערע קולטורן. ייִדן פירן זיך אין אַזוינע ראַיאָנען ווי גע־טרייע אָנהענגער פון דער הערשנדיקער קולטור, ווי זי וואָלט געווען אייגנע. אין קוויבעק־פּראָווינץ האָבן די ייִדן (אַרום אַ העלפט פון אַלע ייִדן אין קאַ־נאַדע) געהאַט אַן אויסוואַל: אָדער זיי זאָלן אַריינגיסן זיך אין איינע פון די צוויי אַנדערע. אָדער פירן זיך ווי אַ דריט באַזונדער, פאַרזיכיק פאָלק, מיט אַן אייגענער קולטור. די ייִדן האָבן זיך איינגעבעטן צו ווערן שותּפים מיט די

ענגלענדער. דערמיט העלפן זיי אַנגליזירן די פּראָווינץ, און די פראַנצויזן זעען אין די יידן שונאים, קעגנער אין קולטור־קאַמף. אין קרוין־פּוילן האָבן די פּאָליאַקן געזען אין די יידן אַ רוסיפיצירנדיקן עלעמענט... אַזוי אומעטום. די יידן העלפן דער שטאַרקערער קולטור. קיין פריינטשאַפט ברענגט עס ניט די יידן. אין קוויבעק באַמיען זיך די יידן איצט צו לערנען די קינדער אין די יידי־שע שולןביידע שפּראַכן — ענגליש און פראַנצייזיש. וויפל צייט און וויפל אַכטונג און געפיל קאָן שוין בלייבן ביי די יידישע קינדער אין די יידישע שולן פאַר זייער יידישער קולטור און פאַר זייערע יידישע שפּראַכן ?...

## דורות אנטלויפן

אַ וווּנדער עפּעס, וואָס יידיש ווערט אַ שטיף־קינד אין די אויגן פון יידי־שע קינדער גופא ? עס גייט ניט בלויז וועגן וויסן יידיש לשון, עס גייט וועגן דער „גלותדיקער פּסיכיק" אין די הערצער פון דורות יידן : יענע פעל־קער זיינען בעלי בתים, מיר זיינען פרעמדע. אַזאַ קנעכטישע פּסיכיק איז קיין מאָל ניט געווען ביי יידן אין דער פריערדיקער תקופה. יענע יידן זיינען קודם כל געווען מיוחסים, כאַטש ביי זיך אַליין, „אתה בחרתנו". דער גלות מיט אַלע זיינע דורות האָט דאָך די נשמות ניט פאַרשקלאַפט. דאָ איצט, מיט דער אָפיציעלער עמאַנציפּאַציע זיינען די נשמות פאַרשקלאַפט שוין אין שול־על־טער און נאָך פריער. הגם תולעת־יעקב, אָבער ווי נאָר מיט גאָט, איז שוין גאון יעקב, איז די תולעת־יעקב אין דערוואַכן, אָבער שבת־קודש, ווערן יידן אויך קודש מיט דער קדושת שבת, אַז דער שבת איז געוואָרן וואָכעדיק אין אורבאַניזם, איז שוין במילא געבליבן די פּסיכיק נאָר פון תולעת יעקב. איז דאָס עפּעס אַ חידוש וואָס יונגע יידן דערווייטערן זיך פון יידישקייט ? עקאָ־נאָמיש גיט עס גאָרניט, קיין גוטע שטעלעס וועט מען מיט יידישער קולטור ניט קריגן; קיין סאָציאַלע חשיבות — אויך ניט, הייסט צו וואָס זיך מאַטערן, לער־נען, אַז די הערשנדיקע קולטורן שטייען אָפן מיט בעסערע פּרנסות און מיט מער חשיבות אין די אויגן פון די יידן אַליין אויך ?... און מען וווּנדערט זיך : יידישע שולן קאָסטן אַ סך געלט און מי, — און קיין געטרייע, שעפערי־שע יידן האָדעווען זיי ניט ! עס וואָלט געווען אַ וווּנדער ווען פאַרקערט.

די סיטואַציע צווישן צוויי קולטורן ווי צווישן צוויי פייערן האַלט אין ווערן שאַרפער, זי וועט קומען אין אַ סך אנדערע ראַיאָנען, אויך אין די שטאַטן אפילו.

פאַרוואָס און צוואָס זאָלן יידישע קינדער זיך באַציען מיט אַכטונג און

מיט ווילן צו די יידישע שפּראַכן און צו די יידישע אינהאַלטן, אַז אין די היימען זעען זיי ניט קיין אַכטונג, אויך אין די שולן ניט קיין סך בעסער, און גוטע קאַריערן מיט גוטע פאַרדינסטן זעען זיך אויך ניט פאַרויס ?...

איז עפּעס אַ ווונדער וואָס עס קומט איצט פאַר אין ניו יאָרק — אין דעם גרעסטן יידישן קיבוץ אין דער וועלט דורך דער גאַנצער געשיכטע:

קיין לערער פאַר יידישע שולן זיינען כמעט ווי ניטאָ, מען דאַרף זיי אימפּאָרטירן פון ארץ ישראל (וואָס האָט וויניקער יידן ווי אין ניו יאָרק אַליין !...

אין דער זעלביקער צייט זיינען כמעט אַלע לערער אין די מלוכה־שולן דווקא יאָ יידן. זיי זיינען יאָ פאַרשפּרייטער פון אַמעריקאַנער ענגלישער קול־טור און די נעגערס יאָגן איצט די יידן פון זייערע שולן: זיי ווילן נעגערישע לערערס מיט נעגערישער פּסיכיק און מיט נעגערישע אַמביציעס... פעלקער האָבן זייערע נאַציאָנאַלע אַמביציעס, אַלע — אַחוץ יידן.

עס קומען פאַר אין ניו יאָרק אָנפאַלן, הריגות אויף יידן, רויבערייען; מען פאַרשפּרייט פּאָגראָם־פּראָפּאַגאַנדע קעגן יידן. פּאָליציי רעאַגירט גאַנץ שוואַך: מען וויל זיך ניט איינרייסן צו פיל מיט דער באַפעלקערונג. אָבער יידן אַליין רעאַגירן גאַנץ היפּש קנעכטיש. מען רופט אויס תעניתים און מען בעט צדקה פאַר די פאַרברענטע אינסטיטוציעס; מען שיקט דעפּוטאַציעס צו דער מאַכט — גוואַלד! שיצט אונדז! אָבער ווו זיינען די יונגע יידן אַליין? ווו זיינען די צענדליקער טויזנטער יידישע סטודענטן און בכלל יונגע יידן וואָס נעמען זיך אָן פאַר אַלע באַעוולטע און באַליידיקטע? וואָס מאַכן דע־מאָנסטראַציעס פאַר נעגער־רעכט און פאַר אַלע גוטע און ניט גוטע פרייהייטן? — ווו איז אָט די יידישע יוגנט ווען מען ראַבירט און מען הרגעט יידן, און מען ברענט שולן און קינדער־שולן? אין מאַסקווע דעמאָנסטרירן טויזנטער יידישע סטודענטן זייער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק אויף זייערע דאָר־טיקע אופנים. פאַרוואָס זיינען די לוויות פון די פאַרברענטע ספר תורות ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן פאַר גרויסע דעמאָנסטראַציעס פון יידישער יוגנט, פון יידישן פאָלק? ווו איז דער אָפּרוף פון גרויסע יידישע יישובים אין אַנדערע אַמעריקאַנער שטעט? שטיל! טרייבט ניט איבער! כ'ווייס, דאָרטן קליינע יונגאַטשן, קליינע כוליגאַנעס...

עס אַנטלויפן יונגע יידן ניט בלויז אַזוינע וואָס האָבן ניט געהאַט קיין יידישע דערציִונג. אויך יונגע יידן וואָס האָבן פאַרבראַכט אַ סך יאָרן אין יידישע טאָג־שולן, אויך אַזוינע טרעפט מען שפּעטער זעלטן אין יידישער גע־זעלשאַפטלעכקייט.

מען דאַרף תמיד געדענקען דעם אונטערשייד: אין דער שטעטל־תקופה

זיינען יידן געוואַקסן נאָר אין איינציקער קולטור און זי איז געווען די יידישע. בילדונג האָט געקאָנט זיין אויך אַ צווייטע, אָבער קיין צווייטע קולטור אין דער סביבה פון שטעטל איז ניט געווען און עס האָט ניט געקאָנט זיין. איז אָט די מאָניסטישע, יידישע קולטור געבליבן ביי יידן אויף דעם גאַנצן לעבן. צי זיי האָבן געלערנט אַ סך יידישקייט אָדער גאָרניט. יידן זיינען זיי געווען — דער רב און דער עם הארץ, יידן און נאָר יידן. יידישקייט — נאַטירלעך, ניט אויסגע־לערנט. איז די יידישקייט בלייבנדיק אויף אַ גאַנץ לעבן. פאַרקערט איז אין אורבאַניזם: די סביבה — אין גאַס, אין שול אומעטום — איז אַ פרעמדע; די לימודים וואָס מען לערנט זיינען פרעמדע, דאָס יידישע איז — אין בעסטן פאַל — געלערנט, על פי רוב — נאָר געלערנט, ניט גענוצט אין לעבן. די סביבה, די הויפטשול, די קאַריער, וואָס צו איר גרייט מען זיך — אַלץ פון פרעמדן פאָלק. אַלע וויכטיקע, אָבליגאַטאָרישע לימודים — ניט יידיש. די יידישע לימודים — אין בעסטן פאַל — נאָר אַ פרייוויליקע צוגאָב, נאָר אין די ראַמען פון שול, ניט אין לעבן. געענדיקט די שול — ענדיקט זיך די איינגעלערנטע יידישקייט.

מאָדנע, אָבער אַזוי איז עס: ווען יידן זיינען געווען אין געטאָ, איז יידיש־קייט געווען דאָס גאַנצע לעבן; ווען יידן זיינען אַרוס פון געטאָ האָבן זיי די יידישקייט אַריינגעטאָן אין אַ קליינער, שמאָלער געטאָ.

נאָך ווייטער: אויך „יידישע" יידן באַמיען זיך צו שטיין ווייטער פון יידן. זיי טראָגן אַ מין האַס און אַן אומווילן צו פשוטער פאָלקישער יידיש־קייט. אַלע רעפאָרמער פון אַלע שיטות און מדרגות ווילן אַנטלויפן פון יידיש־קייט, זיי זיינען מסכים צו בלייבן ביי אַ שטיקל צוגעפּוצטער יידישקייט, מען זאָל אויף זיי זאָגן: ניין, זיי זיינען ניט ווי די געוויינטלעכע יידן, די זיינען אַנ־דערש, „בעסערע" יידן, כמעט אַזוי ווי גוים. אָבער אויך די פרומע אונדזערע — זיי ריידן און שרייבן וועגן אַלע אַנדערע יידן, ניט פון זייער ריכטונג מיט אמתער שנאה און האַס. יידן — דאָס זיינען נאָר זיי. איז רעכט אפילו אַז פרומע יידן זאָלן מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דער יידישער מדינה אין ניו יאָרק לעבן דעם בנין פון די פאַרייניקטע פעלקער. פשוט גערעדט, הייסט עס — גיין צו די „גוטע" גוים מסרן אויף יידן, אויף דער יידישער מדינה. דאָס איז שוין ניט קיין פרומקייט, נאָר פשוטע שינאת ישראל.

אָדער אָט לייען איך אין אַ צייטונג (דער וועג, מעקסיקע, 13. פעבר') אַז נטורי קרתא האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַראַבישע אַנפאַ־לערס כדי צוזאַמען צו באַקעמפן די „ציוניסטישע" מדינה. קאָן מען אַזאַ האַנד־לונג דערקלערן מיט רעליגיע־מאָטיוון אָדער מיט דירעקטער שינאת ישראל? מיט וואָס איז דאָס בעסער, שענער, פרומער פון די אַנטי־ישראל־געפילן וואָס

האָבן געבראַכט יידן אין ארץ ישראל צו שטימען פאַר אַנטי־ישראל קאַמו־ניסטן? מיט איין וואָרט — מען לויפט פון פשוטער פאָלקישער יידישקייט. גאָט ווייס ביז וווהין אַזאַ געלאַף קאָן ברענגען.

אַט לייען איך אין אַן ענגלישער צייטונג (לאָס אַנג׳טיימס, 10 מערץ 1969), אַז אויף אַ סטודענטן־פאַרזאַמלונג, צונויפגערופן פון הילל־פונדאַציע זיינען יידישע סטודענטן אַרויסגעטראָטן מיט... אַנטיסעמיטישע רעדעס און איבערגעחזרט אַלע העצעס און בילבולים וואָס שונאי ישראל שרייבן איצט.

## ביאַליקס מוסר היינט

אין 1903 פאַר אַלע אונדזערע גרויסע חורבנות האָט ביאַליק געמוסרט דאָס יידישע פאָלק נאָך דעם פאָגראָם אין קעשענעוו פאַרוואָס זיי האָבן קנאַפּ און ווייניק זיך אָקעגנגעשטעלט! „אַ פויסט, ווו איז?!” האָט ער געשריבן אין זיינע „פון צער און צאָרן”. און דאָרטן און דעמאָלט האָבן זיך באַלד אָרגאַניזירט געהיימע זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציעס, די יידישע יוגנט איז געווען די ערשטע! און מען האָט געקעמפט! ...דאָרטן און דעמאָלט איז פאַרזייט געוואָרן די זאָמען פון דער צווייטער עליה, פון דאָרטן האָט אַרויסגעשפּראָצט דער אויפשטאַנד אין די געטאָס, פון דאָרטן האָט זיך צעוואַקסן שפּעטער די הגנה און אַנדערע אין ארץ ישראל און בכלל די יידישע אַרמיי...

ווי וואָלט אַ ביאַליק היינט אין דער פרייער אַמעריקע געדאַרפט מוסרן, שטראָפן, זידלען די יידן פאַר אָט דער פאַסיווקייט? פאַר דער געפאַלנקייט, פאַר דעם „אין בשר המת מרגיש”? איז דער תירוץ — און פון וואַנען זאָל אויסוואַקסן אַ ביאַליק?

ווען היטלער איז געקומען האָט ער געפונען אין דייטשלאַנד אַ פאַסיוו יידנטום; אַ סך זעלבסטמאָרדן צווישן דייטשישע יידן. אָבער אין גאַנץ דייטש־לאַנד זיינען געווען קוים אַ האַלבער מיליאָן יידן. ווייניקער ווי אין איין לאָס אַנדזשעלעס למשל... טאָ ווו איז פאַרט דאָס יידישע פאָלק פון אַמעריקע? ווו איז די יידישע יוגנט אין אַמעריקע? ווי קומט עס ביי יידן אין אַמעריקע עס זאָל קומען אַ יונגער מאַן אין אַ טעמפּל בעת אַ בר מצווה און זאָל דערשיסן דעם רבאי און זיך? ווי קומט עס אַז אַ יידישער יונגער מאַן זאָל זיך פאַר־שרייבן פאַר אַ נאַצי און ער זאָל זיין דאָרטן זייער אַקטיוו? ווי און פון וואַ־נען קומט עפּעס אַ באַרימטער ייד אַן אַדוואָקאַט צו קומען פון ניו יאָרק קיין לאָס אַנדזשעלעס צו פאַרטיידיקן דעם רוצח פון ראָבערט קענעדי — צי פאַר געלט צי פאַר אידעען? ווי קומט עס אָבער? אָדער ווי קומט אויך אַ צווייטער

אַדוואָקאַט אַ ייד צו קעמפן פאַר די רעכט פון די נאַציס צו באַגראָבן זייער פירער ראָקוועל מיט אַלע נאַצישע פּאַראַדן אויף דעם בכבודיקן בית הקברות צווישן די געפאַלענע פאַר אַמעריקע? און צי זיינען די וואָס איך האָב צו־פעליק דאָ אויסגערעכנט, צי זיינען זיי איינציקע, אויסנאַמען, קראַנקע טיפּן אָדער זיי ווייזן אויף אַ סך אַנדערע פּאָטענציעלע פאַררעטער, יידישע שונאים, יידן־אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אויסצוצייכענען זיך און צו דערשיינען אין דער פּרעסע?

איך בין זיכער אַז דאָס צווייטע איז ריכטיק, אַז מען קאָן צווישן יונגע, יִנגערע יידן געפינען אַ סך מער אַנטיסעמיטן אַקטיווע און — נאָך מער — פּאַסיווע איידער עס זיינען פאַראַן יונגע יידן געטרייע צו זייער פאָלק... און אויב עס וואַקסט אין יידנטום אַזאַ מין טיפּ, דאַרף מען זאָגן אָפן: עס איז אַ קאַנסער, אַ ראַק אויף דעם גוף פון יידישן פאָלק אין די אַמעריקעס. און ווער ווייס וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע לענדער? אין אַנדערע יידישע יִשובים?

אַ קראַנקייט מוז מען היילן, און וואָס פריער — אַלץ בעסער! וואָסערע פאַקטאָרן ווירקן דאָ, אַז דווקא אין די פרייע לענדער זאָל זיך אַנטוויקלען אַזאַ מין קראַנקייט?

די קראַנקייט איז אַ פּסיכישע. מיר האָבן זי אָנגערופן אין אַ ריי אַרבעטן „עגאָפּאָביע". מיר האָבן זיך באַמיט אַנצומערקן אירע מקורים און איר אַנט־וויקלונג. דאָ וועל איך נאָר צוגעבן: איך זע ניט קיין שום הצלחה אין די פאַר־שיידענע מינים שולן, אין דער שול־דערציִונג. אין דער אמתן דאַרף מען זאָגן, אַז עס איז גאָר ניטאָ ביי יידן קיין דערציִונג פאַרן יידישן פאָלק, קיין פאָל־קיש־יידישע דערציִונג איז גאָר ניטאָ. עס זיינען פאַראַן ביי אונדז „דערציונגען" — באַזונדערע סיסטעמען מיט באַזונדערע גרופּן־צילן, אין נאָמען פון פאַר־שיידענע גרופּן־אינטערעסן, פּאַרטייען און ריכטונגען. איטלעכע גרופּע האָט זיך איר סכעמע ווי זי וואָלט געוואָלט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק זען און צו אָט דער סכעמע דערציט מען. און אַז גאָר גוט, איז יעדער טעמפּל פאַר זיך אַ באַזונדערע גרופּע, מיט אירע צילן, און צו זיי דערציט זי די קינדער. ניטאָ קיין יידיש־פאָלקישע דערציִונג בכלל. אָבער ערגער איז וואָס עס איז ניטאָ פון וועמען די פאָלקישע יידישקייט איבערצונעמען מחוץ דער שול־דערציִונג. ניטאָ פּשוט קיין שום ריכטונג וואָס זאָל אָנהאַלטן און ציען ווייטער דעם נאָר־מאַלן שטראָם פון יידישקייט — ניט אין שולן און ניט מחוץ די שולן — אין די היימען און אין דער געזעלשאַפט.

# ראווידאָוויטשעס טעות

דער גרויסער אָפּטימיסט און דער בקיא אין אַלע אוצרות פון יידישקייט שמעון ראַווידאָוויטש האָט אין זיינעם אַן עסיי „עם ההולך ומת" געוואָלט באַווייזן, אַז דאָס יידישע פאָלק גייט מיט אַ נאַרמאַלן גאַנג פון לעבן: די אַלטע אָפּגעלעבטע צווייגן שטאַרבן אָפּ און עס קומען אויף נייע, יִשובים יידישע גייען אונטער און עס קומען אויף נייע. האָט דער רמב"ם בעתן שרייבן זיין פּעסימיסטישן בריוו צו די יידן אין דרום־פראַנקרייך דען געקאָנט זיך גאָר פאָרשטעלן, אַז ערגעץ אין ווייטן, קאַלטן און ווילדן אומבאַקאַנטן צפון, אין דער „טערא אינקאָגניטאַ" (אומבאַקאַנט לאַנד), אַז דאָרטן וועט אַנוואַקסן אַ טיפע און ברייטע יידישקייט, און די דאָרטיקע יידן וועלן ווייטער און ווייטער ציען די קייט פון יידישקייט פון תורה ועבודה? ..

אָבער מען קאָן דאָ ניט לערנען קיין גזרה שווה אויף ווייטער: דער אַלטער „ישוב הולך וישוב בא" איז געווען מעגלעך ווען די ערד איז געווען גרויס, ווען איין מדינה האָט ניט געוווּסט און ניט געוואָלט וויסן וואָס עס טוט זיך אין דער צווייטער. דעמאָלט האָבן יידן אין איין לאַנד געקאָנט לעבן און זיין צופרידן און אין צווייטן — גאָר פאַרקערט. האָבן יידן געקאָנט איבערוואַנדערן פון מערב־אייראָפּע קיין מזרח און שפּעטער האָבן זיי געקאָנט וואַנדערן פאַרקערט — פון מזרח אויף מערב. היינט איז די ערד קליין געוואָרן, די מדינות זיינען געוואָרן נענטער. די טעכניק איז איינע און די מענטשהייט איז נאָך אַלע הריגות וואָס מען הרגעט זיך, פאָרט איינע! און די פּאָליטיק פון די בעלי בתים בנוגע צו יידן איז שוין ניט באַגרעניצט צו יעדער מדינה באַזונדער. דער אַנטיסעמיטיזם איז איצט אַ גלאָבאַלע באַוועגונג, יעדעס פייער קאָן זיך פאַרשפּרייטן אין איין טאָג איבער דער גאַנצער ערד. די יידישע פּראָבלעם איז איצט אַנדערש מיט דעם וואָס זי האָט צו קעמפן קעגן די טענדענצן פון ריין־פיזישן אומברענגען פון יידישע מענטשן און צווייטנס וואָס זי איז אַ וועלט־פּראָבלעם פאַרן יידישן גאַנצן פאָלק!..

צו אָט דער נייער סיטואַציע איז דאָס יידישע פאָלק ניט צוגעגרייט:

1. — יידן ווערן כסדר אַלץ ווייניקער און ווייניקער אַ וועלט־פאָלק, מיר צעשפּאַלטן זיך און צעשיטן זיך, דער מרחק צווישן יידן פון פאַרשיידענע יִשובים ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, יידן פון איין לאַנד דערווייטערן זיך אַלץ מער און אַלץ ווייטער פון די זעלביקע יידן אין אַ צווייט לאַנד. מען קאָן זיך ניט צונויפרעדן און — נאָך ערגער — מען קאָן זיך ניט צונויפפילן גייסטיק.

2. — אין יעדן לאַנד באַזונדער זיינען יידן צעשפּליטערט און צעברעקלט — פּאַרטייען און ריכטונגען. קלייזלעך און קרייזלעך. ניטאָ איין אַלגעמיין געפיל וואָס זאָל צונויפהעפטן די אַלע שפּליטערס אין איין פאָלק. וואָס מער אָרגאַניזאַציעס אַלץ ווייניקער אָרגאַניזירט ווי אַ גאַנץ פאָלק.

3. — אויך די שפּליטערס פון פאָלק — די פאַרשיידענע פּאַרטייען און גרופּעס זיינען ניט קיין היינטצייטיקע. זיי שטאַמען אַלע פון דער פריערדיקער תקופה. היינט לעבן זיי אַלע איבער אַ קריזיס, זיי גייען אונטער, זיי ווערן שוואַכער. מען קאָן זאָגן אַז דאָס יידישע פאָלק צעשיט זיך אויף יחידים יידן. פון די גרעסטע בערג מיט באַזונדערע זעמדלעך קאָן מען ניט בויען קיין בנין; די גרעסטע סכומים מענטשן זיינען נאָך ניט קיין פאָלק.

4. — דער גאַנג פון יידן אין דער וועלט איז צו אַסימילאַציע. אָבער אויך דער וועג איז גאָר ניט קיין קורצער און ניט קיין זיכערער וועג: קיין גרויסע מאַסן אַסימילירט מען ניט. יידן ווערן אויסגעיידישט, זיי פאַרלירן זייער קולטור און זייער פאָלק־געפיל, אָבער פון דעם ביז אמתער אַסימילאַציע איז נאָך גאַנץ ווייט. און... ניט אַלע מאָל קומט פאַר יידן די „אַסימילאַציע־גאולה". מיר האָבן אַ סך מאָל געשריבן אַז יידן ווערן ניט אַסימילירט, נאָר זיי זיינען סופּסעגדירט, ווי וואַסער־דאַמף אין דער אַטמאָספער: קיין וואַסער איז עס טאַקע ניט, אָבער קיין לופט איז עס אויך ניט. ווי נאָר עס ווערט קעלטער אַ ביסל, וואַרפט די אַטמאָספער קודם כל אַרויס אַט די פרעמדע וואַסער־מאָלע־קולן, ווי שטויב אין דער פרעמדער אַטמאָספער... מיט איין וואָרט — פון דרויסן אַלץ שווערער; פון אינעווייניק — אַלץ שוואַכער.

5. — לעצטנס איז קלאָר געוואָרן אַ פאַקט וואָס ווערט ניט גענוג דער־מאָנט: די סטאַטיסטישע פאַרמינערונג פון דער צאָל יידן אויף דער וועלט. מיט אַ צייט צוריק איז דורך אין דער פּרעסע אַ ידיעה אַז די צאָל יידן אין ענגלאַנד איז איצט מיט אַ צען טויזנט קלענער ווי פריער. איצט איז שוין געווען אַ ידיעה אַז די אַלגעמיינע צאָל יידן אין דער וועלט בכלל דערגרייכט ניט קיין 13 מיליאָן ווי מען האָט גערעכנט. אין 19־טן יאָרהונדערט איז געווען אַ פּירפאָ־כיקע פאַרמערונג — פון אַ פיר מיליאָן ביז קנאַפּע 17 מיליאָן ערב היטלער־חורבן. די גאַנצע פאַרמערונג איז געווען דווקא אין דעם שווערסטן גלות, אין מזרח־אייראָפּע, ניט אין מערב־אייראָפּע. עס איז אַ כלל: יידן פאַרמערן זיך נאָר דאָרטן ווו זיי לעבן אין סאָציאַלע קאָלעקטיוון מיט אַ באַזונדערער שפּראַך און קולטור. אין יחידישן גלות פון אורבאַניזם איז ניטאָ קיין נאַטירלעכע פאַרמערונג פון יידן. דאָס זעט מען קלאָר איצט אויך אין אַמעריקע: עס פאַרקלענערט זיך פּאַטאָל דער פּראָצענט אַקטיווע יידן שוין אין צווייטן דור;

עס פֿאַרלירט זיך דער ייִדישער באַוווסטזיין. עס בלייבט מער גאָרניט. עס איז פֿאַרלאָרן אין גאַנצן דער אָפּשטאַם פֿון די ערשטע ייִדן אין אַמעריקע; עס איז שוין אַוועק אין פֿאַרגעסנקייט דער אָפּשטאַם פֿון די דייטשישע ייִדן. איצט גייט אָן דער זעלביקער פּראָצעס פֿון סוספּענסיע פֿון דער מזרח־אייראָפּעיִשער אימיגראַציע. אין קלענערע יישובים קאָן מען שוין איצט ריידן נאָר וועגן רעשטלעך, וועגן שפּורן פֿון ייִדן. אין די געדיכטערע, גרעסערע יישובים געדויערט דער פּראָצעס פֿון אונטערגאַנג לענגער, אָבער ער גייט אָן. דער פּראָצעס פֿון סטאַטיסטישן אונטערגאַנג איז איצט אָן אַלוועלטלעכער.

## און וואָס ווייטער ?

איז טאַקע כלו כל הקצין ? אויס ? אָפּזאָגן „ווידוי״ און וואַרטן אויף דעם סוף ?

— אָ, ניין ! פּונקט פֿאַרקערט ! די וועלט בכלל גייט צו אונדזער לאַגע : מדינות הייַנט זיינען אַ רעשטל פֿון אַמאָל, דאָס ברענגט נאָר צרות. ניט פֿעלקער שלאָגן זיך, נאָר מדינות שלאָגן זיך און ברענגען חורבנות און אַ צאָל און אָן אַ מאָס. פֿעלקער מישן זיך אויס, עס ווערט אַלץ ווייניקער מעגלעך איינצוטיילן זיי אין מדינות. וואָס מער מדינות עס ווערן כסדר, אַלץ מערן זיך די צרות און די הריגות. מדינות האָבן מענטשן אויסגעטראַכט און געשאַפֿן מחמת דעם דראַנג צו הערשן און באַהערשן. פֿעלקער זיינען פֿון דער נאַטור, ווי עס זיינען באַטירלעך די אַנצאַליקע סאָרטן ווייץ, סאָרטן עפּל און אַזוי ווייטער. שוין איצט באַמיען זיך פֿעלקער זיך צונויפֿצובינדן אין גרעסערע קאָנגלאָמעראַטן, אין „סופּער־מדינות״, אַנולירן די גרעניצן, איינהיטן די פֿאָלקישקייט און אַנולירן די מדינות. דאָס איז דער וועג פֿון דער מענטשהייט... עס איז נאָר שווער, וואָס מיר — ייִדן — זיינען געקומען צו דעם די ערשטע, פֿריער פֿאַר אַנדערע פֿעלקער. אָבער זיי וועלן קומען צו אונדז, צו אונדזערע מערכה.

די פֿאָרמול פֿון דער וועלט וועט זיין :

*מאַכן אַ לעבן (עקאָנאָמיש, טעכניש) צוזאַמען און אויסלעבן זיך (קולטור־שטייגעריש) פֿאַר זיך.*

אויב די גרויסע הייפֿיש וועלן, חלילה, ניט איינשלינגען די ייִדישע מדינה, וועט זי זיין פֿון די ערשטע אַריינצולעבן זיך אין אָט דער פֿאָרמול. פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק אין דער וועלט, פֿאַר די מיליאָנען ייִדן אין פֿאַרשיידענע לענדער איז עס אַ פֿראַגע פֿון אויסדויער, פֿון איינהיטן דעם אייגענעם קולטור־פּרצוף. פֿון איינהיטן די געמיינזאַמקייט, די פֿאָלקישע גאַנצקייט און געבונדנקייט. נאָך

מער — יידן וואָלטן געדאַרפט ווייזן דער מענטשהייט דעם וועג. „מיר גייען אין דיינע פּאַדערשטע רייען, שפּאַנענדיקע מענטשהייט" האָט אַמאָל געזונגען אַ יידישער דיכטער (כ'דערמאָן זיך ניט ווער פון זיי), ווען מיר האָבן געגלויבט אַז דורותדיקע וועלף קאָנען אין איין „שמע ישראל" ווערן שאָף. עס מוז דויערן! און יידן וואָלטן בפירוש געקאָנט לערנען דער וועלט! העלפן אַרויס־גיין פון דעם פּלאָנטער.

עס איז אונדז נאָר שווער, ווייל די פסיכיק פון „תולעת יעקב" שטערט אונדז און מיר האָבן נאָך קיין מאָל ניט געלעבט אין אורבאַניזם. ניט געשאַפן קיין אייגענע, אָרגאַנישע, פאַרזיכיקע קולטור אין אַ וועלט פון אורבאַניזם. מיר וועלן אָבער מוזן קומען צו דעם. אַלע פעלקער וועלן מוזן קומען צו דעם! פאַר אונדז איז עס אַ לעבן־פּראָבלעם: אָדער אומקום אָדער פאַרזיכיקייט אין אורבאַניזם. און אַז יידן אין דער וועלט וועלן אומקומען, וועט די מדינה ניט העלפן און זיך ניט האַלטן.

צי איז עס מעגלעך?

צי זיינען פעלקער ניט דאָס וואָס די עקאָנאָמישע באַדינגונגען מאַכן פון זיי? צי איז עס ניט קיין אָנזיניקייט — אָט „דאָס מאַכן אַ לעבן צוזאַמען און אויסלעבן זיך פאַר זיך"? זוכן מוסטערן אין דער געשיכטע לוינט זיך עס ניט. ערשטנס, איז דער אורבאַניזם גאָר ניט אַזוי אַלט, צווייטנס האָבן מיר יידן ווי אַ פאָלק ניט אויסגעהאַלטן קיין יידישקייט אין אורבאַניזם ביז איצט. אָבער דאָך — אויב ניט קיין פולע גלייכונג, איז דאָך אַ שטיקל גלייכונג גע־פין איך יאָ.

## אַראָפּנעמען אַ מוסר פון ווילנע

די איינציקע גרעסערע שטאָט וואָס האָט אין דער פריערדיקער תקופה זיך דערדינט צום טיטול „ירושלים דליטא".. געווען גרעסערע און רייכערע יידישע קיבוצים, עלטערע אפילו. יידיש לעבן איז געווען אומעטום. דער ברע־נענדיקער פלאַם פון חסידישן פאָרן צום רבין איז אין ווילנע גאָר ניט געווען. ווי קומען קאַלטע ליטוואַקעס צו אַזאַ וואַרעמקייט?! און דאָך איז ווילנע געווען ווילנע! און אפילו נאָכן חורבן איז ווילנע די איינציקע שטאָט וואָס האָט זוכה געווען צו אַ מין נאָסטאַלגיע פון אַ „נוסח ווילנע", דאָך האָב איך אין ארץ ישראל געזען אַ „קלויז הגר"א' (ווילנער גאון), איז דאָרטן דאַ איינער אָדער צוויי „ווילנער כאָרן", האָט איצט עטלעכע צוואַנציק יאָר נאָכן חורבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט „ווילנער פנקס", איז

זומער 1968 פֿאַרגעקומען אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון ווילנער יידן. כ׳דערמאָן זיך ניט קיין צווייטע יידישע שטאָט מיט אַזאַ נאָסטאַלגיע, מיט אַזאַ צוגעבונדנקייט פֿון ״געוועזענע ווילנער״. יידישע לומדים, גדולי תורה זיינען אומעטום געווען; גוטע יידן האָבן ניט געפֿעלט אין ערגעץ; יידישע שרייבער, דיכטער, געזעלשאַפֿטלעכע טוער — אומעטום, אין דעם גאַנצן יידישן געביט. מיט וואָס אָבער איז פֿאַרט ווילנע געווען ווילנע? יחסנטע? ירושלים דליטא?! מיר פֿלעגט אַמאָל אויסקומען אַ פּאָר מאָל אין יאָר צו פֿאָרן פֿון ווילנע קיין וואַרשע. אָבער אַלע מאָל פֿלעג איך זיך אין וואַרשע פֿילן ערגער ווי אין ווילנע, עפּעס פֿלעגט זיך מיר אויסדאַכטן אַז אין וואַרשע איז דער גלות שטאַרקער, שווע־רער ווי אין ווילנע. פֿאַרוואָס? איך פֿלעג אויך אין וואַרשע ניט האָבן צו טאָן מיט גויִם, אַלץ נאָר מיט יידן, מיט ״מיינע״ יידן. פֿאַרוואָס פֿלעג איך אין זיי, אין די יידן פֿילן מער דעם גלות ווי אין ווילנע? לאַנגע יאָרן וואָלט מיר געווען שווער צו פֿאַרמולירן די פֿראַגע און צו געפֿינען אַן ענטפֿער. דער ענטפֿער איז פֿאַר מיר אַליין אַ נייער. אָט איז ער:

אין ווילנע האָבן געלעבט צוזאַמען פֿינף פֿעלקער — רוסן, ליטווינער, ווייס־רוסן, פּאָליאַקן און יידן. וואָסער פֿאָלק האָט מער געהערשט? קיינער ניט. די רוסן האָבן זיך באַמיט צו פֿאַרשפּרייטן זייער שפּראַך און קולטור, שטאַרק זיך באַמיט און אַ סך דערגרייכט: איבערהויפּט טאָקע צווישן יידן! אָבער קיין רוסן זיינען אין ווילנע אַחוץ די באַאַמטע דאָך ניט געווען. אין אַ בוך־קולטור קאָן מען זיך ניט אַסימילירן, די פּאָליאַקן זיינען געווען אונטער־דריקט. פֿון אימפּאָנירן איז זיי געווען גאָר ווייט. די ווייס־רוסן און ליטווינער — כמעט דורכויס פּויערים. צו וועמען האָט עס געקאָנט ציען יידן? — פֿאַר־שטייט זיך צו די רוסן. אָבער קיין אַסימילאַציע האָט ניט געקאָנט זיין... זיינען די יידן אין ווילנע געווען אויך פּסיכיש, גייסטיק מער פֿאַרזיכיק, אויב מען האָט אפֿילו גערעדט רוסיש. האָבן יידן־סאָציאַליסטן אַן קיין שום נאַציאָנאַל־יידישע אַמביציעס געמוזט שאַפֿן אַ באַזונדערע יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי — בונד, האָט מען קולטור געדאַרפֿט בכלל פֿראַוועןן באַזונדער. האָבן זיך יידן אין ווילנע געפֿילט ווי גלייכע מיט גלייכע. דערפֿאַר — אַ סך פֿאַרזיכיקער. אַזאַ פֿאַרזיכיקייט האָבן אין אַ וואַרשע געקאָנט פֿאַרמאָגן נאָר די גאָר פֿרומע יידן. זיי זיינען געווען שטאָלץ ניט מיט זייער יידישקייט נאָר מיט זייער גאָט. ווו נאָר מען האָט געקאָנט געפֿינען אַ שטיקל היתר האָט מען זיך ניט גע־שטערט זיך צו אַסימילירן גאָר היפּש. פֿלעגט מען די טעכטער, וואָס זיי זיינען ניט געבונדן מיט דער רעליגיע יאָ אַסימילירן, פּאָלאָניזירן, געהאָדוועט פּוי־לישע ״פּאַנענקעס״ אין שטרענג חסידישע היימען. דערפֿאַר האָט די השכלה אין וואַרשע נאָך גאָר אין אָנהייב פֿון פֿאַריקן 19־טן י״ה געבראַכט פּאָלאָני־

זאָציע מיט דעם ליבן טיפּ פון „פּאַליאַקן פון משהס גלויבן". אין ווילנע איז דאָס פּשוט ניט געווען מעגלעך. דערפאַר האָבן יידן אין ווילנע געבויט יידישע שולן, זיינען זיי געווען ניט קיין פּאַרטייאישטע נאָר בפירוש פאָלקישע, בעת אין קרוין־פּוילן זיינען די יידישע שולן געווען נאָר פּאַרטייאישע. די פרומע יידן האָבן געהאַט אַ שטאַרקן גלויבן, געטריי רעליגיעז, זיי זיינען געווען שטאָלץ און פעסט מיט זייער גאָט. די ליטוואַקעס אָבער האָבן מער „געדופעט" (געטרויט, געגלויבט, זיך פאַרזיכערט. אָן אַלטער ווילנער אויסדרוק. סטוטש־קאָוו 597). און געלעבט פאָלקיש. ניט געהאַט קיין שטאַרקע אַסימיליר־צוציונג.

איך וויל דערמיט ניט זאָגן אַז ליטוואַקעס זיינען געווען אימון קעגן דער קראַנקייט פון אַסימילאַציע. ניין. ווילנער יידן אין אַמעריקאַנער שטעט צייכענען זיך לגמרי ניט אויס מיט זייער פאַרזיכיקער יידישקייט, אַזוי ווי אַלע יידן.. ניט אויסגעקומען צו הערן אַז ווילנער יידן זאָלן אין ניו יאָרק, צי ערגעץ אַנדערשוווּ אויפבויען אַ יידישע אינסטיטוציע. מען יחוסט זיך מיט ווילנע גוט, אָבער דער יחוס פון ווילנע איז געווען ניט סתם דער שלאַסבאַרג אין ווילנע, נאָר די יידישקייט. דעריבער בין איך — אַליין טאַקע אויך אַ שטיקל ווילנער — גאַרניט שטאַרק באַגייסטערט פון דעם „ווילנער פּאַטריאַטיזם". איך זע ניט די ווילנער אין אַמעריקע זאָלן ווי ווילנער האַלטן זיך פעסטער מיט יידישקייט. מען דערציילט אַז ווען ווילנע איז געוואָרן שטאַרקער איינ־געגלידערט אין פּוילן, אין די דרייסיקער יאָרן, האָבן די ליבע ליטוואַקעס מיינע גענומען שטאַרק זיך פּאָלאָניזירן, ווי אומעטום. זיינען די פּוילישע שולן וואָס די רעגירונג האָט געשאַפן פאַר יידישע קינדער (אָפיציעל האָט עס גע־הייסן „פאַר קינדער וואָס יום־טובן שבת. פון דעם דער נאָמען „שאַבעסוווקעס") זיינען געוואָרן פולער, און די יידישע שולן וואָס זיינען אויפגעבויט געוואָרן פריער מיט אַזוי פיל מי, אַנשטרענגונג און קאַמף, די שולן האָבן זיך ביסלעכ־ווייז אויסגעליידיקט. האָבן יידן אין ווילנע, פרומע יידן אפילו גענומען מיט אייניקלעך ריידן פּויליש גאַנץ געשמאַק.

בכן — ווילנע איז געווען ירושלים דליטע כל זמן עס איז ניט געווען קיין צווייטע פּאָליטיש־הערשנדיקע קולטור פון אַ צווייט פאָלק.

לאָמיר פון דעם עפּעס לערנען:

1. — איז דאָס מעגלעך אין גלות אַ פאַרזיכיקע יידישקייט? קאָנען יידן זיך אויסלעבן גייסטיק פאַר זיך אויך אין גלות? — יאָ! זיכער! קאָנען אין גלות אויך זיין ירושלימס וואָס קאָנען אָפּט קאָנקורירן (און אפילו אַריבער־שטייגן!) ירושלים פון ארץ ישראל.

2. — דאָס איז מעגלעך נאָר ווען יידן פילן זיך גלייכע מיט גלייכע ניט קיין אונטערטעניקע צו עפּעס אַ הערשנדיקער קולטור אַ צווייטער.

3. — אַזאַ שטאַלצע פּאַרזיכיקייט איז ביי די פּוילישע יידן געווען בלויז אויף דעם געביט פון רעליגיע. „אוי וויי, אַ קלאָג צו זיי, אַ בלינדן גאָט האָבן זיי"... וכדומה נאָך און נאָך. ביי די ליטוואַקעס איז די שטאָלץ געווען אַ פאָל־קישע ניט בלויז אונדזער גאָט איז גרויס, נאָר יידישקייט בכלל.

און פון דעם איז צו דרינגען:

1. — יידן קאָנען אויך אין גלות פירן אַ פּאַרזיכיק קולטור־לעבן און שאַפן אַן אייגענעם קולטור־שטייגער און בויען אייגענע אַלזייטיקע קולטור. מיט אַנדערע ווערטער — יידן קאָנען אויך אין גלות זיין אַ פאָלק פאַר זיך און ניט בלויז אַ רעליגיעזע סעקטע פון דעם לאַנד־פאָלק.

2. — די פראַגע איז בלויז אַ פּסיכישע: צי יידן פאַרמאָגן אין זיך דעם „גאון יעקב" און וויפל פון דעם זיי טראָגן אין זיך; ווי זיי זיינען באַשיצט פון מיקראָבן פון דעם „תולעת יעקב".

3. — קיין איינציקע פון די שול־סיסטעמען ביי יידן פלאָנצט עס ניט און קיין איין שול קאָן עס ניט געבן. עס איז ניט קיין זאַך אויסצולערנען. עס איז לגמרי ניט אָפּהענגיק פון סכום יידיש וויסן, עס איז אַ פראַגע פון איינגע־לעבטן דרך ארץ צו זיך, צו דער אייגענער פאָלקישקייט אין היימישן שטיי־גער, אין היימישן אויפפיר.

## פאָלקיזם — א פרינציפּ פון קיום

פעלקער זיינען אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער אַנטוויקלונג. אַזוי ווי סאָרטן ביי קולטיווירטע חיות און געוויקסן. אין משך פון אַ סך דורות אַרבעטן זיך אויס באַזונדערע אַנאַטאָמיש־פיזיאָלאָגישע פאַרשיידנקייטן, פאַרשיידענע נאַר־מעס פון פירונגען און רעאַגירונגען. ביי מענטשן קומען נאָך צו — פאַרשיידענע עטנאָגראַפישע שטריכן.

די אַלע באַזונדערקייטן זיינען אינעווייניקסטע, אין גאַנצן ניט אָפּהענגיק פון וויסן אַזוי ווי קיין שום עפּלבוים, אַדער וואַסער עס איז אַנדער געוויקס ווייס ניט פון די פאַרמען און פּראָצעסן וואָס קומען פאַר אין אים, אַזוי ווייס אויך ניט קיין מענטש און קיין פאָלק פון זייערע ספּעציפישע אייגנשאַפטן. אָן באַוווסטזיין, אָן וויסן, אָן פאַרמולירונגען הערשן די שטריכן און זיי אַנט־פּלעקן זיך אין אַלע האַנדלונגען פון מענטשן. אַזוי זיינען פעלקער, אַזוי לעבן

פעלקער, אַזוי דענקען פעלקער. אַזוי איז די פּסיכיק פון פעלקער. דאָס פאָל־קישע איז אין מענטשן, אין די פיזישע און אין די גייסטיקע אייגנשאַפטן, אין אַלץ, אין אויפפיר, אין שפּראַך, אין די איינגעשטעלטע נאָרמען פון שטייגער, אין זיטן, אין פאַלקלאָר, אין גלויבונגען, אין סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, אין די באַגריפן, מינהגים און פאַרוויילונגען. מיט דער צייט ווערן די באַזונ־דערע פאַרזיכיקע נאָרמעס פון אויפפיר טראַדיציעס, די טראַדיציעס ווערן פאַרהייליקט, ווי געטלעכע, עס קומען אויף רעליגיעס. עס קאָן אַ בהמה ניט בייטן איר סאָרט, עס קאָן אַ בוים ניט בייטן די אייגנשאַפטן פון זיינע פּרוכט. אַזוי קאָן אויך אַ מענטש ניט בייטן זיין פאָלק, זיינע איינגעפלאַנצטע פאָלקישע שטריכן און אייגנשאַפטן. יעדער מענטש איז — צי ער וויל צי ער וויל ניט — איינער פון זיין פאָלק. דאָס פאָלקישע איז אין אים שטאַרקער, טיפער, דורותדיקער. דאָס אַלץ איז איראַציאָנעל, עס איז „סמוי מן העין", מען זעט עס ניט און מען קאָן עס ניט וועגן און ניט מעסטן, מען קאָן עס ניט דעפי־נירן און ניט אָנרופן מיט אַ נאָמען.

שפּעטער ווען עס קומט דער אינדיווידועלער באַוווסטזיין ביי אַ מענטשן, געפינט ער דאָס אַלץ שוין אין מענטשן פון פריער. ער האָט עס שוין. דער מענטש איז אַ קינד פון זיין פאָלק, איידער ער האָט עפּעס געלערנט, איידער ער האָט אויסגעדריקט זיין ווילן און זיין צושטימונג צו דעם אַלעם.

נאָך פריער קומט דער פאָלקישער באַוווסטזיין, פאַר דעם אינדיווידועלן.

דאָ קאָנען זיך אָנהייבן קאָנפליקטן צווישן דעם אינדיווידועלן און דעם פאָלקישן, צווישן די פּערזענלעכע און די קאָלעקטיווע. די קאָנפליקטן זיינען שטאַרקער ביי די יחידים וואָס לעבן אין נאָענטער שכנהשאַפט מיט מענטשן פון אַנדערע קאָלעקטיוון. די קאָנפליקטן קאָנען אַנולירן, קאָנען צעשטערן אַלע איינגעשטעלטע נאָרמעס, אַלע אָנגענומענע פאָרמען. ערגער איז וואָס זיי קאָ־נען צעשטערן די גאַנצע פּסיכיק אין מענטשן.

די גאַנצע שעפערישקייט, די גאַנצע קולטור וואָס מענטשן שאַפן איז קיין מאָל ניט פּריוואַט, אין גאַנצן אינדיווידועל. אַ מענטש שאַפט מיט דעם כוח פון דעם איראַציאָנאַלן פאָלקישן וואָס אין אים. אַלע גרויסע שאַפונגען אויף אַלע געביטן פון קונסטן — אין אַלץ אַנטפּלעקט זיך קודם כל דאָס פאָלקישע. דאָס אוניווערסאַלע, דאָס אַלמענטשלעכע פאַרמאָגט אין זיך אָט די אַלע עלע־מענטן: עס איז אינדיווידועל. פּריוואַט, עס איז פאָלקיש און עס איז אַלמענטש־לעך. אַלע שאַפונגען פון לייוויקן, למשל, זיינען אין דער זעלביקער צייט דורכויס יידיש, און דורך דעם זיינען זיי אויך אוניווערסאַל.

כדי צו זיין שעפעריש דאַרף אַ מענטש פאַרמאָגן ניט בלויז אַן אייגענעם פּערזענלעכן טאַלאַנט, נאָר ער דאַרף צו זיין אייגענעם טאַלאַנט נאָך פאַרמאָגן

די פאָלקישע, די נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן פון זיין פאָלק. שווער מיר צו זאָגן וואָס עס דאַרף זיין די פּראַפּאָרץ צווישן דעם פּערזענלעכן און דעם פאָלקישן, אָבער עס איז פאַר מיר קלאָר, אַז מענטשן מיט אַן אייגענעם טאַלאַנט, אָבער מיט אַ קנאַפּן פאָלקישן אינהאַלט קאָנען לאַנג ניט שאַפן. זיי שעפּן זיך גאָר גיך אויס, זיי בלייבן באַלד אַנפּרוכטיק. אַט דאָס פאָלקיש־איראַציאָנעלע איז ניט קיין זאַך וואָס מען קאָן אויסלערנען, וואָס מען קאָן קריגן פון לערער און פון ביכער, עס קומט ניט דורך דער פאַרמיטלונג פון ווערטער. עס ווירקט די־רעקט פון לעבן, פון דעם טאָג־טעגלעכן שטייגער און עס רופט אַרויס ווידער אַסאָציאַציעס. די דאַרפן ערשט געבראַכט ווערן צום באַוווסטזיין, פאָרמולירט ווערן. דאָ קאָן ווירקן דער פּערזענלעכער טאַלאַנט און פּערזענלעכע קולטור און וויסן.

אין יעדן ווערק פון יעדן קינסטלער און וויסנשאַפטלער קאָן מען דער־קענען דאָס פאָלקישע און דאָס אינדיווידועלע. אַן פּערזענלעכן טאַלאַנט בלייבט דאָס פאָלקישע שטום, עס איז ווי קינדער ניט קיין געבאָרענע. אָדער עס דער־גייט ביז דער מדרגה פון פאָלקלאָר.

אַן דעם פאָלקישן אינהאַלט האָט קיין שום גאון ניט וואָס און פון וואָס צו שאַפן.

נאָרמאַל, ביי אַ געזונט פאָלק ווערט דאָס פאָלקישע אַזוי אָרגאַניש פאַר־דייט אין די יחידים, אַז ביידע עלעמענטן קומען ווי איין אָרגאַניש גאַנצע איינהייט: דאָס אָרגאַניש פאָלקישע איבערגעאַרבעט לויטן געמיט, גייסט, באַ־גריפן־וועלט פון יחיד; דאָס יחידישע (אויב אַזאַ קאָן זיין) אין פורעמס פאָלקישע.

און אָט דאָ הייבט זיך אָן די טראַגעדיע פון יידישן פאָלק אין אורבאַניזם: עס וואַקסן דורות אָן דעם פאָלקישן באַזיס. ניטאָ קיין שעפערישקייט. אַ העלפט פון יידישן פאָלק לעבט אין די אַמעריקעס, גרויסע צאָלן לערנען אין יידישע שולן. פאַראַן יידישע הויכשולן, — און עס איז ניט אויפגעקומען קיין יידישער שרייבער, קיין דיכטער, קיין קינסטלער. אפילו די ספּעציפיש יידישע וויסנ־שאַפט איז אויך ניט קיין יידישע וויסנשאַפט, נאָר אַ וויסנשאַפט וועגן יידישקייט.

אַ ווייטער מרחק צווישן די צוויי באַגריפן: יידישע וויסנשאַפט מיינט באַנעמען די גאַנצע וועלט אין פאָרמען און לויט די דרכים פון יידישן גייסט און טראַדיציעס; וויסנשאַפט וועגן יידישקייט מיינט אָפּהאַנדלונגען וועגן ספּע־ציעלע שאַפונגען פון יידן און וועגן ספּעציפישן יידישן לעבן. וויסנשאַפט וועגן יידן איז אַ טייל פון לאַנד־קולטור, ניט קיין יידישע קולטור. די יידישע שולן קאָ־נען אויסלערנען, אָבער זיי זיינען ווייט ניט פעיִק צו דערציִען. זיי קאָנען געבן דאָס פאָרמולירטע, דאָס געשאַפענע, די יידישקייט שבכתב קאָנען זיי געבן,

אָבער ניט אין דעם ליגט די נשמה פון אַ פאָלק. זי ליגט אין דעם איראַציאָ־נעלן פאָלקישן, אומדעפינירטן און ניט אַרויסגעזאָגטן גייסט, אין דער יידיש־קייט וואָס איז בעל פה, נאָך ריכטיקער — אין דער יידישקייט שבשטייגער. די בעסטע זאַמען פון די שענסטע בלומען פון די זאַפטיקסטע פרוכטן, וואָס זיינען פאַרזייט געוואָרן אויף אַ שטיינערנעם אויסגעטריקנטן באָדן, קאָנען ניט אַרויס־שפּראָצן אָדער זיי שטאַרבן באַלד אָפּ. ווער קאָן גאָר אָפּשאַצן וויפל שעפע־רישע מענטשן מיר האָבן פאַרלוירן אין דעם אורבאַניזם. דער עיקר — מיר האָבן ביז היינט ניט אין אַמעריקע קיין שעפערישע יידן. און דאָס דערפאַר ווייל דאָס יידישע מאַסיווע לעבן האָט ניט קיין באָדן, קיין אייגענע יידישע אַטמאָספער. ניטאָ דער קוואַל פון וואַנען יונגע מענטשן זאָלן זיך אָנזעטיקן מיט פאָלקישקייט. דאָס איז די טראַגישע סיטואַציע. צי קאָן מען אַרויס פון איר? יאָ! זיכער! אַנדערע אויסער אונדז, און שטאַרקערע פון אונדז קעמפן פאַר דער מעגלעכקייט, צו בויען אין אַמעריקע פרייע היימען פאַר אַלע נאַ־ציעס, פאַר זיך, אַמעריקע זאָל זיין ניט קיין שמעלצטאָפּ, נאָר אַ „נאַציע פון נאַציעס". הלוואי זאָלן מיר יידן ניט פאַרשפּעטיקן...

כדי בולטער צו מאַכן דעם כוח פון שעפערישער פאָלקישקייט, וועל איך דאָ דערמאָנען עטלעכע באַוועגונגען ביי יידן. די חסידישע באַוועגונג אין 18־טן י"ה און די מוסר־באַוועגונג אין 19־טן י"ה.

דער גרינדער אָדער באַגרינדער פון מוסר־באַוועגונג ר' ישראל סאַלאַנ־טער איז זיכער געשטאַנען פּערזענלעך העכער פון דעם גרינדער אָדער באַגרינ־דער פון חסידישער באַוועגונג, ר' ישראל בעל שם טוב. ר' ישראל סאַלאַנטער האָט זיכער געהאַט מער תורה, מער וויסן, מער כוח הסברה, מער פּערזענלעכע השפּעה איידער דער בעש"ט.

און פון דעסט וועגן איז חסידות אויסגעוואַקסן אין פאָלק צו אַ גרויסער און דויערנדיקער מעכטיקער באַוועגונג לדורות; האָט געהאַט און הערט ניט אויף צו האָבן ענדערונגען, פאַרוואַנדלונגען, אַריינדרינגען אין וועלטלעכער קונסט אויך, אין פילאָסאָפיע. און מוסר־באַוועגונג, וואָס האָט לכתחילה געהאַט אַ השפּעה, אַרויסגערופן מסירת נפש, געוואָרן אַ שיטה אין יידישער רעליגי־עזער קולטור. און דאָך, דאָך האָט זיך די מוסר־באַוועגונג ניט צעוואַקסן און זיך גיך אויסגעלאָשן.

דאָס איז דערפאַר וואָס חסידות האָט זיך געווענדט און זיך פאַרפעסטיקט אין פאָלקישן מאַסיוו, און האָט דעם פאָלקישן מאַסיוו דערהויבן. אַל דאָס פאָל־קישע איז הייליק, איז געטלעך. איז דאָס טאַנצן, זינגען און אפילו אַ „לחיים" — אַלץ איז לשם שמים. אַ ריקודל און אַ ניגונדל זיינען ניט ווייניקער קדושה

ווי אַ בלאַט גמרא, ווי די טיפסטע חריפות. דער מוסר אָבער האָט זיך באַמיט, אַז זיינע אַדעפּטן זאָלן זיך אַרויסהייבן העכער פון פאָלק, איבער דעם פאָלק. חסידיזם האָט געהאַט אין זינען דאָס פאָלק, מוסר — דעם יחיד. דער ייד איז אין חסידות אַ שטיק תורה, און אַז עס קלייבן זיך צונויף יידן, קלייבן זיך צונויף די פונקען פון יעדן יידן און עס ווערט אַ גרויסער פלאַם. מוסר אָבער איז געבליבן ביי יחידים, און איז געבליבן ווייט און הויך איבער דעם פאָלקישן מאַסיוו. איז מוסר אויסגעגאַנגען ווי עס גייט אויס אַ ליכט.

נאָך ערגער איז עס געווען מיט דער השכלה. אוודאי זיינען בראש פון דער באַוועגונג געשטאַנען מענטשן ניט אין פאַרגלייך העכערע ווי די אין חסידיזם. אָפּגעקערט זיך פון פאָלקישן מאַסיוו, האָט די גאַנצע באַוועגונג גע־פירט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג פון פאָלק ניט צום פאָלק. האָט די השכלה געהאָלפן אַנולירן דאָס יידישע פאָלק.

איך וועל זיך דערלויבן איבערחזרן דאָ אַ גרויסן כלל אין לעבן פון יידישן פאָלק. דער יסוד פון לעבן איז אַן באַוווסטזיין. דער באַוווסטזיין איז בלויז אַן אויפבוי אויף דעם אַנבאַוווסטזיין. זיין שעפערישער כוח איז פול און אומגעשטערט גאַנץ.

גליקלעך איז אַ קאָלעקטיוו, אַ פאָלק, וואָס זיין אינטעליגענץ שטימט אָרגאַניש, אידעיִש מיט דעם עם ארצישן פאָלקישן מאַסיוו. דער שעפערישער כוח פון אַזאַ פאָלק איז אָרגאַניש גאַנץ און אומגעשטערט פול.

איך באַוווּנדער אונדזערע חז״ל ווי קלאָר און ווי טיף זיי האָבן געהיט אָט דעם כלל אין זייער דורותדיקן שאַפן די אייביקייט פון יידישן פאָלק. וויפל אהבת ישראל, וויפל אמונת ישראל זיי האָבן געדאַרפט פאַרמאָגן; וויפל מוט און דרייסטקייט עס ליגט אין שליסן די תנכישע ליטעראַטור, דערפאַר ווייל זי איז אין די לעצטע ספרים געוואָרן צו אינדיווידואַליסטיש, צו ווייט פון פאָל־קישקייט. איז נאָר פיר און צוואַנציק ספרים און מער ניט! וויפל כוח און מוט איז עס פאַראַן אין א קורצן זאַץ, אַז ״אויב עס וועט קומען אליהו הנביא ער דאַרף דאָך ברענגען משיחן און די גאַנצע גאולה, ער דאַרף דאָך פאַר־ענטפערן אַלע קשיות און אַלע אבעיות, ער דאַרף דאָך אויפקלערן אַלע אומ־קלאָרקייטן, און ער, אליהו, וועט זאָגן אַז דער דין איז אַנדערש עפּעס, וועט מען אים ניט פאָלגן, ווייל דאָס פאָלק פירט שוין דעם דין אַנדערש (יבמות קב׳א׳). דער מינהג פון פאָלק איז העכער אפילו פון דער אויטאָריטעט פון אליהו. און דער כלל ״גיי און זע ווי דאָס פאָלק פירט זיך״ (ברכות מה׳ א׳) איז אַ כלל ניט אויף איין מאָל נאָר אויף שטענדיק! די חז״ל זיינען, חלילה, ניט געווען קיין קעגנערס פון לשון הקודש, אָבער די תורה האָבן זיי געשאַפן

אין לשון פון פאָלק. אין אָט דעם „פאָלקיזם" פון די חז"ל איז געווען די איי־ביקייט פון יידישקייט.

אַ כלל: פאָלק, איטלעך פאָלק האָט אַ נשמה, זיין פאָלקישע נשמה, ניט צו דעפינירן און זי אָגרופן מיט אַ נאָמען. זי איז ניט קיין פּראָדוקט פון די פאָלקישע שאַפונגען. זי איז דער שעפערישער גייסט וואָס שאַפט די שאַפונ־גען, די פּראָדוקטן. זוכט ניט, שאַצט ניט די גרויסע קולטור־ווערטן וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט געשאַפן, דיקטירט ניט דעם פאָלק אייערע פאַרלאַנגען און אידעאַלן; העלפט, אויב איר קאָנט, דעם פאָלק צו שאַפן אין זיין גייסט, לויט ווי עס דיקטירט אים זיין נשמה. זייט איר שעפעריש, טאָ גייט צום פאָלק שעפן פון זיינע פאַרבאָרגענע אוצרות, וואָס ניט שייך זיי אויסצושעפן (כל זמן דאָס פאָלק לעבט) און פורעמט פון דעם. באַמיט זיך ניט אַריינצוברענגען אין דעם פאָלק עפּעס פרעמדס. אויף אַ פאָלקישן מזבח טאָר מען ניט ברענגען קיין פרעמד פייער. די יידישע נביאים האָבן אַלע געקעמפט קעגן „דיגען פרעמ־דע געטער", קעגן ברענגען אין יידישקייט אַריין עלעמענטן פון פרעמדע קול־טורן, געבוירענע און געשאַפענע דורך נשמות פון פרעמדע פעלקער.

אמתע דעמאָקראַטיע מיינט גאָר ניט ציילן די שטימען וואָס האָבן צו־פעליק היינט געשטימט פאַר דעם און מאָרגן וועלן זיי שטימען פאַר אַ צווייטן פעיִקערן דעמאַגאָג. אמתע דעמאָקראַטיע מיינט לעבן און שאַפן אין גייסט פון פאָלקס באַגריפן, שטייגער און עמאָציעס. אין דעם איז דער גאָט פון פאָלק.

## שטאָט און שטעטל

דאָ מוז איך מאַכן אַ שטיקל אָפּנייג אָן אַ זייט, עפּעס צוגעבן: דער יחוס פון ווילנע איז על פּי רוב געקומען ניט פון געבוירענע ווילנער יידן, נאָר פון די געוואָרענע ווילנער. פון די יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך דערדינט צו אַ נאָמען ביי יידן זיינען די גרעסטע מערהייט געקומען פון שטעטלעך קיין ווילנע, זייער קינדהייט לכל הפחות האָבן זיי פאַרבראַכט ערגעץ אין די שטעטלעך. גאָר זעלטן איז עס אַ געבוירענער אין ווילנע. אפילו דער ווילנער גאון איז דאָך געווען אַ געקומענער קיין ווילנע, ניט קיין געבוירענער אין ווילנע. נמצא, אַז די קליינע שטעטלעך האָבן באַשאַפן פאַר ווילנע איר יידישן נאָמען, זיי האָבן פון ווילנע געמאַכט „ירושלים דליטע". עס שרייבט מיר אַ ייד וואָס פאַרנעמט אַ צענטראַלע פּאָזיציע אין יידישן קולטור־לעבן ווייט אי־בער זיין שטאָט: „מ'שטיינס געזאָגט מיין יידיש וויסן, אַז בסך הכל — אַ ישובניק, ביי אַ טאַטן אַ מילנער אין אַ דאָרף. נאָך דעם — גימנאַזיע, אוניווער־

סיטעט און ווייטער״... און אזא ביאָגראַפיע איז מער שכיח, אָפטער, איידער אַ יידישער שרייבער, רב, געלערנטער, טוער וואָס זאָל לכתחילה שטאַמען פון אַ גרעסערער שטאָט, פון ווילנע. ווו זשע ליגט דער סוד פון דעם עמאַציאַנעלן „גאון יעקב״, וואָס ער קאָן זיין גובר די פסיכיק פון „תולעת יעקב״? נאָך ברייטער לאָמיר נעמען די פראַגע: מען האָט אין דער יידישער וועלט אַ סך טענות צו דער יידישער יוגנט אין מדינת ישראל. און די טענות זיינען באַרעכטיקטע! און אין דער פרעסע און אין דער ליטעראַטור רייסן זיך דורך טענות פון יונגע יידן קעגן דער גאַנצער סיסטעם פון דערציִונג אין דער מדינה. ווידער אַמאָל זיינען דאָס גערעכטע טענות.

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט די יוגנט אין ארץ ישראל די לעצטע צוואַנציק יאָר באַוויזן דאָך ממש ניסים ונפלאות. ווי קומט עס? ווי פּאָרט זיך דאָס? ווי פּאַלן צונויף די צוויי ווייטע עקסטרעמען?

איך בין ניט חושד קיין איין פרומען יידן, אַז ער זאָל גלייבן — די ניסים פאַלן אַראָפּ פון הימל, זיי זיינען מעשי ידיו פון רבונו של עולם דירעקט. איך בין זיכער אַז אַלע באמת פרומע, רעליגיעזע יידן וועלן מסכים זיין מיט מיר: ניסים — זיכער זיינען דאָס ניסים! ורבים ביד מעטים! זיכער איז עס פון גאָט. מער ניט — איין קאָרעקטיוו: דאָס איז די געטלעכקייט וואָס לעבט אין מענטשנס נשמה. ניט פון אַ פרעמדן און ווייטן הימלשן גאָט, וואָס באַשענקט מיט נצחונות פאַר לייגן תפילין, פאַר קאַפּיטלעך תהלים וכדומה. נאָר די נצחונות — די אַמאַליקע ווי די היינטיקע, די פאַרצייטיקע און איצטיקע און די וואָס וועלן נאָך זיכער קומען אויב מיר וועלן זוכה זיין — זיי זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער יידישער שכינה אין די נשמות פון יידישער יוגנט. עס איז דער אלוהי אברהם, יצחק ויעקב און דער אלוהי משהלעך, שלמהלעך, עמינדב, שמואל און אַזוי ווייטער. דאָס איז ניט דער גלויבן אין אַן אַבסטראַקטן גאָט, וואָס האָט ניט קיין שייכות צום פאָלק, וואָס איז אין גאַנצן אומאָפּהענגיק פון מענטשן ווי עס איז דער גאָט און דער גלויבן פון די אַנדערע פעלקער. עס איז די אמונת ישראל — דער גלויבן אין געטלעכער יידישקייט. עס איז די געטרייקייט צום יידישן פאָלק, צו יידישקייט; עס איז ניט קיין יידיש־רעליגיעזע בראָדעווקע צוגעקלעפּט צו אַ מענטשן וואָס איז מחוץ דער רעליגיע אין גאַנצן גויִיש, עס איז אפילו ניט קיין יידישע תפילין אַנגעטאָן אויף אַ גויִישן קאָפּ. — עס איז די געטרייקייט, די איבערגעגעבנקייט צו יידישקייט, וואָס מען איז אין איר איינגעלעבט פון קינדהייט אָן. דאָס איז דער גאָט פון די ניסים אין ארץ ישראל, דאָס איז דער געטרייער גייסט פון יידן אין די גלותן.

אמת. איך האָב געשריבן „אמונת ישראל״. אמונה מיינט ניט סתם גלויבן

צו יידישקייט, צו פאָלקישקייט. און אָט דער „ישראל" איז פאַר די סאָבורעס אין קרעדאָס. אמונה מיינט געטרייקייט. און אמונת ישראל מיינט געטרייקייט אין ארץ ישראל גאָר אַן אַנדערע ניט דער ישראל וואָס פאַר מיר, פאַר די אַלע וואָס לייענען יידיש. אָט דאָ ליגט די טראַגעדיע, וואָס די טרוימער און בויער פון דער מדינה האָבן געטרוימט ניט קיין נאַטירלעכן המשך פון דער יידישקייט וואָס איז אויסגעוואַקסן אין די גלותן, נאָר זיי האָבן אויסגעחלומט אַ המשך פון דער פאַרצייטיקער יידישקייט. איז זייער טראַגישער אידעאַל פון אַ נייעם כלומרשט תנכישן ישראל איז יאָ מקוים געוואָרן. אויף דער העלפט זיכער: עס איז אַ צווייטער, ניט דער המשך, נאָר אַן אַנדער „ישראל". און אָט דער „ישראל" האָט עס אַרויסגערופן אין די הערצער פון די מלחמה־פירנדיקע סאָבורעס די „אמונה" וואָס זי האָט געשאַפן די אַלע ניסים ונפלאות. זיינען די גראַנדיעזע ניסים — ניסים. די נצחונות פון די „רבים ביד מעטים" איז מקוים געוואָרן טאַקע בשם ישראל און די טענות זיינען געבליבן גערעכטע און במקומם עומדות.

## שיבת ציון און שיבת ישראל

לאָז איך דאָ אָן אַ זייט די גאַנצע פּראָבלעם פון „תשובה" — פון אומקערן זיך, וואָס מדינת ישראל מוז און וועט אויפטאָן, די „שיבת ישראל". „שיבת ציון" איז איצט דער ערשטער אַקט פון דער גרויסער דראַמע, שיבת ישראל, — אומקערן זיך צו אַקטועלער, גלותדיקער יידישקייט דאָס דאַרף זיין דער צווייטער אַקט פון דער גרויסער דראַמע פון „בית שלישי". און דער פּראָצעס פון דעם אַקט האָט זיך שוין אָנגעהויבן. דורך טעותים, פעלערן, אָבער ער איז שוין דאָ. ערשט דעמאָלט וועט עס זיין באמת „מדינת ישראל" די לעבעדיקע מדינה פון דעם לעבעדיקן יידישן פאָלק, און ניט כלומרשט „נייע" ישראל, וואָס זאָל זיין אַן אויסגעחלומטער המשך פון תנכישן און וואָס איז אין דער אמתן גאָר אַ פּראָדוקט פון אויטאָאַסימילאַציע פלוס אַלערליי פרעמדע און זייטיקע השפעות...

די גאולת ישראל לויט דער טראַדיציע קומט דאָך אויך אין צוויי אַקטן: משיח בן יוסף און משיח בן דוד. זעען מיר עס אין געשטאַלט פון די צוויי תשובות: שיבת ציון און שיבת ישראל. דאָס וועט קאָנען זיין נאָר ווען עס וועט דער „עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות", ווען די יידישע יישובים אין אַלע לענדער, וועלן אין זייער שטייגער זיין פאַרזיכיק יידיש, פאָלקיש, ניט בלויז און ניט דווקא רעליגיעז־יידיש.

קערן מיר זיך איצט צוריק אום צום פריערדיקן געדאַנק:

## אלוועלטלעכע אינטעגראלע יידישקייט

יאָ, עס איז מעגלעך אין אורבאַניזם אַ פאַרזיכיקע יידישקייט אין אַלע לענדער, אויך אין די „פרייע" גלותן. ווי עס איז געווען מעגלעך אַ „ירושלים דליטע" אַזוי זיינען מעגלעך אַז אַלע יידישע ייִשובים אין דער וועלט זאָלן ווערן אויך אַזוינע „ירושלימס".

דער כוח דאָס צו דערגרייכן, צו קומען צו דעם ליגט אין דעם „מאָנאָ־קולטורעלן" לעבן, דורכויס יידיש, ווי דאָס איז געווען אין די שטעטלעך, וואָס זיי האָבן משפיע געווען זייער „ירושלימדיקייט" אויך אויף ווילנע... מעגלעך אין עס, אָבער ביי איין תנאי: אין ווילנע, אין די שטעטלעך איז די דורכוי־סיקע יידישקייט, דער מאָנאָקולטוריזם געווען במילא, ניט געווען קיין פרעמדע שטאַרקע אַסימילירנדיקע השפעה, ווי מיר האָבן דאָס פריער דערקלערט. יידן האָבן ניט געדאַרפט זיך אָנשטרענגען זיך צו פאַרהיטן פון פרעמדע אַסימי־לירנדיקע השפעות. עס איז ניט נויטיק געווען קיין שטאַרקער, באַוווסטזיני־קער נאַציאָנאַלער ווילן „אהיה אשר אהיה". מיר זיינען וואָס מיר זיינען! אין אורבאַניזם איז דערצו נויטיק אַ שטאַרקער ווילן, אַ שטאַלצע פאָלקישע פאַר־זיכיקייט, אַ יידיש־פאָלקישע געטרייקייט. דאָס רופן מיר „אמונת ישראל" אָפּ־צושיידן פון „אמונת הבורא", וואָס אונדזערע רעליגיעזע האַלטן זיך דערביי, ווייל זיי באַנעמען יידישע רעליגיע לויט די באַגריפן פון אַנדערע פעלקער: רעליגיע איז ביי זיי באַזונדער און פאָלקישקייט ווידער באַזונדער. בעת ביי יידן איז עס תמיד געווען און עס דאַרף ווייטער זיין „גאָר די יידישקייט אין אונדזער רעליגיע". היינט, אין אורבאַניזם דיקטירט ניט דער שולחן ערוך קיין געטרייע יידישקייט, נאָר דער ניט־פאַרשריבענער, ניט־פיקסירטער שטעטלשער שטייגער. דערפאַר זאָג איך, אַז אונדזערע היינטיקע רעליגיעזע זיינען ניט בעסער פון די פאַרצייטיקע „צדוקים", וואָס ווילן ניט אָנערקענען די יידישע פאָלקישקייט, זיי — אונדזערע רעליגיעזע — זיינען געטרייע דינער פון יידישן גאָט, אָבער ווייט ניט פון יידישן פאָלק... אין אורבאַניזם, אין דעמאָקראַטיעס אי־בערהויפּט, און אויך אין אַנדערע לענדער הענגט אָפּ דער גלות בראש ורא־שונה, קודם כל — פון דער „אמונת ישראל", ווי מיר האָבן זי דאָ דעפינירט. לאָמיר דאָ צוגעבן, אַז אָן אָט דער „אמונת ישראל" איז אויך די גאַנצע מדינת ישראל מיט אַלע אירע ניסימדיקע אויפטוען, מיט אַלע גרויסע קרבנות וואָס דאָס פאָלק האָט מקריב געווען און האַלט ווייטער אין כסדרדיקן מקריב זיין — אויך די מדינה איז אָן דער „יידישקייט־אמונה" לגמרי ניט באַוואָרנט פון אַסימילאַציע, פון אויסיִדישונג.

א. גאָלאָמב

# מאָטקע כאַבאַדס א מעשה

ניט נאָר היינט זיינען מיר אַזוי אָפּהענגיק פון דער שטאַרקער אמונת ישראל. דורכן גאַנצן גלות האָבן יידן ניט געשאַפן קיין פּאַרזיכיק ווינקל דער־פאַר וואָס עס האָט געפעלט אָט די פאָלקישע אמונה, ווי מיר האָבן דאָס פריער געזען, היינט הענגט דער גורל פון יידישן פאָלק אין דער וועלט — און אין דער מדינה ניט ווייניקער — פון אָט דער געטרייער פאָלקישקייט, פון דער גע־טרייקייט צו דער פאָלקישקייט, איך וואָלט געזאָגט רעליגיעזער געטרייקייט צו שטייגערישער יידישקייט. פרעגט זיך אָבער — ווי פלאַנצט מען אין לע־בעדיקע יידן אָט אַזאַ געטרייקייט ? אָט די אמונת ישראל ? ווי דערגרייכט מען דאָס ? צי איז עס ניט די מעשה מיט מאָטקע כאַבאַדס וויץ. לאָמיר אים דערציילן : דער באַרימטער ווילנער יידישער לץ מאָטקע כאַבאַד קומט איין מאָל צום גביר און שטאָט־באַלעבאָס ר׳ יודל אָפּאָטאָוו און זאָגט אים זיין שטענדיקן פזמון „ר׳ יודל, איך האָב ניט אויף שבת...

ווערט דער גביר ברוגז : ווי לאַנג, מאָטקע, וועסטו גיין צו מיר ? גיי צו אַנדערע. איך גיב ניט, סיידן וועסט אַראָפּציען די לבנה.

— אָך, מיטן גרעסטן כבוד וועל איך עס טאָן פאַר אייך, ר׳ יודל. נאָר איר זאָלט מיר העלפן. — ווי אַזוי, מאָטקע ? פרעגט שוין דער גביר, וואָס האָט טאָקע שטאַרק ליב געהאַט מאָטקעס וויצן — גאָר פשוט, — ענטפערט מאָט־קע — אָט שטייט דאָ די קאָטשערע, זייט זשע אַזוי גוט און איר וועט נאָר פאַרטשעפּן מיט דער קאָטשערע דעם האָרן פון דער יונגער לבנה. ווי נאָר איר פאַרטשעפּעט זי, וועל איך שוין טאָקע מיט דער קאָטשערע אַראָפּציען, ווי איר ווילט...

איז עס ניט ביי אונדז דאָ אויך דען ניט די פראַגע ווי כאַפּט מען אָן מיט דער קאָטשערע די לבנה ? ווי מאַכט מען יידן זאָלן גלייבן אמונת ישראל ? אַז יידן זאָלן פאַרוואָרפן די פסיכיק פון „תולעת יעקב״ און זיך אָננעמען מיט דער פסיכיק פון „גאון יעקב״ ? סיטואַציעס אַרום דעם מענטשן, אַרום אַ גרופּע, אַרום דעם פאָלק קאָנען זיך בייטן ניט אָן פאַרגלייך גרינגער, גיכער ווי אינעווייניקסטע, פסיכישע אייגנשאַפטן. די גרויסע אומגלייבלעכע ניסים אין דער מדינת ישראל מיט אירע מלחמות זיינען טאַקע אַ תולדה פון אָט דער געענדערטער פסיכיק, פון דער אמונת ישראל ווי מיר האָבן פריער דעפינירט. אָבער דער „ישראל״ איז אַן אַנדערער, ניט דער „עם ישראל״. די יונגע סאַב־רעס האָבן דעם „עם ישראל״ גאָר ניט ליב, זיי גלייבן ניט אין אים, זיי פאַר־האַסן אים דעם „גלותי״ (לייען גאָלוטי), און זיי האָבן טאַקע ניט קיין געפיל און ניט קיין אָנונג וועגן דעם עם ישראל הגלותי (לייען האַגאָלוטי). ווי קומט

מען אָבער צו דעם אַז דאָס פאָלק אין גלות זאָל נעמען גלייבן אין דעם גלות־פאָלק מיט זיין גבורה גובר צו זיין די גלותן און זיך אָנגורטן מיט דעם גאון יעקב ? אָט דאָ ליגט די פראַגע. און זי איז ניט גרינגער פון מאַטקעס פּראָ־בלעם. מאַטקע כאַבאַד האָט ניט וויסנדיק געשטעלט אַרכימידעסעס פּראָבלעם: ער קאָן מיט אַ הייבער אויפהייבן די ערד, ער דאַרף נאָר האָבן אַ פּונקט אָנצושפּאַרן דעם הייבער. און ניט ווייניקער שווער איז די פראַגע ווי שטעקט מען אָן דאָס פאָלק ישראל אין דער וועלט מיט דעם כוח פון אמונת ישראל ? מיר ווייסן גאָרניט און מיר קאָנען ניט פאָרויס וויסן וואָס עס וועט זיין מיט דער מענטשהייט, מיט דער וועלט און — נאָך ווייניקער קאָן מען זיין וויסיק, קאָן מען פאָרויסזאָגן וואָס עס וועט זיין מיט דער יידישער מדינה אין דעם גרויסן ים פון שינאה און בלוטדורשטיקייט. און דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט מוז געפינען אייגענע כוחות אין זיך צו קאָנען עקזיסטירן און ניט דער־טרונקען ווערן אין דעם אייגן בלוט, וואָס אַנדערע שאַרפן שוין באַצייטנס די מעסערס צו זיין גרייט צו דער הייליקער אַרבעט, וואָס איז אויף אַ צייט איבער־געהאַקט געוואָרן...

פון דעם פריער געבראַכטן מוסטער פון ווילנע איז קלאָר צו זען אַז יידן קאָנען אין גלות אויך זיין שעפעריש פאָרזיכיק. דערצו איז נויטיק עס זאָל ניט זיין קיין הערשנדיקע צווייטע קולטור. אומעטום וווּ יידן זיינען אויס־געשטעלט קעגן אַ צווייטער הערשנדיקער קולטור, האָבן יידן ניט איינגעהיט זייער פאַרזיכיקע שעפערישקייט. אַזוי ווי דאָס איז געווען אין ווילנע ווען צווישן די עטלעכע פעלקער איז ניט געווען קיין איינער וואָס זאָל הערשן איבער די אַנדערע. ביי היינטיקן טאָג איז מער ניטאָ אַזאַ סיטואַציע פאַר יידן אין קיין איין גלות.

אָבער די וועלט גייט צו דעם. אַ טראַגישער וועג פול מיט צרות און מיט אומגליק, אָבער אַזוי איז עס: עס וועלן ניט זיין קיין לענדער פון איין הערשנדיק פאָלק, מיט זיין הערשנדיקער קולטור. אין יעדן לאַנד, אין אַלע לענדער וועלן זיין עטלעכע גלייכע קולטורן. עס האָט דער מענטשהייט גע־קאָסט אַ סך בלוט אויך דאָס באַפרייען לענדער פון הערשנדיקע רעליגיעס. ניטאָ שוין איצט קיין מדינות מיט הערשנדיקע רעליגיעס: „וועמעס לאַנד, דעמס רעליגיע". אַזוי וועט עס מוזן זיין אויך בנוגע צו קולטור: עס וועט ניט זיין „וועמעס לאַנד, דעמס קולטור הערשט!" ווי אַלע רעליגיעס זיינען גלייך, אַזוי וועט עס מוזן זיין אַלע שפּראַכן און קולטורן זיינען גלייך!... יידן וועלן עס ניט וועלן. יידן האָבן ליב צו דינען פרעמדע געטער און צו היטן פרעמדע קולטורן... זיי וועלן אָבער זיין געצוווּנגען. מען וועט זיי ניט לאָזן אַסימילירן זיך אין אַנדערע פעלקער אַריין: מען האָט פיינט יידן אפילו אַסי־

מילירטע. און פעלקער וועלן ניט לאָזן יידן זאָלן פאַרשטאַרקן עפּעס אַ צווייטע קולטור. נעגערס וועלן ניט לאָזן יידן זאָלן לערנען ענגלישע קולטור מיט נעגערישע קינדער. און דאָס איז בלויז דער אָנהייב. עס וועט דער פּרינציפּ „איטלעכער צו זייניקע" זיך שטאַרקן און אַנטוויקלען זיך... די לעגענדע וועגן שמעלצטאָפּ האָט, דאַכט זיך, אויסגעטראַכט אַ ייִד, און איר צייט איז אַוועק שוין. יידן וועלן באַוויינען דעם „אַנטיסעמיטיזם" אָבער זיי וועלן מוזן זיך צוגעוווינען צו דעם: יידן קאָנען ניט און טאָרן ניט מער פאַרן, אונטערפאַרן אויף פרעמדע וועגענער, יידן וועלן מוזן וויסן אין דער גאָרער וועלט: אָדער זיי זיינען קולטורעל פאַר זיך, אַ פאָלק גלייך מיט אַלע אַנדערע פעלקער, ניט קיין „עטנישע גרופּע" פון אַ צווייט פאָלק, און די פאַרזיכיקייט דאַרף באַשטיין אין אייגענע רעליגיעזע און וועלטלעכע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן און אונטערנעמונגען. ניטאָ קיין מלוכה־קולטור און „סובאָרדינירטע", נייערט אַלע קולטורן, פון אַלע פעלקער וואָס לעבן אין דעם געגעבענעם ראַיאָן, אַלע זיינען זיי גלייך, אַלע זיינען „מלוכהשע". איטלעך פאָלק לעבט זיין אייגן לעבן, זיין פאַרזיכיק שולוועזן, זיינע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און זיין פאַרווייַלונג־אינדוסטריע. אַלץ אין די ראַמען פון גרעסערע פּאָליטישע און עקאָנאָמיש־טעכנאָלאָגישע פאַרבינדונגען. די וועלן אויפקומען צו פאַרבייטן די היינטיקע מדינות.

אין קולטור־לעבן פון אַ פאָלק זיינען פאַראַן צוויי מאָמענטן — די אַלע נאַטירלעכע פאָרמען פון שטייגער, פון מענטשלעכן אינדיווידועלן און סאָציאַלן לעבן — דער לבוש פון שטייגער. דאָס זיינען אַלע איינגעשטעלטע, דורותדיקע מינהגים און זיטן. דאָ איז ניט שייך באַוווסזיין, מצווה, עס איז דער גאַנג פון לעבן — הלכה.

אויסער דעם קומט שפּעטער ביי קולטור־פעלקער די פּראָדוקציע פון קולטור־ווערטן. דאָס זיינען אַלע פאָרמען פון ליטעראַטור, מאָלעריי, סקולפּטור, מוזיק — בכלל אַלע פאָרמען פון קונסט. אַהער געהערט אויך פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט, אַלץ וואָס מענטשן שאַפן באַוווסטזיניק. דאָס איז די קולטור־פּראָדוקציע. ווי יעדע פּראָדוקציע הענגט זי אָפּ פון צוויי פאַקטאָרן: אָנבאָט און נאָכפרעג, פּראָדוצירער און געברויכער. וואָס מער געברויכערס וואָס שטאַרקער עס איז דער נאָכפרעג, אַלץ אַקטיווער איז די פּראָדוקציע. ווען עס זיינען דאָ געברויכערס, ווען עס איז דאָ אַ גרויסער נאָכפרעג, קומען שעפערס, קומען פּראָדוצירערס. די צרה פון אונדזער יידישער קולטור־שעפערישקייט איז ניט אַזוי אין דעם וואָס עס איז ניטאָ קיין פּראָדוצירערס, קיין קולטור־שעפערס, ניטאָ קיין שרייבערס, קיין דיכטערס וכדומה. ניין, די צרה באַשטייט קודם כל אין דעם וואָס עס פעלט נאָכפרעג, עס זיינען ניטאָ, עס

זיינען זייער ווייניק די קולטור־געברויכערס. דאָס איז דער גאַנג פון דער קולטור־צירקולאַציע. דער באָדן פון קולטור איז דער פשוטער שטייגער פון פשוטן פאָלקישן מאַסיוו. די פראָדוצירער, די שעפער פון קולטור־ווערטן שעפּן פון דאָרטן און זיי שאַפן קולטור־ווערטן אין אַלערליי קונסטן און וויסנשאַפטן. די קולטור־ווערטן גייען צוריק אין פאָלקס לעבן דורך די שולן און אין לעבן בכלל. דאָ ליגט אונדזער טראַגעדיע: דאָס יידישע פאָלק באַשעפטיקט ניט געַנוג, גיט ניט קיין אַרבעט גענוג יונגע יידן, גייען זיי אַוועק צו דער רעגירונג, אין אַלגעמיינע אונטערנעמונגען. דאָרטן גיבן זיי אַוועק זייערע פעיִקייטן, זייער אַרבעט, זייער גייסט. דערווייטערן זיי זיך פון יידישע מקורים, ווערט זייער קולטור אין אַלע זייערע האַנדלונגען און אַזוי אויך אין זייער דענקען און פילן אַלץ פרעמדער, זיי „טוען זיך אויס" פון יידישקייט.

ווי נאָר די וועלט וועט זיין איינגעאָרדנט לויט פעלקער און ניט לויט מלוכות, מדינות, וועט די כמות געברויכער פון יידישער קולטור שטייגן, און במילא וועט אויך זיך פאַרשטאַרקן די קולטור־פּראָדוקציע. עס ווילט זיך גלייבן, אַז דאָס וועט קומען ניט צו שפּעט...

## אין א וועלט פון פעלקער אָן מדינות

ניט אַזוי גיך קאָן די וועלט קומען צו אַזאַ איינאָרדענונג. עס איז טאַקע אַ מין „באחרית הימים". די שוועריקייטן זיינען אַלגעמיינע און אויך ספּעציפיש־יידישע.

איך נעם זיך ניט צו באַהאַנדלען די אַלגעמיינע שוועריקייטן. אַ וועלט מיט פעלקער וואָס האָבן זיך אייביק געשלאָגן, מלחמות געפירט, — ווי קאָנען זיי זיך אָפּגעוווינען? „אַ מענטש צו אַ מענטשן איז אַ וואָלף" — האָבן געזאָגט די פאַרצייטיקע רוימער. אַ פאָלק צו אַ פאָלק איז אַ מחנה וועלף. שווער צו בייטן די נאַטור פון פעלקער.

איך וועל אָבער יאָ פּרובירן באַהאַנדלען די ספּעציפיש־יידישע שוועריקייטן. די ערשטע און שווערסטע אייגנשאַפט פון יידן איז דאָס ציען זיך תמיד צו פרעמדע קולטורן. אַן אייביקייט ווי יידן באַמיען זיך צו אַסימילירן, נאָכמאַכן פרעמדע שפּראַכן און קולטורן. ווי קאָן מען זיך אָפּגעוווינען פון דעם?

ווייטער — ביי יידן איז איצט ניטאָ קיין פאָלק־געפיל סיידן דער פחד פאַר אַנטיסעמיטיזם. עס פעלט אָבער די גראַוויטאַציע צו אַלץ וואָס עס איז פאָלקיש אייגנס.

יידישקייט איז ניט קיין סכום פּרינציפּן, וואָס מען דאַרף גלייבן אין זיי,

ניט קיין סכום שיינע ליבע צירונגען פון אַן עלטער־באָבען; יידישקייט איז ניט קיין סכום זכרונות פון פאַרצייטן. ניט קיין מצוות וואָס מען דאַרף טאָן כדי צו געדענקען וואָס עס איז געווען אַמאָל; יידישקייט איז ניט קיין היס־טאָריע בלויז. אַ דערוואַקסענער מענטש לעבט ניט מיט זיין קינדהייט, ניט אין זכות פון זיין קינדהייט. אַן אַלט פאָלק לעבט ניט און טאָר ניט לעבן הייַנט מיט זיין אַמאָל. אַלץ וואָס לעבט, לעבט מיט דעם היינט, אין דעם היינט כדי צו קומען צו אַ צוקונפט, ניט כדי צו היטן און צו האַלטן טייער דעם נעכטיקן אַמאָל... יידישקייט איז אויך, ווי יעדע פאָלקישקייט אַ זאַך פון הייַנט און ניט פון געשיכטע. ניט מצוות פון פאַרצייטן, נאָר הלכות, פירונגען און שטייגער פון היינט: אַט אַזוי ריידן יידן, אַט אַזוי עסן יידן, אַזוי פירן זיך יידן, אַזוי איז דער שטייגער לעבן פון יידן.

עס איז די אויפגאַב פון דער יידישער וויסנשאַפט פעסטצושטעלן וואָס עס איז בלויז לאָקאַליזם און וואָס עס איז און עס דאַרף זיין אַלפאָלקיש. די יידישע וויסנשאַפט איז ניט און זי דאַרף ניט זיין, און זי טאָר ניט זיין קיין „וויסנשאַפט דעס יודענטומס" פון דעם וואָס עס איז אַמאָל געווען ביי יידן. יידישע וויסנשאַפט איז ניט קיין אַרכעאָלאָגיע פון צופעליק געפונענע אור־אַלטע שריפטן.

יידישקייט איז יאָ אַ סכום פון פאָרמען און נאָרמען פון פריוואַטן און קאָלעקטיוון לעבן. אַלע פעלקער לעבן, נאָר זיי לעבן פאַרשיידן, איטלעכער לעבט לויט זיין שטייגער. יידן זיינען אַ פאָלק און זיי לעבן מיט זייער שטייגער, לויט זייער שטייגער, לויט זייערע נאָרמען און פאָרמען. פעסטשטעלן און איינ־שטעלן די איינהייטלעכקייט פון אַט די נאָרמען און פאָרמען — דאָס איז דער אויפגאַב פון יידישער וויסנשאַפט. יידישקייט איז אַ רעליגיע פון הייַנט און ניט פון נעכטנס. יידישע רעליגיע איז ניט און טאָר ניט זיין קיין פיקסירטע לעולם ועד: אַזוי איז געווען פאַרצייטן און אַזוי מוז זיין היינט. יידישקייט איז ניט קיין ענין פון אייערנעכטן נאָר פון דעם דירעקטן נעכטן...

און דאָ ליגט די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק, וואָס מיר האָבן ניט קיין איין ריכטונג אפילו וואָס זאָל גיין אויף אַט דעם איינציק־ריכטיקן וועג.

די רעליגיעזע אונדזערע פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען ווילן באַל־זאַמירן יידישקייט. דער אונטערשייד איז נאָר וויפל און וואָסערע געווירצן מען דאַרף נוצן. אַלע ווילן זיי אָפטיילן דאָס היינטיקע לעבן פון דער באַלזאַמיר־טער רעליגיע. דאָס באַזונדער און דאָס ווידער פאַר זיך. צוויי באַזונדערע חש־בונות.

דער תנכיזם איז אַ ווילן צו מאַכן אַ קולט פון אַ ספר. אָבער אפילו די

הייליקסטע ספר־תורה וואָס אין דעם הייליקסטן ארון קודש איז ניט קיין לע־בעדיקע יידישקייט.

די גרעסטע אוצרות פון תנך"וויסנשאַפט און קונסט, די רייכסטע אַרכע־אָלאָגישע מוזייען פון פּאַרצייטיקער יידישקייט — זיינען ניט קיין יידיש פאָלק. טויזנטער געלערנטע יידישע היסטאָריקער, און תנכיסטן זיינען ניט קיין יידיש פאָלק. אָבער איין מנין פשוטע עם־ארצישע יידן וואָס לעבן לויט אַ יידישן שטייגער זיינען יאָ יידיש פאָלק. קיין שום צוזאַמענפאָרן און קאָנגרעסן פון "וויסנשאַפטן דעם יודענטומס" אָדער — ווי מען רופט זיי איצט "כינוסים למדעי היהדות" — קאָנען ניט און וועלן ניט אויפהיטן דעם קיום פון יידישקייט. דער תנכיזם וויל ווערן איצט אַ סוראָגאַט, אַ במקום פון לעבעדיקער עכטער היינטיקער יידישקייט.

אויך דער תלמודיזם היינט איז זייער אָן אינטערעסאַנטער היסטאָרישער פּראָצעס צום שטודירן ווי אַזוי אַ פאָלק אָן אַ מדינה בויט זיין קיום פון שטיי־גער. און דער תלמוד, דער גאַנצער ש"ס איז ניט קיין סומירונג פון די אָנגע־נומענע פּרינציפּן, נייערט עס איז אַ מין "פּראָטאָקאָלן" פון די עצם פאַר־האַנדלונגען און דיסקוסיעס. מען טאָר אויך פון תלמוד ניט מאַכן קיין קולט. ווי געזאָגט לעבט אַ פאָלק מיט זיין היינט און ניט מיט זיין נעכטן, נאָך ווייי־ניקער מיט זיין אייערנעכטן. בכן וואָס איז יידישקייט?

**יידישקייט איז אַלץ וואָס איז אַלפאָלקיש, וואָס איז נעכטן געווען פאָל־קיש, יידישקייט איז היינטיקער שטייגער, היינטיקע נאָרמען און פאָרמען פון לעבן, וואָס איז ניט נאָכגעמאַכט, פרעמד.** יידישע וויסנשאַפט דאַרף זיך פאַר־נעמען מיט דעם היינט, מיט דעם דירעקטן נעכטן.

יידישע קונסט, ליטעראַטור, שריפטן פון דעם היינט, און פון דעם די־רעקטן נעכטן.

יידישע דערציִונג — ווידער אַמאָל איינפּלאַנצן — ניט בלויז לערנען כדי צו וויסן — דעם דירעקטן נעכטן. דאָס איז יידישקייט.

ניטאָ דערוויל אַזאַ ריכטונג ביי יידן און דערפאַר די גרויסע שוועריקייטן. עס בלייבט מיר צו זאָגן עפּעס וואָס איך האָב געלאָזן אויף צום סוף: די יידישע מדינה: זי איז דאָס אויג אין קאָפּ. אויב יידן זיינען דאָס הארץ פון דער וועלט (ווי רבי יהודה הלוי האָט געזאָגט) — איז די מדינה דאָס הארץ פון יידישן פאָלק. די מדינה האָט שוין ביז איצט אויפגעטאָן אַ שלל ביי זיך און צונויפגעבונדן דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט. אָבער די יידישע מדינה וועט קאָנען זיך האַלטן נאָר ווען עס וועט זיין אַ יידיש פאָלק אין דער וועלט. נאָר דעמאָלט וועט די מדינה קאָנען האָבן אַ קיום ביז דעם "לעתיד לבא",

ווען עס וועלן בכלל ניט זיין מער קיין מדינות. די גרעניצן פון יידישער מדינה, פון יידישקייט ציען זיך איבער אַלע לענדער ווו עס לעבן יידן. אַ יידיש פאָלק קאָן אויפבויען אַ מדינה און אַ סך מער ווי אַ מדינה. די מדינה וועט אָבער ניט אויפהאַלטן דאָס פאָלק אויב אפילו זי אַליין זאָל זיך האַלטן מיט גבורות און מיט ניסים.

## אלע ריכטונגען ציען אָבער פון יידישקייט

פאַראַן אָבער נאָך אַ צרה, אַ ספּעציפיש יידישע: לעבן און איינהייטן די אייגענע פאָלקישקייט אין אַ וועלט אַן מדינות וועלן קאָנען נאָר אַזוינע פעלקער, וואָס האָבן ליב און האַלטן טייער זייער פאָלקישן שטייגער און זייערע אייגנ־שאַפטן. און אָט די געטרייע פאָלקישקייט, אָט די ליבע און אַכטונג צו אַלע יידישע שטייגער־נאָרמען — דאָס פעלט ביי יידן. די איינציקע וואָס באַרימען זיך מיט זייער געטרייער אויסגעהאַלטענער יידישקייט זיינען די אָרטאָדאָקסן אונדזערע. אָבער דאָס איז אויך ניט ריכטיק: די פרומע האָבן ליב ניט יידיש־קייט, נאָר די פאַרצייטיקע תורה. די כנענים אין ארץ ישראל ווילן זיך איינריידן אַז זיי זיינען ניט קיין יידן פון היינט, זיינען בכלל ניט קיין יידן וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם היינטיקן יידישן פאָלק, — זיי זיינען דירעקטע קינדער פון די פאַרצייטיקע כנענים, נאָך איידער עס איז געווען אַ יידיש פאָלק. זיי זיינען די ווייטסטע אַריבערשפּרינגערס.

נאָך זיי קומען די תנכיסטן. זיי באַמיען זיך איינצוריידן אַז זיי זיינען ניט קיין יידן פון היינט, זיי שטאַמען, פאַרשטייט איר זיי, דירעקט פון די תנ״ך־יידן. די יידן און די יידישקייט וואָס איז געקומען שפּעטער — דאָס טויג ניט, דאָס שוללט מען (מען פאַרלייקנט, מען וואַרפט דאָס אָפּ). אין יענע תנך־צייטן זיינען געווען אַנשטענדיקע יידן. די שפּעטערדיקע זיינען נאָר צבועקעס, אָפּנאַרער און אַלערליי אַנדערע מיאוסע נפשות. (דער ערשטער ראָמאַנען־שרייבער אין העברעיש — אברהם מפו — האָט פון די תנ״ך־צייטן געשריבן זיין „אהבת ציון״, וועגן די היינטיקע יידן — זיין „עיט צבוע״. און אַזוי כסדר ביז היינט.) זיי שפּרינגען אויך אַריבער אַ שטיק יידישע געשיכטע, אָבער שוין ניט אַזוי ווייט ווי די כנענים.

נאָך קנאַפּערע שפּרינגער זיינען די „שולחן־ערוך־יידן״. זיי שפּרינגען אויך אויף צוריק, אויך זיי פאַרלייקענען, און ווילן אָפּוואַרפן גאָר די יידישקייט וואָס האָט זיך אַנטוויקלט און אַנגעוואַקסן נאָך דעם שולחן ערוך, אין די בייסטע

פיר הונדערט יאָר, איבערהויפּט אין מזרח־אייראָפּע. דאָס איז די יידישע אָר־טאָדאָקסיע. זייער שפּרינגען און זייער אַפּלייקענונג, איך וואָלט געזאָגט — זייער כפירה איז ניט אַזוי קענטיק, ווייל די אָרטאָדאָקסיע האָט ניט אויסגעטראַכט קיין פאַרצייטיקע יידישקייט, זיי זיינען יידן פון היינט, אָבער אויך פאַר זיי איז יידישקייט אַן אָפּגעשלאָסענער ענין. זיי אָנערקענען בלויז די פיקסירטע, אָפּ־געשלאָסענע הלכה, ווי זי איז פאַרשריבן געוואָרן אין שולחן ערוך. און מער ווילן זיי ניט. און אַז דווקא אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער איז יידיש־קייט אָנגעוואַקסן, זיך צעוואַקסן אין פשוטע סטאַטיסטישע צאָלן, ביז זיבעצן מיליאָן יידן ערב היטלער־תקופה. געשאַפן נייע און נייערע יישובים, זיך צע־שפּרייט איבער דער וועלט. און אומעטום לגמרי ניט לויטן שולחן ערוך, או־מעטום זיינען אָנגעוואַקסן ריין וועלטלעכע אינסטיטוציעס, סאָציאַלע און קול־טורעלע. דווקא האָט זיך צעוואַקסן אַ גראַנדיעזע וועלטלעכע קולטור, דווקא האָט זיך אַנטוויקלט גופא דער יידיש־דייטשישער דיאַלעקט „פון „זשאַרגאָן ביז יידיש" (אַזוי האָט די תקופה אָנגערופן דובנאָוו). עס איז אָנגעוואַקסן אַ גרויסע ליטעראַטור. צווישן אירע שאַפונגען זיינען פאַראַן ווערק וואָס שטייגן אַריבער אַ סך פאַרצייטיקע ווערק. עס איז אָנגעוואַקסן אַ יידישע פּאָליטיק, מיט אַ מדינה... דאָס אַלץ ווייל די אָרטאָדאָקסיע ניט אָנגעמען; עס איז ניטאָ אין שולחן ערוך.

אָט די אַלע דריי ריכטונגען אין יידישקייט שפּרינגען אויף צוריק — כנענים, תנכיסטן, אָרטאָדאָקסן. די אַלע לויפן פון נאַטירלעכן המשך־גאַנג צו דער אייגענער געשיכטע; פון היינט צום אַמאָל און פון דער צווייטער זייט האָבן מיר כופרים־אַפּלייקענער, אַפּוואָרפער וואָס עס ציט זיי ניט צום יידישן פאַרצייטן, נאָר דירעקט צו דער ניט־יידישער פרעמדער וועלט. דאָס זיינען די רעפאָרמער פון אַלע שטאַפּלען: זיי געפעלט ניט, זיי לייקענען אָפּ די נאַטיר־לעך אַנטוויקלטע יידישקייט, ווי זי איז אָנגעוואַקסן, ווי זי האָט אונדז געבראַכט. זיי ציט עס צו די הערשנדיקע פעלקער מיט זייער שפּראַך און מיט זייער קול־טור. פון יידישקייט קאָנען זיי דערלויבן עס זאָל בלייבן נאָר אַ קליינער אַפּענ־דיקס אין פאָרם פון אַ סינאַגאָגאַלער צערעמאָניע און מער ניט. איך וועל זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט די פאַרשיידענע מדרגות פון רעפאָרם. דער עיקר — אַלע ווילן זיי ניט אָנערקענען די יידישקייט, וואָס איז אָנגעוואַקסן ביז היינט.

פאַראַן נאָך איין ריכטונג אין יידישקייט וואָס רעדט כלומרשט יאָ פון דער היינטיקער יידישקייט. אָבער, צום באַדויערן, האָט דווקא די ריכטונג ניט אַנטוויקלט איר טעאָריע, זי ווייס יאָ וואָס זי וויל אַפּוואַרפן. דאָס איז גרינג, זי האָט אָבער ניט צעוויקלט איר פּאָזיטיווע פּראָגראַם — וואָס זי נעמט יאָ אָן און ווי זי מיינט עס צו פאַרפעסטיקן. איז עס אפשר אַ שטיקל פּאַראַדאָקס:

האָט אָט די טעאָרעטיש שוואַכסטע ריכטונג אין פּראַקטישן לעבן דווקא געטאָן און געשאַפן מער ווי אַנדערע, אָבער, צום באַדויערן, ניט געוויזן קיין קלאָרן וועג ווי אַזוי אָט דאָס געשאַפענע צו פּאַרפּעסטיקן אין לעבן, ווי אַזוי דאָס לעבן גופא זאָל בלייבן יידיש. דאָס איז די אַזוי די גערופענע יידיש־וועלטלעכע ריכטונג. זי איז די יינגסטע און די שוואַכסטע, הגם די פּראָדוקטיווסטישסטע, די פּרוכטטיקסטע. זי איז אָבער ניט קיין דויערנדיקע, זי גייט פאַרביי, אויפגעגאַנגען און פאַרגייט. זי האָט שוין איצט ניט אויף וואָס און אויף וועמען זיך צו האַלטן. דער אורבאַניזם פאַרשווענקט די ריכטונג אין גאַנצן אָן אַ שפּור.

דער אַלגעמיינער סך הכל איז, אַז יידישקייט האַלט אין ווערן אַ מין פאָסילער איבערבלייב פון אַן אַמאָל לעבעדיקן פאָלק. ווי טראַגיש עס זאָל ניט זיין זיין מוז מען זאָגן דעם אמת, הגם עס טוט אַזוי וויי.

יידן האָבן באַוויזן מוט און ימען כוח אריבערצוטראָגן אַלע רדיפות. אָבער דאָס איז אַלע מאָל געווען אין נאָמען פון גאָט, פאַר דער רעליגיע. זיי האָבן האָבן אָבער זיך, די אייגענע שטייגערישקייט, דעם אייגענעם קולטור־פּרצוף גאָר ניט ליב, זיי זאָלן זיך פאַר אים איינשטעלן, אים וועלן איינהיטן און מען וויל גאַנץ באַקוועם אויסקומען אָן דעם. אין אַ געזעלשאַפט וואָס איז עקאָנאָמיש קאָלעקטיוו, געמיינזאַם און נאָך דערצו אויך אָן מלוכה־גרעניצן — אין אַזאַ געזעלשאַפט וועלן יידן קאָנען איינהיטן זייער גייסטיקע און קולטורעלע פאַרזיכיקייט נאָר אויב זיי וועלן, צו דעם האָבן אַ באַציִונג ווי צו רעליגיע: דאָס איז מיינס — דערפאַר איז עס ליב און טייער, דערפאַר וויל איך עס איבערלאָזן פאַר מיינע דורות. ניט ווייל אַזוי האָט געהייסן דער שטרענגער גאָט און ער וועט דערפאַר באַצאָלן, אם ירצה השם, ניט דערפאַר ווייל ער — דער שטרענגער גאָט — וועט שמייסן שרעקלעך די וואָס פאָלגן אים ניט, נאָר עס איז מיר ליב, עס איז מיר טייער ווייל עס איז מיינס, איך האָב עס געקראָגן פון מיינע עלטערן און איך וויל פאַרעקשנט עס איבערגעבן אויך מיינע קינדער... אַלץ אין מיין שטייגער, אין די גערירשנטע פאַרמען מיינע איז מיין רעליגיע.

אַזאַ רעליגיעזע פאַרהייליקונג איז ביי יידן ניטאָ. די וועלטלעכע האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער וועלטלעכקייט, כל זמן מען האָט ניט געלאָזן דאָס פאַרוואָרפן. מיט אַזאַ פּסיכיק, מיט אַזאַ ביטול צום אייגענעם קולטור־פּרצוף צום אייגענעם נאַציאָנאַלן „איך" קאָנען יידן זיך ביסלעכווייז, איינציקווייז צעשיטן, אַטאָמיזירן און אַריינדיפונדירן אין די אַרומיקע קולטורן, אין די פרעמדע שטייגערס...

דאָס איז די מעגלעכע „ענדגילטיקע לייזונג" לויט היטלערן אָן בלוט־פאַרגיסונג.

וועלטלעכע יידישקייט איז ניט קיין באַזונדערע ריכטונג אין יידישקייט. אַ נאָרמאַלער מענטש, ניט קיין מאָנאַכן אין קלויסטערס לעבט אַ וועלטלעך לעבן אפילו אויב ער איז זייער פרום. ער אַרבעט און טוט פאַר זיך, פאַר זיין משפחה, פאַר דער וועלט בכלל. די רעליגיעזע אַקטיווקייט זיינע איז בלויז איין טייל פון זיין טאָג, פון זיין אַרבעט. אַזוי איז אויך מיט אַ קאָלעקטיוו. די רעליגיעזע אַרבעט פון דעם קאָלעקטיוו איז נאָר אַ טייל פון די קאָלעקטיווע פראָבלעמען און אינטערעסן. אויסער זיי, האָט נאָך דער קאָלעקטיוו אַ סך סאָציאַלע פראָבלעמען און באַדערפענישן: זאָרג פאַר די פיזישע באַדערפענישן פון קאָלעקטיוו, פאַר די קולטורעלע ענינים וכדומה. די אַלע זיינען אין תוך אַריין וועלטלעך. די טראַדיציע האָט די געביטן פאַרטיילט אַזוי: ענינים וואָס בין אדם למקום און די וואָס בין אדם לחברו — וואָס צו גאָט און וואָס צו מענטשן — רעליגעזע און סאָציאַלע אויפגאַבן. ביי פעלקער האָט מיט די סאָציאַלע ענינים זיך פאַרנומען די מדינה. איז פאַר די מענטשן געבליבן בלויז דער רעליגיעזער געביט. ביי יידן אָבער האָט עס אַלץ באַזאָרגט די רעליגיע. יידישקייט אָדער יידישע רעליגיע נעמט בכן אַרום אויך אַלע סאָציאַלע פראָבלעמען און אויפגאַבן. אויך דאָס וועלטלעכע, דאָס סאָציאַלע, די ניט־רעליגיעזע קולטור איז אויך הייליק, ווי אַלץ וואָס איז רעליגיעז. אָן דעם צונויפשמעלץ פון רעליגיעזקייט, פון רעליגיעזער קולטור מיט וועלטלעכער קאָן יידישקייט ניט עקזיסטירן: די רעליגיע מוז פאַרשטיינערט ווערן, פאָסיל און די וועלטלעכע אָן דער רעליגיעזער באַציִונג מוז אין גאַנצן זיך אויסוועפּן.

## אויספירן

די מענטשהייט בכלל וועט קאָנען האָבן אַ קיום נאָר ווי פעדעראַציעס פון פעלקער. מדינות זיינען אָן אויסטראַקט פון מענטשן לשם מאַכטגיריקייט. פעלקער זיינען אָבער אַ נאַטירלעכע איינטיילונג פון דער מענטשהייט.

יידן וועלן אויך מוזן זיין ווי אַנדערע פעלקער אויסגעטיילט באַזונדער ווי אַ באַזונדער פאַרזיכיק־פאָלק אומאָפהענגיק פון לאַנד און אָרט וווּ זיי געפינען זיך. יעדער יחיד וועט מוזן געהערן צו זיין פאָלקישן קאָלעקטיוו ווי היינט צו אַ מדינה.

ווי יעדעס אַנדער פאָלק וועלן יידן האָבן אַ קיום ניט מיט די פיקסירטע קולטורן פון די פריערדיקע תקופות, מיט די קולטורן וואָס זיינען פיקסירט

און דעפֿינירט אין ספרים, נייערט דער וויכטיקסטער פֿאַקטאָר פֿון לעבן און קיום איז דער פֿאַרזיכיקער שטייגער פֿון לעבן. אָט דאָס איז די לעבעדיקע ייִדישקייט. נאָר מיט דעם לעבעדיקן פֿאַרזיכיקן אינהאַלט, וואָס איז אַנדערש פֿון אַנדערע שטייגערס ביי אַנדערע פֿעלקער קאָן אַ פֿאָלק זיך האַלטן. און אַזוי זייַנען אויך ייִדן. אָט די לעבעדיקע ייִדישקייט אַנרופֿן, דעפֿינירן, אוני־פֿיצירן, פֿאַרוואַנדלען עס אין הייַנטיקע הלכות — דאָס איז תלמוד תורה, וואָס איז וויכטיקער פֿון אַלע מצוות. דער פּראָצעס פֿון תלמוד תורה דאַרף אויך קלאָר מאַכן דעם אָפּשטאַם און די אַנטוויקלונג פֿון די ייִדישקייט־עלעמענטן. דאָס איז די פֿאַרבינדונג מיט די פֿריערדיקע דורות.

דאָס איז דער פּראָצעס וואָס דאַרף פֿאַרוואַנדלען דאָס בעל פּה — דאָס ניט־פֿאָרמולירטע און ניט־באַשטימטע אין ייִדישקייט שבכתב. נאָר דורך ייִדישקייט שבכתב, ד״ה נאָר דורך פֿאָרמולירטע עלעמענטן קאָן די קולטור פֿון איין תקופֿה איבערגיין אין אַ נייער תקופֿה. ס׳הייסט ניט אַז די נייע תקופֿה מוז אייַנהיטן אַלע פֿאָרמען וואָס זייַנען געווען אין דער פֿריערדיקער פֿאַרגאַנגענער תקופֿה, אָבער עס מוז אין דער נייער תקופֿה זייַן אַ זכר פֿון דעם אין דער געענדיק־טער תקופֿה. קולטור איז לעבעדיק נאָר אין פֿירונגען פֿון לעבעדיקע מענטשן. דאָס וואָס אין ספרים איז שוין מער ניט לעבעדיק, סיידן עס איז געוואָרן אַזוי צי אַנדערש אַרייַנגעפֿירט אין שטייגער.

די קולטור וואָס עס לערנען אויס די שולן קאָן געהערן צו דער לעבעדיקער נאָר ווען זי גייט אַריין אין שטייגער. שולן אָן שטייגער קאָנען ניט אויפֿהאַלטן קיין קולטור. יעדער באַזונדערער ייִדישער יחיד וועט מוזן קאָנען געהערן צו זייַן פֿאָלקישן קאָלעקטיוו, יעדער מענטש וועט זייַן אַ „בירגער״ פֿון זייַן פֿאָלק ווי הייַנט — פֿון אַ מדינה. אַריבערגיין פֿון איין פֿאָלק צו אַ צווייטן וועט מען קאָנען נאָר דורך אַ באַשטימטער פּראָצעדור. אַ וועלט אָן גרעניצן, אָן מדינות, אָן אַרמייען, אָן מיליטערן.

עס איז דאָ נאָר איין צענטראַלע, אַלמענטשלעכע רעגירונג מיט איר פֿאַר־לאַמענט, מיט איר דערציִונג, שטייגער, פֿאַרווייַלונג, קולטור, וויסנשאַפֿט פֿירן פֿעלקער פֿאַר זיך אין זייערע שפּראַכן. דאָס איז דער „באחרית הימים״ פֿון אונדזערע נביאים, דער „עתיד לבא״ פֿון חז״ל.

# עם ישראל - ארץ ישראל

עתידה ארץ ישראל שתתפשט בכל הארצות

פאַראַן פּראָבלעמען וואָס עס איז זייער שווער צו געפינען פאַר זיי אַ דער־קלערונג.. איינע פון אָט די שווערע פּראָבלעמען איז דער פסוק „ובא לציון גואל", וואָס יידן האַלטן אין בעטן ביי גאָט שוין אַן אייביקייט. דאַכט זיך, אַז אויב עמיצער נויטיקט זיך אין א גואל, אויסגעלייזט צו ווערן, איז עס עם ישראל, בכל אופן ביל־כער ווי ציון. די אויסלייזונג דאַרף דאָס פאָלק, יידן דאַרפן אויסגעלייזט ווערן. טאָקע אַ פסוק אין תנ"ך, אָבער עס פעלן דאָך ניט קיין פסוקים אין תנ"ך, פאַר־וואָס דווקא אָט אַזאַ פסוק ? לויט די תפילות „ולירושלים עירך, ובנה ירושלים" און נאָך און נאָך, קאָן אויסקומען, אַז יידן בעטן מער וועגן גאולת הארץ איידער פאַר גאולת העם; עס קומט אויס ווי דאָס לאַנד ישראל קומט ביי יידן פריער ווי דאָס פאָלק ישראל. ארץ ישראל — אין פשוטן טייטש פון די ווערטער מיינט אַ לאַנד וואָס איז די היים פון דעם פאָלק ישראל. מיט אַנדערע ווערטער — יעדעס לאַנד ווו דאָס פאָלק ישראל לעבט ביי זיך, ווי אין אייגענער היים, איז ארץ ישראל — דאָס לאַנד פון פאָלק ישראל. איז אין דער גאַנצער לאַנגער יידי־שער געשיכטע פון וואַנדער און וואָגל נאָר איין און איינציק לאַנד געווען דאָס לאַנד פון ישראל, נאָר איין לאַנד, און דאָס ווייט ניט קיין לאַנגע צייט. און אויך אין אָט דער צייט, ווען דאָס פאָלק ישראל איז געווען פאַרבונדן מיט ארץ ישראל, איז דאָך אויך דאָס לאַנד אָפט געווען ניט ישראלס לאַנד. אין דער צייט פון בית ראשון — אָפטע אויבערהערשאַפטן; אין דער צייט פון בית שני בלויז אַ זיבעציק יאָר פּאָליטישע פאַרזיכיקייט, ניט אונטער פרעמדער מאַכט ווי פּערסיע, מצרים, סיריע און רוים. דאָס פאָלק ישראל האָט אייגנטלעך גאָרניט געהאַט קיין לאַנגע רויִקע צייט זיך איינצולעבן פריי און פאַרזיכיק אין דעם לאַנד ישראל.

כמעט צוויי דורות יידישע אינטעליגענטן האָבן זיך אַריינגעלעבט אין אחד העמס געדאַנק „אַ לאַנד איז חרוב און אַ פאָלק איז חרוב". אַ לאַנד — קומט אַ פאָלק און בויט אויף, אַז אַ פאָלק ווערט חרוב, ווער וועט עס אויפבויען ? (אמת מארץ ישראל). פאָלק ישראל און לאַנד ישראל —ביידע טראָגן דעם זעלביקן

נאָמען ישראל! ווען מען זאָל אָבער נעמען זיך אַריינטראַכטן ווי דאָס פאָלק ישראל האָט זיך אויסגעפורעמט ווי אַ פאָלק, מיט אַ פאָלקישן באַוווסטזיין, איז נאָך לגמרי ניט קלאָר באַשטימט אַז די בכורה געהערט צו דעם לאַנד ישראל. דעם נאָמען „פאָלק" פאַרדינט ישראל דווקא אין גלות מצרים. מיט דעם נאָמען איז זיכער געוועזן דאָס פאָלקישע באַוווסטזיין. דער אָפּשטאַם פון די אבות האָט זיך אַליין דערקענט ווי אַ פאָלק. אָט דאָס פאָלק־באַוווסטזיין איז שפּעטער, אין דער אייגענער מדינה גאַרניט געוועזן אַזוי שטאַרק בולט. ערשט ווידער אין גלות בבל איז געקומען, זיך פאַרפעסטיקט אין די מוחות און אין די הערצער דאָס וויסן און דאָס פילן פון אייגענער פאָלקישקייט. ווען מען זאָל ווידער שאַצן ווו דאָס פאָלק ישראל האָט זיך אויסגעפורעמט, אויסגעקריסטאַליזירט מיט אַן אייגענעם פאַרזיכיקן שטייגער און איינגעשטעלטער קולטור, ווייס איך ניט, צי די בכורה קומט דעם לאַנד ישראל אָדער גאָר בבל. דער סימן מובהק פון אויסגעפורעמטן פאָלק ישראל איז ניט דער תנ"ך, ניט די פּראַכטיקע רייד פון דער נבואה, וואָס אַלע פעלקער האָבן אָנגענומען, נאָר דווקא דער תלמוד, און אויב דער תלמוד, האָט דאָך דער תלמוד בבלי געפורעמט און אַנטוויקלט דעם גייסט און דאָס געמיט פון פאָלק ישראל, בכל אופן מער ווי דער תלמוד ירושלמי (וואָס האָט אגב זיך געשאַפן גאָרניט אין ירושלים). נאָך מער — דעם גאַנצן באַהעפט צווישן פאָלק און לאַנד ישראל האָט אייגנטלעך געשאַפן און פאַרפעסטיקט בבל, די יידישע קולטור אין בבל.

די יידישע רעפאָרמער אין ניינצנטן י"ה האָבן אַרויסגענומען פון די יידישע תפילות דאָס בענקען נאָך ארץ ישראל. איז דאָס ביי זיי געוועזן פאַרבונדן מיט זייער גלויבן אין דייטשלאַנד, אין זייער אָנגעהעריקייט צום דייטשישן פאָלק. אָבער יידישע פאָלקישקייט איז געבליבן פאַרבונדן מיט ארץ ישראל. אָן ארץ ישראל — איז דאָס אַסימילאַציע, אויב פאָלק־באַוווסטזיין, איז דאָס מיט ארץ ישראל. פאַרוואָס נאָר אַזוי?

פאַרוואָס האָבן יידן געקאָנט זיך פאָרשטעלן אַ פאַרזיכיק, אומאָפּהענגיק לעבן אין די לעגענדעס וועגן די צען שבטים הינטער דעם טייך סמבטיון, ערגעץ הינטער די הרי חושך. מען האָט אָבער ניט געזען קיין מעגלעכקייט פון אַזאַ מין פאַרזיכיקייט אין דער רעאַלער, לעבעדיקער וועלט. די לעגענדע דערלויבט אַ יידישע היים מחוץ ארץ ישראל, די ווירקלעכקייט אָבער זעט יידישע פאַרזיכיקייט נאָר אין ארץ ישראל.

פאַרוואָס יידישע פאַרזיכיקייט איז מעגלעך נאָר אין יענץ קליין לענדל, וואָס יידן האָבן עס באַרימט געמאַכט. אין דער גאַנצער וועלט איז פאַר יידן נאָר גלות, און גאולה — נאָר דאָרטן. פאַרוואָס אַזאַ באַהעפט?

יידן האָבן גענומען אָנטייל אין אַנטדעקן נייע לענדער, אין אַנטוויקלען

נייע לענדער, אָבער אַלע מאָל נאָר ווי מיטהעלפער צו אַנדערע. ניט באַקאַנט אַז יידן זאָלן פּרובירן איינצוואָרדענען אין אַ ניי לאַנד פאַר זיך. יידן האָבן גענומען אָנטייל אין קאָלומבוסעס עקספּעדיציע, יידן האָבן געהאָלפן קאָלאָניזירן נייע לענדער. אָבער קיינמאָל ניט אַליין, פאַר זיך.

מיט מער ווי דריי הונדערט יאָר צוריק האָבן אַ גרופּע יידן פון קאָטוילישן בראַזיל זיך געלאָזט בעטן אָריינפאָר־רעכט אין האָלענדישן ניי אַמסטערדאַם. פאַרוואָס אָבער ניט געזוכט אַ פריי ווינקל זיך איינצוואָרדענען אַליין פאַר זיך? אָן פרעמדע הערשערס? פאַרוואָס האָבן יידן ניט געפּרובירט אויסנוצן די איניציאַטיוו פון עמנואל נוח צו שאַפן אין אַמעריקע אַ יידיש ווינקל, אַן „אררט"? פאַרוואָס אין די צייטן פון פרייער מאַסן־אימיגראַציע, ווען עס איז געווען זייער גרינג, האָבן יידן זיך ניט קאָנצענטרירט ערגעץ צוזאַמען, אין איין שטאַט לאָמיר זאָגן, כדי צו שאַפן אַן אייגן ווינקל ווי אַ שטאַט צווישן אַנדערע אַמעריקאַנער שטאַטן? האָבן דאָך יידן דאָס גאָר גרינג געקאָנט דערגרייכן — צו האָבן אַ שטאַט מיט אַן אייגענער קולטור און פאַרוואַלטונג. פאַרוואָס האָבן יידן עס ניט געוואָלט? ניט באַמיט זיך? פאַרוואָס האָבן יידן אין אַזאַ שטאַט ווי ניו יאָרק געבויט יידישע ראַיאָנען, פאַרוואָס האָבן זיי אָבער זיך ניט אָנגעשטרענגט איינצוהאַלטן דעם יידישן כאַראַקטער פון יענע יידישע ראַיאָנען? פאַרוואָס דאַרפן אין אַזוינע שטעט די יידישע ראַיאָנען זיין בלויז צייטווייליקע, „פּליסיקע" — יידן בויען אויף, און נעמען זיך ווייטער וואַנדערן, זוכן נייע ראַיאָנען? ניט נאָר יידן וואַנדערן, עס וואַנדערן אויך גאַנצע יידישע ראַיאָנען? און די ראַיאָנען ווערן גאָר גיך אויס יידיש? פאַרוואָס אַז יידן בויען ביישטאָטישע שטעטלעך (סובארבס), באַמיען זיי זיך ניט צו שאַפן דאָרטן אַ דורכויס יידישן שטייגער? פאַרוואָס פאַרן יידן קלייבן נחת פון יידישע שטעטלעך אין ארץ ישראל, פאַרוואָס בויען יידן ניט אַזוינע ישראל־שטעטלעך אין אַמעריקע? פאַר זיך אַליין? אַמעריקע שטערט דאָך ניט. פאַרוואָס האָבן יידן אין אַמעריקע, צי אין קאַנאַדע יאָ געזוכט אויפצובויען יידישע קאָלאָניעס מיט אַלערליי אידעאישע פּרינציפּן, ווי אַנאַרכיזם וכדומה, אָבער ניט געווען קיין אידעע צו שאַפן אַ קאָנצענטרירט יידיש ווינקל? עס זיינען דאָך געקומען אימיגראַנטן מיט אַזוינע אידעען. פאַרוואָס האָבן יידן גלייך גענומען זאָרגן צו „אַמעריקאַניזירן" זיך און דאָס האָט דאָך אַלע מאָל געמיינט אָוועקוואַרפן יידישקייט?

אין אָט די אַלע „פאַרוואָסן" איז געווען איין אַלגעמיינער „פאַרוואָס"? עס איז אין זיי געווען אַ פאַרלאַנג זיך **אויסצויידישן**, צו ווערן ווייניקער יידיש. „אַמעריקע" איז פאַרשטאַנען געוואָרן ווי אַ „שמעלצטאָפּ", וואָס שמעלצט צונויף פאַרשיידענע פעלקער אין עפּעס אַ ניי פאָלק אַזאַ און די גאַנצע יידישקייט געהערט

ניט אָהער; דאָס דאַרפֿן די „גרינהאָרנס" וואָס גיכער פאַרגעסן, פאַרוואַרפֿן. דאָס איז דער אַלגעמיינער פאַרוואָס ?

ניטאָ קיין צופֿאַלן אין געשיכטע. ניטאָ קיין צופֿאַלן אין קיין שום פּראָצעסן, וואָס קומען פֿאָר אין לעבן, אין דער נאַטור, אין קאָסמאָס בכלל. דאָס וואָרט „צו־פֿאַל" האָבן מענטשן צוגעטראַכט, כדי צו דערקלערן דערשיינונגען, וואָס זייערע סיבות זיינען אומבאַקאַנט, אָדער צו קאָמפּליצירט, פֿאַרפּלאָנטערט. צופֿאַלן — זיינען בלויז ווערטער אין דער שפּראַך, אָבער זיי זיינען ניטאָ אין לעבן. זיינען פֿאַראַן דערשיינונגען, זיינען זיכער פֿאַראַן פֿאַקטאָרן וואָס האָבן זיי אַרויסגערופֿן, געבראַכט — סיבות. פֿאַקטאָרן וואָס חזרן זיך איבער, זיינען געזעצן. אַלע פּראָצעסן אין דער וועלט קומען פֿאָר לויט געזעצן. צי מיר ווייסן זיי — די געזעצן, צי מיר ווייסן זיי ניט. ניטאָ אָבער קיין פּראָצעסן אויסער די ראַמען פֿון געזעצן. זייער טרעפֿלעך איז דאָס געזאָגט אין דער גמרא, לאַקאַניש און פֿעסט : די מידות (אייגנ־שאַפֿטן) פֿון גאָטס וועגן זיינען ניט קיין רחמים, נאָר גזרות (געזעצן). מענטשן קאָנען די געזעצן בלויז אויסגעפֿינען, דערקלערן, אָבער ניט באַשאַפֿן. יורידישע געזעצן באַשטימען אַזוי דאַרף זיין; לעבנס געזעצן באַשטימען אַזוי איז עס.

די געזעצן פֿון געשיכטע קאָנען זיין אינעוויייניקסטע — אין כאַראַקטער פֿון די מענטשן, אין זייער נאַטור; און זיי קאָנען זיין אויך דרויסנדיקע — זיי ליגן אין די אַרומיקע באַדינגונגען. על פּי רוב קומען די פֿאַקטאָרן קאָמבינירט צוזאַמען. ווען דערשיינונגען חזרן זיך איבער, זיינען מן הסתם אויך די פֿאַקטאָרן אינע־ווייניקסטע אין דער נאַטור פֿון די מענטשן. פֿעלקער טראָגן שוין אין זיך די פֿאַק־טאָרן, וואָס רופֿן אַרויס די דערשיינונגען, די פּראָצעסן.

אַזוי דאַרף מען אָננעמען אויך די דערשיינונג „גלות", אַז עס איז שוין גע־וואָרן אַ פֿאַטאַלער עלעמענט פֿון יידישן כאַראַקטער, עס ליגט שוין אין אונדז דער גלות. עס איז אַזוי אין אונדזער פּסיכיק : פֿאַרזיכיקע יידישקייט פֿאַרבינדן יידן נאָר מיט אָט דעם לאַנד ישראל. די וועלט אויסער יענעם שמאָלן פֿאַס לאַנד איז גלות, העכסטנס — „חוץ לארץ". די פֿאַרטיילונג אויף ארץ ישראל און חוץ לארץ איז אַפֿילו באַשטעטיקט רעליגיעז.

## געשיכטע-פֿאַקטאָרן

פֿון דער צווייטער זייט איז אויך די מערכה פֿון דעם לאַנד פֿאַרבונדן מיט דעם יידישן פֿאָלק. אין פֿאַרצייטיקע דורות איז עס געווען באַפֿעלקערט מיט יידן, איז דאָס לאַנד געווען געדיכט באַזעצט, באַוווינט פֿון מיליאָנען, געוואָרן אַ צענ־

טער פאַר פעלקער און קולטורן, רעליגיעס אַנטוויקלט פאַר דער וועלט; פאַר־הייליקט געוואָרן פאַר פעלקער. געקומען אַנדערע באַוווינערס, איז דאָס לאַנד געוואָרן ווילד, אַ פאַרלאָזטער מדבר, פאַרטריקנט, ערדדירטער באָדן, באַפעלקערט מער מיט ווילדע חיות און קראַנקייטן. דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ הייליקטום פאַר פעלקער — איז דאָס אַן אויפטו פון יידן. דאָס לאַנד איז געוואָרן פאַרוויסט — אַנדערע האָבן עס אויפגעטאָן. חורבן פון פאָלק און חורבן פון לאַנד. דאָס לאַנד איז געוואָרן אויפגעריכט — ווידער איז עס אַן אויפטו פון יידן. פאָלק און לאַנד — אַ היסטאָרישער באַהעפט. ווידער יאָגט דער מדבר מיט חורבן — אַן אַלטער היסטאָרישער פּראָצעס. קיין נייעס ניט. פאָלק און לאַנד ישראל זיינען אָבער פאַר־בונדן. גוט אָדער ניט גוט. יאָ, משה וואָלט געמעגט געפינען אַן אַנדער לאַנד פאַר יידן. פאַראַן בעסערע לענדער. אָבער היסטאָרישע גורלות בלייבן.

בין איך, למשל, צופרידן מיט דעם גייסטיקן באַהעפט פון לאַנד און פאָלק ?

— ניין ! איך בין שוין גאָרניט צופרידן. צוליב אַ סך מאָטיוון. אָבער די האַרינטע געשיכטע פרעגט ביי מיר קיין דעות ניט. עס איז לגמרי ניט קיין מעלה פאַרן פאָלק ישראל וואָס עס האָט ניט געקאָנט באַשאַפן אַ צווייט ארץ ישראל. די אַלע מעלות פון איינציקן ארץ ישראל האָט געגעבן נאָר דאָס יידישע פאָלק. דאָס האָט דאָס פאָלק ישראל פון זיין קדושה משפיע געווען אויף דעם לאַנד ישראל. די הייליקייט, די געטלעכקייט פון ארץ ישראל איז ניט אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ניט פון גאָט. דאָס האָט דאָס יידישע פאָלק גענומען אַ טמא לאַנד, פון „טומאת הגויים" און געמאַכט פון דעם אַן ארץ הקדושה, אַ הייליק לאַנד. האָבן יידן דאָס ניט געקאָנט באַווייזן ערגעץ אַנדערשוואו, אין אַ צווייט ווינקל פון דער ערד, איז עס אַ סימן אַז דאָס פאָלק ישראל האָט פאַרלאָרן זיין כוח, זיין כוח משפיע צו זיין גייסט אויף ערטער ווו עס לעבט.

לויט דער גמרא האָבן יידן „געיידישט" ארץ ישראל צוויי מאָל — אין די צייטן פון יהושוע און אין די צייטן פון עזרא און נחמיה. גערעכט די גמרא, וואָס די צווייטע קדושה איז שטאַרקער געווען (קדושה עולמית, רופט עס די גמרא). דערפאַר ווייל דאָס פאָלק ישראל איז געווען אַ סך יידישער, האָט עס מער יידיש־קייט געקאָנט משפיע זיין אויף דעם לאַנד. קאָן דאָס יידישע פאָלק ניט פאַריידישן נאָך אַ לאַנד, איז עס אַ סימן אַז דאָס פאָלק גופא פאַרמאָגט ניט געגוג קדושה. כדי דאָס נייע ארץ ישראל זאָל ווערן ספּעציפיש יידיש, זאָל ווידער ווערן יידיש־קודש, האָבן זיך געדאַרפט באַהעפטן די קדושת העם מיט דער קדושת הארץ — די ספּע־ציפישע באַדינגונגען פון לאַנד מיט די אידעאַלן פון פאָלק. די פאָלק־אידעאַלן אַליין זיינען צו שוואַך. איך האָב גענוצט דאָס וואָרט „פאָלק־אידעאַל" וואָס מיינט עס ?

אַ נאָרמאַל־געזונטער מענטש גלייבט אין זיך : ער איז ביי זיך אַליין גע־

רעכט, וואָס ער טוט איז מסתמא גוט, אַזוי דאַרף מען האַנדלען. יעדער „איך" איז געדעכט פאַר זיך. און ווי אַ יחיד, אַזוי אויך אַ קאָלעקטיוו, אַ פאָלק. יעדער מענטש גלייבט אַז זיין פאָלק איז בעסער, איז אין זיין אויפפיר בעסער. „מיר זיינען אַזוי און אַזוי דאַרף מען זיין", אַזוי גוט. איטלעך פאָלק האָט זיך זיין „אתה בחרתנו". עס איז נאַטירלעך, אַזוי ווי עס איז נאַטירלעך אַ מענטש זאָל זיך מער ליב האָבן, אַ מענטש זאָל ליב האָבן מער זיין משפחה, זיין מאַמען, אַזוי אויך — זיין פאָלק. אַלע פירונגען פון מיין פאָלק זיינען מיר ליבער, אַנגענעמער. איך וויל מיט זיי בלייבן; איך וויל מיר זאָלן מיט דעם בלייבן. דאָס איז דער „פאָלק־אידעאַל", דאָס איז אויך די אמונת ישראל, דער גלויבן אין יידישקייט. ביי יידן איז געבליבן די אמונה אין אלוהי ישראל אָבער עס האָט פאַרפעלט די אמונה אין עם ישראל. דערפאַר האָבן יידן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט פאַרהייליקן, פאַר־יידישן נאָך אַ צווייט ווינקל, אַן אַנדער לאַנד ווו זיי האָבן געלעבט לענגער און אויפטוערישער מער ווי אין ארץ ישראל. עס פעלט אין אונדזער כאַראַקטער די אמונת ישראל, דער יידישער פאָלק־אידעאַל. האָט עס ארץ ישראל געשטאַרקט דעם עם ישראל אוןביידע צוזאַמען האָבן באַשאַפן אָט די ניסימדיקע דערשיינונ־גען אין דעם קורצן ביז־איצטיקן לעבן פון מדינת ישראל. דערפאַר איז דער טערי־טאָריאַליזם ניט געלונגען. מילא גויים האָבן גאָרניט געוואָלט געבן קיין טערי־טאָריעס — פאַר זיך אַ געשיכטע. אַלץ וואָס מען האָט יאָ פאַרגעלייגט איז אַלץ געווען פרעמדס, קאָלאָניעס, קיין אייגנס האָט מען ניט געגעבן אָבער דאָ איז פאַר אונדז וויכטיק דער צווייטער מאָמענט — דער טעריטאָריאַליזם האָט ניט געהאַט ווער עס זאָל אים אָננעמען.

ווען הערצל איז געקומען מיט דעם אוגאַנדע־פּראָיעקט אין 1903 איז עס געווען אין צייט פון גרויסן געלאָף פון רוסלאַנד, פון רומעניע, קעשענעווער פּאָגראָם, דערוואַרטונג פון נאָך פּאָגראָמען. דאָס פאָלק איז געלאָפן וווהין די אויגן טראָגן. הערצל האָט גערעדט וועגן אַ „נאַכט־אַזיל" — אַן איבערוואַרטונג פאַרן לעבעדיקן פאָלק, וואָס לויפט און וויל זיך ראַטעווען. האָבן דווקא די ציוניסטן פון רוסלאַנד, די נאָענטסטע צום פייער, געזען אין דעם אַ פאַרראַט, אַ בגידה אין ציוניזם, אין ארץ ישראל. ווי דער ציוניזם וואָלט זיך פאַרמאָסטן ניט צו ראַטעווען דאָס פאָלק ישראל, נאָר מערער, דאָס לאַנד ישראל פון זיין פאַרוויסטונג.

מילא די בונדיסטן און אַנדערע סאָציאַליסטן האָבן בכלל דאָך ניט געהאַלטן פון עמיגראַציע, מען דאַרף זיצן אויפן אָרט און קעמפן, קעמפן פאַרן סאָציאַליזם. ער וועט מירצעשעם קומען, וועט שוין זיין במילא גוט. מען וועט ניט דאַרפן לויפן. עס איז אויך אַ גלויבן אין משיחן. ניטאָ קיין משיח פאַר יידן! גענוג איין משיח פאַר רוסלאַנד און מער דאַרף מען גאָרניט. עס איז גאָר אַן עבירה צו העלפן אָרגאַ־ניזירן די עמיגראַציע. ביי די אַלע ריכטונגען איז געווען אַן אידעע, וואָס איז

עפנטלעך ניט אַרויסגעזאָגט געוואָרן: אַסימילאַציע איז דער נאַטירלעכער און געזונטער אויסוועג פון דער יידן־פראַגע. צי אויף דער אָדער אויף יענער זייט פון אַטלאַנטיק — אַלץ איינס. אָבער די ציוניסטן — זיי האָבן לכתחילה פאַרבונדן דעם גלויבן אין אַ צוקונפט פאַר יידן נאָר מיט ארץ ישראל, זיי האָבן שלום געמאַכט מיטן אונטערגאַנג פון יידישקייט אין דער וועלט, ווי דאָס וואָלט געווען אַ ראיה פאַרן ציוניזם. וואָלט דאָ געווען די אמונת ישראל, וואָלטן געטרייע יידן קיינמאָל ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק פון אויסיידישונג אין גאַנצן „חוץ לארץ" אויסער ארץ ישראל. נאָך מערער איז דאָך דער עצם ציון־אידעאַל געווען לכתחילה פאַרבונדן מיט אַ ווייליקן אָפּזאָג פון יידישקייט. האָט דאָך לכתחילה ציוניזם זיך פאַרבונדן מיט אַ צווייטן אידעאַל — זיך באַפרייען און אָפּזאָגן זיך פון דער גאַנצער „גלות־יידישקייט". דאָס איז דאָך געווען די באַרימטע, געפריידיקטע און געגאַרטע „שלילת הגלות". דער טעריטאָריאַליזם האָט ניט אַרויסגערופן קיין סימפּאַטיע שוין דערמיט אַליין וואָס ער האָט ניט פאַרבונדן זיך מיט עפּעס אַ „שענערער, אַ בעסערער יידישקייט" ווי אָט די פּראָסטע „גלותדיקע יידישקייט". די שלילת הגלות האָט זיכער געהאָלפן דעם ציוניזם ווי אַן אידעאָלאָגיע.

איז אָבער די שלילת הגלות־אידעאָלאָגיע געווען און געבליבן דורכויס גלות־פּסיכיק. איז גלות־פּסיכיק געבליבן, געהאַלטן זיך פעסט און זי האָט געהאָלפן בעגירן זאַכן וואָס זיינען געווען אין תוך אַריין אַנטי־גלות. לאָמיר זען: וואָס מיינט גלות? גלות מיינט ניט סתם געאָגראַפיע — פאַרטריבן פון דער אייגענער היים, לעבן אין דער פרעמד. אַ סך וויכטיקער איז דער גייסטיקער גלות, אחד העמס „קנעכטשאַפט און פרייהייט" — גלות מיינט אָפּהענגיקייט, האַלטן זיך דערונטערדיק, נידעריקער, דראַנג־פאַרלאַנג זיך צוצופּאַסן, אָננעמען יענעמס פאָרמען, שטעלן יענעם העכער פון זיך. האָט דער ציוניזם טיף געליטן פון אָט דער גייסטיקער, מאָראַלישער אייגענער סובאָרדינירטקייט. דאָס איז דאָך אין תוך אַריין גלות. און געטריבן דורך דער גלות־פּסיכיק האָט מען זיך אָפּגעזאָגט פון דער אין גלות אויפגעבויטער קולטור, וואָס זי איז געווען דער כוח, וואָס האָט געהאָלפן גובר זיין דעם גלות, איינהיטן דעם אייגענעם גייסטיקן פאַלקישן „איך" אפילו אין גלות. דאָס איז געווען איבערגעדרייט די יוצרות: די גלות־פּסיכיק האָט באַקעמפט דאָס אַנטי־גלותדיקס אין אונדז. דער צושטאַנד איז קיינמאָל אָבער ניט געווען אַזוי מסוכן ווי איצט. אין דער פריערדיקער שטעטלשער תקופה האָבן יידן געלעבט נאָר צווישן יידן. היינט לעבט יעדער ייד באַזונדער אין אַ ניט־יידישער געזעלשאַפט. פריער האָט אַסימילאַציע פאַרלאַנגט אָנשטרענג פון ווילן, היינט איז נויטיק אָנשטרענג און ווילן כדי צו בלייבן אַ ייד.

מען דאַרף דערביי מודה זיין אַז אָט די פאַלשע שלילת הגלות איז געפעלן

געוואָרן יידן. עס איז געווען אין גייסט פון פאָלק. אַנדערש ווי ביי אַנדערע פעל־קער, וואָס ביי זיי איז דאָס פאָלקישע ליב און טייער, איז ביי יידן דאָס היימישע, דאָס פאָלקישע ניט באַליבט, ניט טייער. האָט דווקא די אויסיידישונג געצויגן, מען האָט אין דעם פאַרווילדעטן לאַנד זיך דערפילט פריי פון דעם גלות איבער זיך און מען האָט שטאַרק זיך געריסן צו באַפרייען פון דעם גלות אין זיך. און אַט דער „גלות" איז געווען גאָר דאָס פאָלקישע. און דאָס האָט זיכער מיטגעהאָלפן בויען דעם יִשוב אין ארץ ישראל, אין די אַנדערע אימיגראַציע־לענדער איז אויסיידישונג געגאַנגען דירעקט צו אַסימילאַציע מיט לאַנדפאָלק. אין דעם יִשוב ארץ ישראל איז עס געגאַנגען אין אַריינגיסן זיך אין דעם אייגענעם פאָלק פון אַ פאַרצייטיקער תקופה.

אָבער די אויסשיידונג איז געבליבן. אַ פאַלשער חשבון, אַ טעות, אָבער אַזוי איז געגאַנגען דאָס לעבן: מיטן אָנקום פון אורבאַניזם איז אויך אָוועק די יידיש־קייט פון שטעטל.

תקופות אין דער יידישער געשיכטע און תקופות אין דער יידישער קולטור:

1. — תקופה פון די אבות (ביז משה) — וואַנדערער. שבטים, שטייגער־קולטור, מצרים.

2. — לאַנדווירטשאַפטס־תקופה. כנען, תורת משה, פאַמעלעכער אויפקום פון פאָלקס־באַוווסטזיין ביי אַ טייל שבטים: איין שפּראַך — עברית.

3. — פערסישע תקופה. פעסטער צונויפשמעלץ פון פאָלק־גאַנצקייט, נייער שטייגער (אָדער תורה שבעל פּה) צוויי שפּראַכן עברית אין קולט, אַראַמיש אין לעבן און אין תלמוד תורה: פיקסירונג פון דער קולטור פון דער פריערדיקער תקופה אין שריפט (תורה שבכתב) און דער צונויפפלעכט פון אַט דער תורה שבכתב מיט דער אַקטועלער שטייגער קולטור פון „תורה שבעל פּה"; זאָרג פאַרן קיום האומה — צוויי ריכטונגען — מלוכה־ריכטונג און שטייגער־ריכטונג (צדוקים און פרושים); דערציִונג און בילדונג (תינוקות של בית רבן און ישיבות).

4. — גלות־תקופה. דאָס איינציקע פאָלק וואָס לעבט אָן מלוכה נאָר מיט פאַרזיכיקן שטייגער, וואָס ווערט פיקסירט ווי רעליגיע; אויטאָנאָם־פאַרזיכיק (ווי אין בבל); סאָציאַל פאַרזיכיק (ווי אין אייראָפּע) ווי אַ באַזונדער סאָציאַלער קלאַס — די תלמודיש־שטעטלשע תקופה: דריי שפּראַכן: עברית און אַראַמיש אין קולט און יידיש אין לעבן. אין לערנען אַלע דריי צוזאַמען.

5. — אורבאַניזם. ניטאָ קיין סאָציאַלע קלאַסן, אונטערגאַנג פון פאַרזיכיקע יידישע קאָלעקטיוון אין די שטעטלעך מיט זייער פאַרזיכיקן שטייגער, וואָס איז געווען רעליגיעז פאַרהייליקט. אויפקום פון דער נייער וועלטלעכער קולטור אין

שריפט און קונסטן. זי איז דער פּראָדוקט און סומירונג פון שטעטלשן קולטור־שטייגער; די גסיסה פון אָט דער קולטור אָן דעם פּאַרזיכיקן שטעטלשן קולטור־שטייגער, וואָס איז אומגעקומען. דער אויפקום פון דער יידישער מדינה מיט איר אַלזייטיקער פּאַרזיכיקייט אין שטייגער, אין סאָציאַלן לעבן, אין עקאָנאָמיק און פּאָליטיק.

## וועגן דער צוקונפט פון יידישן פאָלק

ווייסן מיר דערוויַיל גאָרניט. מיר קאָנען וויסן נאָר וואָס מיר פּאַרלאַנגען עס זאָל זיין. און דאָס איז:

1. — קיום פון יידישן פאָלק מיט זיין פּאַרזיכיקן קולטור־שטייגער אין דער וועלט פון אַנדערע פעלקער מיט זייערע קולטור־שטייגערס.

2. — דער פּאַרזיכיק יידישער קולטור שטייגער דאַרף באַשטיין פון: המשך פון דער שטעטל־קולטור מיט אירע דריי שפּראַכן — עברית און אַראַמיש אין קולט און יידיש אין לעבן און לערנען; מיט אירע שריפטן (ליטעראַטור און קונסטן). דער צווייטער פּרינציפּ פון דער צוקונפטיקער פאָלקישער פּאַרזיכיקייט איז הבדלה — איטלעך פאָלק פאַר זיך מיט זיין קולטור־שטייגער און אַזוי אויך יידן: עקאָנאָמיש אַלע צוזאַמען, קולטור־שטייגעריש איטלעך פאָלק פאַר זיך.

3. — די יידישע מדינה מיט איר אַלזייטיקער פּאַרזיכיקייט אויף אַלע געביטן פון לעבן. זי קאָן בעסער פון אַלע אַנדערע ישובים אויפבויען די קולטור פון דער אָנקומענדיקער תקופה: פּאַרוואַנדלען דאָס אונטערגעגאַנגענע שטעטל מיט זיין קולטור פון בעל פה אין בכתב — תלמוד תורת השטעטל; אַריינפירן דאָס אַלץ אין סכום פון דערציִונג־קולטור. און משפּיע זיין אָט די המשך־הבדלה־קולטור אויף אַלע יידישע ישובים פון דער גאָרער וועלט. דאָס איז די איינהייט און די גאַנצקייט פון דעם יידישן לאַנדפאָלק מיט דעם וועלטפאָלק יידן.

4. ארץ ישראל און דער עם ישראל אין אַלע גלותן — זיינען און דאַרפן זיין איין פאָלק. די גלותן גייען זיך ניט ליקווידירן. דאָס יידישע פאָלק דאַרף ווי געווען בלייבן אַ וועלטפאָלק. פּאַלש און שעדלעך, אַז די יידישע מדינה זאָל כלומרשט דאַרפן זיין דאָס פאָלק ישראל. מיין באַבע פלעגט זאָגן: מייגע שונאים זאָלן בלייבן מיט איין אויג אין קאָפּ און מיט איין צאָן אין מויל. גיב איך צו — און מיט איין ישוב אין דער וועלט. מדינת ישראל דאַרף און וועט דאַרפן די הילף פון די יידישע ישובים איבער דער וועלט. און די ישובים אין דער וועלט, דאָס וועלט־פאָלק וועט דאַרפן די יידישע מדינה. אָבער ניט ווי אַ „מרכז רוחני״, אָדער מרכז

הרוח, ווי אחד העם האָט עס געמיינט. רוח — נשמה קאָן זיין נאָר צוזאַמען מיטן גוף. רוח ישראל דאַרף זיין אין אַלע ישובים, איבער אַלע ישובים. איין פאָלק איז איין גייסט. אָבער ארץ ישראל, מדינת ישראל איז דאָך דער איינציקער ישוב אָן אַ צווייטער הערשנדיקער קולטור. דאָרטן פאַרשפאַרט מען דעם אָנשטרענג צו זיין אַ ייד, וואָס מען דאַרף עס אין גאַנצן חוץ לארץ. וועט דאָרטן במילא ווערן די שמידעריי, וואָס דאַרף פון דער שטעטלשער בעל פה־קולטור אויסשמידן די תורת השטעטל שבכתב, וואָס זי וועט זיין און זי דאַרף זיין דער יסוד פון דער אור־באַנישער קולטור. אַזוי איז דאָס געזעץ פון לעבן און פון המשך פון יידישן קיום דורך אַלע ביז איצטיקע תקופות און אַזוי דאַרף עס זיין אויך ווייטער.

איך וועל פּרובירן פאָרמולירן אָט דאָס קיום־געזעץ פון דער יידישער איי־ביקייט: די שטייגער־קולטור, אָדער „תורה שבעל פה" פון אַ תקופה וואָס גייט אַוועק דאַרף פיקסירט ווערן בכתב און ווערן דער יסוד פון קולטור־שטייגער אין דער נייער תקופה. דורך אומוועגן וועט די מדינת ישראל קומען צו דעם.

# לייוויק דער דיכטער
# פון יידישן געוויסן

ויהי דבר ה׳ אל הנביא (מלכים א׳ יג׳ 20)

## קונסט בכלל

וואָס איז קונסט און וואָס איז די אויפגאַב פון קונסט? קונסט איז אַלע מאָל און אומעטום אַן אויסדרוק פון אידעען, געדאַנקען און געפילן. אַ מענטש איז אַ מענטש טאַקע דערפאַר וואָס ער קאָן איבערלעבן אין זיך אידעען און געדאַנקען און געפילן, דאָס וואָס קיין אַנדער באַשעפעניש קאָן עס ניט. אָבער די אַלע איבערלעבונגען זיינען אין נשמה אַלע מאָל שטום, אָן אַ פאָרעם, אָן אַ געשטאַלט, זיי האָבן ניט קיין אויסזען און ניט קיין אויסדרוק. יעדע נשמה באַזונדער איז אַ פינצטערע וועלט פאַר זיך. גייסט, רוח, אָטעם, נשמה — עס איז אַ וועלט וואָס מיר קאָנען ניט אויפנעמען מיט אונדזערע חושים, ניט דאָס אויג, ניט דאָס אויער, ניט אויפנעמען מיט דער האַנט. אַז מען דערמאָנט נאָר דאָס וואָרט „גייסטער" דערשרעקט מען זיך; עפּעס איז אַרום אונדז פול מיט זיי, מיר ווייסן זיי ניט און גאָט ווייסט וואָס עס איז אין זיי, אַ פרעמדע, אַן אומבאַקאַנטע וועלט רינגלט אונדז אַרום. די יידישע קבלה רופט עס אָן „נש־מות דאזלין ערטילאין" — אַ וועלט פון אומבאַקאַנטע, ניט געהערטע און ניט געזעענע, נאַקעטע, אָנגעשטאַלטיקע, בלינדע און שטומע נשמות... נאָר קונסט, קונסטן קאָנען אָט די שטומע און בלינדע וועלט אָנקליידן, מיר זאָלן זי קאָנען באַגרייפן, באַנעמען, די טיף־טיפע פאַרבאָרגענע נשמות קריגן אַ גוף, דערפאַר איז קונסט די פאַרקערפּערונג פון גייסטיקע איבערלעבונגען. קונסט באַלייכט די וועלט פון גייסט. מיינע איבערלעבונגען — אידעען, געדאַנקען, געפילן קאָ־נען קריגן אַ וועג צו יעדן אַנדערן מענטשן. די מיסטעריעזע וועלט ווערט דורך קונסט באַלויכטן פריינדלעך; זי דערנענטערט מענטש צו מענטש. נאָר דורך קונסט קאָנען מענטשן זיין צוזאַמען, אין אייניעם.

קונסטן אונטערשיידן זיך לויט די מאַטעריאַלן, אין וואָס זיי פאַרקערפּערן זיך און לויט די מעטאָדן ווי זיי ווערן באַלעבט — מוזיק, סקולפּטור, מאָלעריי,

באַוועגונג, קלאַנג און וואָרט, פּאָעזיע. איך פּערזענלעך וואָלט צו קונסטן צו־גערעכנט אויך וויסנשאַפט, אָבער איך וועל ניט אַרגומענטירן וועגן דעם. פאַראַן איבערלעבונגען, איז פאַראַן דער איבערלעבער. אָן איבערלעבונגען איז דער מענטש נאָר אַ בהמה. דער סכום פון די איבערלעבונגען — דאָס איז די נשמה. וואָס מער איבערלעבונגען, אַלץ רייכער, אַלץ פילזייטיקער איז דער מענטש.

ווייט ניט אַלע מענטשן זיינען געבענטשט מיט דער פעיִקייט צו קאָנען אויסדריקן זייערע איבערלעבונגען. די גאַנצע דערציִונג אין דער וועלט זאָרגט זייער ווייניק צו אַנטוויקלען אָט די פעיִקייט. די נשמה פון אַ מענטשן איז גע־גליכן צו אַ גאָלד־גרוב, צו אַ מינע מיט טייערע שטיינער, וואָס מען דאַרף אַרויסגראָבן פון דאָרטן און עס שלייפן, זיי זאָלן גלאַנצן און לייכטן. זעלטן וועלכע לערערס און וואָסערע שולן עס קאָנען טאָן און וואָס טוען דאָס. די גרעסטע מערהייט מענטשן דערטרינקען זייער אייגענע נשמה אין אַ ים פרעמדע, אָנ־געהערטע און אָנגעלערנטע ווערטער, אַז זיי אַליין האָבן גאָר ניט קיין אייגענעם „איך".

## די קונסט פון וואָרט

אָט דערפאַר איז אונדז טייער יעדער דיכטער, יעדער קינסטלער — ער באַלייכט די געהיימע נשמה־וועלט, אונדז ווערט ליכטיקער, היימלעכער, פריינד־לעכער. מיר אַליין — פשוטע מענטשן ווי מיר זיינען — דערפילן אָפט אין דער קונסט זיך אַליין, אונדזער אייגענע נשמה ווערט באַלויכטן פאַר אונדז אַליין.

אָבער די נשמה פון אַ מענטשן איז לגמרי ניט קיין נייע, ניט קיין ליי־דיקער, אָפּגעווישטער טאָוול, קיין „טאַבולאַ ראַזאַ", ווי עס האָבן געלערנט אַמאָליקע פילאָסאָפן. ניין, אונדזערע נשמות טראָגן אין זיך דערפאַרונגען פון דור־דורות אָן אַ צאָל, ניט וויסנדיק און ניט פילנדיק חזרן מיר איבער דעם אינהאַלט און די פאָרמען וואָס אונדזער פאָלק האָט איבערגעלעבט אין זיין געשיכטע. עס טרעפט — איר הערט ווי אַ מענטש רעדט פון זיך, פון זיין אייגענער נשמה, און איר דערפילט אָבער באַלד: אַזוי האָבן גערעדט און אַזוי האָבן געפילט דורות פון פאָלק. דאָס זיינען די נאַציאָנאַלע דיכטער. קליין איז זייער צאָל, און דערפאַר זיינען זיי טייער דעם פאָלק, אַלע דורות. עס טרעפט אויך אַז דאָס פאָלק, די לעבעדיקע מענטשן פון פאָלק פאַרלירן אין זיך דעם גייסט פון זייערע דורות· פאַראַן קראַנקייטן ווען אַ מענטש, אַ יחיד פאַר־לירט זיין פּריוואַטן זכרון, און פאַראַן קראַנקייטן ווען מאַסן, דאָס גאַנצע פאָלק פאַרלירט דעם פאָלקישן זכרון, טרעפט דעמאָלט אַז דווקא געציילטע יחידים,

יחידי־סגולה — זיי היטן איין דעם אמתן גייסט פון פֿאָלק, די פֿאָלקישע נשמה רעדט אַרויס דורך זיי. די נשמה פון אַ פֿאָלק — דאָס איז דער גאָט פון פֿאָלק. אין דער יידישער געשיכטע האָט עס אַ סך מאָל געטראָפֿן און עס טרעפֿט כסדר אַז דאָס פֿאָלק וויל פֿאַרגעסן די אייגענע נשמה, פֿאַרלאָזן דעם אייגענעם גאָט, און דווקא געציילטע איינציקע יחידים היטן אויף דעם גייסט, דעם גאָט פון פֿאָלק. אליהו הנביא און אויך אַנדערע קלאָגן זיך אַז זיי זיינען געבליבן איינזאַם, דאָס פֿאָלק ווערט אַוועקגעצויגן צו אַנדערע פֿעלקער, צו אַנדערע געטער. אוי, טרעפֿט זיך דאָס ביי יידן! און דעמאָלט איז גרויס און הייליק די אויפֿגאַב פון דעם נאַציאָנאַלן נביא, פון דעם אמתן נאַציאָנאַלן דיכטער — — נביא און כוהן — צוויי ברידער — משה און אהרן, דער נביא און דער כוהן משה דער נביא לערנט דאָס פֿאָלק זיין תורה, די תורה פון זיין האַרץ, פון זיין נשמה, פון זיין גאָט. און ווי נאָר ער קערט זיך אָפּ אויף אַ צאָל טעג, שוין וויל דאָס פֿאָלק טאַנצן אַרום אַ פֿרעמדן קעלבערנעם גאָט. און דער כוהן פֿאָלגט, ער טוט וואָס דאָס צעווילדעוועטע פֿאָלק וויל... און ווען איר קוקט זיך צו איצט אין אַלע דורות און איר זעט ווי די באַצאָלטע כוהנים, ווי מען רופֿט זיי אַלע מאָל מיט אַנדערע נעמען, ווי זיי פֿאָלגן און ווי זיי טאַנצן די ערשטע אַרום די פֿרעמדע געטער, זיי זיינען ווי אַרמילוס אין לייוויקס „גאולה־קאָמעדיע", געבוירן פון אַ שטיין און זיי דינען אייביק נאָר דעם היינט. דער פֿאַלשער נביא איז אַלע מאָל פון דעם „היינט". אַלע מאָל, אין אַלע דורות זיינען ביי אונדז געוועזן אַזוינע פֿאַלשע נביאים, און זיי זיינען אַלע מאָל אַ סך, אָבער אליהו — דער אמתער נביא, דער נביא פון פֿאָלקישן גאָט בלייבט איינער... אָבער דער־פֿאַר איז ער אין פֿאָלקס זכרון געבליבן דער אייביקער באַגלייטער פון יעדן יידן אַ גאַנץ לעבן און ער וועט אונדז אָנזאָגן די גוטע בשורה אַז דאָס פֿאָלק ווערט אויסגעלייזט פון פֿרעמדע גלותן און פון פֿרעמדע געטער. און עס איז ביי יידן פֿאַראַן אַ גלויבן: אין יעדער צייט איז געגוג אַז עס זאָל בלייבן אפֿילו ניט מער ווי זעקס און דרייסיק, ל"ו צדיקים, אמתע יידן, און זיי זיינען דאָס פֿאָלק, ניט די גרויסע צאָלן מיט זייערע אויסגעפּוצטע כוהנים, מיט זייערע פֿאַרגווייִשטע נעמען און פֿאַרגווייִשטע ציינגער אין די אויסגעפּוצטע זאַלן... זיי, די יחידים, די געציילטע ל"וניקעס, זיי היטן דעם פֿאָלקס גייסט. זיי געהערן ניט צו איין דור. אָט פֿרעגט לייוויק „וואָס איז אַ דור (צי דאַרף איך נאָר דעם דור פון היינט געהערן?)". ער רעכנט ווייטער אויס אַלע דורות: הבל, יצחק מיט דער עקדה, משה מיט די מרגלים, ירמיהו באַוויינט דעם חורבן, ר' עקיבא, לעקערט, באַטווין, זכריה פון תנ"ך, און ברענער, און ער ענדיקט: „צי בויער איך, ניט דורך פֿיר גאַנצע טויזנט יאָר / מיט מיין געשטעמפּלטן, פֿאַרהאַרטע־

װעטן שטערן ?״... דאָס איז דער אונטערשייד צווישן אַרמילוסן דעם נביא פון יעדן הײנט און דעם תמיד אײנזאַמען נביא אָדער דיכטער פון ייִדישער אייביקייט.

## ביאַליק און לײװיק

פאַרשיידן זיינען געווען זייערע נעמען, אָבער אַלע מאָל זיינען זיי געווען די אויסדריקער פון דער ייִדישער אייביקייט, פון דער אייביקער ייִדישער נשמה. היינט זיינען זיי די ייִדישע דיכטער. אַ סך פון די וואָס ווילן מען זאָל זיי האַלטן פאַר אַזוינע זיינען דאָס ניט. אויך ווייט ניט אַלע אַנערקענטע ייִדישע דיכטער. צוויי האָט דאָס פאָלק געקרוינט מיט דעם טיטל פון פאָלקס דיכטערס — ביאַליק אין העברעיִש און לייוויק אין ייִדיש. פאַרשיידן איז געווען זייער גורל ביים פאָלק. ביאַליק איז געווען און געבליבן פאַרהייליקט, זיין יאָרצייט ווערט גע־פּראַוועט צוזאַמען מיט הערצלס. ווען לייוויק איז געקומען דאָס ערשטע מאָל אין ארץ־ישראל האָבן לערערס אין אַ פאַרזאַמלונג אין ״אוהל שם״ ספּעציעל פּראָטעסטירט פאַר וואָס מען נעמט אים אויף. דערציִערס פון פאָלק קעגן דעם דיכטער פון פאָלק. אַ נאַציאָנאַלע פּאַרטיי האָט אייגעאָרדנט אויף דער גאַס ביים טעאַטער ווו לייוויק האָט געדאַרפט ריידן — אַ פּויקן־קאָנצערט כדי צו פאַרהילכן זיין שטים... אָבער ניט מיט צופעליקע שטימונגען פון המון שאַצט מען דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון אַ דיכטער.

גרויס זיינען די אויפגאַבעס פון אַן אמתן דיכטער: טיף פאַרבאָרגן זיינען די שטומע איבערלעבונגען פון איין מענטשן, נאָך מער פאַרבאָרגן זיינען די מיסטעריעס פון אַ גרויסן און דורותדיקן פאָלקישן קאָלעקטיוו. ניט אין פאַר־גלייך נאָך מער זיינען שווער די וועגן פון אונדזער פאָלק וואָס לעבט צווישן אַנדערע פעלקער צוויי־דריטל פון זיין געשיכטע. עס איז גאָר אַ זעלטענער זכות פון יחידי־סגולה צו קאָנען אַרויסברענגען די פאַרבאָרגענע, אינטימסטע איבערלעבונגען פון פאָלקס נשמה. ניט די רעליגיעזע פאַרשטייערס, די כוהנים, די יורשים פון אהרן הכוהן וואָס זיי גיבן זיך אונטער דעם פאָלקס מאָמענט־בלאַנדזשעניש און זיינען גרייט אפילו צו מאַכן פאַר דעם המון אַ גאָלדענעם קאַלב, אויב נאָר מען קאָן דערמיט געפעלן דעם המון. ניט זיי זיינען די אַנט־פּלעקערס פון פאָלקס אייביקער נשמה, נאָר די געצייליטע, אָפּט איינזאַמע דיכ־טערס. זיינען אפילו בנוגע צו ביאַליקן געווען און זיינען דאָ טענות, אַז ער האָט אויך געהאַט שווערע טעותים, אָבער בנוגע צו לייוויקן זיינען ניט געווען און עס קאָנען ניט זיין קיין ענלעכע טענות. ווייל מען קענען־לערנען דעם איינפאַכן סוד פון די קאָמפּליצירטסטע געפילן פון ייִדישן פאָלק, קאָן מען זיי געפינען ביי לייוויקן.

# איינזאַמע פאָלקישע דיכטערס

ווי קומען די געציילטע, איינזאַמע פאָלקישע דיכטער צו דעם זכות?

אַמאָל פלעגט מען דאָס דערקלערן מיט אַ מיסטישן, ניסימדיקן „גילוי שכינה״ אָדער „גילוי אליהו״ — גאָט אַליין האָט זיך באַוויזן צו דעם נביא און פאַרויסגעזאָגט זיינע סודות. „שמעו את דבר ה׳!״ האָבן די נביאים געגלייבט מיטן גאַנצן האַרצן אין דעם. שפּעטער, אין דער תלמודישער צייט האָבן די חז״ל שוין געזאָגט, אַז די נבואה איז אַריבער פון די נביאים צו די חכמים, וואָס זיי, די וואָס פאַרטיפן זיך אין דער יידישער תורה זיינען העכער פון די נביאים (חכם עדיף מנביא). אויף אַ ריין מאַטעריאַליסטישן אופן ווילן דאָס באַנעמען די קריסטן. דער רוסישער דיכטער פּושקין, אַז ער וויל דערציילן ווי עס ווערט אַ נביא, באַשרייבט ער ווי אַ מלאך נעמט ביי אים צו זיינע פלייש[ע]נע, מענטשלעכע אָרגאַנען און גיט אים אַנשטאָט זיי הימלשע אָרגאַנען... דער יידישער דיכטער-נביא ישעיהו דער ערשטער האָט נאָך גאָר פאַרצייטן דערציילט, אַז דער מלאך האָט באַרירט זיינע ליפּן מיט אַ פונק גענומען ניט פון הימל, נאָר פון אַ מזבח. און דעם מזבח האָבן געבויט דאָך גאָר דווקא מענטשן. אָט פון וואַנען עס קומט דער געטלעכער גייסט — פון די פאָלקישע מזבחות.

וועלן מיר איצט זיך צוהערן וואָס עס זאָגט לייוויק אַליין וועגן דעם וואָס עס איז אַזוינס אמתע פאָלקישע דיכטונג. ער זאָגט: „פּאָעזיע איז סיי אַ מין פערזענלעכע השתפכות הנפש סיי אַן אויסדרוק פון דערפאַרונגען, בענקשאַפטן, האָפענונגען פון אַ פאָלק;ביידע צושטאַנדן פורעמען זיך אויס אין ווערטער, וואָס דער דיכטער קריגט אַרויס פון די טיפעניש[ן] פון לעבן״; „יידישע דיכטונג״, — זאָגט ער ווייטער — „איז אַן ספק אויך היינט אַן אויסשראַלונג פון דער גאַנצער טויזנטיאָריקער מענטאַליטעט און זי איז אין תוך אַ רעליגיעזע איבערלעבונג״. ער איז זיך מודה אַז ביים שרייבן אַ ליד פילט ער „ווי ער וואָלט תפילה געטאָן״ („עסייען און רעדעס״, ז׳ 47).

ביי יידן איז אָנגענומען דער מאָמענט פון יחוד, מען איז זיך מתיחד מיט זיך אַליין מיט דעם גאָט וואָס אין האַרצן, מיט די אייגענע טיפע געדאַנקען, געפילן, וואָס זיינען ניט אויסגעלערנט און ניט אָנגעלערנט, ניט אָנגעהערט און ניט אָנגעהויכט פון קיינעם, די געדאַנקען און געפילן וואָס זיינען ניט אויסגערעכנט פאַר קיינעם, ניט צו געפעלן דעם קויפער. און אויב די נשמה פון דעם מענטשן איז אָנגעזאַפּט מיט גייסטיקער ירושה איז זי אין די מאָמענטן פון יחוד באַהעפט מיט דעם גייסט פון דורות, מיט דעם פאָלק, מיט זיין גאָט. דער צושטאַנד איז דער וואָס דער בעל-התהלים זאָגט עס: „שוויתי ה׳ לנגדי תמיד״. יהואש זעצט עס איבער: „איך האַלט גאָט פאַר זיך תמיד״. און פּאַסיקער וואָלט גע־

ווען עס איבערצוזעצן: „איך לעב איבער גאָט פאַר מיר". יידן הענגען דעם פּסוק אויף קעגן דעם חזןביים עמוד. נאָך העכער איז די מדרגה פון „שויתי ה' בקרבי תמיד" (איך לעב איבער גאָט אין זיך תמיד). דאָס איז דאָס געפיל פון דעם אמתן אויפריכטיקן דיכטער. און ניט בלויז פון דיכטער, נאָר פון יעדן שעפערישן מענטשן וואָס גלייבט אין זיין אַרבעט, אין זיין שאַפונג. ניט נאָר דער דיכטער, נאָר אויך דער פּראָצעס פון שאַפן תורה און פּראָדוצירן וויסנשאַפט ווען זיי זיינען לשמה, אויך זיי זיינען געטלעך הייליק... און פאַרקערט, איז די גאַנצע פרומקייט, די רעליגיע ניט געטלעך ווען זי איז ניט לשם שמים, ווען זי האָט אַלערליי אַנדערע מאָטיוון, אויסרעכענונגען און קאָמבינאַציעס. דאָס איז דער זינען פון פאַרבאָט ניט צו דערמאָנען גאָטס נאָמען אומזיסט. ווען דעם פאָלקס נשמה פאָרמולירן הייסט זי מחלל זיין. איבערהויפּט זיינען דאָ שעדלעך די פאָרמולירטע איבערלעבונגען. אַן איבערלעבונג איז אמת ווען מען לעבט זי איבער, אַ פאָרמולע פון אַן איבערלעבונג איז שוין טויט. די פאָרמולע פון וואָסער קאָן קיין איין דאָרשטיקן ניט אַנטרינקען און די פאָרמולע פון אַ גאָט איז שוין דער גאָט טויט. דאָס איז דער אמתער זינען פאַר וואָס מען האָט פאַרבאָטן צו פאַרשרייבן די תורה שבעל פה, די יידישקייט וואָס איז אין לעבן. מען טייטשט עס געוויינטלעך צו פלאַך, ווי סתם אַ קאַפּריז. אָבער דער טיפערער זינען איז אמת און גילטיק אַלע מאָל און אומעטום: מען טאָר ניט מאַכן טויטע פאָרמולעס און קאַטעכיזמען פון לעבעדיקער יידישקייט. די פאָלקישע איבערלעבונגען גיבן זיך איבער דורך די דירעקטע איבערלעבונגען. און קונסט, פּאָעזיע איבערהויפּט, איז מסוגל אַרויסצופירן אין די הערצער די אמתע אינעווייניקסטע איבערלעבונגען. דאָס וואָס גייט אַרויס פון אויפריכטיקן האַרץ, דאָס דרינגט אַריין אין האַרץ. דער אמתער דיכטער, ניט דער קונציקער זשאָנגלער מיט ווערטער, דער דיכטער וואָס מאַכט ניט קיין קונצן, קיין אַקראָבאַטישע שטיק מיט זיינע ווערטער, דער וואָס ווייטאָגט אויס זיינע לידער־תפילות, דער זאַפּט אין זיך אַריין די נשמה־איבערלעבונגען פון זיין פאָלקס דורות און ער איז זוכה זיי איבערצוגעבן דורך זיינע ווערטער צו די ווייטערדיקע דורות. דאָס האָט מען פאַרצייטן גערופן „גילוי שכינה", אָדער „גילוי אליהו". אַ פּאָעטיש וואָרט ווירקט ניט מיט זיין טייטש, מיטן באַדייט ווי פון אַ ווערטערבוך, נאָר אַ פּאָעטיש וואָרט איז געגליכן צו אַ קלאַוויש פון אַן אָרגאַן. אַנגערירט אָט די קלאַוויש, און עס הילכן אָפּ בת־קולות אין די הערצער פון די לייענערס. דורות נאָך דורות יידן לעבן איבער דעם רעליגיעזן ציטער פון „כל נדרי", ניט ווויסנדיק און דאַרפנדיק וויסן דעם טייטש פון די משונהדיקע ווערטער. כל־זמן דאָס פאָלק לעבט און פילט פאָלקיש, קומט צו אים דאָס וואָרט פון אמתן דיכטערס האַרץ, הילכן אָפּ די הערצער פון לעבעדיקע

יידן. איטלעך ליד איז אייגנטלעך אַט אַזאַ תפילה. און דער אמתער דיכטער איז דער „שליח־ציבור" וואָס ברענגט אַרויס די איבערלעבונגען פון דורות און דורך אים נעמען זיי איבער נייע דורות. דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם נאַציאָנאַלן דיכטער.

## פאַלשע נביאים און פאַלשע דיכטערס

פונקט ווי אַמאָל זיינען ביי אונדז געווען אַ סך פאַלשע נביאים, אַזוי זיינען אויך פאַראַן פאַלשע דיכטערס. זיי מאַכן קונצן מיט ווערטער, כדי גע־פעלן צו ווערן, כדי צו קיצלען די פּיאַטעס. זיי פאַרשוועכן דאָס פּאָעטישע וואָרט. אָן אמתע נאַציאָנאַלע דערציִונג דאַרף צוגרייטן דורות זיי זאָלן קאָנען אויפ־נעמען דאָס וואָרט פון דעם נאַציאָנאַלן דיכטער. ווי איז אונדז וואָס מען האָ־דעוועט ביי אונדז דורות מיט פאַרמולעס פון לאַנג־פאַרשטאַרבענער אוראַלטער יידישקייט און מען שניידט זיי אָפּ פון דעם לעבעדיקן דיכטערישן וואָרט פון היינט. ווי און ווינד איז אונדז וואָס מען באַמיט זיך צו האָדעווען דורות מיט ברעקלעך פון פרעמדע דיכטונגען, מיט תפילות צו פרעמדע געטער און דורות בלייבן טויב צום אייגענעם פּאָעטישן וואָרט. און אַז טויב צום נעכטן — איז שוין אויך שטום צום נאַציאָנאַלן מאָרגן. לייוויק איז אונדזער פירשפּרעכער פון יידישן פאָלק. לייוויק דערציילט, ווי דער טאַטע פירט אים — אַ פינפ־יאָריק קינד מיט דער פאָן צו די הקפות, און ער — דאָס יידישע קינד — פילט זיך פעסט און זיכער אין דעם טאַטנס האַנט, „מעגן קומען שטורעמווינטן, וועלן זיי מיך ניט אָפּרייסן פון טאַטנס פעסטונג־האַנט („עסייען און רעדעס", ז' 13. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך ניט פון נאָר איינעם, פון זיין דירעקטן טאַטן, נאָר ער מיינט דאָ דעם אייביקן פאָלקישן טאַטן ביז אברהם אבינו. דאָס איז דער זעלבער אוראַלטער „בידך אפקיד רוחי" פון תהלים וואָס יידן פלעגן כסדר איבערחזרן.

## די שכינה שיינט פון גלות

און אַז דאָס פאָלק איז אין גלות, איז דער נאַציאָנאַלער דיכטער אויך אַ גלותדיקער, מיט דעם פאָלק אין גלות איז אויך די שכינה פון פאָלק אין גלות, דערפאַר איז אויך ביאַליק אין גאַנצן גלותדיק, הגם ער האָט אַ דריטל פון זיין שעפעריש לעבן געלעבט אין ארץ ישראל. דערפאַר האָבן טאָקע אַ סך

ישראלים געטענהט, אַז „פון ביאַליקן קאָן מדינת ישראל נעמען נאָר די העב־רעיִשע ווערטער, אָבער ניט דעם גלותדיקן אינהאַלט". (אַ ווערטערבוך אַזאַ, ביאַליק). ביאַליק איז געבליבן אַ נאַציאָנאַלער דיכטער טאַקע דערפאַר וואָס ער איז אַ גאַנץ לעבן געבליבן דורך און דורך גלותדיק, אפילו אַז ער האָט אַ דריטל פון זיין שעפעריש לעבן פאַרבראַכט אין ארץ ישראל. און אויף וויפל דעם יידישן פאָלק איז באַשערט אַ גאולה שלימה, אַ פולע פאַרזיכיקייט וועט עס זיין נאָר ווען די מדינה וועט געבויט ווערן פון דער גלות־קולטור. נאָר דער גלות קאָן בויען די גאולה. אָן דער גלותדיקער שכינה איז ניטאָ ווער עס זאָל בויען די גאולה. לייוויק האָט אין זיך איינגעזאַפּט אָט די פאָלקישע שכינה פון גלות, און טאַקע אָט די וואָס קאָנען אַריינפילן זיך אין לייוויקס פּאָעזיע, נאָר זיי קאָנען בענקען נאָך גאולה פון דעם יידישן פאָלק און נאָך מער נאָך דער גאולה פון דער יידישער געטלעכער שכינה. לייוויק האָט זיין לעצטע גרויסע און שטאָלצע גלות־רעדע געהאַלטן דווקא אין ירושלים, איידער ער איז קראַנק געוואָרן. אין אָט דעם נביאישן לעצטן וואָרט זיינעם האָט לייוויק ריכטיק געזאָגט, אַז דער גאַנצער תנ"ך איז געוואָרן תנכיש דווקא אין גלות, אַז דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן אַ תנ"ך־פאָלק נאָר אין גלות. לייוויק האָט אין יענער היסטאָרישער רעדע, וואָס איז אַליין אויך אַ שטיק תנ"ך, געזאָגט: „דאָ אויף דער ערד פון ירושלים זאָג איך — שוין צום וויפלטן מאָל: גלות איז שלעכט, ביטער, מיר דאַרפן פון אים אויסגעלייזט ווערן. אָבער דער ייד אין גלות איז געווען אַ וווּנדער, אַ שיינקייט, און עס איז אַ שטאָלץ צו שטאַמען פון אָט דער שיינקייט" (דאָרטן, ז' 113). עס איז, חלילה, קיין פאַרלייקענונג פון די שטרעבונגען צו גאולה, עס איז אָבער אַ שטאָלצע פאַרלייקענונג פון פאַרלייקענונג, פון דעם ווילן זיך אָפּרייסן, אָנהייבן גאָר פון אַ נייעם בראשית. לייוויק האָט אַ גאַנץ לעבן און אויך אין זיין לעצטער רעדע זיך ניט געלאָזט אויף די וועגן פון די אהרן הכוהנס, וואָס גייען נאָך די מאָמענט־גלוסטונגען פון המון, און אַז דאָס פאָלק שרייט: „מיר ווילן אַ גלאַנציקן גאָט!" שטעלט ער זיך בראש און טאַנצט פאַרויס פאַר דעם גלאַנציקן קאַלב וואָס איז מסתמא נאָכגעמאַכט דעם מיצרישן אָקס־גאָט. לייוויק לויפט ניט נאָך דעם פאַלשן גע־שריי פון פאָלק, ער גייט בעסער דעם איינזאַמען וועג פון אמתע נביאים. ער האָט דאָרטן געזאָגט מיט דעם הייליקן תנכישן פּאַטאָס, אַז די גלותדיקע בת טובים איז מער תנכיש ווי די בת שבע, אַז דער גלותדיקער לעקערט איז ניט ווייניקער תנכיש ווי דער פּאַסטוך וואָס האָט אַריינגעשאָסן אַ שטיינדל אין גליתן, און אין זעלביקן לייוויקישן גייסט זאָג איך ווייטער, אַז דער גלותדיקער טביה דער מילכיקער איז תנכישער פון איובן און ער שפּיגלט אָפּ אַ סך מער

די יידישע נשמה ווי יענער ספר אין תנ״ך, און לייוויקס ״באַלאַדע פון דענווער־סאַנאַטאָריע״ איז מער תנכיש ווי די מעשה מיט דעם נביא יונה.

און אַז איך לייען אָט די רעדע קומט מיר אין געדאַנק גאָר אַן אַלטע תלמודישע קריגערייַ צווישן דעם שעפערישן בבל־גלות און ארץ ישראל. אַ גמרא כאַראַקטעריזירט עס אויף אַזאַ אופן: ״קום און זע דעם אונטערשייד צווישן די תקיפים (גרויסהאַלטערס) פון ארץ ישראל און די פרומע (חסידים) פון בבל״ (מגילה כח׳ ב׳; תענית כג׳ ב׳). און אָט יענע תקיפים אין ארץ ישראל לאַכן גאָר אָפּ פון די בבלישע טיפּשים״. און אביי און רבא — צוויי גרויסע בבלאים קלאָגן זיך, אַז איינער אַ דאָרטיקער האַלט זיך גרעסער פון צוויי גלותדיקע און נאָך ערגער איז מיט אַ גלותדיקן וואָס קומט אַהין אויף אַ פּאָר יאָר. דאָ האָט ער ניט געוווסט מאי דקמרי רבנן און נאָך דעם אַז ער קומט צוריק, רופט ער אונדז ״בבלער טיפּשים״... און די פּאַרביטערטקייט איז דער־גאַנגען ביז צו זאָגן, אַז מען טאָר פון בבל ניט לאָזן זיך קיין ארץ ישראל, און דער גוטער רש״י דערקלערט אויפן אָרט, דאָס איז דערפֿאַר ווייל אין בבל פּאַרנעמט מען זיך מער מיט יידישקייט, האַלט מען מער פון יידישקייט. אַזוי ווייט דערגייט עס, אַז עמיצער גיט זיך אַ זאָג, ״כי מבבל תצא תורה ודבר ה׳ מנהר פקוד״. און די גרויסהאַלטערישע תקיפים פון ארץ ישראל זאָגן אַריין ניט ווייניק צוריק... און אָט זע איך לייוויקן דעם שטאָלצן זון פון פּינצטערן, מיאוסן גלות, וואָס פון דאָרטן שיינט אַרויס די וווּנדערלעכע שיינקייט פון דעם גלותדיקער יידישקייט, און זי האָט פון דער ליטעראַטור געמאַכט אַ הייליקן תנ״ך, פון דעם פּאָלקס מענטשלעכע געזעצן — אַ געטלעכע תורה, פון זיין אָרעם שטוב — אַ מקדש מעט, פון זיין טיש — אַ מזבח, פון זיין פּאַמיליע־לעבן — קדושין (הייליקייט) און פון זיינע ליבע־געזאַנגען — אַ קודש־קדשימ־דיקן שיר השירים. אָט שטייט ער לייוויק ווי איינער פון יענע גרויסע יידן פון דער גמרא אַרויס, ער — דער שטראַלנדיקער חסיד פון בבל און ער רעדט ברודערלעך און פעסט, שטאָלץ און פריינדלעך צו די ״תקיפים פון ארץ ישראל״ זיי זאָלן ניט גיין אין די פּאַלשע וועגן פון די פּאַלשע משיחים און וועלן אָנ־הייבן פון אַ נייעם בראשית. אויב אַ ייד איז דאָס דער המשך פון גלות־יידיש־קייט; אויב יידיש פּאָלק איז דאָס דער המשך פון דעם גלות־ייד, וואָס לייוויק הייסט די ישראל־יידן: ״פּאַלט כורעים און קושט יעדעס שטויבעלע, וואָס דער פוס פון דעם גלות־ייד האָט באַטראָטן אין זיין הייליקן גאַנג צום גאַזקאַמער״. אַזוי האָט גערעדט לייוויק — דער זון פון גלות. און איך פיל אין די רייד דעם אָפּהילך פון דעם תנכישן ״כה אמר ה׳ אלוהי ישראל״. אַזוי רעדט אַ דורותדיקער ייד, ניט פון די היינטיקע ״דיאַלאָג־פירערס״, וואָס האָבן זיך אָנ־געלערנט מיט יידישער אַרכעאָלאָגיע, עגיפּטאָלאָגיע, ישראלאָגיע און יידאָלאָגיע,

פון קיין לעבעדיקער יידישקייט ווייסן זיי ניט און ווילן ניט וויסן, ווייל פון זייערע גוייִשע אָדער פאַרגוייִשטע רביים האָבן זיי גאָר ניט געהערט פון אַזאַ.

## ביאַליק און לייוויק — צוויי וועגן

ביאַליק און לייוויק — צוויי אָנערקענטע נאַציאָנאַלע דיכטערס זיינען זיי. ביאַליקס ערשטע ליד איז געדרוקט מיט פיר און צוואַנציק יאָר פריער ווי לייוויקס. געשטאָרבן איז ביאַליק מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר פריער. אָבער צוויי פאַרשיידענע גורלות: ביאַליק אין דער פירטויזנט-יאָריקער שפּראַך און לייוויק אין דער איין-טויזנט-יאָריקער — אין יידיש, ביאַליק מיט אַ בית-ביאַליק, רחוב ביאַליק, מוסד-ביאַליק, אַ קאָנקאָרדאַנץ ביאַליק, מיט זיינע יאָרצייטן, לייוויק אָן דעם אַלעם. ביאַליק דער געלערנטער אין אַלע יידישע שולן, לייוויק דער ניט-געלערנטער, — און זיי זיינען פאַרבונדן. אָן לייוויקן ווערט ביאַליקס וואָרט אויך פאַרגעסן, ניט געקוקט אויף דער אָפיציעלער פאַרגעטערונג. לייוויק זאָגט צו די שטיינער פון כותל מערבי „דו ביסט צוויי טויזנט יאָר אַלט, — איך ניט ייִנגער". ער האָט אַ גאַנץ לעבן זיך געפילט פאַרבונדן מיט דער עקדה. אין זיין ערשטן ליד רעדט לייוויק וועגן דעם געפאַנגענעם, וואָס וואָגלט און זוכט אין ווילדן שניי און געפינט ניט דעם וועג „צו דעם לאַנד דעם פאַרבאָטענעם, צו די אוצרות וואָס וואַרטן טיף פאַרשאָטענע". ביאַליקס ערשטע ליד „אל הציפור" ווייס שוין דעם וועג דירעקט קיין ציון. און דאָך —

אין משך פון עטלעכע יאָר האָב איך אין ארץ ישראל זיך באַמיט צו הערן ביאַליקס אַ שורה, אַ וואָרט אין מויל פון אַ יוגנטלעכן, און דערהערט האָב איך עס דווקא אין גלות, אין איבערזעצונג אויף יידיש ווייל אָן לייוויקס וואָרט ווערט אויך ביאַליקס פאַרגעסן. לייוויק אַ גאַנץ לעבן מיט דער עקדה, ניט דווקא מיט דער ערשטער, מיט יצחקס נאָר מיט דער אייביקער עקדת יעקב און ביאַליק האָט זיין ערשטע ליד פאַרבונדן מיט יעקבס חלום. ביאַליק האָט זיך געהאָדעוועט אין די „אוהלי תורה" אויף די „פּאַליאַנטן פון תלמוד / איר בלעטער איר אַלטע", דאָרטן חברט ער זיך „אין פינצטערן ווינקל מיט דעם שטענדער, דעם ליכטל און מיט דער ברייטער גמרא", „די וועלט און אַלצדינג איז נאָר דאָ אין ישיבה, און עס לויכטן אין ווינקל טויזנטער זונען" און אַז ער זוכט די אייביקייט פון פאָלק, שיקט ער דעם „ברודער דעם געפייניקטן, אין בית המדרש קום, אין אַלטן און פאַרעלטערטן"... דאָ אַנטפּלעקט זיך דער דיכטער פאַר זיין פאָלק „על סף בית המדרש" ביי דעם „ספרים-אַלמער". דאָס פאָלק אָבער אַליין איז פאַר אים „גראָז איז דאָס פאָלק, אויסגעטריקנט אָן

זאָפט״, און אַז עס דערגייט צו אים די קלאָג פון פאָלק, איז ״קיינער גלייבט איר מער ניט, ניט גאָט, ניט איך, ניט איר אַליין״, און גאָט זאָגט אים ״בייג איין דעם קאָפּ און ווער פאַרשטומט״. און ווי נאָר עס איז געקומען דער ערש־טער בלוטיקער אַנזאָג, קישינעווער פּאָגראָם, האָט דער פּאָעט באַלד מורד גע־ווען אין זיין פאָלק און אין זיין גאָט. פון פאָלק זעט ער נאָר ״אַ מאַרק פון לע־בעדיקע ברוכוואַרג, נידערגעשלאָגענע האַלב־טויטע מענטשן־ווערעם״ און ער הערט אין זיך די שטים: ״אַנטלויף דו מענטש, אויף אייביק אין וויסטן מדבר לויף...״ דער דיכטער געזעגנט זיך אויך מיט דעם גאָט פון פאָלק ״אויב גאָט איז פאַראַן אין אייערע טיפן (אין הימל) נאָר איך האָב אומזיסט אים גערופן״, ״ווייל זיין האַרץ איז שוין טויט און פאַרשטומט איז זיין תפילה״...

די גמרא דערציילט: אַז ישעיהו הנביא איז באַשטראָפט געוואָרן ווייל ער האָט באַליידיקט דאָס יידישע פאָלק. מוסרן יאָ, שטראָפן יאָ, לערנען — זיכער, אָבער ניט באַליידיקן! ביאַליק איז גאָר שטאַרק באַשטראָפט געוואָרן: אַ דריטל פון זיין שעפערישן לעבן האָט ער געלעבט אַ פאַרגעטערטער אין לאַנד פון זיין אייביקן חלום, וועז דער חלום האָט זיך געהאַלטן אין שמידן צו ווערן די וואָר. אָבער ביאַליקס שכינה האָט זיך דווקא דאָרטן אָפּגעטאָן פון אים, און ער האָט ניט געגעבן דעם משיחן וואָס קומט, ניט געגעבן קיין ברכה, קיין איין וואָרט ניט געזאָגט.

לייוויקן איז באַשערט געווען אַן אַנדער גורל. אויך אַ קינד פון ״פינצ־טערן גלות און ביטערן דלות״, האָט זיך צו אים באַוויזן די שכינה פון פאָלק ניט דורך די ״פּאַליאַנטן פון תלמוד״, די בלעטער די אַלטע״, נאָר דורך די לע־בעדיקע מענטשן פון לעבעדיקן פאָלק, איז ער אַוועק צו די ״געשמיסענע לייַ־בער / וואָס בלוט איז געראַנען פון זיי״, איז ער אין קייטן געשמידט אַוועק צו זוכן און שמידן די געצייג פון משיחן. צוזאַמען מיט דעם מהר״ם פון ראָטענ־בערג זיצט ער פאַרשפאַרט און ער זעט דאָך די שטילע צעבלוטיקטע שיינקייט פון דעם פאָלק, וואָס זי שיינט אַרויס פון פינצטערן און מיאוסן גלות. צוזאַמען מיטן מהר״ל פון פּראָג באַמיט ער זיך צו גרייטן פון פאָלקישן גולם דעם משיח. אָט דער גולם־פאָלק וואָס ווייסט ניט און פאַרשטייט ניט זיין משיח־ראָלע, וואָס ווייס נאָר, אַז ער איז באַשאַפן ״צו טראָגן וואַסער און צו האַקן האָלץ״, האָט ער אין אָט דעם גולם געוואָלט אויך זען די ״גרויסע ווונדער פאַרבאָרגן און באַ־האַלטן״, ״אַ שליח פון פאָלק, אַ גרויסער גיבור״ — אַ וועלט־אויסלייזער. ער אַנטוישט זיך ניט ווען דער גולם־פאָלק הייבט אויף זיין האַק קעגן דעם געט־לעכן פאַרשטייער פון פאָלק גופא, קעגן דעם מהר״ל, ער ווידערשפעניקט ניט אין גאָט, ער זידלט ניט דאָס פאָלק. ער בלייבט אַ גאַנץ לעבן האָפן און גלייבן אין דעם משיחן, וואָס ״הגם ער זאַמט זיך אַזוי, בכל זאת גלייבט ער, אַז ער

וועט קומען און ער וואָרט אויף אים אַלע טאָג". צוזאַמען מיט דעם רמב"ם און צוזאַמען מיט דעם געפּייניקטן פֿאָלק אין סאַמע גיהנום פֿון געפּוצטן אַש־מדאַי מיט זיינע געבילדעטע שדים, שרייט ער פֿאָרט „גוואַלד, יידן, זייט אייך ניט מייאש"! האָפּט ער, אַז עס וועט קומען די צייט ווען עס וועט מקוים ווערן דער „לתקן עולם במלכות שדי" און ער האָט געגלויבט אין דער הייליקייט פֿון אַ פּראָסטן נתן ניומאַן, וואָס גייט אויס פֿאַמעלעך „אויף אַ פּראָסטן בעטל / ביי אַ פּראָסטער וואַנט" אין דענווער סאַנאַטאָריע, און ער האָט געהאָפֿט, אַז עס וועט נאָך קומען דער אמתער משיח וואָס וועט מאַכן, „יעדנס לעבן הייליק זאָל זיין / ביי דעם צווייטן מענטשן". דאָ האָט לייוויק גערעדט אין איינקלאַנג מיט דעם תּלמוד, וואָס זאָגט, אַז יעדערער וואָס האַלט אויף דאָס לעבן פֿון אַ מענטשן איז גלייך ווי ער וואָלט אויפֿגעהאַלטן דאָס לעבן פֿון דער גאַנצער וועלט. האָט לייוויק ניט געזען אין פֿאָלק קיין „האַלב־טויטע מענטשן־ווערעם" און גאָט האָט אים ניט געהייסן אַנטלויפֿן פֿון פֿאָלק אין מדבר אַריין. נאָר אַז ער האָט געזען די געשמיסענע לייבער — וואָס בלוט איז גערונען פֿון זיי „האָט ער נאָך דעם אַ גאַנץ לעבן ניט געקאָנט מוחל זיין זיך", וואָס ער האָט „ווען ער איז געוואָרן אַ שרייבער, געשריבן לידער פֿון שניי" און נאָך פֿאַרן חורבן, אין פֿאַרגעפּיל פֿון גרעסטן אומגליק האָט ער ניט געטראַכט צו אַנטלויפֿן אין מדבר, נאָר ער האָט געזאָגט: „מיין פֿאָלק קומט אום — בין איך מיט אים צוזאַמען " און נאָך טרעבלינקע האָט ער זיך ניט געקאָנט מוחל זיין וואָס „אין טרעבלינקע איז ער ניט געווען", ער וויל זיין וואָרט באַהעפֿטן צום פֿלאַם ווו עס ברענען „קרבנס גלידער", ער פֿילט זיך שולדיק און ער זאָגט: „פֿון דעם וואָס מיט אונדזער פֿאָלק איז געשען / ביסטו — זאָל זיין ניט מוטוויליק — אַנטלאָפֿן", און ווייטער: „ווילסט אַ נס? נבואה? שותּף מיט גאָט? / אויף וועמעס חשבון ווילסטו דאָס היינט דערגרייכן? דיר קומט נאָך וויניקער הת־גלות ווי עס האָט / דער קרבן אין תּלינס תּליה־הייכן". ער קוקט אויף זיך ווי אויף אַ „טרעבלינקע־קאַנדידאַט", ווי עס דאַרף אויף זיך קוקן יעדער ייד אין יעדן לאַנד. ער קוקט ניט אויף זיך ווי אויף אַן אויסדערוויילטן פֿון צווישן אַלע יידן, „וואָס איז צום פֿאָלק פֿון גאָט געשיקט", ניין, ער שטייט צוזאַמען מיט אַלע יידן און ער וואָרט צוגלייך מיט אַלע יידן „גרויסע וועלט, אויף דיין קאַמאַנדע: יידן־קאַפּ! אין גאַז־אויוון אַריין!" ניט ער איז דער אויסדערוויילטער, נאָר, פֿאַרקערט, פֿילט ער זיך גאָר שולדיק. „איך בין שולדיק קעגן אַלע אומגעקומענע ווי שטרייטער / און נאָך מער — קעגן אַלע אויסגעקוילעטע ווי לע־מער". ער איז ניט צעקריגט ניט מיט זיין פֿאָלק און ניט מיט זיין גאָט. ער רופֿט דעם יידישן גאָט „גאָט מיין גאָט! קום צו / און געפֿין אויך דו / רו צווישן יידן". ער פֿאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך פֿון דעם וואָס „וואַגנערס, פּיכטעס

הונען / ניטשעס איבערהינט / דרייען זיך אין ווינט / אין ישראלס זונען״. איטלעך פֿאָלק מיט זיין גאָט, איטלעכער גאָט ווי זיין פֿאָלק. ער איז אַלע מאָל געבליבן געטריי צו גאָט און צום פֿאָלק. ער שווערט: ״טאַטע, יאָ! איך פֿאָלג / איך וועל אייביק זיין מיטן פֿאָלק״. ר׳ עקיבא זאָגט, אַז ניט דאָס יידישע פֿאָלק האָט געגאָסן אין זכות פון משה, נאָר פֿאַרקערט — אין זכות פון ישראל רעדט גאָט צו משהן. דאָס איז די גרויסקייט פון אַ פֿאָלק לגבי דעם יחיד.

דער דיכטער פילט זיך ניט ווי אַ שליח פון אַ הימלשן גאָט, נאָר ווי אַ שליח פון פֿאָלקישן יידישן גאָט, וואָס איז מיטן פֿאָלק צוזאַמען. ער אַליין פילט זיך שולדיק וואָס ער איז ניט געווען אין טרעבלינקע, אָבער דער פֿאָלקישער גאָט איז דאָרטן זיכער געווען. ער פילט דעם חורבן, די עקדה פון זיין פֿאָלק געכפלט אויף זעקס מיליאָן. ער ווייסט, אַז ווו יידן זיינען, אין אַלע גלותן, איז מיט זיי אויך זייער גאָט, די שכינה, דער דיכטער חברט זיך תמיד מיט דעם אייביקן איובן, ער גייט גלייך מיט אַלע יצחקס צו דער עקדה, אייביק, אַלע מאָל, אין אַלע דורות, און ער גייט אַזוי צוזאַמען מיט דעם יידישן פֿאָלק און מיט דעם יידישן גאָט ״שוין דריי־טויזנט יאָר אין מדבר״. און ער דערשרעקט זיך ניט וואָס די געטער־שווייגען און די געטע־שווייגען האָבן פון זיין גאולה־חלום געמאַכט אַ גאולה־קאָמעדיע. דורך אַלע עקדות און דורך אַלע קרעמאַטאָריעס זעט ער ״די האַנט פון משה, וואָס ווייזט אים ער זאָל ניט קוקן אויף אים, נאָר אַהין / צום כנען־לאַנד, וואָס מען זעט גוט פון דערווייטן / דורך די אָפענע פיר זייטן / פון דעם מדבר״.

דאָס זיינען די שטריכן פון דעם נאַציאָנאַלן יידישן דיכטער. כ׳דערמאָן זיך קלאָר: אין פינף און צוואַנציקסטן יאָר איז לייוויק דורכגעפאָרן ווילנע, ער האָט געהאַט אַ גרויסן קבלת־פנים, מען האָט ניט געדאַרפט פֿאַרקויפן קיין בילעטן כדי אָנצופילן דעם זאַל פון יידישן טעאַטער. אויף מאָרגן האָט מיר געזאָגט אין אַ פריוואַטן שמועס דער ווילנער משה קולבאַק, דער אָנערקענטער גייסטיקער טאַטע פון דער גאַנצער פלעיאַדע ״יונג־ווילנע״־דיכטערס, האָט מיר קולבאַק, דער קדוש קולבאַק, וואָס איז טאַקע געשטאָרבן אַ קרבן על קידוש השם פון יידישן וואָרט, — זאָגט ער מיר: ״איר ווייסט ווי איך בין מקפיד אויף מיין כבוד ווי אַ דיכטער, אָבער לייוויקן טרעט איך אָפּ גערן און מיט דעם גרעסטן כבוד די בכורה פון יידישער דיכטונג״.

טראַכט איך איצט: ווי איז אונדז וואָס עס וואַקסן דורות יידן אָן דער השפעה פון לייוויקן, וואָס מען האָדעוועט אפילו ״גייסטיקע פירערס״ וואָס ווייסן ניט און קענען ניט די דיכטונג פון לייוויקן.

# סיום סך הכל

יעדע אידעע דאַרף קאָנען אויסגעדריקט ווערן אין אַ קורצער פאָרמול. וואָס קלאָרער דער געדאַנק, אַלץ קירצער קאָן זיין די פאָרמול. וועל איך פּרובירן פאַר־מולירן אויך די אַלע געדאַנקען פון דעם גאַנצן בוך אין עטלעכע קורצע פונקטן:

1. — יידישקייט באַשטייט פון אַ סכום פיזישע און גייסטיקע אייגנשאַפטן אין גוף און אין גייסט. די אייגנשאַפטן האָבן זיך אויסגעאַרבעט און אַנטוויקלט אין משך פון אונדזער לאַנגער געשיכטע דורך דעם לעבן פאַר זיך, אָפּגעזונדערט אַן אייגן פאַרזיכיק לעבן און שטייגער. די פאָלקיש־יידישע אייגנשאַפטן האָבן פון זיך געבאָרן און אַנטוויקלט אַ סך אייגענע באַגריפן, איינשטעלונגען, געדאַנקען, אידעען און אַ ספּעציפיש־יידישן וועלט־באַנעם. דאָס ספּעציפיש יידישע אין שטייגער, אין פירונג, אין די אידעען ווערט פון צייט צו צייט פאַרהייליקט ווי רע־ליגיע. אָבער יידישקייט איז אַלע מאָל ברייטער ווי דאָס פאָרמולירטע אין רעליגיע אָדער שפּראַך. יידישקייט איז אַלע מאָל אין פּראָצעס פון וואַקסן, און זי קאָן ניט אידענטיפיצירט ווערן מיט קיין שום סטאַטישע, אויסגעפורעמטע אינהאַלטן.

2. — יידישקייט האָט זיך אַנטוויקלט און געוואַקסן כל זמן יידן האָבן גע־לעבט אין באַזונדערע, פאַרזיכיקע קאָלעקטיוון מיט אַן אייגענעם שטייגער און קולטור מיט אָדער אָן באַזונדערע יידישע פּאָליטישע מדינות. דער עיקר — עס דאַרפן זיין יידישע קאָלעקטיוון און יעדער יחיד דאַרף אויך זיין איינגעגלידערט אין דעם יידישן ציבור. געווען אויך גלותן פּרוטטיקערע ווי אַ פאַרזיכיקע מלוכה.

3. — אַלע מאָל ווען עס האָבן אויפגעהערט פאַרזיכיקע יידישע קאָלעק־טיוון, ווען יעדער יידישער יחיד האָט געקאָנט געהערן דירעקט צו דעם סאָציאַלן קאָלעקטיוו פון הערשנדיקן פאָלק, אַלע מאָל איז אין אַזאַ פאַל יידישקייט אונטער־געגאַנגען.

דער אונטערגאַנג פון יידישקייט איז תמיד אַ דויערנדיקער פּראָצעס. עס קאָנען בלייבן סעקטעס פאַר רעליגיעזן גאָטדינען. אָבער די דאָזיקע סעקטעס זיינען שוין מער ניט קיין פאָלק.

4. — יידישע רעליגיע ווי עס באַנעמען זי הייַנטיקע אָרטאָדאָקסן שטימט לגמרי ניט מיט איר היסטאָרישן אינהאַלט. יידישע רעליגיע פאַרנעמט זיך ניט מיט גאָט ווי אַזאַ און זי באַשטייט ניט פון די פליכטן פון דעם יידישן מענטשן צו גאָט. יידישע רעליגיע פאַרנעמט זיך מיטן יידישן פאָלק, מיט די באַדערפענישן פון יידישן פאָלק, מיט די פליכטן פון יעדן יחיד צו זיין פאָלק. זי זוכט צו דער־הייבן דאָס פאָלק ביז צו געטלעכקייט אין זיין לעבן און אויפפיר; ניט גאָט ווי עפעס אַ פאַרזיכיקע סובסטאַנץ, נאָר געטלעכקייט ווי די העכסטע מדרגה פון מענ־טשישקייט. דינען גאָט מיינט דינען דעם פאָלק און זיינע ספּעציפישע באַדאַרפן; די יידישע רעליגיע זאָרגט פאַרן קיום פון פאָלק און פאַר זיין אייגנאַרטיקייט. די יידישע רעליגיע באַשטייט ניט פון גאָטס פאַרלאַנגען, נייערט פון פאָלקס באַ־דאַרפן. דער יידישער גאָט פאַרלאַנגט דאָס וואָס דאָס פאָלק דאַרף אין יעדער צייט.

5. — אין דעם זינען קאָנען וועלטלעכע יידן באַנעמען די באַגריפן פון „עולם הבא" ווי די געטלעכע קומענדיקע וועלט פאַר דער מענטשהייט און פאַרן פאָלק. אַזוי ווי אין דער צייט פון בית שני איז ניט געווען קיין שום מאַכט וואָס זאָל זאָרגן פאַרן קיום פון פאָלק (אפילו ניט פון די חשמונאים), האָט דער טיפער גלויבן אַריבערגעטראָגן די אחריות אויף יעדן יידן באַזונדער. דאָס איז דער זינען פון השגחה פרטית און שכר ועונש. די אמונה איז אויפגעקומען פריער, פאַרן גלות און איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אויפצוהאַלטן דעם קיום האומה דורכן גלות.

6. — די קריסטלעכע רעליגיע האָט פון יידישקייט גענומען בלויז די פּער־זאָנען (אָדער נעמען פון פּערזאָנען), די גאַנצע באַגלייט־געשיכטע איז אָבער אין גייסט און אין גוסט פון זייער פריערדיקער געצנדינסט. דערפאַר זיינען ניטאָ און עס קאָנען ניט זיין קיין יידיש־קריסטלעכע באַגריפן. די געבאָטן פון דער יידישער רעליגיע קאָנען ניט זיין קיין פיקסירטע אויף שטענדיק. גאָט איז אייביק און זיינע פאָדערונגען קאָנען זיין אייביק די זעלביקע. פאָלק אָבער ענדערט זיך, עס בייטן זיך די סיטואַציעס פון זיין לעבן און זיינע באַדאַרפן.

דערפאַר איז אַלע מאָל געווען אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו פיקסירן יידישקייט. דערפאַר האָבן חז"ל אַלע מאָל געהאַלטן מער פון שטייגער־יידישקייט (שבעל פה). די שטייגער־יידישקייט איז אַלע מאָל דער סוד און יסוד פון יידישן קיום.

7. — די געשיכטע פון יידישן פאָלק איז אַלע מאָל אַ געשיכטע פון באַזונ־דערע יידישע שבטים. יעדער שבט מאַכט דורך אַ פולן ציקל — אויפקום, דער־וואַקסנקייט און אומקום. תקופות און שבטים. דער אויפקום איז אַלע מאָל פאַר־בונדן מיט אַן אייגענעם, פאַרזיכיקן שטייגער, וואָס איז בעל פה, ניט פאָרמולירט בכתב. דערוואַקסענערהייט נעמט דער שבט איבער די קולטור שבכתב פון פרי־

ערדיקן שבט, ער פאַרבינדט מיט איר אויך זיין קולטור. דער אומקום פון א שבט איז פאַרבונדן מיט גוואַלט.

אויב דער שבט האָט ניט באַהעפט זיין אייגענע שטייגער־קולטור, זיין בעל פה מיט דער קולטור שבכתב פון דעם פריערדיקן שבט, גייט דער שבט אונטער אָן פיזישער גוואַלט דורך אַסימילאַציע. דאָס אַריינוועבן די תורה (אָדער קולטור) שבכתב פון דער פריערדיקער תקופה דאָס איז דער פּראָצעס פון תלמוד תורה. ער פאַרוואַנדלט די קולטור און שטייגער פון לעבעדיקן שבט אין גײַסטלעכער הלכה. זי פאַרהיט פון אַסימילאַציע און אַזוי אויך פאַרבינדט זי פאַרשיידענע שבטים אין פאַרשיידענע לענדער אין איין פאָלק. אויב איין שטייגער איז אויך איין פאָלק.

8. — דורות און תורות. יעדע תקופה לאָזט איר קולטור בכתב. האָט דער ערשטער בית מיט גלות בבל געלאָזן דעם תנ"ך; די תנאים — די משנה; די אמוראים — די גמרא. האָט שפּעטער ספרד געלאָזן אַ סך פילאָסאָפיע און פּאָעזיע. האָט עס אָבער ניט אָפּגעהאַלטן דעם שפּעטערדיקן אונטערגאַנג פון ספרדישער יידישקייט אין דער וועלט: זי איז געווען פון די גדולים, אָבער אין גאַנצן אָן דער הלכה, אָן דעם פאַרזיכיקן יידישן שטייגער פון ברייטן יידישן פאָלקישן מאַסיוו.

האָט אַשכנז גאַרניט פאַרנומען זיך מיט די געהויבענע געביטן פון קונסטן און פילאָסאָפיע און זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיט דער הלכה — מיט דעם פאַר־זיכיקן שטייגער פון פאָלק און דאָס האָט יאָ איינגעהיט דעם קיום אויך פאַר דער גרויסער ספרדישער קולטור.

איז דאָס היינט די טראַגעדיע פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור, וואָס האָט געשאַפן אַ רייכע ליטעראַטור פון דער פאַרזיכיקער שטייגער־קולטור אין שטעטל. זי האָט אָבער לגמרי ניט געזאָרגט פאַר אַן איינהייטלעכן שטייגער. איז די גאַנצע ליטעראַטור נאָר אַ מין „אגדה" אָבער ניט קיין „הלכה", ניט קיין פאַרזי־כיקער שטייגער. אָן דעם איינהייטלעכן שטייגער איז דער קיום פון פאָלק אין סכנה.

9. — „די תורה איז ווי וואַסער, די משנה — ווי ווײַן, און די גמרא — ווי געצוקערטער ווײַן" אַזוי זאָגט אַ גמרא. פאַרנעמען זיך מיט תנ"ך — ניט קיין אויפטו, מיט משנה —בעסער; מיט גמרא — ניטאָ קיין בעסערס. היינט וואָלט מען געדאַרפט זאָגן:

דער תנ"ך איז בכלל צו ווייט פון אונדז אין צייט און אין גייסט. דאָס לער־נען תנ"ך קאָן לגמרי ניט העלפן דעם קיום פון יידישקייט, פון יידישן פאָלק. די תלמודישע און נאָך־תלמודישע ליטעראַטור איז פאַר אונדז היינט וואָס דער תנ"ך איז געווען פאַר די חז"ל בשעתם. אונדזער היינטיקער תלמוד תורה וואָלט גע־

דאַרפט זיין איבערהויפט דער „תלמוד השטעטל". און ניט נאָר די ליטעראַטור — די אגדה, נאָר פורעמען הלכות פון שטעטלשער קולטור פאַר דער אורבאַנישער.

10. — קיינע פון די היינטיקע ריכטונגען טוט עס ניט: די רעפאָרמער און קאָנסערוואַטיווע באַמיען זיך פון דער גאַנצער יידישקייט צו מאַכן בלויז אַ גאָט־דינסט, אַ סעקטע פון דעם הויפּטפאָלק און ניט מער. די אָרטאָדאָקסן גייען אויף דעם וועג פון אַמאָליקע צדוקים און ווילן היטן נאָר די יידישקייט שבכתב. די גאַנצע יידישקייט שבעל פה, די שטייגער יידישקייט און אַלץ וואָס זי האָט אַנט־וויקלט — דאָס ווילן זיי ניט אָנערקענען. די וועלטלעכע ווידער האָבן געשאַפן אַ רייכע ליטעראַטור, אָבער דאָס איז נאָר די „אגדה" פון שטעטל, אָן דער הלכה פון שטעטל האָט אויך די אגדה ניט וואָס זיך צו האַלטן. דאָס זיינען די אינעוויייניקסטע פּראָצעסן אין פאָלק. אָן דער שטעטלשער הלכה דראָט דעם יידנטום אין דער וועלט: דעקולטוריזאַציע, אַ פאַרווילדונג אויב אַפילו מיט ציוויליזאַציע, פיזישע דעגענעראַציע, פאַרלוסט פון פאָלקישן באַוווסטזיין, פאַרמינערונג פון די צאָלן יידן. עס איז אַ געזעץ אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע: פיזישע פאַרמערונג איז פאַראַן נאָר דאָרטן ווו עס איז פאַראַן יידישע קולטור. די פּראָפּעסיאָנעלע איינ־גלידערונג פון יידן אין לאַנד־לעבן רייסט אָפּ די יוגנט פון דער דורותדיקער יידישקייט. צו די אינעוויייניקסטע סכנות קומען דרויסנדיקע.

11. — וווקס פון אַנטיסעמיטיזם אין דער גאָרער וועלט; זיין צופּאַסונג צו אַלערליי אידעאָלאָגיעס אין דער וועלט; זיין אידעאַל — ענדגילטיקע אויסראָטונג פון יידן אָן קיין שום פּייגנבלעטער. דער כוח פון אַנטיסעמיטיזם איז פאַרקערט פּראָ־פּאָרציאָנעל צו דער שטאַרקייט פון פאָלקישן באַוווסטזיין ביי יידן. דאָס פאַר־שטאַרקט די סכנה.

12. — דאָ קומט די ראָל פון דעם נייעם פאַקטאָר אין לעבן פון יידישן פאָלק — די ראָל פון דער מדינה. די אַנדערשקייט פון מדינה־ישוב לגבי אַלע אַנדערע ישובים: דער קולטור־מאַגיזם, דער מאַגיזם האָט זיך אַלע מאָל אַרויסגע־וויזן ווי דער פּרוכטיקסטער צושטאַנד. די צווייטע מעלה — פאַרזיכערטע מאַניסטיש; ניטאָ די גייסטיקע קולטורעלע סובאָרדינירטקייט צו אַ פרעמדער קולטור. דאָס מוז דערהייבן די זיך־אַכטונג, דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. עס קומען אויף דורות יידן ניט לויט לענדער, ניט אַמעריקאַנער, רוסישע, טערקישע, מעקסיקאַנער יידן, נאָר יידישע יידן. אָט די מאַניסטיש־יידישע יידישקייט נעמט אַרום די גאַנצע מענטש־לעכע קולטור, די גאַנצע אַלזייטיקע וויסנשאַפט, טעכניק, ציוויליזאַציע. אַלע געביטן פון לעבן האָבן איין צענטער — דאָס יידישע פאָלק. אַלזייטיקע, אַלמענטש־לעכע, פאַרזיכיק־יידישע קולטור און ציוויליזאַציע — אַזאַ ברייטן, אַרומנעמיקן מאַניזם אין לעבן פון אַ יידישן ישוב האָבן מיר ניט געהאַט אין משך פון טויזנטער

יאָרן שוין. דער מאַניזם מוז אַנטוויקלען אַ פּסיכיק וואָס איז אויך מאַניסטיש אַנדערש, ניי ניט ווי מיר זיינען עס געוווינט אין אַלע גלות־לענדער.

13. — דער גוואַלדיקער חסרון פון דער פאַרזיכיכקער מדינה איז וואָס זי ווערט ניט געבויט ווי אַן אָרגאַנישער המשך פון דער יידישקייט וואָס האָט זי געבויט און וואָס בויט זי, נאָר ווי אַ קעגנזאַץ צו איר. אין דעם קעגנשטעלן זיך דער אייגענער מאַמען שטעקט אַ סכנה וואָס קאָן אַנולירן אַלע מעלות פון דעם אויפבוי.

צום גליק זיינען פאַראַן סימנים, וואָס ווייזן אַז אָט די זיך־נעגאַציע איז נאָר אַ סטאַדיע, אַן איבערגאַנג, וואָס דער מדינה־ישוב האָט געמוזט דורכמאַכן און זי איז ניט קיין בלייבנדיקע אייגנשאַפט. ערשט די מדינה וועט אַנטוויקלען דעם תלמוד השטעטל און וועט ווערן דער אָרגאַנישער המשך פון יידישקייט דורך תקופות.

די מדינה וועט אין דער ריכטונג ווירקן אויך אויף די יידישע ישובים אין דער וועלט. אני מאמין!

פֿאַרענדיקט דעם דרוק אין חודש מאַי 1971
אין דער דרוקעריי אַבעקספּרעס,
ר׳ שאַטאָ ד׳אָ 72, פּאַריז 10.